כשמדובר בידיניץ, איך לא נזכיר את ליובה גוקובסקי, את החלוץ רב־הפעלים, ששום דבר לא יקשה עליו ושלא הקל ראשו בשום עבודה, אם מדובר היה בשירות למולדת והקיבוץ, בהצלת יהודים וכו׳, והרי למען מטרה זאת הקדיש את חייו. ליובה — הפועל במחצבה, ליובה הרועה, ליובה המזכיר, ליובה הצנחן הצינח באדמת האויב הנאצי בעצם מלחמת העולם השניה, ליובה עם המעפילים בקפריסין, ליובה המתכונן לנסוע בשליחות התנועה לאמריקה... והנה אירע האסון הגדול. חיים פוריים אלה נפסקו באמצע. מובן, שאין למצות ברשימה קצרה את תוכן חייו העשירים של ליובה. שמץ מהם — הלא הם כתובים בספרו „אל אשר נקראתי".

והנה נסתלק מאתנו חברנו הדגול, שמשון ברונשטיין. אזכור את היום המר והנמהר, ראשית מאי 1931, כשהסיגור־נצה, הידועה לשמצה, אסרה אותו והאשימו בקומוניזם, ר"ל, ועינוהו עינויי אינקוויזיציה. הוא עמד בגבורה על־אנושית בעינויים. בענין זה טיפלו כל עתוני העולם וגם הפרלמנט הבריטי, לאחר שהוכנסה שאילתה בנידון. ומי היה מכניס השאילתה? בין השאר גם אידן, השמרן, מי שהיה אחר־כך שר־החוץ וראש ממשלת בריטניה.

פרשה זו תירשם כדף מזהיר בהיסטוריה היהודית והציונית.

לא אמשיך בהזכרת אישים, כי קצרה היריעה.

והרי לא רק העסקנים ראויים להיזכר — אלא כל יהודי העיירה, ביחוד פשוטי העם התמימים, אנשי „עמך" תאבי־החיים, ובעלי תבונת הכפיים, שבזיעת־אפיים הביאו פרנסה למשפחותיהם וידעו להתגבר על כל מיני פורעניות וצרות.

איכם, יהודי ידיניץ? איכה שכולנו? היש מכאוב כמכאובנו? היש ביטוי לעלבון הצורב, ליתמות ושכול של עם שלם?

א ר י ה ־ ל י י ב ב א ַ ר ד הלך לעולמו, בגיל 70, בכ"ט בסיוון תשל"ב (11.6.1972) במשק יגור, בו היה חבר מאז עלייתו, בשנת 1935. (ראה מדור „אישים ודמויות").

ידיניץ בספרי־הזכרון

בשנתיים האחרונות הופיעו בארץ שני ספרי־זכרון גדו־לים: „פנקס־הקהילות — רומניה" (הוצאת „יד ושם", ירו־שלים, תש"ל) ו„יהדות ביסאַראַביה" (בסידרה „אנציקלופד־יות של גלויות", ירושלים, תשל"א, בהוצאת „איגוד יוצאי ביסאַראַביה"). בשני הספרים אמנם נזכרת ידיניץ, ברם בצמ־צום מדהים.

בספר „רומניה" מאויית שם העיירה: אֶ ד י נ ץ. כך קר־או המחברים את השם EDINȚI ואיש לא העיר להם על הטעות. בספר זה לא מוזכרים מאורעות מרכזיים בתולדות יהודי־העיירה כגון: הפוגרום מ־1917, הרוגי ז' של פסח תרע"ח, אף לא פרשת שמשון ברונשטיין, (לעומת זאת מוזכרת שליחותו המוצנחת של ליובה גוקובסקי).

בספר „יהדות ביסאַראַביה" מוזכרת ידיניץ יותר, ברם לא על ראשיתה של העיירה. מוזכרות הרדיפות שבימי הצאַר על היהודים היושבים בקרבת הגבול. גם כאן אין מזכירים את הפוגרום, הרוגי ז' של פסח וכו'. פרשת שמשון ברונשטיין אמנם מוזכרת, אבל בלי להזכיר את שמו. לעומת זאת מוסקרת הסתתו האנטי־יהודית של מנהל הסמינריה, הכומר ג'ורג'סקו בשנות ה־20.

בשני הספרים מוזכרת ידיניץ בקשר לגירוש לטראַנס־ניסטריה. בשום ספר מהנ"ל לא מצאנו שמות של אנשי־רוח ואנשי־מעשה מבני־המקום. לעומת זאת מזכיר י. ויניצקי רבים מבני־ידיניץ בסקירתו על „החזנות בביסאַראַביה".

מערכות שני הספרים מבטיחות חלקים נוספים לספריהם. נקווה שבהם יתוקן המעוות.

727 YED

YEDINTSY (Rum. **Edineți**), town in N. Moldavian S.S.R. in the region of Bessarabia. Yedintsy developed in the first half of the 19th century from a village into an urban settlement as a result of the settlement of Jews who were then coming to Bessarabia. In 1897 the Jews numbered 7,379 (72% of the total population) and in 1930 5,341 (90.4%). The writer Judah *Steinberg lived there at the end of the 19th century. The institutions of the community included a hospital which was established in 1930 and a *Tarbut school. [EL.F.]

Holocaust Period. The town was occupied by Germans and Rumanians on July 5, 1941. Within two days 500 to 1,000 Jews were murdered. Women and young girls were raped and some of them committed suicide. The victims were buried in three large ditches and the Jewish gravediggers who had interred the bodies were in turn murdered and buried on the spot. Rumanian gendarmes and troops were assisted in the massacre of the Jews by many of the peasants living in the area. In the middle of August a concentration camp was set up at Yedintsy, where all surviving Jews and those from different places in the north of Bessarabia, particularly from *Bukovina, were interned. In September there were about 12,000 Jews in the camp. Many of the inmates succumbed to disease, cold weather, hunger, and thirst; 70 to 100 persons died every day. On Sept. 16, 1941 all the inmates of the camp were deported to *Transnistria and only a few managed to survive. The few dozen families still alive at the end of the war settled either in Chernovtsy or in Israel. Only a handful chose to return to Yedintsy. In the late 1960s the Jewish population was estimated at about 200. There was no synagogue although the Jewish cemetery was still extant. [J.AN.]

Bibliography: T. … *itn* (1947), index: Eisenb… M. Carp, *Cartea neagră*, …

ENCYCLOPÆDIA JUDAICA
JERUSALEM, 1972

YEDIOTH AHRONOTH (Yedi'ot Aharonot; Heb. ידיעות …), Hebrew daily afternoon newspaper published in

ידיניין ב„אנציקלופדיה יודאיקא" משנת 1972

הטעות היסודית של מחבר החלק ההיסטורי של הערך „ידיניץ", שהוא אינו מוסר, כי מספר היהודים וחלקם, באחוזים, באוכלוסיה הכללית, במיפקד משנת 1897, מתייחס לעיירה כולה — „העיר" ו„הכפר"; בעוד שמספר היהודים (וחלקם באוכלוסיה) במיפקד משנת 1930 מתיחס לחלק היהודי של העיירה בלבד, שנקרא „העיר" (ראה מאמרו של י. מגן „גילה של העיירה"). גם שאר הפרטים על העיירה הנם מקריים ודלים ביותר.

בחלק „השואה" לא נמסר על גירוש יהודי העיירה, כחודש לפני שהרומנים הקימו כאן מחנה־ריכוז ליהודים מגורשים ממקומות אחרים.

יעדינעץ אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ", 1972

דער עיקר־טעות פון היסטאָרישן טייל פון אַרטיקל „יעדינעץ" באַשטייט אין דעם, וואָס ס'ווערט נישט איבערגעגעבן, אַז די צאָל יִידן און זייער פּראָפּאָרץ לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער ציילונג פון 1897, באַציען זיך צו דער באַפעלקערונג פוןביידע טיילן יעדינעץ — די „שטאָט" און דאָס „דאָרף"; בעת די צאָלן און פּראָצענטער לגבי דער ציילונג פון 1930 באַציען זיך בלויז צום יִידישן טייל פון שטעטל, גערופן „טירג" (שטאָט). (זע אַרטיקל פון י. מגן „ווי אַלט איז יעדינעץ?") אַלע אַנדערע פּרטים איבערן שטעטל זענען אויך צופעליקע און אָרעמזעליקע.

אין טייל איבער דער „שואה", ווערט נישט דערמאָנט דער גירוש פון די יעדינעצער יִידן, אַ חודש איידער די רומענער האָבן אויפגעשטעלט אין שטעטל אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פאַרטריבענע יִידן פון אנדערע ערטער.

יעדינעץ אין די זכרון־ביכער

אין די לעצטע צוויי יאָר זענען אין ישראל דערשינען 2 גרויסע היסטאָרישע זכרון־ביכער: „פנקס הקהלות — רומניה" הוצאת „יד ושם", ירושלים תש"ל, און „יהדות בסאַראַביה", אין דער סעריע „אנציקלופדיה של גלויות", ירושלים תשל"א. אין ביידע ביכער ווערט אָפּט דערמאָנט יעדינעץ אין כל־מיני קאָנטעקסטן.

אין ביידע ביכער ווערן פאַרעפנטלעכט היסטאָרישע פאָרשונגען איבער דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט פון בעסאַראַביע. די פּרטים וועגן יעדינעץ זענען זייער קאַרגע און זייער באַשרענקטע.

קודם־כל ווערט אין בוך „רומניה" דער נאָמען פון שטעטל אויסגעלייגט (אויף עברית) אֶ ד י נ ץ... אַזוי האָט דער איבערזעצער פונעם מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אָריגינאַל אויף רומעניש, טראַנסקריבירט דעם נאָמען פון שטעטל — Edinţi — אויף עברית און קיינער האָט אים נישט אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן טעות.

מער פּרטים וועגן יעדינעץ אַנטהאַלטן די איבערזיכטן איבער די גירושים אין די מלחמה־צייטן קיין טראַנסניסטריע.

אין די איבערזיכטן איבער דער לאַגע פון די ייִדן צווישן ביידע וועלט־מלחמות (ווען בעסאַראַביע איז געווען אַ טייל פון גרויס־רומעניע) ווערט יעדינעץ נישט דערמאָנט. ס'ווערן אויך נישט דערמאָנט די הרוגים פון שביעי של פסח תרע"ח און אויך נישט דער פאַל שמשון ברונשטיין או"ו. דאַקעגן ווערט דאָרט דערמאָנט ליאָווע גוקאָווסקי, דער פאַראַשוטיסט פון ארץ־ישׂראל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אגב — דאָס איז דער ערשטער באַנד פון „פנקס הקהלות — רומניה"; דער צווייטער באַנד וועט זיין געווידמעט, ווי מ'זאָגט אונדז צו, צווישן אַנדערן, אויך בעסאַראַביע און דאָרט, זאָגט מען אונדז ווייטער צו, וועט זיין אַ באַזונדער קאַפּיטל איבער יעדינעץ, באַזירט אויף אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס זענען, אגב, זייער אָרעמזעליקע.

דער ערשטער באַנד פון „פנקס רומניה" האָט אויך נישט קיין אינדעקס פון נעמען און ערטער, אַזוי אַז מיר האָבן נישט געקענט סיסטעמאַטיש נאָכפאָלגן, ווו יעדינעץ און יעדינעצער ווערן דערמאָנט.

מער ווערט דערמאַנט יעדינעץ אין ספר „יהדות בסאַראַביה". דער נאָמען ווערט אויסגעלייגט אויף עברית „יאַדיניץ" און דאָס בוך האָט אויך אַן אינדעקס.

וועגן דעם בראשית פון שטעטל איז נישטאָ קיין וואָרט. וועגן דעם צאַרישן פעריאָד ווערט דערמאָנט, אַז אין די יאָרן 1895—1900 זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן באַפעלן, אַז די ייִדן זאָלן זיך רעגיסטרירן. ס'זענען פאָרגעקומען רדיפות אויף ייִדן פון די גרענעץ־געביטן און יעדינעץ איז געווען אין אָט דער קאַטעגאָריע. די גזירה איז אָבער אָפּגעשאַפן געוואָרן, דעריבער איז דער פאַל נישט געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון די יעדינעצער ייִדן.

אָבער אויך אין די היסטאָרישע איבערזיכטן פון די שפּעטערדיקע צייטן, פון דער ערשטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דער איבערזיכט זייער קאַרג בנוגע יעדינעץ. די גרויסע געשעענישן פון יעדינעץ ווערן נישט דערמאָנט, ווי: דער פּאָגראָם פון 1917; די הרוגים פון שביעי של פסח תרע"ח. דאַקעגן ווערט דערמאָנט דער באַפעל זיך צו בוקן צום היטל פון זשאַנדאַרם־שעף דומיטריו.

עס ווערט אויך באַריכטעט איבער אַ פאַל, ווען אַ ייִדישער סוחר (זיין נאָמען ווערט נישט דערמאָנט) איז געשלאָגן געוואָרן צום טויט, ווייל ער האָט געפירט אַ סיכסוך מיט אַ פויער. ברייט ווערט אויך באַריכטעט איבערן פאַל פון דירעקטאָר פון דער סעמינאַריע, דער גלח זשאָרזשעסקו. אין בוך ווערט אָבער נישט דערמאָנט די אַנטי־ייִדישע דעמאָנסטראַציע, וואָס ס'האָבן אָרגאַניזירט די סעמינאַריסטן.

דער פאַל שמשון ברונשטיין ווערט קוים דערמאָנט (אָן זיין נאָמען). דאַקעגן ווערט יעדינעץ פיל דערמאָנט אין שייכות מיטן גירוש קיין טראַנסניסטריע אין די יאָרן 1941—1945.

קיין יעדינעצער עסקנים, גייסט־מענטשן, רבנים, לערער או"וו ווערן אין ביידע ביכער בכלל נישט דערמאָנט. דאַקעגן אַנטהאַלט דער איבערזיכט „החזנות בבסאַראַביה" פון ישעיה וויניצקי („יהדות בסאַראַביה") פיל פּרטים איבער יעדינעצער חזנים. ווי געזאָגט, זאָגן צו די רעדאַקציעס און אַרויסגעבער פון ביידע ביכער ווייטערדיקע בענדער. לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן אַנטהאַלטן מער אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען איבער יעדינעץ.

ימ"ג

Yedintsy (yidyĕn'tsē), Rum. *Edineţi* (yĕdēnĕts'), town (1941 pop. 3,969), N Moldavian SSR, 30 mi. SW of Mogilev-Podolski; road junction; agr. center; flour milling; limestone quarry. Until Second World War, pop. largely Jewish.

הנה מה החשוב שבלקסיקונים על מקומות־ישוב בעולם כולו — The Columbia Lipincott Gazetter of The World — יודע על ידיניץ: „ב־1941 — 3960 תושבים... מרכז חקלאי, טחנות־קמח, מחצבות אבן־טיט... עד למלחמה — רוב האוכלוסיה יהודית". כמה אי־דיוקים ורישול במידע ב־5 שורות זעירות...

אָט וואָס דער וויכטיקער ישובים־לעקסיקאָן פון דער וועלט ווייסט וועגן יעדינעץ: „אין 1941 — 3960 איינוווינער... אַגריקולטור־צענטער, מילן, לייב־שטיין־ברוכן... ביז דער מלחמה, רוב באַפעלקערונג — ייִדן..." וויפל דעזאינפאָרמאַציע אין 5 קליינע שורות.

יעדינעץ — א פארשניטן יידיש שטעטל

יוסף מגן — שיץ

ווי אלט איז דאס שטעטל
און זיין יידישער ישוב

די רעדאַקציע פונעם בוך האָט זיך זייער פיל געשלאָגן מיט דער דעה, ווי אַזוי אויסצולייגן דעם נאָמען פון שטעטל: יעדיניץ, יעדעניץ, יעדינצי, יעדינץ אָדער יעדינעץ. זי האָט באַשלאָסן צו שרייבן אויף יידיש „יעדינעץ" און אויף עברית — „ידיניץ".ביידע אויסלייגן זענען נאָענט צו דער פאָנעטישער אויסשפּראַך פון די לאָקאַלע יידן.

די פּינקטלעכע עטימאָלאָגיע פונעם נאָמען איז אומבאַקאַנט. אַלץ וואָס מ'זאָגט, איז בלויז הנחות און השערות, אָן קיין שום רעאַלער באַזע. מ'מיינט, אַז דער נאָמען פון שטעטל איז „צוגעשניטן" געוואָרן פונעם רוסישן (אָדער אוקראַיִנישן) וואָרט „יעדיניצאַ" (אַן איינס), אָדער „יעדינצי" (די איינציקע), אָדער „יעדינעץ" (דער איינציקער). פון דעם קאָן מען אָפּלערנען, אַז איידער דער ישוב איז אָנערקענט געוואָרן און באַקומען אַן אָפיציעלן סטאַטוס, זענען דאָרט געווען איינצלנע הייזער אָדער איינצלנע, צעוואָרפענע איינוווינער און ער האָט נאָך קיין נאָמען נישט געהאַט. די לאָקאַלע איינוווינער האָבן טאַקע אַזוי גערופן זייער וואַקסנדיקן ישוב: „יעדינצי" („די איינציקע" — הייזער אָדער מענטשן). אַזוי האָט דעם זיך־אָנהויבנדיקן ישוב אויך גערופן די נייע רוסישע מאַכט.

אויף רוסיש האָט מען דעם נאָמען פון שטעטל געשריבן Единцы (יעדינצי — די מיטלדיקסטע יו"ד אַ לאַנגע, ווי די י' אין יִדישן וואָרט פּ י ר; די לעצטע — אַ קורצע, ווי די י' אין יִדישן וואָרט מ י ט). אָבער „אַ יעדינעצער" האָט מען אויף רוסיש גערופן Единецкий — „יעדינעצקי"; אויף לשון־רבים Единчане — „יעדינטשאַניע".

די „גוֹיִים", וואָס האָבן גערעדט „גוֹיִיש" אָדער „כאַכלאַצקע" — די רוסנאַקעס (זייער שפּראַך איז נאָענט צו אוקראַיִניש), האָבן דאָס שטעטל גערופן: „יעדינעץ"; אַזוי אויך די מאָלדאָוואַנעס אין זייער פאָלקס־שפּראַך, אַזוי ווי די יִדן.

ווען די רומענער זענען אַריין קיין בעסאַראַביע (1918), האָבן זיי צו ערשט נישט גענוצט קיין איינהייטלעכע רומענישע טראַנסקריפּציע פונעם נאָמען פון שטעטל. איך דערמאָן מיך גוט, אַז זיי האָבן געשריבן:

EDINIȚA, EDINIȚI, EDINEȚ, EDINȚ, EDINȚI, EDINȚA

יעדיניצאַ, יעדינצי, יעדינעץ, יעדינץ, יעדיניצי, יעדינצאַ (אַלע מיטלסדיקע און סופיקע יו"דן, שאַרפע און לאַנגע, ווי אין יִדישן וואָרט פּ י ר). לבסוף איז ביי די רומענער אָנגענומען געוואָרן בלויז דער נאָמען: יעדינצי — די גענויע טראַנסקריפּציע פונעם אָפיציעלן רוסישן נאָמען.

דער פאַקט, וואָס די רומענער האָבן נישט געהאַט קיין אייגענעם, ד"ה אַלטן נאָמען פאַרן שטעטל, איז אַ באַווייז, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן ערשט נאָך דער רוסישער אַנעקסיע פון בעסאַראַביע (1812).

קיין גרויסע געשיכטע האָט נישט דער ישוב הינטער זיך: נישט דער גוֹיִישער און נישט דער יִדישער. די „יעווּרעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" (פּעטראָגראַד, 1909) גיט איבער, אַז דער ישוב „יעדינצי" האָט באַקומען דעם מוניציפּאַלן סטאַטוס פון אַ „מיעסטעטשקאָ" (שטעטל) אין יאָר 1835.

די באָדנס פון שטעטל האָבן געהערט צו פּריצים, וועלכע האָבן געוווינט ווייט: די פאַמיליעס קוזיטשין און קאַזימיר. די לעצטע איז געווען פון פּוילישער אָפּשטאַמונג און קאַטוילִיש. די „פּריצים" האָבן אויפגעשטעלט אין שטעטל אייניקע עפנטלעכע אינסטיטוציעס: אויפגעבויט די פאָלקסשול, אַ „טשיינע" (טייהויז), אַ „נאַראָדני דאָם" (פאָלקסהויז), וווּ ס'איז שפּעטער, בעת די רומענער, איינגעקוואַרטירט געוואָרן די גימנאַזיע (גאַנץ צו לעצט — דער יִדישער מושב־זקנים), איינגעאָרדנט אַ יערלעכע לאָקאַלע אויסשטעלונג („ווּיסטאַווקאַ"), געפלאַנצט דעם „בולוואַר" און פאַר זיך — אויפגעבויט אַ גרויסן פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַ פּרוכט־גאָרטן, וואָס מ'האָט גערופן די „אוסאַדבע".

דער שרייבער פון די שורות האָט, אין די אָנהויב 30־קער יאָרן, באַזוכט דעם יעדינעצער אַלטן יִדישן בית־עולם (צוזאַמען מיט ישראל קאָלקער, וווינט היינט אין לוואָוו). די

פּינקטלעכע סטאַטיסטיק. גיט איבער ר' שמואל קאָרמאַנסקי: ס'איז נישט געווען שווער צו וויסן וויפל יידישע נפשות ס'זענען פאַראַן אין יעדינעץ. מ'האָט נאָר געדאַרפט צוזאַמענרעכענען די צאָל קוויטלעך אויף צו קוילן עופות, וואָס די קאָראָבקע האָט פאַרקויפט ערב יום־כיפור אויף כפרות. ס'איז דאָך נישט געווען, חלילה, קיין איין יידיש נפש, וואָס האָט אַליין נישט, אָדער פאַר וועלכן מ'האָט נישט געשלאָגן קיין כפרות...

עלטסטע מצבה, וואָס מיר האָבן געטראָפן, נאָך פיל זוכונגען, איז געווען פון יאָר תקפ״א, ד. ה. 1821. ס׳איז זיך פאָרצו־שטעלן, אַז דעם אָנהויב פון שטעטל איז טאַקע צו זוכן אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט. נעמענדיק אין אַכט, אַז די נעמען פון כמעט אַלע דערפער און שטעטלעך אַרום זענען מאָלדאָוואַנישע און זייער ווייניק נעמען זענען רוסישע אָדער אוקראַינישע, דערונטער אויך יעדינעץ, און אַז בעסאַראַביע איז געקומען אונטער דער רוסישער הערשאַפט ערשט אין יאָר 1812 — איז אָנצונעמען, אַז דער „ישוב פון די איינצלנע״ האָט זיך געגרינדעט שוין נאָך דער רוסישער אָקופּאַציע פון בעסאַראַביע, דורך רוסיש־ אָדער אוקראַינישּ־רעדנדיקע איינוווינער; אָדער — ער איז ערשט נאָך 1812 אָנערקענט געוואָרן אַלס ישוב. פון דאַנען זיין רוסישער נאָמען. ס׳ווייזט אויס, אַז ייִדן זענען שוין געווען צווישן די ערשטע „איינ־צלנע״, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט; אַ סימן — די ייִדישע מצבה פון יאָר 1821! אָבער — ווייניק ייִדן, ווי מיר וועלן זען שפּעטער.

קיין מעגלעכקייט צו פאָרשן אַרכיוון זענען, פאַרשטייט זיך, נישטאָ. ווער ווייסט צי ס׳זענען בכלל געווען, אָדער אָפּ־געהיטן געוואָרן אַרכיוון, וועלכע וואָלטן געקאָנט דערציילן וועגן אָנהויב פון ישוב בכלל און וועגן די ייִדן אין אים, בפרט.

עפּעס וועגן יעדינעץ האָב איך געפונען אין דריי ענצי־קלאָפּעדיעס, וועלכע זענען אונטער מיין האַנט: אין דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע אויף רוסיש („יעווריעיסקאַיאַ ענ־ציקלאָפּעדיאַ״), דערשינען אין פּעטראָגראַד, אין 1909, אין „נאָווי ענציקלאָפּעדיטשעסקי סלאָוואַר״ פון סוף 19־טן י״ה און אין דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע, צווייטע אויפלאַגע, פון די לעצטע פאָר צענדליק יאָר.

די דערמאָנטע „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״ זאָגט פאָלגנדעס וועגן „יעדינצי״:

אַ „מיעסטעטשקאָ״ (זינט: 1835), כאָטינער אויעזד, בעס־סאַראַבער גובערניע. אין יאָר 1897, די אַלגעמיינע צאָל איינ־וווינער: 10,211, פון וועלכע ייִדן: 7,379.

די ענציקלאָפּעדיע באַזירט זיך אויף דער פאָלקס־ציי־לונג („פּערעפּיס״), וועלכע איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין יאָר 1897.

אין יענעם יאָר, גיט איבער די דערמאָנטע ענציקלאָפּע־דיע (אין אַנדערע אַרטיקלען), האָבן אין גאַנץ כאָטינער אוי־יעזד געוווינט 307,532 נפשות, צווישן זיי אַכט און פערציק טויזנט ייִדן. (קרוב צו 16 פּראָצענט!). די שטאָט כאָטין האָט געציילט אַ באַפעלקערונג פון איבער 18 טויזנט נפשות, דע־רונטער 9291 ייִדן (איבער 50 פּראָצענט!). און אָט זענען די באַפעלקערונג־ציפערן פון די „פּאָסעלעניעס״ (ישובים) מיט נישט ווייניקער ווי 500 איינוווינער:

נאָמען	אלג. צאָל	ייִדן
אַטאַקי (אָטעק)	831	123
באַלבאַקאַ	829	84
בריטשאַן	7446	7184
באַלאַשקאָוואַ	1050	119
יעדינעץ	10211	7379
קלישקאָוץ	7707	1000
ליפּקאַן	6865	4410
נעפּאַראָטאָוואַ	1631	268
נאָוואָסעליץ	5891	3898
רטאָווניצי	2140	369
סעקוראַן	8982	5042
טשעפּלעאוץ	1555	163

וואָס איז צו זען פון דער טאַבעלע? אַז שוין דעמאָלט, סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז יעדינעץ געווען די צווייט גרעסטע שטאָט אין אויעזד נאָך כאָטין, סיי לויט דער צאָל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און סיי מיט דער צאָל ייִדן. נאָך יעדינעץ קומען בריטשאַן (דאָס ייִדישסטע שטעטל פון גאַנצן אויעזד!), סעקוראַן, ליפּקאַן און נאָוואָסעליץ.

אין יאָר 1897 איז דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד די ערשטע מאָדערנע פאָלקסציילונג („פּערעפּיס״), בעת וועלכער מ׳האָט געציילט נפשות. פריער האָט מען פאַרשריבן בלויז... „משפחות״.

אַ פריערדיקע פאָלקסציילונג איז פאָרגעקומען אין בעסאַ־ראַביע אין יאָר 1847; מ׳האָט עס גערופן — „רעוויזיע״. די „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״ גיט אָן פאָלגנדיקע ציפערן איבער די „יעווריעיסקיע אָבשטשעסטוואַ״ (ייִדישע קהילות — געמיינט גרופּעס, געזעלשאַפטן, ווייל קיין אָרגאַניזירטע ייִדישע קהילות — „אָבשטשינעס״ — זענען נישט געווען) אין כאָטי־נער אויעזד, לויט דער „רעוויזיע״ פון 1847:

כאָטין אַליין: 1067 משפחות;
ליפּקאַן: 713 ״
נאָוואָסעליץ: 81 ״
בריטשאַן: 602 ״

יעדינעץ פעלט לחלוטין אין דער רשימה; אויך סעקוראַן. דעמאָלט זענען אין יעדינעץ, וואַרשיינלעך, געווען ווייניקער, ווי די 81 ייִדישע פאַמיליעס, וועלכע זענען פאַרצייכנט גע־וואָרן אין נאָוואָסעליץ. און מ׳טאָר נישט פאַרגעסן, אַז שוין אין יאָר 1835 האָט יעדינעץ באַקומען דעם מוניציפּאַלן סטאַ־טוס פון אַ „מיעסטעטשקאָ״ (שטעטל).

די אַלגעמיינע באַפעלקערונג, און באַזונדערס די ייִדישע באַפעלקערונג פון יעדינעץ, איז גאָר אויסגעוואַקסן במשך פון די 50 יאָר, צווישן דער ערשטער ציילונג, די „רעוויזיע״ פון 1847, און דער ציילונג („פּערעפּיס״) פון 1897.

וואָס איז די סיבה פון אָט דעם וווקס? דאָס איז מיר אומ־פאַרשטענדלעך. דאָס שטעטל איז נישט געלעגן ביי אַ גרויסן טראַקט, נישט געהאַט קיין אינדוסטריע, אוודאי נישט קיין נאַ־טירלעכע רייכטימער, און בכלל געלעגן אין דער זייט. אפשר קומט דער וווקס צוליב דער גרויסער לאַנדווירטשאַפטלעכער געגנט, וואָס יעדינעץ איז געוואָרן איר צענטער.

פון וואַנען זענען געקומען די יעדינעצער ייִדן? לויט די

„צונעמעך" פון די ייִדן (טערעבענער, ריסענער, זאַבריטשע־נער וכו'), זענען פיל געקומען פון די אַרומיקע נאָענטע אָדער ווייטע דערפער; פיל זענען געקומען פון דער אוקראַינע, פון איבערן נעסטער.

אין 18טן יאָרהונדערט האָט דער רוב ייִדן געוווינט אין די דערפער. אין 19טן יאָרהונדערט פאַרלאָזן פיל ייִדן די דער־פער און קאָנצענטרירן זיך אַלץ מער אין די שטעט און שטעט־לעך. דער דאָזיקער פּראָצעס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן בעת דער רומענישער הערשאַפט, נאָך 1918. נאָך דער קאַטאַסטראָ־פע איז כמעט נישט צו געפינען קיין ייִדן אין די בעסאַראַבער דערפער.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטער פּרט, וואָס איז שייך צו דער געשיכטע פון שטעטל אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונ־דערט. אין אַלט־רומעניע האָט איינער מיטן נאָמען זאַמפיר אַרבאָרע Zamfir Arbore, קענטיק אַ בעסאַראַבער מיט אַ „נאַ־ציאָנאַל־רומענישן" באַוווסטזיין, וועלכער איז, ווי ס'זעט אויס, אַנטלאָפן פון דער צאַריש־באַהערשטער בעסאַראַביע אין דעמאָלטיקן רומעניע (רעגאַט), פאַרעפנטלעכט אַ בוך אי־בער בעסאַראַביע, אין דער פאָרם פון אַ מין געאָגראַפישן לעקסיקאָן. אין זיין בוך האָט אַרבאָרע אויסגערעכנט אַלע ישובים פון בעסאַראַביע, אָנגעבנדיק אייניקע היסטאָרישע און געאָגראַפישע פּרטים, ווי ווייט זיי זענען אים געווען באַקאַנט. אָבער אויך אין דעם בוך זענען דווקא נישטאָ קיין פּרטים איבער דער גרינדונג־צייט פון יעדינעץ. דעם נאָמען פון שטעטל שרייבט ער גאָר אייגנאַרטיק: EDINȚA (יעדינצאַ). מסקנות: נאָך אַ באַווייז, אַז ס'האָט נישט עקזיסטירט קיין רומענישע אויסלייג־טראַדיציע פאַרן נאָמען פונעם שטעטל.

דער דערמאָנטער מחבר „ווייסט" איבערצוגעבן פאָלגנ־דיקע דאַטן וועגן „יעדינצאַ": אַלגעמיינע צאָל איינוווינער — 3450; פון זיי — 1242 רוסן; אין שטעטל זענען פאַראַן בס"ה — 670 הייזער. און שוין... ווער זענען די „רוסן" און ווער זענען די אַנדערע 2208 איינוווינער? — דאָס זאָגט ער נישט. ער זאָגט אויך נישט ווען (יאָר, תקופה) זענען געווען די דורך אים אָנגעגעבענע צאָל איינוווינער. ווי געזאָגט, האַנדלט זיך עס וואַרשיינלעך וועגן סוף פון 19טן יאָרהונדערט. קלוג ווערן קאָן מען נישט פון דעם דערמאָנטן זאַמפיר אַרבאָרע, זיין בוך, ציפערן און דאַטן.

און נאָך אַ רומענישער מקור:

דער רומענישער סאָציאָלאָג ו ו י ק ט אָ ר ט ו פ ע ס ק ו, האָט פאַרעפנטלעכט אַ פאָרשונג איבער די „מאָלדאַווישע שטעטלעך און זייער עקאָנאָמישע וויכטיקייט" (זע קלישע אין דער העברעישער ווערסיע פון אַרטיקל).

דער מחבר וויל באַווייזן, אַז די ייִדישע שטעטלעך זענען אַ „פרעמדער קערפּער" אין דער „אַגראַר־רומענישער" סביבה. ער גיט איבער, אַז די שטעטלעך זענען טיילווייז געגרינדעט געוואָרן אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט און דער רוב — אין 19טן יאָרהונדערט. ער גיט צו היסטאָרישע און דעמאָגראַפישע פּרטים איבער די שטעטלעך, וועלכע ער דערמאָנט. וואַרשיינלעך האָט ער זיך באַזירט אויף קאָמפּע־טענטע מקורות. אָט וואָס ער ווייסט וועגן יעדינעץ:

יעדינעץ (כאָטין). אַ שטעטל, געגרינדעט אין 1820. אין 1930 האָט עס געהאַט 5625 איינוווינער, פון וועלכע 5354 ייִדן. וועכנטלעכער יריד, אייל־פאַבריקן אא"וו.

דאָס גרינדונגס־יאָר (ד"ה: אָנערקענונג אַלס סטאַבילער ישוב) 1820 — איז גלייך צו אונדזער הנחה. דער מחבר הזרט איבער דעם טעות־רבים, וועלכע האָבן געמיינט, אַז ס'זענען פאַראַן צוויי גאַנץ־באַזונדערע ישובים די „שטאָט" און דאָס „דאָרף"; ער ברענגט ציפערן בלויז פון יעדינעץ — טירג.

אגב, די פאָרשונג איז דערשינען אין 1942, ווען דאָס ייִדי־שע שטעטל פון בעסאַראַביע, בוקאָווינע, טראַנסילוואַניע און צפון־מאָלדאַווע איז שוין געווען חרוב און די ייִדן פארשיקט און טיילווייז אומגעבראַכט. דער מחבר באַרעכטיקט די מאָסנאַמען, הגם זיין פאָרשונג איז געוואָרן איבעריק.

די רומענער האָבן, אין משך פון זייער הערשאַפט אין בע־סאַראַביע, דורכגעפירט בלויז איין פאָלקסציילונג Recensămîntul Populaţiei אָבער אין יענער תקופה האָט עקזיס־טירט אַן אַדמיניסטראַטיוו־מוניציפּאַלע פונאַנדערטיילונג צווישן ביידע חלקים פון גאַנץ־יעדינעץ — „יעדינעץ־שטעטל" **EDINŢI — TÂRG** און „יעדינעץ־דאָרף" **EDINŢI — SAT** און אָט וואָס עס האָט פעסטגעשטעלט יענע פאָלקסציילונג (לויט אָפיציעלע פּובליקאַציעס):

אין יעדינעץ־שטעטל **TÂRG** זענען געציילט געוואָרן בסך הכל 5910 תושבים. פון זיי האָבן זיך דערקלערט, אין דער רובריק „עטנישער אָפּשטאַם" — **ORIGINEA ETNICĂ** אַלס

יידן	**— 5341;**
רומענער	**— 194;**
רוסן	**— 344.**

אָבער לויט דער „רעליגיעזער אָנגעהעריקייט" האָבן זיך דערקלערט אַלס אָנגעהעריקע צום „מאָזאַישן גלויבן" **Religia Mozaică** — 5349; בלויז 5328 מענטשן (ד"ה: יידן) האָבן דערקלערט, אַז זייער אומגאַנגסשפּראַך איז ייִדיש. ד"ה, אַז אַכט ייִדן האָבן זיך דערקלערט אַלס ייִדן פון רעלי־גיעזן שטאַנדפּונקט און נישט פון עטניש־נאַציאָנאַלן שטאַנד־פּונקט. איין און צוואַנציק ייִדן האָבן דערקלערט, אַז נישט ייִדיש איז ביי זיי די אומגאַנגסשפּראַך, נאָר, קענטיק, רוסיש אָדער רומעניש. פאַקטיש — אַ נישטיקער פּראָצענט פון אַסי־מילאַטאָרישע יוצאי־דופניקעס. און אפשר האַנדלט זיך עס גאָר אין אַ רעגיסטראַציע־טעות?

און אָט זענען די רעזולטאַטן פון דער ציילונג אין דעם נישט־ייִדישן טייל פונעם ישוב, אין יעדינעץ־דאָרף **SAT** די אַלגעמיינע צאָל פון די תושבים: 5260; פון זיי יידן:

לויט דעם „עטנישן אָפּשטאַם"	**— 398;**
לויט דעם „מאָזאַישן גלויבן"	**— 401;**
יידיש־רעדנדיקע	**— 401.**

די אַנדערע תושבים (דער גרויסער רוב, די קריסטן) טיילן זיך לויט דער נאַציאָנאַלער אַנגעהעריקייט:

רומענער — 2183

(דאָס זענען די מאָלדאָוואַנעס, די „עכטע" רומענער, פון רעגאַט, און די... ציגיינער, וועלכע האָבן זיך, קענטיק, דער־קלערט אַלס רומענער);

רוסן — 2214

(אַריינגענומען די קאַצאַפּעס, אַ טייל פון די כאַכלאַצקע־רעדנדיקע און די „עכטע" רוסן, וועמען די יידן האָבן גערופן „קריסטן", קעגנאיבער די, וואָס האָבן גערעדט אוקראַיִנישע דיאַלעקטן, וועלכע די יידן האָבן גערופן „גויים");

אוקראַינער — 353

(וואַרשיינלעך „באַוווסטזיניקע");

דייטשן — 3

(! — ווער זענען זיי? אפשר שרידים פון דער אולריך־משפחה, עכטע דייטשן, וועלכע האָבן געלעבט, אגב, גוט מיט יידן? און אפשר האָט זיך דעם משומד יאָהאַן קויפמאַנס משפחה, וועלכע האָט אָנגענומען דעם לוטעראַניזם, פאַר־שריבן אַלס „דייטשן"?)

פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט האָבן זיך די קריסטן פון „דאָרף" דערקלערט אָט ווי:

פּראַוואָסלאַוונע־אָרטאָדאָקסע — 3792

פּאַקטיש אַלע קריסטן, אויסער: —

קאַצאַפּעס (ליפּאָוועגער, סטאַראָ־ווערצי) — **1014**

בסך־הכל האָבן דעמאָלט געוווינט אין גאַנץ־יעדינעץ, „דאָס שטעטל" און „דאָס דאָרף" צוזאַמען — 11 טויזנט מיט 170 נפשות. ווייניקער ווי מ׳האָט געמיינט פריער; דערונ־טער — 5750 יידישע נפשות — מיט 330 נפשות מער ווי נישט־יידן (5420). דאָס הייסט, אַז אין יאָר 1930 זענען אין גאַנצן שטעטל געווען בלויז 59 תושבים מער ווי אין יאָר 1897 (10.211!). די צאָל יידן אין יאָר 1930 (5750) איז גע־פאַלן מיט 1629 נפשות לגבי 1897 (7379). נאָך מער איז גע־פאַלן די דיפערענץ צווישן דער צאָל יידן און דער צאָל קריס־טן, וואָס איז געווען אין 1897 (2832 מער יידן), לגבי 1930 (בלויז 330 מער יידן). אין פּראָצענטן: אין יאָר 1897 איז דער פּראָצענט יידן אינערהאַלב דער גאַנצער באַפעלקערונג גע־ווען 72; אין 1930 — איז געפאַלן דער פּראָצענט יידן צו 51...

לויט ווי איך געדענק, זענען אין יעדינעץ געווען, אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן (כ׳האָב דעמאָלט אַ קורצע צייט גע־אַרבעט אין דער „פּרימאַריע") בערך דריי טויזנט הייזער; אין העכער אַ העלפט פון זיי האָבן געוווינט יידן. מ׳האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז דאָס שטעטל האָט געציילט אַ פופצן טויזנט איינ־וווינער, פון וועלכע העכער אַ העלפט זענען געווען יידן און בערך עפּעס אַ קלענערע צאָל קריסטן. ווי מיר זעען, איז די יידישע באַפעלקערונג נישט געוואַקסן, נייערט געפאַלן, אין יע־דינעץ זינט 1897 (7379 יידן!); דאַקעגן איז געוואַקסן די קריסטלעכע באַפעלקערונג — כמעט צווייפאַכיק.

די עיקר־סיבה פונעם פאַרלאַנגזאַמערטן וווקס־פּראָצעס פון דער יידישער באַפעלקערונג פון יעדינעץ נאָך 1897 איז, די אויסוואַנדערונגען אין די לענדער פון מעבר לים; צפון־ און דרום־אַמעריקע, וווּ ס׳געפינען זיך איבער טויזנט אָפּשטאַמיקע פון יעדינעץ; און הונדערטער קיין ארץ־ישראל. בלויז הונדערטער האָבן איבערגעוואַנדערט אין די אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד, אָדער, שפּעטער, רומעניע.

און איצט לאָמיר מאַכן אַ וויטערדיקן שפּרונג: צו דער „באָלשאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ", צווייטע אויפלאַ־גע. אין באַנד נומ׳ 15 (געדרוקט אין יאָר 1952) געפינען מיר וועגן „יעדינצי" Единцы **דאָס פאָלגנדיקע:**

אַ ישוב („פּאָסיאָלאָק") פון שטאָטישן (גאָראָדסקאָי) טיפּ. דער צענטער פון „יעדינעצקאָוואָ ראַיאָנאַ" (יעדינעצער ראַ־יאָן) „בעלצקאָוואָ אָקרוגאַ" (בעלצער קרייז), „מאָלדאָווסקאַיאַ ססר" (מאָלדאַווישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק). ליגט אויפן שאָסיי קעשענעוו—טשערנאָוויץ, 17 קילאָמעטער דרום־מערב פון דער באַן־סטאַציע רעדיו מאַרע (ליניע אָקני־צאַ־בעלץ). פאַראַן אין יעדינעץ זאַוואָדן (קלענערע פאַבריק־לעך) פון זייף, לעדער, ציגל, אַ מיל. שולן אין 1951: לאַנד־ווירטשאַפטלעכער טעכניקום, 2 מיטלשולן (אויף די שפּראַכן רוסיש און מאָלדאַוויש), אַ שול פאַר דער אַרבעטער־יוגנט, אַ קולטור־הויז, 1 קינאָ־טעאַטער, 2 ביבליאָטעקן. אין ראַיאָן פאַרזייט מען ווייץ, קוקורודזע, סאָנעשניק, סאָיאַ. ס׳איז אַנט־וויקלט די מילך־ווירטשאַפט, מ׳כאָוועט בהמות און שאָף. פאַ־ראַן אַ סטאַציע מ. ט. ס. (מאַשינען־ און טראַקטאָרן־סטאַציע).

באַפעלקערונגס־ציפערן ווערן נישט אָנגעגעבן. אין סאָ־וויעט־רוסלאַנד זענען געווען, דוכט זיך, צוויי פאָלקס־ציי־לונגען נאָך דער לעצטער מלחמה. פּרטים זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען.

דער לעצטער שוחט און רב ר׳ ישעיה עלקיס, וועלכער איז עולה געווען אין 1972, גיט איבער, אַז אין יעדינעץ האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין משך פון דער סאָוועטישער הערשאַפט אַ 300 יידישע משפחות (זע אינטערוויו מיט אים).

ווו געפינט זיך די יעדינעצער שארית־הפליטה איצט, נאָך דער קאַטאַסטראָפע?

לויט אַ „גראָבן" חשבון, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, נאָ־ענט צו דער ווירקלעכקייט, לעבן היינט (בערך):

אין ישראל	— 600 יעדינעצער;
אין צפון־ און דרום־אַמעריקע	— 1000 יעדינעצער;
אין אַנדערע לענדער	— 200 יעדינעצער;
אין רוסלאַנד און רומעניע	— 200 יעדינעצער;
אין יעדינעץ אַליין	— 300 משפחות.

בערך אַ 5 טויזנט זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די פּאָגראָמען, בעת דעם רומעניש־דייטשן אַריינמאַרש פון 1941, אויף די וואַנדערוועגן בעת דער דעפּאָרטאַציע און אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן פון טראַנסניסטריע.

יהא זכרם ברוך!

פייזאַזש און מענטש אין שטעטל

ילדות היא מולדת! ואין כל הבדל
היכן ראינוה, אם כאן ואם שם;
והיא הגרעין למרחב הגדל
והיא נקודת טבורו של עולם.

לכן גם אין פלא, נאמר בגלוי,
שאנו כולנו — כי למה נכחיד? —
נושאים בלבנו בחדר חבוי
את עיר ילדותנו תמיד ותמיד!

שמשון מלצר

וועלטלעכע איבערזעצונג:

קינדהייט איז היימלאַנד! און ס'איז נישט קיין אונטערשייד,
ווו מיר האָבן זי געזען, צי דאָ צי דאָרט;
זי איז דער קערן פאַר וואַקסנדער ברייטקייט
און זי איז דער מיטלפונקט פון דער וועלט.
דערפאַר איז קיין וווּנדער נישט, לאָמיר עס אָפן זאָגן,
אַז מיר אַלע — צו וואָס זאָלן מיר עס לייקענען? —
טראָגן, טיף אין אַ פאַרבאָרגענער קאַמער פון אונדזער האַרץ,
שטענדיק און שטענדיק די שטאָט פון אונדזער קינדהייט!

זכרונות — צו וואָס?

אויפן ערשטן בליק זעען אויס גערעכט די ווערטער פון יענעם שטעטלשן נאָסטאַלגיע-שונא, וועלכער האָט געטענהט: וואָס פאַר אַ געמיינזאַמס האָבן מיר מיט דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל, וועמענס לעבנס-שטייגער מיר האָבן נעגירט און וועלכעס מיר האָבן פאַרלאָזן, אָן בענקשאַפט?

דוכט זיך, אַז עס איז פאַראַן פיל אמת אין דער טענה, אַז די יוגנט, וועלכע האָט מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזן די שטעטלעך אין מזרח-אייראָפּע, געפירט דורך אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן געפיל און פאַרגעפיל פון דער צוקונפט, האָט נישט קיין גרונט זיך צו קלאַמערן אין די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט. זייער לעבנסוועג איז דאָך אַ רעזולטאַט פון ווידערשטאַנד און קאַמף קעגן דער פאַרגאַנגענהייט און קעגן דעם, וואָס עס האָט זיי דערוואַרט דאָרט.

נאָך מער. זינט זיי האָבן זיך איינגעפלאַנצט אין ארץ-ישראל, האָבן זיי באַוויזן דורכצומאַכן אַן איבערגעפּולט לעבן, זייענדיק עדות פון וווּנדערלעכע און קאַטאַסאַלע ענדערונגען, צו וועלכע זיי אַליין האָבן בייגעשטייערט.

היינט צו טאָג זענען זיי בירגער אין אַ פרייער און סוווע-רענער מדינה. דער רוב האָט אויפגעשטעלט פאַמיליעס און זייערע קינדער לעבן ווייט פון די גרוילקייטן, וואָס זייערע עלטערן האָבן דורכגעמאַכט אין זייער קינדהייט און יוגנט.

די ייִנגלעך און מיידלעך פון נעכטן האָבן טאַקע אין צווישן באַקומען זילבערנע אָדער שיטערע האָר, אָבער ביאָלאָ-גישע דערשיינונגען אַליין זענען נאָך נישט קיין גענוגנדע סיבה זיך צו קלאַמערן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

מיר דאַרפן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז בלויז איין מאָל אין דער געשיכטע פון דעם באַשאַף איז געווען „בראשית" און פון דאַן אָן עקזיסטירט אַ כסדרדיקע פאַרבינדלעכקייט אין די היסטאָרישע פּראָצעסן; אויך די שאַרפסטע ענדערונגען, אין לעבן פון יחידים און פון דער מאַסע, האָבן זייערע וואָרצלען טיף אין דעם סאָציאַלן און גייסטיקן געוועב פון דער געזעל-שאַפט, אין וועלכער די ענדערונגען האָבן זיך אָנגעפאַנגען. מען קען זיי דעריבער נישט פאַרשטיין, נישט באַקענענדיק זיך מיטן פייזאַזש און מיטן הינטערגרונט, וועלכע האָבן עק-זיסטירט, איידער די דאָזיקע ענדערונגען זענען פאָרגעקומען.

און נאָך עפּעס. מיר לעבן אין אַ דור, וואָס לויפט מיט אַ שווינדלדיקן טעמפּאָ פאָרויס; ער אינטערעסירט זיך טאַקע מיט אַלטערטימלעכער אַרכעאָלאָגיע, אָבער שפּאָט פון די קב-רים, וואָס זענען ערשט נעכטן אויסגעגראָבן געוואָרן. צי זע-נען די לעצטע נישט ראוי, מיר זאָלן זיך אויף אַ מינוט אָפּ-שטעלן און דערציילן, אַז דאָ איז געווען אַ מאָל לעבן? אפשר זענען די מצבות וואָס מיר שטעלן אויף, נישט קיין מאָנומענ-טאַלע, נאָר קליינע און אָפט מאָל אויך פּראָווינציעלע, אַזוי ווי שטעטלעך פון וועלכע מיר זענען אַרויסגעוואַקסן, אָבער זיי זענען אויך אינטימע און אינדיווידועלע, וועלכע דערמעגלעכן אונדז זיך מתייחד זיין מיט קרובים, באַקאַנטע חברים, פון וועלכע מיר האָבן זיך צעשיידט אויף אייביק; די זיך ציִענ-דיקע אייביקייט איז דער שנור, וואָס פאַרבינדט צווישן אונדז.

דער שטעטלשער פייזאַזש: ריחות פון גערטנער, דער גייסט פון דער שיל און די שרעקנדיקע גלאָקן

אַרום און אַרום האָבן זיך סטעפּעס צעשפּרייט; ס'איז געווען דער עפּל-סאַד פון זשילאַווקי; הינטער די הייזער פון דער „פּאָטשטאָווע" האָבן אין פרילינג געבליט פילפאַרביקע און וווּנדערבאַר שמעקנדיקע געמישטע גערטנער פון עפּל, באַרן, קאַרשן און פלוימען. פייגעלעך האָבן געזונגען און די לאָנקעס האָבן געגרינט אין די זומער-מאָנאַטן. אינעם ים פון האַרבסטיקן גאָלד האָט געבלאַזן אַ ווינט און זיך פאַר דיינע פיס צעשפּרייט אין די וועלדלעך אַרום. ווינטער פלעגסטו פאָרן אין אַ שליטן, איינגעשפּאַנט אין צוויי לויפנדיקע פערד, אין אַ וועלט אַ קלאָרע און אַ ווייסע, ביים שיין פון דער לבנה.

אָבער טראָץ דעם וווּנדערבאַרן פייזאַזש, איז יעדינעץ געווען איינע פון די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך, אין אַ ווייטער פאַרוואָרפענער פּראָווינץ, וואָס „זיצט" אויף דער גרענעץ פון צוויי מדינות.

ווערדליק די פאַרקער-מיטלען, האָט זיך דאָס שטעטל

נאָך געפונען אין די צייטן פון מיטלאַלטער: די נאָענטסטע באַן־סטאַנציע איז געלעגן 18 קילאָמעטער ווייט, קיין איין „מענטשלעכער" און געפלאַסטערטער וועג האָט נישט פאַרבונדן דאָס שטעטל מיט זיין סביבה. דו האָסט תמיד געוווּסט ווען דו לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַריין, אָבער האָסט קיין מאָל נישט געוווּסט, ווען דו וועסט אָנקומען; באַזונדערס אין די רעגנדיקע האַרבסט־מאָנאַטן און אין פרילינג, מיטן אָפּגיין פון שניי, ווען די וועגן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זומפּיקער בלאָטע, אין וועלכער די פערד, וואָס זענען געווען געשפּאַנט אין די „קאַרעטעס", האָבן געזונקען ביז צום בויך.

זייענדיק אָפּגעשניטן און ווייט פון דער גרויסער וועלט, האָט דאָס שטעטל געזונקען אין אַן עקאָנאָמישן און גייסטיקן שטילשטאַנד, וועלכער האָט באַשטימט זיין ענדגילטיקן גורל.

דער אויסערלעכער פּאַסטאָראַלער פּייזאַזש פון דעם שטעטל איז נישט שטענדיק געווען אין איינקלאַנג מיט זיין אינערלעכן פּייזאַזש. דער ריכטיקער „פּייזאַזש" פון שטעטל נעמט אַרום, פון איין זייט, די אַכט קלויזן, וועלכע זענען געשטאַנען פאַרלאָזט און פאַרמאַכט אין עק פון שטעטל, באַרג אַראָפּ, און אין זייער צענטער שטייט די נישט דערענדיקטע „שיל", אַ גרויסע צוויי־שטאָקיקע געביידע פון רויטע ציגל, און אַרום אַ פינצטערניש און אַ דלות. דאָ איז, ווייזט אויס, אַ מאָל געווען אַ צענטער פון תורה, אמונה און תפילה. אָבער יענע צייט האָט שוין לאַנג אַריבערגעשטיגן די תקופה, אין וועלכער דער דיכטער האָט געזונגען: „עוד יש ערים נכחדות בתפוצות הגולה, בהן יעשן בסתר נרנו הישן" (ח. נ. ביאַליק). (ס'זענען נאָך פאַראַן פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין דער פאַרשפּרייטקייט פון גלות, אין וועלכע עס רויכערט זיך נאָך אין געהיים אונדזער אַלט ליכטל). דאָ איז קיינער נישט געבליבן. דאָס אָרט האָט בלויז אָנגערייצט די פאַנטאַזיע פון די קינדער איבער שדים און רוחות און תיקון־חצות פון די טויטע.

און פון דער צווייטער זייט — אין סאַמע צענטער פון דעם ייִדישן, פרומען שטעטל, האָבן זיך די גויִים אויסגעבויט זייער הויכן קלויסטער, וועלכער האָט געגלאַנצט און געבלישטשעט מיט זיינע טורעמס און צלמים. אַהער האָבן זיי געבראַכט זייערע לעבעדיקע און טויטע און האָבן געקלונגען מיט די דערשרעקנדיקע גלאָקן. אין פאַרשנייטע, קאַלטע, ווינטערדיקע טעג, האָבן אויף די הויכע קלויסטער־טורעמס זיך אויסגעזעצט שוואַרצע קראָען, און פון דאַנען־אויס פלעגן זיי זיך פאַרשפּרייטן איבערן שטעטל אין מיט זייערע גרילצנדיקע קולות אָנגעזאָגט: „רק רע, רק רע" (נאָר שלעכטס)...

די הערשאַפט פון זשאַנדאַרם

ווען בעסאַראַביע איז אַריינגעפאַלן צו די רומענער האָבן זיך געלאָזט מערקן צוויי פאַקטאָרן, וועלכע האָבן באַשטימט די באַציִונג פון דער מאַכט צום בעסאַראַבער ייִדנטום, בכלל, און דעם גורל פון די קליינע שטעטלעך, בפרט:

א. די שרעק פאַר דעם גרויסן און שטאַרקן שכן פון איבערן נעסטער־טייך אין די מורא, אַז די מציאה, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, איז נישט זיכער און נישט אויף לאַנג.

ב. די טראַדיציאָנעלע שינאה צו ייִדן מיטן צוגאָב פון חשד, אַז זיי זענען אַ פרעמדער און אומטרייער עלעמענט.

אָט די צוויי פאַקטאָרן האָבן זיך געלאָזט מערקן אין לעבן פון שטעטל גלייך מיט דער אָקופּאַציע. די פאַרפאָלגונגען האָבן אונטערדריקט דאָס לעבן פון די איינוווינער אין שטעטל, נאָך איידער דער אַנטיסעמיטיזם האָט געפייערט זיין אָפיציעלן נצחון אין דער רומענישער מדינה.

פאַקטיש זענען די קליינע שטעטלעך געווען אונטער אַ מיליטערישן רעזשים במשך פון דער גאַנצער צייט פון דער רומענישער הערשאַפט. יעדינעץ איז געווען אפשר, מער ווי יעדער אַנדער שטעטל, אויסגעליפערט דעם בושעווען פון פינצטערע, סאַדיסטישע אינסטינקטן. דאָס שטעטל האָט זיך פאַקטיש געפונען אונטער שטענדיקער הערשאַפט פונעם זשאַנדאַרם, וועלכער האָט הפקרדיק אָנגעווענדעט די מאַכט, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין האַנט. דער „שעף דע פּאָסט" איז געווען אַ מין אַליין־הערשער; פון זיין גנאָד אָדער שטראָף זענען געווען אָפּהענגיק אַלע איינוווינער פון שטעטל. ער איז געווען דער געזעצגעבער, דער ריכטער און עקזעקוטאָר; זיין גייסטיקער צושטאַנד און די צאָל כוסות בראַנפן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אינעם ווילשטאַנד און לעבן פון די שטעטלשע איינוווינער. דער „שעף דע פּאָסט" האָט באַשטימט די מאָראַל אין שטעטל און זיין עקאָנאָמיע; ער האָט געהערשט איבער זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן און איבער זיין קולטור; ער האָט באַשלאָסן וועגן דערלויבן פאַרזאַמלונגען, אָדער וועגן פונאַנדערטרייבן זיי; ער האָט אַפילו צעטריבן פאַרזאַמלונגען, וועלכע ער אַליין האָט פריער דערלויבט; ער האָט באַשלאָסן וועגן פאָרשטעלונגען און פאַרווײַלונגס־אָוונטן; ער האָט אַרעסטירט מענטשן און זיי באַפרייט. ער איז געווען — אַלץ.

ביז היינטיקן טאָג לעבן נאָך אין מיר די באַליידיקנדיקע בילדער פון מוצאי־שבת, ווען יוגנט און דערוואַקסענע פלעגן אַרויסגיין שפּאַצירן אויף דער „פּאָטשטאָווע" — די לאַנגע הויפּטגאַס, — די ברייטסטע און שענסטע אין שטעטל. די „פּאָטשטאָווע" איז געווען דאָס איינציקע אָרט פאַר פאַרווײַלונג (דעם גאָרטן, וועלכן מ'האָט גערופן „בולוואַר" האָבן די הערשער באַוויזן צו פאַרניכטן, מיינענדיק, ווייזט אויס, אַז ער שאַדט צום געזונט); דאָ איז געווען דער טרעף־פּונקט צווישן בחורים און מיידלעך; דאָ האָט מען געקענט זען די לעצטע „מאָדע"; דאָ, שפּאַצירנדיק, האָט זיך אויסגעוועבט די ערשטע ליבע און דאָ האָט מען דיסקוטירט איבער פּאָליטיק און איבער אַ נייעם בוך, וואָס מען האָט געביטן אין דער ביבליאָטעק.

און אָט איז דער „שעף דע פּאָסט" אַרויס אויף דער גאַס אַ שיכורער, אַ צאָרנדיקער און אויסגעשריגן מיט אַ גרילצנדיקער מערדערישער שטימע: „דער גאַנצער עולם אַהיים" **TOATĂ LUMEA ACASĂ!**

ווי אַ סטאַדע צעשראָקענע שעפּסן זענען אַלע אַנטלאָפן אין די זייטיקע געסלעך.

יאָ, ער איז געווען אַ מין אויבער־קעניג, וועלכער האָט זיין אַליייניקע הערשאַפט אָנגעוואָרפן אויף די הילפלאָזע, שוצלאָזע שטעטלשע בירגער.

די יוגנט פאַרטראַכט זיך איבער איר לעבנס־וועג

אין דער צייט ווען פון דרויסן־אויס האָבן, וואָס אַ מאָל ענגער, געדריקט אויפן שטעטל די רייפן פון דער פיינטלעכער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט געפּרוווט אויסוואָרצלען יעדע לעבנס־פריד און וועלכע האָט אָנגעווענדעט אַן עקאָנאָמישע דערשטיקונגס־שלייף, באַגלייט דורך שווערע, באַלאַסטנדיקע אָפּצאָלן, וועמענס ציל ס׳איז געווען צו צעשטערן פיזיש דאָס לעבן פון שטעטל, איז פון אינעווייניק־אויס אַריינגעפאַלן דאָס שטעטל אין אַ סאָציאַלן און גייסטיקן קריזיס, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער צעשפּליטערונג פון דעם ייִדישן טראַדיציאָנעלן לעבן, אין דער היים און אויף דער גאַס.

ס׳איז אַוועק אויף שטענדיק די באַקאַנטע אידיליע, אַז זין און טעכטער האָבן חתונה און בויען אויף זייער היים נעבן דעם משפּחה־נעסט; ווייל אויך די פּרנסה פון די עלטערן איז וואָס אַ מאָל שוואַכער געוואָרן און עס איז מער נישט געמאָלט געווען איינצוגלידערן זין און איידעמס אין די פּרנסות פון די עלטערן, נישט אין מסחר און נישט אין די מלאכות.

אין דער היים איז וואָס אַ מאָל טיפער געוואָרן דער תהום צווישן עלטערן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי די טראַדיציעס פונעם עבר און געווען פרום אין זייער גלויבן, און צווישן די קינדער, וועלכע האָבן דערפילט, אַז די ערד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זייערע פיס און זיי האָבן אָנגעהויבן קלערן איבער זייער לעבנסוועג און צוקונפט.

דאָס געפיל, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל יוגנט, איז געווען, אַז דאָ, אין שטעטל, דערוואַרט זיי נישט גאָרנישט. אין זייער פאַרלוירנקייט האָבן זיי געזען צוויי מעגלעכקייטן פאַר אַ לייזונג פון זייער לעבנס־פראַגע:

א. אַ טייל פון דער יוגנט האָט גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין דער האַנט, ווי עס איז שוין די דורות־לאַנגע טראַדיציע פון פאַרפאָלגטע ייִדן. זיי האָבן געזוכט זייער צוקונפט, אַלס איינצלנע און איינזאַמע, אין ווייטע און אומבאַקאַנטע לענדער; זיי האָבן זיך געלאָזט קיין בראַזיל, פּערו, טשילע און אַנדערע לענדער מעבר לים, בעיקר דרום־אַמעריקע, כדי דאָרט אויסצופּרוּוון זייער מזל (די טויערן פון צפון־אַמעריקע זענען פון לאַנג געווען געשלאָסן). אָבער דער עמיגראַנטן־שטראָם צו די לענדער פון מעבר לים איז אויך געווען, פאַרהעלטנישמעסיק, אַ קליינער, ווייל די אויסוואַנדערונג אין אָט די לענדער איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן.

ב. נישט אַלע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו לייזן זייערע פּראָבלעמען אויפן וועג פון עמיגראַציע. ביי אַן אָנגעזעענעם טייל פון דער יוגנט האָט זיך געלאָזט פילן מער אַ משיחישער שטראָם — אַ דערשיינונג וואָס איז גוט באַקאַנט פון דער ייִדישער געשיכטע אין געדריקטע צייטן, אַן אילוזאָרישער משיחיזם מיט פיקטיווע פליגל, וואָס טראָגט אַוועק ווייט־ווייט פון דער גרויער, ביטערער ווירקלעכקייט פון שטעטל. מיט חסידישער באַגייסטערונג און מתנגדישן פאַנאַטיזם, מיט אַ מסירות־נפש פון קידוש־השם זענען זיי אַריין אין אַ וועלט פון לעגענדעס, אָבער אין זייערע אויגן איז עס געווען אַ גלויבן אין אַ רעאַליזם, באַזירט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז און אַ היסטאָרישן דעטערמיניזם...

דאָס איז אפשר איינער פון די פּאַראַדאָקסן פון דער ייִדישער אַנאָמאַליע פון יענע צייטן: די ייִדישע בעל־הבתישע און ראָמאַנטישע יוגנט, וואָס האָט געלעבט ווייט פון אינדוסטריעלע צענטערס און פון פּראָלעטאַרישן שטייגער — פּרוּווט זיך ראַטעווען פון אויסגעוואָרצלטקייט און דעגענעראַציע, דורך אַטאַשירן זיך גייסטיק, צום וועלט־פּראָלעטאַריאַט, דער קלאַס וואָס האַלט, כלומרשט, ביים פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט און לעבט אין דער אילוזיע, אַז זי איז טאַקע אַרויף, כלומרשט, אויפן וועג צו דער גאולה...

אין דער צייט, ווען דער רוב פון דער יוגנט איז אַרומגעגאַנגען בכלל בטל, ווייל ס׳איז פּשוט נישט געווען וואָס צו טאָן, זייענדיק אויף קעסט ביי די עלטערן, האָט זיך דער קאַמף פון די יוגנטלעכע קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אויסגעדריקט אין אויפהענגען, דעם ערשטן מאַי, אַ רויטע פאָן, אין געהיים, אויף אַן עלעקטרישן סלופּ, פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, געדרוקט אויף אַ סטענסיל, אין טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אין איינחזרן „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" מיט עטלעכע שניידער־ייִנגלעך. זיי האָבן געלייענט די שריפטן פון פּלעכאַנאָוו און בוכאַרין, מאַרקס, ענגעלס און לענין. אויף זייערע פייערונגען האָבן זיי געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און געלייענט י. ל. פּרצעס שריפטן, וועלכער האָט זיך גערעכנט, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, פאַר אַ קאָסמאָפּאָליט און אַן אַפּיקורס, אָדער די „13 לולקעס" פון ערנבורגן. מיט אָט די מיטלען האָבן זיי געפּרוווט אונטערצוגראָבן די יסודות פונעם רעזשים... דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז, אַז די מאַכט האָט זיך צו זיי באַצויגן גאַנץ ערנסט און האָט זיי געפּייניקט, ווי אמתע רעוואָלוציאָנערן, גלייך זיי וואָלטן טאַקע באמת באַדראָט דעם רעזשים. מען מוז צוגעבן, אַז עס איז געווען אַ סך צויבער אין זייער געדאַנקען־וועלט און אין דער נאַיִוויטעט און באַגייסטערונג, וואָס זיי האָבן אינוועסטירט אין זייער גלויבן; אַ שאָד, וואָס אַזאַ ווונדערבאַרע יוגנט איז צום טייל אומגעקומען אין נאַצישן גיהנום, און דער טייל, וועלכער האָט זוכה געווען אַריינצוגיין אין די טויערן פון דער „גאולה" האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט, אַנטוישט און פאַרצווייפלט. דאָס זענען מענטשן וועמענס גלויבן איז צוויי מאָל פאַרלוירן געגאַנגען.

די ציוניסטישע יוגנט

די ערשטע שפּראָצונגען פון די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען זענען געווען נאָך אין די „חיבת ציון"־צייטן; זיי האָבן אָבער נאָך נישט געפונען זייער אויסקריסטאַליזירונג אין קלאָרע אידעאָלאָגישע ראַמען און געפלאָסטערטע פאַרווירקלעכונגס־וועגן; ערשט אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען, וואָס זייער וועזן, דערציִונג און אַרט דענקען זענען באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל און דורך די דאָרטיקע פּאָליטישע און קאָלאָניזאַטאָרישע שטרעמונגען.

אין יענע יאָרן האָט שוין די אַלגעמיינע, פּאַרטייאיש נישט דעפינירטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „התחיה" נישט געקאָנט ענטפערן אויף אַלע אידעאָלאָגישע פאָדערונגען פון די פאַרשידענע שטרעמונגען, וואָס זענען געווען אין איר; פון „התחיה" קריסטאַליזירן זיך אויס צוויי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „גורדוניה" און „דרור־פרייהייט". שפּעטער אָרגאַניזירט זיך דער בית"ר און די מזרחיסטישע יוגנט; דער „מכבי" דינט אַלס צוזאַמענקונפט פון דער דעמאָלטיקער „גאָלדענער יוגנט".

די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס נעמען אַריין אין זיך מאַסן יוגנטלעכע פון שטעטל.

ווייל, הגם ס'האָבן זיך געשאַפן שפּאַלטן אין דער טראַדיציע און אין לעבנס־שטייגער, זענען די יוגנטלעכע אַלץ געווען פאַראַנקערט אין זיי; ס'איז אין זיי נאָך אַלץ געבליבן פיל פון דער וואַרעמקייט און זאַפטיקייט פון דער יידישער שטוב: שבת אין שטעטל, די צוגרייטונגען צום פסח און צום „סדר", די ימים נוראים, די צעלאָזענע פרייטלעכקייט פון שמחת תורה, און די אַנדערע יידישע יום־טובים האָבן נאָך אַלץ געלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די געפילן פון דער יוגנט, אַפילו ווען זיי האָבן אָנגעווירן פיל פון זייער רעליגיעזן טעם.

אין באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסטזיין פון די מערסטע יוגנטלעכע האָט נאָך געלעבט דער יידישער ירושה־גייסט, וואָס זיי האָבן איינגעזאַפּט אין חדר און אין דער העברעיִשער שול. דאָס אַלץ איז געווען אַן אויסגעצייכנטער באָדן פאַרן וווקס פון אַ ברייטער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג.

אָבער דער עיקר־כוח פון די יוגנט־באַוועגונגען ליגט אין זייער קענען פאַרוואַנדלען דעם פאַרנעפּלטן באַגער פון יעדן יוגנטלעכן אין אַ רודער צו ריכטן זיין פּריוואַטע לעבנס־שיף, איינגלידערנדיק זיך אין אַ גרויסער מחנה, וואָס קריסטאַליזירט אויס ראַמען, לאָזט וואַקסן מנהגים, מאָראַלישע ווערטן און מענטשלעכע באַציִונגען. די יוגנט־באַוועגונג האָט אַריינגעגאָסן זיכערקייט אין די יוגנטלעכע, וועלכע זענען געקומען צו איר, זיי געלערנט אַליין צו אָרגאַניזירן זייער לעבן; זי האָט פאַרפולקאָמט זייערע קענטענישן, זיי אויף ס'ניי צוגעבונדן צו דער נאַטור, האָט פאַרטריבן די פאַרצווייפלונג, צוליב דער טרויעריקער ווירקלעכקייט אַרום זיי, און האָט אַריינגעבלאָזן אין זיי אַ גלויבן, אַז ס'דערוואַרט זיי אַ בעסער לעבן.

די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט אין די דרייסיקער יאָרן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבנס־צענטער, וואָס האָט געגעבן אינהאַלט דעם גאַנצן שטעטל.

פיל הונדערטער יינגלעך זענען שוין געווען אָרגאַניזירט אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, צענדליקער פון די אונטערגעוואַקסענע זענען שוין געווען אויף דער הכשרה און אַ טייל איז שוין עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אָן שום צווייפל, אַז ווען דער גורל וואָלט צוגעגעבן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס נאָך אַ צען יאָר טעטיקייט, וואָלטן מיר געווען עדות, ווי אַזוי דאָס שטעטל ליידיקט זיך אויס פון יוגנטלעכע; דער גרעסטער טייל וואָלט זיך געווען געווענדט קיין ארץ־ישראל.



נקודת־האיסוף
של פליטי־אוקראינה
1920—21

„זבאָרנע
פּונקט"
(זאַמל־פּלאַץ)
פון די פליטים
פון אוקראינע

קבוצת עסקניות קיבלה את פני פליטי הפרעות מאוקראינה שהגיעו לעיירה בשנות 1920—21. השנייה מימין בשורה האמצעית, בחולצה הלבנה, היא הגב' דורה גורפינקל. רוב המצולמים — פליטים וילדיהם.

אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוערינס האָט אויפגענומען די פּאָגראָם־פליטים („בעזשענצעס") פון דער אוקראַינע, אין די יאָרן 1920—21. די צווייטע פון רעכטס, מיטעלע שורה, אין דער ווייסער בלוזע, איז פרוי דאָרא גורפינקל. (דאָס בילד האָט אַריינגעשיקט ד"ר מאיר (מיראָנטשיק) גורפינקל (ריאָ, בראַזיל). דער רוב אויפן בילד באַשטייט פון פליטים און זייערע קינדער.

מרדכי רייכער

יידן און קריסטן - שכנותדיקע באַציונגען

אין די ראַנד־קוואַרטאַלן פון שטעטל, באַזונדערס אין די דרומדיקע און אין די מזרחדיקע טיילן, האָט געוווינט די קריסטלעכע באַפעלקערונג, וואָס האָט געציילט אַרום פינף־זעקס טויזנט נפשות. די דאָזיקע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון עטלעכע עטנישע גרופן. צווישן זיי זענען געווען די קאַצאַפעס, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דער „קאַצאַפסקע גאַס". זיי זענען געווען פון פּראַוואָסלאַווישן גלויבן, אָבער געהערט צו אַ ספּעציעלער סעקטע; נעבן זיי האָבן געלעבט די ציגיינער, אויף זייער אייגענער גאַס, די „ציגיינערישע גאַס"; און מער צו מזרח האָבן געוווינט מאָלדאָוואַנעס.

ווען דו ביסט אַריבער דעם יידישן תחום־המושב און אַריין אין די קריסטלעכע קוואַרטאַלן, האָסטו געהאַט דאָס געפיל, אַז דו געפינסט זיך אין אַ טיפּישן קריסטלעכן דאָרפישן ישוב, סיי לויט דעם אויסערלעכן אויסזען און סיי לויט דער אַלגעמיינער אַטמאָספער, וואָס האָט דאָרט געהערשט. די הייזלעך זענען, מייסטנס, געווען נידעריקע, געבויט פון בלאָטע־ציגל, מיט קליינע פענצטערלעך און שטרויענע דעכער. לענג־אויס די פראָנט־ווענט פון די הייזלעך, זענען געווען ברייטע, אָפּגעקאַלכטע פריזבעס אין בלויע און ראָזע פּאַסן, און איבער זיי, אונטערן דאַך, זענען געהאָנגען, אויפגעציליעט אויף פעדים, געטריקנטע דיניע־קערלעך.

די גאַסן זענען געווען זייער שטילע, אָנגעזאַפּטע מיט דאָרפישער אַטמאָספער. אַרום די הייזער זענען געווען הויפן („אָבאָרעס" האָט מען זיי גערופן) מיט גערטנער, בלומען־בייטן און פאַרשיידענע פרוכטביימער; אין יעדן הויף איז געווען אַ שטאַל מיט אַ קו אָדער צוויי, אַ הינערשטייג, אַ טויבן־שלאַק און אויף ספּעציעלע הילצערנע געשטעלן זענען געהאָנגען פאַרשיידענע מילכטעפּ און לאַדישעס.

קיין שאָסייען זענען דאָרטן, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, אַזוי ווי זיי זענען נישט געווען אין די יידישע גאַסן. דערפאַר אָבער זענען דאָרט געווען אַ סך גריבער און גריבלעך, צוליב דעם אָפטן פאַרקער פון די פורן, און גרויס איז דאָרטן געווען די בלאָטע, ווינטער און פרילינג, וועלכע איז, זומערצייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַרטע הרודעס ערד און אין דינעם שטויב.

די נאָענטקייט צווישן די צוויי טיילן פון דער באַפעלקערונג איז געווען נישט נאָר אַ געאָגראַפישע; צווישן ביידע טיילן האָבן עקזיסטירט האַנדל־באַציונגען; ס'איז אויך געווען אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער קאָנטאַקט.

דעם אמת זאָגנדיק, ווען אַ ייד — אַ יינגל אָדער אַ דערוואַקסענער — איז אַריינגעפאַלן אין די גוייִשע קוואַרטאַלן, האָט ער זיך נישט צום בעסטן געפילט. די גויים, דאַקעגן, האָבן זיך דווקא געפילט היימיש צווישן די יידן.

דער קריסטלעכער קלויסטער האָט זיך שטאָלץ אויפגעהויבן אין סאַמע האַרץ פון דעם יידישן טייל פון דעם שטעטל, און זיינע אָפּגעגילדעטע צלמים האָבן געבלישטשעט קעגן די שטראַלן פון דער זון. די מיינסטע שטעלן מיט גרינסן און פרוכטן איןביידע מערק, סיי דער ביים קלויסטער און סיי דער אין מערבדיקן טייל פון שטעטל (די „אייבערשטע טאָרהאָוויצע"), האָבן געהערט צו די קריסטן. באַזונדערס האָבן זיך שטאַרק געלאָזט מערקן די שטעלן, ביי וועלכע מען האָט פאַרקויפט חזיר־פלייש — און זייערע אייגנטימער — די א"ג „חזירניקעס". די שטעטלשע גויים זענען אויך געווען די, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אויפן מאַרק אָנגעפילטע פורלעך מיט אַרבוזן, עפּל, פלוימען און וויינטרויבן (פּאָמען); אָדער — מיט בוראַקעס און דיניעס פאַר די בהמות.

אויב טאָג־טעגלעך אַזוי, איז אַוודאי און אַוודאי אין די ירידים און מאַרקטעג. וואָס האָט מען נישט געבראַכט צו פאַרקויפן אויפן מאַרק? עופות, אייער, גרינסן, קאַרטאָפליעס או"וו. דאָס אָרט איז צו קליין געווען אויפצונעמען די אַלע, וועלכע זענען אַהין געקומען — סיי די פאַרקויפער און סיי די קונים. איינער האָט זיך געריבן אָן דעם צווייטן; מען האָט געקויפט און פאַרקויפט; און דער טומל, די געשרייען און אויסרופן איבער דער „סחורה" און איר פרייז, האָבן פאַרטויבט די אויערן.

זיכער האָבן די אָרטיקע קריסטן — און מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער — געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, פון ערשטן ראַנג, אין דער עקאָנאָמיע פונעם שטעטל. אַן איבערוויגנדיקער טייל פון די יידן האָט געצויגן חיונה פון זייערע גוייִשע קונים, ווייל כדי צו קריגן קליידונג, שיך, צעלניק, גאַלאַנטעריע, טוטון און שאַרפע געטראַנקען — האָבן די גויים געדאַרפט אָנקומען צו די יידן. אָבער די בויאַרבעט — ביז צום פאַרבן — איז געווען אין גאַנצן אין גוייִשע הענט. קיין שום ייד האָט נישט געקאָנט בויען אָן זיי.

די גויים האָבן אויך אויסגעפירט זייטיקע דינסט־אויפגאַבן אין יידישן לעבן. פון זיי האָבן געשטאַמט די כלי־זמר אויף די חתונות, וועלכע זענען באַקאַנט געווען מיט אַלע ספּעציפישע און אָנגענעמע ניגונים אויף אַ יידישער חתונה, ווען מען האָט געפירט די כלה צו דער חופה און פון איר. זיי האָבן

אויך באַגלייט, אויף צומאָרגנס נאָך דער חתונה, אַלע מחותנים צוריק אין זייערע היימען. די אומעטיקע ניגונים פון די ציגיינערישע פידל־שפּילער איוואַניצאַ און וואַניאַ „פּודעליאַק", בעת דער בדחן שלום פּאַריקמאַכער האָט „באַזעצט" די כלה, פאַר איר גיין צו דער חופּה — האָבן גערירט דאָס האַרץ פון אַלע אָנוועזנדיקע און זיי געבראַכט צו טרערן.

כדי דינען דעם היסטאָרישן אמת, טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז ווען מען רעדט וועגן מוזיקאַנטן און כלי־זמר, מוז מען אויך דערמאָנען מאָטלען דעם „קלעזמער", וועלכער האָט געפייפט אויף אַ פליט, און זיין זון זלמן, וועלכער איז שוין אַרויסגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין צו לערנען מוזיק, האָט געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע, זיך צוריקגעקערט אין שטעטל אַ פּולקאָמער פידלער און האָט באַוויזן ממש וווּנדער מיט זיין פידל.

אויך די „פּורים־שפּילער" זענען באַשטאַנען פון גויִישע כלי־זמר. זיי פלעגן גיין איבער די ייִדישע הייזער בעת דער פּורים־סעודה און אויך אויף צומאָרגנס, נאָך דער פּורים־נאַכט. זיי האָבן געשפּילט בעתן אַריינברענגען אַ נייע ספר־תורה אין אַ קלויז אָדער בית־מדרש. זיי האָבן אויך באַגלייט מיט מוזיק דאָס ווייזן אַ פילם (איידער עס איז דערשינען און אַראָפּגעקומען אין שטעטל דער קלאַנג־פילם) אין די צוויי קינאָ־זאַלן אין שטעטל (מ'האָט זיי גערופן „ליזיאָן" — אילוזיאָן). זיי פלעגן שפּילן צוערשט אין דרויסן,ביים אַריינגאַנג אין זאַל, כדי צוצוציען דעם עולם צו דער פאָרשטעלונג. זיי האָבן אויך נישט געפעלט אין קיין שום פאַרווײַלונג, באַל און ענלעכע געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען.

און עס זענען געווען נאָך עטלעכע, זייטיקע דינסט־אויפגאַבן, וואָס דער קריסטלעכער שכן האָט אויסגעפירט אין שטעטלשן לעבן. מיר ווילן דערמאָנען אייניקע פון זיי: ער איז געווען דער „פּאָטשטאַליאָן" (בריווטרעגער). ער פלעגט איינהייצן דעם אויוון אין די ווינטערדיקע, שבתדיקע פרימאָרגנס אין דער ייִדישער שטוב; ער איז געווען דער פּאַסטעך פון דער טשערעדע קי און יעדן פרימאָרגן פלעגט מען אים קאָנען זען אַרויספירנדיק זיי צו דער פּאַשע אויסערן שטעטל; ער איז געווען דער שומר אויפן בית־הקברות; אויסער די געלט־שכירות, וואָס ער פלעגט באַקומען פון דער „חברה קדישא", פלעגט ער יעדן שבת אַרומגיין איבער די ייִדישע הייזער און צונויפזאַמלען אַ פולן זאַק מיט ברויט, שבתדיקע חלה און אַנדערע שיריים פון שבת־טיש. דער שומר האָט אויך געהאַט די אַלייניקע רעכט אָפּצוקויפן דעם „חמץ" ערב־פּסח; ער פלעגט, שבת און יום־טוב, אָפּהיטן די יזכור־ליכט, וואָס זענען אָנגעצונדן געוואָרן אין די קלויזן, כדי עס זאָל, חס וחלילה, נישט אויסברעכן קיין שריפה.

און הגם די באַציִונגען צווישן די ביידע שכנים זענען געווען אַזוי ענג, האָט זיך דער ייִד, דעם אמת זאָגנדיק, דאָך נישט געפילט אַזוי זיכער אין דער אויסשליסלעכער געזעלשאַפט פון זיינע גויִישע שכנים און פלעגט זיך היטן, נישט צו גיין איינער אַליין אין זייערע גאַסן. די גויִישע שקצים האָבן אים געזידלט, געשאָלטן און דער נאָמען „זשיד" איז ביי זיי זייער שטאַרק געווען אָנגענומען. זיי פלעגן אויך וואַרפן שטיינער אָדער אָנרייצן די הינט אויפן ייִדן, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זייער סביבה.

נאָך מער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זייער קלויסטער איז זיך שטאָלץ געשטאַנען אין סאַמע האַרץ פון ייִדישן טייל פון שטעטל און האָט מיט גאווה אַראָפּגעקוקט אויף דער ייִדישער סביבה, דער נאָענטער און ווייטער, און גויִים פלעגן אַהין אָפט קומען, דורכגייענדיק דערביי די ייִדישע געסלעך פון שטעטל, האָבן זיך די ייִדן שטאַרק אָפּגעהאַלטן אַריינצוגיין אין קלויסטער און האָבן אַפילו מורא געהאַט אין אים אַריינצובליקן, כדי צו זען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, ווער שמועסט נאָך בעת זייערע יום־טובים. ווען עס פלעגט דורך די געסלעך פון שטעטל דורכגיין זייערע אַ פּראָצעסיע, אין שפּיץ מיט גלחים, אָנגעטאָנענע אין זייערע פּראַכטפולע דינסטקליידער, האַלטנדיק די הייליקע צלמים אין די הענט, זענען ייִדן געשטאַנען ביים ראַנד פון די וועגן, זיך צוגעקוקט פון דער ווייטנס און נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צו זיי. אין די נעכט פון „ראָזשדעסטוואָ" (רוסיש) אָדער „קרעטשון" (רומעניש, ווייַנאַכט), ווען קריסטן זענען דורכגעגאַנגען די געסלעך פון שטעטל, טראָגנדיק מיט זיך דאָס „שמד־וואַסער", ווען די קלויסטער־גלאָקן האָבן געקלונגען און אָנגעזאָגט די „אויפלעבונג פון גאָט" — זענען די ייִדן געזעסן אין זייערע הייזער, מיט אַ געוויסער מורא אין האַרצן.

די ייִדן אַליין, אויסער די וועלכע האָבן געוווינט אין די נאָענטע געסלעך און אין נאָענטער שכנות צו די גויִים, זענען זעלטן ווען געקומען אין זייער געזעלשאַפט. נאָר איין מאָל אין יאָר, בעת זייער פּסחא, האָבן שטעטלשע ייִדן, קליין און גרויס, געשטראָמט צו דער ציגיינערישער גאַס, כדי צו זען, זיך ווײַלן און „הנאה" האָבן פון זייער שמחה. אין יענע טעג פלעגט מען דאָרט אויפשטעלן די גרויסע „קאָטשעליע" (הוידלקע). עס זענען דאָרט פאָרגעקומען פאַרשיידענע שפּילן. מען פלעגט דאָרט עסן די פאַרביקע אייער, די „פּיסענקעס". דער אָרקעסטער פלעגט שפּילן, און יונגוואַרג פלעגט אַרויס אין פאַלקסטענץ.

די גויִישע מיידלעך, די שיקסעס, בעיקר די קאַצאַפּישע, פלעגן גיין אָנגעטאָן אין באַבלימטע קליידער; פאַרביקע, זיידענע בענדער האָבן באַצירט זייערע צעפּ, וועלכע פלעגן אַראָפּהענגען אין דער לענג פון זייער רירעוודיקן קערפּער...

דעם אמת זאָגנדיק — ס'האָט די ייִדישע יוגנט געצויגן אַהין, אין די פאַרווײַלונגס־טעג. און צווישן אונדז זאָל עס בלייבן: אויף די בחורים האָט אויך דאָרט געוואָרט אַן „אַנדערע" פאַרווײַלונג — אַ „נאַטירלעכע" שמחה...

די מאַטעריעלע לאַגע, די הייזער, דאָס רייכטום און דאָס אַרט לעבן פון די ייִדן — אויב אַפילו נישט פון אַלע — האָבן אַרויסגערופן נישט ווייניק קנאה אין די הערצער פון די גויִישע שכנים, און נישט־ווייניקע פון זיי האָבן געכאָוועט אין זייערע הערצער, טייוולאָנישע פּלענער און געוואָרט אויפן טאָג, ווען זיי וועלן קאָנען קומען פּאַגראָמירן און רויבן דאָס

יידישע פאַרמעגן ; „קומען מיט די זעק״ — לויט זייער לשון — און ראַבעווען.

בעת יעדער פּאָליטישער אָדער געזעלשאַפטלעכער אויפטרייסלונג, וואָס איז געקומען אויף רוסלאַנד און בעסאַראַביע — פאַרוואָס טאַקע זאָלן עס אונדזערע שכנים נישט געווען אויסנוצן די „געלעגנהייט״, צו מאַכן אַ ביסל „פריילעך״ ? אַזוי איז עס געשען אין די יאָרן 1887 און 1904־1905; עס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען פּאָגראָמען, און יידישע געשעפטן און הייזער זענען באַרויבט געוואָרן.

עס איז נאָך פריש אין אַלגעמיינעם זכרון דער פּאָגראָם פון יאָר 1917, אין דער צייט פון מאַכט־וועקסל, פאַרן אַרויסגיין פון די רוסן און איידער דעם קומען פון די רומענער ; און גאַנץ צו לעצט — דאָס יאָר פון רויב, חורבן און מאָרד — 1941.

אַ ספּעציעלע נעסט פאַר די גיפט־טרעגער קעגן די יידן איז געווען דער טעאָלאָגישער גלחים־סעמינאַר (די „סעמינאַריע״). די הונדערטער תלמידים און זייערע לערערס, זייערע פייערלעכע פאַראַנשטאַלטונגען, זייערע פּראָצעסיעס אין די פאַרביקע רומענישע נאַציאָנאַלע קליידער, האָבן געפלאַנצט שׂנאה־קערנער צווישן דעם יונגן קריסטלעכן דור און אַפילו צווישן די דערוואַקסענע און האָבן גענערט אין זיי די האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלן קאָנען צוזען די מפּלה פון די יידן — די מערדער פון איסוס כריסטאָס.

און זייער „גרויסער״ טאָג איז טאַקע געקומען און, צו זייער אייגענער גרויסער איבערראַשונג, אין אַזאַ פאָרעם, וואָס זיי אַליין האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט.

יולי 1941. ווידער בייט זיך די מאַכט און עס קומען אָן די ביטערע, בלוטיק־טראַגישע טעג. דאָס פאַרמעגן פון די יידן ווערט אַוועקגערויבט, און זייער לעבן איז הפקר. זייער פיל יידן זענען קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט געוואָרן, און די אַנדערע, די לעבנגעבליבענע, זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער שטעטל, ווו זיי זענען געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן, וואָס זיי האָבן געפלעגט און ליב געהאַט. הינטער זיך האָבן די אַרויסגעטריבענע איבערגעלאָזט צעשטערטע היימען, דאָס צוגערויבטע האָב־און־גוטס, די אויסגעמאָרדעטע קרובים און טייערע און זענען באַגלייט געוואָרן דורך שפּאָט־בליקן און אָפענעם שאָדנפרייד מצד זייערע גויִישע שכנים ; און פאַר זיך האָט זיך געצויגן דער לאַנגער וועג פון פּיין, הונגער, יסורים און פאַריתומטקייט.

יוזי לאַנדע

אויפן ראנד פון די געשעענישן

ס׳איז זייער שווער געגוי פעסטצושטעלן דעם בראשית פון יידישן ישוב אין יעדינעץ און אַנאַליזירן זיין סאָציאַלע און קולטורעלע סטרוקטור, אָן זיך צו באַקענען מיט דער אַלגעמיינער סביבה און די ווירקונג, וואָס זי האָט אויסגעאיבט אויפן לעבן פון יידישן ישוב אין שטעטל.

מ׳קאָן נישט אָפּטיילן די היסטאָרישע אַנטוויקלונג און די לאַגע פון די יידן אין שטעטל פון די אַלגעמיינע היסטאָרישע באַדינגונגען פון צפון־בעסאַראַביע. היינט־צו־טאָג איז אַוודאי שווער אונטערצונעמען אַזאַ פאָרשונגס־אַרבעט, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים : מאַנגל אין דאָקומענטאַרע מאַטעריאַלן, אוממעגלעכקייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די פאַקטאָרן און אַרכיוון אויפן פּלאַץ און די קנאַפּע צאָל לעבנגעבליבענע, וואָס וואָלטן געקאָנט אָפּגעבן אויטענטישע עדות איבערן אַמאָליקן ישוב ; אויסער דעם זענען די שרידים צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט.

זיך באַזירן בלויז אויף סברות, היפּאָטעזן און נישט קאָנטראָלירטע זכרונות — וועט נישט זיין גאַנץ אויסגעהאַלטן.

דאָך וועל איך מיר נעמען דאָס רעכט זיך באַנוצן מיט אָנדייטונגען, סימנים און רמזים, כדי עפּעס צו זאָגן צום ענין „יעדינעץ״, אונטערשטרייכנדיק דערביי, אַז דאָס געזאָגטע האָט נישט קיין פּרעטענזיע צו בילדן אַ היסטאָרישע פאָרשונג ; אפשר וועט עס דינען אַלס רויער מאַטעריאַל פאַר אַ היסטאָריקער, אויב אַזעלכער וועט זיך געפינען.

עטימאָלאָגיש — זאָל דער נאָמען „יעדינעץ״ שטאַמען פון סלאַווישן אָדער רוסישן וואָרט „יעדיניצאַ״ (איינהייט) אָדער „יעדיניטשנאַ״ (איינציקע, אויסדערווײלטע) ; אַנדערע געפינען אין דעם ענדונג „יץ״, ווי „ויץ״ און „צי״ אַ וואָלעכיש־רומענישע עטימאָלאָגישע אָפּשטאַמונג.

ווי ס׳ווייזט אויס, באַזיצט נישט דאָס שטעטל קיין ווייטן היסטאָרישן עבר. עס ליגט צווישן בערגלעך, אין אַ טאָל, ווו ס׳זאָל זיך געווען געפינען, אין ווייטן געאָלאָגישן עבר, אַ פליסנדיקע ריטשקע, פון וועלכער ס׳איז געבליבן דער שטייענדיקער טייך, וועלכן די שטעטלשע האָבן אָנגערופן „סעמינאַריע־



„אַזוי האָט אויסגעזען די שטוב פון מיין זיידן, אברהם־הערש קויפמאַן" — צייכענונג פון י. לאַנדע.

טייך", צוליב דער שכנישאַפט מיט די געביידעס פונעם לאַ־קאַלן גלחים־סעמינאַר(יע).

דער „פּלאַן" פון שטעטל איז ענלעך צו אַ צעשניטענעם שטח אין כמעט רעגולערע קוואַדראַטן און רעכט־ווינקלען, דורך גאַסן, וועלכע האָבן זיך דורכגעקרייציקט — דאָס דאַרף אָנווייזן אויף אַ כלומרשטן אורבאַניסטישן פּלאַן. אין שטעטל פלעגט מען זאָגן: יעדינעץ איז געבויט לויטן „אָדעסער פּלאַן". יעדנפאַלס — יעדינעץ איז דער איינציקער שטאָטי־שער ישוב אין צפון־בעסאַראַביע, וואָס איז פּלאַנמעסיק געבויט און דאָס אַליין באַווייזט, אַז דער ישוב איז נישט קיין אַלטער. דער ישוב איז באַשטאַנען פון אַ מין צענטער, מיט אַלע זיינע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ ייִדישן ישוב, און שכנות מיט ווינ־פירטלען פון אַ ריי אַנדערע עטנישע גרופּעס, ווי די קאַצאַפּעס („וועליקאָ־רוסן, „סטאַראָ־ווערצעס", אַ פּראַוואָסלאַוונע סעק־טע), מאָלדאָוואַנעס און רוסנאַקעס — פּראַוואָסלאַוון, וואָס האָבן געוווינט אין דער א"ג „מאַהאַלאַ", און, לבסוף, די ציגיינער פון דער א"ג „ציגיינערישער גאַס".

דער ייִדישער קיבוץ האָט זיך, לויט מיין איינזען, אָנגע־הויבן אין דעם דרומדיקן טייל פון שטעטל, וווּ מען געפינט אייניקע פון די סאַמע עלטסטע שולן, קלויזן און, להבדיל, דעם מרחץ און אויך די אַלטע קאָוואַלסקע גאַס; דער ייִדישער ישוב האָט זיך אין די ווייטערדיקע יאָרן אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אַרום דעם אַלטן מאַרק. שפּעטער איז אויסגעוואַקסן דער נייער מאַרק — די א"ג „טאָרהאָוויצע", וווּ ס'איז געשטאַנען דער קלויסטער. ביים ראַנד פון די שליאַכן, דרום־זייט, האָבן אָנגע־הויבן אויסצוּוואַקסן די ערשטע פונקטן פון תבואות־האַנדל, שפּעטער מיט יאָרן — די „מאַגאַזאָנעס" (שייערן), וווּ ייִדן פלעגן אָפּקויפן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס די פויערים פלעגן אַריינברענגען פון די דערפער.

אָבער נישט נאָר סוחרים און קרעמער זענען ייִדן געווען אין שטעטל; עס האָבן געלעבט און געאַרבעט אינעם שטעטל כל־מיני בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, קאָוואַליעס, סטאַליאַרעס, טאָקערס, סטעלמאַכעס, רימערס, טוטון־שניי־דערס, באָדנערס, בעלי־עגלות, פּי־הענדלער, קצבים, זיצערס (פּרוכטן־הענדלער), טרעגערס, וואַסער־פירערס, אַרבעטער מיט אייגענע וואַרשטאַטן און באַצאָלטע פון טאָג, וואָך אָדער „זמן", אָנגעשטעלטע, אַרענדאַרעס, קאָמיסיאָנערן, מעקלערס, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַפּטייקערס, לערערס, „פּריקאַזטשי־קעס" (האַנדלס־אָנגעשטעלטע) און אויך באַזיצער פון קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווי מאַסלאָבוינעס (בוימל־זאַוואָדן), זייף־זאַוואָדן, מילן, וואָל־ציפּערס, ציגעלניעס אד"גל.

אויף דער ייִדישער גאַס האָבן געווירקט אַלע פּאָליטישע אָריענטאַציעס פון דער צייט. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען: פון די חובבי־ציון ביז אַלע שפּעטערדיקע ציוניסטישע פּאַרטיי־ניואַנסן; רע־וואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע גרופּקעס, וואָס זענען אין זייער צייט געשטאַנען נאָענט צום „בונד"; דערנאָך קאָמו־ניסטישע צעלן, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק אין ייִדישיסטישע קרייזן וכד'. צווישן די דאָזיקע יוגנט־גרופּעס האָבן זיך אַנטוויקלט „קאָנפליקטן", פאָרגעקומען ליידנשאַפט־לעכע דיסקוסיעס און לעבעדיקע דעבאַטן, וועלכע האָבן אויס־קריסטאַליזירט אַ ברויזנדיקן, דענקענדיקן און אַקטיוון דור.

פון וועלכע מקורות האָט מען געשעפּט תורה, חכמה, בילדונג און וויסן? וועלכע זענען געווען די יסודות, אויף וועלכע מ'האָט געבויט די דערציִונג? דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז איינס פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע, דאָס סאַמע וויכ־טיקסטע אין זין פון אויפהאַלטן און אויפבויען די ספּעצי־פישקייט פון ייִדישן לעבן. אינעם קליינעם שטעטל, פונקט

ווי אין די גרעסערע ייִדישע צענטערס, איז עס געווען, קודם־כל, אַ פּועל־יוצא פון ייִדיש־טראַדיציאָנעלן און רעליגיעזן לעבן, ווי עס האָט זיך, אין פאַרשידענע פאָרמען, אויסגעדריקט, דורכן מויל פון פאָלק, ביים דאַוונען און ביים בענטשן, ביים אַרבעטן און ביים רוען, אין ליידן און אין פריידן, אין צער און אין האָפענונג.

אינטערעסאַנט איז צו דערמאָנען אייניקע לאָקאַלע עפּיזאָדן און פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונגען. למשל, ביי דער זייט פון נייע דערציִונגס־אַנשטאַלטן, ווי : די גימנאַזיע, פּראָפעסיאָנעלע קורסן, ביבליאָטעקן און קינאָ, אין גורפינקעלס זאַל, האָט נאָך עקזיסטירט און געווירקט דער אַלטמאָדישער חדר.

ווען אין ייִדישן שפּיטאָל האָט מען שוין דורכגעפירט ווייטגייענדיקע כירורגישע אינטערווענצן, פּאַראַלעל מיט די דאָקטוירים, אַפּטייקן און די קלענערע אָדער גרעסערע לאַבאָראַטאָריעס — איז אין פאַרשידענע קרייזן נאָך אַלץ אומגעגאַנגען דער גלויבן, אַז דאָס „אָפּשפּרעכן פון אַ גוט אויג" קאָן ברענגען אַ רפואה שלימה פאַר פאַרשידענע קראַנקייטן.

אין די „באַלעבאַטישע" און פאַרמעגלעכערע שטיבער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן דער פּאַטעפאָן און דערנאָך דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אגב, מאָניע גאַרבער איז געווען דער ערשטער באַזיצער אין יעדינעץ פון אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. איך אַליין האָב צום ערשטן מאָל געהערט שפּילן אַ גראַמאָפאָן אין שטוב פון מיין זיידן, אברהם־הערש (דער רויטער) קויפמאַן. איך האָב שפּעטער פעסטגעשטעלט, אַז ער זאָל עס האָבן געקראָגן נאָך דער ערשטער „וויסטאַווקע" אַלס מתנה פון ייִדישן פּריץ (פּאָמיעשטשיק) יעקב־שמעון קויפמאַן. כאָטשביידע האָבן געטראָגן דעם נאָמען „קויפמאַן", זענען זיי נישט געווען קיין קרובים. מיין זיידע, אברהם־הערש, איז געווען אַ מעקלער ביי ייִדישע און נישט־ייִדישע פּריצים...

טראָץ דעם, וואָס „הויך־שפּרעכערס" האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן אין שטעטל, האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן איבער די שטעטלשע גאַסן און געסלעך דאָס קול פון עליק שרייער און דערנאָך פון אַנדערע „שרייערס" (ליידער האָב איך פאַרגעסן זייערע נעמען), כדי אָנצוזאָגן, אַז „דער נייער ספּעקטאַקל פון דער אָדער יענער טרופּע ווערט געשפּילט אין דעם אָדער אין יענעם זאַל...", אָדער אַז „דער שוויץ אין בית־המרחץ איז שוין פאַרטיק", אָדער כדי צו רופן צו סליחות...

מערקווירדיק און כאַראַקטעריסטיש : טראָץ דער טעכניק און דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אַריינגעדרונגען, האָט דאָס קליינע שטעטל מיט נעגל און ציין זיך געקלאַמערט אין דעם פאַרגאַנגענעם און אָפּגעלעבטן.

די ערשטע שפּראָצונגען פון ייִדישן טעאַטער האָבן אַרויסגערופן, נישט נאָר אינטערעס ביי דער מאַסע אַלס צושויער, נאָר אויך אַרויסגערופן אַ קרעאַטיוון ווילן אַליין אויך צו שפּילן טעאַטער.

איך געדענק, אַז ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין קינד, פלעגט מיין מאַמע, עליה השלום (זי איז אומגעקומען דורך די רוצחים אויפן וועג קיין טראַנסניסטריע), מיך איינוויגן מיטן געזאַנג פון לידער פון ייִדישן טעאַטער, ווי : „שבת, יום־טוב און ראש־חודש", „אָט דאָ, ביי דעם ברונעם, אָט דאָ", „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" און אַנדערע — פון די גאָלדפאַדען־פּיעסן.

זי איז אין יעדינעץ געווען איינע פון די ערשטע טעאַטער־אַמאַטאָרינס. זי האָט געשפּילט צוזאַמען מיט חנא סאָלטער, וויטיע ראַבינאָוויטש (וואָס האָט זייער שיין געזונגען און געשפּילט די ראָל פון שולמית) א"אַנד.

איך דערמאָן מיך, אַז שוין אַלס דערוואַקסענער האָב איך געפרעגט מיין מאַמען, ווער עס האָט זי געלערנט ייִדיש. האָט זי מיר דערציילט, אַז דער ערשטער לערער אירער איז געווען דער שריפטשטעלער יהודה שטיינבערג ; אָבער זייער אַ קורצע צייט האָט ער זי געלערנט.

איז עס נישט קיין וווּנדער, וואָס מענטשן, וועלכע האָבן געלערנט אין די סאַמע צוריקגעשטאַנענע באַדינגונגען, האָבן געפונען צייט און כוחות פאַר קולטור־קרעאַציעס, אַ זאַך, וואָס ביי אַנדערע פעלקער קומט פאָר בלויז אין נאָרמאַלע באַדינגונגען ? וואַרשיינלעך איז גרויס געווען דער דראַנג פון פאָלק נאָך ליכט, וויסן און קולטור.

מ'וועט מיך שלעכט פאַרשטיין, אויב מ'וועט מיר צושרייבן דעם ווילן פון מאַכן אַפּאָלאָגעטיק פונעם אַמאָליקן ייִדישן לעבנס־שטייגער. כ'האָב בלויז געמאַכט אַ פּרוּוו אָנצוּוואַרפן אויטענטישע פאַקטן און עפּיזאָדן, וועלכע גיבן אַ סקיצירטע אָפּשפּילונג פון שטעטלשן לעבנס־שטייגער ; אָט די עפּיזאָדן קענען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַרן עווענטועלן היסטאָריקער, ווען ער וועט פּרוּוון צוזאַמענצושטעלן די געשיכטע פון אַ ייִדישן ישוב און אויסמאָלן זיין אויפקום, קיום און ליידער, אויך זיין טראַגישן אומקום.

ריאָ דע זשאַנייראָ, בראַזיל

פון דער ערשטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה

אליהו נאור — ביטשוצקי

מלחמה, רעוואלוציע און פאגראם*

אויגוסט 1914. מיר האָבן זיך אַריבערגעפירט אין אַ נייער שטוב, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט לעבן קלויסטער, אין צענטער פון שטעטל, אויף דער „טאָרהאָוויצע". מיר האָבן פאַרענדיקט אַריינצופירן די לעצטע זאַכן אין דער נייער שטוב אַריין. כ'האָב געהערט רעדן וועגן מעלדונגען אין די גאַסן, לויט וועלכע מענטשן ווערן גערופן זיך שטעלן צום „פריזיוו". פאַר נאַכט איז דורכגעגאַנגען עליק שרייער, באַגלייט דורך אַ באַראַבאַנשטשיק; עליק האָט אויסגעשריגן, אַז אַלע בירגער פון אַ באַשטימטן עלטער דאַרפן זיך, שוין מאָרגן, שטעלן צום פריזיוו. מיר, קינדער, זענען נאָכגעלאָפן דעם שרייער און דעם באַראַבאַנשטשיק. מיר האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון דער בשורה, וואָס זיי ברענגען. אָט דאָס „קינדער־שפיל" און דאָס געקלאַפעריי פונעם באַראַבאַן האָבן אָנגעזאָגט דעם שטעטל דעם אָנקום פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך בין דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר.

אין 1916 האָט מען רעקווירירט אונדזער „פעקאַרניע" (בעקעריי) און מ'האָט אונדז פאַרפליכטעט צו באַקן שוואַרץ ברויט, געמישט מיט גערשטנמעל; דערנאָך האָט מען דאָס ברויט געטריקנט אין אויוון. כ'געדענק, אַז מ'האָט געבראַכט טויזנטער ליידיקע זעק, וועלכע מ'האָט געדאַרפט אָנפילן מיט די שוואַרצע סעכאַרעס, האַרטע ווי שטיין. די זעק האָט מען אָנגעלאָדן אויף רעקווירירטע פורלעך, און אַלץ אַוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַציע, 18 ווערסט פון שטעטל.

די מאָביליזאַציע האָט אַרומגענומען אַלץ מער יינגערע יאָרגענג. יונגע לייט האָבן זיך געמאַכט אַ „פעלער" אין קערפער, אָדער באַצאָלט כאַבאַר, כדי זיך צו באַפרייען פון מיליטער־דינסט. אייניקע פלעגן זיין וואַך גאַנצע נעכט און לעבן אויף טיי מיט סעכאַרעס, כדי אַראָפּצודריקן די וואָג פון זייער קערפער צו אַ מינימום, מיט וועלכן מ'נעמט שוין נישט צום מיליטער. כ'געדענק, ווי זיי פלעגן קומען טרינקען טיי אין אונדזער פעקאַרניע.

אין יענע צייטן זענען אומגעגאַנגען שוידערלעכע מלחמה־געשיכטעס און מענטשן פלעגן שעלטן סיי פאָניע גנב (רוסלאַנד) סיי קיר"הן (די עסטרייכער) און סיי דעם דייטשן קייזער ווילהעלם.

מיר זענען געווען דערשיטערט, ווען אין אַ העלן טאָג האָט זיך אומגעקערט פונעם פראָנט מיין מאַמעס אַ פלימעניק, אָן אַ פוס. ער איז אָפּגעלעגן ביי אונדז אַ חודש צייט, איידער ער האָט געקענט אַהיימפאָרן.

מיין ברודער משה איז אַלט געוואָרן 17 יאָר. אָט איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מ'האַלט ביים מאָביליזירן אויך אָט דעם יאָרגאַנג. ס'האָבן אונדז באַשלאָגן אַנגסטן. די מאַמע איז אַוועקגעפאָרן מיט משהן קיין אָדעס און דאָרט באַצאָלט אַ ממון־קורח, כדי ער זאָל אויפגענומען ווערן אין אַן אַמוניציע־פאַבריק, אַ זאַך, וואָס האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט געשיקט ווערן אויפן פראָנט. דאָס איז געווען אַ ווענדפונקט אין זיין לעבן: ער איז דערווייטערט געוואָרן פון זיין משפחה און פון יידישקייט; אין פאַבריק איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט און אין קורצן איז ער געוואָרן איינער פון יענע גרויסע רעוואָלוציאָנערע קעמפער, וועלכע האָבן דעראָבערט אָדעס פון די ביעלאָגאַרדייצעס. אַלס „טרייער זון פון דער רעוואָלוציע" איז ער

* דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט אליהו נאור (ביטשוצקי) אַריינגעשיקט אַ פּאָר וואָכן, איידער די מערדערישע האַנט פון די אַראַבישע טעראָריסטן האָט אים געטראָפן, צוזאַמען מיט בערל (דב) דאַנדושאַנסקי (דורי) אויף די פעלדער פון קבוצת־מסדה, אין עמק הירדן, דעם 29־טן מערץ 1968.

פֿאַרבליבן אין אָדעס. ס׳זענען צו אונדז אָנגעקומען קלאַנגען, אַז ער האָט דאָרט אויפגעשטעלט אַ משפּחה; אַהיים איז ער מער נישט געקומען; זיינע שפּורן זענען פֿאַרשווּנדן געוואָרן.

די מלחמה האָט זיך אויסגעברייטערט און אָפּקלאַנגען פֿון איר זענען אָנגעקומען אויך צו אונדז אין שטעטל. דאָס איז געווען אין אַ זומערדיקן אָוונט פֿון יאָר 1916. פּלוצים — האָבן געדונערט האַרמאַטן. אין יענעם זומער פֿלעגט מען מאָביליזירן אַלע איינוווינער פֿון שטעטל, איבערן מיליטער־עלטער, ייִדן און גויִים, צו גראָבן „אָקאָפּעס״ (שוץ־גראָבנס). אין דער שטיל האָט מען איבערגעגעבן, אַז דער פֿראָנט דערנענטערט זיך צו אונדזער סביבה.

אין אַ געוויסן טאָג, פֿעברואַר 1917, איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. פּלוצים האָט מען אונדז, אין אַ פֿאַרמיטאָג, אַהיימגעשיקט פֿון דער שול. אין שטעטל איז געוואָרן אַ רעש און אַ געפּילדער. פּאָליצײ־לייט זענען געלאָפֿן איבערן שטעטל. פֿון אַלע זייטן האָט מען געהערט שרייען „סוואָבאָדאַ״..., „דאַלאָי ניקאָלאַי!״... אַ סטראַזשניק (אַ מין וועכטער־פּאָליציסט) איז אַריין אין אונדזער בעקעריי, אַראָפּגעריסן פֿון דער וואַנט דעם צאַר ניקאָלאַיס בילד, עס צעריסן אויף שטיקלעך און עס געטרעטן מיט די פֿיס, שעלטנדיק און שרייענדיק: „אַ טויט דעם קיסר״ און „דאַ זדראַווסטוויעט סוואָבאָדאַ!״ אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פֿאָרגעקומען די מאַניפֿעסטאַציע קעגן צאַר, און אין בולוואַר איז געווען אַ גרויסע פֿייערונג: ס׳האָט געשפּילט מוזיק און מ׳האָט געהאַלטן פֿלאַם־פֿייערדיקע רעדעס.

מיליטער איז דורכגעגאַנגען דאָס שטעטל צום רומעניִשן פֿראָנט. איין פּאָלק איז געבליבן אין שטעטל און די סאָלדאַטן זענען צעשטעלט געוואָרן אין די ייִדישע הייזער. ביי אונדז זענען איינגעשטאַנען דריי אָפֿיצירן און אַ סערזשאַנט — אַ טאָטער.

און ווידער אַ מאַניפֿעסטאַציע אין גאַס, מיטן אָנטייל פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען; אויך די סאָלדאַטן און זייערע אָפֿיצירן האָבן דאָס מאָל אָנטיילגענומען. זיי האָבן פֿון צייט צו צייט געשאָסן אין דער לופֿטן. דער טאָטערישער סערזשאַנט איז געווען אַ גוטער בחור. ער האָט מיך מיטגענומען צו דער מאַניפֿעסטאַציע. ער האָט געשאָסן פֿון זיין ביקס און מיך אויך געלאָזט דריקן אויפֿן צינגל. אויף דער גאַס זענען געווען טריבונעס, אויף וועלכע ס׳האָבן געהאַלטן רעדעס ייִדן און גויִים. אָבער ס׳רוב ייִדן. כ׳בין אַלט געווען 10 מיט אַ האַלבן יאָר.

דער פּאָגראָם

אָבער די זיסע פֿרייהייט האָט קיין סך נישט געדויערט. די צאַרישע ממשלה איז אונטערגעגאַנגען. בעסאַראַביע האָט זיך געפֿונען ווייט פֿון די צענטראַלע פּאָליטישע געשעענישן. ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן די קנאָספּן פֿון אַנאַרכיע, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. די ייִדן זענען דאָך תמיד געווען דער שעיר לעזאזל פֿון אַלע רעזשים־ענדערונגען.

דער פֿריערדיקער רעזשים איז צעשטערט געוואָרן און אויף זיין אָרט איז נישט אויפֿגעשטעלט געוואָרן קיין נייע אָרדענונג, וואָס זאָל פֿאַרזיכערן רו, סטאַביליטעט און שלום. פֿינצטערע סאָציאַלע כוחות זענען אַרויס פֿון אונטערגרונט, וועלכע האָבן געפֿונען אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די „זשידעס״. אָנהויב 1918 האָבן אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען.

ס׳איז געווען דעם 17־טן פֿעברואַר. ס׳האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ס׳גרייט זיך אַ פּאָגראָם. אין דער הוסיאַטינער קלויז, וווּ מיר האָבן געדאַוונט, האָט מען גערעדט, אַז מ׳שטעלט אויף אַ „סאַמאָ־אָבאָראָנע״ (זעלבשוץ). פּלוצים האָט מען דערהערט געשרייען, אַ געיאָמער, קלאַפּערייען, אַ צעברעכן פֿון טירן און לאָדנס. בעיקר זענען די קולות אָנגעקומען פֿון מזרחדיקן טייל שטעטל. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם. די פּאָגראָמשטשיקעס זענען געקומען פֿון די קריסטלעכע טיילן פֿון דער שטאָט. מ׳האָט געזאָגט, אַז די קצבים און בעלי־עגלות זענען מיט שטעקנס און אייזנס אַרויס קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס און האָבן זיי נישט צוגעלאָזט צוצוקומען צו זייערע הייזער. אין די אַנדערע טיילן פֿון שטאָט האָבן ייִדן אָנגעהויבן צו אַנטלויפֿן. אַנדערע האָבן זיך פֿאַרמאַכט הינטער פֿאַרריגלטע טירן און געוואַרט אויף זייער ביטערן גורל. אין יענער שוידערלעכער נאַכט האָבן מיר נישט צוגעמאַכט קיין אויג. מיר זענען אַרויף אויפֿן צווייטן גאָרן פֿון אונדזער הויז און דאָרט איבערגעוואַרט, איינגעוויקלט אין מאַנטלען און קאָלדרעס. משפּחה־קרובים פֿון די ווייטע גאַסן זענען צו אונדז געקומען. די ווייבער האָבן געוויינט און מיר, קינדער, זענען געווען דערשראָקן און נישט אַרויסגעלאָזט קיין דעך פֿון מויל.

אין דער פֿרי האָבן זיך געעפֿנט די קלייטן, אָבער דאָס לעבן האָט זיך נישט אומגעקערט צום נאָרמאַלן. אין דער לופֿט האָט געשמעקט מיט פּולווער. מ׳האָט געהערט וואָס ס׳האָט נעכטן פּאַסירט, ווּעמען האָט מען אָפּגעראַבעוועט און ווער פֿון די קריסטלעכע „פֿריינט״ האָט אָנטיילגענומען אינעם רויב. די קריסטן האָבן זיך גערייצט מיט די ייִדן און געסטראַשעט, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנהייב.

די „סאַמאָ־אָבאָראָנע״

נישט ווייט פֿון שטעטל, אייניקע האָבן געזאָגט, אַז אין בולוואַר, איז געשטאַנען אַ פּאָלק סאָלדאַטן; מ׳האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פֿונעם פֿראָנט, צווישן רומעניע און בולגאַריע, און אַז זייער קאָמענדאַנט וויל נישט העלפֿן די ייִדן. דערנאָך האָט מען איבערגעגעבן, אַז דאָנערשטיק אין אָוונט וועט זיך דער פּאָגראָם אויסברייטערן אויפֿן צענטער פֿון שטעטל. ס׳איז געווען אמת.

אין אָוונט האָט מען אונדז בלויז איבערגעגעבן, אַז מען פֿאַרזאַמלט זיך ביי אונדזערן אַ שכן, כדי צו אָרגאַניזירן אַ „סאַמאָ־אָבאָראָנע״ (זעלבשוץ). מיין ברודער האָט מיטגעטיילט, אַז ער גייט צו אַ „סאָבראַניע״ (פֿאַרזאַמלונג) און אַז ער ווייסט נישט, ווען ער וועט זיך אומקערן אַהיים.

כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן זעלבשוץ.

כ׳בין אים נאָכגעגאַנגען, אַז דעם ער זאָל עס וויסן. כ׳האָב מיך אַריינגעגנבעט אין יענער שטוב און זיך צוגעהערט וואָס מ׳רעדט. דאָס גאַנצע געווער, וואָס האָט זיך געפונען אין יידישע הענט: אייניקע רעוואָלווערן און אַ ביקס מיט קוילן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגיין אין די זייטיקע גאַסן, דאָרט באַגעגענען די פּאָגראָמשטשיקעס און נישט צולאָזן, זיי זאָלן אַריינדרינגען אין צענטער שטאָט. איך בין נאָכגעגאַנגען מיין ברודער, פון דער ווייטנס, נישט וויסנדיק, וואָס ס׳וועט געשען. די גאַסן האָבן זיך אויסגעליידיקט פון מענטשן און איך האָב פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט מיין ברודער. פּלוצים האָב איך מיך דערזען אַליין אין דער גאַס. כ׳האָב אָנגעהויבן צו וויינען. ס׳האָט מיך אָבער דערזען אַ באַקאַנטע פרוי (פּערל האָכנבערג) און זי האָט מיך אַהיימגעפירט. אין דער היים איז שוין געווען אַ פּאַניק און מ׳האָט זיך געפרייט, וואָס כ׳בין אַהיימגעקומען. ביי אונדז אין דער היים האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט קרובים און שכנים מיט זייערע קינדער. שטילערהייט זענען מיר אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן גאָרן. מ׳האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און מיר זענען געזעסן אין דער פינצטער. אונטן, אין דער פּעקאַרניע, האָט מען געאַרבעט, ווי געוויינלעך.

צו אונדזערע אויערן האָבן דערגרייכט ווילדע געשרייען און קללות. די פּאָגראָמשטשיקעס איז געלונגען, טראָץ דער וואַך, אַריינצודרינגען אין צענטער פון שטעטל. מיין ברודער האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיט זיין געווער. ס׳איז אונדז לייכטער געוואָרן. די פּאָגראָמשטשיקעס זענען אַריין אין אונדזער הויז. אַז זיי האָבן געזען, אַז מ׳באַקט ברויט, האָבן זיי גאָרנישט אָנגערירט און זענען אַריבער אין די שכנותדיקע הייזער און קלייטן. מיר האָבן געקוקט דורך די פענצטער און האָבן געזען ווי מ׳ברעכט אויף די טירן פון די געשעפטן, מ׳פּלינדערט און מ׳רויבט. אַ גרופּע רויבערס איז צוגעקומען צו דער לאַנגער שורה קלייטן, קעגנאיבער אונדזער הויז, וועלכע זענען געווען געבונדן איינע מיט דער צווייטער אונטער איין דאַך — 18 קלייטן און וווינונגען. די גרופּע האָט אָנגעהויבן צו פּאָגראָמירן די ערשטע קלייט, פון רעכטס, פון אברהם גענדלער — אויפגעבראָכן און געראַבעוועט. דערנאָך זענען זיי אַריין אין דער גאַלאַנטעריע־קלייט פון ר׳ משה לערנער (משה דער דודלעכעס). דאָ, האָבן מיר געזען, גיסן זיי אויס פלעשער גאַז (נאַפט) און צינדן אונטער. ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרק פייער, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט פון קלייט צו קלייט. די יידן זענען אַרויס פון די שטיבער און געפּרווט לעשן דאָס פייער; אָבער די גויים האָבן זיי געסטראַשעט און נישט צוגעלאָזט לעשן די שריפה.

פּלוצים איז אָנגעקומען, רייטנדיק אויף אַ פערד, אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען בערעזין (אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט) וועלכער האָט געהאַלטן צוויי רעוואָלווערן אין זיינע הענט. זיין דערשיינען האָט געווירקט אויף די פּאָגראָמשטשיקעס און זיי זענען זיך צעלאָפן. מ׳האָט אָנגעהויבן צו לעשן דאָס פייער, ס׳איז אָבער נישט געווען מיט וואָס. אַ גאַנצע נאַכט האָט געבושעוועט די שריפה; אויך צו מאָרגנס האָט נאָך געברענט. אַלץ איז אַוועק מיטן פייער; די גאַנצע שורה הייזער און געשעפטן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויפן אַש.

אין אָוונט, פרייטיק־צו־נאַכטס, זענען ווידער דערשינען רוסישע סאָלדאַטן. אָבער דער פּאָגראָם איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע טיילן פון דער שטאָט; אין צענטער איז דווקא געווען רויִק. צו אונדז זענען אַריינגעקומען אַ גרופּע שיכורע סאָלדאַטן און אָפיצירן. איין סאָלדאַט האָט געצילט אַ ביקס צו מיין מומע גאָלדע. מיין מאַמע האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריע. אַן אָפיציר האָט אַרויסגעכאַפּט ביים סאָלדאַט די ביקס און האָט אים גוט אָנגעשאָלטן אויף רוסיש. נאָך דעם, וואָס מ׳האָט די סאָלדאַטן מכבד געווען מיט טיי, זענען זיי אַוועק.

מוצאי־שבת האָט זיך ווידער אָרגאַניזירט אַ גרופּע יידן צו אַ זעלבשוץ. מ׳האָט דערציילט, אַז אויך אייניקע קריסטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין זעלבשוץ. מען האָט אָפּגעשפּאַרט אייניקע גאַסן אין עק שטאָט און נישט אַריבערגעלאָזט די פּאָגראָמשטשיקעס. צו מאָרגנס, זונטיק, האָבן פיל יידן געפּרווט אַנטלויפן אין די נאָענטע דערפער, גלויבנדיק, אַז אַהין וועט די צרה נישט אָנקומען, אַנדערע יידן זענען געגאַנגען אין קלויז זאָגן תהילים. ווייבער האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אונדז אין שטוב און געזאָגט תחינות. נאָך מיטאָג האָט מען אָנגעהויבן צו פּאָגראָמירן אין רייכערן טייל פון שטעטל, אויף דער פּאָטשטאָווע. ווידער זענען אָנגעקומען סאָלדאָטן, כדי איבערצורייסן דעם פּאָגראָם. דאָס ראַבעווען האָט טאַקע אויפגעהערט.

דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט, אָבער די לופט איז געווען פול מיט מורא פאַר דער צוקונפט.

„וואָיסק”, וואָס האָט געוואַנדערט פון פראָנט צו פראָנט, טשערקעסן און קאָזאַקן, זענען אַלע מאָל דורכגעגאַנגען דאָס שטעטל. ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַ לאָקאַלער ראַט (סאָוועט), וועלכער האָט אויך געדינט אַלס שוץ־אָרגאַן.

איין מאָל, מיטאָג־צייט, האָבן זיך צו אונדזער הויז דערנענטערט דריי רייטער, טשערקעסן; זיי זענען אַרויף מיט זייערע פערד אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער פּעקאַרניע. אַ שכן איז געלאָפן צום סאָוועט, ווו ס׳האָט זיך געפונען הייס געווער. אַן אָפיציר האָט פאַרלאַנגט פון מיין טאַטן אים צו געבן, אומזיסט, ברויט פאַרן גאַנצן פּאָלק. מיין טאַטע האָט געטענהט אַז ער האָט נישט אַזוי פיל.

איינער האָט צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צו מיין פאָטערס ברוסט און געזאָגט: „אָדער ברויט אָדער טויט”... צו אונדזער מזל איז דעמאָלט אָנגעקומען אַ גרופּע חברים פון סאָוועט, מיט געווער אין זייערע הענט. זיי האָבן, ווי נישט איז, אַרויסגעפירט די סאָלדאַטן פון דער בעקעריי און געקומען מיט זיי צו אַ טאָלק.

ס׳זענען פאַריבער טעג און חדשים פול מיט שרעק און שרעק פאַרן אומבאַוווּסטן, ביז ס׳זענען אָנגעקומען די נייע הערשער — די רומענער.

משה קופיט

דריי מיטות

די בלוטיקע געשעענישן פון שביעי של פסח תרע״ח (1918)

אין צפון־בעסאַראַביע, כמעט אין דער מיט צווישן נעסטער און פרוט, ליגט דאָס קליינע שטעטל יעדינעץ. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַ פאָר טויזנט איינוווינער, מערסטנס תבואה־סוחרים, שמוישן־הענדלער, בעלי־מלאכות אאַז״וו.

פון וואַנען עס נעמט זיך דער נאָמען „יעדינעץ", איז שווער פעסטצושטעלן. מען פלעגט זאָגן, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ נאָמען. איינינקע האָבן באַהויפּטעט, אַז דער נאָמען נעמט זיך פונעם רוסישן וואָרט „יעדיניצאַ" — אַן איינס, אָדער די איינציקע.

אויב דאָס זאָל זיין אמת, איז נישט פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס דאָס דאָזיקע שטעטל האָט געהאַט די זכיה צו זיין די בת־יחידה, דאָס „איינציקע" אין גאַנץ רוסלאַנד; ווייל דאָס שטעטל האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט עפּעס אויסערגעוויינלעכס, האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין וועלט־באַרימטע שרייבער אָדער פּערזענלעכקייטן. די מערהייט יידן זענען געווען האָרעפּאַשנע און אַרבעטזאַמע. פון זיי האָט גיכער געשמעקט מיט ווייץ און פּאַפּעשויעס, מיט בוימל פון פּרעמיסלאָווס מאַסלעבוינע, אָדער מעל פון שפּייערס מיל, איידער חקירה און פּילפּול.

מיט איין זאַך, אפשר, האָט זיך יעדינעץ געקאָנט אויסצייכענען: מיט אירע בלאָטעס, בפרט פאַר פּסח. יונג און אַלט פלעגן דעמאָלט טאָפּטשען ממש ביזן גאַרטל אין דער בלאָטע — ווער מיט שטיוול אָדער קאַלאָשן און די רייכערע, — אין הויכע „באָטינעס". אַזוי פלעגט מען „שווימען" איבער די גאַסן. אויף דער נאַכט פלעגט די בלאָטע שטראַלן מיט אַ באַזונדערן חן: ווי אַן אויסגעגאָסענער גלאַטער שפּיגל קעגן דער לבנה...

די בלאָטע איז געווען אַ כראָנישע און אַן עזות־פּנימדיקע. זי פלעגט אַרויפקריכן אַפילו אויפן קאָפּ. מען האָט, למשל, געקאָנט געפינען ביי אונדזער שכן אברהם יענקל בעקערס — אַ ייִד אין די שמונים — אַ ביסל בלאָטע אויף זיין קאַפּאָטע, נאָך פון זיין חתונה... ער איז געווען אַ ייִד אַ קרעפּטיקער און אַן עסער. זיין קאַפּאָטע האָט פאַרמאָגט צוויי „פאַרעווע פּאָלעס". ווען ער פלעגט גיין אַהיים פונעם מאַרק, זענען די פּאָלעס ביי אים קיין מאָל נישט געווען קיין ליידיקע: אָט פלעגט ער טראָגן אַ גוט שטיקל ברינדזע אָדער „קאַש", געקויפט ביי די מאַנאָליעס, אָדער טראָגן אַ פרישע לונג־און־לעבער, איינגעקויפט ביי משה מאירס דעם קצב בחצי־חינם.

אונדזער שטעטל האָט עס רומעניע אויסגעקליבן, צו מאַכן דאָרט אירע ברוטאַלע עקספּערימענטן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1918, אַרום פּורים־צייט. מיר, ייִנגלעך, זענען געזעסן ביי מאָטעס (מתתיהו) מלמד און געלערנט „פּתשגן הכתב". פּלוצים זעען מיר דורך די פענצטער: מ'לויפט; עס לויפן יונג און אַלט; דאָס גאַנצע שטעטל לויפט. מיר, חברה, האָבן זיך פאַמעלעך, איינציקווייז, אַרויסגערוקט פון חדר און זיך געיאָגט מיטן עולם, קוקן, וואָס עס קומט פאָר. אַז דער רבי האָט דערזען, אַז די תלמידים זענען אויסגערונען, האָט ער זיך אָנגערופן צו דער רביצין: „רחל, איך קען מיך שוין וואַשן צו ברויט, די ממזרים זענען זיך שוין צעלאָפן".

אויף דער „פּאָטשטאָווע" גאַס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רומענישע סאָלדאַטן. אָרעם געקליידעט, מיט היטלען מיט צוויי גרויסע שפּיצן, זענען זיי געריטן אויף קליינע דאַרע פערדלעך. זיי האָבן יעדן אָנגעקוקט פאַרדעכטיקט און אומזיכער. דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געבעטן, איז געווען: „פּיִינע" — ברויט.

אין אַ פאָר טעג אַרום האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען די „רומעניזאַציע". מ'האָט אָנגעהויבן פירן שורות, פון 12—18 פויערים, צו דער ציגעלניע, נאָך דער בעלצער בריק — זיי שיסן, ווייל זיי זענען „באָלשעוויקעס".

איין מאָל איז אַ סאָלדאַט אַריינגעקומען צו אונדזער שכן פישל יאָסעס נעמען אַ טרונק בראַנפן און געזאָגט צו אים:

— זשופּינע פישל, היינט האָט מען מיך שיעור נישט אַוועקגעלייגט. איך האָב געפירט אַ קאַצאַפּ צו דער ציגעלניע, האָט ער צופעליק זיך אויפגעבונדן די הענט און מיך גענומען וואַרגן. אַ גליק, וואָס כ'האָב אים אין דער צייט אַריינגעשאָסן אַ קויל. דערפאַר אָבער האָב איך ביי אים אַראָפּגעצויגן אַ פאָר גוטע שטיוול. געווען, ווייזט אויס, אַ רייכער גאָספּאָדאַר (באַלעבאָס)...

פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט מען אַלע מאָל עמעצן אַרעסטירט און אויסגעפּרעסט ביי אים אַ הונדערטער אָדער אַ טויזנטער אויסלייז־געלט.

אין שטעטל האָט מען אַריינגעשיקט אַלס „קאָמענדאַנט" איינעם אַ קאַפּיטאַן דימיטריו. ער האָט געהאַט בלויז איין אויג; דאָס צווייטע איז געווען אַ גלעזערנס. ער איז געווען אַן אכזר. פּלוצים האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל

רייניקן די גאַסן. קיין געפלאַסטערטע גאַסן זענען נישט געווען. גיי רייניק יעדינעצער בלאָטעס, דערצו נאָך ערב פסח!.. די סאָלדאַטן פלעגן גיין איבער די גאַסן און דאָרטן, ווו זיי האָבן נישט געטראָפן ווייבער שטיין און גראָבן די בלאָטעס, האָבן זיי אַרעסטירט. די אַרעסטירטע פלעגן באַקומען געשמיסן, צו 25 שמיץ, אויפן הוילן הינטער־לייב. מען האָט געשמיסן יונג און אַלט, ווייבער, מענער און קינדער. אַז מען פלעגט דורכ־גיין דורכן „פאָסט" פון די סאָלדאַטן, האָט מען פונדערווייטנס געקאָנט הערן די גוואַלדן פון די געשמיסענע. אין אַ פאָר וואָכן אַרום האָט דער „קאָמענדאַנט" אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער, וואָס זעט אים אין גאַס, מוז אים סאַלוטירן.

פאַר נישט פּינקטלעך סאַלוטירן, האָט מען ווידער גע־שמיסן, צו 25 שמיץ. דאָס, ווייזט אויס, איז אים אָבער נישט געווען גענוג, ווייל ווען גייט שוין דער קאָמענדאַנט אין גאַס, און וויפל מענטשן קענען אים זען? — איז ער געפאַלן אויף אַ נייער המצאה; די סאָלדאַטן האָבן געטראָגן זיין היטל אויף אַ שטעקן איבער די גאַסן, און יעדער האָט געמוזט סאַלוטירן צום היטל. ער האָט ספּעציעל אַרויסגעשיקט די סאָלדאַטן מיטן היטל מאָנטיק און דאָנערשטיק אויף דער „טאָרהאָוויצע" ווו ס'איז געווען דער יריד, און דאָרט פלעגט מען שלעפּן מענטשן אין די צענדליקער צום שמייסן. כמעט אין יעדן הויז זענען געווען געשמיסענע...

ערב פסח — ווייזט אויס, כדי זיך בעסער נוקם צו זיין אין די ייִדן — האָט דער קאָמענדאַנט אַרעסטירט אַלע קצבים. דאָס שטעטל איז געוואָרן אומרויִק. ווער ווייסט, וואָס זייער גורל קען זיין? מ'האָט אָנגעהויבן צו גיין צו שמואל דרוצער — אַ ייִד אַ גביר, וואָס ביי אים אין הויז איז איינגעשטאַנען דער קאָמענדאַנט. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. זיי זענען אָפּגעזעסן אין אַרעסט די ערשטע טעג פסח און חול־המועד. דעם לעצטן טאָג חול־המועד, פלוצים און אומגעריכט, האָט מען אַלעמען באַפרייט. ס'איז געווען אַ געפיל פון אַ „ישועה אין שטעטל"; יעדערער האָט זיך געפרייט.

וואָס איז געשען? מען האָט זיך דערוווּסט, אַז עס איז אַראָפּגעקומען אַ מאַיאָר אויף „אינספּעקציע". מען האָט גע־זאָגט, אַז ער איז „אַ גוטער מענטש". אויף דער איניציאַטיוו פון אַ פאָר מענטשן, האָט מען געשיקט אויסרופן אין די קלויזן, אַז מען זאָל אויסקלויבן, צו צוויי־דריי מענטשן פון יעדער קלויז — אַזעלכע, וואָס קענען רעדן גוט וואָלעכיש — און שיקן אַ דעלעגאַציע צום מאַיאָר, אים בעטן, אַז ער זאָל זען, מען זאָל נישט אָנטאָן אַזעלכע צרות דעם שטעטל. די דעלע־גאַציע האָט זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען דעם אַנדערן טאָג נעבן קאָמענדאַנטס קוואַרטיר. דער קאָמענדאַנט האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, און די גאַנצע מעשה האָט אים נישט גע־שמעקט. אויף דער נאַכט האָט ער אָנגעשיכורט דעם מאַיאָר, פאַרענדיקט די „אינספּעקציע" און אים אָפּגעשיקט פון שטעטל.

אחרון של פסח אין דער פרי. ס'איז געווען אַ שיינער בעסאַראַבער פרימאָרגן. ר' שמואלס הויף איז געווען איינ־

געהילט איןביימער, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו עפענען די קנאָספּן און אַרויסלאָזן די ערשטע בלעטעלעך. פאַרן הויף האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פאָר הונדערט מענטשן. צווישן זיי — די דעלעגאַציע. דאָ און דאָרט האָט מען געזען ייִדן מיט טליתים אין די הענט, איילן זיך צום דאַווענען. פון איינעקע שטיבער האָבן זיך געטראָגן ריחות פון געשמאַקע פסחדיקע מאכלים. סאָלדאַטן, אויף די פערד, זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דער „אוסאַדבע", גרייט ווי צו אַן אַטאַק.

די לופט איז געווען אַן אָנגעלאָדענע. דער קאָמענדאַנט איז אַרויסגעקומען פון שטוב און געפרעגט די מענטשן, וואָס זיי ווילן.

„דעם מאַיאָר ווילן מיר זען" — איז געווען דער ענט־פער.

ער איז געוואָרן מלא רציחה. אין זיין איינציקן אויג האָט זיך אָנגעצונדן אַ גזלניש פייער. ער האָט געכאַפּט די ביקס ביים סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים און גענו־מען שיסן אין המון. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן, ווּהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן. באַלד זענען אַרויס די סאָלדאַטן אויף די פערד און אָנגעהויבן צו שלאָגן די מענטשן אין די גאַסן.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ מהומה. אַלע גאַסן זענען גע־וואָרן טויט. מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. די סאָלדאַטן האָבן געכאַפּט דרייסיק ייִדן, אַ טייל מיט טליתים אונטער די אָרעמס, איינעקע מיט נאַסע פּיאות פון דער מקווה (פרומע ייִדן האָבן זיך דאָך געטובלט אין מקווה פאַרן דאַווע־נען). מען האָט זיי אַלעמען אַראָפּגעפירט צום סעמינאַריע־טייך, צום דערשיסן. דער געוויין פון זיי און זייערע פאַמי־ליעס איז געווען עד לב השמים.

דער קאָמענדאַנט אַליין האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, דערשראָקן. האָט ער אויסגעקליבן דריי ייִדן — איינעם פון צען — און האָט זיי גלייך באַפוילן צו דערשיסן. די איבעריקע האָט מען געשלאָגן מכות־רצח, געגעבן צו זעכציק שמיץ און אָפּגעלאָזט. די דריי דערשאָסענע ייִדן — די קדושים פון שביעי של פסח תרע"ח — זענען געווען: בערל סרוליאָוויטש ראַבינאָ־וויטש, אַ סוחר, וואָס האָט זיך קיין מאָל אין ערגעץ נישט גע־מישט; אַן אַלטער ייִד — משה איציקלס ווינשטיין, וואָס איז געגאַנגען פון דער מקוה אין שול אַריין; און נאָך איינער, אַ ישיבה־בחור, וואָס איז געקומען אַהיים, אויף פסח, פון דער קעשענעווער ישיבה.* בייטאָג האָט מען די דריי קדושים גע־בראַכט צו קבורה. דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן, אַז קיי־נער זאָל נישט גיין צו דער לוויה; טאָמער וועט מען נישט פאָלגן, וועט מען שיסן אין די מענטשן.

דריי מיטות, איינגעהילט אין שוואַרצן, האָט מען דורכגע־טראָגן די יעדינעצער געסלעך. ביי דער זייט איז געגאַנגען

---

* אַ ביסל אַנדערש דערציילט די נעמען פון די קדושים דוד וויניצקי („פורענות על גבי פורענות") אין דוד רויזנבערג־ביזנותי („אבי הירש [קסילס] רויזנבערג").

דער שמש שמואל וואַרנעטשקע, וואָס שטענדיק רופט ער: „גייט צו מת מצווה״... דאָס מאָל האָט ער געוויינט און געשריגן:

— גייט נישט צו דער לוויה! גענוג קרבנות!

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיי אין די שטיבער באַוויינט.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער קאָמענדאַנט אַוועקגעשיקט אַ ראַפּאָרט, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז אַ דאַנק זיין פלייסיקער וואַכזאַמקייט, איז אים געלונגען, באַצייטנס, צו דערשטיקן אַ רעוואָלט פון די „קעגנער פון דער פאַראייניקונג פון בעסאַראַביע מיטן רומענישן מוטערלאַנד״...

ניו־יאָרק

גאָלדע גוטמאַן—קרימער

א. די עקזעקוציע פון די פערציק *

באַלד זענען אַלע פויערים, מיט טיכלעך אויף די אויגן, אַרום דער גרוב געשטאַנען. די קולות, דאָס יאָמערן פון די פויערטעס און קינדער, האָט פאַרטויבט דאָס רעשן און שרייען פון די סאָלדאַטן, פאַרטויבט די רעוואָלווער־קוילן, וואָס זענען געפלויגן איבער אַלעמענס קעפּ. דער קאָמענדאַנט האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל, צוגעלייגט צוויי פינגער צו דעם מויל און מיט צונויפגעשנורעוועטע ליפּן, ווי צום קושן זיך, אַ זאָג געטאָן:

— פאָק! (פייער).

אַן אויגנבליקלעכער גערודער, און פערציק פויערים האָבן זיך אַ וואַקל געטון. ווי אונטערגעהאַקטע ביימער זענען די פויערים, אין פאַרשידענע ריכטונגען, נעבן גרוב און אַרום דעם גרוב, געפאַלן. זייערע קרעכצן און לעצטע הילף־רופן זענען פאַרלוירן געגאַנגען צווישן יאָמערן און שרייען פון זייערע ווייבער און קינדער.

די סאָלדאַטן און די עלטסטע האָבן פריי געמאַכט די וועגן פאַר די געצוווּנגענע צוקוקער, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון די צעשאָסענע פויערים.

— אַלע אין די שטיבער!

זיי האָבן גענומען שלאָגן די מאַסע מענטשן, וואָס זענען, ווי משוגענע, פון ווייטיק און שרעק, אין שטאָט אַריין צוריקגעלאָפן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך, מיט פלייס, אַ נעם געטון צו דער אַרבעט. מיט די פיס און מיט די גראַב־אייזנס האָבן זיי אַריינגעשאַרט די דערשאָסענע פויערים אין דעם ברייטן גרוב, אין דעם געמיינזאַמען קבר און צוגעטאָפּטשעט די ערד, פון אויבן, מיט די פיס, ווי מען וואָלט דאָרטן באַגראָבן געפגרטע הינט אָדער קעץ. ביים אַריינשאַרן די געשאָסענע האָבן זיך נאָך אָפּגעריסענע קרעכצן געהערט:

— אוי, ווייב און קינד...

דער קויטיקער שניי, אויף דעם פריש פאַרשאָטענעם בערגל, איז באַלד באַדעקט געוואָרן מיט שאַרפע רויטע און שרייענדיקע בלוט־פלעקן. דאָס האָט דאָס בלוט פון די דערהרגעטע דורכגענעצט... און פינף פאַרקרעמפּעוועטע פינגער האָבן אַרויסגעשטעקט ביים זוים פונעם קבר און זיך באַוויגן, ווי זיי וואָלטן עמעצן געזוכט און גערופן.

די הייסע פאַרע פון בלוט, וואָס האָט פונעם בערגל אַרויסגעזעצט, די לעבעדיקע פינגער פון אַ פאַרשאָטענעם געזונטן פויער, וואָס די קויל האָט אים נישט גענומען, האָבן די סאָלדאַטן אין אַ פינצטערן פחד אַריינגעטריבן. זיי האָבן זיך דערשראָקן, אַרומגעקוקט, ווי זיי וואָלטן ערשט איצט דערפילט אויף זייער געוויסן דעם פילפאַכיקן ברודער־מאָרד.

נאָר דאָ איז, ווי פון אונטער דער ערד, דאָס קליינע מיליטערישע פאַרשווינדל אַרויסגעשפּרונגען און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום בערגל און געשריגן צו די סאָלדאַטן:

— שיסט אין גרוב אַריין. די פויערים לעבן נאָך.

די סאָלדאַטן האָבן זיך צו זייערע ביקסן געכאַפּט און געשאָסן אין קבר אַריין.

דאָס בערגל האָט גענומען איינפאַלן, נידעריקער ווערן. דער בלאָטיקער שניי איז אַלץ נאַסער און רויטער געוואָרן.

איבער דער שטאָט איז געהאָנגען אַ מין מאָדנע שיין, ווי בעת אַ ליקוי חמה. פון די אַרומיקע סעדער האָבן זיך מחנות גרויסע, שוואַרצע קראָען אויפגעהויבן און אין אַ געפילדער אויפן פרישן פויערים־קבר זיך אַראָפּגעלאָזט, געראַיעט מיט די שפּיציקע נעגל אינעם פאַרבלוטיקטן שניי און געשטופּט די שנאָבלען אַלץ טיפער אין גרוב אַריין.

אין שטאָט איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און שטילער און באַלד — אַזוי שטיל, אַז מען האָט בלויז געהערט דאָס פלאַטערן פון דער גרויסער רומענישער פאָן אויפן דאַך פונעם קאָמענדאַנטס הויז.

* אויסצוגן פון בוך „יעדינעץ, מיין היים״, בוענאָס־איירעס, 1945.

ב. קידוש השם ביים טייך

א מחנה סאָלדאַטן אויף פערד, מיט אָנגעלאָדענע ביקסן און אַנטבלויז־טע שווערדן, האָט זיך פון הינטערן הויף אַ באַוויז געטאָן און האָט זיך אויף די מענטשן אַ לאָז געטאָן, אַריינגעשפרונגען אין מיטן, ווי צווישן גראָז, און גענומען שלאָגן מיט די נאַהייקעס און טרעטן מיט די פערדישע פיס, ווי מען טרעט אויף גליטשיקער ערד.

אַ מענטשלעכער קנויל, מיט טליתים און יאַרמלקעס, שוואַרצע און גרויע בערד, אַלטע מחזורים און פאַרגעלטע טליתים, האָט זיך געראַנגלט אונטערן האָגל פון נאַהייקעס און שווערע פערדישע פיס. שאַרפע און כוואַליענדיקע קולות האָבן זיך געטראָגן איבער דער גאַס און דערגרייכט אין אַלע שטיבער און אין אַלע הערצער:

— יידן, ראַטעוועט זיך, אַ פּאָגראָם, פּאָגראָם.

יינגערע, פלינקערע, זענען אונטערן האָגל פון קוילן, געשפרונגען איבער הויכע, שפּיציקע פּאַרקנס, אין פרעמדע הייף און גערטנער זיך אַריינגעוואָרפן.

— בלוט פון איבערן דניעסטער, באָלשעוויטשי — האָבן די סאָלדאַטן מיט מער ווּט זיך געוואָרפן אויף די יידן, האָבן די פאַרבליבענע אין צווי רייען אויסגעשטעלט און מיט אַ זייטיקער גאַס צום טייך אַוועקגעטריבן.

זיגעריש און שטאָלץ איז באַלד דימיטריו אַליין צום טייך צוגעריטן.

— טיכלעך אויף די אויגן — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן — דערשיסן, ווי די הינט, די באָלשעוויקעס...

— מען טאָר נישט, דאָמנו קאָמענדאַנט, אויף איין מאָל, אַזוי פיל זשידאַנעס דערשיסן. זייערע ברידער, די זשידאַנעס אין דער גאַנצער וועלט, וועלן נישט שווייגן, מען וועט אונדז פאַראַכטן, עס קאָן שאָדן ברענגען דער מלוכה און אייך אויך, הער קאָמענדאַנט...

— מיר מוזן זיי אָבער אָנלערנען, די בעסאַראַבצעס, מיר מוזן זיי באַהערשן.

— דערשיס די אונטערגעשריבענע אַליין.

די אַרעסטירטע יידן, טויט בלייכע האָבן, וויינענדיקע אין זיך אַריינגערעדט, געזאָגט ווידוי, געבעטן גאָט זאָל זיי מוחל זיין פאַר זייערע באַגאַנגענע זינד.

ר׳ משה, אין גאַנצן אָן אָפּגעטויטער, האָט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן אַ מורמל געטאָן:

— מיך נעמט דעם ערשטן.

דער סאָלדאַט, וואָס איז צוגעקומען אַרומצובינדן ר׳ משהן די אויגן, איז נעבן אים, ווי אַ געליימטער שטיין געבליבן. דאָס ווייסע פנים, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פונעם שוואַרצן ברייטן, יום־טובדיקן היטל, די ווייסע צעפלויגענע באָרד און די מילדע, פרומע בלויע אויגן, וואָס האָבן אין הימל געקוקט, האָבן דעם סאָלדאַט אין אַן אומרו אַריינגעוואָרפן:

— צי איז עס נישט דער יידישער גאָט, וואָס מיר פּייניקן און ברענען אים, ווי זיי האָבן אונדזערן, דעם קריסטלעכן גאָט, געפּייניקט און אומגעבראַכט, און ער וועט אַריינפליען אין הימל און אָנשיקן זיין צאָרן, זיין גערעכטע שטראָף, אויף די רומענישע סאָלדאַטן און אויף זייער קאָמענדאַנט, דעם רוצח?...

דער סאָלדאַט האָט צום קאָמענדאַנט אַ קוק געטאָן און די הענט און פיס האָבן אים געציטערט.

— טו וואָס מען הייסט דיר, אויב דו ווילסט נישט שטאַרבן.

דער סאָלדאַט האָט דעמאָלט זיין רעוואָלווער אַרויסגע־כאַפּט פונעם לעדערנעם טעשל און אים צוגעשטעלט צו ר׳ משהס ברוסט.

— שמע ישראל, אדוני אלהינו, אדוני אחד!..

און ר׳ משה איז פונעם בערגל אַראָפּגעפאַלן, לייכט ווי אַ טויב, מיט אַ דורכגעלעכערטער ברוסט, צווישן די שטיינער, וווּ די ווייבער וואַשן די וועש אַ גאַנצע וואָך.

בערלען האָט דער קאָמענדאַנט אַליין פאַר די לאַצן פון זיין יום־טובדיקן סורטוק אַ שלעפּ געטאָן און מיט רציחה אים אין פנים אַריינגעשפּיגן:

— נאַ דיר, רוסישער ייד, באָלשעוויק...

צוויי רעוואָלווער־שאָסן האָבן אַ הילך געטאָן און זיך צע־שוומען אַרום.

אַ יונג, אויסגעבלייכט בחורל, מיט אַ שוואַרץ, זיידן חסי־דיש קאַפּאָטקעלע, האָט זיך פון דער ריי אַרויסגערוקט:

— איך בין דער דריטער...

און ער האָט אַ גליקזעליקן קוק געטאָן אויף איינעם אַן עלטערן ייִדן, וואָס איז געשטאַנען הינטער בערלען און גע־יאָמערט:

— וואָס וועלן טון מיינע זעקס יתומימלעך אָן אַ מאַמען און אָן אַ טאַטן?

דימיטריו האָט דעם בחור פון דער ריי אַרויסגעשלעפּט און פאַרגעסנדיק אַפילו, אַז מיט אָפענע אויגן טאָר מען, לויטן געזעץ, קיין מענטשן נישט דערשיסן, האָט ער אים אַ קויל אַריינגעשאָסן.

— נאָ.

— שמע ישראל, אדו...

און, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל, האָט דער בחור אַ פאַל געטאָן צווישן בערלען און ר׳ משהן און די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטקעלע האָבן זיך, ווי צוויי שוואַרצע פליגלען אויס־געשפּרייט, ווי ער וואָלט אונטער זיין שוץ גענומען די קרבנות פונעם רומענישן פאַרברעכן, אַוועקצופליען מיט זיי ווייט, אין די יידישע הימלען אַריין...

בוענאָס־איירעס

יוסף העלפגאָט — עזריה

זכרונות און עפּיזאָדן

כאָטש עס זענען שוין פאַריבער מער ווי 45 יאָר, זינט איך האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל, ווילט זיך פאַרצייכענען עטלעכע זכרונות פון אַמאָל — די ימי־הילדות; ס׳ווילט זיך דערמאָנען יענע טעג, ווען מ׳האָט זיך נאָך געפונען אין דער ספערע פון חדר, אָנהייבנדיק פון משה־לייב, דעם דרדקי־מלמד, און בהדרגהדיק אַריבער צו די מלמדים, ביי וועלכע מען האָט שוין געלערנט חומש מיט רש״י או״ו. יעדינעץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גאַנצער פלעיאַדע פון דעם זשאנר.

זאָלן טאַקע דערמאָנט ווערן כאָטש אייניקע פון זיי, מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע נעמען: אָט, למשל, מאָטעס מלמד, מיט זיין חדר אויף דער קצבישער גאַס; ר׳ מאָטעס האָט זיך שטענדיק געשראָקן פאַרן דאָנערשטיק, ווייל פונקט דעמאָלט האָט די רביצין אַרויסגעוויזן איר כראָנישן „חסרון״, — זי פלעגט מאָנען אויף שבת. און נישט פאַרגעסן, חלילה, משה־בער דעם דיינס, וועמענס ביינאָמען קומט פון דעם, וואָס ער איז געווען אַ קרוב פון ר׳ שמוליקל דיין. משה־בער חכמאָוויטש האָט אָנגעשטאָפּט זיין חדר, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ הינטער־געסל נעבן דער גרויסער שיל מיט תלמידים. אויף דער שיל פלעגן חברה־לצים זאָגן, אַז ביי נאַכט דרייען זיך דאָרט אַרום שדים. אָבער מיר, קונדסים, פלעגן דווקא, אין די פינצטערע ווינטערדיקע נעכט, אַדורכגיין דאָרט, טראָגנדיק אין די הענט אונדזערע לאַמטערנדלעך, געמאַכטע פון דיניעס (קאַבאַקעס) און זיך נישט אָנגעטראָפן מיט יענע שוידערלעכע וועזנס. אָט די גרויסע, הויכע שיל, מיט איר גרויסן, קיילעכדיקן קופּאָל, מיטן ברייטן באַלעמער אין דער מיט, האָט זיך איינגעקריצט אין קינדערישן מוח. אין דער שיל האָבן געדאַוונט סתם ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכע האָבן נישט געהערט צו איין געוויסן שיכט.

בײַם אַרײַנגאַנג אין דער גרויסער שיל, האָבן זיך ענג צונויפגעפּרעסט אַכט קליינע שילעכלעך, און כאָטש די קליינע שילעכלעך זענען געווען אַ טייל פון דער גרויסער שיל, זענען זיי אָבער אויסגעהאַלטן געוואָרן „אויטאָנאָמיש״ דורך זייערע מתפּללים — בעלי־מלאכות. יעדער פאַך מיט זיין באַזונדער שילעכל: בעלי־עגלות, שניידערס און אַנדערע.

האַרט נעבן דער גרויסער שיל האָט זיך געפונען דער „הקדש״, ווו ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ פּאָר צענדליק אַלטע, קראַנקע לייט, פון ביידע געשלעכטער. אַרום דער שיל האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ ריי בתי־מדרשים און קלויזן, ווי די טשאָרטקאָווער קלויז און אויך אונדזער שטעפּאַנעשטער קלויז, ווו ר׳ שמוליקל דיין פלעגט דאַוונען און איז געווען, אַזוי צו זאָגן, איר „פּאַטראָן״.

ר׳ שמוליקל דיין איז געווען אַן אידעלע געשטאַלט פון אַ רעליגיעזן מנהיג. ער האָט געוווסט, פאַר וועמען מען דאַרף כשרן די הון און וועמענס הון מ׳מעג טריף מאַכן; ווייל דער אָרעמאַן טאָר, חלילה, נישט בלייבן אָן דעם שטיקל עוף אויף שבת.

ר׳ שמוליקל דיין האָט איבערגעלאָזט פאַר יעדינעץ, בירושה, זײַן זונדל, ר׳ ברוכל, וועלכער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. כאָטש ר׳ ברוכל איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער, האָט ער דאָך אויסגעפילט זיין אויפגאַבע, אַלס רעליגיעזער מנהיג, „ביד רמה״. ער איז געווען אַ ליכטיקע פּערזענלעכקייט. ר׳ ברוכל האָט געטיילט דעם גורל פון זיין ציבור און אומגעבראַכט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַלע קדושים פון יעדינעץ.

נאָך דעם וואָס די יונגע חברה פלעגן זיך באַפרייען פון די דרדקי־מלמדים, פלעגן זיי אַריבערגיין צו מער ערנסטע מלמדים און לערערס, מיט משכילישע אָנשויונגען, ווי: משה זאַמכעווער, אברהם הירש־לייבס זלאָטשעווער און דער קענער פון תלמוד, וועלכער האָט אַרײַנגעקנעלט מיט אַ פּאָר צענדליק תלמידים אַ פּרק משניות און אַ בלאַט גמרא, ר׳ מענדל שאָר, דער הייסער חסיד פון שטעפּאַנעשטער רבין. שפּעטער קומען די מער מאָדערנע לערער, מיט אַ מאָדערנעם פּעדאַגאָגישן צוגאַנג, ווי הלל דובראָוו און דער ייִדישער לערער פון דער רוסישער שפּראַך — הערש קוזמינער. דער לעצטער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן מיט זיין האַרציקייט, מיט זיין חברישער באַציונג צו די שילער, וועלכע פלעגן קומען צו אים זיך לאָזן עקזאַמינירן, כדי אויפגענומען צו ווערן אין זיין שול.

און די צייט שטייט נישט

מ׳ווערט מער דערוואַקסן און מ׳הייבט אָן צו פילן, אַז דאָס לעבן רופט. מ׳ווערט פון עפּעס אינספּירירט. און טראָץ דעם, וואָס אין יענער תקופה האָבן נאָך אין יעדינעץ נישט עקזיסטירט קיין אָפיציעל פאָרמירטע פּאָליטישע באַוועגונגען, האָבן דאָך זיך אָנגעהויבן פילן צווישן דער יוגנט פאַרשיידענע פּאָליטישע טענדענצן: ווער עס האָט געזען דעם וועג פון ייִדישן מענטש אין דער נאַציאָנאַלער דערלייזונג און ווער אין דער אַלוועלטלעכער באַפרײַונג. דאָ און דאָרט שאַפן זיך גרופּעס פון פאַרשיידענע שאַטירונגען און טענדענצן.

עס געדענקט זיך, ווי מיר, עטלעכע בחורים און מיידלעך, גרייטן צו אַ וואַרשטאַט אויף אַ ליידיקן שטח, הינטער יונה שוחטס הויז, לכתחילה אויף צו זעגן האָלץ. שפּעטער הייבן מיר אָן זיך מער אָרגאַניזירן און גרייטן זיך צו פיזישער אַרבעט,

כדי ווען ס׳וועט קומען די געלעגנהייט, זאָלן מיר קענען עולה זיין קיין ארץ־ישראל און זיין דאָרט חלוצים און אַרבעטער. מיט גרויס ענטוזיאַזם און מיטן געזאַנג פון „בשוב ה׳ את שיבת ציון, היינו כחולמים" אויף די ליפּן האָבן מיר געשניטן קלעצער און געהאַקט האָלץ און גענערט די האָפענונג, אַז דער טרוים וועט זיך אַ מאָל פאַרווירקלעכן.

איך קען קוים פאַרגעסן שרקע ליבמאַן און חיה־רחל צאַליק־משולמס. ביידע — יונגע צאַפּלדיקע מיידלעך, פול מיט טרוימען וועגן אַ בעסערער צוקונפט. אָבער, לײדער, זענען זיי שפּעטער געפאַלן קרבנות פון דער רומענישער רעאַקציע.

* * *

יעדינעץ, דאָס קליינע שטעטל פון דער רײַכער בעסאַראַביע, מיט אירע גרינע טאָליקעס און שיינע פּאַראַלעלע גאַסן, וואָס אויף איר פלעגט מען זאָגן, אַז זי איז „געגליכן צו אָדעס", האָט געהאַט אַן איינציקע כלומרשט אויסגעפּלאַסטערטע גאַס — די „פּאָטשטאָווע". אויף אָט דער גאַס איז מאַיעסטעטיש געשטאַנען דער קריסטלעכער לערן־אַנשטאַלט, דער גלחים־סעמינאַר, אַרומגערינגלט דורך אַ גרויסן, פּרעכטיקן גאָרטן, אַן אַרומגעצוימטער מיט אייזערנע שטאַכעטן. דער בנין, זיינע פילצאָליקע פענצטער מיט זייערע פאַרשיידנקאָלירטע שויבן, האָט צוגעגעבן אַ סך שיינקייט דער פּאָטשטאָווע גאַס.

נישט ווײַט פון דער סעמינאַריע האָבן זיך געפונען שמואל דרוצערס דריי געביידעס: איינע — זיין פּריוואַטע וווינונג, די צווייטע — אַ קלויז פאַר די כלומרשט „גדולי העיר", און די דריטע געביידע איז געווען פאַרדונגען פאַר דער „פּאָטשט" (פּאָסט). אָט די דריי „פּאַלאַצן" האָבן באַדאַרפט זיין עדות פון דער באַרבאַרישקײַט פון די שפּעטערדיקע הערשער — די רומענישע אָקופּאַנטן. דערנעבן האָט זיך געפונען דער „וואָקזאַל", ווו יידן פלעגן אַ מאָל באַשטראָפט ווערן פאַר דער

א ווארט פון א יעדינעצער אין בראזיל

א ווארעמער יישר־כוח די יעדינעצער אין ישראל, פאַר דער איניציאַטיוו, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען, אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פאַר אונדזער אַזוי־איינגעקריצטן אין זכרון, און פאַרבונדן מיט זיסע זכרונות — יעדינעץ פון אַ מאָל.

יעדינעץ מיט אירע געסלעך, מערק און בלאָטעס... יעדינעץ מיט אירע האָרעפּאַשניקעס, גבירים, בעלי־מלאכות און אינטעליגענץ...

יעדינעץ מיט איר שיינער יוגנט, וועלכע האָט געוועבט חלומות, שפּאַצירנדיק אין „בולוואַר", אין די שיינע לבנה־נעכט, נאָך איידער מען האָט געצויגן די דראָטן פון שפּייערס עלעקטרישער באַלייכטונג... יעדינעץ, וועלכע האָט מורא געהאַט, אין די ירידים־טעג, פאַר די רוסענער גויים, בפרט ווען זיי פלעגן זיך אָנשיכורן... יעדינעץ מיט אירע גיבורים און קצבים, וואָס האָבן „אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע", אַבי ס׳זאָל נישט שאַטן קיין יידן. יעדינעץ מיט די פּאָליטישע חילוקי־דעות צווישן דער יוגנט...

כ׳דערמאָן מיך אין יענער צייט, ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער „השומר הצעיר", דורך אליעזר רייך (היינט: רואי) פון זאַבריטשען. ער און זיינע „חברה־לייט", מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, פלעגן אַ מאָל פאַרבלאָנדזשען צו אונדז, אין דאָרף פאַרקיווע, און מיט אונדז לערנען אַ קאַפּיטל ציוניזם.

פאַר די עטלעכע און פערציק יאָר, וואָס איך און אַנדערע לאַנדסלייט געפינען זיך אין דעם נייעם קאָנטינענט (דרום־אַמעריקע), איז אַ סך פאַרגעסן געוואָרן. אָבער די האָפענונג, אַז בקרוב וועט דערשײַנען דאָס בוך פון אונדזער אַמאָליק ווײנשטעטל, הויבט אָן צו דערוואַרעמען די נשמה. צוזאַמען מיט שילדערונגען איבערן גרויזאַמען חורבן פון שטעטל און פון זיינע יידישע איינוווינער, וועלן אין בוך זיכער אויפסניי אויפשטיין זכרונות פון די קינדער־יאָרן, ווי אויך נאָענטע און באַקאַנטע פיגורן. דאָס אַלץ וועט אונדז דערמאָנען אין דעם רויקן און ערלעכן יידישן לעבן, וואָס עס האָבן געפירט דורות־לאַנג אונדזערע נאָענטע און ליבסטע. דער יידישער ישוב פון יעדינעץ האָט דאָך אויך פאַרן ישראל־ישוב געגעבן זיינע בעסטע זין און טעכטער.

דאָס בוך וועט פאַר אונדז זיין אַ הייליקער מאָנומענט פאַרן אָנדענק פון היימישן שטעטל און היימישע געשטאַלטן. פיל זענען אַוועק און מיר ווייסן אַפילו נישט, ווו זייער געביין ליגט. לאָמיר־זשע לאָזן פאַלן אַ וואַרעמע טרער אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים.

יוסף סניטקאָווסקי

סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל

זינד פון פאַרקויפן אַ גלעזל בראָנפן אָן אַ דערלויבעניש. און דערפאַר פלעגט פייגע מאָשקעס, אונדזער אַ שכנה, זיין דאָרט אַן אָפּטע „אַריינגייערין״.

באַלד נעבן דעם וואָלאָסט האָט זיך געפונען דער שיינער יעדינעצער „בולוואַר״, פון וועלכן עס האָט זיך געצויגן אַן אײַזערנער דראָט ביז צום וואָלאָסט : דער דראָט איז געווען דער „ערוב״ — דער סימן, אַז ווייטער טאָר מען נישט, לויטן יידישן דין און מנהג, טראָגן עפּעס אום שבת.

נישט ווייט פון בולוואַר האָט זיך געפונען יאָהאַן קויפמאַנס „באָלניצע״ (שפּיטאָל).

ווער געדענקט נישט די צײַט, ווען יעדינעץ האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַפרײַען זיך פון דער אַמאָליקער אָפּגעשטאַנענקייט, אין וועלכער אַלע בעסאַראַבער שטעטלעך האָבן זיך געפונען : די בלאָטעס און די פינצטערע גאַסן, די פּרימיטיווע נאַפט־לאָמפּן, סיי אין די גאַסן און סיי אין די שטיבער. און אָט, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, באַווײַזט זיך אליאָשע, דער ייִדיש־רעדנדיקער שייגעץ, דער איינציקער מומחה אין שטעטל אין הלכות־עלעקטרע, כאָטש קיין שול אויף דעם געביט האָט ער זיכער נישט דורכגעמאַכט. אליאָשע דראַפּעט זיך אויף די הויכע הילצערנע סלופּעס מיט דער הילף פון האַלב־לבנהדיקע אייזערנע „ציין״. די שמחה פון דער באַפעלקערונג איז אומגעהויער גרויס. זיי נעמען אויף מיט באַוואונדערונג דעם אָנהויב פון דעם „פּראָגרעס״. אַ קלײַניקייט ? — מיט איין ריר אַ קנעפּל איז „ויהי אור״ און מ׳קאָן שוין אויסשרייען : „דאַלאָי מיט די פאַרברענטע קנויטן און פאַרריכערטע גלעזלעך״. אַלעמענס ווונטש איז : הלוואי זאָל מען שוין אין גיכן אויך פּטור ווערן פון די בלאָטעס...

עס ליגן מיר גוט אין זכרון אונדזערע יעדינעצער בלאָטעס ; באַזונדערס, ווען יונגע חברה פלעגן, אויף אייגענער אחריות און איניציאַטיוו, אַרויס מיט לאָפּעטעס אין די הענט און מאַכן סטעזשקעס. אויף דעם געביט האָט זיך אין אונדזער גאַס גאָר אויסגעצייכנט אַ יאַט, „משה קוטיס״ האָט מען אים גערופן. און כאָטש ביי אים האָט איין אויג געקוקט קיין מזרח און דאָס צווייטע קיין מערב, האָט ער געמאַכט די סטעזשקעס גאָר ספּעציאַליסטיש. בײַ אים פלעגט די סטעזשקע אַרויסקומען גאָר ברייט, אַזוי אַז די שיטערע בלאָטע האָט נישט אַזוי שנעל צוריק פאַרפּלייצט די סטעזשקע, סײַדן נאָר דאַן, ווען משה מאָנאָלעס פלעגט אַדורכפאָרן מיט זיין קליאַטשע און זיך אָפּ־

גדליה גרוזמאַן

געווען אין שטעטל...

יעדינעץ איז געווען אַ קליין שטעטל אין פאַרגלייך מיט די ישובים, אין וועלכע מיר וווינען היינט ; פאַר אונדז, יעדינעצער, איז אָבער יעדינעץ געווען ממש אַ שטאָט, מיט אַ מרחץ, מיט אַ הקדש, מיט אַ גרויסער שיל, מיט אַ הויפּט־גאַס... אויבן אין מאַרק, אונטן אין מאַרק... טאָרהאָוויצעס... די שניידערישע גאַס און די ציגיינערישע גאַס.

פאַרמאָגט האָט יעדינעץ „שיינע״ ייִדן, סוחרים און קרעמער, פּרעפּערקעס, בעלי־מלאכות און טשאָרנע ראַבאָטשעס, וועלכע האָבן אויף שבת אויסגעקויפט די בעסטע העכטן, אויף־צו־להכעיס די גבירים. געווען מאַרק־ייִדן און זיצערינס, קעז־, ברינדזע־ און האָניק־סוחרים אויף די פּרנסה־ברענגענדיקע ירידים אין די מאַרקטעג... געווען תבואה־סוחרים, פּראָצענטניקעס אָדער בעלי־עסקים און... אַ גרויסע צאָל אָרעמע לייט און בעטלערס...

געווען אין שטעטל דאָקטוירים און פעלדשערס, ייִדן און קריסטן, אַ שפּיטאָל אין עק שטאָט און אַ פּריץ, דער אייגנטימער פון גאַנצן כרך, אַ טאָלסטאָיאָוועץ, וועלכער, זאָגט מען, האָט געשיקט אָרעמע קינדער זיך לערנען אויף זיין חשבון. געווען דער בולוואַר און אַ ייִדיש־העברעיִשע ביבליאָטעק...

געווען דיכטערס און שרייבערס, ווי ישראל זמורה און לייבל גרוזמאַן ע״ה, און געווען אויך מלמדים.

געווען שילעכלעך און קלויזן און געווען „שערי־ציון״, וווּ מ׳האָט מער גערעדט ווי געדאַוונט... אַהין פלעגן אויך קומען אַ פּאָר גבירים און אַפּיקורסים, וועלכע זענען געזעסן „שבעה״, ווען טאָלסטאָי איז „נפטר״ געוואָרן.

אין „זיבעצטן״ יאָר האָבן זיך יונגע לייט אומגעקערט פון די גרויסע רוסישע שטעט און איבערגעחזרט פּראַזן, וועלכע זיי האָבן דאָרט אויפגעכאַפּט אויף די מאַסן־מיטינגען, ווי די, וואָס זיי האָבן מייחס געווען טראָצקין : „רוסקי נאַראָד ניע סדיעלאַן פּאַלצעם״ (דאָס רוסישע פאָלק איז נישט געמאַכט געוואָרן מיט אַ פינגער).

געווען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און געווען אַ „מאַרקסיסטישע״ גרופּע, געגרינדעט דורך אַ געוויסן „באָנאַפּאַרטע״, מיט יחיאל־אברהם סניטקאָווסקי ע״ה אַלס סעקרעטאַר... געווען טרויעריקע טעג פון אונטערדריקונג און מאָרד מצד די רומענישע אָקופּאַנטן.

לאָמיך דערמאָנען אַ הערשל־אָסטראָפּאָליער־טיפּ,

שטעלן דווקא פונקט אין דער מיט פון דער סטעזשקע, כדי אָפּצוגעבן עמעצן אַ גרוס פון אַ קרוב אין כאַטין, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אַנומלט, צוריק מיט אַ צוויי יאָר. דעמאָלט האָט משה קוטיס זיך געכאַפּט, אַז זיין אַרבעט איז געגאַנגען לאיבוד, און ער האָט געדאַרפט אָנהייבן פון דאָס נייַ. באַנוצנדיק זיינע צוויי געזונטע הענט.

און אָט פירט מיך דער זכרון אַוועק צו די צוויי גרויסע „טאַרהאַוויצעס". איינע, די קלענערע, ביי דעם קלויסטער, ווו, אין טאָג פונעם יאַריד, צעשטעלן פויערים שטעלעכלעך אויף צו פאַרקויפן שיסעלעך מיט חזיר־שמאַלץ און פויערטעס פאַרקויפן אייער, קאַרטאָפל און גרינוואַרג, אָדער אַ הון אויף כפרות.

די צווייטע איז די גאָר גרויסע, „פערד־טאַרהאָוויצע", ווו פויערים פלעגן זיך צענויפקומען און אָפּנאַרן איינער דעם צווייטן. דאָרט פלעגן זיך אויך צענויפקומען די קאַצאַפּעס, מיט זייערע לאַנגע פורגאָנעס אויף רעסאָרן, כדי צו פאַר־קויפן ערדענע טעפּ; די „האַנטשערס" פלעגט מען זיי רופן. נאָכן יאַריד האָט מען זיך, ווי דער שטייגער איז געווען, גוט אָנגעשיכורט און באַלד זיך פאַרמאָסטן מיט די כוחית צווישן זיך.

דאָרט, אויף דער פערד־טאַרהאָוויצע, פלעגט אויך פאַר־קומען, איין מאָל אין עטלעכע יאָר, די „וויסטאַווקע" (אויס־שטעלונג), וואָס פלעגט זיין אַ שיינע אַטראַקציע אין משך פון אַ וואָך צייט. אויפן זעלבן פּלאַץ פלעגן אויך, בעת די קריסט־לעכע חגאות, אַוועקגעשטעלט ווערן כל־מיני פאַרווילונגס־איינריכטונגען, מיט גרויסע הוידלקעס, וווּהין שקצים און שיקסעס פלעגן קומען גרופּעסווייז פאַרברענגען. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין יומטובדיקע בגדים — ווייסע לייוונטענע בלוזקעס, אויסגעשטיקטע מיט בונטע פאַרבן. די האָר פון זייערע אויסגעקעמטע קעפּ זענען געווען אָנגעשמירט מיט פעטס, אַז זיי זאָלן גלאַנצן. אחינו בני־ישראל פלעגן דאָרט צעשטעלן פּראָוויזאָרישע קרעמלעך, כדי צו פאַרזאָרגן די קריסטן מיט פּאַטשערקעס און צאַצקעס. דערפאַר פלעגן די שקצים אונדז אַ מאָל „פאַרזאָרגן" מיט קליינע פּאָגראָמעלעך.

דער פּאָגראָם

עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן יעדינעץ בעתן באַ־רימטן פּאָגראָם, באַלד ביי דער ענדע פון ערשטן וועלטקר"ג, ווען די רוסישע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן זיך צו צעלויפן, אַלס רעזולטאַט פון זייער מפּלה אויפן פראָנט. אין אַזעלכע מאָמענטן איז דאָך דער ייִד שטענדיק געווען דער שעיר

ווערלכן מ'האָט גערופן „מנחם סמיטיאַ". ער פלעגט האַנדלען מיט טריפהנעם טיטין. איין מאָל איז אים נאָכגעלאָפן אַ געזעץ־היטער מיינענדיק, אַז ער טראָגט אויף די פּלייצעס אַ זאַק טיטין. ווען יענער האָט אים געכאַפּט, האָט ער געטראָפן אין זאַק... פערדיש מיסט... דאָס האָט ער אַזוי אָפּגעטאָן דעם פאַרשטייער פון דער מאַכט... פון דאַנען דער צונאָמען: „סמיטיאַ" — מיסט.

איין מאָל האָט מנחם איינגעהאַנדלט אויפן מאַרק אַ ציגעלע... רופט זיך צו אים אָן אַ גביר מיט חווק:

— באַצאָלט מסתמא אַ גילן פאַרן ציגעלע...

ענטפערט אים „מנחם סמיטיאַ":

— מיר זאָלן עסביידע פאַרמאָגן, וואָס דאָס ציגל קאָסט מער פון צוויי גילן...

מנחמס אינטעליגענטער זון בן־ציון סניטקאָווסקי ע"ה איז געווען אַ באַקאַנטער כלל־טוער אין ריאָ, בראַ־זיל, צוזאַמען מיט אַנדערע בני־עיר — כלל־טוער אין בראַזיל — טוליע לערנער, פיניע גערשטיין און אַנ־דערע.

יעדינעץ האָט פאַרמאָגט אַ שיינע אינטעליגענץ, און די ייִדישע אַרבעטנדיקע עלעמענטן האָבן זיך דער־וואָרבן אַ שיינע קולטורעלע מדרגה און נישט אַרונ־טערגעפאַלן, מיט זייער אינטעליגענץ און קולטור, פון די זינדלעך פון פאַרמעגלעכע עלטערן.

ריאָ דע זשיניירא



צוויי יעדינעצער אינטעליגענטן אין „מירנאַיע ווערעמיאַ" (פאַרן ערשטן וועלט־קריג): טולי לערנער און בן־ציון סניטקאָווסקי ע"ה (בראַזיל).

שני משכילים צעירים בידיניץ לפני מלחמת־העולם הראשונה: טולי לרנר ובן־ציון סניטקובסקי (בראזיל).

לעזאזל. אונדזערע „אייגענע" כוליגאַנעס האָבן זיך אויך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן און פּאָגראָמירט, געגזלט און, לבסוף, אונטערגעצונדן אַ ריי קלייטלעך אויף דער „טאָרהאָוויצע". אין אָט דער גרויסער שריפה זענען, אין איין נאַכט, פאַראָרעמט געוואָרן צענדליקער משפחות.

די כוליגאַנעס האָבן זיך באַלד אַראָפּגעטראָגן אין אונטערשטן טייל פון שטעטל, האַרט נעבן דער „מאהאלא". אין שטעטל האָט זיך דאַן געשאַפן אַ זעלבסטשוץ. באַוואָפנט מיט שטעקענעס און אייַזנס האָבן זיי, אויף דער בריק, צווישן יעקעלע דעם סופר און יאסי קוציס שטיבער, אָפּגעשלאָגן אייניקע אַטאַקעס פון די פּאָגראָמשטשיקעס. ס'איז אפילו געלונגען אָפּצונעמען עפּעס פון די אָנגערויבטע חפצים און די כוליגאַנעס גוט אָנברעכן די ביינער.

אויף צו מאָרגנס האָבן די כוליגאַנעס זיך אויף ס'ניי אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן און אָנגעהויבן צו פּאָגראָמירן יחיאל קלוגמאַנס גרויסן בנין. צו ערשט האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פונעם צווייטן שטאָק, וווּ ס'איז געווען די דירה, דאָס מעבל; דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צו דער גרויסער קלייט. אַ גאַנצן טאָג האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס געהאַלטן אין איין טראָגן פון דאָרטן.

צוויי טעג האָט געדויערט דער פּאָגראָם.

די רומענישע אָקופּאַציע

אַ לעצטע דערינערונג, פאַר מיין פאַרלאָזן יעדינעץ, איז די אַנעקסירונג פון בעסאַראַביע דורך די רומענער.

די נייע הערשער האָבן קיין צייט נישט פאַרלוירן און באַלד זיך גענומען איזדיעקעווען איבער דער רוי̇קער באַפעלקערונג. פאַר יעדער קלייניקייט פלעגן זיי באַשטראָפן מיט שמייסן, פון 5 ביז 25 שמיץ, לויטן „חטא", מיט וואָס דער בירגער האָט זיך פאַרזינדיקט. למשל, דאָס נישט פיין באַגריסן אַ הויכגעשטעלטן, אָדער דאָס אַראָפּוואַרפן אַ פּאַפּירל אויף דער ערד, זענען געווען גענוגנדיקע מאָטיוון צום שמייסן.

באַקאַנט איז דער שוידערלעכער פאַל, ווען די מאַכט האָט אַרויסגעשטעלט אין גאַס אַן אָפיצערסקע היטל, אָנגעטאָן אויף אַ שטעקן, און די באַפעלקערונג האָט עס געמוזט באַגריסן און סאַלוטירן. ווי איז געווען צו דעם, וועלכער האָט נישט שיין סאַלוטירט צום היטל אויפן שטעקן. ער האָט באַלד אויפן אָרט באַקומען זיין „פאַרדינטע שטראָף", דאָס הייסט שמיץ.

און אָט שוועבט פאַרביי מייַנע אויגן דער בלוטיקער שביעי של פסח אין דער פרי. פון אַלע בתי־מדרשים און שולן האָבן געשטראָמט מאַסן יי̇דן, ווער אין די טליתים און ווער אין די בגדי יום־טוב. די פּאָטשטאָווע גאַס איז געווען איבערגעפולט מיט מענטשן. זיי זענען געגאַנגען זיך באַקלאָגן פאַר אַן אָנגעקומענעם פּריץ, אויף דער לאָקאַלער מאַכט. מענטשן האָבן געהאָפט אַז פון אים וועט קומען די ישועה...

צו אַלעמענס דערשטוינונג דערנענטערט זיך פון אויבן, פון וואָלאָסט, נישט דער דערוואַרטער גואל, נאָר דער שטענדיקער מחבל אַליין, דר קאָמענדאַנט, באַגלייט דורך אַ גרופּע סאָלדאַטן. אָן שום שהיות האָבן זיי געכאַפּט אַ דרייסיק מענטשן פונעם המון, כאילו אַז זיי זענען די פאָרשטייער פונעם פאַרזאַמלטן עולם, אויסצודריקן אומצופרידנקייט.

דער מערדער האָט באַפוילן זיינע סאָלדאַטן צו שיסן אינעם המון, כדי ער זאָל זיך צעלויפן. די געכאַפּטע 30 האָט מען געבונדן און געפירט „אונטער די ווערבעס". דאָרט האָט דער מערדער באַפוילן אָפּצוציילן ניין יי̇דן פון דער גרופּע און דעם צענטן שטעלן אין דער זייט. 27 יי̇דן זענען אָפּגעשמיסן געוואָרן; און די אַנדערע 3 זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר די אויגן פון די אָפּגעשמיסענע, כדי זיי זאָלן זען, מיט וואָס עס שמעקט, אַז מ'באַקלאָגט זיך אויף די מאַכטהאָבערס.

יעדינעץ איז געווען דאָס ערשטע שטעטל, וואָס האָט באַצאָלט קאָנטריבוציע פאַר האָבן דעם „זכות" צו זיין אונטער דער הערשאַפט פון די רומענישע „באָפּרייער"...

די צווייטע קאָנטריבוציע איז געווען שוין גאָר אַן אָפיציעלע. אַן אומבאַקאַנטע האַנט, מ'האָט געזאָגט אַן אונטערגרונטכוח, האָט אין אַ פינצטערער שטורעמדיקער נאַכט, אָפּגערוימט פונעם וועג איינעם פון די הערשנדיקע „שעפן". דאַן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ געלט־קאָנטריבוציע אויפן שטעטל, כלומרשט לטובת דער משפחה פון געהרגעטן „זשאַנדאַרמעריע־שעף".

דער שביעי של פסח און אַלע אַנדערע גרויזאַמקייטן פון דער רומענישער מאַכט זענען געווען ווי אַ וויטער פּראָלאָג צו דער גרעסטער יי̇דישער טראַגעדיע אין שטעטל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער.

לאָמיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן אַלע יעדינעצער יי̇דן, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש־השם ועל קידוש העם.

תל־אביב

משה שוסטער

אַ לעבן, וואָס וועט שוין מער נישט זיין...

די יאָרן גייען, די יוגנט איז פאַריבער. די צייט זילבערט די האָר, צעאַקערט דאָס פּנים מיט קנייטשן. אָבער די פאַרכאַפּנדיקע, האַרצקלאַפּנדיקע איבערלעבענישן און די ראָמאַנטישע יוגנט־געפילן בליצן אויף פון צייט צו צייט, גלייך ווי זיי וואָלטן אָקערשט געשען.

עס שטייען מיר נאָך פאַר די אויגן די גאַסן און געסלעך פון אונדזער היימשטאָט יעדינעץ. אָט איז דער קליינער מאַרקפּלאַץ, די טאָרהאָוויצע, ווי מיר פלעגן עס רופן און ווו עס פלעגט פאָרקומען דער יריד פאַר די אַרומיקע פּויערים. אין מיטן — דער קלויסטער, וואָס יעדעס מאָל, ווען עס פלעגן זיך צעקלינגען די גלאָקן, פלעגן זיי אויף מיר אַרויפוואַרפן אַ פּחד.

אַ פּאָר גאַסן ווייטער — די פּאָטשטאָווע, אַ גאַס, ווו מ׳האָט סתם שפּאַצירט, ווו מ׳האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט אייגענע און פאַרפירט דיסקוסיעס מיט קעגנער און ווו ס׳זענען פאָרגעקומען ראַנדעוווען פון פאַרליבטע פּאָרלעך. דאָ האָט מען פאַרגעסן די אָרעמע היימען, ווו עס איז נישט געווען צו עסן צו דער זאַט און מען האָט געחלומט פון דער גרויסער, ברייטער און ליכטיקער וועלט.

די דאָזיקע הויפּט־גאַס, איבער אַ קילאָמעטער די לענג, האָט פאַרמאָגט פון אַלעמען און איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן. דאָ האָבן זיך געדרייט די קלענערע און גרעסערע תבואה־סוחרים, דאָ זענען געווען וואַרשטאַטן פון קאָוואַליעס, באָדנערס, סטאָליערס, קירזשנערס און אַנדערע בעלי־מלאכות; דאָ האָבן זיך געפונען שענקען און כלערליי קראָמען און געוועלבלעך.

דער אמתער שפּאַציר האָט זיך אָנגעהויבן פון חיים ווײַנשענקערס הויז, וועמענס טעכטער ליזע און עטל (די לעצטע וווינט היינט אין פּאַריז) האָבן געהאַט אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די, וועלכע זענען פעיק צו ברענגען קרבנות פאַר אַן אידעאַל פון יושר און פּראָגרעס. זייער הויז, וואָס איז תמיד געווען איבערפולט מיט יוגנטלעכע, באַזונדערס זינט ס׳האָט זיך ביי זיי געפונען יענטע שטערנבערג, איז געוואָרן אַן „אָפענע טיר" פאַר אונדז, ווו מיר פלעגן, צוזאַמען מיט איציק אַקערמאַן, פיניע דער שאָפער און פיל אַנדערע אַריינגייער, פאַרברענגען אינטערעסאַנטע אָוונטן.

בשכנות מיט ניעמעשיניצערס אַפּטייק און דער באַנק, ווו ס׳האָט געאַרבעט גוטאַ שפּילבערג, אַן אייגענע אין זייער אידעלע, אינטעליגענטע פרוי, האָט זיך געפונען די צערולניע (שערעריי) פון סימפּאַטישן פּאָרל מענדל און רחלע רייכער (די שוועסטער פון מאָטיע רייכער), וווהין מען האָט זיך אַריינגעכאַפּט אויף אַ שמועס, ווי צו אייגענע מענטשן.

נאָך דער אַפּטייק און פּרעמיסלאָווס מאַסלעבוינע (אייל־פאַבריק) האָט זיך געפונען רעווקאָלעווסקיס בודקע (געוועלבל) פון סאַכאַרנע מאָראָזשאָנע און סעלצער־וואַסער מיט דעם געגאַרטן סיראָפּ, וועמענס קאָלירן עס האָבן געפינקלט און צוגעגעבן חשק צו נאַשן. אין דאָזיקן געוועלבל האָבן מיר זיך יעדן אָוונט אויסגעבייטלט.

זייער גאַסטפריינטלעך זענען געווען די בענק פון דענטיסט גוקאָווסקי, ווו די קינדער יאַשאַ און רעוועטשקאַ זענען געווען אייגענע און זייער סימפּאַטישע חברים.

אין אַלגעמיין איז אָבער די פּאָטשטאָווע גאַס געווען דאָמינירט דורך דער פאַרהעלטנישמעסיקער מאָנומענטאַלער געביידע — די טרויעריק־באַרימטע סעמינאַריע. די דאָזיקע ריזן־געביידע מיט אירע גערטנער (היינט איז דאָס אַ גרויסע פאָלקסשול), אויב זי האָט, טעאָרעטיש, געדאַרפט צושטעלן גלחים פאַר גאַנץ רומעניע, האָט זי אָבער, פּאַקטיש, געליפערט דעם סאַמע גרעסטן פּראָצענט פון קוזיסטן, כוליגאַנעס און יידן־שונאים.

נישט איין מאָל האָבן די דאָזיקע סעמינאַריסטן, ס׳רוב פּריצישע זינדלעך, צעשלאָגן, אין די ראָמאַנטישע „אונטער די ווערבעס", אין וועלדל הינטער דער סעמינאַריע און אַרום עיפּושדיקן טייכל, די איינזאַמע יונגע יידישע שפּאַצירער, וועלכע זענען געקומען פון די ענגע שניידערישע געסלעך, איינצואָטעמען אַ ביסל פרישע לופט.

דאָס איז טאַקע געשען מיטן שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וועלכער האָט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, אין אַ פאַרנאַכט, געהאַט די העזה צו פאַרציען אַ יידישן ניגון און דערצו נאָך אַ רעוואָלוציאָנערן. דאָס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט פאַר אַ גרעסערער גרופּע סעמינאַריסטן אונדז איבערצופאַלן און אונטערצוהאַקן די זייטן.

אַחוץ דעם איז די פּאָטשטאָווע גאַס געווען איינגעהילט אין גרינס. דאָס איז געווען דער הויפּט־צענטער פאַר דער לאָקאַלער „אַריסטאָקראַטיע", אינטעליגענץ און סתם באַלעבאַטישע יידן, וואָס האָבן דאָ פאַרמאָגט שיינע הייזער און גערטנדלעך, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעצויגן העט, העט ביז צום טייכל.

דאָ האָט זיך אויך געפונען שמואל דרוצערס הויז מיט דער קלויז און שפּעטערדיקן שפּיטאָל. אַ ביסל העכער צום שליאַך, האָט זיך געפונען די פּרימאַריע (דאָס ראָטהויז) און, פאַרשטענדלעך, די זשאַנדאַרמעריע.

פּונקט אַנטקעגן איז געשטאַנען די פּריוואַטע גימנאַזיע, ווו

עס האָט זיך געלערנט, מערסטן טייל, ייִדישע יוגנט, ס׳רוב זינדלעך און טעכטער פון רייכן אָדער מיטעלן שטאַנד, פון צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך שפּעטער רעקרוטירט אַ גרויסע צאָל פּראָגרעסיווע טוער און סימפּאַטיקער. יעדער אָדער יעדע פון זיי פאַרדינט, מען זאָל זיך לענגער אָפּשטעלן אויף זיי.

אויף דער זעלבער גאַס, אַראָפּצו, כמעט בשכנות מיט דער אָרעמקייט, האָט זיך געפונען די „תרבות״־שול — אַ מין פאָלקסשול, וווּ עס האָבן זיך שוין געלערנט די קינדער פון פאַרשיידענע אַרבעטער־שיכטן, איך בתוכם.

די שטאָט גופא האָט אין אַלגעמיין, חוץ די דובראָוו־שול, די שול פון קוטשערן, די תרבות־ביבליאָטעק, פאַרמאָגט פיל ציוניסטישע לערן־קרייזלעך און אָרגאַניזאַציעס. שפּעטער איז דער ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור־קלוב מיט דעם לייענזאַל געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פאַר דער שטאָטישער יוגנט, אַזוי לאַנג, ווי ער האָט געקענט זיין לעגאַל, אין אַ לאַנד, וווּ דער פּאָליציייִשער טעראָר האָט געבושעוועט און וווּ די רעפּרעסיעס זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

צו דעם קומט נאָך צו דער איינציקער קינאָ־זאַל, פון די גורפינקלס, וווּ עס פלעגן געגעבן ווערן פאַרעלטערטע פילמען און וווּ עס פלעגן גאַסטראָלירן די ייִדישע טעאַטער־טרופּעס, דערונטער די „ווילנער טרופּע״, וואָס פלעגט צייטנווייז אַראָפּקומען אויף גאַסטראָלן. דאָ פלעגט מען אָרגאַניזירן רעפעראַטן, ווי דאָס איז געווען דער אָוונט מיטן שרייבער יואל מאַסטבוים; דאָ זענען אויפגעטראָטן דער וואָרט־מייסטער הערץ גראָסבאַרד, די שוישפּילערין חיהלע גראָבער און אַנדערע ייִדישע וואָרט־ און בינע־קינסטלער.

ווי נאָר איך פאַרמאַך די אויגן, טויכן־אויף בילדער און געשטאַלטן פון אַמאָל. איין בילד יאָגט דאָס צווייטע. אָט איז מיין גאַס, די גאַס פון קלויסטער, וואָס ציט זיך ביז דער א״ג „מאַהאַלאַ״ פון די מאָלדאָוואַנעס.

איך דערזע מיין טאַטן מאיר חיים אויפן טויטן־בעט, וואָס איז צוריקגעקומען אַזש פון אַרגענטינע. ער איז אַוועק אין דער מלחמה פון 1914—1918, אָפּגעווען אין געפאַנגענשאַפט אין ווין, כדי צוריקצוקומען אין שטעטל און שטאַרבן, יונגערהייט, פון טיפוס, אין 1921.

פאַר מיינע אויגן טויכט אויף מיין גוטמוטיקער זיידע, מאַטעס שניידער, מיט זיין ווייסער באָרד און ערלעכער נשמה פון אַ פאָלקס־מענטש. צוגלייך מיט זיי דערזע איך מיין משפחה און די שכנים, — אַלע ווילע, טייערע ייִדן, אַרבעטזאַמע, פאַריאָגטע און שווער פאַרמוטשעטע פון זוכן פּרנסה פאַר זייערע גרויסע משפחות.

די גרויסע עדה ייִדן פון יעדינעץ, ווי די אין כמעט אַלע ייִדישע ישובים אין בעסאַראַביע און אין אַנדערע מזרח־אייראָפּעישע קאַנטן, איז באַשטאַנען פון פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן — רייכע, פאַרמעגלעכע, מיטלשטאַנד, סוחרים, בעלי־מלאכות, בית־מדרש־ייִדן, קרעמער, קצבים, שניידערס, שוסטערס, שמידן, בעקערס, בעלי־עגלות און סתם ייִדן און ייִדענעס, מערסטן טייל גרויסע קבצנים, ביי וועמען דער דלות האָט געפּייפט אין אַלע ווינקעלעך. אַלע האָבן געלעבט מיט דער גרויסער האָפענונג אויף בעסערע צייטן. די האָפענונג האָט זיך אָבער, פאַר דער גרויסער מערהייט פון זיי, פאַרענדיקט מיטן גרויסן חורבן.

זאָלן די דאָזיקע פאַר ווערטער, וועלכע קומען פון די טיפענישן פון מיין האַרץ, דינען אַלס יזכור פאַר אַ פאַרשניטן לעבן, וואָס וועט שוין קיין מאָל ווידער נישט אויפקומען, און אַלס קללה פאַר די נאַציִשע מערדער און זייערע שותפים.

פּאַריז

קלייניקייטן

„מיין שטעטעלע בעלץ״. אין זיין איבערזיכט „דער ייִדישער טעאַטער אין בעסאַראַביע״ („יהדות בסאַראַביה״, ירושלים 1971) דערמאָנט יעקב באָטאָשאַנסקי אַן אַקטיאָר, אַ יעדינעצער. ער שרייבט: „רובין (ראובן) דאָקטער. געבוירן אין יעדינעץ אין יאָר 1882. ער האָט פאַרפאַסט פיל טעאַטער־לידער פון יענעם אַרט, וואָס אויפן ייִדיש־אַמעריקאַנער דיאַלעקט רופט מען „ליריקס״. במשך פון יאָרן איז געווען פּאָפּולער זיין ליד „מיסטער ביי, וואָס אַרבעטסטו ?״ זיין ליד „איך בענק צו מיין שטעטעלע״ איז געווען אַ מין „שאַפונג פון דער תקופה״. אָט דאָס ליד איז מיט דער צייט מגולגל געוואָרן אין לידער ווי „מיין שטעטעלע בעלץ״... ווי ס׳ווייזט אויס איז דאָס בעסאַראַבער „שטעטל ב ע ל ץ״ שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּוילישן „שטעטל ב ע ל ד ז״.

„באַנק עזרה״. יצחק חיטרון גיט איבער אין זיין גרויסער אַרבעט „די ייִדישע קאָאָפּעראַציע אין בעסאַראַביע״ („יהדות בסאַראַביה״, כרך 11, פון דער סעריע „אנציקלופדיה של גלויות״, ירושלים, תשל״א—1971), אַז די יעדינעצער „ליי־ און שפּאָר־קאַסע״ (אין יעדינעץ האָט מען זי גערופן „עזרה״ און די ייִדן — „באַנק עזרה״) איז געגרינדעט געוואָרן דעם דריטן יאַנואַר 1907; אָבער זי איז געווען צווישן די קאַסעס, וועלכע האָבן איבערגעריסן זייער טעטיקייט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

יעדינעץ העלפט. אינעם דין־וחשבון פונעם „פּראָוויזאָרישן צענטראַל־קאָמיטעט צו העלפן די הונגערליידנדיקע ייִדן אין דרום בעסאַראַביע 1928—1929״, קעשענעוו 1929, איבער די הילפס־געלטער, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן אין די פאַרשיידענע ייִדישע ישובים אין בעסאַראַביע, שטייט יעדינעץ אויפן דריטן אָרט מיט די געזאַמלטע 50 טויזנט לעי. אין קעשענעוו האָט מען געזאַמלט 80 טויזנט; אין כאָטין — 60 טויזנט.

סענדער הררי — הויכבערג

כ'האב קיין אנדער שטאט נישט געקאנט...

כ'האָב קיין אַנדער שטאָט נישט געקענט, נאָר דיך יעדינעץ. אַלץ וואָס ס'קאָן אַ מענטשן גליקלעך מאַכן, האָב איך געפונען אין דיר, יעדינעץ.

אַ שטוב מיט עלטערן, ברידער און שוועסטער האָב איך דאָרט געהאַט. אין חדר האָב איך דאָרט אָנגעהויבן צו גיין. כ'האָב ליב געהאַט דיינע געסלעך; כ'האָב שפּאַצירט „אונטער די ווערבעס", אין די סעדער און גערטנער ביי דיינע „טייכן". כ'האָב ליב געהאַט דעם יאַריד, די מאַסן גויִים מיט זייערע פערד, קי און שאָף. בלויז די שפּאַצירנדיקע חזירים איבער די גאַסן האָבן מיר פאַרשטערט דאָס געמיט. שיין זענען געווען די פאַרנאַכטן, ווען די טשערעדע פלעגט זיך אומקערן פון דער פּאַשע.

אין די נאָכמיטאָגן פון די פרייטיק־טעג און ערב יום־טוב פלעגן אַלע גויִים פאַרלאָזן דאָס שטעטל. ס'איז געקומען די צייט הנאה צו האָבן פון די פרישע חלות, פונעם ראָסל, פון די געפילטע מאַיִנעס... דערנאָך איז מען געגאַנגען אין מרחץ אַריין, כדי זיך צוצוגרייטן צו קבלת־שבת. שטילע און רויִקע זענען געווען די שבתים און ימים־טובים.

איך געדענק די סליחות־נעכט, דאָס קול פון שמש, וואָס האָט געוועקט צו עבודת־הבורא, דאָס שופר־בלאָזן אין די אלול־פרימאָרגנס, ווען יעדע באַשעפעניש האָט זיך געגרייט צום יום־הדין.

די כל־נדרי־נאַכט. אַ וואַלד פון נשמה־ליכט איז אויפ־געשטעלט געוואָרן. ווער האָט דאַן נישט אויפגעציטערט ווען דער חזן האָט געלאָזט הערן זיין „הנני העני ממעש". אויך גויִים פלעגן ברענגען נשמה־ליכט צו כל־נדרי אין דער „זשידאָווסקע שקאָלע". הייליק איז דאַן געווען דאָס גאַנצע שטעטל. ייִדן פלעגן גיין פון קלויז אַהיים און פון דער היים אין קלויז מיט די יאַרמולקעס, קיטלען און פּאַפּעצעס. סוכות פלעגן זיי גיין אויף די גאַסן מיטן אתרוג און לולב, הושענא רבא — מיט די הושע־נא'ס, שמחת־תורה — מיט די ספרי־תורה... אַזוי אויך חנוכה, פורים, פסח, שבועות און, להבדיל, תשעה באָב — יעדער יום־טוב מיט זיינע מנהגים, מיט זיינע מאכלים און זיין מוסר־השכל.

איך האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צום ניגון פון תיקון־חצות, צו די תפילות, סליחות, קינות און יום־טובדיקן פיוט. ס'איז געווען אַ בענקשאַפט צום אַמאָליקן ייִדישן גלאַנץ, צו די כהנים, לויים פון בית־המקדש אין ירושלים, צו די שופטים, נביאים און מלכים. ווער האָט זיך געקאָנט גלייכן צו אונדזער גייסטיקער עשירות? דער חזירניק, אָדער אַנדערע גויִישע „פאַרשטאָפּטע" קעפּ? און דווקא זיי האָבן תמיד געוואַגט צו זידלען אונדז ייִדן און „צוזאָגן", אַז ס'וועט נאָך קומען אַ טאָג פון נקמה אין אונדז...

האָבן מיר אָנגעהויבן צו חלומען וועגן צוריק אויפבויען אַן אייגן לאַנד, אונדזער ארץ־ישראל, מיט ריכטער, גבורים, פויערים, חכמים. מיר דאַרפן נאָר וועלן. „אם תרצו"...

אין עלטער פון צוואַנציק יאָר, אין יאָר 1931, האָב איך דיך איבערגעלאָזט, מיין שטעטעלע יעדינעץ, כדי צו זיין אַ חלוץ, אַ קיבוצניק אין ארץ־ישראל. כ'האָב נישט געהאַט קיין סאַלאָנען צו וווינען אין זיי... קדחת, דיזענטעריע, פורונק־לען — זענען געווען אונדזער דאָליע. מיר האָבן שווער געהאָרעוועט, אָבער אין די נעכט האָבן מיר געזונגען, גע־טאַנצט, געווען פריילעך... מיר האָבן געזען ווי דאָס לאַנד בויט זיך, ווי דער חלום ווערט פאַרווירקלעכט.

און פון דיר, מיין ליב שטעטעלע, האָבן אָנגעהויבן אָנצו־קומען שרעקלעכע ידיעות. דו ביסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטאָרט און אין אַ בית־הקברות פאַר דיינע ייִדן. איז דיינע גאַסן און שטיבער האָט מען אויסגעהרגעט אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, קליינע עופעלעך און אַלטע לייט. דיינע טראָטואַרן און די ווענט פון דיינע הייזער זענען רויט געוואָרן פון שפריצנדיקן בלוט פון ייִדישע זויגלינג־קינדער... די רעגנס האָבן עס נישט געקאָנט אָפּוואַשן. דו ביסט געוואָרן אַ טויטלאַגער פאַר די ייִדן פון דער סביבה. דיינע טייכן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט ייִדיש בלוט.

ווער האָט זיך געקאָנט אַזוינס פאָרשטעלן?
ווער וועט דען אָפּצאָלן יעדן פאַרברעכער זיין לוין?
איך האָב רחמנות אויף דיר, מיין שטעטעלע יעדינעץ...
און מיר שווערן: „אַזוינס וועט שוין קיין מאָל נישט געשען".

קבוצת מסדה (עמק הירדן)

יוסף מגן — שיץ

געווען א מאל א שטעטל...

יעדינעץ איז געווען (פאַר אונדז — געווען!) אַ בעסאַראַבער שטעטל אָן אַ פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ שם. אין די היסטאָרישע דאָקומענטן ווערט עס ניט דערמאָנט; קיין באַרימטע מענטשן, נישט־יידן און ייִדן, האָט עס נישט אַרויסגעגעבן; מיט קיין גרויסע אויפטוען, אויף קיין שום געביט פון דער מענטש־לעכער טעטיקייט, האָט זיך עס נישט אויסגעצייכנט.

„באַרימט" איז קודם־כל דאָס שטעטל געווען מיט זיינע לאַנגע, גראָדליניקע, טייל מאָל ברייטע גאַסן, וועלכע האָבן זיך געקרייצט ווי אַ שתי־וערב, און געביל־דעט שאַכמאַט־מעסיקע קעסטעלעך, וועלכע מ'האָט גערופן „קוואַרטאַלן". די קוואַרטאַלן זענען געווען אַ מיטל אָנצוצייכענען דעם מרחק; „גיי צוויי אָדער 3 קוואַרטאַלן" — פלעגט מען דיר זאָגן, אַז דו האָסט זיך אָנגעפרעגט, וווּ ס'וווינט דער אָדער יענער. דאָס אָרט, וווּ די גאַסן האָבן זיך געקרייצט, האָט מען גערופן „קאָלץ", אַ וואָלעכיש וואָרט, וואָס באַדייט: עק אָדער ווינקל. יעדער קוואַרטאַל האָט געהאַט פיר „קאָלצן". צוליב דער גראָדליניקייט פון די גאַסן פלעגט מען זאָגן, אַז יעדינעץ איז געבויט לויט אַן „אָדעסער פּלאַן".

און צווייטנס, איז יעדינעץ געווען גאָר באַרימט מיט אירע בלאָטעס. הגם ס'האָבן קיין בלאָטעס נישט געפעלט אין קיין שום שטאָט, שטעטל און דאָרף פון בעסאַראַביע (פאַראַן אַפילו אַ שטאָט, די צווייט־גרעסטע שטאָט פון קאַנט, וועמענס נאָמען באַטייט „בלאָטעס" — געמיינט: בעלץ), זענען דאָך די „יעדינעצער בלאָטעס" געווען אַ שם דבר אין בעסאַראַביע.

יעדינעץ איז געלעגן אויף אַ שיפּוע פון אַ בערגל; ווען ס'איז געווען אַ רעגן, האָבן די וואַסערן אַראָפּגערונען פון צפון צו דרום און געלאָזט אונטער זיך בלאָטעס. בלאָטעס האָבן זיך „אַוועקגעלייגט" אָסיען־צייט, נאָך די רעגנס... ווינטער, אין די פרעסט, זענען די בלאָטעס פאַרפרוירן געוואָרן. ס'האָט זיי צוגעדעקט דער שניי. און אַז דער שניי פלעגט „נאָכלאָזן", אָדער זיך „צעלאָזן", האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע בלאָטעס. אין חודש אדר, אַז ס'האָט אָנגעהויבן צו שיינען די ווּעסנע־זון, האָבן זיך די בלאָטעס אָנגעהויבן אויסצוטריקע־נען, ביים ראַנד פון די וועגן. צו ערשט זענען זיי געוואָרן האַר־טער און מ'איז געגאַנגען אויף זיי, ווי אויף גומענע קישע־לעך... שפּעטער זענען די בלאָטעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „הרודעס" און זיי זענען, אין די הייסע זומער־חדשים, צעריבן געוואָרן אין אַ דינעם מעליקן „פּאָרעך" (שטויב).


אָפט זענען די בלאָטעס אויף די גאַסן באַשטאַנען פון אַ שיטערער שיכט; און אָפט האָבן די בלאָטעס דערגרייכט אַ טיפקייט ביז אַ מעטער, באַזונדערס אין די „קאָלצן". אין די יריד־טעג, ווען פורלעך און פערד האָבן גוט איבערגעקנאָטן די בלאָטעס, זיי שיין פאַרטיפט, פלעגט מען הערן געשרייען און קולות; וואָגנס און פערד פלעגן זינקען און גויִים פלעגן זיך צונויפגעזאַמלען, כדי צו העלפן אַרויסשלעפּן דעם פערד־און־וואָגן „פון דער בלאָטע". צו ערשט האָט זיך דאָס איינגעזונ־קענע פערד נאָך צוגעהערט צו די געוואַלדן „וויאָ", „היידאַ", „האָפּ, האָפּ, האָפּ"... אָבער, דערנאָך, איז דאָס פערד געזונ־קען אַלץ טיפער און טיפער, איז געוואָרן מיד און לבסוף גלייכ־גילטיק צום אַרום און זיך צעלייגט אין דער בלאָטע. אין צווישן איז דער וועג פאַרשטאָפּט געוואָרן, דער צוזאַמענ־לויף — אַ ריזיקער. מ'האָט געבראַכט דרענגער, כדי אויפצו־הויבן דאָס פערד... מ'האָט דאָס פערד געשלעפּט ביי די פיס און ביים עק — די „קאָדע", ווי מ'האָט זיך אויסגעדריקט; אָפט איז פון אַזאַ שלעפּעניש געבליבן באַזונדער דאָס פערד און באַזונדער די „קאָדע"... נישט איין פערד פלעגט דער־טרונקען ווערן אין דער בלאָטע...

דער שאָסיי און די בריקלעך

איין שטיינערנער שאָסיי איז געווען אין יעדינעץ — אויף דער „פּאָטשטאָווע גאַס", צו ערשט בלויז אונטן, ביי דער „בריק", אויפן דאָנדושענער וועג. פלאַסטערן דעם וועג האָט מען אָנגעהויבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און, אויב מיין זכרון פאַרראַט מיך נישט, האָבן ביי אים געאַרבעט „טער־קישע פּלעניקעס". דער שאָסיי איז אָבער שנעל צעשטערט געוואָרן. סיי ווי סיי איז ער דורכגעגאַנגען בלויז אין דער מיט פון דער פּאָטשטאָווע; פון ביידע זייטן שאָסיי זענען זיך רויִק געלעגן די בלאָטעס.

גוייִשע פורמאַנעס און ייִדישע בעלי־עגלות האָבן נישט ליב געהאַט דעם שאָסיי און בעסער געפאָרן נעבן אים... ס'איז געווען „ווייכער", ס'האָט ווייניקער געטרייסלט און געווען געזינטער פאָרן וואָגן און פאַר די פערד.

שפּעטער, אין די רומענישע צייטן, פלעגט די פּרימאַריע




חדשות בישראל

מה"ע קיובליאנין (№ 161) מביא בשם נאוי' הרגיף את הידיעה הנוראה כי בעיר יעדינצי במחוז חאטין התחוללה ביום 21 יולי שערוריית נגד היהודים יושבי המקום. אנשים אחדים הוכו ורבים נפצעו, בתים אחדים נהרסו עד היסוד. ממשלת המקום אחזה בתחבולות לשכך את הפרעה, אך הע"ע עוד לא חדלו.

— למ"ע אר' וויעסטי ...

15(3).8.1887, „הצפירה" (ווארשה)



— היום קראתי ב„הצפירה" (גליון 174) המודיע בשם הקיוב. כי היתה שערוריה גדולה נגד היהודים בעיר יעדינצי מחוזנו. הה' הקיוב. דיבר לשון הבאי והפריז מאד על המדה. מתחלה עלה בדעת ההמון לעשות פרעות יכבר החלו מעשיהם (לרגל דברי ריבות אשר היו בינם ובין היהודים), אך אחינו קדמו את הדבר והודיעו ע"י תל"ג לשר מחוזנו הנ"ל, והוא בא היש מהר ויפץ את האספסוף בדברים כבושים וכל אסון ח"ו לא היה.

— פקודת המשים ...

1.9(20/8).1887, „הצפירה"

זאב ארינשטעהן

הדי־המאורעות נגד היהודים משנת 1887

העתונות, הכללית והיהודית, הודיעה בזמנו על המאורעות נגד היהודים משנות השמונים. בזכרון היהודים נשמרו ידיעות על „פוגרום שהקאצאפ״ים המקומיים" ערכו, או ניסו לערוך, ביהודים וכי היהודים הגיבו בחרם כללי עליהם. בגליונו מה־15 (3) באוגוסט 1887 מעתיק העתון „הצפירה" ידיעה די מרעישה בנידון מעתון, שהופיע בקיוב: „קיובליאנין". כעבור שבועיים מפרסם העתון כתבה מחוטין, ובה טענה, כי הידיעה הראשונה „מופרזת". הסיבה ל„שערוריה" לדעת הכותב: „דברי ריבית"; הגויים, לדבריו, „החלו מעשיהם", אולם הוא אינו מפרט את ה„מעשים", ומסיים, כי „כל אסון לא קרה".

די אנטי־ייִדישע אומרוען פון 1887

די פרעסע פון יענער צייט האָט פאַרצייכנט די אַנטי־ייִדישע אומרוען אין יעדינעץ פון די אַכציקער יאָרן. אין דער געדעכעניש פון די ייִדן איז געבליבען, אַז לאָקאַלע קאַצאַפּעס האָבן געמאַכט, אָדער געפּרוּווט מאַכן, אַ „פּאָגראָם" אויף ייִדן. צוויי אָפּקלאַנגען פון יענע אומרוען האָבן מיר געפונען אין „הצפירה" פון יאָר 1887. אין איר נומער פון 15(3) אויגוסט קאָפּירט די צייטונג אַ ידיעה פון דער רוסישער צייטונג „קיעווליאַנין", אַז אין יעדינעץ איז פאָרגעקומען, דעם 21טן יולי 1887, אַ בלוטיקער פּאָגראָם אויף ייִדן: פיל ייִדן זענען דערמאָרדעט און פאַרוואונדערט געוואָרן און פיל שטיבער זענען צעשטערט געוואָרן. אין 2 וואָכן אַרום איז אין „הצפירה" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קאָרעס־פּאָנדענץ פון כאָטין (אונטערגעשריבן ז א ב א ר י נ ש ט ע ה ן) אין וועלכע ער טענהט, אַז די ערשטע ידיעה איז „איבערגעטריבן". זיין ווערסיע איז אַזאַ: צווישן ייִדן און גוֹיים איז געווען אַ קריגערייַ „צוליב פּראָצענטן". די גוֹיִים האָבן אָנגעהויבן „מעשים"... די ייִדן האָבן געשיקט אַ טעלעגראַם דעם מושל פון אויעזד; ער איז אַראָפּגעקומען קיין יעדינעץ און צעטריבן דעם המון.

אויספאַרריכטן דעם שאָסיי. מ׳האָט באַשטימט בודזשעטן, אָבער דאָס געלט פלעגט ס׳רוב אַריינפאַלן אין די קעשענעס פון די פרימאַריע־מענטשן און דער שאָסיי איז אַלץ געבליבן צעבראָכן און פול מיט גריבער.

אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן האָט מען געבויט בריקן אין אייניקע „קאָלצן". זיי זענען געמאַכט געוואָרן פון האָלץ. אינזשענירן האָבן זיי נישט פּלאַנירט. געבויט האָבן זיי קאַצאַפּעס „פּלאָטניקעס". דרענגלעך זענען אַריינגעגראָבן געוואָרן אין דער ערד, אויף זיי האָבן זיך געהאַלטן די גראָבע ברעטער, וועלכע האָבן געבילדעט די בריק. אָבער מער געלט איז אַריין אין די קעשענעס פון די עסקנים, ווי אין בויען די „בריקן". די בריקן, וועלכע האָבן געזאָלט אַרויסהעלפן אַריבערצופאָרן די בלאָטעס, זענען אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מכשול. אַרום די בריקן האָבן זיך געבילדעט ממש אָזיערעס פון בלאָטע און וואַסער... אַרויסצופאָרן מיט אַ פערד און וואָגן אויף דער בריק, פון דעם געזונקענעם וועג, איז געווען קריעת ים־סוף... איז מען אָפט געפאָרן אַרום דער בריק; געווען לייכטער אַריבערצופאָרן די טיפע קאַנאַוועס, ווי די בריקן.

מעשיות פון אַ מאָל

מיר, די אַלע וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אָט דעם בוך, ווי אויך דער רוב פון אונדזערע לייענער, זענען געבוירענע אַרום 1910; בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און בעת דעם בייטן זיך פון די רעזשימען — זענען מיר נאָך געווען קינדער.

דער דור, וואָס געדענקט דאָס שטעטל פון פריער, פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן, פון אָנהויב יאָרהונדערט, די וואָס דערמאָנען זיך נאָך אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, אין „פינפטן יאָר", אין דער רעוואָלוציע־צייט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, — איז שוין כמעט נישטאָ. פאַרבליבן זענען זייערע דערציילונגען. טייל דערציילונגען האָט אויך יענער דור אַליין נישט דורכגעלעבט. די ייִדן האָבן געלעבט ווייט פון די אַלגעמיינע געשעענישן. כאַראַקטעריסטיש איז דער וויץ, וואָס מ׳דערציילט וועגן אַ ייִדענע, וועלכע האָט אַזוי באַנומען די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה:

„פאָניע שלאָגט זיך מיט רוסלאַנד און אונדזערער גייט צו הילף"...

אָט דערציילט מען וועגן אַ פּאָגראָם, וואָס די לאָקאַלע קאַצאַפּעס האָבן איינגעאָרדנט איבער די ייִדן, ערגעץ־ווען אין די 80־קער יאָרן (זע קליטע), שוין נאָך דער אַלגעמיינער פּאָגראָם־כוואַליע אין דרום־רוסלאַנד, וואָס ווערט אָנגערופן, אין דער דעמאָלטיקער השכלה־ליטעראַטור, „סופות בנגב" (דרום־שטורעמס). האָבן זיך נאָכן פּאָגראָם צונויפגענומען די ייִדן און באַשלאָסן אַרייַנצולייגן אַ חרם אויף די קאַצאַפּעס און ביי זיי גאָרנישט מער קויפן. די קאַצאַפּעס זענען דאָך געווען

די צושטעלערס פון אייער, עופות, קאַרטאָפל, ציבעלעס, כלערליי גרינוואַרג, ווי אויך אַרבוזעס און מעלאָנעס... מ'האָט זיי נישט גענומען צו אַרבעט, מ'האָט זיי נישט פאַרקויפט קיין בראָנפן אויף באָרג: באַיקאָט. מ'האָט דערציילט, אַז די „קאַצאַפּעס זענען געקומען צו די ייִדן", געוויינט און געיאָמערט, מ'זאָל פון זיי אַראָפּנעמען דעם חרם. זיי האָבן צוגעזאָגט מער נישט צו פּאָגראָמירן קיין ייִדן.

אַן אינטערעסאַנטע מעשׂה, פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער, האָט מיר דערציילט יאַנקל „מיליציאַנער", בעת ער איז געווען דער „סטאַראָזש" פון דער גימנאַזיע, און איך אַ גימנאַזיסט, אין די מיט 20־ער יאָרן. אַ „מיליציאַנער" איז ער געווען בעת דער „סלאָבאָדע" פון 1917 און די גאַנצע צייט אַ שטיקל „באָלשעוויק". כ'געדענק זיינע אַ דערקלערונג וועגן „וואָס ווילן די ציוניסטן":

„די גבירים זעען איין, אַז דאָ קענען זיי מער ניט אויסנאַגן דעם מאַרך פונעם אַרבעטאַרער... ווילן זיי אים אַוועקפירן קיין פּאַלעסטינע, כדי אים דאָרט צו קענען בעסער עקספּלאָאַטירן".

אויסער אַנטי־ציוניזם, פלעגט יאַנקל מיליציאַנער (שפּעטער האָט מען אים גערופן „דער סטאַראָזש") אונדז, יונגע 12—13־יאָריקע גימנאַזיסטלעך, געבן „אוראָקן" אין הילכות „זי" און „ער", וועגן „יענע זיבן זאַכן", בקיצור — וואָס מען רופט היינט „סעקסועלע אויפקלערונג".

אָבער אויסער דעם האָט ער געהאַט אַ מאַיאַנטעק מיט מעשׂיות „פון אַ מאָל".

פאַרשטייט זיך, אַז לויט זיינע מעשׂיות זענען די היינטיקע יונגע לייט „גאַרנישטן" און „דרעקעס"; אָבער די אַמאָליקע חברה־לייט, ווען ער, יאַנקל, איז נאָך געווען יונג, זענען געווען „כראַברע" און גיבורים.

אָט, למשל, איז יאַנקל און אַנדערע פינף „חברה־יאַטן" געזעסן, אין אַ יריד־טאָג, ביי דער אלמנה אין שענק (דעם נאָמען געדענק איך נישט) און גענומען אַ שטאָף וויין. „היינטיקע" חברה ווייסן דען, וואָס הייסט גוטער וויין? און דעמאָלט האָבן זיך געשטעלט ירידים „נישט ווי היינט". די „טאַרהאָוויצעס", די פערד־טאַרהאָוויצע, די אייבערשטע און די אונטערשטע, זענען געווען שוואַרץ פון גויִם. האָט זיך אָנגערופן איינער פון די חברה:

— ווייסט איר וואָס? איר זענט גרייט אויסצושלאָגן דעם גאַנצן יריד גויִם און אים אויך צו צעטרייבן?

אַלע זענען מסכּים געווען. די זעקס ייִדישע חברה, יעדער איינער „אַזאַ באַיעץ"; דאָס האַרץ איז געווען געשטאַרקט פון דער גוטער כּוסה, די ווייִנען זענען דעמאָלט נישט געווען שיטערע ווי „היינט"; האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון שענק.

יעדער האָט גענומען אַ דרענגל און זיי זענען אַראָפּ אין דער אונטערשטער „טאַרהאָוויצע", נעבן קלויסטער. פיר חברה האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין די קאָלצן, דורך וועלכע מען גייט אַריין און אַרויס פון דער טאַרהאָוויצע און צוויי חברה זענען אַריין צווישן די גויִם. די דאָזיקע צוויי חברה האָבן אָנגעהויבן צו פּאַכען מיט די דרענגלעך און געטריבן די גויִם פון יריד צו די אַרויסגאַנג. ס'איז געוואָרן אַ בהלה. די גויִם האָבן געכאַפּט, וואָס זיי האָבן געקענט און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס ס'קומט דאָ פאָר. מ'האָט זיך צעטרעטן איינס ס'אַנדערע און געלאָפן איז מען צו די אַרויסגאַנג, זיך צו ראַטעווען. דאָרט אָבער זענען געשטאַנען די אַנדערע יאַטן מיט די דרענגלעך. ווער ס'איז דורכגעלאָפן האָט באַקומען מיט אַ דרענגל איבערן ראש, איבער דער פּלייצע, אָדער סתם ווו מ'האָט געטראָפן.

דער יריד איז צעטריבן געוואָרן. אָט אַזוי האָבן זעקס ייִדישע חברהלייט צעשלאָגן אַ גאַנצן יריד מיט גויִם, טויזנטער גויִם.

עלטערע מענטשן פון שטעטל האָבן באַשטעטיקט, אַז ס'איז געווען אַזאַ געשעעניש.

קיין מעשׂיות וועגן גוטע ייִדן, למדנים, רבנים זענען אין שטעטל נישט אַרומגעגאַנגען. מ'פלעגט דערציילן געשיכטעס וועגן גרויסע מגיפות, וועלכע האָבן פאַרשניטן הונדערטער לעבנס און באַזונדערס וועגן דער גרויסער „כאָליערע" פון סוף פאַריקן יאָרהונדערט. נישט אַרומגעגאַנגען אין שטעטל קיין מעשׂיות וועגן לאָקאַלע רעוואָלוציאָנערן, נישט וועגן משׂכּילים און נישט וועגן חסידים און מתנגדים.

געווען פיל חסידישע טראַדיציעס, אַן עדות זאָגן די נעמען פון די שולן: די סאַדיגערער קלויז, די הוסיאַטינער, ראַשקעווער אאַז"וו. אָבער פאָרן פלעגט מען צום שטעפּאַנעשטער רבין אַפילו ווען שטעפּאַנעשט איז נאָך געווען אין דער מאָלדאַווע (רומעניע) און יעדינעץ אין רוסלאַנד.

דער פיאָנער פון דער מאָדערנער דערציִונג אין שטעטל איז געווען יהודה שטיינבערג, דער גרויסער שרייבער און לערער. פיל פון זיינע ערשטע און בארימטע ווערק האָט ער געשריבן אין יעדינעץ. צו אים אין שטוב פלעגן קומען משׂכּילישע יונגע לייט, הגם, ווי ס'האָט מיר דערציילט אַ יעדינעצער געבווירענער און פאַריזער תּושב (זינט 1909!) ר' אברהם ראָזענבערג (פון הערש קסילס משפּחה),* איז יהודה שטיינבערגס ווייב, מיינע רייד זאָלן איר נישט שווער זיין, נישט געווען קיין איבעריקע בריה, און דאָס האָט זיך גוט געלאָזט פילן אין שטוב.

שולן און חדרים

אַוודאי זענען געווען חדרים, מיט רביס און בעלפערס. די עיקר־אַרבעט פון די בעלפערס איז געווען צו טראָגן די קינדער אין חדר אַריין איבער די בלאָטעס, ווי אויך אָפּצורייניקן אַ תּלמיד, אויב ער האָט זיך, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, „באַמאַכט" אין די חכמות.

געווען אָבער אויך מאָדערנע מלמדים, וועלכע האָבן קאָמבינירט אַלטע מעטאָדן פון חדר מיט מאָדערנע לימודים; אַפילו אויפגענומען תּלמידות. מ'האָט אין זיי געלערנט דקדוק; אָבער תּנ"ך האָט מען איבערגעזעצט, וואָרט נאָך וואָרט, אויף

* זינט אַ פּאָר יאָר אין ישׂראל.

יידיש. מ׳האָט געלערנט מאָדערנע העברעיִשע מחברים, אַ ביסעלע רוסיש און חשבון.

איין זמן האָב איך געלערנט ביי אַזאַ מלמד. אין זיין „שולע״ איז אויך דעם מלמדס אַ קרוב געווען אַ לערער. כ׳האַלט מיך אָפּ פון דערמאָנען נעמען.

דערמאָן איך מיך אַזאַ אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, ווי אַזוי דער רבי האָט געלייזט אַ שווער פּעדאַגאָגיש פּראָבלעם, וואָס איז געווען פאַרבונדן, אויב צו רעדן אין היינטיקע באַגריפן, מיט „סעקס״ און מיט „געמישטע שולן פון יינגלעך און מיידלעך״.

מ׳האָט געלערנט אין ספר שמואל א׳, וועגן די באַציִונגען צווישן שאול המלך און דעם שפּעטערדיקן דוד המלך. און מ׳איז צוגעקומען צום פּסוק, וואָס דערציילט, אַז פאַר זיין טאָכטער מיכל האָט שאול המלך פאַרלאַנגט פון דודן אים צו ברענגען „מאה ערלות פלישתים״...

דער רבי האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ תלמידה — איטע האָט זי געהייסן... פאַר איר קאָן מען דאָך נישט פאַרטייטשן אַזעלכע „גראָבע״ ווערטער. האָט ער איר געזאָגט:

— איטע, גיי אַרויס פרעגן, וויפל ס׳האַלט דער זייגער...

אַז איטע איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער רבי שנעל פאַרגעזעצט דעם שיעור:

— כה תאמרו — אַזוי זאָלט איר זאָגן, לדוד — דודן... אין חפץ למלך — דער מלך דאַרף נישט האָבן... במהר — קיין כלה־געלט... כי — נייערט... מאה ערלות — הונדערט נישט־געמלטע פ—לעך... פלישתים — פון די פלישתים...

דער דימינוטיוו (פאַרקלענערונגס־וואָרט) פאַרן יידישן טייטשוואָרט פון „ערלות״, קומט צוליב פּעדאַגאָגישע טעמים... אַזוי רעדט מען צו יינגלעך...

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָבן זיך צווישן די תלמידים געפונען, ווער ס׳זאָל איבערליפערן דעם רבינס טייטשווערטער, באַזונדערס דעם טייטש פונעם וואָרט „ערלות״, דער תלמידה...

דער ערשטער לערער, וועלכער האָט איינגעפירט דעם מעטאָד פון „עברית בעברית״ איז געווען דער לערער הלל דובראָוו ז״ל, וועלכן די עלטערן האָבן אַראָפּגעבראַכט פון דער ליטע, נאָכדעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אַן אָדעסער פּעריאָד. אויך הלל דובראָווס ערשטע פרוי, די יעדינעצער צפּורה ז״ל איז געווען אַ לערערין, אַ פּרעבליסטין. און זי פלעגט מיט אונדז, שוין אין די ערשטע טעג פון בית־ספר זינגען: „על חלוני, על חלוני עמדה ציפור יפה״.. אויף ליטוויש־אשכנזיש...

חומש האָבן מיר נישט געלערנט פונעם תנ״ך־בוך נאָר פון אַ ביכל, אַרויסגעגעבן אין אָדעס, דורך ביאַליקן און ראַבניצקי „סיפורי המקרא״, וווּ אַלע „עראָטישע״ פּרקים, זענען נישט געווען, ווי די מעשה פון לוט און זיינע טעכטער, יהודה און תמר אאַז״וו. אָבער מיר האָבן אַנטדעקט אָט די „פאַרבאָטענע קאַפּיטלען״ אין טאַטנס חומשים... און מיר האָבן עס פאַסמאַקעוועט אין אונטערגרונד...

מיר האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט עברית ביים לערער דובראָוו, וועלכן מיר האָבן גערופן „המורה״, און ער האָט אונדז נישט נאָר געלערנט, נאָר דערצויגן און אַריינגעגעבן יידישן און ציוניסטישן גייסט. פיל יאָרגענג האָבן זיך ביי אים דערצויגן. נישט אומזיסט האָט די יעדינעצער יוגנט געקענט עברית מער ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך.

הלל דובראָוו איז אַוועק פון יעדינעץ און שפּעטער צוריקגעקומען און פאַרגעזעצט צו זיין לערער, ביז צו זיין עליה, אין יאָר 1936.

איך שעם מיך נישט צוצוגעבן, אַז ווען כ׳פלעג מיך מיט אים באַגעגענען אין תל־אביב, פלעג איך פילן אַ פאַרלעגנהייט און יראת־הכבוד, ווי אַ מאָל, ווען כ׳בין געווען זיין תלמיד, און ער האָט מיך גערופן, אַזוי ווי אין די קינדער־יאָרן: „יאַסעלע״.

נאָך דובראָוון האָבן מיר געלערנט ביים לערער און דיכטער א. ל. יאַגאָלניצער; דערנאָך זענען מיר איבערגעגאַנגען אין דער גימנאַזיע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ קריסט ווילענסקי, אַלס „העברעיִשע גימנאַזיע״. דובראָוו איז דאָרט געוואָרן לערער פון עברית. שנעל איז אָבער די גימנאַזיע „רומעניזיר׳ט״ געוואָרן... העברעיִש האָט מען געלערנט בלויז אַלס „אָביעקט״.

די רומעניזירונג פון דער גימנאַזיע איז אַ פּרשה פאַר זיך. זי האָט אויפגעשטורעמט דעם עולם. פּלוצים זענען אין שטעטל פאַרשפּרייט געוואָרן קליינינקע צעטעלעך, אויף רומעניש און עברית:

„עברים אנחנו עברית נלמודה״, „יעוורעי סונטעם, יעווּרעיעשטע אינוואַצעט״...

פונקט דעמאָלט האָבן אין שטעטל געוויילט די קרן־היסוד־דעלעגאַטן — יעקב וואַסערמאַן, משה רעבעלסקי, סקווירסקי און אַנדערע. האָט מען איינגעאָרדנט אַ מיטינג, אין דער „שיל״, קעגן דער רומעניזירונג פון דער גימנאַזיע.

נאָך פלאַם־פייערדיקע רעדעס האָט וואַסערמאַן געפרעגט: „ווער איז קעגן?״... אַלע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן... ס׳האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געהאָלפן. ווייל די עלטערן האָבן געזוכט „תכלית״ און זיי האָבן באַשלאָסן צו רומעניזירן די גימנאַזיע.

אין שטעטל זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די דערמאָנטע „צעטלעך״ זענען געבונדן מיט די קרן־היסוד־דעלעגאַטן. איצט — ווי זאָגט מען? — „מעג מען שוין אַנטדעקן״, אַז די צעטעלעך האָבן אויסגעפּאַרטיקט, פון קינדערשע גומענע שפּיל־טיפּאָגראַפיעס, דער שרייבער פון די שורות צוזאַמען מיט ישראל קאָלקער (היינט אין לוואָיו), שלום סערעברעניק — כספי (הרצליה) און אַנדערע שילער.

יעדער לערער, אין יענער צייט, איז געווען פאַרדעכטיקט, אַז ער זינדיקט אונטער אויך מיט דער פען. כ׳וויל דאָ דערמאָנען נאָך איניקע לערער, וועלכע זענען אויך געווען שרייבער: גאַנדעלמאַן, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע... גרינשפּאַן, אַ יורד פון ישראל, נאָך פון דער צווייטער עליה, געשטאָרבן אין יעדינעץ; יאַשטשיקמאַן, טאָפּאָראָווסקי, וועלכער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָ באַרימט גע־

וואָרן מיט זײַנע פּילאָלאָגישע פאָרשונגען... אַלע זענען אויפן עולם־האמת. דער לעצטער לערער פון עברית אין גימנאַזיע איז געווען, אַליין אַ געוועזענער גימנאַזיסט — זלמן זיסלמאַן, וועלכער געפינט זיך איצט (ער האָט אין צווישן געענדיקט פאַרמאַצעווטיק) אין בעסאַראַביע, דוכט זיך, אין בעלץ.

דווקא אין די לעצטע יאָרן ערב דער מלחמה, ווען דער ציוניזם האָט געבליט, איז דער סטאַנדאַרט פון לערנען עברית זייער געפאַלן אין יעדינעץ.

★ ★ ★

די ערשטע וועלט־מלחמה

וועגן דער רוסישער מאַכט ערב דער מלחמה דערמאָן איך מיך קוים. כ׳געדענק בלויז, און דאָס אויך זייער צעשוווּמען, דעם אויסגעפּוצטן „אוריאַדניק" און די פּאָר פּראָס׳טע „סטראַזשניקעס". די אָנקומענדיקע מלחמה, אין אירע ערשטע יאָרן, איז געבליבן אין מיין זכרון דורך די עפּידעמיעס און דעזינפעקציעס, און דורך די „האָזלעד".

ס׳האָבן געדראָט די עפּידעמיעס פון „טיף", באַזונדערס פון „סעפּנאָי טיף" — פלעקטיפוס, וואָס איז געקומען פון לייז. וווהין מ׳פלעגט קומען, פלעגט מען אייך אויפנעמען מיט אַ סלאָיִקל „קאַרבאָלקע־זשידקאָסט" (קאַרבאָל־לייזונג), און אַ מין פּולווערי־זאַטאָר, געמאַכט פון צוויי רערלעך, דורך וועלכן מ׳פלעגט בלאָזן אויפן גאַסט. דאָס איז געווען אַ מין פּרעווענטיוו דעזינפעקציע־מיטל. סאַניטאַציע־קאָמיסיעס פלעגן, אויסער דעם, אַרומגיין איבער די הייזער און זוכן קריכנדיקס אין די קליידער, אין די נעט פון די העמדער, אין די ווינטערדיקע בייקענע גאַטיעס פון מענער און אין די... „סטאַניקלעך" פון די ווייבער, באַזונדערס, ווען די מענער זענען נישט געווען אין דער היים; די סאַניטאַרן זענען געווען חוצפּהדיק און די ווייבער לייביקע...

און — די „האָזלעד" און דאָס „האָזלען זיך". אַלע מאָל האָט מען גערופן מענער צום „פּריזיוו", כדי צו „דינען פּאָניען". ייִדן האָבן קיין מאָל נישט געוואָלט גיין דינען, באַזונדערס בעת דער מלחמה. האָט מען געזוכט זיך צו באַפרייען ביים „שטעלן זיך". מענער, וועלכע האָבן זיך שוין „געשטעלט" האָט מען גערופן „אָפּגעשטעלטע". די פּריזיוו־קאָמיסיעס האָבן אַרויסגעגעבן כלערליי פאַרביקע „בילעטן". אַ מענטש מיט אַ „רויטן בילעט" האָט געדאַרפט גיין דינען; אַ „געלער בילעט" האָט באַטייט אַן „אָטסראָטשקע"; דאָס דינען איז דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן; אַ „ווייסער בילעט" — אַ באַפרייונגס־צעטל פון דינען — איז געווען דער אידעאַל.

פּריזיוו־קאָמיסיעס האָבן געאַרבעט אין די גרויסע שטעט. מ׳האָט זיך געקאָנט „שטעלן", ווו מ׳האָט געוואָלט. האָבן קאָמיסיעס אין פאַרשיידענע שטעט געהאַט „גוטע נעמען"; ד״ה — אַז די פּריזיוו־דאָקטוירים „נעמען" און פאַר אַ „וזיאַטקע" (כאַבאַר) גיבן זיי אַ „געלן" בילעט און אַפילו אַ „ווייסן". אָבער כדי צו באַקומען אַ גוטן בילעט, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פעלער. געווען „גוטע" פעלערס, פאַר וועלכע מ׳האָט לייכט באַקומען אַ „ווייסן בילעט" און נישט אַזעלכע „גוטע", פאַר וועלכע מ׳באַקומט קוים אַ „געלן"...

אַ גאָר „גוטער" פעלער איז געווען, למשל: אַ קראַנק האַרץ... אַ יונגערמאַן מיט אַ האַרץ־פעלער האָט זיך באמת געמעגט גרויסן... אַן אויסגעדרייטער פוס, אַ האַנט אָן פינגער איז אויך געווען „זייער גוט" און האָט געמאַכט דעם דינסט־פליכטיקן און זיינע בני־בית „גליקלעך".

אַן אַנדער „גוטער פעלער" איז געווען דאָס „אָפּצערן זיך"; מ׳האָט געגעסן בלויז דאַרע פלעצלעך, געקנאַקט קערלעך און געזאָרגט, מ׳זאָל ווערן אַלץ דאַרער און פאַרלירן וואָג. ווייל א מענטש, אונטער אַ געוויסער פאָרגעשריבענער מינימום וואָג, האָט מען נישט גענומען דינען.

אַ „לייכטער פעלער", וועלכער האָט אויך געקענט גוט אויסגענוצט ווערן, אויב דער דאָקטאָר איז דערצו געווען „אונטערגעשמירט", איז געווען, וואָס מ׳האָט גערופן (לויטן פּאַראַגראַף פון געזעץ) אַ „זעקס־און־זעכציק"; אויף פּראָסט לשון — אַ קילע.

זענען אין די שטעטלעך געווען פעלער־מאַכערס, ממש „ספּעציאַליסטן". זיי האָבן געקענט מאַכן אַ קראַנק האַרץ, אַ געשוואָלענעם פוס, אויסדרייען אַ האַנט, אָפּהאַקן פינגער און באַזונדערס — מאַכן אַ „זעקס־און־זעכציק", ווי גאָרנישט. דער מענטש מיטן זעקס־און־זעכציק האָט געדאַרפט זיין פעלער פלעגן און אַנטוויקלען. למשל: שפּרינגען פון אַ הויכן טיש, הייבן שווערע משׂאות וכד׳. שטעטלשע פלעגן זיך באַגעגענען און אָפּנעמען „גרוסן", איינער פונעם צווייטנס פעלער... באַזונדערס פונעם זעקס־און־זעכציק, וועלכער האָט געדאַרפט „זיך צעשפּילן" און וואַקסן.

כ׳געדענק אַ געשמועס צווישן אַ שכן און מיין פאָטער; מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט „אויפן האַרץ" און געגעסן געזאַלצענע פלעצלעך, כדי דאָס האַרץ זאָל, חלילה, נישט פאַרלירן זיין פעלער, דעם נישט רעגולערן פּולס... דער שכן פלעגט האַלטן אין איין אַראָפּשפּרינגען, טאָג ווי נאַכט (מיר האָבן עס געהערט דורך דער וואַנט) פון דער „טישגע" פון זיין קלייט, כדי דער זעקס־און־זעכציק זאָל זיך אים „צעשפּילן" און וואַקסן. האָט ער זיך איין מאָל אַזוי באַרימט פאַר מיין פאָטער:

— איר מוזט אָנקוקן, מאָשקע, ווי מיין זעקס־און־זעכציק האָט זיך, קיין עין הרע, צעשפּילט און צעוואַקסן, ס׳פאַרכאַפּט ממש ס׳אויג...

— קיין בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן — האָט מיין פאָטער צוגעגעבן, ווי אַ מבין.

און דעם שכנס ווייב האָט געשטראַלט פאַר נחת פון איר מאַנס „אוצר" און צוגעגעבן:

— כ'דאַנק דיר, רבונו של עולם — טפו, טפו, טפו, פאַר דיין חסד... זאָלן די שונאים פּלאַצן פון קנאה...

די, וועלכע האָבן זיך „געהאָזלט"

אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך נישט געמאַכט קיין פּעלער און זיך נישט געשטעלט צום פּריזיוו. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, זענען געווען, וואָס מ'רופט „האָזלעך"; זיי האָבן זיך „געהאָזלט".

פון צייט צו צייט פלעגן אַראָפּקומען אין שטעטל כאַפּערס פון „האָזלעך". מ'האָט זיי גערופן „פּעלצלעך", וואַרשיינלעך לויט די נישט־געדעקטע שאָפּענע קורצע פּעלץ־פּיזשאַקלעך, וועלכע זיי האָבן געטראָגן. פאַרוואָס האָבן די געהיימע „האָזל"־כאַפּערס געדאַרפט טראָגן פּעלצלעך, מ'זאָל זיי דערקענען? ווער קאָן וויסן די לאָגיק פון דער צאַרישער פּאָליציי?

ווי נאָר ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער קלאַנג, אַז די „פּעלצלעך" זענען דאָ, האָט איין „האָזל" געקלאַפּט אין די טירן פון צווייטן, אַז מ'מוז אַנטלויפן. מ'האָט גענומען שליטנס און אַוועק אין אַ צווייטן שטעטל. אין יענע צייטן איז אַרומגעגאַנגען אַ כאַראַקטעריסטיש לידל, פון וועלכן כ'געדענק בלויז אַ פּאָר ווערטער:

„אויף די פעלדער לויפן האָזן,
שפּרינגען פוקסן, טאַנצן מאָזן (מויזן)".

בחורים האָבן זיך דערמאָנט מיט שוידער אין דער צייט, ווען זיי האָבן זיך „געהאָזלט".

און אַז עמעצער איז דאָך אַריין אין מיליטער — דאָס זענען געווען על־פּי־רוב נאַרישע, נישט אָפּגעהיטענע און אָרעמע בחורים — האָבן זיך זייניקע תמיד געווונטשן, ער זאָל אַריינפאַלן אין „פּלען" צו די „דייטשן". ווייל ביי זיי איז אַ „גוטער פּלען". אַז ס'פלעגט אָנקומען אַ מעלדונג צו דער משפחה, אַז איר סאָלדאַט איז אַריינגעפאַלן אין פּלען, פלעגט זיין אַ פרייד; מען האָט שבת געמאַכט אַ קידוש אין דער היים און אין קלויז האָט מען געטיילט לעקעך און בראַנפן...

סאָלדאַטן פלעגן לערנען איינער דעם צווייטן ווי אַזוי אַריינפאַלן אין פּלען, אַ זאַך, וואָס איז אָפט געווען פאַרבונדן מיט געפאַרפולער דעזערציע. אין שייכות מיט דעם האָט מען דערציילט די מעשה מיט יענעם נייעם ייִדישן סאָלדאַט, וועלכער, שוין אין ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען אויפן פראָנט, האָט געפרעגט:

— ווו איז דאָ ערגעץ דער פּלען?

אונדזער שטוב האָט אַמאָל באַזוכט אַ שייגעץ, אַ געוועזענער צאַרישער סאָלדאַט, וועלכער האָט דערציילט, ווי אַזוי ס'איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון פּלען און זיך אומקערן צו זיין פּאָלק אויפן פראָנט... ייִדן האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער פון אָט דעם „גוייִשן קאָפּ", דעם אידיאָטישן איוואַן־תחת, וועלכער אַנטלויפט גאָר פון פּלען...

אַ געוועזענער ייִדישער פּלעניק ביי די עסטרייכער האָט דערציילט אַ ביסל וווּנדער, ווי אַזוי עסטרייכישע ייִדישע סאָלדאַטן זענען אַנטלאָפן פון רוסישן פּלען, אַזוי ווי די גויים...

— קיר"ה ווייִדלס...

מיטן וואָרט קיר"ה האָט מען באַצייכנט די עסטרייכישע ייִדן, ווייל יענע פלעגן רופן זייער קייזער פראַנץ־יאָזעף מיט פאַרערונג — דער קיר"ה — (קיסר ירום הודו)... — האָבן ייִדן חוזק געמאַכט איבער זייער טיפשעוואַטעקייט...

ווינטער 1916־17 איז אַראָפּגעקומען אַ רוסישער גאַרניזאָן אין שטעטל. מ'האָט די סאָלדאַטן צעשטעלט אין די ייִדישע הייזער. דאָס זענען געווען גוטמוטיקע רוסישע־פּויערים־זין, וועלכע האָבן געטאָן כל־מיני אַרבעטן: געהאַקט האָלץ, איינגעהייצט די הרובעס, געבראַכט וואַסער, זיך געשפּילט מיט די קינדער און אויסגעאַרבעט כל מיני שניצערייען... אַ גאַנצן טאָג פלעגן זיי ברענגען פון זייער קיך „קיפּיאַטאָק" אין די קעסעלעך און געזופּט טיי... פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אָנגעשיכורט.

אין אַ געוויסן טאָג, שבת צי זונטיק, זענען באַנדעס סאָלדאַטן באַפאַלן די וויין־קעלערס און זיך אָנגעזשלאָקעט... אַנדערע פלעגן אַרויסשלעפּן די וויין־פעסער און זיי אויסגיסן אין די קאַנאַוועס. סאָלדאַטן פלעגן זיך אָנבייגן צו די וויין־ריטשקעס און זשלאָקען, ביזן פאַרלירן די חושים. אויסער דעם געדענק איך נישט, מ'זאָל פון זיי האָבן צרות. שיקסעס פלעגן זיך דרייען אַרום זיי.

כ'געדענק, אַז איין מאָל האָט זיך אויף דער פּאָטשטאָווע גאַס אָפּגעשטעלט אַ דורכפאָרנדיקע אָפּטיילונג קאָזאַקן. מיר, קינדער, זענען געלאָפן קוקן... מיר האָבן אויך געזען, ווי שטאָטישע שקצים האָבן זיך געדרייט אַרום די קאָזאַקן. אַלע מאָל אַוועקגעפירט אַ קאָזאַק אין דער זייט, אין אַן „אָבאָרע", כדי זיך „צו וואַלגערן", אויף אַ באַנק אָדער אויף דער ערד, מיט אַ שיקסע. איין קאָזאַק האָט עס געטאָן פאַר אַלעמענס אויגן אויף דער באַנק פון פאַר דער „שערי־ציון"־קלויז...

דערבייִיקע ייִדן האָבן אויף אונדז אָנגעשריגן:

— אַוועקט, באַסיאַקעס, וואָס האָט איר דאָרט צו קוקן?... איר קענט ביי די קאָזאַקן אָנצינדן די רציחה און ברענגען אַן אומגליק אויף ייִדן... אַוועקט...

די קאָזאַקן זענען באַלד אַוועק און צווישן די שקצים און שיקסעס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג: זיי האָבן זיך נישט געקענט צעטיילן מיטן פּדיון.

* * *

די רעוואָלוציע און דער פּאָגראָם

ס'האָט אויסגעבראָכן די פעברואַר־רעוואָלוציע. קיין יעדינעץ איז די ידיעה אָנגעקומען שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג. יונגע לייט האָבן דערציילט הויך, אַז „מ'האָט אַראָפּגעזעצט ניקאָלאַיען".

פאַרזיכטיקע ייִדן האָבן אַלץ מורא געהאַט און זיך געבעטן:

— שאַ... מ׳קאָן נאָך נישט וויסן.

צווישן די סאָלדאַטן זענען פאָרגעקומען מיטינגען... מען האָט פאַר זיי געהאַלטן רעדעס. איך הער נאָך די אויסגעשרייען „הוראַ״ און „דאַלאָי״... ס׳איז געוואָרן די „סלאָבאָדע״... געווען „מאַניפעסטאַציעס״ מיט פענער: ציוניסטן און סאָציאַליסטן... שפּעטער אויך „באָלשעוויקעס״. ס׳זענען אָנגעקומען קלאַנגען וועגן פּאָגראָמען און וועגן גויִים, וואָס פאַלן איבער די „פּריצים״. ייִדן האָבן אַ ביטערע דערפאַרונג פון יעדן ספּאָנטאַנעם פאָלקס־צאָרן. מ׳פלעגט הערן סתם־שיסערייען פון אומדיסציפּלינירטע סאָלדאַטן. סאָלדאַטן פלעגן אַרויסטראָגן ביקסן מיט קוילן צום פאַרקויפן, פאַר אַ שיבוש. געוועזענע סאָלדאַטן פלעגן די ביקסן אויספּרוּוון און שיסן.

ס׳זענען אָנגעקומען קלאַנגען וועגן דעם, אַז רומעניע וויל „אָפּ״ בעסאַראַביע. אין שטעטל האָט זיך באַוויזן אַן אויסטערלישער יונג, מיטן נאָמען „וויקטאָר״, וועלכער האָט זיך געדרייט ביי די קהלישע זאַכן. ער איז געקומען פון רומעניע. מ׳איז אים חושד געווען, אַז ער איז „אַ רומענישער אַגענט״. ער האָט גלייך געוואָלט אויפשטעלן אַ „סאַמאָ־אָבאָראָנע״.

אין צווישן האָט זיך דער פראָנט דערנענטערט. פּויערים זענען איבערגעפאַלן דאָס פּריצישע „הויף״ אין דער „אוסאַדבע״ און עס צעראַבירט. גויִים פון די דערפער זענען געוואָרן חוצפּהדיקער קעגן די „זשידאַנעס״ (ביי די מאָלדאָוואַנעס), אָדער „זשידעס״ (ביי די רוסנאַקעס), באַזונדערס קעגן די פרייזן פון די סחורות.

אין אַ געוויסן ווינטערדיקן דאָנערשטיק ביי נאַכט האָט מען געהערט שיסערייען... ס׳אַ פּאָגראָם... מ׳האָט אויסבאַהאַלטן וואָס מ׳האָט געקאָנט. מיין פאָטער האָט פאַרשטאַנען איבערצולאָזן אַ ביסל שניט־סחורה אין קלייט, ס׳זאָל זיין וואָס צו ראַבעווען. מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט די קנויטן אין די לעמפּ און געוואַרט. פון דער ווייטנס האָט מען געהערט קלאַפּערייען, מ׳האָט אויפגעבראָכן קלייטן און צעשלעפּט די סחורות. נעבן אונדז האָט מען אויפגעבראָכן ניסל קאָלקערס „אָבוווּנע״ געשעפט. גויִים און גויעס האָבן געכאַפּט וואָס מ׳האָט געקענט: שיך און גאַלאָשן, שאַלן און פּאַלטאָס, שרייענדיק דערביי, כ׳געדענק עס נאָך היינט, אויף וואָלעכיש:

— אַי סע מאַי שער, שינש רובלע פּענטרו אָ פּערעקע דע גאַלאָש? (ווען נאָך מאָנען פינף רובל פאַר אַ פּאָר גאַלאָשן?)...

מען הערט קלאַפּן אין אונדזער טיר. דער פאָטער גייט עפענען... ס׳רייסן זיך אַריין אַ פּאָר גויִים אין שינעלן... אפשר זענען דאָס געווען סאָלדאַטן. מיין פאָטער הייבט זיך אָן ביי זיי צו בעטן, אַז ער איז אָרעם, האָט קינדער... עפּעס איז זיי אונדזער שטוב און קלייט נישט געפעלן געוואָרן... זיי האָבן פאַרשלעפּט אַ פּאָר שטיקלעך סחורה פון די אויסגעליידיקטע ראַפטן. ס׳רייסט זיך אַריין אַ גויע אין שטוב און כאַפּט אַראָפּ די צוויי לייכטער פונעם קאָמאָדל און וואַרפט זיי אַריין אין אַ זאַק און אַנטלויפט. זיי זענען אַוועק... מיר האָבן פריי אָפּגעדעכעט, אַרויס מיט מזל... מ׳האָט געדאַנקט דעם אייבערשטן פאַר זיין... חסד...

פּלוצים — אַ גוואַלד: „פּאָזשאַר״... ס׳ברענט... די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אונטערגעצונדן די קלייטן פון דער אונטערשטער טאָרהאָוויצע... מ׳איז געלאָפן לעשן דאָס פייער. ייִדן האָבן געציטערט... ייִדענעס האָבן געבראָכן הענט און געוויינט... אַ קלאַנג האָט געזאָגט, אַז מ׳לאָזט נישט לעשן... מ׳האָט געמיינט, אַז די גויִים ווילן אונטערצינדן דאָס גאַנצע שטעטל.

אין מיין קינדערשן מוח האָבן זיך די שׂריפה און דער פּאָגראָם אויסגעוויזן, ווי דער גאַנצער „גלות״ ברענט... איך דערמאָן מיך, ווי כ׳האָב זיך געווענדעט צו מיין פאָטער און געזאָגט:

— אַ מאָל האָט אָפּגעברענט ארץ־ישׂראל און מיר זענען אַרויס אין גלות; היינט ברענט אָפּ דער גלות און מיר וועלן גיין קיין ארץ־ישׂראל.

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט, און מיט רעכט, צו די קינדער און זייערע פּלאַפּלערייען, וואָס דער גוטער לערער דובראָוו האָט זיי אַריינגעשטופּט אין קאָפּ...

דער „פּאָזשאַר״ האָט, זעט אויס, צעטריבן די פּאָגראָמשטשיקעס. די סאָלדאַטן זענען אַוועק. די גויִים האָבן אָנגעלאָדן די זעק אויף די פורלעך און זענען צוריק אַוועק אין זייערע „מאַהאַלאַס״ און דערפער.

אין דער פרי האָט מען געזען ווי ייִדיש האָב און גוטס וואַלגערט זיך אויף דער גאַס, ווי טירן און פענצטער פון ייִדישע הייזער און קלייטן זענען צעבראָכן און אַז די „טאַרהאָוויצע״ האָט אָפּגעברענט...

— וואָס טוט מען? — האָבן ייִדן זיך געפרעגט.

ווי געוויינלעך האָט מען גאָרנישט נישט געטאָן. מ׳איז געגאַנגען צום מיליטערישן קאָמענדאַנט.

יענער האָט עפּעס צוגעזאָגט. אין אָוונט — פרייטיק־צו נאַכט, פון ס׳ניי אַ פּאָגראָם. ס׳זענען זיך אָנגעפאָרן נאָך מער גויִים פון די דערפער, מיט זעק... ווידער זענען באַנדעס פון סאָלדאַטן און גויִים, שטעטלשע און אָנגעפאָרענע דאָרפישע גויִים, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געראַבעוועט. פון די „אונטערשטע״ געסלעך זענען געקומען קלאַנגען, אַז די גויִים האָבן אויך געשלאָגן ייִדן. קיין צווייטער „פּאָזשאַר״ איז נישט געווען.

שבת אין דער פרי — די זעלבע בילדער ווי נעכטן אין דער פרי.

„מ׳באַדאַרף דאָך עפּעס טון״... דאָ, דערמאָן איך מיך, איז אַריין אין בילד דער מענטש וויקטאָר. ער האָט אָרגאַניזירט אַ „סאַמאָ־אָבאָראָנע״. אין דער „זעמסקי אופּראַווע״ (אַ מין שטאָטראַט) זענען געווען אַ פּאָר ביקסן; נאָך אַ פּאָר ביקסן און רעוואָלווערן זענען געווען צווישן די ייִדן. די ביקסן האָט מען פאַרטיילט צווישן געוועזענע סאָלדאַטן און זיי אַוועקגעשטעלט ביי די אַריינגענג אין שטעטל. אייניקע בחורים האָבן גענומען דרענגלעך אין די הענט. אַנדערע האָט מען געהייסן סתם קלאַפּן מיט שטעקנס אין בלעכן, כדי צו מאַכן אַ רעש. די ביקסן האָבן געשאָסן, די בלעכן האָבן גערוישט. דאָ און דאָרט האָט מען געלאָזט אַ גאַנצע נאַכט זידן די סאַמאָוואַרן, די

קעמפערס זאָלן זיך קענען דערוואַרעמען ביי אַ גלעזל טיי... וויקטאָר איז אַרומגעלאָפן פון „פּאָזיציע" צו „פּאָזיציע" און געהייסן „קלאָפּן" און רעשן. אויך אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען בערעזין איז געווען טעטיק אין זעלבשוץ.

אין אָט דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק זענען טאַקע די גוייִשע פּאָגראָמשטשיקעס נישט אַריינגעלאָזט געוואָרן אין שטעטל. זיי האָבן אָפּגעוואַרט, אויף די פורלעך, מיט די זעק, נעבן די אַריינגאַנג־וועגן.

זונטיק אין דער פרי אָבער האָט אַריינגעריטן מיליטער, דוכט זיך, קאָזאַקן; נאָך זיי די גוייִם... דאָס מיליטער איז געקומען צו כאַפּן די „בונטאָווששטשיקעס"... וויקטאָר איז פאַרשווונדן... ווידער האָט מען פּאָגראָמירט און גוייִם האָבן אָנגעפילט זעק... ס'איז געווען אַ מהומה... ייִדן אין יעדינעץ זענען אַרויס אין די גאַסן און געיאָמערט. גענוי געדענק איך נישט, וואָס ס'איז געשען... כ'געדענק נאָר, אַז ייִדן האָבן געפּאַקט בעבעכעס, געדונגען פורלעך ביי גוייִם, ביי די, וועלכע זענען געקומען אין שטעטל ראַבעווען, כדי צו אַנטלויפן... די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין רעטערס... וווּהין לויפט מען? ווער ווייסט? מיין פאָטער האָט אויך געדונגען אַ פורל, אַריינגעלייגט בינטלעך. די מאַמע האָט גענומען דאָס שוועסטערל, שרה, אויף די הענט און מיין פאָטער — מיך...

כ'ווייס אָבער נישט פאַרוואָס, מ'איז אַרויס פון פורל און זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין.

נאָכמיטאָג זענען די סאָלדאַטן און די גוייִם אַוועק פון שטעטל... אין אָוונט איז קיין פּאָגראָם נישט געווען. אַ דעלעגאַציע איז אַוועקגעפאָרן, דוכט זיך, קיין בריטשאַן, וווּ ס'איז געווען אַ העכערע קאָמענדאַטור. צו מאָרגנס זענען אַראָפּגעקומען סאָלדאַטן, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו היטן דאָס שטעטל פאַר פּאָגראָמען.

עמעצער האָט באַפוילן צו צעוואַרפן אויף די גאַסן צעריסענע זאַכן, כדי אַרויסצורופן רחמנות ביי די נייע אָרדענונגס־היטער. מ'האָט זיי אויפגענומען מיט געוויין, מיט טיי און פּאַפּיראָסן... ס'זענען באַשטימט געוואָרן ערטער וווּ מ'האָט פאַר די היטערס געקאָכט טיי און געפילט „גילזן" מיט טוטון... וועגן דער „גוטסקייט" פון די נייע היטערס זענען אַרומגעגאַנגען כל־מיני מעשׂיות; מ'האָט זיי געדאַרפט פיל בעטן, זיי זאָלן נעמען פּאַפּיראָסן אָן געלט... זיי האָבן זיך געלאָזט, פאַרשטייט זיך, איינבעטן...

מער קיין פּאָגראָמען זענען נישט געווען. ייִדן האָבן אַלץ מער און מער געקויפט ביקסן און „פוליעס", רעוואָלווערן און דג"ל. די „סלאָבאָדע" איז נמאס געוואָרן. מ'האָט געהערט, אַז אין קעשענעוו האָבן די „פּריצים" אויפגעשטעלט אַ „ספּאַטול צערעי" (לאַנדראַט) און ווילן אָפּרייסן בעסאַראַביע פונעם רוס און אַז זיי האָבן אַריינגערופן דעם רומענער... דער רומענער איז שוין נישט וויט...

* * *

די רומענער זענען געקומען

פּלוצים האָט מען דערזען, אַז די רוסישע סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל... די פּאָטשטאָווע גאַס האָבן דורכגעריטן אַ פּאָר רומענישע רייטערס און שנעל אַוועק. ייִדן האָבן פאָרמירט אַ דעלעגאַציע, זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער בריק, אָפּצוּוואַרטן די רומענער און זיי אויפנעמען מיט ברויט און זאַלץ. ייִנגלעך זענען אַרויפגעקראָכן אויף ביימער און בערגלעך, כדי צו זען, צי זיי קומען שוין אָן...

זיי זענען אָנגעקומען... צו ערשט רייטערס אויף פערד; זיי האָבן צעטריבן די ייִדישע דעלעגאַציע און תיכף אויסגערופן „סטאַרע דע אַסעדיו" — „אַסאַדנע פּאָלאָזשעניע" האָבן די ייִדן עס גערופן, אויך אויף רוסיש (באַלאַגערונגס־צושטאַנד) — און געהייסן זיי אָפּטראָגן דאָס געווער, וואָס די באַפעלקערונג האָט ביי זיך.

ס'האָט זיך פאַרשפּרייט די סברה, הלמאי די רומענער האָבן אָנגעבונדן רויטע בענדלעך אויף די קאָדעס (עקן) פון זייערע פערד.

— דאָס איז אַ מין סימן, אַז זיי האָבן די „סלאָבאָדע אין קור"... (די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס מ'האָט גערופן „סוואָבאָדאַ — סלאָבאָדע", אין... הינטערחלק...)

דער אויסזען פון די רומענישע סאָלדאַטן איז געווען אַ נעבעכדיקער. זיי זענען געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, ס'רוב פּשוט באָרוועס, אָן שיך... זייער הויפּטשפּייז איז געווען מאַמעליגע. דאַקעגן האָבן זיי איינגעפירט אַ טעראָר קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג; אַרויסגעלאָזט כל־מיני שיקאַנישע באַפעלן. זיי האָבן געשאָסן ייִדן און גוייִם און בעיקר געשמיסן. פאַר יעדער באַגאַנגענער אָדער נישט באַגאַנגענער עבירה:

— טשינטש לאַ קור, זעטשע לאַ קור, 25 לאַ קור, און אַפילו מער.

די אַלע גרויל־געשיכטעס ווערן גענוג באַשריבן אין אונדזער בוך.

אין יעדינעץ האָבן זיך די רומענישע כוחות אָפּגעשטעלט און נישט פאַרויסגעגאַנגען. פינף קילאָמעטער פון שטעטל איז געווען די „גרענעץ". איבער אָט־דער גרענעץ, אין דאָרף גלינאָיע, אויפן וועג קיין בריטשאַן, האָבן שוין געהערשט די „דייטשן"... פון דערביייִקן שטעטל בריטשאַן (25 ווערסט) זענען אָנגעקומען אויסערגעוויינלעכע, גוטע גרוסן וועגן רעזשים פון די „דייטשן", פאַקטיש — עסטרייכיש מיליטער.

ביי אונדז האָבן די רומענער געשאָסן און געשמיסן... דאָרט, אונטער די דייטשן, איז געווען „אַ לעבן": מ'האָט געהאַנדלט און געאַרבעט... די דייטשן האָבן רעספּעקטירט די ציווילע באַפעלקערונג. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ שמוגל פון דאַנען

אַהין און פֿון דאָרט אַהער... ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו בענקען נאָך די דייטשן. און אַז מ׳בענקט, ווערן פֿאַרשפּרייט קלאַנגען:

— אַט קומען זיי... מאָרגן גייען זיי... אַט האָט מען געזען, אַז די רומענער פּאַקן זיך...

אין אַ וועסנע־טאָג, ווערט אַ פֿריידיקער געפּילדער:

— די דייטשן קומען...

פֿון דער „פּאָטשטאָווע" זעט מען, ווי „אונטער די ווערבעס" ציט זיך אַ שירענגע „וואָיסק", אויסגעפּוצטע אין קאָלירן מונדירן... בקיצור „דייטשן"... פֿאַרוואָס זשע זענען די רומענער נישט אַוועק?

די שירענגע קומט אַרויף, פֿון וועג, נעבן דער סעמינאַריע, אויף דער פּאָטשטאָווע... בכלל נישט קיין זיגערישע טרופּן... זיי ציען פֿאַמעלעך... ייִדן שטייען פֿון דער ווייטנס, צו זען, וואָס וועט זיין...

אָבער איין ייִדל, מיט אַ ברענענדיקער רויטער באָרד, האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער מענגע, צוגעלאָפֿן צום רייטער, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין דער „עלטסטער", אים אָנגעהויבן אַרומצונעמען, אַפֿילו צו קושן און געשריגן ווייַנענדיק, אויף אַ ייִדיש, וואָס זאָל קלינגען „דייטש"...

— דאַנקען גאָט, וואָס איר זענט געקומען... מיר קענען שוין נישט מער איבערטראָגן פֿון די שוואַרצע רומענער, די ציגיינערס... איר זענט אונדזערע אויסלייזער...

צו אַלעמענס דערשטוינונג האָט דער עלטסטער אַוועקגעשטופּט פֿון זיך דעם ייִדן מיט דער רויטער באָרד און די שירענגע האָט ווייטער געריטן, אַרויף דער פּאָטשטאָווע, און זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער רומענישער קאָמענדאַנטור. דאָרט איז דער עלטסטער אַראָפּגעשטיגן פֿון פֿערד און באַריכטעט דעם רומענישן קאָמענדאַנט, דעם טרויעריק־באַרימטן מאַיאָר דימיטריו, אַז אָנקומענדיק אין שטעטל, האָט אַ ייִד מיט אַ רויטער באָרד זיי באַגריסט אַלס „דייטשן, אויסלייזער פֿון די רומענישע ציגיינערס"...

ווער איז געווען די שירענגע אויסגעפּוצטע סאָלדאַטן אין די פֿאַרביקע, היינט וואָלט איך געזאָגט, אָפּערעטקע־מונדירן? דאָס זענען מיר שפּעטער געוווּיר געוואָרן. ס׳איז געווען אַ רעשטל פֿון אַ פּוילישער אָפּטיילונג, וועלכע האָט געליטן אַ מפּלה אין דער אוקראַיִנע און זיך געראַטעוועט איבערן נעסטער, אויף דער טעריטאָריע, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער די רומענער.

די רומענישע מאַכט האָט תּיכף אַרויסגעשיקט וואַך צו כאַפּן דעם מורד במלכות, דעם „זשידאַן קו באַרבאַ ראָשיע" (דער ייִד מיט דער רויטער באָרד)... ווער אַט דער רויטבערדלדיקער ייִד איז געווען, איז פֿאַר מיר ביז היינט געבליבן אַ מיסטעריע. די רומענער האָבן זיך אָבער לייכט געמאַכט די זאַך: זיי האָבן פֿאַרנומען אין אַרעסט אַלע ייִדן מיט רויטע בערד און רויטע ייִדן אָן בערד און ייִדן מיט בערד, אַפֿילו נישט קיין רויטע.

דער פּוילישער „עלטסטער" האָט געדאַרפֿט דערקענען דעם באַטרעפֿנדיקן „ייִדן מיט דער רויטער באָרד". צווישן די צונויפֿגענומענע פֿאַר צענדליק ייִדן האָט ער דעם שולדיקן נישט דערקענט.

אָבער סתּם אַפּלאָזן די פֿאַרנומענע ייִדן מיט גאָרנישט, האָט דער רומענישער „קאָמענדאַנט" זיך נישט געקענט דערלויבן, האָט מען זיי אַלע אַרויסגעפֿירט אין דער אָבאָרע, אַראָפּגעצויגן די הויזן, אַוועקגעלייגט „ראַקעם" מיטן פּנים אַראָפּ, און אָפּגעשמיסן. ייִנגערע האָבן באַקומען „25 לאַ קור"; עלטערע בלויז 15 און 10...

נעבן אונדז האָט געוווינט אַן עלטערער ייִד, מיט אַ פֿייערדיקער געל־רויטער באָרד. „שמואל ניאַמץ" האָט מען אים גערופֿן, ווייל ער האָט געשטאַמט פֿון גאַליציע־עסטרייך און נאָך גערעדט מיט פּתחן. ער איז געווען ביי אַכציק יאָר אַלט און קוים געשלעפּט די פֿיס. ער איז אויך געווען אַרעסטירט און באַקומען בלויז „4 לאַ קור"... ווען מ׳גיט אים דעם פֿינפֿטן, וואָלט געווען נאָך אים. מ׳האָט אים אַהיימגעבראַכט טראָגנדיק אויף די הענט. וואָכנלאַנג האָט ער נישט געקענט זיצן, אָדער שלאָפֿן אויף דער פּלייצע.

דער סוף איז געווען, אַז די „דייטשן" האָבן אָפּגעצויגן פֿון צפֿון־בעסאַראַביע און בוקאָווינע... די רומענער האָבן פֿאַרנומען די טעריטאָריע. וווּנדער וועגן דער קורצער דייטשער הערשאַפֿט האָבן די ייִדן פֿון יענער געגנט דערציילט לאַנגע יאָרן, מיט גרויס בענקשאַפֿט.

די רומענישע הערשאַפֿט האָט זיך „אַשאַזעט" (סטאַביליזירט). ייִדן זענען אַפֿילו געווען צופֿרידן, ווייל איבערן נעסטער איז געווען אַ בירגערקריג, אַ הונגער, פּאָגראָמען און פֿון דאָרט, פֿון דער אוקראַיִנע, האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען ייִדישע „בעזשענצעס".

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צום רומענישן רעזשים.

דאָס שטעטל האָט באַקומען אַ סטאַטוס פֿון אַ „קאָמונע", באַקומען אַ „פּרימאַריע", ייִדן זענען באַשטימט אָדער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס „פּרימאַרן". פּרימאַרן האָבן זיך געביטן מיטן בייטן זיך פֿון די פּאַרטייען ביי דער מאַכט. קיין גרויסע אַנטוויקלונג בעת דעם רומענישן רעזשים האָט יעדינעץ, ווי גאַנץ בעסאַראַביע, נישט דורכגעמאַכט.

דאָס ייִדישע לעבן

דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך אַנטוויקלט זעלבשטענדיק, אומאָפּהענגיק פֿון אַלגעמיינעם לעבן. ס׳זענען אויפֿגעשטאַנען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען... אין די וואַלן צו די לעצטע דריי ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן אין יעדינעץ געשטימט קרוב צו 700 שוקלים; די ליסטע פֿון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל האָט באַקומען איבער 400 שטימען. „לינקע" עלעמענטן האָבן געהערט אָדער סימפּאַטיזירט מיט דער אונטערגרונטיקער קאָמוניסטישער באַוועגונג. בחורים און מיידלעך האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די הכשרות פֿון „החלוץ" און עולה געווען. הונדערטער יונגע לייט האָבן עמיגרירט קיין דרום־

אַמעריקע, כדי „צו מאַכן געלט". טייל יוגנט איז אַוועק אין די גרויסע שטעט אויף אַרבעט. אַנדערע זענען געפאָרן לער־נען, ווער אויף לערער אין די עברית־סעמינאַרן, ווער אין די אוניווערסיטעטן. די לאָקאַלע גימנאַזיע, וועלכע האָט אָנגע־הויבן אַלס העברעיִשע, איז רומעניזירט געוואָרן און לבסוף דעגענערירט און זיך פאַרמאַכט.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אויסגעבראָכן אַ קריזיס. מיט פרנסה איז געוואָרן אַלץ ערגער... די יוגנט האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. די אינטעליגענטערע און אַקטיווערע כוחות האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

די רדיפות פון דער מאַכט קעגן די „קאָמוניסטן" האָבן נישט דערמעגלעכט קיין שום קולטורעלע טעטיקייט.

די לאָקאַלע נישט־יידישע יוגנט, אַפילו די זין פון די צי־גיינערס, וועלכע פלעגן זיך דרייען צווישן דער יידישער יוגנט און קענען רעדן יידיש, האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די קוזיסטן; שפּעטער, אין די היטלער־צייטן, זענען זיי געווען די אַכזריות־דיקע מערדער פון די יידן.

די תלמידים און זייערע לערערס פון דער גלחים־סעמי־נאַריע זענען געווען אַגענטן פון אַנטי־יידישער העצע. די סעמינאַריסטן האָבן געפּרווט, אין די סוף צוואַנציקער יאָרן, מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן, ס'זענען פאָרגעקומען געשלעגן צווישן זיי און די יידישע גימנאַזיסטן; דער גלח זשאַרזשעסקו, דירעקטאָר פון דער סעמינאַריע, איז געוואָרן איינער פון די צענטראַלסטע קוזיסטישע העצערס (שפּעטער איז ער איבער־געגאַנגען צו קאָדרעאַנוס „גאַרדאַ דע פיער" — אייזערנע גוואַרדיע) און זיך גערופן סימבאָליש „פּראָטאָפּאָפּ זשאַרזשעס־קו — יעדינעץ".

ס'איז געקומען דער קוזאַ־גאָגאַ רעזשים... רומעניע איז געוואָרן אַן אָפן פאַשיסטיש לאַנד. די לופט איז געוואָרן אַ געדריקטע. אַלע זענען מקנא געווען דעם, וואָס האָט זיך גע־קענט ראַטעווען און פאַרלאָזט דאָס שטעטל. אָבער דאָס איז נישט געווען כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר יעדינעץ.


איך האָב מיך אויפגעהאַלטן, צווישן די יאָרן 1929—1938, אין טשערנאָוויץ, ווו כ'האָב געלערנט אין אוניווערסיטעט, גע־אַרבעט אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי (שפּעטער: „פּאַראייניק־טע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּועלי־ציון—צעירי ציון"), אין דער יוגנט־באַוועגונג „דרור", אין „החלוץ" און רעדאַגירט די פּאַרטיי־צייטונגען „אַרבעטער־צייטונג" און „אויפבוי". אַ צייט בין איך אויך געווען קאָרעספּאָנדענט פון קעשענעווער „אונדזער צייט" און פון בוקאַרעשטער רומעניש־יידישע און פּאַרטייִשע אָרגאַנען.

דער קוזאַ־גאָגאַ רעזשים האָט פאַרמאַכט אַלע צייטונגען און אָרגאַניזאַציעס. אין 1938 בין איך עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

דערנאָך איז געקומען דאָס יאָר 1939; די מלחמה; די רוסישע אָקופּאַציע פון בעסאַראַביע; די רוסיש־דייטשע מל־חמה פון 1941.

רומעניע קומט צוריק קיין בעסאַראַביע; טראַנסניס־טריע, חורבן, חורבן... וועגן דעם שרייבן די, וועלכע זענען געווען עדות פון אומקום און אונטערגאַנג פון יעדינעץ אַלס יידיש שטעטל.


תל־אביב



מקרה שמשון ברנשטיין כסיסמת־בחירות
כרוז־בחירות של המפלגה היהודית משנות השלושים מזכיר את „שמשון ברונשטיין המעונה".

דער פאַל שמשון בראַנשטיין אַלס וואַלאָזונג
אַ וואַלאויפרוף פון דער יידישער פּאַרטיי אין די דרייסיקער יאָרן רופט זיך דערמאָנען אָן דעם „פּאַרפּייניקטן שמשון בראַנשטיין".

פרשת שמשון ברונשטיין


זונטיק, דעם 12-טן ה.ח. 8.30 אוונט קומט פאר. אין זאל פון ...

א פראטעסט-פארזאמלונג

קעגן דעם ווילקירלעכן טעראר

אין רומעניע

(צו די פייניקונגען פון אונזער חבר ש. בראנשטיין אין יעדינעץ)

מיר רופן די ייד. ארבעטערשאפט זיך באטייליקן אין דער פארזאמלונג און אויסדריקן זייער שארפסטן פראטעסט קעגן פאליציי פארפאלגונגען.

ווארשעווער-קאמיטעט

פון י.ס.א.פ. פועלי-ציון (פאר. מיט צ.ס.)

10. 1932 „באפרייונג-ארבעטער-שטימע" - ווארשע 32 .10/VI

אספת מחאה בוורשה

בעתונה של מפלגת פועלי־ציון־צ.ס. (ימין) בפולין „באפרייונג־אַרבעטער־שטימע" (וארשה), מ־10.6.1932, הופיעה מודעה על „אסיפת־מחאה נגד הטרור ברומניה (לרגל עינויו של חברנו שמשון ברונשטיין בידיניץ)".

אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין וואַרשע

אין שייכות מיטן פאַל שמשון ברונשטיין, פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אויך אין אנדערע לענדער.

די אויבנגעבראַכטע מודעה איז דערשינען אין אָרגאַן פון דער פּוילישער פּועלי־ציון (צ.ס.) פּאַרטיי — „באַפרייונג־אַרבעטער־שטימע" (וואַרשע) פון 10.6.1932.

יוסף מגן—שיץ

שמשון האדם ואיש־התנועה

מתוך דברים לזכרו, שנאמרו ביום השלושים לפטירתו

שמשון ברונשטיין ז״ל היה דוגמה נדירה של עסקן ציבורי אידיאליסטי ועקיב. באישיותו נתמזגה המסורת המהוללת של יהדות־רוסיה שנגדעה. ספג בקרבו את רוח הליבראליות היהודית והכללית של אודיסה מלפני המהפכה. עבר את כור־ההיתוך של הסער והדחף של ימי־האביב בתקופת ה„סבובודה" אחרי נפילת הצאַר — מחד גיסא, ומאידך גיסא — נתמזגה באישיותו עממיות יהודית שרשית, שצמחה על אדמת אמא־בסרביה, שופעת הפשטות והכנות, הנאמנות והרעות, כשדותיה ויערותיה, גבעותיה ונחליה העכורים, דרכיה הגלמיות, כמו כפריה העצובים ועיירותיה המאובקות בימי־חמה והמרופשות עד ברכיים בימי־גשמים ושלג.

הוא נולד בבסרביה, בעיירה סקוראן, בבית סוחרים בעלי־השכלה יהודית־תורנית, שלא היתה מצויה בה האדיקות הפאנאטית. מכאן, שעוד מבית־הוריו נובעת הנאמנות הפשוטה, השרשית ליהדות, לעם ולשאיפותיו הנצחיות לגאולה. הוא קשר את חייו וגורלו במשפחה שנייה — משפחת אשר נעוריו, גולדה, לבית קוזמינר, שכולנו מעריצים אותה, כמוהו — משפחה של אומנים משכילים ומורים נאורים. מכאן זיקתו לאנשי־עבודה ועמל והכרתו שיש לעמוד לימינם, להיאבק להטבת תנאי־חייהם לאלתר, במסגרת האפשרויות המקומיות, ולהילחם למען עתיד טוב וצודק יותר של החברה האנושית.


באודיסה שמלפני מלחמת העולם הראשונה, ובזמנה, גם בימי המהפכות שבשלהיה, למד להכיר את תנועת הפועלים הגדולה, את השאיפות לתמורה סוציאלית ואת הכמיהה לסוציאליזם. באותה אודיסה הליבראלית, ספג לקרבו נאמנות

שמשון ברונשטיין ז"ל

— פרטים ביוגראפיים —



שמשון ברונשטיין ז"ל
וגולדה (לבית קוזמינר) תלח"א



יחיאל ברונשטיין, אביו של שמשון ברונשטיין, ז"ל

שמשון ברונשטיין נולד ב־1892 בסאַקוראַן אצל הוריו סוחרי־תבואות, יחיאל (נספה בשואה) וינטה (מתה ב־1935). למד בסאַקוראַן לימודי יסוד יהודיים וכלליים והמשיך באודיסה. שם הצטרף ל„פועלי־ציון" והשתתף במהפכה הרוסית. ההורים השתכנו בינתיים בכפר גולאַן, ליד ידיניץ. שמשון, שחזר ב־1918 מרוסיה לבסרביה, התגורר בידיניץ. ב־1924 התחתן עם גולדה לבית קוזמינר. בידיניץ נעשה שמשון מייד לאחד מעסקניה הראשיים של כל פעילות ציבורית כללית וציונית. הוא ריכז בעיירה את חוג חברי „פועלי־ציון" וזכה לראות בהתרחבות התנועה עם הצטרפות יוצאי „התחיה". ב־1930 נבחר כציר מבסרביה לועידה העולמית הראשונה למען ארץ־ישראל העובדת שנתקיימה בברלין. בשנת 1932 נאסר ע"י הז'נדרמריה הרומנית, נאשם בקומוניזם, עונה קשות ובילה שבועות רבים בבתי־חולים. הפרשה עוררה הדים חזקים אף בחו"ל. אחרי פעולה תנועתית קצרה בצ'רנוביץ, חזר שמשון לידיניץ לתקופה קצרה ועלה עם גולדה לארץ ב־1936, כאן נחל אי־אלה אכזבות, עד לסידורו בעבודה; לבסוף נתקבל לעבודה במחלקת העובדים ב„קרן־היסוד". עקב העינויים בעת מאסרו הרגיש עצמו שמשון כל הזמן „חלש"; למעשה, לא החלים מעינוייו עד יום מותו. גם בארץ היה פעיל בהסתדרות, במפא"י, בקרב יוצאי בסרביה, בארגון יוצאי־ידיניץ והיה מיוזמי הועד להוצאת הספר ומפעיליו. נפטר אחרי מחלה ממושכת בז' טבת תשכ"ה (6.1.1968). בן 76 היה במותו.

בלתי־מתפשרת לעקרונות הדימוקרטיה והחופש. כאן נתמזגו אצלו האידיאלים של הסוציאליזם והדימוקרטיה.

אודיסה היתה באותם הימים, כלפני־כן, גם משתלה של תרבות יהודית ועברית, שרשית וחילונית כאחד. אודיסה היתה גם ערש הציונות של „עבודה פראקטית". נמל אודיסה היה אחד משערי העליה העיקריים של חלוצי העליה השנייה. מכאן דבקותו בשאיפות יהודיות־לאומיות מתקדמות, מעוגנות בתרבות היהודית המודרנית, שנוצרה בשתי הלשונות הלאומיות של הגולה, ידיש ועברית, בציונות של הגשמה, עליה ועבודה.

משנתמזגו בו כל מקורות היניקה הרוחניים הללו, אך טבעי הוא, כי שמשון ימצא את דרכו הציבורית אל תנועת „פועלי־ציון" הציונית־סוציאליסטית, הנאמנה לציונות, לסוציאליזם דימוקרטי, לחלוציות, לעליה, לקשרים עם תנועת־הפועלים הארץ־ישראלית הצעירה, לזיקה ל„המוני העם העמל הרחבים" ולמאוויהם, להערצת התרבות העממית בעברית ובידיש גם יחד.

בבסרביה שלאחר מלחמת־העולם הראשונה לא היתה תנועת „פועלי־ציון" מאורגנת. נשארו אי־אלה גרעינים, או אנשים בודדים, ששמרו בליבם זכרון־השתייכות לתנועה הכל־רוסית. כאלה היו גם בעיירתנו, ידיניץ, שהביאו אתם זכרונות כאלה ממקומות אחרים. לכשעצמי הריני, יכול לשמש עד לכך, כי אבי ומורי, משה, המתקרא מאַשקע שיץ ז"ל, היה פעיל בחוג „פועלי־ציון" בעיר־מולדתו סורוקי, ושם פעל יחד עם אחד מותיקי־התנועה, פרופ' שלום גולדלמאַן, שהיה אז, בשנה „החמישית" המהפכנית, עדיין סטודנט צעיר. אבא שלי היה מספר רבות על „שולקה" ועל „בוריה" (בורוכוב), שדומני, פעם אף שמע אותו נואם. שמשון הביא עמו את ההשתייכות ל„פועלי־ציון" מאודיסה.

לאחר המלחמה, משנותקה יהדות בסרביה מגוף יהדות רוסיה, החלה היהדות בבסרביה לחפש קשרים עם שאר חלקי היהדות ברומניה „הגדולה", חיפשה ומצאה. בבסרביה קמו מרכזים עצמאיים של כל הקשת החברתית ביהדות ובציונות. ברם, לא קם מרכז ארגוני של „פועלי־ציון". חסר היה משהו בדומה

למעמד־פועלים יהודי, הבסיס הסוציאלי של „פועלי־ציון" בכל אתר ואתר. את דבר ארץ־ישראל העובדת נשאו חוגי „צעירי־ציון", שנתארגנו מיד לאחר המלחמה וגילו פעילות רבה, ריכזו סביבם נוער והקימו את „החלוץ". החלוצים הראשונים, בעיקר פליטים מאוקראינה, השתייכו מבחינה אידיאית ל„צעירי־ציון". „צעירי־ציון" היו אלה שיזמו את ניצני־העיתונות היומית היהודית (ביידיש) בקישינוב. הם נשאו בעול החינוך העברי, הקימו את „תרבות" ואת רשת בתי־הספר העבריים, שנפלו קרבן תחת גרזן הרומניזציה; אליהם השתייכו מורי־העברית, שהיוו, כמעט בכל מקום (ולא היה מקום ישוב יהודי, שלא היו שם מורי־עברית), את מחוללי „צעירי־ציון" ופעיליה.

לעומת זאת היה קיים בבוקובינה, ובעיר־הבירה של אותה פרובינציה אוסטרית לשעבר, צ׳רנוביץ, שסופחה, כבסרביה שכנתה, לרומניה „הגדולה", מרכז חשוב של „פועלי־ציון", שריד התנועה הגדולה האוסטרית־גליצאית. שם אירע הפילוג בין „פועלי־ציון־ימין", הסוציאל־דימוקרטית, בעלת הזיקה למפלגת האחות „אחדות־העבודה" בארץ־ישראל, ובין „פועלי־ציון־שמאל", שחיפשו פתח־כניסה לקומוניזם העולמי.

בצ׳רנוביץ היו, באותן שנות הפילוג, 1921—1922, ממש תגרות רחוב, מלוּוות תפיסת מועדונים ונכסים, בין שני פלגי „פועלי־ציון". הרוב — המנהיגים (אזכיר אחד, ד״ר שלמה ביקל *) וה„המונים" — עבר ל„שמאל". ה„שמאל" הזה נטמע בקומוניזם במשך הזמן. ברם הימין, אף אם יצא מדולדל מבחינה מספרית, מבחינת סגל־המנהיגים ומבחינת ההשפעה הציבורית, התארגן מחדש, המשיך בקיומו, וחיכה להזדמנות של התרחבות. נזכיר אישיות בולטת אחת של „פועלי־ציון־ימין" של אותם הימים: זאב שרף,** מארגן הנוער, שעלה בשנת 1926, היה ממייסדי „הבחרות הסוציאליסטית" בארץ וגילה פעילות רחבת־אנפין ציבורית, בטחונית, בשטח ארגון ההעפלה ובשטחים אחרים.

שרידי „פועלי־ציון" בבסרביה חיפשו ומצאו קשר למרכז בצ׳רנוביץ.

שמשון מצא מיד את הקשר לצ׳רנוביץ. הוא היה מקבל משם את העתונות התנועתית, את החוזרים ואת השקלים הציוניים, שהיו בזמנים ההם מפלגתיים, (שקלי „פועלי־ציון" היו בעלי־צבע אדום...), להפצה בעיירה ובסביבה. שמשון אסף גם את שרידי „פועלי־ציון" שנתגלו בעיירה, ובתוכם, כאמור, גם את אבי משה.

זוכרני, בהיותי נער כבן 14—13 בא שמשון לביתנו, כדי לדון עם אבי בדבר הפצת שקלי „פועלי־ציון".

לא אנסה לקבוע, אם התקשרותי ל„פועלי־ציון" באה כירושה ישירה מבית־אבא. אכן, שם שמעתי לראשונה על התנועה ועל הרעיון, והתרגלתי לשם זה. דרכי לציונות

* מת ב־1969, כסופר ועתונאי בעל עמדה אנטי־קומוניסטית וזיקה למפא״י, בניו־יורק.

** כיום שר בממשלת ישראל.

העובדת עברה דרך אגודת הנוער „התחיה". משנתמזגו רוב סניפי „התחיה" בבסרביה, בהשתדלות „צעירי־ציון", עם „גורדוניה", נתקשרנו אנו, סניפי „התחיה" במחוז חוטין, אחרי תקופה קצרה של עצמאות, עם „פועלי־ציון" בצ׳רנוביץ, ונשארנו שם. אני אמנם הייתי היוזם העיקרי של הפילוג*** ברם, שמשון ברונשטיין היה השושבין בין הפלג הזה ובין „פועלי־ציון".

שמשון השתתף כמעט בכל הוועידות של „פועלי־ציון" בבוקובינה, עוד בטרם תקום רשמית התנועה בבסרביה. פעם אחת כשהיה אבי בצ׳רנוביץ לרגל עסקיו, ובאותם ימים התקיימה ועידת „פועלי־ציון", משך אותו שמשון להשתתף בה כציר. זוכרני שאבא סיפר בבית רבות על מה שנאמר בוועידה זו, ובשבחה.

עם היותו איש מפלגה השתתף שמשון בכל שטחי הפעילות הכללית־הציונית בעיירה, באיסוף קרנות, באסיפות, בארגון, ב„תרבות" ובספרייה, בהפצת השקלים, גם כשהונהג כבר „השקל האחיד", וכן בפעילות למען ארץ־ישראל העובדת. בבחירות לקונגרסים הציוניים בבסרביה היה תועמלן פעיל מאד לטובת רשימת ארץ־ישראל העובדת (פעם נקראה הרשימה „ערד און ארבעט"), שיצגה בזמנים ההם רק את „צעירי־ציון", „החלוץ" וחוגי נוער בעלי־זיקה ל„צעירי־ציון".

שמשון היה עסקן ציבורי בכל רמ״ח איבריו. מלבד פעולתו הציונית, דלעיל, היה פעיל גם בשטח העזרה לנצרכים. היה ער למצוקתו של הפרט והיה אץ לעזור לזולת. לא לבו בלבד, אלא גם כיסו היה פתוח לעזרה.

אנו, החברים הצעירים בתנועה, שעברנו אליה מ„התחיה" הכנסנו לתוך „פועלי־ציון" הוותיקה, נוסח צ׳רנוביץ — שהיתה עמוסה רֶאמיניסצנציות, זרות לתפיסתנו הפשוטה והבלתי־אמצעית — תודעה ציונית גלויה, ללא פראזיאולוגיה קוואזי־מארקסיסטית (אם־כי קראו לגישה זו — „בורוכוביזם") מצטדקת, עבריתיות וחלוציות. גירשנו מתוך „פועלי־ציון" את הנפש החצויה בין סוציאליזם וציונות, ירושת תקופת הפילוג, והכשרנו את התנועה לקראת האיחוד עם „צעירי־ציון", שבוצע בשנת 1935.

ואכן גם הרחבנו את התנועה. בבסרביה ובראֶגט הקימונו אותה מאפס. בבוקובינה תיתקנו**** אותה כנ״ל. שמשון ראה לפתע, כיצד גדלה התנועה. הוא נעשה לאיש־התנועה המרכזי בכל בסרביה. והוא זכה להיבחר כציר מטעם „פועלי־ציון" בבסרביה לקונגרס העולמי הראשון של תנועת ארץ־ישראל העובדת, שנערך בברלין, בשנת 1930. משחזר משם, סיפר לנו נסים ונפלאות על הקונגרס, ועל ראשיה. זוכרני, כיצד תיאר את מראהו של בן־גוריון: „קטן, לא שמן, בעל שערות־שיבה, בדיוק כמו ד״ר זילברמן מידיניץ..."

הוא אהב להופיע ולנאום, יצאו לו מוניטין כנואם טוב,

*** על פרשה זו ראה רשימותיו של י. מגן על „פוע״צ" ו„דרור" בידיניץ.

**** תיתקון — ריפורמה.

והיה נדרש בסניפים כמרצה ונואם. בליפקאן, למשל, נאם פעם באסיפת האחד במאי של „פועלי־ציון״; היה זה מעשה נועז באותם הימים. מישהו צילם אותו והוא היה מראה בגאווה את התצלום: שמשון עמד על כסא או על משהו דומה, מורם מכל, במועל־יד ופעור־פה, כמו בעת הפרחת סיסמה משלהבת המונים.

גם בידיניץ אהב באחד במאי להדגיש, כי זוכר הוא את היום הזה... היה עובר ברחובות ומזכיר לעוברים ושבים מבין מכריו, ידידיו ויריביו, כי הוא כאילו חוגג.

יתכן שגישתו זו היתה בעוכריו כשנאסר על־ידי הז׳נדרמריה המקומית, כמה ימים אחרי האחד במאי 1932, בעת שביצעה „מאסרים פרבנטיביים״ של אנשים הידועים כקומוניסטים. הוא הואשם כקומוניסט. הוכה באכזריות ועונה קשות, נפצע ושכב עקב העינויים זמן ממושך בבתי־חולים שונים, בעיקר בצ׳רנוביץ.

לא הייתי בידיניץ בעת שאירע המאסר והעינויים שבאו לאחריו. סיפר מרדכי רייכר, כי בבקרו בבית־החולים, הראה לו שמשון את כפות רגליו הפצועות, עקורות־הבשר עד העצמות. לי הראה את רגליו החבושות.

לפרשה זו היה הד רב ברומניה, והיא הפכה לשערוריה בינלאומית. היו „אינטרבנציות״ דיפלומטיות בחו״ל, באירופה ובארצות־הברית. נשמעו מחאות מטעם גופים יהודיים וגופים בינלאומיים להגנת זכויות האדם ואף הוגשה שאילתה בפרלמנט הבריטי. נציגות „המפלגה היהודית״ העלתה את הבעיה בפרלמנט הרומני. ד״ר מאיר אבנר, שהיה אז ציר בפרלמנט, אישיות יהודית וציונית דגולה, ציר כמעט בכל הקונגרסים הציוניים, החל מהקונגרס הראשון (מת בישראל, שבע־שנים בשנת 1956) תיאר אז, ברשימה מרגשת, בעיתונו, שהופיע בשפה הגרמנית, „אסט־יודישע צייטונג״ (צ׳רנוביץ), את ביקורו אצל שמשון בבית־החולים וכיצד הלבינו שערותיה של גולדה, רעיתו, בת־ישראל הענוגה, כדבריו, בן־לילה.

לאחר מכן נתקיים משפט בבית־הדין המחוזי בצ׳רנוביץ (טריבונאל). נוכחתי במשפט וכתבתי רשמים עליו לעתוני „פועלי־ציון״ בוארשה. לדאבוני אבדו לי העתונים הללו. לא אזכור מי יזם את המשפט. הנאשמים היו ראשי הז׳נדרמריה בידיניץ והמפקדה שעמדה מעל ה„פוסט״ שבידיניץ.

ייצג את שמשון, בכשרון רב, בשכנוע משפטי וקסם אישי רב, אף באהבה ובחן, חבר־התנועה מחוטין, העו״ד משה פלדמן (שנספה, כפי שמוסרים לי, אי־שם בגירוש סיביר). פרקליטו השני של שמשון היה העו״ד ד״ר מאקס דיאמאנט מצ׳רנוביץ (אישיות מעניינת כשלעצמה — ציוני כללי ויידישיסט קיצוני שלעולם לא שכח כי היה מיוזמי ה„יידישע שפראך־קאנפע־רענץ״, שנתקיימה בצ׳רנוביץ, בשנת 1908). הוא לא ידע רומנית והעיק על הדיונים בגמגומו הרב. ד״ר דיאמאנט השתדל להוכיח, כי ציוני בשום פנים ואופן אינו יכול היה להיות קומוניסט, משום שהציונות הינה תנועה „בורגאזית״ (בורגנית), נימוק, שלא נעם לנו, אנשי „פועלי־ציון״. ד״ר דיאמאנט קרא מתוך ספר שחיבר ראש ה„ס־גורנצה״ (הבולשת) הרומנית, מעין קיצור־שולחן־ערוך, להבדיל, משטרתי על כל התנועות

העו״ד פלדמן ז״ל נגד הצורר אלקסיאנו ימ״ש

פרט מעניין ביותר: את הנאשמים — אנשי הז׳נדרמריה שעינו את שמשון ייצג פרופ׳ אלקסיאנו (אגב, הפרופסור שלי למשפט קונסטיטוציוני בפקולטה למשפטים באוניברסיטת צ׳רנוביץ, בה למדתי). לביסוס דבריו ציטט העו״ד פלדמן מתוך ספר, שאחד ממחבריו היה אלקסיאנו עצמו. דבר זה עורר תשומת־לב בקרב הקהל והשופטים. פרופ׳ גיאורגי אלקסיאנו זה נתמנה על־ידי הממשלה הרומנית של אנטונסקו מושל כללי של החבל הכבוש טרנסדניסטריה בשנות המלחמה והשואה. אחרי המלחמה ומפלת הנאצים והרומנים הועמד אלקסיאנו למשפט ע״י המשטר החדש ברומניה, שהוקם אחרי הכיבוש הסובייטי, נידון למוות ואף הוצא להורג. כן יאבדו.

השמאלניות והמהפכניות. הספר, שנשא שם מוזר — „רוסיה הסובייטית״, כלל גם פרק על „פועלי־ציון״. ושם היה מוזכר, כי קיימים שני פלגי „פועלי־ציון״. ד״ר דיאמאנט הדגיש, כי מרשו השתייך לפלג הימני של „פועלי־ציון״ ואי־לכך — רחוק מקומוניזם.

לא אזכור בדיוק את תוצאות המשפט. דומני שהנאשמים זוכו מ„חוסר הוכחות״...

מאז היה מבקר רבות בצ׳רנוביץ. ב־1933, כשהקמנו את „ברית חלוצי פועלי־ציון״ ואת ההכשרות של התנועה, עמד לימיננו, ועזר בארגון ובמימון הפעולה. השתתף בכל כינוסי המפלגה והיה פעיל בוועידה הנפרדת האחרונה שלנו והמשותפת (שתיהן בבוקרשט) בה הוכרז על איחוד „פועלי־ציון״ ו„צעירי־ציון״. אני הייתי מזכירה הכללי של המפלגה המאוחדת.

עלה לארץ, יחד עם גולדה ב־1936.

ובארץ לא היה מצבו שפיר. הסתובב זמן־מה ללא תעסוקה. ברם, על אף מצבו הכלכלי הדחוק היה עוסק בקליטת עולים, במה שיכול. אני ביקרתי את שמשון וגולדה באחת מדירותיהם הראשונות בתל־אביב (בסביבות כיכר דיזנגוף) בשנת עלייתי, 1938, ולנתי, כרבים אחרים, בדירתם.

כעבור זמן נמסרה לו משרת מתרים וגובה בקרן־היסוד, במחלקת העובדים, המחלקה הקשה ביותר מבחינת ההתרמה והגבייה. גם שליחותו זאת מילא בנאמנות, אך לא פעם התאונן בפני, בעת פגישותינו הלא תכופות, על מר־גורלו, שהטיל עליו לעסוק כל־ימיו בשנור... בהתנדבות בחו״ל ותמורת־שכר בארץ.

לאחר שהשתקענו בתל־אביב היו פגישותינו תכופות יותר. היה מבאי ביתנו. שוחחנו, התווכחנו. היה פעיל בתאי המפלגה (מפא״י) השונים. תמיד היה מוכן להגן, כחסיד נלהב, על כל פעולה וגילוי בארץ. אף מצא צידוק לעניינים, שאינם כה „חלקים״, כפי שקורה לפעמים.

היה פטריוט נאמן ואהב את מדינת ישראל ללא כל גבול



חברת צעירים
בני־דורו של
שמשון
ברונשטיין,
בשנות־העשרים
המוקדמות.

אַ יונגע חברה
פון שמשון
ברונשטיינס דור,
אין די פריִע
צוואַנציקער
יאָרן

מימין לשמאל:

עומדים (שטייען) — רבקה קוזמינער־לײדערמאַן (נפטרה בת״א), משה שפּילבערג (מת בקישינוב אחרי המלחמה), שמשון ברונשטיין ז״ל, חייה בר־סמכא־אייזנבערג (נפטרה בת״א), נוח לײדערמאַן (נספה בשואה);

יושבים (זיצן) — יחיאל־אברהם סניטקאָווסקי (נפטר בבראַזיל), גאָלדע קוזמינער־ברונשטיין (תל־אביב), ישראל דימאַנט (בראזיל), שרה סניטקאָווסקי (בראַזיל), משה יאַנאָוויטש (נפטר בבראַזיל);

למטה (אונטן) — שואל שטערנטאַל (נפטר בקישינוב אחרי המלחמה).

הוא היה בעל למופת לגולדה וקרוב־משפחה לדוגמה. הוא הפך לאב משפחת קוזמיר. אל פרידקה,[5] הצעירה בבנות קוזמינר, שהגיעה לארץ אחרי השואה, כשריד יחיד של כל המשפחה, התייחס כאל בתו ואל ילדיה כאל ילדיו. היה מוכן להקריב עצמו למענם ולמען עתידם. ונוסף על הכל היה ידיד של החיים. אהב שמחת־חיים ושמר על רוח טובה ועל מזג נפלא. השתדל ליהנות משולחן ערוך, וממשקה מרווה ומבדיחה מוצלחת. אהב ספר, קרא ספרות ופובליציסטיקה. איש מעלות היה.

הוא היה ידיד משפחותינו, שלי ושל רעיתי חנה, עוד מחו״ל, בידיניץ ובצ׳רנוביץ. היה מבאי ביתם של יצחק וסוניה שוחט בצ׳רנוביץ (שניהם מתו בארץ). דרכו עשיתי הכרה עם חנה שלי. היה רצון־הגורל, ונפגשנו שוב, אחרי המלחמה, שאני עברתיה בחזיתות האנטי־נאציות, כחייל הבריגדה היהודית מארץ־ישראל; היא עברה את השואה, וכאן קשרנו את עתידנו. שמשון חגג את נצחונו, אם־כי כעבור למעלה מעשר שנים, אחרי יוזמת־הבראשית שלו. בעניינים כגון אלה — הבריות אינם נוהגים לגלות, אם הם שומרים תודה או טינה, חלילה, על המזימה... טוב — נגיד, או אף נודה — שנשמור תודה.

עם הליכתו של שמשון — אבד לכולנו אדם־סמל. אבד לנו ריע. הלך לעולמו ידיד אישי.

כרגיל אומרים בנסיבות כגון אלה, נזכרהו לנצח. ברם, ידידים, איש מאתנו אינו מתכונן לכרות ברית־עולמים עם החיים. הבעיה היא כיצד למסור לדור הבא אחרינו, לבנים ולבנות שלנו, ולאחדים מאתנו אף נכדים, שרק תודות לאישים כאלה, כמו שמשון, והם רבים, רבים מאד לאשרנו, איך אומרים? — „הגענו עד הלום״.

איש לא יטען, חלילה, שהדור הצעיר חסר אישים דגולים, חסר הקרבה עצמית, חסר אידיאלים נעלים. ברם, אתקומם בכל ישותי נגד האפשרות, שהדור הבא אחרינו לא יידע את דור אבותיו ואישי הדור שעבר. למען ידעו בנינו ונכדינו — זכרו של שמשון לא ימוש מלב כולנו.

[5] את עדותה של פרידקה על שנות השואה מרבים לצטט בספר זה.

דוד ויניצקי


עינויים אינקוויזיציוניים

לכאורה, היתה זו פרשה של יחיד. עם זאת היא תפשה הרבה הרבה ימים ושבועות מקום בראש הכותרות של עיתונות היהודים ברומניה, ואף בעיתונות היהודים והלא־יהודים שמעבר לגבולות רומניה. לפתע נתגלו פעולותיה החשאיות של השלטונות המשטרתיים בבסרביה. ומאחר שסיפוחה לרומניה היה קשור בחוזים בין־לאומיים שלאחר מלחמת העולם הראשונה, בערבותן של המעצמות הגדולות דאָז, על שמירת זכויותיהם של המיעוטים הלאומיים, קיבלו הפעולות האלה פומביות מירבית. זרקורי העיתונות הופנו לגורלו של אחד ויחיד שהתגורר בנקודה לא קטנה יחסית, אשר במחוז חוטין, המסומנת על המפה בשם י ד י נ י ץ.

לפי המיפקד הרשמי בדצמבר 1930, נמנו אז על תושביה היהודיים כ־6000 נפש, מתוך כלל האוכלוסיה של למעלה מ־11 אלף נפש. הבה נכניס את הקורא המתעניין, ולו בקיצור, לתוך פרטי המאורע הטראגי הזה.

הפרשה — זמנה באביב 1932. השלטון הרומני הספיק להתבסס באיזור ולהשתלט עליו. „הסיגוראנצה" (שרות־ביטחון חשאי) פעלה כדרכה: עקבה בקפדנות אחרי פעולה קומוניסטית מחתרתית, נטפלה על־לא־דבר לאנשים ישרים ושקטים, „משכה" אותם וקיבלה דמי־כופר, וחוזר חלילה. להיטות־יתר בפעילותה, לרוב בשיתוף עם הז'נדרמריה, היתה מגלה בפרוס יום השנה למהפכת אוקטובר ויום האחד במאי. לעיתים אם אף לא נתגלה משהו חשוד במיוחד, היו מבין סוכני הרשויות אשר חתרו לסגל לעצמם „זכות־יוצרים", והבוחשים בקדרה להנאתם ו„מצילים את המולדת"....

בהשכמת יום האחד במאי נתגלו, להפתעת התושבים בידיניץ, שני דגלונים אדומים מתנוססים ליד בית־הכנסת וליד הכנסיה הנוצרית. מאחר שלשלטונות המקום לא הצליחו לגלות את ה„עבריינים", הגיעה לכאן, ב־4 לחודש, אכספדיציה מיוחדת מטעם מפקדת הז'נדרמריה המחוזית בחוטין, בראשו של הקאפיטאן פאנישורה, לשם חקירת המקרה. לראשונה נעצר כפרי מטירנובה, מחוז חוטין, אשר הובא לחקירה בידיניץ. הלה גילה את חברו לפעולתו הקומוניסטית המחתרתית — אחד בשם נאָדולין, לשעבר סטודנט בסמינר המקומי לפרחי־כמורה, אשר הורחק הימנו כאילו בשל אי־שפיות. לאחר מערכת־עינויים קשה הוא החליט „לגלות" את שמות הקומוניסטים, האמורים להיות מעורבים ב„דבר הפשע" הזה. הם — כמה מראשי הציונים המקומיים: קורמאנסקי רחל,


Romania
Spitalul ... Jud. Hotin
1932. ... of. Cernauti.
Aerztliches Zeugnis
Unterzeichneter Dr. ... Arzt des Spitals
... Bezirk Chotin bestaetigt, dass Herr Simson Braunstein
[redacted] Bezirk Chotin in diesem Spital
[redacted] Juli 1932 wegen eines gang-
[redacted]
Abteilung Chirurgie ... Spital in Cernauti
Jahrgang: 1932
Prot.Nr.
Alter: 40 Jahre alt
Geburts- und Wohnort
Heiratszustaendig:
Tag der Auf-
[redacted]
PROTOKOLL
aufgenommen mit dem Patienten Simson Braunstein am 13.Juni 1932,
im jüdischen Spital, Cernauti.
Der Patient Simson Braunstein, geboren im Jahre 1892 in Secureni (Bessarabien) wohnhaft in Jedineti gibt folgendes zu Protokoll:
Samstag, den 7. Mai 1932 um 1 Uhr mittags wurde ich auf der Strasse zu Jedineti vom Gendarm [redacted]
zionistischen Ortsgruppe [redacted]
Trotz der an mir vorgenommenen Tortur habe ich kategorisch erklärt, dass ich mit der kommunistischen Bewegung nichts zu tun habe, weil ich Zionist bin.

קטעי תעודות רפואיות שונות על עינוייו של שמשון ברונשטיין
למעלה — תעודה מבית־החולים הממשלתי בטרינקה.
באמצע — תעודה מבית־החולים היהודי בצ'רנוביץ.
למטה — פרוטוקול מעדותו של שמשון ברונשטיין, שנמסרה בבית־החולים היהודי בצ'רנוביץ.

אויסצוגן פון פאַרשידענע מעדיצינישע דאָקומענטן וועגן די פּייניקונגען פון שמשון ברונשטיין
אויבן — אַ צייגניש פון שפּיטאָל אין טרינקע.
אין דער מיט — אַ צייגניש פון יידישן שפּיטאָל אין טשערנאָוויץ.
אונטן — פּראָטאָקאָל פון דעם עדות־זאָגן פון שמשון ברונשטיין, אָפּגעגעבן אין יידישן שפּיטאָל פון טשערנאָוויץ.

ינוביץ, ו. לודמיר, געמיינערמאַן ואחרים — וכן שמשון ברונשטיין, מפעילי הציונים ויושב־ראש סניף „פועלי־ציון" במקום. הראשונים הוכו ועונו „כדת וכדין", אך כעבור יומיים שוחררו מחוסר הוכחות כלשהן כלפיהם עצמם, וחוסר עדויות מצידם כלפי אחרים. לכן, החליט הקאפיטאן לשפוך את כל זעמו על האחרון, שמשון ברונשטיין, למען יודה ויתוודה על המעשה שנעשה.

הוא נעצר בצהרי־יום ה־7 במאי בלכתו ברחוב, והובא למפקדת הז'נדרמריה. עוד בטרם התחילו לחקרו, קיבל „מיקדמה" של מכות נמרצות, ורק לאחר מכן נשאל לעצם העניין. מאחר שלא היה לו מושג מכל העניין הנחקר, לא היה לו על מה להודות ועל מי להעיד פרט לכך, שהוא ציוני — ובכך כל עסקנותו. לפי הוראת הקאפיטאן נסחב מיד לצריף העץ שבעומק החצר — המקום המוכן מראש להתעללויות בעצירים ולפורענויות חמורות — ונמסר לאלה שאומנותם בכך.

אין רצוני לתאר כאן בפרוטרוט את פרשת העינויים האכזריים, אשר עלתה בגורלו של ברונשטיין במשך אותו יום

גורלי, 7 בחודש מאי, ועד השעות המאוחרות בלילה, כפי שהיא מתוארת בעיתונות המקומית ובעיתונות־חוץ. אסתפק בהבאת עובדות „יבשות" לבד, כפי שסיפר עליהן שמשון בעצמו, בפרוטוקול שנערך בבית־החולים בצ׳רנוביץ, ביום 15 ביוני, כשמצבו היה חמור עדיין והוא עמד בפני ניתוחים טראנספלאנטאציוניים מסובכים. פרטי הפרטים נתונים, איפוא, לדמיונו החפשי של כל אשר מוח בקדקדו ולב אנוש בקרבו.

בתחילה נכבלו ידיו ורגליו, בנפרד, בחבלים ובשרשראות, והברכיים שולבו בין הידיים הכבולות באופן, שהקורבן הפך למעין פקעת של עצמות ובשר. מוט־עץ שנתקע מתחת ←

אפרים שברצמן־שרון

קווים לדמותו של שמשון

שמו של שמשון ברונשטיין נחרת ב־זכרוננו, מימי ילדותנו עד היום ה־זה, כמנהיג ציוני למופת, שחינך אותנו בתקופת הנעורים ברוח לאומית ותרבותית יהודית, עד צאתנו את העיירה ועלייתנו ארצה. ואם גם עברו מאז למע־לה מארבעים שנה, הרי שמשון, חייו, מע־שיו ופעולותיו זכורים לנו יפה עד היום.

שמשון חונן בכוח דיבור ושיכנוע שמעטים כמוהו. אך לא רק נואם בחסד עליון היה ומרצה בנושאים ציוניים, חלוציים, סוציאליסטיים וספרותיים, אלא גם חביב על כל אדם ועל כל ארגוני הנוער הציוני, ללא הבדל השקפה ומעמד.

ולא די בכך. בד בבד עם פעולת חינוך הנוער וההסברה הציונית ידע שמשון, כי יש להכין גם את הבסיס ליישוב הארץ וגאולתה במובן של „דונם ועוד דונם", של שקל ומחצית השקל. גם בדברים קטנים אלה, לכאורה, ראה שליחות עליונה ולשם מימושה נרתם ופעל בלב ונפש.

ואם כבר לפעול, להופיע, להסביר — הוא העדיף לעשות זאת בקרב „עמך", בין הפועלים ובעלי־המלאכה, שאליהם היתה לו משיכה וחיבה מיוחדת — אותם רצה לא רק לקרב אל התנועה הציונית, אלא גם לרומם את רוחם, הרגשתם ואמונתם בחיים. לא במקרה היה ממייסדי „פועלי־ציון" בעיירה ומפעיליה הראשיים של המפלגה בכל הסביבה.

שמשון הגיע אלינו מאודיסה בשלהי מלחמת העולם הראשונה, ואם כי יליד סקוריאַן היה, השתקע בעיירתנו. בתקופת הזעזועים והנדידה הגדולה שבעקבות המלחמה, כשפליטי הפוגרומים וההרג באוקראינה מגיעים אלינו בעשרות ובמאות, מצא שמשון שדה פעולה נרחב למען פליטים אלה. הוא היה ראש הוועד לעזרת הפליטים, שהתארגן בעיירה, והוא אשר דאג ופעל לסידורם ולקיומם. חלק קטן מהם עלה לארץ־ישראל, אחרים היגרו לקרוביהם באמריקה ורבים נשארו ברומניה, ואם היה קושי לפליטים חסרי־תעודות אלה להשיג דרכוני הגירה, היה זה שוב שמשון האיש, אשר דאג והצליח, על־ידי „מתן בסתר", להשיג תעודות־זהות מזוייפות בשביל בני בלי מולדת אלה.

קרה מקרה ושמשון חזר מלא שמחה בעגלה מהעיירה וארטוז׳אַן (שם קיבל את התעודות המזוייפות). בדרך התנפלו שודדים על נוסעי־העגלה ושדדו מכולם, ביניהם גם משמשון, כל אשר היה להם, ובין השאר גם את החבילה עם התעודות. הוא לא הצטער על שנגזלו ממנו, בגדים, כסף, שעון־זהב וכד׳, כאב לו במיוחד על אובדן התעודות שכה ייחלו להם. וראה פלא — ממש נס משמיים, יום אחד הופיע איכר בבית־המרקחת של יחיאל נימצ׳ניצר, עם חבילה ביד, וסיפר, כי „מי שהוא" שלח אותו עם חבילה זו למסור אותה לידי בעל בית־המרקחת וכי הוא, האיכר, יקבל בתמורה ללא ספק, שכר־טירחה הגון. וכך הגיעו התעודות לבעליהן.

לפעולותיו המסועפות של שמשון בשטח הציוני והציבורי יצויין עוד, כי הוא היה אחד מאלה שדאגו לדמותה התרבותית של העיירה. הוא נתן דעתו וידו להקים מוסד תרבותי ספרותי־חינוכי, יחד עם עסקנים כהלל דוברוב, יצחק בורוצ׳ין, פנחס גרובמן ואחרים, כספריית „תרבות", בה מצאו המבוגרים, בני־הנוער וילדי העיר את סיפוקם הרוחני, בקריאת ספר ובבילוי שעה של קורת־רוח באווירה תרבותית נאה.

גם לאחר שהתחתן בעירנו עם גולדה לבית קוזמינר תבלח״א, לא הפסיק את פעולתו הציבורית והזניח את עיסוקיו הפרטיים — משלוח תבואות למרכזי המסחר הגדולים שבמדינה. את מיטב זמנו ומרצו השקיע בענייני הציבור וארץ־ישראל.

שמשון סבל אישית וגופנית מפעילותו במפלגה פועלית שמאלית, „פועלי־ציון", אם כי ציונית. זכורה הפרשה, שהסעירה את העולם כולו. בשנת 1932 נאסר על־ידי הסיגורנצה הידועה לשימצה ועל־ידי הז׳נדרמריה כ„קומוניסט" או כנותן עזרה לקומוניסטים. הוא עונה באכזריות, נפגע קשה בגופו וכמעט ששילם בחייו.

שמשון זכה לעלות לארץ־ישראל בשנת 1936. אף כאן מצא כר נרחב לפעולות. גם כאן המשיך לעבוד בקרנות הציוניות. והעיקר — כמה שמח על כך — להיפגש עם מאות חניכיו־חבריו הצעירים המגשימים את תורת־חייו הוא — בנין הארץ, שומרים לו אמונים ורוחשים לו ידידות, הערכה והערצה.

ירושלים

לברכיים איפשר לחיילים להרים את ה„פקעת" באוויר, ולפי המונח הטכני שהיה מקובל על מורי־ההוראה בתחום העינויים, ניתן היה על־ידי־כך לבצע את התרגיל „ט ח נ ה". כלומר — לסובב את ה„פקעת" באוויר, באמצעות המוט, בעוד ששאר החיילים מרביצים בו בלי הרף באלות וברצועות־עור, בכל מקום ומקום שהשיגה ידם...

ההפוגה נעשתה רק כששמשון כבר איבד את ההכרה. אך כעבור רגעים מספר פתחו בתרגיל חדש — עקירת ציפרניים ושיניים, בעוד שאחד סותם את פיו בסמרטוט לבל יישמע קול צעקתו. לאחר־מכן הניחוהו פרקדן, כשאחד מהדק את הסמרטוט לפה, שניים לוחצים במגפיהם על החזה, אחר יושב על בטנו והחמישי מקיים „מצוות" ההלקאה על גבי כפות הרגליים המעורטלות. ההלקאה נעשתה באכזריות כזו ועד כדי כך, שהעור והבשר נתקלפו. אך גם בכך לא אמרו התליינים די. הם עוד ניסו להעמידו על רגליו, למען... ייצא לפניהם בריקוד. ברם, שמשון המעונה התמוטט מיד ונשאר זמן רב ללא הכרה. לשם חיטוי הפצעים, ואף כתרופת־מנע לדימום הרב, השתמשו „המומחים" במים מהולים בחומץ נתונים בתוך כד, שלתוכו נדחקו רגליו של המעונה. רק לאחר מכן „נחבשו" הרגליים בתחבושת מיוחדת של... טיט זרוע מלח.

„עיבוד" כזה הביא את ברונשטיין כמעט למצב של גסיסה, עד שאפילו הקאפיטאן, התחלחל ממעשי־ידיו ונאלץ להזמין, בשעה אחת לאחר חצות, את רופא בית־החולים. הלה הזריק למעונה כמה זריקות וחיווה את דעתו, שהוא לא יוכל עוד זמן רב להחזיק מעמד, ולכן מן ההכרח להעבירו לבית־החולים.

בהשכמת הבוקר הועבר ברונשטיין לבית־החולים בכפר טרינקי, הסמוך לידיניץ. רופא בית־החולים הזדעזע למראה עיניו — דמות אדם בצורת „קציצה" שותתת דם. הוא עוד נאלץ, בלחץ הקאפיטאן, לרשום בטופס הקבלה את האבחנה: מ ח ל ה מ י ד ב ק ת. רק כאשר עזב ברונשטיין בית־חולים כפרי זה, וכאשר עבר לבית־החולים בצ׳רנוביץ, אישר בית־החולים בטרינקי, בתעודה מספר 236 מיום 5 ביולי, בחתימתו של הרופא ברנהאופט, כי הנדון אושפז בתחילה בשל מחלת ג א נ ג ר י נ ה ח מ ו ר ה בשתי רגליו, כתוצאה מ ח ב ל ה.

עיתונות היהודים ברומניה הגיבה בזעם רב על שיטת החקירה האינקויזיציונית, אשר היתה נהוגה בידי הז׳נדרמריה, ודרשה פתיחת חקירה בלתי משוחדת. הפרשה זכתה גם להדים חזקים בעיתונות־חוץ. הודות למאמציו של ציר הפרלמנט מטעם המפלגה היהודית, העורך־דין מיכאל לאנדאו, אשר הוזעק למקום, הוסר המאסר מעל ברונשטיין המעונה, הוצא מציפורני המענים והועבר לטיפול מיוחד בבית־החולים היהודי בצ׳רנוביץ. הכוונה היתה, להבטיח חקירה אובייקטיבית, הן ביחס להאשמות־השווא שנטפלו לברונשטיין והן ביחס לתעלו־ליה של הז׳נדרמריה, אשר עברו כל גבול.

משנכחה הז׳נדרמריה עד מה הרחיקה לכת בלהיטותה השגעונית ובאכזריותה הפראית, הפכה את „הסדר המקובל", ומצידה היא ניסתה לשחד את ברונשטיין המעונה, כי ישתדל לטשטש את הפרטים על טיב אמצעי החקירה שננקטו לגביו.

ברם, היה זה נסיון־שווא. בתוך־כך נרתמו לפעולה — גילוי שיטת פעולתה המרושעת והנפשעת של הז׳נדרמריה הרומנית — ראש המפלגה היהודית ברומניה והסינאטור לשעבר, ד"ר מאיר אבנר מצ׳רנוביץ וציר הפרלמנט ד"ר מאנפרד רייפר. הם יצאו מביקורם אצל ברונשטיין בבית־החולים מזועזעים עמוקות ממראה גופו המרוסק ונחרדים לשלומו, והזעיקו על כך את ראשי השלטונות ואת דעת־הקהל.

אף הנהלת ההסתדרות הציונית העולמית בלונדון התעניינה מקרוב בעניין, ומצידה פעלה לשם הוקעת עצם המעשה. הקולונל יאשיה ודג׳ווד פנה בבית־הנבחרים בשאילתה לסגן־המיניסטר אידן, אם ידוע לו על מעשי האלימות בידיניץ — דבר המהווה הפרה מצד ממשלת רומניה של החוזים הבין־לאומיים בדבר הבטחת זכויותיהם של המיעוטים. התשובה היתה, שאין למשרד־החוץ ידיעה כלשהי על כך וכי ניתנה הוראה לשגריר הבריטי בבוקארשט, להמציא דין־וחשבון על כך. שכן, לפי חוזה השלום, נושאים הבריטים באחריות לשלומם של המיעוטים בכמה ארצות.

על חומרת העניין הועמדה גם הנהלת האינטרנציונל הסוציאליסטי בציריך. במכתבו של המהנדס אנשל רייס (כיום בארץ), מיום 15 ביוני 1932, מטעם לשכת הברית העולמית של „פועלי־ציון—צ.ס.", נתבע האינטרנציונל להעביר לסניפים בכל הארצות חומר הסברה בנדון זה (את התזכיר הזה אנו מוסרים בספר זה ביידיש). ידוע היה, שאף השגרירות הרומנית בארצות־הברית המליצה בפני ממשלת בוקארשט, לערוך חקירה מדוקדקת, תוך הענשת האשמים, כדי שדעת־הקהל העולמית תירגע.

סופו של דבר היה, שהקאפיטאן פאנישורה ואחדים מעושי־דברו נתבעו לדין־צבאי על התנהגות אלימה בש. ברונשטיין. המשפט נקבע ל־18 באוקטובר בצ׳רנוביץ, ומלבד התובע הכללי הופיעו בשם המעונה ד"ר מאיר אבנר, ד"ר מאַכּס דיאמאנד, ד"ר זיגפריד רוזנצוויג והעו"ד פלדמן מחוטין, חבר „פועלי־ציון", כן נוכחו באולם הרבה עיתונאים וקהל רב. ברם, משום־מה נעדרו העדים העיקריים, רופאי בית־החולים היהודי, ד"ר וילנקי וד"ר מילר. מטעם זה נדחה הדיון ליום ה־20 בדצמבר אותה שנה.

לצערנו הרב. לא עלה בידנו לגלות חומר כלשהו על תוצאות המשפט בדצמבר. לפי הגירסות שהגיעו אלינו מפי אנשים מהימנים ז ו כ ו לאחר מכן הנאשמים. אך ההנמקה לכך אינה זכורה לאיש. ובעצם, אין פרט זה חשוב — חשובה העובדה כשלעצמה...

גבעתיים

מקורות לפרשת שמשון ברונשטיין:

„אסט־יודישע צייטונג" (בגרמנית), צ׳רנוביץ, מאי־דצמבר 1932; „טשערנאָוויצער אַלגעמיינע צייטונג" (בגרמנית), 28 במאי 1932; „איטא"־ביולעטין מספר 132 מיום 14 ביוני 1932; ביולטין החדשות של „ג׳ואיש מורנינג ז׳ורנל", מיום 13 ו־16 ביוני 1932; „העולם", כ"ג וכ"ד, מיום 16.6.32 ומיום 23.6.32; חליפת מכתבים עם ההנהלה הציונית בלונדון מאותו זמן.


דער פאַל שמשון בראָנשטיין

דער פאַל שמשון בראָנשטיין, זיין אַרעסט און זיין פייניקונג מצד די זשאַנדאַרן פון כאָטינער קרייז און פון יעדינעצער „פּאָסט", האָט אַרויס־געופן אין זיין צייט אָפּקלאַנגען אין גאַר דער וועלט. ייִדישע דעפּוטאַטן האָבן אַ־ריינגעטראָגן אינטערפּעלאַציעס אין רו־מענישן פּאַרלאַמענט. די וועלטפּרעסע האָט איבער דעם פאַל ברייט באַריכטעט און אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט דער לייבאָר־דעפּוטאַט וועדזשוווּד־סאָן (זון) אינטערפּעלירט דעם ענגלישן אויסערן מי־ניסטער, פאָדערניק פון אים צו מאַכן אַ פּראָטעסט־אינטערווענץ ביים רומענישן אויסערן מיניסטעריום. אין אייניקע ער־טער זענען פאָרגעקומען פּראָטעסט־פאַר־זאַמלונגען, וועלכע האָבן איבערגעשיקט פּראָטעסט־רעזאָלוציעס צו די רומענישע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייערשאַפטן.

איך בין אין יענער צייט געווען סעקרעטאַר פון צ.ק. „פּועלי־ציון" פון רומעניע אין טשערנאָוויץ און, ווי איך דערמאָן זיך, האָט דאָס פאַרבינדונגס־ביוראָ פון פּועלי־ציון (צ.ס.) פון וואַרשע (לייטער פון ביוראָ איז דעמאָלט געווען אינזש׳ אַנשל רייס; היינט אין ישראל) דאַן געבעטן ביי אונדז פּרטים וועגן פאַל. ווי איך דערמאָן זיך ווייטער, האָב איך אַריינגע־שיקט קיין וואַרשע אויסשניטן פון ייִדישע ציטונגען, וואָס זענען דערשינען אין טשערנאָוויץ (בעיקר: די „אָסט־יודישע צייטונג", וועלכע ס׳האָט רעדאַגירט דער באַקאַנטער ציוניסטישער מנהיג און דעמאָלט פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט ד״ר מאיר עבנער ז״ל און וואָס האָט ברייט באַריכטעט איבערן פאַל). אויפן סמך פון אָט די צייטונגס־אויסשניטן, ווי אויך אויפן סמך פון אונדזערע בריוו, האָט דאָס פאַרבאַנד־ביוראָ אַריינגע־שיקט אַ מעמאָראַנדום צום סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל מיט דער פאָדערונג צו אָרגאַניזירן אַ פּראָ־טעסט־באַוועגונג אויף דער גאַנצער וועלט. די סאָ־ציאַליסטישע וועלטפּרעסע האָט פאַרעפנטלעכט פּראָ־טעסט־אַרטיקלען און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אַריינגעשיקט פּראָטעסטן צו די רומענישע פאָרשטייע־רשאַפטן אין זייערע לענדער. צום באַדויערן זענען נישט געזאַמלט געוואָרן אַלע מאַטעריאַלן אַרום דעם פאַל.

די פּועלי־ציוניסטישע פּרעסע האָט, פאַרשטייט זיך, ספּעציעל זיך פאַרנומען מיטן פאַל.

מיר ברענגען דאָ אַ לענגערן באַריכט איבער



הדים מן העתונות על פרשת שמשון ברונשטיין

המסמכים המקוריים נמצאים בארכיון הציוני המרכזי בירושלים. שם נמצאת גם חליפת מכתבים עשירה של האקזקוטיבה הציונית (אז בלונדון) על הפרשה.

פּרעסע־אָפּקלאַנגען איבער דעם פאַל שמשון בראָנשטיין

די אָריגינעלע דאָקומענטן געפינען זיך אין צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו, ירושלים. דאָרט געפינט זיך אויך אַ רייכער בריוו־אויסטויש פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע (לאָנדאָן) וועגן פאַל.

דעם מעמאָראַנדום פון פּועלי־ציון צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז דערשינען אין „באַפרייונג־אַרבעטער־שטימע", פּועלי־ציון (צ.ס.) אָרגאַן פון וואַר־שע, דעם 24טן יוני 1932. קירצערע באַריכטן און לענגערע אַרטיקלען (דערונטער אייניקע קאָרעספּאָנ־דענציעס פון שרייבער פון די שורות) זענען אין דער דערמאָנטער צייטונג פריער דערשינען; און שפּעטער — איבערן פּראָצעס קעגן די זשאַנדאַרן, שמשון בראָנ־

שטיינס פיניקערס. די דאָזיקע אַרטיקלען זענען לײדער, נישט פאַרבליבן אין אונדזערע הענט.

דער באַריכט, וועלכן מיר דרוקן איבער, טראָגט דאָס קעפּל:

„טעראָר קעגן פּועלי־ציון אין רומעניע"

לאָמיר באַמערקן, אַז מ׳דאַרף נישט אָננעמען אַלע פאַקטן פון דער ווענדונג אַלס שטרענג אויטענטיש; נישט אַלע דאַטעס זענען גענוי. אָבער אין אַלגעמיין גיט די ווענדונג אַן אַ גענוי בילד וועגן פאַל.

פון נישטערן אין פּראַגמענטאַרע אַרכיוו־דאָקו־מענטן (באַזירט, בעיקר, אויף צייטונגס־אויסשניטן), האָבן מיר אַרויסגעהויבן אייניקע פּרטים:

✱ אינטערפּעלאַציעס אין רומענישן פּאַרלאַמענט האָבן אַריינגעטראָגן: אין סענאַט — ד״ר מאיר עבנער; אין פּאַרלאַמענט — די יידישע דעפּוטאַטן אַדוו׳ מ. לאַנדאַו (היינט מנהל „מפעל־הפיס", תל־אביב) פון קעשענעוו (יידישע פּאַרטיי) און ד״ר בענאָ שטראַוכער פון טשער־נאָוויץ (פאַרבאַנד פון רומענישע יידן).

(לויטן „קוריערול איזראַעליט" פון 19טן יוני 1932)

✱ אין חודש מערץ 1933 ווערט מיטגעטיילט, אַז דאָס רומענישע אינערן־מיניסטעריום האָט נאָך אַן אַדמי־ניסטראַטיווער אַנקעטע פאַראָרדנט צו שטעלן דעם זשאַנדאַרם־קאַפּיטאַן פּעניטשאַראַ, וועלכער האָט אָנ־געפירט מיט די פייניקונגען פון שמשון ברונשטיין, פאַר אַ „קאָנסיליו דע דיסטשיפּלינאַ"; אָבער אָט די אינסטאַנץ האָט אים, און זיינע מיטהעלפער, באַפרייט פון שולד („אַקיטאַצי").

✱ אַן אַנדער ידיעה גיט איבער, אַז אין 1933 האָט זיך אָנגעהויבן דער משפט קעגן קאַפּיטאַן פּעניטשאַראַ און זיינע מיטהעלפער. דער משפט איז איבערגעגאַנגען פון אינסטאַנץ צו אינסטאַנץ, און אַ צייטונגס־ידיעה פון יאָר 1934 גיט איבער, אַז די פאַרהאַנדלונג אין דער „אַפּעלאַציע־פּאַלאַטע" (קורטעאַ דע אַפּעל) פון טשערנאָוויץ איז אָפּגעלייגט געוואָרן... צום ניינטן (9) מאָל!

✱ לויט ווי איך געדענק, זענען אויפן פּראָצעס אין טשערנאָוויץ דערשינען אַלס ברונשטיינס פאַרטרעטערס (פּאַרטעאַ טשיווילאַ): אַדוו׳ מ. פעלדמאַן פון כאָטין (אַ פּועלי־ציון־פירער; אומגעקומען) און אַדוו׳ מאַקס דיאַמאַנט פון טשערנאָוויץ (פון דער יידישער פּאַרטיי). ס׳האָט פאַרטיידיקט די זשאַנדאַרמען מיין פּראָפעסאָר פאַר קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט אויפן טשערנאָוויצער יו־רידישן פאַקולטעט געאָרגע אַלעקסיאַנו (שפּעטער איז ער געווען דער בלוטיקער רומענישער ציווילער גווער־נאַטאָר פון טראַנסניסטריע, 1941—1944; ער איז דורכן פּראָ־סאָוויעטישן רעזשים אין רומעניע פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און עקזעקוטירט געוואָרן).

✱ דער פּראָצעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט גאָרנישט. קעגן די זשאַנדאַרמען־פייניקער זענען נישט געפונען געוואָרן קיין „באַווייזן" און שמשון ברונשטיין האָט נישט באַקומען קיין אַנטשעדיקונג.

(אַנדערע פּרטים וועגן פאַל ש. ברונשטיין ברענגט אין זיין אַרטיקל, אויף העברעיש, דוד וויניצקי; זע אויך מיין הספד־רעדע צו די שלושים נאָך דער פּטי־רה פון שמשון ברונשטיין, און אַנדערע אַרטיקלען, אויך אין עברית).

יוסף מגן

טעראָר קעגן פּועלי־ציון אין רומעניע

ווענדונג פונעם פאַרבאַנד־ביוראָ „פּועלי־ציון—צ.ס." צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין שייכות מיט דער פאַרפייניקונג פון חבר שמשון ברונשטיין פון יעדינעץ — בעסאַראַביע, פאַרעפנטלעכט אין פּועלי־ציון־אָרגאַן פון וואַרשע „באַפרייונג־אַרבעטער שטימע" פון 24טן יוני 1932.

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ פון פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) האָט איבערגעשיקט צום סעקרעטאַריאַט פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל אַ גענויעם באַריכט פונעם צ.ק. פון אונדזער ברודער־פּאַרטיי אין רומעניע וועגן די רדיפות פון דער רומענישער פּאָליציי קעגן פּועלי־ציון און בכלל אירע גרויזאַמע מאַסן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין רומעניע.

אינעם בריוו ווערט אָנגעוויזן, אַז ח׳ ברונשטיין איז איינער פון אונדזערע בעסטע חברים אין בעסאַראַביע, פירער פון דער אָרגאַניזאַציע אין יעדינעץ (כאָטינער קרייז), וועלכער האָט מיטגע־ווירקט אין אויסבוי פון אונדזער אָרגאַניזאַציע אין בעסאַראַביע.

„עס איז נישט דער איינציקער פאַל — ווערט געזאָגט אין בריוו — פון אַ בעסטיאַלישער האַנדלונג פון דער רעאַקציאָ־נערער סיגוראַנצאַ (רומענישע פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) לגבי דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד, באַזונדערס לגבי דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און די יידן בכלל. וואָס אונדזערע חברים, וועלכע טראָגן אַלעמען בלייבן טריי דער סאָציאַליסטישער געזינונג, האָבן דאָרטן צו ליידן, איז שווער איבערצוגעבן. די פאַראיינען, אויך קולטור־פאַראיינען, ווערן כסדר געשלאָסן, פאַרזאַמלונגען, אַפילו ווען זיי זענען געווידמעט ריין־וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן, ווערן נישט צוגעלאָזן. עס איז גענוג די קלענסטע אָנווייזונג — פון אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר, כדי די באַשולדיקטע זאָלן ווערן אונ־

טערגעוואָרפן די אומשמענטשלעכסטע פאַרפאָלגונגען און פייניקונגען״.

דער בריוו ווייזט צום סוף אָן, אַז עס איז דרינגנד נויטווענדיק, אַז די סאָציאַליסטישע פרעסע פון דער וועלט זאָל אויפהויבן איר שאַרפן פראָטעסט קעגן דער דאָזיקער באַרבאַריי און אַז די סאָציאַליסטישע פאַרטייען זאָלן אויפהויבן זייער פראָטעסט ביי די פאַרטרעטער פון רומעניע אין אַלע לענדער.

מיר ברענגען ווייטער דעם באַריכט פון די רומענישע פועלי־ציון:

„מיטן דערנענטערן זיך פון 1טן מאַי האָט די רומענישע סיגוראַנצאַ און זשאַנדאַרמעריע אַנטוויקלט אַ מוראדיקן טעראָר קעגן דער אַרבעטערשאַפט. פאַר און נאָכן 1טן מאַי זענען פאָרגעקומען שוידערלעכע אַקטן, באַזונדערס אין די קרייזן בענדער, אַרהעי און כאָטין, די שוידערלעכסטע אָבער — אין כאָטינער קרייז, אינעם שטעטל יעדינעץ.

ביז צו דער לעצטער צייט איז געווען שווער צו דערגיין עטוואָס באַשטימטעס איבער די געשעענישן אין קרייז כאָטין. עס זענען געווען ווילדסטע קלאַנגען און איינצל־אינפאָרמאַציעס. מען האָט דערציילט פון יונגע מיידלעך אין טעלענטש, וועלכע זענען אַזוי צעשמיסן געוואָרן, אַז מ׳האָט זיי געמוזט אויף אַן אָפּעראַטיווון וועג באַזייטיקן אייטער פון די ברוסטן און דער מצב פון אייניקע פון זיי איז געווען אַ האָפענונגסלאָזער. מ׳האָט דערציילט וועגן מענטשן, וועמענס פיס מ׳פלעגט אַריינלייגן אין ברענספירט. עס האָבן אָבער געפעלט באַריכטן פונעם אָרט ווו ס׳זענען פאָרגעקומען די ערגסטע עקסצעסן. די טעראָריזירטע באַפעלקערונג האָט מורא געהאַט צו רעדן. ערשט איצט האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן, מיטן מוט פון מענטשן, וואָס האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן.

דעם 1טן מאַי האָט מען געפונען אין יעדינעץ אַ רויטע פאָן אויף דער סינאַגאָגע און אויף דער קירכע. ווער ס׳איז באַגאַנגען דעם דאָזיקן „פאַרברעכן״ איז נישט געווען באַקאַנט. די מאַכט האָט תיכף אַראָפּגענומען די פענער און האָט געמאָלדן דער זשאַנדאַרמעריע. דעם 4טן מאַי איז פון כאָטין אַרויס אַ שטראָף־עקספּעדיציע בראש מיטן זשאַנדאַרמעריע־קאַפּיטאַן פעניטשאָאַראַ און דעם מאַיאָר מיקאָלעסקו. צוערשט האָט מען אַרעסטירט אַ געוויסן נאַדעלין, וועלכער איז, צוליב משוגעת, דערווייטערט געוואָרן פון גלחים־סעמינאַר אין יעדינעץ. אונטער שלעג און קלעפּ האָט ער אָנגערופן אייניקע נעמען פון שטאָט־איינוווינער, אַלס פאַרדעכטיקטע אין געהערן צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. די אָנגערופענע: קאַרמאַנסקי, ראַקס, יאַנאָוויטש, וו. לודמער, געמיינערמאַן א״א, זענען תיכף אַרעסטירט געוואָרן. נאָך אַ צווייטאָגיקן אַרעסט און אינקוויזיטאָרישער באַהאַנדלונג זענען אָבער אַלע אַרויסגעלאָזן געוואָרן, צוליב מאַנגל אין באַווייזן. ווי די דאָזיקע באַהאַנדלונג איז געווען, באַווייזט אַמבעסטן דער פאַקט, אַז ווען דער זשאַנדאַרם באַביי האָט נישט געוואָלט שלאָגן לודמערן, וועלכער איז אַ באַקאַנטער בירגער פון יעדינעץ, האָט קאַפּיטאַן פעניטשאָאַראַ געפּאַטשט דעם זשאַנדאַרם און האָט אַליין מיט דער גרעסטער ברוטאַליטעט אויסגעפירט די דאָזיקע „אַרבעט״.

דער שולדיקער איז אָבער נישט געפונען געוואָרן און עס האָט דעם קאַפּיטאַן געדראָט צוריקצוקערן זיך קיין כאָטין אָן קרבנות און צו דערשיינען אפשר אין די אויגן פון זיינע שעפן אַלס אומטיכטיק. ער האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן די אונטערזוכונג, אַרעסטירנדיק דעם 7טן מאַי דעם ח׳ שמשון ברונשטיין און ברענגענדיק אים אויף דער זשאַנדאַרמעריע־וואַך.

נישט פאַרלירנדיק קיין צייט אויף פראַגן, האָט מען ברונשטיינען געשמידט די הענט און די פיס אין קייטן, אונטערגעלייגט אַ פלאָקן אונטער די קני און מען האָט אים גענומען דרייען אין קרייזן. די דאָזיקע פייניקונג, וועלכע האָט ביי דער סיגוראַנצאַ באַקומען דעם טעכנישן נאָמען „מיל״, איז אָנגעווענדעט געוואָרן אַזוי לאַנג, ביז ח׳ ברונשטיין האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. נאָך דעם האָט מען אים זיך געלאָזן אָפּרוען און מען האָט אים געשטעלט די פראַגע, וועמען האָט ער פאַרטיילט די 700 דאָלאַר, וועלכע ער האָט אויסגעטוישט אין דער „באַנקאַ באַסאַראַביעי״. ברונשטיין האָט געענטפערט, אַז מ׳קאָן זייער לייכט פעסטשטעלן אין דער באַנק, אַז ער האָט אַזאַ סומע בכלל נישט געהאַט.

דאַן האָט איינער פון די זשאַנדאַרמען זיך געזעצט אויף זיין קאָפּ, אַזוי אַז זיינע פיס האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און די זשאַנדאַרמען כיטיגאַ און באַביי האָבן אָנגעהויבן, לויטן באַפעל פון קאַפּיטאַן פעניטשאָאַראַ צו שלאָגן איבער די נאַקעטע זוילן פון די פיס. די פיסזוילן זענען באַלד פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט, הויט און מוסקולן זענען שטיקערווייז אַראָפּגעהאָנגען, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט געשריגן: „שטאַרקער, שטאַרקער״. מען האָט ברונשטיינען אָפּגעריסן די נעגל פון די הענט און די פיס, אַראָפּגעריסן ביי אים אַן אויער, מען האָט איבער אים געטראָטן. ער האָט פיל מאָל פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין, יעדעס מאָל פלעגט מען וואַרטן, ביז וואַנען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן און דאַן ווייטער אָנהויבן צו פייניקן.

כדי זיינע געשרייען זאָלן נישט געהערט ווערן, האָט מען אים אַריינגעשטופּט אין מויל שמאַטעס. ווען ער האָט געבעטן וואַסער, האָט מען אים צוגעשטעלט צו די ליפּן אַ שאָל מיט וואַסער און מ׳פלעגט זי צונעמען תיכף מיט אַ געלעכטער, ווי נאָר ער פלעגט וועלן זיך צורירן צו איר. נאָך פיל שעהן זענען די זשאַנדאַרמען געוואָרן מיד. דאַן האָט מען ברונשטיינען אַראָפּגענומען די קייטן, געשטעלט אים אויף די פיס און מען האָט געפאָדערט, ער זאָל מיט די צעריסענע פוסזוילן טאַנצן. אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט, האָט מען אים אָנגעשאָטן אין מויל זאַלץ, אַוועקגעלייגט אויף די וווּנדן שמאַטעס מיט זאַלץ און מיט עסיק.

די דאָזיקע פרטים, וועלכע דער קרבן האָט ביסלעכווייז דערציילט, ווערן פולשטענדיק באַשטעטיקט דורך די ווערטער פון זשאַנדאַרם כיטיגאַ. „וואָס האָב איך געקאָנט טון?״ האָט ער דערציילט דעם באַריכטס־געבער פון „אונזער צייט״, וואָס



תמונה משנות ה־20 ·

אַ בילד פון די 20 ער יאָרן

1. שמשון ברונשטיין ז"ל, 2. נוח ליידרמאַן הי"ד, 3. אפרים אייניס (בן ברל שוחט — ארה"ב), 4. הלל דובראָוו ז"ל, 5. א. טור־בספא (ישראל), 6. וועלוול לודמיר הי"ד, 7. משה ראבינאָביטש (אחיו של ההרוג בז' של פסח), 8. ... גרוזמאַן, 9. לייזער (בן דינה וברל) אייניס (נכדו של יונה שו"ב).

דערשיינט אין קישינעוו, „דער קאַפּיטאַן פּעניִשאָאַראַ האָט מיר אַזוי באַפוילן; וואָלט איך עס נישט געטאָן, וואָלט ער מיר גופא צעשמיסן, ווי ער האָט עס געטאָן מיטן זשאַנדאַרם באָביי"!

צום סוף האָבן די זשאַנדאַרמען דאָך באַקומען מורא, ווען זיי האָבן געזען, אַז דער מצב פון ברונשטיינען ווערט דראָענד. ביי נאַכט, ווען ער האָט נאָך געאָטעמט, האָט מען זיך פאַרשטענדיקט מיטן זשאַנדאַרמיע־פּאָלקאָווניק. אַ דעלעגאַציע פון דער באַפעלקערונג איז דערשינען ביים פּרעפעקט דזשאָרדזשיאו און האָט ביי אים געבעטן הילף, דער פּרעפעקט האָט געהאַלטן פאַר דער דעלעגאַציע אַ מוסר־רעדע און אַנשטאָט אויסצוהערן זי, האָט ער איר געדראָט מיט ווייטערדיקע מאָסנאַמען. די תליינים זעלבסט האָבן געבראַכט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט ברונשטיינען געמוזט מאַכן 2 איינשפּריצונגען. ער האָט דערקלערט די זשאַנדאַרמען, אַז זייער קרבן וועט קוים קענען איבערלעבן די נאַכט. דאַן איז ברונשטיין געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל, אָבער נישט אין יעדינעץ, נאָר אין דאָרף טרינקאַ, וועלכער ליגט 12 קילאָמעטער ווייטער. נאָר די ענערגישע האַנדלונג פונעם דאָקטאָר האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פונעם כמעט שטאַרבנדן ברונשטיין.

ברונשטיין ליגט איצט אין ייִדישן שפּיטאָל אין טשערנאָוויץ. ער איז געוואָרן גראָ, ער איז דאַר ווי אַ סקעלעט און עס דראָט אים כסדר די טויטגעפאַר. 3 וואָכן נאָכן אַריבער־

פירן אים אין שפּיטאָל, איז דער הויכער פיבער נאָך נישט געפאַלן. די דאָקטוירים האַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק אַ הויט־טראַנספּלאַנטירונג אויף די פּיסזוילן, און עס שיינט זייער צווייפלהאַפט, צי ער וועט, אַפילו אין פאַל פון געזונט ווערן, קענען ווען עס איז גיין.

אַ הויז־זוכונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין ברונשטיינס וווינונג האָט נישט געגעבן קיין וועלכן ס'איז באַלאַסטנדיקן מאַטעריאַל. גלייכצייטיק מיט ברונשטיינען איז אַרעסטירט געוואָרן אַ סטודענטין, וועלכער מען האָט פאַרגעוואָרפן אין אָנטיילנעמען אין אַ קאָמוניסטישער פאַרזאַמלונג. זי האָט תיכף דערקלערט, אַז אינעם באַטרעפנדן טאָג האָט זי גראַדע באַקומען אייניקע חתימות פון פּראָפעסאָרן אין איר סטודענטן־ביכל. עס איז אַלזאָ אוממעגלעך געוועזן, אַז זי זאָל דעם זעלבן טאָג קענען זיין אין יעדינעץ. מען האָט איר אָבער געהייסן ברענגען איר סטודענטן־ביכל ערשט אין צוויי טעג אַרום און דערווייל האָט מען פאָרגעזעצט דעם פאַרהער, ביי וואָס מען האָט זי באַזונדערס גערן געשלאָגן איבער די געשלעכטס־אָרגאַנען. נאָכן ברענגען דעם סטודענטן־ביכל, האָט מען זי באַפרייט.

די זשאַנדאַרמעריע־מאַכט האָט אָנגעהויבן איר אונטערזוכונג מיט פאָרלייגן דעם ח' ברונשטיין און זיין משפחה געלט, כדי צו פאַרטושן דעם ענין. די שולדיקע גייען אַרום פריי און גרייטן זיך צו נייע אינקוויזיציעס".

ב.

חומר ורוח בידיניץ

* כלכלה, חברה, עזרה סוציאַלית
* מוסדות־רפואה
* חינוך ותרבות, תיאַטרון
* מורים, בתי־ספר, הגימנסיה
* אנשי־רוח
* דת

עקאנאמיע און גייסט
אין שטעטל

* ווירטשאַפט, געזעלשאַפט, סאָציאַלע הילף
* מעדיצינישע הילף
* דערציונג און קולטור, טעאַטער
* לערערס, שולן, די גימנאַזיע
* גייסטמענטשן
* רעליגיע

די לאַגע פון דער יידישער ליי־ און שפּאָר־קאַסע פון יעדינעץ — צום ערשטן יאַנואַר 1929

אויסצוג פון „איבערזיכט פון דער טעטיקייט פון די ליי־ און שפּאָר־קאַסעס אין בעסאַראַביע פאַרן יאָר 1928"

א. באַוועגונג פון דער מיטגלידערשאַפט און איר פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל — צאָל מיטגלידער דעם 1טן יאַנואַר 1929: 761

צאָל מיטגלידער דעם 1טן יאַנואַר 1928:	אַריינגעטראָטן אין משך פון יאָר	אַרויסגעטראָטן	פון זיי: בעלי־מלאכות	ערד־אַרבעטער	הענדלער	לוין אַרבעטער, בעלי־עגלות און וואַסער־פירערס	אָנגעשטעלטע און פרייע פּראָפעסיעס	אַנדערע
583	203	25	176	61	417	9	67	37

ב. באַוועגונג פון קאַפּיטאַל

פאַי־קאַפּיטאַל און גרונד־קאַפּיטאַל	רעזערוו־קאַפּיטאַל און ספּעציעלער קאַפּיטאַל	איינלאַגן	איינלייען אין פאַרבאַנד	רווחים	פאַרשידענע	סה"כ באַלאַנס
497.196 לעי	83.640 לעי	3.139.318 לעי	1.259.997 לעי	18.638 לעי	171.573 לעי	5.170.344 לעי

מזומן געלט און קרעדיט־אַנשטאַלטן	איינגן גרונד־קאַפּיטאַל און אַקציעס אין פאַרבאַנד	הלוואות ביי מיטגלידער	באַוועגלעך פאַרמעגן	פרייקיים פון לאַנד. מאַשינען	פאַרשידענע	סה"כ באַלאַנס
6.036 לעי	166.733 לעי	4.929.357 לעי	22.497 לעי	33.510 לעי	12.211 לעי	5.170.344 לעי

ג. וווּקס פון פאַי־קאַפּיטאַל, צאָל פאַיען, און דורכשניטלעכער פאַי צום 1טן יאַנואַר 1929

סאַלדאָ צום 1טן יאַנואַר 1928	1929	פאַרגרעסערונג אין פּראָצענטן	צאָל פאַיען צום 1טן יאַנואַר 1929 ביז 200 ל"י	פון 500—3 לעי	העכער פון 500 לעי	סה"כ
291.655	379.955	30	23	720	18	761

ד. אַרויסגעגעבענע הלוואות אין יאָר 1928; צאָל הלוואה־נעמער: 741

צאָל פון הלוואות	סומע פון הלוואות	דורכשניטלעכע הלוואה
1.739	19.091.500 לעי	10.978 לעי

מאַקסימאַלער צינז פאַר געוויינלעכע הלוואות — 15%.

ה. פונאַנדערטיילונג פון הלוואות לויט די צוועקן; סומעס פון אַרויסגעגעבענע הלוואות.

מלאכה און אינדוסטריע	ערד־אַרבעט און גערטנעריי	קליינהאַנדל	אַנדערע באַשעפטיקונגען
2.796.000 לעי	1.020.500 לעי	13.928.000 לעי	1.347.000 לעי

פונאַנדערטיילונג פון אַגריקולטור־הלוואות

הלוואות פאַר אַלג. צוועקן	פאַר פערד	פאַר קי און שאָף	סה"כ הלוואות
3 — 6.000 לעי	9 — 53.000 לעי	16 — 120.000 לעי	28 — 179.000 לעי

ו. אַדמיניסטראַציע־הוצאות אין 1928

אַדמיניסטראַציע	געהאַלט דער פאַרוואַלטונג	געהאַלט די אָנגעשטעלטע	דירה, הייצונג, באַלייכטונג	אַנדערע הוצאות
269.999 לעי	12,000 לעי	194.60 לעי	20.817 לעי	42.582 לעי

כלכלה, חברה, עזרה סוציאלית
ווירטשאַפט, געזעלשאַפט, סאָציאַלע הילף

שלום כספי — סערעבראַניק

פרנסות ביי יידן

אַ זעקס טויזנט נפשות, ווי ס׳גיט אָן די לעצטע רומענישע פאָלקסציילונג פון 1931, האָט געציילט די ייִדישע באַפעלקערונג אין יעדינעץ ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. במשך פון דורות האָבן די ייִדן אין שטעטל געלעבט פאַר־העלטנישמעסיק רויִק, און געצויגן זייער חיונה, ווער מיט מער און ווער מיט ווייניקער רחבות, פון מסחר, מלאכה, פון לאַנדווירטשאַפט און פון אַ קליינער אינדוסטריע.

אַזוי ווי מיר באַזיצן נישט קיין גענויע סטאַטיסטישע דאַטן איבער די פרנסה־צווייגן פון די שטעטלשע יידן, קענען מיר זיך אפשר באַדינען מיט אַן „איבערזיכט", וואָס איז אָנגעקומען צו אונדז איבער דער יעדינעצער ליי־ און שפּאָר־קאַסע, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן פאַרבאַנד פון די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון און ליי־ און שפּאָר־קאַסעס אין בעסאַראַביע (זיץ־אָרט אין קעשענעוו) פאַרן יאָר 1928.

די צאָל מיטגלידער פון דער יעדינעצער „קאָסע" איז געווען, אין סוף פון דערמאָנטן 1928טן יאָר, 761. צווישן זיי זענען געווען באַלמעלאָכעס — 176; ערד־אַרבעטער (פאַקטיש — פאַכטערס פון פעלדער) — 61; סוחרים און קרעמערס — 417; לוין־אַרבעטער, בעלי־עגלות און וואַסער־פירערס — 9; באַאַמטע און פרייע פּראָפעסיעס — 67; אַנדערע — 37.

הגם דער רוב שטעטלשע איינוווינער איז געווען טעטיק ווירטשאַפטלעך, זענען נישט אַלע געווען מיטגלידער פון דער לאָקאַלער ליי־ און שפּאָר־קאַסע, וועלכע מ׳האָט אויך גערופן באַנק־„עזרה". מ׳קען זיך פאָרשטעלן, אַז די פרנסה־צעטיילונג צווישן די קאַסע־מיטגלידער גיט אַ טריי בילד פון דער אַלגעמיינער פרנסה־צעטיילונג פון אַלע ייִדישע מפרנסים פון שטעטל. לויט אָט די דאַטן קען מען זען, אַז די סוחרים און קרעמער האָבן געבילדעט דעם רוב מפרנסים — 417 פון 761, ד. ה. איבער 54%. נאָך זיי קומען די בעלי־מלאכות (176) — אַ 23%; אָנגעשטעלטע און פרייע פּראָפעסיאָניסטן (דאָקטוירים, אַפּטייקער, אַדוואָקאַטן, לערער, כלי־קודש אאַ"וו — (67) — אַ 9%; ערד־אַרבעטער און אַרענדאַרעס — איבער 8%; די „אַנדערע" פון דעם איבערבליק האָבן געבילדעט אַ 5%; און די לעצטע אין דער סאָציאַלער און סטאַטיסטישער סקאַלע — לוינאַרבעטער, בעלי־עגלות און וואַסער־פירערס — האָבן געבילדעט בלויז עפּעס מער ווי איין פּראָצענט צווישן די קאַסע־מיטגלידער. אָבער ווי ס׳ווייזט אויס איז זייער חלק אין דער מפרנסים־באַפעלקערונג געווען גרעסער; אָבער ווייל זייער ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט איז נישט גע־ווען אויף אַזוי ווייט אַנטוויקלט, אַז זיי זאָלן אָנקומען צו קאָמערציעלע הלוואות פון דער קאַסע, אָדער ווייל זיי זענען נישט געווען גענוג קיין „בטיחים" — איז זייער חלק אין דער קאַסע געווען אַזוי קליין. לויט אַן אָפּשאַצונג, האָט זייער חלק צווישן די מפרנסים דאָך דערגרייכט צו 5%.

דעם דערמאָנטן „איבערזיכט" גיבן מיר באַזונדער.

און איצט לאָמיר כאָטש עפּעס איבערגעבן וועגן די באַזונ־דערע פרנסות און פאַכן צווישן די יעדינעצער ייִדן. מיר טוען עס קאָנדענסירט און כראָניקאַליש און פּרעטענדירן נישט, חלילה, אויף שלימות.

לאַנדווירטשאַפט

דער אמת איז, אַז די ייִדן פון צפון־בעסאַראַביע האָבן ווייניקער, ווי די ייִדן אין צענטער פון דער פּראָווינץ, באַאַרבעט די ערד מיט זייערע הענט. די א"ג „לאַנדווירטן" זענען פאַקטיש געווען אַרענדאַרעס (גערופן אויך „פּאָסעסאָרס") פון פעלדער און פאַכטערס פון גיטער (פערמעס אָדער „אַדאַיעס", ווי מ׳האָט זיי גערופן) ביי די פּריצים פון דער געגנט. צווישן די ערד־



מייסדי
קופת
מלוה
וחסכון
—
ההנהלה
וועדת
הבקורת
—
נוסדה
ב־17 באוקטובר
1926

1. אשר קויפמאַן (פרויקיס) ז״ל, 2. ———, 3. הלל דובראָוו ז״ל, 4. אהרן ברונשטיין הי״ד, 5. ———, 6. מאיר וואַלעוויטש (מיט די „בעק״), 7. יחיאל נעמיטשיניצער הי״ד, 8.——— 9. יוסף שפייער הי״ד, 10. יאַנקל מאַטעטעס שוואַרצמאַן ז״ל, 11. שמואל לודמיר ז״ל, 12. איציק יעקב־שעיהס גרינבערג ז״ל, 13. עו״ד ישראל קאַרמאַן הי״ד, 14. יוסף ריסמאַן ז״ל, 15. ———, 16. ליאָווע גוקאָווסקי ז״ל, 17. מינע פרנס (ישראל), 18. רפאל קופערמאַן.

פאַכטערס ווילן מיר דערמאָנען: יעקב־שמעון קויפמאַן און זיינע זין; נפתלי טאַבונער, ניסן טערעבנער, שמואל דרוצער (די צונעמען דערמאָנען די דערפער, ווו די ייִדן האָבן געפּאַכטעט די פעלדער אָדער זיי האָבן געשטאַמט פון דאָרט), שמואל פּראַדיס, מאיר בוים, ישראל און שמואל קאָרמאַנסקי א״אַנד... די פּאַכטערס האָבן געהאַט „נאמנס״ (אָדער: נאמנים — פאַרטרויונגס־מענער) אין יעדן דאָרף. זיי האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, צוגעשטעלט מאַשינען און אַרבעטס־כלים, באַזאָרגט דעם טראַנספּאָרט, די זריעה וכד׳. אַרבעטס־הענט האָבן צוגעשטעלט די אָרטיקע דאָרפסלייט; אין ברענסעזאָנען פלעגט מען אַראָפּברענגען צייטווייליקע אַרבעטער פון דער ווייטנס, דער עיקר פון צפון־בעסאַראַביע, די א״ג „ליאַכעס״.

געווען אויך וואַלד־פּאַכטערס, וועלכע פלעגן דאָס האָלץ פאַרקויפן אין דער געגנט אָדער אַוועקשיקן די דרענגער ווייט, ווייל קיין „זעג״ צו באַאַרבעטן דאָס געהילץ איז אין דער געגנט נישט געווען.

ווי ס׳דערציילט שמואל כפרי (דאָרף), האָט דער וואַלד־פּאַכטער אליהו מיילעכסאָן אויפגעשטעלט אַ „זעג״ אין מאַהילעוו; ער איז רייך געוואָרן פון אָט דעם עסק און אין זיין צוואה האָט ער באַפוילן צו צעטיילן צווישן אָרעמע לייט, אין טאָג פון זיין יאָרצייט, מזומן געלט און האָלץ צום הייצן אין ווערט פון דריי הונדערט רובל.

צו די ערד־אַרבעטער דאַרף מען צורעכענען די טוטון־ציכטלער און די גרינוואַרג־ציכטלער, וועלכע מ׳האָט גערופן די „באָלגאַרן״. די וויכטיקסטע צווישן זיי זענען געווען בערל דער דודלעכעס און מרדכי דווידס; זיי פלעגן מגדל זיין ירקות לעבן די „טייכן״ (פאַקטיש שטייענדיקע וואַסערן) פון הינטער די גערטנער און הייזער פון דער פּאָטשטאָווע גאַס: בערל — ביים „פּאַנסקע טייך״ און מרדכי — ביים „סעמינאַריע טייך״. זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ פּרימיטיווע באַוואַסערונגס־סיסטעם מיט דער הילף פון אַ ראָד, אויף דער ראָד זענען געהאָנגען קעסעלעך, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טייך, זיך אָנגעפילט מיט וואַסער, וואָס פלעגט זיך אויסגיסן אין קאַנאַוועס און זיך צעגיין איבערן פעלד. פערד האָבן געדרייט די ראָד. די טוטון־ציכטלער פלעגן באַאַרבעטן הונדערטער דעסיאַטין פעלד. זיי פלעגן באַשעפטיקן פיל אַרבעטער; גויים — ביים זעצן, באַוואַסערן און שניידן דעם טוטון; און ייִדישע אַרבעטער, בעיקר פרויען, ביים „ציליען״ די בלעטער, ביים טריקענען און שניידן זיי. טוטון־שניידעריי — איז געווען אַ פאַך.

און געווען תבואה־הענדלער. זיי האָבן אויפגעשטעלט „מאַגאַזאָנעס״ ביי די אַריינגאַנג־וועגן אין שטעטל אַריין, ווו זיי פלעגן אָפּקויפן די תבואות, וואָס די פויערים האָבן אַריינגעבראַכט. די דאָזיקע תבואות פלעגן אַוועקגעשיקט ווערן אין די גרויסע צענטערס פון תבואה־האַנדל פאַר לאָקאַלער קאָנסומציע אָדער פאַר עקספּאָרט. געווען ייִדן, וועלכע האָבן זיך

באַשעפטיקט מיט אָנפילן זעק מיט תבואות, ווי אויך מיט פאַרריכטן זעק.

בעלי־מלאכות

אין אַלגעמיין פלעגט דער רוב בעלי־מלאכות פון יעדן פאַך ווינען אין באַזונדערע געגנטן. געווען אין שטעטל אַ „שניי־דערישע גאַס", אַ „שוסטערישע גאַס" וכד'. געווען געגנטן וווּ ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די קצבים און די קאַצאַפּיעס, די קאָ־וואַלעס, אַזוי אויך די האָלץ־ און ברעטער־סקלאַדן אא"וו.

נישט געווען קיין מלאכה, יידן זאָלן נישט זיין פאַרטראָטן אין איר. לאָמיר אויסרעכענען: שניידערס, מאָדיסטקעס און בעלאָשוויקעס; שוסטערס, זאַגאָטאָווטשיקעס און רימערס; סטאָליערס, סטעלמאַכערס, טאָקערס, פלאָטניקעס (בוי־סטאָ־ליערס, צווישן זיי זענען אויך געווען גויִים און קאַצאַפּעס) און באָדנערס; שלאָסערס, קאָוואַליעס, בלעכערס און קופערשמידן (זיי פלעגן פאַרריכטן סאַמאָווארן, פרימוסן און „אויסווייסן" קופערנע כלים); יוועלירער, גאָלדשמידן און זייגערמאַכערס; פאַרבערס און מאַליערס; קצבים, שינדערס און פישערס; ברויט־ און בייגל־בעקערס, גלעזערס אא"וו. איין מלאכה איז כמעט געלעגן אין גאַנצן אין גוייִשע הענט — דאָס בויפאַך; אָבער די אויספאַרטיקונגס־אַרבעטן (האָלץ, גלעזעריי) האָבן געמאַכט יידישע בעלי־מלאכות. אגב — עלעקטראָטעכניק איז געווען אַ „ריין" גוייִש פאַך: דער איינציקער עלעקטראָטעכ־ניקער איז געווען דער שייגעץ אַליאָשאַ, וועלכער האָט גע־אַרבעט ביי שפייערן אין דער עלעקטראָ־סטאַנציע. אַליאָשאַ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס בלוטיקער מערדער־כוליגאַן בעת דעם אומגליק (אַזוי ווי דער רוב גויִים, וואָס האָבן געלעבט צווישן יידן און געהאַט פון זיי פרנסה; די ציגיינערישע מוזיקאַנטן, למשל). די פאָר מעכאַניקער זענען, דוכט זיך, אַלע געווען קריסטן.

טייל בעלי־מלאכות האָבן געהאַלטן „מאַסטערסקאַיעס" און באַשעפטיקט אַרבעטער, געזעלן און לערנייִנגלעך, וועמען זיי פלעגן צאָלן, מייִנסטן, לויטן „זמן" (אַ האַלב יאָר: פון פסח ביז ימים־נוראים אָדער פון סוכות ביז פסח).

אייניקע בעלי־מלאכות האָבן באַדינט בלויז די יידישע באַפעלקערונג און די „קריסטן"; אָט די, וועלכע האָבן גע־מאַכט אַ בעסערע אַרבעט. אַזוי זענען געווען, למשל, „יידישע שניידערס"; באַקאַנט זענען געווען די מענערשע שניידערס יצחק־לייב דער „בריטשאנער" שניידער, מעכל־מאיר הירש און איזי שניידער א"אַנד. צווישן די „דאַמסקע" שניידערס זענען געווען באַקאַנט: מרדכי שיינדלמאַן, מאָטיע ליפקאַנער, אברהם כאָטינער א"אַנד. לאָמיר אויך דערמאָנען סאַני שניי־

אהרון חכמוביץ'

גידול הטבק בעירנו

אהרון חכמוביץ', שהיה חקלאי בידיניץ וגידל טבק במשך שנים רבות, נמצא עתה בישראל, בקבוצת בנו, יוסף, הנמנה על מייסדי חניתה. את דבריו מפיו רשם אפרים שברצמן־שרון.

הפריץ קוזניצוב היה הראשון שהכניס לידיניץ את ענף הטבק, אשר העסיק הרבה איכרים מהכפרים שבסביבה. שדות־הטבק הקיפו מאות דיסאַטינות.

מבין היהודים היה ר' משה למצ'ינסקי הראשון שהחל לגדל את הטבק. הוא ואשתו באו מהעיירה האוקראינית לאמצ'יניץ, משם הביאו עמהם את זרעי הטבק. אשתו עזרה לו רבות לר' משה בעבודתו זו, מאחר והיא למדה את המקצוע עוד בבית הוריה. הם הגיעו לידיניץ בשנות השמונים של המאה הקודמת.

היהודי השני שעסק בענף זה, היה ר' יצחק ראובן וסיליס ואחריהם — יחיאל גנדלמן, יקותיאל חנהס רוזנברג, זלמן לייב דימאנט, יחזקאל טאַטאַר, הירש ברל שעיפס, וועלוויל שברצמן, שלושת האחים, יעקב, אהרון ומשה־ישעיה חכמוביץ', ואחרים.

מגדלי הטבק היהודים העסיקו בעבודה העיקרית שבענף — שתילה וייבוש — פועלים יהודים. לשם ייבוש העלים היו משחילים אותם על חוטים ארוכים (ידועים בשם כולל „שווארעס") אותם תלו, מרווחים ביניהם, במבנים גדולים מיועדים למטרה זו.

בראשיתו סבל גידול הטבק פגיעות מידי שמים ומצרות שבאו מידי אדם. הקצאַפּים והצוענים היו משחיתים את הנטיעות בשדות. אחרי עיקוב ממושך נתפסו הללו, נמסרו לרשות ונידונו למאסר ולגירוש מן העיירה.

הרווחיות בגידול הטבק היתה גבוהה יותר מאשר בענפי חקלאות אחרים. אך קרה גם ובשנת בצורת קשה לא הכניס הענף אפילו את שכר העבודה של הפועלים.

בשנת 1917, עם כיבוש בסרביה על ידי הרומנים, השתנו לרעה התנאים למגדלי הטבק. הרומנים ביצעו רפורמה אגררית. חילקו את אדמות בעלי האחוזות בין האיכרים. גם יהודים שיכלו להוכיח, כי היו חקלאים, קיבלו חלקות אדמה (חלקה בת שלושה הקטרים, ידועה בשם „לוט"); אך יחד עם זאת פירסם השלטון הרומני צו, שהפך את גידול הטבק והמסחר בו למונופול ממלכתי. נמנע איפוא מיהודי בסרביה לגדל טבק עם כל הנלווה לכך — ייבוש, חיתוך לעישון ומכירתו. ומאז הקיץ הקץ על גידול הטבק גם בידיניץ.

דער, ווען מענס אייגנאַרטיק פאַך איז געווען צו נייען גלחישע קליידער.

פון צווישן די שוסטערס לאָמיר דערמאָנען: נח סנדלר, זכריה און מאיר לייזער הערשס א״אַנד. דער עיקר אָבער האָבן די בעלי־מלאכות באַדינט די דאָרפישע באַפעלקערונג פון אַרום. פון צווישן די באַקאַנטסטע זאַגאָטאָווטשיקעס לאָמיר דערמאָנען: מעכל און משה קעריק, הערש זאַגאָטאָווטשיק א״אַנד. די בעסערע סטאָליערס האָבן געמאַכט מעבל פאַר די גבירים. לאָמיר דערמאָנען קאָפל סטאָליער, וועלכער איז געווען „אינסטרוקטאָר״ (מדריך) אין דער סטאָליערײ פון סניף „החלוץ״ אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן. צווישן די בעקערס, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען געווען די „טערקן״ אָדער „גרעקן״. מיט דער רומענישער אָקופּאַציע זענען זיי פאַרשוווּנדן. די בייגל־בעקערס פלעגן אויך פּראָדוצירן בייגל פאַרן „סטאָק״. די גויים פלעגן זיי אויסקויפן אַלס „דעליקאַטעסן״ אויף די חגאות און פאַר... קראַנקע... אַ באַרימטער בייגל־בעקער איז געווען טשאָרנאָפּוי־גוטמאַן (דער פאָטער פון דער שרייבערין רחל גוטמאַן־קרימער און אַנדערע מיידלעך, חברטעס אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס). די בעקער־אַרבעטער זענען געווען די פּיאָנערן פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג. דער אָרגאַניזאַטאָר איז געווען דער בעקער־באַלעבאָס טשאָרנאָפּוי אַליין. זיי האָבן דורכגעפירט דעם ערשטן שטרייק אין שטעטל נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון טשאָרנאָפּויס בעקערײ זענען אַרויס די שטרייק־שומרים (פּיקעטן) אויפן בריטשאַנער וועג, כדי נישט אַריינצולאָזן די באַשטעלטע שטרייקברעכערס.

נאָענט צו די בעקערייען, אויף דער צווייטער זייט פון מאַרק, אויפן וועג צו דער שמשים־קלויז (הגם ס׳האָבן דאָרטן געדאַוונט בעיקר קצבים) האָבן זיך געפונען די קאַצפּיעס. די קצבים און שינדער זענען געווען אַן אייגנאַרטיקע „קאַסטע״. זיי פלעגן זיין די ערשטע ביים שיצן יידיש לעבן און האָב־און־גוטס אין קאַלעמוטנע צייטן.

געווען אויך פישערס, וועלכע פלעגן אַראָפּברענגען פיש בלויז אויף ערב־שבת, פון די טייכן, וואָס האָבן געהערט צו די פּריצים. די עיקר־פיש: קאַרפּן, העכטן און קאַרעסן; ביי זיי האָט מען אויך געקאָנט קריגן די טריפהנע שליים־פיש. די איבערגעבליבענע פיש, די נישט פרישע, פלעגן שפּעטער קויפן די גויים.

לאָמיר נישט פאַרגעסן די שערערס און צירולניקעס. די צירולניקעס האָט מען „קלאַסירט״ לויט דער באַדינונג און די היגיענישע באַדינגונגען. די באַקאַנטסטע זענען געווען די צירולניעס פון מאיר שערער, יצחק־יונה און אברהם בראָמבערג. אין די דרייסיקער יאָרן איז באַרימט געוואָרן די „מאָדערנע״ צירולניע פון מענדל פּאָליאַק, וועלכער האָט איינגעפירט אַ מין וואַסער־לייטונג צו די שיסלען, כדי צו וואַשן דאָס פּנים און דעם קאָפּ. לאָמיר אויך נישט מקפּח זיין די היטל־, קאַפּעליוש־ און קוטשמע־מאַכערס, ווי אויך די קירזשנערס; די לעצטע האָבן בעיקר געניייט שאָפּענע פּעלצן פאַר די גויים.

קרעמערס און סוחרים

אַזוי ווי צווישן די בעלי־מלאכות, אַזוי זענען אויך צווישן די קרעמערס געווען „פּיינערע״, וועלכע האָבן באַדינט די יידישע באַפעלקערונג, די „קריסטן״ און רייכערע פּויערים; אָבער דער רוב — האָט געפירט פּראָסטערע, מאַסן־ און ביליקערע סחורות פאַר די פּויערים, גויים און אָרעמערע יידן. צווישן די „בעסערע״ שניט־קרעמערס לאָמיר דערמאָנען: יעקב פּערלמאַן, שמואל גאַלפּערין, מנשה ווײַנשענקער, יוסף אידלמאַן, וועלוול קאַלעבלאַצקי. צווישן די בעסערע שיך־קרעמער („אָבוּווּנע״ קלייטן): יצחק הירש טשאַק, די ברידער דודל און ניסל קאַלקער, אהרן־בער גערשל. באַקאַליינקעס. משה גאַנדלמאַן, אברהם זילבערבערג, יחיאל קלוגמאַן, לייב האָכבערג („אָדעסער״). „פּאַסודעס״ — מינדל פריילעך א״אַנד.

דער גרעסטער טייל מסחר מיט די גויים האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף די „טאָרהאָוויצעס״. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז אין אונטערשטן טייל פון שטעטל איז געווען דאָס וואָס מ׳האָט גערופן דער „מאַרק״, וואָס האָט באַדינט די יידישע

געשטעלט... געשטעלט... שטעל נאָך אַ מאָל...

געווען אויך שענקערס, וועלכע האָבן זיך נישט געשעמט אויסצונוצן מיאוס די לאַגע. אַזוי פלעגט מען ציטירן אַזאַ כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך צווישן שענקער גרוינעם און זיין זון געצל (ביידע נעמען זענען אויסגעטראַכטע):

— געצל, האָסט אָפּגערעכנט דעם כומר? (ד״ה: גלח; דאָס וואָרט האָט מען נישט אַרויסגערעדט פאַר נישט־יידן, ווייל, געוויינלעך, האָבן זיי עס פאַרשטאַנען).

— יאָ, טאַטע...

— י״ש האָסטו געשטעלט?

— געשטעלט, טאַטע...

— און וויין?

— געשטעלט, טאַטע...

— און דגים מלוחים (הערינג) געשטעלט?

— געשטעלט...

— און בשר מעושן (פּאַסטראַמע)?

— יאָ, טאַטע...

— און פּעפּערלעך און סתם־דגים?

— געשטעלט, טאַטע... געשטעלט...

— געצל, דו הערסט?

— יאָ, טאַטע...

— שטעל נאָך אַ מאָל, דער כומר איז מלא...

די קונץ פון שטעלן נאָך אַ מאָל האָט מען געצלען נישט געדאַרפט לערנען. ער איז אָבער געווען אַ געהאָרכזאַמער זון, דער געצל... באַזונדערס אין ענין חשבונות פאַר שיכורים. האָט ער „געשטעלט״...

מ.



בית־המרקחת של אברהם ברונשטיין

אברהם בראָנשטיינס אַפּטייק אויף דער פּאָטשטאָווע גאַס

באַפעלקערונג. דאָרט האָבן זיך געפונען די „זיצערס" און די „זיצערינס" מיט פרוכטן, די „באַלגאַרן" מיט גרינוואַרג, די קאַצפּיעס, די פישערס, בעקערס וכד'. אויף דער אונטערשטער „טאָרהאָוויצע", אַרום דעם קלויסטער, איז געווען אַ גאַנצע ריי יידישע קלייטן מיט שניט־סחורות „גאַטאָווע" קליידער (קאָנפעקציע), צעלניקעריי (גאַלאַנטעריע), שוכוואַרג, אייזן־וואַרג („זשאַליאַז"), פאַרבן, באַקאַליי און שענקען. דאָ פלעגן זיך אויך אויסשטעלן, באַזונדערס אין די מאַרקטעג, שטעלן און שטעלעכלעך, ווו אויך גוייִשע הענדלער, באַזונדערס קאַצאַפּעס און מיעשטשאַנעס, האָבן פאַרקויפט לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן, מילכוואַרג, קעזן, זערנעס, זריעה, קאָלבאַסן, חזיר־פלייש, חזיר־שמאַלץ אאַ"וו.

די אייבערשטע טאָרהאָוויצע פלעגט מען אויך רופן די פערד־טאָרהאָוויצע, ווייל דאָרט פלעגט געפירט ווערן דער האַנדל און אויסטויש פון פערד און בהמות. דאָרט פלעגט אויך איינגעאָרדנט ווערן, ביז די רומענער זענען אַריינגעקומען, די יאָר־יערלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע „וויסטאַווקע" (אויסשטעלונג), וועגן וועלכער די שטעטלשע האָבן געהאַט צו דערציילן וווּנדער.

אין די רומענישע צייטן האָט מען דעם האַנדל מיט בהמות איבערגעפירט פיל העכער, אויסער דער שטאָט. דאָרט זענען געווען ספּעציעלע אָפּגעשפּאַרטע ערטער פאַרן האַנדל מיט פערד, רינדער, שאָף, חזירים וכד'. די שטאַלן פאַר די בהמות זענען אין יאָר 1941 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויעריק באַקאַנטן יעדינעצער לאַגער, וווּהין די רומענער און די דייטשן האָבן צעזויפגעטריבן ייִדן פון דער בוקאָווינע און צפון־בעסאַראַביע, אויף זייער וועג קיין טראַנסניסטריע. די יעדינעצער ייִדן זענען שוין דעמאָלט אין שטעטל נישט געווען.

אַרום די טאָרהאָוויצעס האָבן זיך קאָנצענטרירט די שענקען (טראַקטירן), וועלכע פלעגן אין מאַרקטעג ווימלען מיט פויערים און סתם שיכורים. די פויערים, נאָכן פאַרקויפן וואָס זיי האָבן געהאַט צו פאַרקויפן און אָפּהאַנדלען מיט וואָס זיי האָבן געדאַרפט האַנדלען, פלעגן זיך אַריינכאַפּן, אײדער זיי זענען אַהיימגעפאָרן, אין שענק, כדי זיך נאָס צו מאַכן דעם גאָרגל און אונטערהאַלטן דאָס האַרץ. נישט איין גוי פלעגט נאָכן יאַריד אַהיימפאָרן שיכור ווי לוט און אַנדערע פלעגן פאַרטרינקען דאָס גאַנצע אָפּלייז־געלט פאַר זייערע פראָדוקטן.

אַפּטייקן

די ערשטע אַפּטייק האָט געעפנט אין שטעטל דער פּראָוויזאָר לעווענטאַל, וועלכער איז אָנגעקומען אַהער פון „טיף ראַסיי".. די אַפּטייק איז געווען אין בנין, ווו שפּעטער האָט זיך געפונען די קלויז „שערי־ציון". לעווענטאַל איז שנעל נתעשר געוואָרן און ער האָט איבערגעפירט די אַפּטייק אין בנין אויף דער פּאָטשטאָווע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן באַקאַנט א"נ „אברהם בראָנשטיינס אַפּטייק".

ר׳ משה פורמאַן דערציילט, אַז לעווענטאַל פלעגט זעלטן קומען דאַווענען. אַז מאיר בוים האָט אים אַ מאָל פאַרגעוואָרפן אָט די זאַך, האָט יענער געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— ערגערט אייך נישט, ר׳ מאיר... ס׳וועט נאָך אויפשטיין אַ דור, וואָס וועט קומען אויף מיין קבר און שרייען „אַלטער צדיק, שטיי אויף״.

און פאַר וואָס לעווענטאַל האָט שנעל פאַרלאָזט דאָס שטעטל — דערציילט אויך ר׳ משה פורמאַן:

— ווען יעקב־שמעון קויפמאַן איז נפטר געוואָרן, האָט מען זיין קערפּער געבראַכט קיין יעדינעץ און דעם ארון אַוועקגעשטעלט אין לעווענטאַלס אַפּטייק. „חברא קדישא״ האָט זיך נישט געאיילט מיט דער קבורה, ווייל זי האָט געמאָנט, ווי דער שטייגער איז געווען, אַ סך געלט פאַרן קרקע. דערביי האָבן די חברא־קדישא־לייט אָנגעזאָגט, אַז איבער 120, וועלן זיי פאַר דער קרקע פאַר לעווענטאַלן מאָנען פיל מער.... האָט לעווענטאַל באַשלאָסן נישט אָנצוטאָן דער „חברא קדישאַ״ אַזאַ נחת־רוח...

די אַפּטייקערס אברהם בראָנשטיין און זיין איידעם משה וואָסקאָבויניק, וועלכע האָבן איבערגענומען די אַפּטייק אין שיינעם בנין מיט די ברייטע טרעפּ און מיט די אַקאַציע־ און סירען־ביימער פוןביידע זייטן, ווו ס׳האָט געפינקלט מיט ריינקייט — זענען געוואָרן אָנגעזעענע בעלי־בתים, מנדבים און איבערגעגעבענע ציוניסטן. מיט דער צייט האָט די משפחה אויפגעעפנט אַ צווייטע אַפּטייק אין הויז פון פערל און אָשר גאָלדנבערג.

די סאָוועטן האָבן נאַציאָנאַליזירט ביידע אַפּטייקן. משה וואָסקאָבויניק איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין טאַשקענט, ווו ער האָט פאַרבראַכט די מלחמה־יאָרן. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך מיט דער משפחה אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ, פון דאָרט איז ער אַריבערגעפאָרן קיין בוקאַרעשט, ווו ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1953.

אויסער די אַפּטייקן זענען אין יעדינעץ אויך געווען „דראָגעריעס״, אָנגעפירט דורך די „פּאָמאָטשניק פּראָוויזאָרס״ ישעיה טאָלפּאָלאַר, שמעון שאָר, יחיאל נעמיטשיניצער, אידל גאַלפּערין, באָריס גאַנדלמאַן און אברהם חיות (כאַיעס); דער לעצטער איז אויך געווען אַ פעלדשער.

טראַנספּאָרט

געווען יידן באַלעגאַלעס, וועלכע פלעגן אין „פייטאָנען״ פירן פּאַסאַזשירן צו דער באַן (פריער קיין דאָנדושען און שפּעטער קיין רעדיו מאַרע), ווי אויך אין די שכנותדיקע שטעטלעך: בריטשאַן, ליפּקאַן, סעקוראַן, בריטשעווע, רישקאַן; אַ מאָל אויך קיין כאָטין און אַפילו קיין בעלץ. די פּאַסאַזשירן האָט מען אָנגערופן „פּאַרשוין״. אייניקע באַלעגאָלעס האָבן געפירט „איינפאָרן״ און געהאַלטן שמייסערס. צווישן די באַקאַנטסטע באַלעגאָלעס זענען געווען: חיים, ראובן, יאַנקל, זלמן; אייניקע פון זיי האָבן געטראָגן דעם צונאָמען „פּיטאַנטשיק״.

פּלוצעם האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט דער ערשטער אויטאָ. ער איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דורך יאָסל בראָצקי און פּיני שאָפער; דערנאָך האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ צווייטן און אַ דריטן אויטאָ. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די פייטאָנען פון זייער גדולה. אגב — די ערשטע טעג פלעגן די אויטאָס נעמען „דורכפאָרן״ די שטאָטישע פאַר אַ פאָר לעי איבער דער פאַטשטאָווע. די אויטאָס זענען געווען שברי־כלים, זיך אָפּט „צעלייגט״ אין מיטן וועג און „געגעבן״ די פּאַרשוין „די סטאַנציע״ אויפן אָרט פון דער באַן...



על מדרגות בית־המרקחת „ברנשטיין״

אויף די טרעפּ פון דער אַפּטיק „בראָנשטיין״

עומדים — שטייען: (מימין, מלמטה למעלה — רעכטס, פון אונטן ארויף) — שמעון שאָר (נפטר בישראל), שמעון שרענצעל (נפטר בצ׳רנוביץ), הינדע (לבית שאָר) אשת אברהם ברונשטיין (נפטרה בישראל).

משמאל, מלמטה למעלה — לינקס, פון אונטן ארויף: ד״ר זילבערמאַן (נפטר בקישינוב), משה וואָסקאָבויניק (נפטר בבוקרסט), לאה גאַלפּערין (בישראל), לידה הילדה צפורה, צביה וואָסקאָבויניק (בישראל), בזרועותיה הבן יעקב (נפל בחזית).

געווען אויך משא־פירער, וועלכע האָבן געפירט אין גרויסע פורלעך סחורות פון גרויסע האַנדלס־צענטערס, ווי טשערנאָוויץ, יאַס (פריער פון אָדעס) א״אַנד. מ׳האָט זיי גערופן די „פּאַרערס״: באַקאַנט איז געווען נח פאָרער. מיט דער צייט האָבן זיי פאַרביטן לאַסט־אויטאָס. די פאָרערס זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סחורה און זי געמוזט ברענגען גאַנץ. נישט

איין מאָל זענען פאָרגעקומען דין־תורהס צווישן די פּאָרערס און די סוחרים, הן ווען ס׳האָט געפעלט אַ פּעקל און הן ווען סחורות זענען „צעריבן" געוואָרן. דער דיין פלעגט תמיד אין אַזעלכע דין־תורהס פּסקענען „חצי״, ד״ה, דער פּאָרער פלעגט דאַרפן באַצאָלן אַ העלפט פון היזק. אָפט איז עס געווען אַ „געשעפט", וואָס האָט אַפילו געלוינט, באַזונדערס ווען אַ פּעקל איז „פאַרלוירן געגאַנגען".

קרעדיט־אַנשטאַלטן און בענק

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט עקזיסטירט אַ קאָאָפּעראַטיווע קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף א.נ. „זאַ׳מנאַ־קרעדיטנאַיאַ קאַסאַ". זי האָט זיך געפונען אין הויז פון שמואל וויינשענקער ; איר פּאָרזיצער איז געווען מאיר בוים ; אַנדערע עסקנים : שמואל וויינשענקער, אברהמל מילגרוים, ב״צ תימן, ישראל קאָרמאַנסקי, מאיר בלאַנק. צווישןביידע וועלט־מלחמות איז געגרינדעט געוואָרן די „ליי־ און שפּאָר־קאַסע" (אָפט אָנגע־רופן „עזרה"), וועמענס פּאָרזיצער ס׳איז געווען שמואל לודמיר ; דער בוכהאַלטער איז געווען דיאַמאַנט און דער קאַסיר חלף. געווען פּריוואַטע אָדער געזעלשאַפטלעכע גמילת־חסדים־קאַסעס, וועלכע האָבן געליען קליינע סומען אויף וועכנטלעכע אויסצאָלן. פון אַזאַ קאַסע האָבן קרעמערס, אין שפּיץ מיט מאָשקע שיץ, ישראל ראָזנטאַל, יהושע קאָלקער א״אַנד, אויפגעשטעלט די א. ג. „באַנקאַ קאָמערטשיאַלאַ יעדינצי", וועלכע האָט שנעל אָנגעזעצט און פאַרשוווּנדן געוואָרן. דאַקעגן האָט לענגער עקזיס־טירט אַן אַנדער לאָקאַלע באַנק — די „באַנקאַ דע קרעדיט יעדינצי", געגרינדעט דורך אַלטער פוקס, מאָטל בוימלשטיין, לייב העלפגאָט א״אַנד.

שפּעטער איז געעפנט געוואָרן די פיליאַלע פון „באַנקאַ באַסאַראַביעי" פון קעשענעוו, וועמענס דירעקטאָר ס׳איז געווען משה שטיינוואָרץ. דאָס איז געווען אַ סאָלידע אינסטיטוציע פאַר ערנסטע געשעפטן. שטיינוואָרץ האָט אָנגעפירט מיט דער באַנק אויך אונטער די סאָוועטן.

און געווען פּריוואַטע פּראָצענטניקעס. ביי די גויִים פלעגט מען נעמען ביז 10% אַ חודש... ביי ייִדן איז געווען אָנגענומען 3־4 פּראָצענט אַ חודש... געווען אויך „וואָכערניקעס", וועלכע פלעגן געבן קרעדיטן אויף וועכנטלעכע אויסצאָלונגען. דעם פּראָצענט פלעגן זיי אַראָפּנעמען פון פאָרויס. אַגב, אויך די בענק פלעגן נעמען צווישן צוויי און דריי פּראָצענט אַ חודש.

אַנדערע פרנסות

- געווען איין טיפּאָגראַפיע אין שטעטל, וואָס האָט געהערט צו זאָניסן. ער האָט געקאָנט דרוקן אַ פערטל בויגן. זיין עיקר־פּראָדוקציע : אַנאָנסן, וואַל־אויפרופן, חתונה־בילעטן, איינ־לאַדונגען, „וויזיטנע קאַרטעטשקעס" וכד׳.
- געווען אייניקע בופעטן פאַר סעלצער־וואַסער, מיט און אָן סיראָפּ, „מאַראָזשענע", „פּיראָזשענעס" און זיסוואַרג. באַקאַנט דער בופעט פון רעווקאָלעווסקין אויף דער פּאָטשטאָווע. אַגב, „מאַראָזשענע" און סעלצער־וואַסער פלעגט מען אַרומפירן אויף ספּעציעלע וועגעלעך, כדי עס צו פאַרקויפן אין גאַס.
- געווען „רעזשיעס" צום פאַרקויפן די מאָנאָפּאָליזירטע אַר־טיקלען, ווי טוטון, פּאַפּיראָסן, שוועבעלעך וכד׳.
- שמעון דער גאַזעטשיק האָט, נאָך יאָרנלאַנג אַרומטראָגן בלעטער איבער די הייזער, זיך געעפנט אַ „בודקע" (היינט וואָלטן מיר עס גערופן אַ „קיאָסק") קעגן דוד סערעברעניקס קלייט. ער פלעגט זיך נוהג זיין געבן צייטונגען „אויף איבער־צולייענען".
- געווען „ליעדאָווניעס", וועלכע האָבן געליפערט אייז אַ גאַנצן זומער פאַר די בופעטן און בודקעס, ווי אויך פאַר מעדיציניִשע צוועקן. דאָס זענען געווען טיפע גריבער, וווּ מ׳פלעגט אָנלייגן ווינטערצייט אויסגעהאַקטע אייזבלאָקן פון די שטייענדיקע טייכן („טעכער" האָט מען געזאָגט), אונטער־געבעט און צוגעדעקט מיט שטרוי. סוף־זומער פלעגט מען אַרויסנעמען בלאָטיק אייז, וואָס איז געווען מער ענלעך צו נאָכ־געלאָזט שניי.
- געווען אַ פּאָר איינבינדערס.
- געווען אַ פּאָר פאָטאָגראַפטשיקעס. באַשעפטיקט האָבן זיך מיטן פאַך, בעיקר, די פרויען שטיינבערג (אין הויף פון רעווקאָ־לעווסקי) און מאַגאַלניק (לעבן דער קלייט פון משה גאַנדלמאַן). אויב מיר באַזיצן דאָס ביסל בילדער פון שטעטל — איז עס צו פאַרדאַנקען די דאָזיקע פאָטאָגראַפן.
- געווען באַנקע־לייגערס און פּיאַווקע־שטעלערס. דער עיקר האָבן זיך מיטן „פאַך" באַשעפטיקט צירולניקעס. געווען אָבער אויך פרויען ספּעציאַליסטקעס אין פאַך.
- צוויי באָד־אַנשטאַלטן זענען געווען אין שטעטל : די „גרויסע באָד" און דאָס „קליינע בעדל". און אַז עס זענען דאָ באָדן, זענען פאַראַן בעדערס און בעדערינס ; די לעצטע האָבן באַדינט די ווייבער אין דער כשרער מקווה. אַ זייטיקע פרנסה פון די בעדערס איז געווען צו פאַרקויפן בעזעמלעך און אָפּשמייסן מיט זיי אין שוויצבאָד, אויף דער אייבערשטער באַנק, די יעניקע, וואָס האָבן באַצאָלט.
- דאָס פאַרקויפן אָקריפּ, הייזון, באָרשט, געפּראַזשעטע קער־לעך (די פּשוטע סאָניעשניק־קערלעך און די „איידעלערע" דיניע־קערלעך) צום קנאַקן — איז געגאַנגען צוזאַמען. אגב — דאָ פלעגט מען אויך קריגן זויערע אוגערקעס, „קוואַסניצעס" (זויערע עפּל) און עפּלקוואַס. „קוואַסניצעס" פלעגט מען אַרומטראָגן פאַרקויפן אין קעסעלעך.
- געווען וואַסער־פירער מיט „סאַקאַס", וועלכע פלעגן צע־טיילן וואַסער צווישן די הייזער. דאָס וואַסער האָבן זיי גע־בראַכט פון קוואַל אויסער דעם שטעטל. צוויי קאַנען וואַסער האָט געהייסן „איין מאָל". באַלעבאָסטעס האָבן באַשטעלט אָדער געקויפט צוויי־דריי „מאָל" וואַסער לויט דער גרייס פון זייער דושקע און אויך לויט דעם צי מען האָט געדאַרפט וואַשן גרעט אָדער הייצן אַ וואַנע. געווען אויך וואַסער־טרעגערס



„זשעדקע מיט די הינער"
איילבילד פון יוזי לאַנדע, ריאָ, בראַזיל

וועלכע פלעגן שעפּן דאָס וואַסער פון די נאָענטע קערניצעס (ברונעמער), ווערענס וואַסער ס'איז נישט געווען באַטעמט. צווישן די באַרימטסטע וואַסער־טרעגערס איז געווען מענדל דער משוגענער („מענדל מיטן טלית").

● „קורעלאַפּניקעס" — ד"ה פאַרקויפערס פון הינער און עופות. זיי פלעגן האָדעווען עופות, אַראָפּנעמען דאָס שמאַלץ, וואָס באַלעבאָסטעס האָבן געקויפט אויף פּסח, און פאַרקויפן די „אָדערקעס" (אָפּגעשונדענע עופות). דער באַרימטסטער קורעלאַפּניק איז געווען „זעדקע מיט די הינער".

● קלעזמערס (כלי־זמרים). די פידלערס און טרובאַטשעס זענען געווען ציגיינערס. די אַנדערע, בעיקר פלייט־שפּילערס — ייִדן. דער באַקאַנטסטער — מאָטל קלעזמער. די קלעזמערס זענען אויך געווען די בדחנים אויף חתונות. אין די לעצטע יאָרן איז דאָס זאָגן בדחנות אויף חתונות געוואָרן „אויס מאָדע".

● ברינדזע־מאַכערס. דאָס זענען ייִדן, וועלכע פלעגן אויפ־קויפן אין די „אַדאַיעס" (פערמעס) שאָפענע מילך און קעז; קודם פלעגן די פאַרקויפן פרישן קעז אין זיינע צווי פאָרמען: „קאַש" און „ערדע". דאָס וואָס זיי האָבן נישט פאַרקויפט פריש, האָבן זיי איינגעזאַלצן אין פעסער און פאַרקויפט ווינטער. באַרימט איז געווען אין שטעטל די פאַמיליע ברינדזאַרעס גערופן „די מאַנאָליעס".

● **נאָך פּרנסות**: שמשים אין די **קלויזן**... שרייערס... טרעגערס... פאַריק־מאַכערס... קאַלך־לעשערס (**אָדער קאַ־לעכניקעס**)... קוימענקערערס... הינטשלעגערס... (**דוכט זיך, בלויז גוים**)... סאַרווערס **און** סאַרווערינס... שדכנים... מעק־לערס... וועגן די גאָר נידעריקע („ניזקע") פאַכן ווערט דער־מאָנט דאָ און דאָרט אין אונדזער בוך.

אינדוסטריע און „עקספּאָרט"־האַנדל

קיין גרויסע אינדוסטריע איז אין יעדינעץ נישט געווען. דאָך האָבן געצויגן חיונה פון די פאָר זאַוואָדן צענדליקער מענטשן. די ערשטע „מאַסלעבוינע" (דאָס „ציען" בוימל פון סאַניעשניק און סימניע) איז געגרינדעט געוואָרן דורך מאיר דעם רויטן; ס'איז געווען אַ דורכפאַל. דער המשך איז געמאַכט געוואָרן דורך אהרן פּרעמיסלאָוו. זיין מעכאַנישע מאַסלעבוינע האָט געבליט. זיין בוימל (שפּעטער אויך דער ווייסער פילטריר־טער בוימל) איז זיך צעגאַנגען אין ווייטע ערטער. מיט דער צייט זענען אויפגעשטאַנען אַנדערע דריי מאַסלעבוינעס דורך בנימין אַקערבוים, דוד לענקאָוויצער און זיין איידעם יוסף מייבערג, מרדכי שטייף און זיינע זין. די מאַסלעבוינעס פלעגן אויך פאַר־קויפן דעם „מאַקוך" (דאָס פּסולת נאָכן אויסקוועטשן דעם אייל), וואָס האָט געדינט אַלס שפּייז צו האָדעווען בהמות און חזירים.

אַן אַנדערע וויכטיקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג איז געווען דער זאַוואָד פון זייף, וואָס האָט געהערט צו מאיר ראָזנבערג (בורטש) און זיינע זין (די זין געפינען זיך היינט אין קאָלאָמביע, דרום־אַמעריקע, ווו זיי זעצן פאָר צו פאַבריצירן זייף). די אַרבעטער זענען בעיקר געווען קאַצאַפּעס. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַ שמוציקע און דער לוין אַ קליינער. פיל פון די קאַצאַפּסקע אַרבעטער פלעגן סיי ווי סיי פאַרשיכורן דעם לוין, וועלכן זיי פלעגן באַקומען סוף וואָך. די קאַצאַפּקעס פלעגן זיך בעטן ביי די באַלעבאַטים, מ'זאָל דעם לוין געבן זיי און נישט די מענער.

צו דער שטעטלשער אינדוסטריע זאָל צוגערעכנט ווערן די גרויסע מעכאַנישע מיל פון יוסף שפּייער, לעבן וועלכער ער האָט אויפגעשטעלט די עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס האָט גע־ליפערט ליכט פאַר די שטיבער און גאַסן. קיין עלעקטרישע „קראַפט" פאַר מעכאַנישע צוועקן האָט מען נישט גענוצט. גע־צאָלט האָט מען שפּייערן לויט דער צאָל „ליכטלעך" (וואַט) פון לעמפּלעך, וואָס יעדער האָט גענוצט. אין די סוף דרייסיקער יאָרן האָט מען איינגעפירט „פּריזעס" (שטעקערס) פאַר די ערשטע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן.

אַנדערע פאַבריקאַציעס: די ציגעלנע, וואָס איז געשטאַנען אויסער דער שטאָט; סעלצער־וואַסער־פאַבריקלעך; „סיטש־



קורס לתפירה מטעם מפיצי מכונות התפירה „זינגר"

—

ניי־קורס — איינגעאָרדנט דורך די פאַרשפּרעטערס פון די „זינגער" ניי־מאַשינקעס

מימין — רעכטס: אהרן גור־פינקל — רעפּרעזענטאַנט פון „זינגער"; משמאל — לינקס: מאַראַ, ניי־אינסטרוקטאָרין (שנות ה־30 המוקדמות — אנהויב 30־ער יאָרן).

קאַרניעס" (ווו מ'האָט צעהאַקט שטרוי); אַן אונטערנעמונג צו קעמען און רייניקן שאָפּענע וואָל; יוסף גרשוני האָט פּראָדו־צירט לאָקשן און יואל ליבערמאַן (צוקערניק) — צוקערקעס.

את נאמנות החברים לתנועה הציונית הוכיחו ביום ל"ג בעומר בשנת 1926, בצאתם בתהלוכה מאורגנת בחוצות העיירה כשהם נושאים בראש דגל כחול לבן. בעברם על־יד הגימנסיה יצא מנהלה ג. וילנסקי וקרא לעבר הצועדים: „להוריד את הדגל!" אך איש לא נענה לקריאה. התהלוכה המשיכה במסלול המתוכנן מראש. כעונש על פגיעה במשמעת הורחקו המפגינים מן הגימנסיה למשך שבועיים ימים. אך התהלוכה עצמה היתה מרשימה והפיחה רוח של גאווה בצועדים ובצופים אשר עמדו משני עברי הרחוב וקידמו אותה במחיאות כפיים סוערות.

בשנות העשרים המאוחרות פעלה בידיניץ, בנוסף לסניף „מכבי", קבוצת כדורגל של מבוגרים יותר, וביניהם שלמה תימן, יענקל פראַדיס, תלמידי הכיתות הגבוהות של הגימנסיה ואף סטודנטים, שבאו לבלות בביתם את פגרת הקיץ. התחרויות של הקבוצה הזאת עם קבוצות מאומנות של עיירות הסביבה, בעיקר בשבתות, היו למאורע בחיי הנוער בעיירה ומשכו המוני צופים.

בראשית שנות השלושים, עם צאתם של ראשי הסניף ללמוד מחוץ למקום, התפורר הסניף וחבריו הצטרפו לארגוני הנוער הציוניים שפעלו בעיירה. חלק מהם הצטרף לארגון „דרור" וביניהם ליובה גוקובסקי, ואילו החלק הגדול יותר — לסניף „גורדוניה", וביניהם יצחק שטיינבורץ, מוני שפילברג, פימה טולפולר ואחרים.

לוי־ליאון טרכטנברויט

חוגי סטודנטים לבירור בעיות תרבות וחברה

בספר כבר נכתב רבות על שנות העשרים הראשונות, השנים בהן הופעלה הגימנסיה בידיניץ. לפני כן נאלצו רבים מצעירי העיירה, שוחרי השכלה ודעת, לכתת רגליהם לערי המרכז של רוסיה הגדולה, כדי להמשיך בלימודים; בשלב ראשון לסיים את הגימנסיה — אם בתור תלמידים מן המנין ואם בדרך של נבחנים חיצוניים (אקסטרנים), ובשלב הבא, להמשיך בבתי־הספר להשכלה גבוהה.

יוצאי ידיניץ התרכזו בעיקר בגימנסיות ובאוניברסיטאות של אודיסה, מוסקבה, קייב וחרקוב. כאן בחרו להם הסטודנטים במקצועות הקרובים לרוחם וכשרונם. מהם למדו רפואה, משפט, מסחר, הוראה ועוד.

בשנות המהפכה הרוסית, סגירת גבולות ושיבוש דרכים, נתקעו רוב הסטודנטים במרכזי לימודיהם מאין יכולת לשוב לבתיהם. רק בשנות העשרים, כאשר המשטר ברוסיה התייצב איכשהו, והשתרר שקט יחסי בגבולות ובדרכים, החלטנו קבוצת סטודנטים מהאוניברסיטה באודיסה, כחמישה־עשר במנין, וביניהם כותב הטורים האלה, להגיע הביתה ויהי מה. אין כאן המקום לתאר את התקלות והעלילות, אשר קרו לנו בדרכנו, אך בסופו של דבר — הגענו.

עד כמה שזכור לי באו באותה הקבוצה מניה, ליובה ומשה חלף, נחמן שפייאֶר, נחמיה פראדיס, סוניה קורמנסקי ואחרים.



לוי — ליאָנטשיק טראַכטנברויט ז"ל

בקבוצה אחרת הגיעו יוסף קליגר, ליובה ואנשל שיינדלמן, חנה ואייזיק לודמיר, יאשה ברומברג, אליעזר קולקר, בני משפחת ד"ר זילברמן ועוד.

עם היותנו לרוב, בני אמידים, המצב הכלכלי של הורינו היה מובטח ומבוסס, ומאין הכרח לחפש אחר מקורות עבודה ופרנסה — נשאר חלל ריק של אפס מעשה. אין להתפלא, איפוא, אם נתגלה דחף פנימי לפגישה בצוותא, לשיחה חברית, בנושא לימודיי־ספרותי־פוליטי, לשיר הרוסי ולהווי של חיי סטודנטים מן העבר הקרוב. כך נוצרו חוגים של סטודנטים. ואין לשכוח, כי אפשרויות הבילוי והבידור לא היו רבות אז בידיניץ. נמצאנו בתקופת המהפכה הרוסית וסיסמאות השיוון

החברתי והצדק הסוציאלי ניסרו בחלל־העולם וקנו להם שביתה בקרב הנוער הלומד. היינו מתכנסים בבתים מוכרים למדי (של יחיאל נמיצ׳ניצר, פרמיסלוב, ברומברג ובבית כותב הטורים הללו), קוראים בצוותא ומתווכחים. פגישות אלה נסתיימו, בדרך כלל, בשירת שירים רוסיים.

לעתים, שימשו גם ארץ־ישראל והציונות נושאים לוויכוח סוער בין בעלי דעות שונות. אף במקרה זה יש לזכור, כי היו אלה שנות התעוררות ציונית, לאחר מתן הצהרת בלפור, יסוד „החלוץ" וראשית העליה השלישית. ויכוח מעין זה נסתיים לרוב, בשירת שירים ארצישראליים, ציוניים ישנים, וחלוציים חדשים, שהתהלכו בחוצות העיירה (הן בידיניץ היה אז סניף של „החלוץ").

לשם גיוון הפעילות נמשכו לתוך חוגי־הסטודנטים מיטב שחקני התיאטרון החובבנים בעיירה. בין השמות שעדיין זכורים לי: אברהם זאלצמאן, ויטיה רבינוביץ, אברהם לרנר („קיאַמבע"), האחים זיסר ואחרים. לאחר מכן הצטרפו לחוגים מבין פליטי אוקראינה שהגיעו לעיירה, ביניהם דב (בּוריה) פּרלמוטר, שעבד אז כמורה בבית־הספר ב„שערי־ציון" ואחותו שושנה (אח"כ — שחקנית „האוהל" בתל־אביב שושנה ברנע).

אם כי לא היתה זהות בין חברי החוג מבחינת ההשקפה הפוליטית, יש לציין, כי רובם שמרו זיקה לרעיון הציוני ובחלקם אף השתייכו למפלגות „צעירי־ציון" ו„פועלי־ציון". לאסיפות שלהם באו פעילי המפלגות הנ"ל המורה דוברוב, שמשון ברונשטיין, אברהם וייסמן, ואחרים.

לא חסרו מהנוף גם בודדים בעלי נטיות שמאלניות ואף קנאים קומוניסטים. מהם אזכור את אליעזר בן־דוד קולקר, יאשה ברומברג, בנו של החייט יוסף כץ (גר מול פרמיסלוב) ואחרון ישראל רוזנברג, כולם צעירים מבריקים ואינטלק־טואלים. רוזנברג היה קומוניסט מושבע, שבשנות ה־30 הפך להיות מורו ומנהיגו הבלתי־מוכתר של הנוער הקומוניסטי בעיירה.

היו גם אנשים „נייטראליים", ללא זיקה פוליטית מוגדרת, שהיו קשורים בחוגי־הסטודנטים. אזכיר שתי דמויות ממשפחת מנשה ברונשטיין (בעל חנות לחמרי־ברזל). האחת — קוקה, בתו הבכירה של מנשה. הגיעה לפאריס ובימי השואה ניצלה על־ידי כומר קאתולי. והשנייה — פניה פיכמן, בחורה אינטליגנטית, שהמשיכה בלימודיה באוניברסיטת יאסי ולאחר מכן עלתה לארץ־ישראל.

למען האמת יש להודות, כי הסטודנטים לא השפיעו רבות על חיי העיירה ואורח־חייה ולא תרמו לעיצוב דמותה התרבותית־חברתית אף לא בקרב הנוער. בתום חוק־לימודיהם



הידיניצאי אידל רייכמן כחייל בצבא הצאַר הרוסי; לידו אחותו חנה. כפי שנמסר, ליוותה חנה את אחיה במסעו הצבאי, כדי לספק לו אוכל כשר. התמונה צולמה ב־1916.

דער יעדינעצער אידל רייכמאַן אין דער צאַרישער אַרמיי. לעבן אים — זיין שוועסטער חנה. ווי מ׳גיט איבער, האָט חנה באַגלייט איר ברודער אין דער אַרמיי, כדי אים צוצושטעלן כשר עסן. דאָס בילד איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן אין 1916.

בחר לו כל אחד, כפרט, ללכת לדרכו, מקצועו, משפחתו. רק בשנים מאוחרות יותר, עם גבור הפעילות הציונית והציבורית־פוליטית מצאו אף הם דרכים לפעילות ציבורית כלשהי.

לוי־ליאונצ׳יק טראכטנברויט עלה לארץ, יחד עם אשתו מניה (לבית פראַמיסלוב), אחרי המלחמה והשואָה. הוריו — ר׳ משה ורבקה — נספו בשואה. ליאונצ׳יק ומשפחתו התישבו בת"א; הוא עסק במקצועו — פנקסנות. נפטר בת"א ממחלה ממארת, ב־5 בדצמבר 1971, בגיל 70.

„הצפירה" (ווארשה), 20.11.1900

בעיר יעדינצי (פ' בסרביא) נוסד לפני זמן מה בית אילפנא לילדי עניי העירה בהשתדלות הצעירים הר"מ בראנשטיין, הר"צ קאזמינער והר"י קארמינסקי. בבית הזה מקשיבים לקח כארבעים חניכים בני העניים מפי מורים הגונים, בהם יש גם מורים שהתנדבו להטיף לקחם שלעמלק"פ. כ. ד. הון.

„נשף־חשק"... לטובת העניים... בשנת 1901
טעאַטער־פאָרשטעלונג אין 1901

„הצפירה" פון 20.11.1900 מעלדעט, אַז יונגע לייט האָבן געגרינדעט אין יעדינעץ אַ שולע פאַר אָרעמע קינדער. „הצפירה" מעלדעט אין אַ יאָר אַרום (20.1.1901), אַז די לאָקאַלע ציוניסטישע גרופּע האָט איינגעאָרדנט אַ „נשף־חשק" (ווערטלעך: אַ גלוסטונגס־אָוונט... סיק!) און געשטעלט ר' שלום־עליכמס פּיעסע „קולטור און גלויבן", לטובת דער שולע.

„הצפירה" 20.1.1901

יעדינצי (פ' בסרביא). הודות לעמל הר"ש מאקהוין והשתדלותו ערכה פה אגודת הציונים בליל ז' דחנוכה נשף חשק ויערכו את החזיון „הקולטירה והאמונה" לר' „שלום עליכם". פרי תבואת הנשף שעלה לסכום הגון הקדש לטובת בית האולפנא שיסדו הצעירים פה.
ג. פוקס.

← **הכתבה האחרונה (?) מידיניץ — 1940**

הכתבה על הצגת התיאטרון החובבנית הופיעה בעתון יהודי־רומני מיאסי; עתונות ביידיש כבר לא הופיעה ברומניה. כעבור שלושה חדשים (26.6.1940) כבשו הרוסים את בסרביה.

די לעצטע (?) קאָרעספּאָנדענץ פון יעדינעץ — 1940

די קאָרעספּאָנדענץ איז דערשינען אין דער יאַסער ייִדיש־רומענישער צייטונג; קיין ייִדישע צייטונגען זענען שוין דעמלט אין רומעניע נישט דערשינען.

תיאטרון - טעאַטער —1901 1940

* * *

כתבה על הופעתה של ה„ווילנער טרופּע" בעיירה

* * *

די „ווילנער טרופּע" אין יעדינעץ

„אונדזער צייט" (קעשענעוו) 30 יונר 1929

יעדינעץ.

דא האט גאסטראלירט די ווילנער טרופּע, וועלכע האט, ניט קוקנדיג אויפן שרעקליכן קריזיס, געשפּילט בא א אי־בערגעפולטן זאל.

עס זיינען אויפגעפירט געווארן „א ליגן', „קדוש השם' און „דער בלוטיגער שפּאס".

ווי אומעטום, האבן אויך דא, זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גלענצנדער קינסטלערישער שפּיל די ארטיסטן שטיין, פרוי סעגאלאוויטש ווי אויך דער ה' דאמב.

דאס פּובליקום איז באמענטנווייז גע־ווען צו העכסטער באגייסטערונג.

א שאד נאר וואס מ'האט ארייננגע־לאזט אין זאל מערער מענשן ווי די זאל איז אויפנאמס פעהיג און דאס האט אין א געוויסער מאס, געשטערט דעם פּובליקום צו קענען רוהיג זעהן די אויפפירונגען.

י. ל. ק־ן.

TRIBUNA EVREEASCA IAŞI 10. III. 1940

EDINIŢI

Sâmbătă seara 10 crt. cercul de studii dramatice din localitate a dat o reprezentaţie in folosul ajutorării săracilor. A fost pusă, pe scenă, piesa „Talmudistul" care a stârnit aclamaţie unanime a spectatorilor.

Dintre diletanţi s'au distins d-ra Acherman, Gold, Şiţ, Vainer şi d-ra Portnoi. Succesul moral şi material satisfăcător.

Acţiunea de „Hamişa Asar" pentru ce a avut loc la Ediniţi a fost colectată suma de 1000 . lei pentru K. K. L. de catre d-nii M. Şteinvarţ şi H. Cernostrovschi.

„HALEVY"

חובבי־תיאטרון בידיניץ

טעאטער־אמאטארן אין יעדינעץ



ברכה ווינער
שחקנית, במאית ומחזאית — דמות ססגונית בנוף־התרבות של ידיניץ.
שוישפילערין, רעזשיסאָרין און פיעסן־פאַרפאַסערין — אַ פארבפולע געשטאַלט אינעם קולטור־פייזאַזש פון יעדינעץ.

פנחס מן

הפעילות התיאטרונית בעיירה

אינני מתיימר להגיש סקירה היס־טורית מדוייקת על התפתחות התיאטרון בידיניץ, משום שאין עומדים לרשותי נתונים בדוקים. מה שעומד לרשותי בתחום זה, אלה הם זכרו־נות רחוקים וקטעי זכרונות של אנשים אחדים שאתם שוחחתי על נושא זה.

הרקע לניצני תיאטרון

בידיניץ, העיירה הקטנה והמסורתית, בעלת דפוסי־חיים קבועים, הנתונה בסד של מסגרת משפחתית ודעת־קהל האמון על מצוות „עשה" ו„לא תעשה", ובאותו זמן, לחוצה על־ידי חוקים מדכאים מבחוץ — היתה הצטברות עצומה של רגשות ומאווים אישיים וחברתיים דחויים המחפשים פורקן וביטוי. לא ייפלא, איפוא, אם כבר בסוף המאה הקודמת נמצאו בני נוער שניסו למצוא ביטוי, הזדהות ופורקן בהצגות תיאטרון. למעשה צמחו ניצנים ראשונים של חוגים דרמאטיים לפני כל התארגנויות אחרות, שלא על פי הדפוסים המקובלים בעיירה.

התחלות

בהופעת ה„פורים שפילער" שהיו מתחפשים לדמויות המסורתיות מהמגילה ואשר ניסו לעתים לשלב בתוך משחקם גם עניינים אקטואליים, אפשר לראות את חלוצי השחקנים בעיירה היהודית. ברם, הטמטיקה הקבועה הגבילה מאד את האפשרויות, ומה עוד שכל העניין היה קשור רק ליום אחד, פעם בשנה. מובן שהופעה חד־פעמית זו לא ענתה על הצרכים והדרישות.

לפי דבריו של שמואל קורמנסקי, נעשה נסיון ראשון להתארגנות למשחק תיאטרון בשלהי המאה הקודמת שבמרכזה עמדו האחים אקרמן. ההצגה התקיימה בבית פרטי. למחרת ההצגה התחוללה סערה גדולה, בעיקר בגלל השתתפותה בהצגה של אשת אחד האחים.

שמואל קורמנסקי איננו זוכר את תוכן ההצגה וכל העניין נשתמר בזכרונו רק בזכות הסערה שעוררה בקרב המופקדים על מוסר הציבור. (ראה בעמוד 311 הדים מהצגה זו ב„הצפירה" משנת 1900 — המע׳).

התחלה של ממש

לעומת נסיון ראשון בסוף המאה, שגווע בעודו בראשיתו ושלא זכה להמשך, ידע לספר השען קמינצקי ז״ל על התארגנות להקה דרמטית כבר בשנת 1912 אשר לפעולותיה היה המשך, בגילגולים שונים ובחילופי שחקנים, כמובן, עד סופה המר של העיירה.

את השען קמינצקי ז״ל, ממייסדי הלהקה, מצאתי בחנותו בתל־אביב ברחוב לילינבלום. על אף גילו המופלג והתלאות שעברו בחייו, כולל השואה, היה עדיין מלא חיות וזכר פרטים רבים מאותה תקופה.

זה היה שנים אחדות לפני מלחמת העולם הראשונה כשחבורת צעירים וצעירות מרדו במוסכמות שבחיי העיירה, בשיגרת החיים של לימוד תורה בלבד ומשיכה בעול פרנסה. זו היתה חבורה עליזה שקרץ לה סגנון החיים של העולם הגדול. הם יסדו קבוצת כדורגל ראשונה בידיניץ, הם ארגנו קבוצת מכבי־אש מתנדבים, עם חביות מים, משאבות וסוסים.

ב־1910 הם ארגנו מקהלה שבראשה עמד מוני טאגאוז. לפי דברי קמינצקי „זכתה" המקהלה להשתתף ;לשיר בלווייתו של קאזימיר, האציל המתקדם, שתרם רבות לקידום החיים התרבותיים בעיירה.

הרפרטואר של המקהלה היה מורכב משירים ביידיש וברוסית, שהיו להם מהלכים באותם ימים, ברחוב היהודי. הלהקה הדרמטית התארגנה כשנתיים אחרי קיום המקהלה, ורוב חבריה באו מתוך המקהלה כשמנהלה הוא שוב אותו מוני טאגאוז, אשר היה אדם בעל מרץ ויכולת ארגונית.

דחיפה ועידוד להתארגנות הלהקה הביא אתו מורה עברי מאוקראינה אשר נטש את ההוראה ויחד עם בני משפחתו יסד להקה ששיחקה ביידיש. הם עברו בכל רחבי אוקראינה ובסרביה ועד לידיניץ הגיעו. להקה זו השאירה רושם עז על הנוער והביאה להתארגנותה של הלהקה המקומית. בין מייסדי הלהקה היו ברכה ויינר, אברהם זלצמן, קמינצקי, יצחק ברוצקי, לוי אליסמן, אברהם לרנר (המכונה „טיומבה"), אחיו ואחרים.

התארגנות להקה דרמטית וקיומה, אפילו בעיירה קטנה, היתה כרוכה באותם ימים בקשיים גדולים: בהכנת תלבושות, תפאורה, מקום לחזרות ומעל לכל — אולם להצגות. את רוב הבעיות פתרו בכוחות עצמם ובשאלת האולם באה לעזרתם משפחת האציל קאזימיר שהעמידה לרשותה אחד האולמות במרכז התרבותי שהקימו למען אוכלוסיית העיירה. בבניין זה היתה גם הספרייה העירונית ואולם קריאה. (מאוחר יותר, בשנות העשרים, בימי שלטון הרומנים התמקמה בבניין זה הגימנסיה ומשנסגרה הגימנסיה, השתכן בבניין מושב הזקנים). באולם זה בו הציגה הלהקה ביידיש וברוסית, הציגה להקה אחרת, שהתארגנה מקרב המורים והמורות של בתי־הספר בסביבה.

ההופעה הראשונה של הלהקה היתה במחזה „חסיה די יתומה". ל„חסיה" זו היתה באותם הימים הצלחה גדולה בעיירות בסרביה, כי היהודים חיבבו יתומים וגילו כלפיהם יחס חם והשתתפו בצערם.

אחרי ההצלחה עם „חסיה היתומה" הם הציגו את „טוביה החולב" ומחזות אחרים.

בתחילת הופעתם היה קהל המבקרים מדלת העם בעיקר, אולם במרוצת הזמן התחילו לבקר בהצגות גם בני השכבות

←

פנחס מן — מיידלמאן

טעאטער־טעטיקייט אין שטעטל

אַ קיצור פונעם אַרטיקל אויף עברית

שוין אין סוף פון פאַריקן יאָר־הונדערט האָבן זיך אין יעדינעץ געפונען יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געזוכט זיך אויסצודריקן דורך טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אַזוי, למשל, האָבן די פורים־שפּילער אין יעדן טעקסט פון די פורים־שפּילן אַריינגעמישט אַקטועלע ענינים.

אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, דערציילט שמואל קאָרמאַנסקי, איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרוּוו פון אַ ממשותדיקער טעאַטער־אָרגאַניזירונג, אין וועמענס צענטער ס׳זענען געשטאַנען די ברידער אַקערמאַן. די פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען אין פּריוואַטע הייזער. צו מאָרגנס פון אַ פאָרשטעלונג איז אין שטעטל אויסגעבראָכן אַ שטורעם צוליבן אָנטייל אין איר פון דער פרוי פון איינעם פון די ברידער.

קעגנאיבער אָט דעם דורכגעפאַלענעם פּרוּוו, האָט דער־ציילט דער זייגערמאַכער קאַמענעצקי (וואָס איז נפטר גע־וואָרן צוריק מיט עטלעכע יאָר אין תל־אביב), זענען אין 1912 געמאַכט געוואָרן ווייטערדיקע טעאַטער־פּרוּוון. נאָך אין 1910 האָט די יוגנט געגרינדעט אַ כאָר, וואָס האָט באַוויזן אָנטיילצונעמען אין דער לויה פון לאָקאַלן פּריץ קאַזימיר, וועלכער האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי די יעדי־נעצער ייִדן, צוליב זיין ליבעראַליזם און פאָרגעשריטנקייט; דער דיריזשאָר איז געווען מוני טאָקגאַיז

←

האמידות יותר. ההכנסות מההצגות היו מיועדות לצרכי צדקה. בין היתר הם קיימו את מצוות „הכנסת כלה" ומימנו את החתונה של בני הזוג יויזה ופרומה (שניהם לקויי שכל). החתונה התקיימה בבית הקברות, כדי שתיפסק — כך האמינו — קללת מגיפה שפרצה בידיניץ אותו זמן. בימים הללו לא התעמקו ביותר בתורת הגנטיקה ולמגינת ליבם של בני העיירה לא הקים „הזוג המאושר" דור המשך, אך למרבה המזל לא חסרו משוגעים בידיניץ גם בלי דור המשך זה.

להקות מבחוץ

אף אחד משחקני הלהקה לא למד בבית־ספר למשחק (ספק אם היה בית־ספר כזה בערים הגדולות). את החסרון בידע מקצועי מילאו — הלהט, הרצון וההתמסרות בלי גבול, שבהם היה חדור חבר השחקנים. אין ספק שמשהו מסוד המשחק והבמה הצליחו חברי הלהקה ללמוד מהלהקות המקצועיות מבחוץ שביקרו בידיניץ לעתים קרובות.

חברי הלהקה היו „יוצקים מים" על־ידיהם של השחקנים המקצועיים, דואגים למחסורם ופותרים עבורם בעיות טכניות וארגוניות שהתעוררו בתנאי העיירה. בזכות זו וכפיצוי לאהדתם ועזרתם התירו להם לחזות בחזרות, ולפעמים „כשהאירה להם ההצלחה פנים" ואחד משחקני המשנה נפל למשכב, הזמינו ממלא מקום מהלהקה המקומית.

בין הלהקות שפקדו את העיירה לעתים קרובות זכורים: להקת שיין, זיגלער, פאכלער וואַלפנזאָן, פישזאָן וסידי טאַל.

אכן, באו גם להקות בעלות רמה אמנותית יותר גבוהה. בין אלה הלהקה הווילנאית המפורסמת לפני הפיצול, כשבשורותיה משחקים עדיין בולוף, שטיין, קאמין, דומב ושאר גדולי השחקנים של הלהקה. רושם עז השאירה במיוחד ההצגה „קידוש השם", לפי ספרו של שלום אש, שהצטיינה לא רק ברמה גבוהה של משחק, כי אם גם בתפאורה שכמוה לא זכו לראות עד אז בידיניץ. (ראה בעמוד 312 קטע מ„אונזער צייט" על ההצגה — המע').

ידיניץ זכתה גם לביקור של גדול אמני הבמה האידית ד"ר פאול באראטוב, אשר גילם בעוצמה בלתי־רגילה את ה„אב" של סטרינדברג.

היו מקרים ואחת הלהקות נתקעה למשך חודשים, במיוחד בימות הסתיו הבוציים, בלי יכולת לזוז מהמקום והפכו מ„כוכבים נודדים" ל„כוכבי שבת".

אנשי הלהקה המקומית היו משתתפים בצערם ועושים כל שביכולתם כדי לחלצם מהבוץ, במשמעותו הכפולה — הממשית והכספית.

בשביל השחקנים המקומיים היו הביקורים של הלהקות מהחוץ גם חג וגם בית־ספר.

דמויות מבין השחקנים

העובדה שבחורות ובחורים אחדים התנערו משיגרה ופילסו דרך בתחום תרבותי מסוים, מעידה עליהם שכל אחד ←

צווישן די אָנטיילנעמער אין דער ערשטער לאָקאַלער אַמאַטאָרישער טעאַטער־טרופּע זענען געווען: ברכה ווײַנער, אברהם זאַלצמאַן, קאַמענעצקי, יצחק בראָצקי, לוי אַליסמאַן, אברהם לערנער („קיאָמבע"), זײַן ברודער א"אַנד. דער ערשטער אויפטריט פון דער טרופּע איז געווען אין „נאַראָדני דאָם" מיט גאָרדינס „כאַסע די יתומה", וואָס האָט זייער אויסגענומען. דערנאָך האָט מען אויפגעפירט „טביה דער מילכיקער". די באַזוכער זענען צו ערשט באַשטאַנען פון דער לאָקאַלער האָרעפּאַשנער אָרעמקייט; דערנאָך זענען אויך די בעסער־סיטויִרטע געקומען אין טעאַטער אַריין. די הכנסות האָבן געדינט פאַר סאָציאַלע צוועקן. די טרופּע האָט פינאַנסירט, דרך אגב, די חתונה פון משוגעים־פּאָרל יויזע און פרומע, אַלס סגולה אָפּצושטעלן אַ מגיפה.

דאָס שטעטל פלעגן באַזוכן אויך פרעמדע פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס ווי: שיין, זיגלער, פאַכלער, וואָלפענזאָן, פישזאָן, סידי טאַל; דערנאָך טיילן פון דער ווילנער טרופּע מיט בולאָוו, שטיין, קאַמען, ווי אויך ד"ר פּאַול באַראַטאָוו א"אַנד. די „ווילנער" האָבן געשטעלט „קידוש השם" און באַראַטאָוו האָט געשפילט דעם „פאָטער" פון סטרינדבערג. אָפט איז אַ טרופּע געבליבן שטעקן אין שטעטל אויף אַ פּאָר חדשים.

אייניקע בולטע געשטאַלטן צווישן די לאָקאַלע אַקטיאָרן: ברכה ווײַנער; זי איז געווען אַן אייגנאַרטיקער טיפּ, אַ נישט פאַרהייראַטע, אַ שטורמישע נאַטור, אַ דינאַמישער טעמפּעראַמענט און האָט אויסגעזען אַלס אַ משוגהדיקע אין די אויגן פון עולם. זי איז געווען אַ פּאָטענציעלע קינסטלערין, וועמענס פעיִקייטן ס'זענען נישט געקומען צום אויסדרוק אין די ענגע ראַמען פון שטעטל. זי פלעגט זיך באַזונדער אָפּגעבן, שוין שפּעטער, מיט רעזשיסירן. איך דערמאָן מיך אַן עפּיזאָד: ברכה האָט בעת אַ פאָרשטעלונג געדינט אַלס סופליאָרין. די סופליאָרן־בודקע איז געווען מיט שפּאַלטן און אַ קונדס האָט מיט אַ שפּילקע געגעבן אַ שטאָך דער סופליאָרין. אין איר צאָרן האָט זי אויסגעשריען: „אַ רוח אין דיין טאַטן..." אַ שפּילער אויף דער בינע האָט נאָכגעזאָגט דעם סופליאָר אָט די קללה. די געשטעלטע טראַגעדיע איז יענעם אָוונט „דערמאָרדעט" געוואָרן... אגב ב. ווײַנער האָט אויך פאַרפאַסט אייגענע פּיעסן.

ל ו י אַ ל י ס מ אַ ן; ער פלעגט רעזשיסירן פאָרשטעלונגען מצד די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אויסגעצייכנט א ל י ל ע ר נ ע ר, שייקע לערנערס זון.

די שוועסטערס פּ ע ס י ע, ח נ ה, ל א ה און ד ב ו ר ה פון דער משפּחה ש וו אַ ר ץ (דודיע דעזשוואַרטס) האָבן אָנטיילגענומען מיט דערפאָלג אין די טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

דער ניוואָ פון טעאַטער איז טאַקע געווען, אָביעקטיוו גענומען, אַ נידעריקער און אַ פּראָווינציעלער, אָבער ער האָט געפּרוּווט אַריינברענגען אַ ביסל ליכט־בלענקעניש אין די פינצטערע נעכט.

מהם היה בו משום אישיות הראוייה לציון, אבל, לצערי, מספיקה האינפורמציה שבידי לעמוד רק על שתיים שלוש דמויות מביניהם.

הזכרתי כבר את שמה של ברכה ויינר. היא היתה טיפוס מיוחד במינו, רווקה בגיל מתקדם, בעלת נפש סוערת, דינמית מאד וכופרת במוסכמות ומובן שתכונות אלה דיין היו לעשותה ל„משונה" בעיני הבריות. היא היתה, בלי ספק, טיפוס של אמן בעל פוטנציה גבוהה שלא הגיעה למלוא ביטויה ויכולתה בתנאים המגבילים של העיירה. בשנים מאוחרות יותר כשבני גילה, מייסדיה הראשונים של הלהקה הדרמטית, חדלו לשחק, מצאה ברכה פורקן בבימוי. גם בשטח זה היא השקיעה את כל נפשה. היתה קפדנית, נוקשה ויורדת לחייהם של השחקנים, כדי להבטיח רמה מתקבלת של משחק. כדי להבטיח את הצלחת ההצגה היא שימשה גם כלחשנית בערב ההצגה. לעתים היא גם חיברה בעצמה את המחזות שתכנם נושא לאומי וביטויים — לירי והשתפכות נפש.

יסולח לי, שמפאת היותי נער בימים ההם נשאר בזכרוני דווקא מקרה מבדח מפעילותה של ברכה ויינר. מקרה הממחיש משהו מהווי התיאטרון שבימים ההם.

זה היה בהצגת בכורה. האולם של גורפינקל היה מלא מפה אל פה. האורות כבו וההצגה התחילה. בתא הלחשן ישבה ברכה, קראה את הטקסט ונתנה גם את ה„טון" לשחקנים. מתוך תא הלחשן בקע קולה הלוחש של ברכה שנשמע היטב בשורות הראשונות של האולם, כך שבעלי הכרטיסים היקרים זכו לדעת את הטקסט עוד לפני שנשמע מפי השחקנים. מתוך תא הלחשן שעמד בתוך האולם לפני הבמה, היבהב אור קטן שהבליט את הסדקים שבין הקרשים אשר לא היו מחוברים כהלכה. והנה התחשק לו לנער שובב לבצע מעשה קונדס. הוא לקח סיכה, חיברה לקיסם, הכניסה דרך אחד הסדקים ודקר את ברכה בגבה. אינסטינקטיבית נפלטה מפיה הקללה השגורה „יכנס הרוח באביך" (א רוח אין דיין טאטן). השחקן הנבוך שלא זכר מהחזרות משפט שכזה, התקרב בתנועה „תיאטרלית" לקצה הבמה כדי לשמוע טוב יותר, ובאותו רגע חזר הנער על מבצעו וברכה, באגרוף קמוץ, פלטה בקול רם יותר אותה קללה, השחקן בייאושו זעק את הקללה לתוך האולם, רעמי צחוק פרצו באולם והטרגדיה שוברת הלבבות „נרצחה" אותו ערב.

בין השחקנים הראשונים שהמשיכו בבימוי ראוי לציון, לוי אליסמן שהיה נענה ברצון לפניות של חוגים דרמטיים שונים. הוא היה מביים גם עם הלהקה של סניף „גורדוניה" בהזדמנויות שונות וכן עם להקות אחרות שהתארגנו למטרות מיוחדות.

בשנות השלושים התבלט ביכולתו הדרמטית צעיר העיירה אלי לרנר. אלי זה היה בנו של שיקה'לי לרנר, („דער קרומער"), יהודי קטן, צמוק וחיגר, בעל זקן „תיישים". משקל שכנגד היתה אשתו — גדולה, שמנה ומאד בולטת. שניהם היו בעלי מזג טוב. שיקה'לי היה בעל נפש פיוטית ובעל קול ערב והיה „שופך" את ליבו בבית־הכנסת בלילות שישי ושבת.



החוכב (ליזביטעל) יצחק („דעם אדעסערס") גויכבערג
בתפקיד „חיים־יואל" במחזה „המבדיל" שהוצג באולם „קורוצ'קין".
אין דער ראָל פון „חיים־יואל" אין דער פיעסע „המבדיל", געשטעלט אין „קוראַטשקינס זאַל".

אצלו באכסניה אשר היתה בחציה מרתף, היו מתאכסנים רוב החזנים האורחים שביקרו בעיירה והוא נחשב ל„מבין" גדול בחזנות. הוא היה הראשון בעיירה שרכש גרמופון בעל המשפך הגדול ולפנות ערב היה מוציא אותו החוצה ומשמיע תקליטי חזנות של רוזנבלט, רויטמן וגדולים אחרים מעולם החזנות להנאתם של כל דרי הסביבה.

אלי עצמו היה בחור פשוט, שבחיצוניותו לא הצטיין בקסם מיוחד, אך ירש מהוריו את מזגם הטוב, ואת נפשו הפיוטית של אביו. משעלה על הבמה אי־אפשר היה להכיר את הדמות האפורה של חיי היום יום. במיוחד נחרתה בזכרון הופעתו ב„המשוגע" (המחבר אינו זכור לי). היתה זו כמעט הופעת יחיד עם מעברים חדים בתוך מצבים משתנים, שדרשה יכולת רבה. אבל גם במחזות אחרים, שבהם השתתף, היה הדמות הבולטת.

ראוי להזכיר משפחה שבנותיה השתתפו בחוגים הדרמטיים כמעט מראשיתם עד האחרון שבהם. הרי זוהי משפחת שברץ. מי מבני העיירה לא הכיר את ביתו של „דודי דעזשעראַטס",



חובבי־תיאטרון באמצע שנות השלושים
טעאַטער־ליבהאָבער אין די מיט 30־ער יאָרן

בתמונה — אויפן בילד: 1. ליאָליע ראָזענבערג (אומגעקומען); 2. יאָשאָ שיף־מגן (נפטר, חיפה); 3. ברכה גרויסמאַן־הורוויץ (פתח־תקוה), 4. היינעך אַקערמאַן (ישראל); 5. שרה שיף־מעלער (תל־אביב); 6. לייזער בעניכעס; 7. יאָסל שוואַרץ (נפטר, טשערנאָוויץ); 8. שמואל סיאַג (בראַזיל); 9. איציק קאַגאַן; 10. חיימל דאַנדושאַנסקי (דרום־אמעריקע); 11. איטע וויינשענקער־מישורי (תל־אביב); 12. אלי לערנער (אומגעקומען); 13. דער רעזשיסער פון דער „סטודיע" לוי אַליסמאַן (אומגעקומען); 14. יעקב פעלדמאַן (אומגעקומען); 15. לוי טענדריך (לוואָוו); 16. הערשל לערנער (ברודער פון אלי); 17. דניאל שוסטער; 18. דבורה שוואַרץ־באַראַן (ישראל); 19. מרדכי וואָלאַך (תל־אביב); 20. מאַני גאַרבער (נפטר — ווענעצועלאַ); 21. לאהצע שוואַרץ־חלוחי (ישראל); 22. דוד פעלדמאַן (טשערנאָוויץ); 23. ליוסע טשאַק (אומגעקומען).

אשר ביתם הפתוח לכל אורח ולכל עובר־אורח עמד על גבעה בקצה העיירה בסוף רחוב הצוענים („די ציגיינערישע גאס"). היתה זו משפחה ברוכת ילדים, עמלנית ושמחה בחלקה. למרות הבית הרחוק והמבודד השכילו בני הבית לקשור קשרים עם חוגים שונים בתוך העיר. בביתם היו תמיד מבקרים, מי שנמשך בזכות הבנים ומי בזכות הבנות ומי בזכות האווירה שבבית. ארבע מבנות הבית השתתפו בתקופות שונות בלהקות הדרמטיות: פסיה, חנה, לאה ודבורה. היו ביניהן שהצטיינו בקול ערב ובזכות קולן הגיעו לקרשי הבמה והיו ביניהן כאלה שהצטיינו במשחק ואף בשניהם יחד.

ראוי לציין שהבית היה בית ציוני, ויצחק הבן הבכור, עלה בגיל צעיר ארצה. גם ארבעת הבנות עלו והקימו בתים בארץ.

מי שיבקש להעריך הערכה אובייקטיבית את רמת המשחק של הלהקות בתקופות השונות יגיע ודאי למסקנה שהיה זה משחק דילאַטנטי ופרובינציאלי, אבל במציאות החיים של העיירה היו אלה הבהובי אור בלילות החשוכים. ועל כך זכורים לטובה כל אלה שלקחו חלק בנסיון להכניס שינוי בחיי החול הארוכים שהיו מנת־חלקה של העיירה.

קב' ניר־עם



קבוצת חובבי־תיאטרון משנת 1920

א גרופּע טעאַטער־„ליוביטעלעס" פון 1920

מימין לשמאל — פון רעכטס צו לינקס:

עומדים — שטייען: ווילדשטיין, שלמהלע (אברהם שלמהלעס) ראָזנטאָל (נפטר, ישראל), פעסיע שוואַרץ (ישראל), אברהם רעווקאָלעווסקי (נפטר, פּאריז).

יושבים — זיצן: איציק בראָדסקי (נפטר, אַמעריקע), בראָניע ראַבינאָוויטש, שוועסטער פון וויטיע (ז"ל), ראָדיע מיטלמאַן (אַמעריקע), איציק גויכבערג (זון פון „אָדעסער" נפטר, אַמעריקע).

שוכבים — ליגן: —, אברהם רימער, —.

מענדל שיץ

„דעם אוונט ווערט געשאסן"

די אַמאַטאָרישע טעאַטער־טעטיקייט אין יעדינעץ אין די לעצטע צוויי יאָר פון די רומענער און אונטער די סאָוועטן

איך וויל איבערגעבן וועגן דער לעצטער אַמאַטאָרישער („ליוביטעלסקי" אָדער „ליבהאָבער", ווי מ'פלעגט זי אויך אָנרופן) טעאַטער־טעטיקייט אין יעדינעץ; נעמלעך — אין די לעצטע צוויי יאָר פון דער רומענישער הערשאַפט און אין יאָר פון דער סאָוועטישער הערשאַפט. איך אַליין האָב אָנטיילגענומען אין אָט דער טעטיקייט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען, אַז ס'זענען געווען פיל פּעריאָדן פון אַמאַטאָרישער טעאַטער־טעטיקייט אין יעדינעץ. מיין מוטער, עליה השלום, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין יעדינעץ (סאָסיע גובערמאַן איז געווען איר מיידלשער נאָמען) פלעגט דערציילן וועגן טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין שטעטל פאַר איר חתונה (1908); אַז מ'פלעגט אויך דעמאָלט שפּילן גאָלדפאַדענס פּיעסן און אָפּערעטקעס.

טעאַטער־פאָרשטעלונגען האָבן אויפגעפירט, אין די ערשטע יאָרן פון דער רומענישער אָקופּאַציע, דעמאָלטיקע יונגע לייט, ווי צום ביישפּיל: אברהם זאָלצמאַן. כ'דערמאָן מיך, אַז מיין ברודער יוסף (היינט: מגן), מיין שוועסטער שרה (היינט: מעלער),ביידע אין תל־אביב, די ברידער שטיינמאַן (היינט אין דרום־אַמעריקע), ישראל קאָלקער (היינט אין לוואָוו, ראַטנפאַרבאַנד) און זייערע חברים און חברטעס האָבן אויפגעפירט פּיעסן אין די סוף צוואַנציקער יאָרן. אין מיטן די דרייסיקער יאָרן זענען געווען אַנדערע טעאַטער־איניציאַטאָרן.

אגב — מיין פאָטער משה (מאָשקע) שיץ, עליו השלום, פלעגט מיר דערציילן, אַז ער פלעגט אָנטיילנעמען אין אַמאַ־

טאָרישע פאָרשטעלונגען אין זיין געבוירנשטאָט, סאָראָקע; ער האָט געשפּילט, אַזוי האָט ער דערציילט, ליבהאָבער־ראָלן.

וועגן די אַלע דערמאָנטע טעאַטראַלע מאַניפעסטאַציעס אין יעדינעץ זאָלן שרייבן אַנדערע, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין זיי, אָדער, לפּחות, געווען נאָענט צו זיי.

ווען איך האָב אָנגעהויבן צו זיין טעטיק אויף דעם געביט, זענען מיינע ברידער יוסף און יאַשאַ (ז״ל) און די שוועסטער שרה שוין געווען אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1938 האָט זיך ווידער געגרינדעט, וואָס מ׳האָט גערופן אַ „דראַמאַטישע סטודיע״.

מ׳האָט געשפּילט, ווי איך דערמאָן מיך: „די כישופמאַכעריך״ פון גאָלדפאַדען (מ׳האָט גערופן די פּיעסע „באָבע יאַכנע״), „שרה־שיינדל פון יעהופּעץ״ לויט שלום עליכם און אויך „רעוויסטעס״, וועלכע זענען, דער עיקר, באַשטאַנען פון איינאַקטערס.

די רעגירונג פון קוזאַ־גאָגאַ האָט, ווי באַקאַנט, פאַרבאָטן יעדע יידיש־קולטורעלע אַקטיוויטעט. דערנאָך, נאָכן פאַלן פון קוזאַ־רעזשים, האָט מען באַנייט די טעאַטער־טעטיקייט.

אַזוי ווי מ׳האָט געפילט עפּעס אַ מין „ליידיקייט״, האָט מען זיך ווידער צונויפגענומען און געגרינדעט אַ „סטודיע״. דער איניציאַטאָר פון דעם איז געווען לוי אַליסמאַן (אומגעקומען אין טראַנסניסטריע). זיין פרוי מינצע איז געווען אַ שניידערין. זי האָט אָבער אויך אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַר טעאַטער. לוי אַליין איז געווען אַ גוטער שפּילער אין דער פאַרגאַנגענהייט און ער פלעגט מיט שטאָלץ דערמאָנען זיין „לעבנסראָל״ אַלס יעקל שאַפּשאָוויטש אין „גאָט פון נקמה״ פון שלום אַש.

לוי אַליסמאַן איז אויך געווען דער רעזשיסער פון דער „סטודיע״. די רעפּעטיציעס זענען פאָרגעקומען ביי אים אין דער היים. מיר האָבן נישט געזוכט צו שטעלן פּיעסן פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, נאָר סתם פּיעסן.

אין דער „סטודיע״ האָבן אָנטיילגענומען, אויסער מיר: אברהם גאָלד (געקומען קיין ישראל אין 1970), יחיאל ווייַנער (אומגעקומען), שמואל גרוזמאַן (היינט אין טשערנאָוויץ), יאָסל אַלטמאַן (דער מעקלערינס חנה דער רויטערס זון; היינט אין רוסלאַנד), פרויקע קאַגאַן (נישטאָ מער), יחיאל גראַלניק (באַזוכט ישראל אַלס טוריסט אין 1965; היינט אין יעדינעץ), דודיע קויפמאַן (נישטאָ מער; זיין פאָטער אַהרעלע מלכהס איז געווען אַ קיזשנער); אֶלי לערנער (יאָסל יהושע רוסנאַקס זון; די גאַנצע משפחה איז אומגעקומען אין לאַגער). דודיע קויפמאַן פלעגט שרייבן טעקסטן, איינאַקטערס און אַליין מאָלן די דעקאָראַציעס.

פון די מיידלעך, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער „סטודיע״, דערמאָן איך מיך וועגן צוויי פּעיִקע שפּילערינס: פייגעלע אַקערמאַן (היינט אין יעדינעץ) און סאָניע פּאָרטנאָי (טאָכטער פון אברהם מאָלער דער „זשיוואָפּיסניק״). חוץ דעם געדענק איך נאָך עטיע פרידמאַן (איר פאָטער איז געווען אַ סטאָליער; היינט אין יעדינעץ), די שוועסטער רחלע (היינט אין נתניה, ישראל) און שרה קויפמאַן (היינט אין רוסלאַנד — טעכטער פון לייזער קאָפּלס קויפמאַן), חייקע וויינבערג און אַנדערע. זאָלן מיר מוחל זיין אַלע, וועמענס נעמען ס׳זענען מיר אַרויס פון זכרון — ס׳זענען דאָך שוין פאַריבער אַ קימאַ לן פון איבער דריי צענדליק יאָר.

איידער מ׳פלעגט אָנהויבן צו שפּילן, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ „פּערמיסיע״ (דערלויבעניש) פון כאָטין, פון דער „לעזשיונע דע זשאַנדאַרמי״. אָבער פריער האָט מען נאָך געדאַרפט האָבן אַ רעקאָמענדאַציע מצד דעם לאָקאַלן „שעף דע פּאָסט״ פון די זשאַנדאַרן. דאָס האָט מען ביי אים באַקומען פאַר אַ פּאָר הונדערט לעי; פאַרשטייט זיך, דורך אַ „מעקלער״ — שלמה צירולניק, שלום פאַריקמאַכערס אַ זון.

וואָס האָט מען געשטעלט? איך דערמאָן מיך די נעמען פון פאָלגנדיקע פּיעסן: ״200 טויזנט״ און „טביה דער מילכיקער״ פון שלום עליכם; „דער דאָרפס־יונג״ פון לעאָן קאָבּרין.

יעדע פּיעסע האָט מען געשטעלט מאַקסימום צוויי מאָל. פון פיר ביז זעקס וואָכן פלעגן דויערן די רעפּעטיציעס. די שפּילערס האָבן געדאַרפט אויסלערנען די ראָלן אויסנווייניק. ס׳איז אָבער אויך געווען אַ סופליאָר: אברהם רויטשטיין (אומגעקומען אין טראַנסניסטריע). מיר פלעגן אויך אַרויספאָרן אויף גאַסטראָלן אין די שכנותדיקע שטעטלעך ווי בריטשעווע, רישקאַן און אַנדערע.

די פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען ביי פולע זאַלן. געוויינלעך פלעגן מיר פריער פאַרקויפן בילעטן; די „סטודיע״ האָט זיך געדאַרפט אַליין אויסהאַלטן. די הוצאות זענען געווען פאָלגנדיקע: דינגען דעם זאַל (גורפינקלס), צאָלן די מוזיקאַנטן (שפּעטער האָבן מיר צוגעצויגן פרייוויליקע פידלער), צאָלן פאַרן רעקוויזיט און דעקאָראַציעס, צאָלן דעם רעזשיסער און פאַרן גרימירן; דאָס פלעגט מאַכן שלום פאַריקמאַכער. אַ בילעט האָט געקאָסט פון פופצן ביז צוואַנציק לעי. דער „פּיסק״ האָט אַראָפּגענומען זיין חלק. תמיד איז אָבער געווען אַ דעפיציט. אין אַזאַ פאַל איז דעם רעזשיסער געבליבן ווייניקער.

מיר פלעגן זייער ליידן פון הפקר־יונגען און שיכורים, וועלכע פלעגן זיך אַריינרייסן אין זאַל, אָן בילעטן, און פאַרורזאַכן אַן אומאָרדענונג.

שפּילן פלעגט מען אָנהויבן שפּעט; על־פּי־רוב — ערשט אַרום האַלב צען אין אָוונט. פלעגט טאַקע אוממעגלעך זיין צו ענדיקן שפּילן די פּיעסע ביז האַלב צוועלף, ד״ה ווען ס׳פלעגט אויסגעלאָשן ווערן די עלעקטרע. דעריבער, ווען עס פלעגט קומען דער ליכט־סיגנאַל, אַז באַלד וועט ווערן פינצטער, פלעגט מען אָנצינדן לאָמפּן אָדער ליכט, כדי צו פאַרענדיקן דאָס שפּילן. אָפט איז מען אָבער געלאָפן צו שפּייערן אין דער עלעקטראָ־סטאַנציע, כדי אויסצובעטן אַ פאַרלענגערונג פון דער עלעקטרישער באַלייכטונג. פאַר פאַרלענגערן דאָס ליכט אַ האַלבע שעה פלעגט מען געבן 100 לעי, אויב דער מאַשיניסט איז מסכים געווען צו בלייבן.

די לעצטע צייט פון דער רומענישער הערשאַפט האָט זיך יעדינעץ געפונען אין אַ „מיליטערישער זאָנע״, און די דער־

לויבעניש צו שפּילן טעאַטער פּלעגט דאַרפן אַרויסגעבן דער לאָקאַלער מיליטערישער גאַרניזאָן. האָבן מיר דאָרט אַרויסגענומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן לטובת דעם פאָנד „אינזעסטראַרע אַרמאַטעי" (אויסשטאַטונג פון דער אַרמיי). די סומע, וואָס מיר פלעגן איבערגעבן דעם קאַפּיטאַן פון גאַרניזאָן, איז געווען אַ קליינע — בערך אַ פינף הונדערט לעי. דאָס געלט פלעגט, פאַרשטייט זיך, גלייך אַריינגיין צום קאַפּיטאַן אין קעשענע אַריין. דער קאַפּיטאַן און אַנדערע אָפיצירן פלעגן באַזוכן די פאַרשטעלונגען.

אונטער די סאָוועטן

אין 1940 זענען אַוועק די רומענער און עס זענען געקומען די סאָוועטן. מיר האָבן דאַן געבילדעט אַ „טרופּע טעאַטער־אַמאַטאָרן". צו אונדז (מיר זענען כמעט אַלע געווען מיטגלידער פון ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס) זענען צוגעטראָטן „קאָמוניסטן" — חיימל שוסטער (ברודער פון משה שוסטער — היינט אין פּאַריז) און אַנדערע.

מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן צו שפּילן. אַזוי ווי יעדינעץ האָט געהערט צו דער מאָלדאַווישער רעפּובליק, איז פון דער הויפּטשטאָט, טיראַספּאָל, אַראָפּגעקומען אַ פאַרשטייער צו אָרגאַניזירן דעם קאָמסאָמאָל, צו וועמען די טרופּע איז „אָנעקסירט" געוואָרן. דער דעלעגאַט, וועלכער איז געבליבן לאַנגע חדשים אין שטעטל, האָט זיך אויך אינטערעסירט וועגן רעפּערטואַר. דורך אים האָבן מיר באַקומען ליטעראַטור פון מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס"; צום טייל זענען עס געווען שלום עליכמס פּיעסן, אָבער אויך, ווי איך דערמאָן מיך, אַ פּיעסע וועגן אויפשטאַנד אין עסטרייך א. נ. „פלאָריאַן מאַטעאַש".

שפּעטער האָט מען אונדז, די געוועזענע ציוניסטן — מיך, אברהם גאָלד, רחל קויפמאַן און אַנדערע — אַרויסגעוואָרפן פון דער „סטודיע". לוי אַליסמאַן איז געבליבן רעזשיסער. ער האָט מיט זיי אויפגעפירט „שולמית" פון גאָלדפאַדען (די הויפּט־ראָל האָט אויסגעפירט פייגעלע אַקערמאַן) און אויך אייניקע נייע פּיעסן.

מיר, די אַרויסגעוואָרפענע, האָבן זיך געווענדעט צו אברהם זאַלצמאַן (אומגעקומען), ער זאָל אונדז אָרגאַניזירן אין אַ טרופּע און זיין אונדזער רעזשיסער. מיר האָבן זיך פאַרבונדן, דוכט זיך, מיט די „פּראָפּסאָיוזן" און זיי האָבן אונדז „אַדאָפּטירט" און דערקלערט פאַר זייערער אַ טרופּע. מיט דעם האָבן זיי געהאַט וואָס צו פאַרשרייבן אויף זייער „קולטורעלן אַקטיוו"...

מיר האָבן אויפגעפירט „מענטשן" און „מזל־טוב" פון שלום עליכם, „דעם דיבוק" פון אַנסקי און אַנדערע פּיעסן. מיר האָבן געהאַט מער דערפאָלג ווי די פאַרלאָזטע טרופּע פון קאָמסאָמאָל.

די טרופּע איז געווען אַ מין קאָאָפּעראַטיוו אָדער אַרטעל. אויב עס זענען געווען הכנסות פון די פאַרשטעלונגען, האָבן פון דעם גענאָסן אויך די שפּילערס.

בעת דער הערשאַפט פון די סאָוועטן איז בכלל נישט געווען אין שטעטל קיין שום קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, נישט אויף יידיש, נישט אויף רוסיש און נישט אויף מאָלדאַוואַניש. נאָר איין מאָל איז אַראָפּגעקומען אַ רוסישער כאָר...

די תרבות־ביבליאָטעק איז דורכגעגאַנגען אַ צענזור און מ'האָט אַרויסגעוואָרפן פיל ביכער. ביבליאָטעקאַר איז געבליבן דער אַלטער קליינמאַן ז"ל. די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אין הויז פון חיים ווײַנשענקער.

מיר האָבן אויך קיין ראַדיאָ נישט געהערט. די מאַכט האָט צונויפגענומען אַלע אַפּאַראַטן און איינגעשטעלט אירע הילכערס, וועלכע האָבן איבערגעגעבן נייעס און פּראָגראַמען פון מאָסקווע. אַלע באַאַמטע — אַפילו דער ראש־העיר („גאָלאַוואַ גאָרסאָוועטאַ") זענען געווען אַראָפּגעקומענע.

די סאָוועטישע מאַכט האָט אויך אָנגעהויבן צו אַרעסטירן „פּאָלקס־פיינט" („וראַגי נאַראָדאַ") און זיי פאַרשיקן. צווישן די פאַרשיקטע „קאַפּיטאַליסטן" זענען געווען: דער פּי־הענדלער איציק מאַיאַנסקי, דער שוכהענדלער ניסל קאַלקער (פאַר צו פיל „פּלאַפּלען"), דער קאַצאַפּ מיליאַן (פון דער מאַסלאָבאַינע) און אַנדערע.

דער עלעקטראָטעכניקער, דער שייגעץ אַליאָשאַ, איז תיכף געוואָרן אַ קאָמוניסט און אַן אַרומטאַנצער ביי דער מאַכט (ווי באַוווּסט, איז ער געוואָרן, גלייך מיטן צוריקקומען פון די רומענער און דייטשן — דער ערשטער בלוטיקער פּאָגראָמשטשיק קעגן די יידן און קעגן זיינע „חברים" — קאָמוניסטן).

בסך־הכל האָבן מיר אונטער די סאָוועטן געשפּילט אַ דריי־פיר מאָל. דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר געשפּילט אין דער היסטאָריש־טרויעריקער נאַכט פון 21טן אויפן 22טן יוני. דער ספּעקטאַקל האָט זיך פאַרענדיקט אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט. נאָכן ספּעקטאַקל, כ'געדענק עס ווי היינט, איז רחלע קויפמאַן אַרויס אויף דער בינע, אָפּדאַנקען דעם עולם. געווײַנלעך פלעגט זי דאַרפן זאָגן: „דער אָוונט איז געשלאָסן". האָט זי גראָד דעמאָלט געהאַט אַ טעות און געזאָגט: „דער אָוונט ווערט געשאָסן"...

אין עטלעכע שעה אַרום האָבן די דייטשן און די רומענער אָנגעהויבן צו שיסן... זיי זענען איבערגעפאַלן רוסלאַנד. אַ דייטשער אַוויאָן איז דורכגעפלויגן פאַר טאָג דעם הימל פון יעדינעץ. ער האָט אָפּגעגעבן די ערשטע פאַר שאָסן.

דעם 14־טן יולי זענען אַריין אין שטעטל די רומענער און די דייטשן...

⁂

אין 1944 בין איך צוריקגעקומען אין שטעטל פון די לאַגערס אין טראַנסניסטריע. פון די טויזנטער דעפּאָרטירטע האָבן מיר זיך אומגעקערט נאָר געציילטע... די עלטערן האָבן מיר געלאָזן אין ברידער־קברים פון טראַנסניסטריע... קיינעם איז, פאַרשטייט זיך, נישט איינגעפאַלן ווידער צו שפּילן טעאַטער...

ווער ס'האָט געקאָנט, האָט ווייטער געוואַנדערט... דער געוויינלעכער וועג איז געווען דורך טשערנאָוויץ קיין רומעניע און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל.

חיפה

אברהם גאָלד

דער „צו להכעיס" דראמקרייז

שבת, דעם 21 טן יוני פון יאָר 1941, האָט דער יעדינעצער „צו־להכעיס"־דראַמקרייז געשפּילט צום לעצטן מאָל טעאַטער. פאַר וואָס רוף איך אים „צו־להכעיס"־קרייז? אַז עס איז געווען אין שטעטל אַ „צו־להכעיס"־קלויז, איז פאַרוואָס האָט נישט געטאָרט זיין אַ „צו־להכעיס"־דראַמקרייז? וויל איך אָבער צוגעבן אַ שטיקל היסטאָריע פונעם קרייז.

אין יאָר 1938 האָבן מיר, אַ גרופּע יונגע טעאַטער־ליבהאָבער, אָרגאַניזירט אַ „סטודיע" אונטער דער אָנפירונג און רעזשי פון טאַלאַנטפולן רעזשיסער־אַמאַטאָר לוי אַליסמאַן ע"ה (אומגעקומען אין טראַנסניסטריע). ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן צום קרייז יוגנטלעכע פון אַלע שיכטן און פּאָליטישע ריכטונגען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין שטעטל: ציוניסטן, „לינקע" (ד. ה. קאָמוניסטיש־געשטימטע) און אומפּאַרטייִישע; אַרבעטער און קינדער פון בעלי־בתישע עלטערן: ווער עס האָט געהאַט טאַלאַנט און וועמען ס'האָט אינטערעסירט אָט די טעטיקייט.

דער דראַמקרייז האָט פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט אויך נאָכן אַריינקומען פון די סאָוועטן קיין בעסאַראַביע. אָבער, צום באַדויערן, איז נישט לאַנג דערמעגלעכט געוואָרן די עקזיסטענץ פון אַזאַ אומפּאַרטייִשן קרייז. די ייִדישע „מנהיגים" פון לאָקאַלן „קאָמסאָמאָל" האָבן באַשלאָסן דורכצופירן אַ „טשיסטקע" אין דער „סטודיע" און אָרגאַניזירן אַ „ריין־פּראָלעטאַרישן" דראַמקרייז. דאַן זענען מיר, די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם קרייז — אומפּאַרטייִשע ציוניסטן און א. ג. „בעלי־בתישע" קינדער, געבליבן אין דרויסן. אָבער דער דראַנג צו טעאַטער איז ביי אונדז געווען גרויס און מיר האָבן געזוכט וועגן צוצוקומען צו דער מאַכט, כדי צו קריגן אַ דערלויבעניש ממשיך צו זיין צו שפּילן טעאַטער.

יחיאל גראַלניק (גרשון גראַלניקס זון; לעבט היינט אין יעדינעץ), וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ „ספּאָרט־סעקציע", האָט פאַר אונדז באַקומען אַזאַ דערלויבעניש צו שפּילן אין נאָמען פון דער סעקציע. אַזוי האָט זיך געשאַפן דער „צו־להכעיס"־קרייז, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען: דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות (געקומען אין ישראל ערשט אין יאָר 1970), מענדל שיץ (וווינט אין חיפה), יחיאל גראַלניק, באָריאַ חיות (כאַיעס), אברהם פעלשערס זון (וווינט אין קעשענעוו), חייקע וויינבערג (אַ טאָכטער פון משה דער פּייוולעכעס; לעבט אין יעדינעץ), די שוועסטערס שרה און רחלע קויפמאַן (לייזער קאַפּעלס טעכטער; שרה לעבט אין טשערנאָוויץ; רחלע — אין נתניה, ישראל); אברהם רויטמאַן ז"ל (מענדל רויטמאַנס זון; אומגעקומען אין טראַנסניסטריע); די ברידער שמואל און איציק גרוזמאַן (הענעך דעם קייסערס זין; וווינען אין טשערנאָוויץ) און אַלעמענס באַליבטער דודיעלע קויפמאַן ז"ל (אהרעלע מלכהס זון; אומגעקומען אין דער שלאַכט ביים פּרוט).

אָנגעפירט מיטן דראַמקרייז און אים רעזשיסירט האָט אברהם זאַלצמאַן ז"ל (אַ „ליוביטעל" פון די צוואַנציקער יאָרן; געוועזענער פּרימאַר; אומגעקומען אין טראַנסניסטריע). ער האָט אויך איבערגעזעצט פאַר דער צענזור די „זאַכן", וואָס מיר האָבן געשטעלט. דער צענזאָר איז געווען דער סעקרעטאַר פון קאָמסאָמאָל — אַ מאָלדאַוואַן פון טיראַספּאָל; באַזניוק איז געווען זיין פאַמיליע־נאָמען. ער פלעגט בייזיין די גענעראַל־רעפּעטיציעס און שטאַרק אַפּלאָדירן. אַזוי האָבן מיר געפייערט אונדזער זיג איבער אונדזערע קעגנער.

דעם גורלדיקן שבת פון 21טן יוני האָבן מיר געשטעלט צוויי איינאַקטערס פון שלום עליכמען: „מענטשן" און „מזל־טוב", און אַן איינאַקטער פון אַ סאָוועטישן שרייבער „פּלאַריאַן מאַטעאַש". גורפינקלס זאַל איז געווען איבערגעפולט, דער אָוונט איז דורך מיט אַ גרויסן דערפאָלג. די פאָרשטעלונג האָט זיך, ווי געווינלעך, פאַרצויגן ביז זייער שפּעט. דער עולם איז זיך אָבער נישט צעגאַנגען. ער האָט געוואַרט אויף נאָך. האָט מען געדאַרפט דעריבער מעלדן דעם עולם וועגן שלוס פונעם אָוונט. פאַר אָט דער מיסיע האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן רחלע קויפמאַן... מיר, הינטער דעם פאָרהאַנג, האָבן זיך געוויצלט און דערביי געוואָרנט רחלען, זי זאָל נישט האָבן קיין טעות און נישט מעלדן, ווי אין אַ באַקאַנטן וויץ, אַז דער אָוונט „ווערט געשאָסן" אויפן אָרט פון „ווערט געשלאָסן"...

איז רחלע אַרויס און מיט אַ שיין קלינגענדיק מיידלש קולכל דווקא אויסגערופן: „חשוב פּובליקום, מיר דאַנקען אייך זייער... דער אָוונט ווערט... געשאָסן"...

מיר האָבן געלאַכט און זיך געפרייט. אָבער איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן אַראָפּצונעמען פון זיך דעם גרים, איידער דער עולם האָט נאָך באַוויזן זיך צו צעגיין — ווי ס'האָט זיך דערהערט פון דער וויטנס אַ שטאַרקע שיסעריי פון האַרמאַטן...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער דייטש־רומענישער איבערפאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד.

חיפה

סופרים ואנשי־רוח
שרייבער און גייסטמענטשן

אלכסנדר מיילעכזאָן

נעמען, וואס מיר שטאלצירן מיט זיי *

נישטאָ מער דער דור, וועמענס לעבן און שאַפן מיר פאַרצייכענען און פאַראייביקן. מיר זענען די לעצטע „מאָהיקאַנער". אונדזער דור און די קומענדיקע דורות דאַרפן וויסן, ווי אזוי בעסאַראַבער יידן האָבן געלעבט און געשאפן און ווי אַזוי זיי זענען אומגעקומען און פאַרשניטן געוואָרן. מיר דאַרפן איבערגעבן אונדזערע קינדער וועגן זייער שלשלת־היוחסין, זייער יחוס־קייט און דעם אַמאָליקן לעבן־שטייגער אונדזערן, פון יעדינעץ; ווי באַנאַל און אומפּאָפולער דאָס זאָל היינט ניט קלינגען, אין אונדזער נייעם באַנעם פון זאַכן און געשעענישן, איז עס דער זעלבער „ושננת לבניך", די זעלבע תורה און דער זעלבער וועג צו דערלייזונג, דעמאָלט פונקט ווי היינט.


וויל איך דערמאָנען אייניקע און די וויכטיקסטע גייסט־מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט, געווירקט און געשאַפן אין יעדינעץ; פיל פון זיי זענען נישט קיין געבוירענע אין שטעטל, זייער שאַפן איז אָבער פאַרבונדן מיטן שטעטל.

יהודה שטיינבערג און אליעזר שטיינבאַרג

כ'וויל אָנהויבן דורך אַ קליינעם ציטאַט, גענומען פון די „געזאַמלטע מאַטעריאַלן" פון י. פאַנער:

„ — — — מיט יענער צייט פון אויסברוך פון דער ערשטער צאַרישער פּאָגראָמען־כוואַליע און פון דער באַלדיק פאַרשטאַרקטער, שנעלער, גרויסער עמיגראַציע פון יידן קיין אַמעריקע, ווען אויף דער היסטאָרישער בינע אונדזערער האָט זיך באַוויזן הערצל, זענען אויך פאַרבונדן די טיילן פון אונדזערע גייסטיקע אוצרות, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין די ווערק פון יהודה שטיינבערג פון ליפּקאַן, דער גרויסער העברעישער בעלעטריסט, וואָס האָט באַרייכערט די העברעישע ליטעראַטור און האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצן דור פון חובבי־ציון און

* באַאַרבעטע אויסצוגן פון אַ רעדע אויף אַ כינוס פון יעדינעצער. אין תל־אביב.



אלכסנדר מלכזון מרצה בכינוס הידיניצאים (1967) על אנשי־רוח, יוצאי העיירה.

אַלעקסאַנדער מיילעכזאָן רעפערירט, אויף דער באַגעגעניש פון די יעדינעצער, איבער גייסט־מענטשן, אָפּשטאַמיקע פון יעדינעץ.

חובבי שפת עבר, וואָס האָבן אונדז אַלעמען אָנגעפילט מיט אינהאַלט און די, וועלכע האָבן דאָס זוכה געווען, האָבן שפּעטער פאַרווירקלעכט זיין לערע אויפן באָדן פון ישראל". — — —

יהודה שטיינבערג איז אָבער נישט נאָר קיין ליפּקאַנער,

ער האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט, און בעיקר געשאַפן, אין יע־דינעץ. דאָס שטעטל פלעגט זיך גרייסן מיט אים. ער האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, איידער אונדזער דור, אַפילו על־טערע פון מיר, איז געקומען אויף דער וועלט.

אָבער שפּליטערס פון דער גרויסער לערע פון יהודה שטיינבערג האָט מיין ווייניקייט נאָך געהאַט די זכיה איינצו־זאַפּן דורך דער השפּעה פון מיין קרוב און לערער, אַ פּלימעניק פון פריער דערמאָנטן, דעם גרויסן פאַבוליסט אליעזר שטיינ־באַרג, ביי וועמען כ׳האָב געלערנט אַ גאַנצן זמן אין דער „תרבות״־שולע פון יעדינעץ און שפּעטער זיך געטראָפן מיט אים אין דעם הייסן, און אומדערטרעגלעכן קלימאַט פאַר אים, בראַזיל, ווו דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן.

צווישן די גייסטיקע פירער, שרייבער און לערער, וועל־כע האָבן געווירקט אין אונדזער שטעטל, וואָס כ׳וויל איצט דערמאָנען, שיילט זיך באַזונדער אַרויס אונדזער גרויסער לע־רער הלל דובראָוו ז״ל, וועלכער איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן חינוך פונעם יונגן דור און דער פאָנען־טרעגער פון דעם ציוניסטישן געדאַנק און זיין פאַרווירקלעכונג אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

אייזיק ראַבאָי און מנשה האַלפּערן

כ׳וויל מיך איצט אָפּשטעלן אויף נאָך צוויי נעמען : די שרייבער אייזיק ראַבאָי און מנשה האַלפּערן.

דער ערשטער — אייזיק ראַבאָי — איז אייגנטלעך גע־בוירן געוואָרן אין ליפּקאַן, די „יבנה פון בעסאַראַביע״ ; ער האָט אָבער געלעבט אַ צייט אין יעדינעץ. ווער ראַבאָי איז געווען און וואָס ער האָט באַדייטעט פאַר דער ייִדישער לי־טעראַטור איז ווייט באַקאַנט דעם ייִדישן לייענער פון יענעם צייט־אָפּשניט.

דער צווייטער, מנשה האַלפּערן, איז ווייניקער באַקאַנט, וויל איך טאַקע, דעריבער, זיך אָפּשטעלן לענגער אויף זיין פּערזענלעכקייט און זיינע ליטעראַרישע דערגרייכונגען.

אַליין אַ געבוירענער אין אַ דאָרף נעבן וואָלין, האָט ער חתונה געהאַט אין יעדינעץ. דער שווער האָט געהייסן נפתלי קאָרמאַנסקי (נפתלי טאָבאָנער). געווען איז דאָס אין די ניינצי־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. מנשה האַלפּערן האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַלס מעמו־אַריסט פון ייִדישן לעבן־שטייגער אין רוסלאַנד און אין אונדזער היימישער, בעסאַראַבער פּראָווינץ. אין זיינע 2 ביכער — „אויסן אַלטן ברונעם״ און „פאַרמעטן״ האָט ער פאַראייביקט דעם ייִדישן אָרט־לעבן, ייִדישע ימים־טובים און דעם באַזונ־דערן חן, די פּשטות און תמימות פונעם בעסאַראַבער מענטש. פון זיינע בעסאַראַבער העלדן ווייעט מיט היימישער וואַרעמ־קייט. פון זיינע שילדערונגען שפּרודלט די פרישקייט פון בע־סאַראַבער סטעפּעס און פעלדער, מיטן ריח פון ווייץ, קאָרן און שוואַרצער צעאַקערטער ערד. מען פילט פון זיי אַרויס דעם טרויעריקן ניגון פון דער דווינע און דעם פּראָטעסט פון ייִדי־שער נויט. זיינע שטעטלשע העלדן צייכענען זיך אויס מיט זייער ברייטהאַרציקייט און מיט זייער רויִקייט. ער ווייזט אונדז דאָס בעסאַראַבער שטעטל אין זיין גאַנצער אָדם־נאַקעטקייט, סיי אין די פריידן און סיי אין די רייסערייען צווישן זיך. געשטאָרבן איז מנשה האַלפּערן אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל.

וועלן מיר, יעדינעצער, אים שטעלן אַ מצבה אין אונ־דזער פּנקס.



גאָלדע גוטמאַן — קרימער (אַרגענטינע)



שער־בלאַט פון צוויי־טייליקן בוך

ווען אַן אַנדער יעדינעץ־אָפּשטאַמיקן ייִדישן שרייבער, וועלכער האָט געווירקט אין אַרגענטינע, ווען י. ל. גרוזמאַן ז״ל, דער לאַנגיעריקער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון וואָכנ־בלאַט „דער שפּיגל״, פון בוענאָס־איירעס, אין וועמענס גריני־דונג און עקזיסטענץ מיין ווייניקייט האָט געהאַט אַ נישט־

אומבאַדייטנדן אָנטייל, וועל איך דערציילן אין אַ באַזונדערן אַרטיקל, אין אונדזער בוך.

און איצט וויל איך מיך אָפּשטעלן אויף צוויי שרייבער, יעדינעצער, וועלכע לעבן און שאַפן אין דרום־אַמעריקע: אַ מער „וותיקה", ווי מיר דריקן זיך אויס אין ישראל, און אַ ייִנגערן.

גאָלדע גוטמאַן־קרימער

די מער עלטערע — די שרייבערין גאָלדע גוטמאַן־קרימער. דאָס איז דאָך די טאָכטער פון אונדזער אַלעמענס באַקאַנטן, הערשל טשאָרנאָפּאַי, דער בעקער. מען האָט אים אויך גערופן „דער טערק"; אַ „געבוירענער" סאָציאַליסט און אַן אמתער פאָלקס־מענטש. איז ביי אים, פון ניין טעכטער, איינע אויסגעוואַקסן אַ שרייבערין. די ליטעראַרישע קרייזן האָבן אַ ביז גאָר פּאָזיטיווע מיינונג וועגן איר שאַפן.

אין אירע ביכער: „צווישן קראַנקע", „בעסאַראַביע 1918", „מיין שטעטל יעדינעץ", „מלחמה־יאָרן", „נאָוועלן, וואָס מיין פריינט האָט דערציילט", „צווישן בערג", „די מוטער רחל", „חוהלע", „יהודית", „אויפן שייד־וועג", „דאָס לעבן פון אַ פרוי" און אין די אַנדערע, וואָס זי האָט אָנגעשריבן (ביי אַ צוואַנציק ביכער), זעט גאָלדע גוטמאַן־קרימער דעם פּשוטן מענטשן, און זי ברענגט אַרויס בילדעריש און געטריי די פילפאַרביקע סביבה פון שטעטל. אַ סך אָפּשטאַמיקע פון שטעטל קענען איר נישט מוחל זיין איר אומדיסקרעטקייט אין דערמאָנען זאַכן און מענטשן, צו וועלכע זיי פילן אַ נאָענטע שייכות. מען האָט עס איר אַפילו אויפגעוואָרפן. אָבער צי קען מען זי באַשולדיקן אין דעם? דער ענטפער איז: ניין. זי איז פאַרגלייבט אין רויען אמת און דאָס איז אפשר דער מאָטיוו פון איר אייגנאַרטיקייט. זי נעמט אירע העלדן אַזוי ווי זיי זענען, זי באַפּוצט זיי נישט און זי באַשיינט זיי נישט און אין זייער נאַטירלעכקייט זענען זיי מענטשלעך און רירנד ביז טרערן. ווי האָט אַ מאָל געזאָגט אויף איר דער באַקאַנטער בעסאַראַבער שרייבער יעקב באָטאָשאַנסקי ז"ל?

„זי איז פּשוט און רוי, וואָלט איך געזאָגט, ווי אַ בעסאַראַבער מאַמעליגע..."

אָבער ווער ווייסט עס נישט, וויל איך צוגעבן, אַז אַ מאַמעליגע איז נישט פּשוט און נישט רוי, נאָר זעטיקט און איז געזונט.

אין אירע ביכער פון בעסאַראַבער לעבן, און איבערהויפּט אין „מיין שטעטל יעדינעץ", גייען אַדורך מאַסן מענטשן, אָרעמע בעלי־מלאכות און די קבצנים פון די הינטערגעסלעך. אויך בעלי־בתּישע משפּחות זענען דאָ אין אירע ביכער. אַלע ווערן דורך איר געשילדערט געטריי און אומגעצוימט. אירע העלדן שיינען מיט איידעלער פרישקייט און מיט מענטשלעכער שיינקייט. זי געברויכט נישט קיין שום ליכט־עפעקטן און הילט זיי נישט אַרום מיט ליכט־קרוינען פון הייליקע. גאָלדע איז נישט פאַרוויגט געוואָרן אין קיין גאָלדן־וויגעלע, נאָר איז דורכגעגאַנגען אין איר לעבן אַלע שבעה מדורי גהינום פון פּיין, דחקות, נויט און ליידן. שוין



יצחק
(איציק)
וויינשענקער

אַ סך יאָרן ווי זי לעבט אין אַרגענטינע, און ערשט נישט לאַנג האָבן מיר זי אויפגענומען דאָ, ביי די יעדינעצער אין תל־אביב. זי איז געקומען צום אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון די ייִדישע שרייבער און זשורנאַליסטן. איבער איר באַזוך אין ישראל האָט זי פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס, וועלכע זענען פול מיט באַגייסטערונג פאַרן לאַנד און זיינע מענטשן.

איציק וויינשענקער

דער ייִנגערער שרייבער איז מיין תלמיד און גוטער פריינד, דער זשורנאַליסט, לערער און קולטור־וואָרטזאָגער יצחק (איציק) וויינשענקער. ער איז דער מחבר און אַרויסגעבער, צוזאַמען מיט זיין ייִנגערן ברודער שמואל וויינשענקער, אויך מיין געוועזענער תלמיד, פון „בויערס און מיטבויערס פון ייִדישן ישוב אין אורוגוויי".

יצחק וויינשענקער איז געבוירן געוואָרן אין 1914, אין דאָרף טערעבנע, ביי זיין פאָטער נחום־צבי און מוטער מאַסי־רחל וויינשענקער. זיין פאָטער איז געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און יצחק איז דערצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן, פון פאָטערס צד, ר' אלקנה טערעבנער. געלערנט ביי „קאָנדיציע"־לערערס. אין 1927 באַזעצט זיך די משפּחה אין יעדינעץ. אין עלטער פון פופצן יאָר הייבט ער אָן אַליין צו געבן לעקציעס און ווערט אויך אַ לערער אין די דערפער. ער האָט דעביוטירט מיט דערציילונגען און מאמרים אין רומעניע. אין 1939 עמיגרירט ער קיין באָליוויע, ווו ער איז אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן און ביכער־אָפּהאַנדלונגען אין דער דרום־אַמעריקאַנער ייִדישער פּרעסע. אין 1944 פאָרט ער אַריבער קיין אורוגוויי, ווו ער זעצט פאָר זיין שרייבעריש־זשורנאַליסטישע טעטיקייט.

אין 1948 גרינדעט יצחק וויינשענקער אַ פאַרלאַג א"נ „זריעה", וועלכער האָט אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע ביכער, ווי

אויך זיינע צוויי ביכער „פאַר אַלט-נייע התחייבותן" און „פשוט מתוך ליבשאַפט"; ער האָט אויך איבערגעזעצט פון רומעניש מתתיהו קאַרפּס היסטאָריש-דאָקומענטאַריש ווערק „טראַנסניסטריע".

ישראל זמורה

צו די שרייבער און גייסט-מענטשן, אָפּשטאַמיקע פון אונדזער שטעטל, געהערט אויך ישראל זמורה, איינער פון יע־דינעצער וותיקים אין ארץ-ישראל, דער באַקאַנטער העב־רעיִשער ליטעראַטור-קריטיקער און שרייבער, וועמענס אויפטוען אויפן ליטעראַרישן געביט דאַרפן אָפּגעשאַצט ווערן דורך אַ קאָמפּעטענטערן פון מיר, וועלכער שטייט נאָענטער צו זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן.

אַוודאי זענען נאָך פאַראַן נעמען פון שרייבער, וואָרטזאָ־גערס און גייסטיקע פּערזענלעכקייטן, געבוירענע אין אונ־דזער שטעטל, אָדער אין דער אומגעגנט; אָבער, ווי געזאָגט, נאָר עטלעכע נעמען, וועלכע זענען מיר באַקאַנט, האָב איך דאָ געוואָלט דערמאָנען.

ליגט דעריבער אויף אונדז דער הייליקער חוב צונויפ־צונעמען די נעמען פון אַלע גייסטלייט, שרייבער, לערער און אַקטיוויסטן אויפן געביט פון זייער גייסטיקער שאַפונג, דער־ציילן וועגן זייער לעבן און קאַמפן, פאַרצייכענען זייערע אויפ־טוען און ווירקונגס-ספערע און זיי פאַראייביקן, פאַר אונדז און פאַר די קומענדיקע דורות.

תל־אביב

מרדכי רייכר

יהודה שטיינברג בידיניץ

בסוף המאה התשע-עשרה עשה בידיניץ (1889—1897) הסופר יהודה שטיינברג, לפי גירסה אחת הוא הגיע לעיירה כמורה משפחתי בבית אחד מעשירי העיירה ולפי גירסה אחרת פתח לו בית-ספר פרטי, בדומה ליתר בתי־הספר, או יותר נכון, „חדר", מהמקוב־לים בעיירה באותו זמן.

יהודה שטיינברג נתן ידו, פרט להוראה, גם לעניינים ציבוריים. הסופר מנשה האַלפרן, חתנו של נפתלי קוֹרמנסקי (טאַבּוֹנער), שהתגורר באותו זמן בידיניץ וידידו הקרוב של שטיינברג, מגלה, בספר הזכרונות שלו „פאַרמעטן" (ברזיל 1952), טפח מפעולתם הציבורית המשותפת. האלפרן פעל בגלוי ואילו הוא שטיינברג — בהסתר, כנראה מתוך חשש להתנגדות ופגיעה בעבודתו מצד מעסיקיו. הדבר הראשון שהם עשו — להוציא את הגבאות מידי הבעל-התקיף אשר ב„תלמוד תורה" ולהחליף את המלמד ליותר מוצלח, כדי ללמד תורה ודעת את ילדי ידיניץ. המעשה השני והנועז ביותר, שהצליחו לעשות בעזרת בעלי המלאכה — להוריד את ה„סטארוסטה" (זקן היהודים ונציגם בפני השלטונות), ולבחור אחר, רצוי להם, במקומו של המודח. כן יסדו השניים ספרייה ציבורית. הקוראים, נערים צעירים, באו, בהחבא, להחליף ספרים. בשבתות ערכו בביתו של האַלפרן שיחות בנושאים ספרותיים וציבוריים. גם המאזינים לשיחות הללו היו מבני הנוער בעיירה.



יהודה שטיינברג

כן מספר האלפרן, כי בידיניץ כתב שטיינברג את ספרו „בעיר וביער" ושלח את כתב היד בידי ידיד לוארשה, לסופרים י. ל. פרץ ודוד פינסקי שיחוו דעתם עליו.

נסתבר, כי הסופרים הללו, מצאו, כי אמנם ראוי הספר לפרסום אך מאחר ולא היו בידי שטיינברג האמצעים לכסות את ההוצאה הכספית עמד לימינו — לפי דברי אשר גולדנברג — המשכיל והציוני עזריאל אידלמן (הוא נזכר כמה פעמים

בספר זה), טיפוס יוצא דופן בנוף המשכילים והציונים המתקדמים והמגשימים בידיניץ, אשר פנה להוצאת ספרים „תושיה" בוארשה, השיג מההוצאה מאתיים רובל, שכר סופרים, והספר יצא לאור.

בידיניץ תכנן יהודה שטיינברג והחל לחבר את סיפורו הנודע „בימים ההם". לדברי יצחק בר־סמכא־ליידרמן, (ראה מאמרו בספר זה), השתמש המחבר בדמויות ידיניצאים ידועים בסיפורו, כגון, חיים הקאנטוניסט ואחרים. גם הרב שבסיפורו הנ"ל אינו אלא שמואליק הדיין, דמות אצילית בנוף העיירה.

על עבודתו וחייו של שטיינברג בידיניץ, מספר שמואל כפרי (דורף) מפי אמו:

„שטיינברג קבע את בית־הספר ומקום מגוריו בקרבת משפחת דורף (קוזלבר). למעשה היה זה „חדר" טיפוסי בדומה לאחרים בעיירה. לא פעם סר יהודה שטיינברג לקנות דברי מכולת בחנות של משפחת דורף. בבית־הספר היה מספר ניכר של תלמידים ומצבו החמרי לא היה רע.

„בכל זאת לא היה באפשרותו להוציא לאור את כתביו שהיו תחת ידו. בין היתר היה מוכן עמו ספר ללימוד הלשון העברית („ניב שפתיים"). יום אחד בא בהצעה לאמו של כפרי שתקנה ממנו את כתב היד. כמובן שהיא לא היתה מוכנה לעשות זאת. מאחר שהיתה בכלל אשה צדקנית, מוכנה לסייע לכל נזקק, הלוותה לו סכום כסף במזומנים, מספיק כדי להוציא את הספר. היה זה, אמנם אחד מספרי הלימוד „המודרניים" הראשונים להוראת הלשון העברית, ברם הספר, שנדפס בבארדיצ'ב, נכשל כשלון חרוץ".

יהודה שטיינברג, מנשה האלפרן ועזריאל איידלמן

יהודה שטיינברג נולד בשנת 1866 בליפקאן. בגיל 17 התחתן עם בת עיירה מולדאבית (רומניה) וישב אצל חמיו. פתח חנות בכפר, אך גורש משום שהיה נתין רוסי. אחרי ריב עם אביו עבר לידיניץ (1889) ועסק בהוראה. בידיניץ התגורר 8 שנים — עד 1897. בידיניץ חי עם משפחתו הגדולה, אשתו מאראדל וארבעת ילדיו, בעוני ובדחקות. אולם כאן פקדתו בת־השירה, כאן החל בעבודתו הספרותית וכאן קיבל את שכר הסופרים הראשון. בידיניץ חיבר את ספר־לימוד השפה העברית בשם „ניב שפתיים" וכאן כתב את ספר משליו „בעיר וביער" (שהביא לו הכרה כסופר מצליח); בידיניץ החל לכתוב את רוב סיפורי־החסידים שלו, את סיפורי־הילדים וכו'. אחרי ביקורים במרכזים הגדולים של הספרות העברית, העתיק, בשנת 1897, את מקום מושבו לעיירה ליאובה, בבסרביה הדרומית; גם שם עסק תחילה בהוראה. בליאובה הוא מוסר את משרת־המורה לסופר יעקב פיכמאן ומתמסר כולו לכתיבה. ב־1904 ממנה אותו העתון היומי ביידיש מניו־יורק „די ווארהייט" כסופרו הקבוע ברוסיה והוא מתיישב באודיסה. אולם לפתע נתגלתה אצלו מחלת הסרטן שקיננה בו מזמן. הסופרים ח"נ ביאליק וא"ל לוינסקי חשים לעזרתו, אוספים אמצעים ושטיינבר: נשלח לברלין. שם אמנם ניתחוהו, אך איחרו את המועד. הוא חוזר לאודיסה ונפטר זמן מה אחרי־כן, בז' באדר תרס"ח (1908), בגיל 44.

כאמור, נתגלה יהודה שטיינברג כסופר בידיניץ. שני אנשים שהתגוררו באותם הימים בעיירה מילאו תפקיד מכריע בהתגלותו הספרותית. האחד — מנשה האלפרן, סופר ועתונאי ביידיש, שהגיע לידיניץ כשלוש שנים אחרי שטיינברג, כחתנו של בעל־בית מקומי עשיר וישב בה משנת 1892 עד 1897/8. האלפרן היה צעיר משטיינברג בחמש שנים. השני — משכיל ידיניצאי, בעל יצר־נדידה, שרבים מזכירים אותו בספר זה — עזריאל איידלמן. איידלמן היה מבוגר משטיינברג בארבע שנים. האלפרין הצעיר עודד את שטיינברג לכתיבה ולמשלוח כתביו לוארשה. שטיינברג פרסם בספרו „בעיר וביער", תודה נרגשת לידידו הצעיר. איידלמן הוביל את כתב־היד לוארשה ותיווך בין שטיינברג לסופרי־וארשה ולמו"ל. שניהם, האלפרן ואיידלמן, נפטרו בשיבה טובה, האלפרן בברזיל בסוף שנות החמישים ואיידלמן בתל־אביב בתחילת שנות החמישים.

שמועות משמועות שונות התהלכו בעיירה, ובקרב זקניה וותיקיה, על יהודה שטיינברג והתקופה הידיניצאית שלו ועל שני חבריו הנ"ל. בספרנו זה הבאנו את כל מה שהיה לאנשי התקופה לספר בנדון. לא נסינו להכריע בפלוגתה, חלקו של מי היה גדול יותר בהושטת העזרה להתגלותו הספרותית של יהודה שטיינברג. אגב, בנושא זה טיפלו גם הסופרים דוד פינסקי (שפגש את שטיינברג ואת איידלמן בוארשה ואחרי כן את האלפרן ואיידלמן בניו־יורק), יעקב פיכמאן (שפגש את שטיינברג בוארשה, ליאובה ואודיסה) ואחרים. בבעיה זו דן גם ל. קופרשטיין במאמרו המקיף שפירסם בחוברת „פרקי־בסרביה" א' (תל־אביב, 1952). יחתור החוקר, אם ימצא ענין בדבר, לאמת המוחלטת.

ימ"ג

מנשה האַלפּערן

מיינע יעדינעצער יאָרן

— — — אין צווישן איז אַנגעלאָפן דער זמן פון ווערן אַ חתן. עס האָט געהאַלטן ביי מיין זעכצנטן יאָר. די מוטער האָט געפּילדערט, אַז איך ווער איר אַ „בעלמע״ אויף די אויגן; ווי לאָזט מען דאָס אַזאַ דערוואַקסן קינד אומגיין אָן אַ וועג צום תכלית?

מ׳האָט אָנגעפאַנגען אַן אינטענסיוון קאָנטאַקט מיט שדכ־נים, געקומען אָנקוקערס, פאַרהערערס, מבינים. איך האָב זיי געטריבן פון זיך, אָבער געהאָלפן האָט דאָס ווייניק. עס איז געקומען צו אַ שידוך, „אַ זיווג מן השמים״. דאָס מיידל האָט געלערנט תנ״ך, מיר האָט דאָס אימפּאָנירט. איך האָב אָבער באַשלאָסן אַז קודם מוז איך זען די כלה, נישט ווערן אַ חתן „בלינד״...

מיין פאָטער, דערווייל, האָט געשיקט אַן אָנקוקער, אַן אויספאָרשער. דער ענין איז געווען אין מרחקים, בעסאַראַביע. ער האָט דורך בריוו אויסגעפירט דעם סכום פונעם נדן, די יאָרן קעסט און דאָס באַגעגענען זיך אויפן האַלבן וועג. מיר זענען זיך צענויפגעקומען אין אוסטיע, פון יענער זייט נעסטער (אין בעסאַראַביע). דאָרט האָב איך זי אָנגעקוקט, מער געהערט, ווייל דאָס מיידל האָט דערמאָנט אַ פּסוק אין ישעיה. מיר זענען זיך געפעלן, אַ סימן — מ׳האָט אינעם זעלביקן אָוונט געשריבן תנאים און... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז לעקעך און ׳פלאָדן האָבן ביידע מחותנתטעס געבראַכט מיט זיך פאַרטיקע; די עלטערן האָבן שוין מקודם אַלץ באַשלאָסן. איך האָב דערפילט זיך אַ ביסל אָפּגעשווינדלט, אָבער קיין תנאים „רייסט מען נישט״... — — —

אין 1891 האָב איך חתונה געהאַט. מיין שווער האָט געהייסן נפתלי קאָרמאַנסקי, פון אַ משפחה גערופן די „טאַבאַנער״. אַ חסידישער ייד מיט ברידער חסידים פון דעם סאַדיגורער רבין. מיר איז אויסגעקומען צו האָבן אַ קליינעם קאַמף אַנטקעגן פאַנאַטיזם. איך האָב אַלעמען לייכט באַקעמפט צוליב מיין איי־גענער לומדות.

אין 1892 האָב איך מיך באַזעצט אין יעדינעץ, כאָטינער קרייז, אין בעסאַראַביע, געדונגען שפּייכלערס און געוואָרן אַ סוחר פון תבואות אין גרעסערן מאַסשטאַב. דער זול איז אויף תבואות געווען גרויס, מ׳האָט געהאַט ספּעקולאַטיווע אויסזיכטן, אָבער דער זול איז געוואַקסן און איך האָב, אָן גרויסן פאַרלוסט אין צייט, לייכט אָנגעווירן מיין רייכן נדן. מיין פאָטער האָט מיך געשטיצט מיט עטלעכע טויזנט רובל, דאָך, געהאָלפן האָט דאָס נישט...

מיינע מיסדערפאָלגן האָבן מיך נישט פיל באַזאָרגט; מיין אַמביציע איז געלעגן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אין אויפטוען פון השכלה.



מנשה האַלפערן

מיר, איך און מיין געוואָרענער האַרצפריינד יהודה שטיינבערג, וועלכער איז דאָרט געווען לערער אין אַ נגידישער שטוב, האָבן ביידע געאַרבעט, איך בגלוי, ער — בסתר. ערשטנס האָבן מיר אַוועקגענומען די גבאות פון אַ תלמוד־תורה ביי אַ בעל־חזקה דערויף. באַלד געדונגען אַ בעסערן דרדקי־מלמד און געלאָזט לערנען די עטלעכע אָרעמע קינדער אינעם שטעטל. שפּעטער האָבן מיר, מיט דער הילף ׳פון די באַלמעלאָכעס, אַרונטערגעריסן אַ סטאַראָסטע און געוויילט אַ נייעם, אַ משכיל. אויך אַ ביבליאָטעקל האָבן מיר געשאַפן, געהאַט פאַרבאָרגענע לייענערס צווישן די דערוואַקסענע ייִנג־לעך. צו מיר אין שטוב פלעגן, שבת נאָכן טיש, עטלעכע אַריינקומען און בייווינען מיינע שמועסן מיט שטיינבערגן.

אין 1893 איז אַ פריינד (געמיינט: עזריאל אײדלמאַן — רעד׳) געפאָרן קיין וואַרשע און מיטגענומען שטיינבערגס משלים „בעיר וביער" אין מאַנוסקריפּט, צו מבינות.* אויך איך האָב מיטגעשיקט צו פּרצן מוסטערן פון מיין שרייבן. דוד פּינסקי, אַן אָנפאַנגער נאָך, האָט מיר געמאָלדן וועגן נשיאת חן און באַגריסט מיך ווי אַן אויפקומענדיקן שרייבער. באַלד האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דינעזאָנען אין פּרצעס נאָמען צו קומען אין וואַרשע שאַפן מיט אים, פּרצן, אַ פאַרלאַג צום אַרויסגעבן קליינע העפטן ליטעראַטור לויטן מוסטער פון בן־אַביגדורס „ספרי אגורה". דערביי וועט מיר לייכטער זיין צו אַנטוויקלען מיינע שרייבערישע פעיקייטן. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט אָן די וואָרנונגען פון סלאָנימס־קין און שפּיראָן („די מלאָכה פון שרייבעריי איז אַן אומגליק, אַן אייביקע קבצנות"), אויך אין דעם מיסדערפאָלג אין פריערדיקע אונטערנעמונגען, און דאָס אַלץ האָט מיך אָפּ־געהאַלטן פון שטרעבן צו שרייבעריי.

אין 1896 בין איך אָפּגעפאָרן קיין סוּוואַלק באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון מיין שוואָגער און פאָטער ביים בוי פון מיליטערישע קאַזאַרמעס. — — —

סוף 1897 האָב איך מיך אומגעקערט קיין יעדינעץ, צו מיין געזינדל — — — (שנעל אָבער האָט דער מחבר פאַרלאָזט דאָס שטעטל — רעד׳).

אויסצוגן פון מנשה האַלפּערנס „אויטאָביאָגראַפיע", פאַרעפנטלעכט אין בוך „פאַרמעטן", סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1952.

---

* יהודה שטיינבערג האָט געהאַלטן אַז מנשה האַלפערן האָט געשפּילט די הויפּטראָל ביים פאַרעפנטלעכן זיין משלים־בוך „בעיר וביער", דורך וועלכן ער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס שרייבער. **אין „בעיר וביער" האָט יהודה שטיינבערג פאַרעפנטלעכט אַ דאַנק־ווידמונג פאַר מנשה האַלפערן בזו הלשון:**

„ידידי ואהוב נפשי
מנשה הלפרן —
אתה עוררת נפש נרדמה,
אתה פוררת כפור לבבי,
אתה הכינות לי מאור ושמש —
לך ספרי, אף לך עמלי.

יהודה שטיינברג."

אויף יידיש, ווערטלעך: „מיין פריינט און געליבטער פון מיין נשמה, מנשה האַלפערן — דו האָסט אויפגעוועקט אַן איינ־געדרימלטע נשמה, דו האָסט צעקרישלט דעם פראָסט פון מיין האַרצן, דו האָסט מיר צוגעגרייט דאָס ליכט און די זון — דיר געהערט מיין בוך און דיר געהערט מיין פראַצע. — יהודה שטיינבערג."

מנשה האַלפערן

(ביאָגראַפישע נאָטיצן)

געבוירן אין תרל"ב (1871) אין וואָלין. די משפחה — רייכע פּאָסעסאָרס — באַזעצט זיך שפּעטער אין פּאָדאָליע. אין עלטער פון 14 יאָר שרייבט ער שירים. אין עלטער פון 16 יאָר ווערט ער אַ חתן פאַר אַ יעדינעצער מיידל, די טאָכטער פון נפתלי קאָרמאַנסקי („טאַבאַנער"). אין 1892 באַזעצט ער זיך אין יעדינעץ. דאָ טרעפט ער יהודה שטיינבערגן, וועלכער האָט דאָ געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרווון. מיט קליינע איבעררייסן וווינט מנשה האַלפערן אין יעדינעץ ביז 1899. דערנאָך וואַנדערט ער איבער רוסלאַנד און אייראָפּע; אין 1905 קומט ער אָן קיין ניו־יאָרק, צוזאַמען מיט נאָך אַ יעדינעצער, עזריאל אײדלמאַן, אַ קאָלירפולע פערזענלעכ־קייט (וועגן וועלכער מיר שרייבן באַזונדער). זיי פאַלן דורך אין מסחר.

מנשה האַלפערן פאַרעפנטלעכט אין דער אמערי־קאַנער פּרעסע אַרטיקלען, פעליעטאָנען און דערציילונגען. שפּעטער קערן זיך ביידע אום קיין רוסלאַנד. אין 1911 שיידט זיך האַלפערן פון זיין ערשטער פרוי און האָט חתונה מיט אַ מאָסקווער ייִדישער פרוי (מיט זיין ערשטער פרוי, נפטר געוואָרן אין אַמעריקע, האָט מנשה געהאַט 3 זין און אַ טאָכטער; 2 זין זענען אין אַמעריקע; איין זון און די טאָכטער — אין רוסלאַנד).

בעת דער רעוואָלוציע פאַרלאָזט מנשה האַלפערן רוסלאַנד און אין 1926 באַזעצט ער זיך אין בראַזיל, וווּ ער איז טעטיק געזעלשאַפטלעך, ליטעראַריש און פּובליציסטיש.

אין 1937 באַזוכט ער ארץ־ישראל און וויל זיך דאָ באַזעצן. ער ווערט אָבער קראַנק, און אויך דאָס קאַפע־הויז, וואָס עס עפנט זיין פרוי, גייט שלעכט. ער קערט זיך אום קיין בראַזיל.

אין 1933 דערשיינט אין סאַן־פּאולאָ זיינער אַ באַנד פּראָזע: „פונעם אַלטן ברונעם"; אין 1952 דער־שיינט זיינער אַ באַנד זכרונות „פאַרמעטן".

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער פול־שטענדיק פאַרלוירן זיין ראיה. מנשה האַלפערן איז נפטר געוואָרן אין 1960; געווען כמעט אַ בן־תשעים.

אין זיינע ווערק מאָלט מנשה האַלפערן אויס דעם לעבנס־שטייגער פון דרום־אוקראַינישן און בעסאַ־ראַבער שטעטל (מיט שטאַרקע רעמיניסצענצן פון יעדי־נעץ) אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט.

א. מ.

אשר גולדנברג

אליעזר שטיינברג בידיניץ

בפרק הזמן שבין פרוץ המהפכה לבין הפרעות של סוף 1917 נקרא הסופר והממשל הדגול, אליעזר שטיינברג, לכהן כמורה ראשי ב„תלמוד־תורה" שעל־יד בית־הכנסת של ציוני ידיניץ „שערי ציון".

ימים אחדים לפני חג הפסח, נתאספנו חברי הוועד, שהתארגן לשיקום „תלמוד תורה", אשר סבל רבות עקב עזיבת המורה א. ל. יגולניצר ותלאות המלחמה, בבית חתנו הצעיר של מאיר האדום, משה אכסלרוד, שעם היותו שומר מסורת, היה קרוב למתקדמים ברוחו וציוני מובהק. אף אליעזר שטיינברג נכח באותה ישיבה, לשם קבלת המשרה המוצעת וקביעת התנאים לעבודתו. חיצוניותו היתה קוריוזית במקצת. יהודי גוץ בעל פנים ילדותיים למרות מצחו הגבוה וראשו המקריח ועינים טובות ומחייכות מבעד למשקפים. הוא הרצה לפנינו, באותו מעמד, על בעיית הלשונות שהכתה אז גלים בתפוצות המדברות יידיש. הוא הסביר: „עברית — אבא, ויידיש — היא אמא". כן הסביר לנו את דרכו המיוחדת בהוראת התנ"ך בעברית, לפי שיטה, שהיתה כעין מזיגה ופשרה בין שתי השיטות, עברית־בעברית ועברית־ביידיש. במרוצת שיחתו עבר לעניינים כלליים ולמצב ששרר עם התחלת מהפכת פברואר וסיים את הרצאתו בהבעת תקוה, כי כאשר יתאספו העמים סביב השולחן העגול להנהגת משטר בין־לאומי בעולם, שימנע התלקחות מלחמות בעתיד, יזדקקו גם לשפה משותפת, בין־לאומית. לא יבחרו אז בשפה של אחת המעצמות הגדולות, כדי שלא לתת בזה כוח הכרעה לאף מעצמה גדולה וגם לא יבחרו באֶספרנטו, שאין בה שום לחלוחית של שיחת חיים טבעית, בהיותה שפה מלאכותית, וכך תשאר להם הברירה היחידה, לבחור בעברית כבשפה בין־לאומית. אחרי חג הפסח עבר לגור בידיניץ, כמורה וכמנהל בית־הספר „תלמוד תורה".

עד אחרי פרעות דצמבר אותה שנה הייתי סר „לתלמוד תורה" לעתים תכופות, לרגל עסקנותי בוועד בית־הספר וגם כדי להאזין לשעוריו של שטיינברג בתנ"ך, שהיו מלאכת־מחשבת של הסברה פיוטית.

אליעזר היה בא לעתים תכופות בשעות הפנויות שלו לביתנו, יושב באחת הכורסאות בחדר האורחים, שהיו גבוהות במקצת מכפי מידתו, כך שרגליו הקטנות לא היו מגיעות לרצפה, ומשוחח רבות בשאלות ספרותיות ופוליטיות, שנסרו בחלל העולם בימים ההם. אליעזר היה מַרכסיסט נלהב ובשיחותיו, כמו בהרצאותיו של שבת בבית־הכנסת „שערי ציון", השתדל, בקולו הילדותי והצרחני קמעה, להסביר את שיטת הכלכלה המדינית של מַרכּס לכל פרטיה.



אליעזר שטיינבאַרג

למחרת ליל הפרעות, עמד יחד אתי על מדרגות בית־המרקחת של אברהם ברונשטיין, ברחוב הפוטשטובה, וכשעברה פלוגת קוזאקים שעזבה את העיר, כשעל סוסיהם שטוחים מרבדים מהביזה, קרא לעברם בהתמרמרות: „אתם אנסתם את המהפכה הרוסית!"

מאז נפרדו דרכינו. הוא עבר לליפקאַן, עיר מולדתו, וכאשר נסגר שם בית־הספר עבר לצ'רנוֹביץ, בירת בוּקוֹבינה, בה התמסר לעבודה ספרותית ופעילות תרבותית בקרב החוגים האידישאיים.

נפגשנו שוב באמצע שנות העשרים בבריצ'אן. הוא שמח לפגשני וסיפר לי על תכניותיו הספרותיות ובמיוחד על כוונתו לתרגם ליידיש את כל שירי ביאליק — תכנית, שכמדומני, לא יצאה לפועל. אליעזר שטיינברג שהה לאחר מכן זמן קצר בברזיל ושימש מורה ומנהל בית־ספר ביידיש, בריו דה ז'אניירו. ברם חזר לצ'רנוביץ ונפטר שם בשנת 1932. אשתו, רבקה, עלתה אחרי המלחמה לישראל ונפטרה כאן בשנת 1968. עזבון ספרותי רב, ביידיש ובעברית, הניח אחריו אליעזר שטיינברג, המחכה לגואל ולהוצאה לאור. הדר־עם

אלכסנדר מיילעכזאָן

יהודה־לייב גרוזמאַן

(לייבעלע בר־מזל)

שיון איבער צען יאָר, זינט עס איז נפטר געוואָרן, אין אַר־גענטינע, דער באַקאַנטער שרייבער און זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר־אַרויסגע־בער פון ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שפּי־גל", י. ל. גרוזמאַן.

עפּעס ווילט זיך נישט גלויבן; עס שטימט דאָ נישט דער חשבון: לייבעלע גרוזמאַן, דער אייביק־שפּרודלדיקער, דער ברויזנדיקער ווולקאַן, זאָל מער נישט זיין צווישן די לעבעדיקע.



יהודה־לייב און מרים גרוזמאַן

עס איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ וווּנדערבאַרע גע־שטאַלט, אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט. די שרייבער־מש־פּחה בכלל, און די ייִדישע פּרעסע אין אַרגענטינע בפרט, האָבן פאַרלוירן איינעם פון זייערע געטרייסטע וואָרט־טרעגער, אַ מוטיקן זשורנאַליסט, אַ פאַנאַטישן קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט, אַן אַכזורדיקן פּאָלעמיקער, וואָס זיין גאַנץ לעבן האָט ער מקריב געווען פאַר דעם איינציקן ציל און אידעע־פיקס: ריין צו האַלטן דאָס ייִדישע לעבן.

דאָס דינען דעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט האָט ער באַ־טראַכט ווי אַ מלאכת־הקודש. און פון זיין אייגענער ליטעראַ־רישער טריבונע, דעם זשורנאַל „דער שפּיגל" — זיין לעבנס־ווערק — האָט ער, מיט אַ לייבן־קול, אַראָפּגעדונערט גאַנצע צוויי און דרייסיק יאָר.

מיט גרוזמאַנען, אַ בן־עיר מיינער פון יעדינעץ, האָט מיך פאַרבונדן אַ פריינטשאַפט פון צענדליקער יאָרן. עס טויכן אויף אין זכרון די מעשי־בראשית פון אַרגענטינער ייִדישן ישוב, אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן, די ראָמאַנטישע, ערב־קאָנסאָ־לידאַציע־יאָרן, אין וועלכע גרוזמאַן האָט גענומען אַ באַדיי־טנדיקן אָנטייל.

אין יענער צייט, ענדע 1929, בין איך אָנגעקומען קיין קאָנקאָרדיאַ, אַ שטאָט אין דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, צו מיין עלטערן ברודער נונין, וועלכער האָט אָבער, מיט גרויס באַ־דויער, זיך געמוזט געזעגענען מיט מיר, באַלד נאָך די ער־שטע פּאָר חדשים, ווייל גרוזמאַן האָט מיך „דערשנאַפּט" און אַנגאַזשירט אַלס רייזנדער־מיטאַרבעטער אין זיין נאָר וואָס געגרינדעטן זשורנאַל, נאָך די ערשטע פּאָר קאָרעספּאָנדענצן, וואָס כ'האָב אָפּגעדרוקט אין „שפּיגל".

ווער נאָך, ווי איך, האָט אַזוי געקאָנט, פון דער נאָענט, לייבעלען? ער איז געווען דער עלטסטער זון פון ר' אברהם־אבאן, אַ בן־תורה, אַן ערלעכער און טרייער ייִד, וואָס האָט געהאַלטן אַן אייזן־געשעפט (אַ „זשאַליאַזנע קלייט"...) אויף דער „טאָרהאָוויצע"; און הגם ער האָט געצויגן חיונה אין גרויס דחקות, האָט ער דאָך געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן און גע־שיקט לערנען זיינע קינדער, און באַזונדערס זיין בן־יקיר, ליי־בעלען, צו די גרעסטע מלמדים פון יענער צייט און שפּעטער, אויך אויסער דער שטאָט.

ווי פיל ייִדישע שרייבער, האָט דער גורל אויך לייבעלען נישט פאַרוויגט אין אַ גאָלדן וויגעלע. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי־גיהנום פון פּיין, נויט און מאַטערניש, סיי אין דער היים און סיי אויסער דעם שטעטל, אין זיינע סטודענ־טישע יאָרן, צו ערשט אין אָדעס און שפּעטער אין טשערנאָ־וויץ. אין אָדעס האָט ער פאַרקערט אין דער סביבה פון די גרויסע ייִדישע און העברעיִשע שרייבער, ווי ח. נ. ביאַליק, יעקב פיכמאַן און אַנדערע פּערזענלעכקייטן פון דער פּלעיאַדע חכמי־אָדעסאַ, ביי וועמענס ליכט ער האָט זיך געוואַרעמט, איינזאַפּנדיק אין זיך אַלע ניואַנסן פון דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס איז געווען זיין קנין.

די יאָרן פון גייסטיקער השפּעה און מאַטעריעלע מאַטער־נישן האָבן אויסגעקריסטאַליזירט און אויסגעפאָרעמט זיין קעמפערישע פּערזענלעכקייט, פון אים געמאַכט אַ ליטעראַרישן איש־ריב־ומדון און אַנגעגורט זיין פּעדער מיטן כוח פון אַ מוכיח בשער. ער איז געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון די שענערע ווערטן אין אונדזער לעבן; זיין ביישטייער צו דער קולטור־אַנטוויקלונג פון ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע איז באַקאַנט ווייט איבער די גרענעצן פון „לאַ פּלאַטאַ־לאַנד". ווערט טאַקע נאָך טרויעריקער אויפן האַרצן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז ער האָט קיין ממלא־מקום נישט איבערגעלאָזט.

ער האָט פאַרמאָגט דעם כוח צו שווימען קעגן שטראָם. נישט פאַרקויפט, חלילה, זיין וואָרט, אויך נישט אין די קרי־

טישסטע צייטן, פאַר דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון זיין זשורנאַל. יאָרנלאַנג האָט ער אָנגעפירט אַ הייליקן קאַמף קעגן די „בעלי־הטאַקסע", די תקיפים און דעה־זאָגערס פון קהלשן לעבן, קעגן די איבלען פון ייִדישן לעבן; ער האָט זיי, די קרומע פאַרפירערס, אויסגעקערט מיטן אייזערנעם בעזעם פון זיין שאַרפער פעדער און אויסגערייניקט די לופט אויף דער ייִדישער גאַס.

ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן צו האַלטן מלחמה מיט די פּאַטענטירטע גדולים, און נישט געשאַנעוועט די „געטוווער־דעוועטע" שרייבערס, וועמען ער האָט, אויב ס'איז זיי, לויט זיין מיינונג, געקומען, אויסגעשטעלט לגנאי, אויסגראָבנדיק דעם אמת און אויספּיבערנדיק דעם יושר אין לעבן.

אין זיינע ערשטע יאָרן אין אַרגענטינע האָט ער אָנגעפירט, אַלס דירעקטאָר, מיט דער גרויסער העברעיִשער שולע „יהדות" פון דער ייִק"אָ (ייִדישע קאָלאָניזאַציע־אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט דורכן באַראָן הירש), אין „ירושלים דאַרגענטינע", מאָזעסוויל. דאָרט האָט זיך דערצויגן אַ גאַנצער דור מנהיגים און פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען טעטיק אויף אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע און אויך דאָ, אין מדינת ישראל. אָבער גרוזמאַן האָט באַלד געהאַט אויסצושטיין אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די דעמאָלטיקע נעגירער פון נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן — די גרופּע אויפגעקומענע „פּראָקאָר"־לייט. יענע האָבן אָבער פאַרשפּילט זייער קאַמף און די געזונטע

י. ל. גרוזמאַן

(ביאָגראַפישע נאָטיצן)

געבוירן אין יעדינעץ אין יאָר 1901. זיין פאָטער — אברהם אבא, איז געווען אַ הייסער חסיד (אומגעקומען אין יעדינעץ אין 1941). די מאַמע, בתיה — אַ פרומע דאָרפישע פרוי. נאָכן „פאַרענדיקן" די לאָקאַלע חדרים, איז לייבעלע, ווי אויך זיין ברודער גדליה, געשיקט געוואָרן לערנען אין דער ישיבה פון מאָהילעוו־פּאָדאָלסק. דאָרט באַקענט ער זיך מיט השכלה־ביכלעך. פריער אָבער האָבן זיי שוין געלייענט העברעיִשע און ייִדישע צייטונגען און ביכלעך. אין שטוב איז אויך אַריינגעקומען אַ לערער צו לערנען מיט די קינדער וועלטלעכע לימודים און רוסיש. אָבער בלויז זעקס חדשים בלייבן לייב און גדליה אין דער מאָהילעוור ישיבה. זיי קערן זיך אום „אויפגעקלערטע" און גיבן אַרויס אין יעדינעץ אַ קינדער־בלעטל א. נ. „הכרוב".

שפּעטער פאָרט לייבעלע אַוועק קיין אָדעס, כדי פאָרצוזעצן זיין לערנען אין אַ דאָרטיקער ישיבה. גדליה שליסט זיך אָן צו אים מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער.

נאָך דער רעוואָלוציע קערן זיי זיך ווידער צוריק קיין יעדינעץ. דערנאָך פאָרן זיי קיין טשערנאָוויץ, וווּ זיי גיבן העברעיִשע „שטונדן".

אין 1920 עמיגרירט לייבעלע קיין אַרגענטינע, און גדליה, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער — קיין בראַזיל.

אין אַרגענטינע אַנטוויקלט לייבעלע אַ ברייטע פּובליציסטיש־ליטעראַרישע טעטיקייט. דאָרט גרינדעט ער זיין ליטעראַריש־פּובליציסטישן וואָכנבלאַט „דער שפּיגל" (1929), וועלכן ער גיט אַרויס ביז זיין פריצייטיקער פּטירה אין חודש מאַי פון יאָר 1961. (זיין נאָענטער מיטאַרבעטער ביים גרינדן דעם וואָכנבלאַט איז געווען אונדזער בן־עיר און אַקטיווער עסקן ביים אַרויסגעבן דאָס פאָרליגנדיקע בוך — אַלעקסאַנדער מיילעכזאָן).

זומער 1958 ווערט ער איינגעלאַדן דורך דער סוכנות אויף אַ שטודיר־רייזע קיין ישראל, וווּ ער פאַרברענגט צוויי חדשים. אויפן וועג אַהין און צוריק באַזוכט ער אַ ריי לענדער אין אייראָפּע און אַמעריקע. דער רעזולטאַט פון דער רייזע — אַ באַגייסטערטע און באַלערנדיקע סעריע רעפּאָרטאַזשן און אַרטיקלען.

אין יאָר 1959 מערקט אָפּ דער אַרגענטינער ישוב און די גאַנצע ייִדיש־ליטעראַרישע וועלט דעם 30־יאָריקן יובילײ פון „שפּיגל".

אין צווישן הייבן אָן זיינע צוויי קינדער צו שטודירן אין ישראל. און דאָ קומט דער פּלוצעמדיקער אומגליק — אַ קראַנקייט, פון וועלכער לייבעלע שטייט שוין מער נישט אויף.

זיין פרוי מרים (אַן אָפּשטאַמיקע פון וואַרשע), באַשליסט זיך צו באַזעצן אין ישראל. די פּרוּוון ווידער אַרויסצוגעבן „דעם שפּיגל" געלינגען נישט. די פרוי פּרוּווט ווידער אויפבויען אַ פאַמיליע. זי האָט חתונה, אָבער אין אייניקע חדשים אַרום באַשליסט זי אַוועקצוגיין פון דער וועלט אויף אַ טראַגישן אופן, מיטנעמענדיק אין קבר דעם סוד פון איר פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג.

דער ברודער, גדליה גרוזמאַן, וווינט די גאַנצע צייט אין בראַזיל (ריאָ), וווּ ער זעצט פאָר זיין פּובליציסטישע און ליטעראַרישע טעטיקייט.



דער קאָפּ פון „דער שפּיגל"
רעדאַגירט פון י. ל. גרוזמאַן

דער רעפּראָדוצירטער „קאָפּ" טראָגט די דאַטע: יאַנואַר—פעברואַר 1959. דער נומער איז דערשינען נאָך דעם וואָס י. ל. גרוזמן האָט זיך אומגעקערט פון זיין שטודיום־רייזע אין מדינת ישראל. דער נומער פאַרצייכנט אויך די 30־יאָריקע עקזיסטענץ פון „שפּיגל".

הכותרת של „דער שפּיגל"
בעריכתו של י. ל. גרוזמן

הגליון הופיע בתחילת 1959, לאחר שחזר י. ל. גרוזמן מסיור־לימודים בישראל. הגליון מציין גם 30 שנה לקיומו של השבועון.

נאַציאָנאַלע כוחות פירן אָן עד־היום מיט יידישן לעבן אין אַרגענטינע און אין גאַנצן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

גרוזמאַנס מוטיק וואָרט און שטעלונג צו געזעלשאַפט־לעכע פראַגן האָבן אים, נאַטירלעך, פאַרשאַפט נישט ווייניק שׂונאים. דאָס האָט אויך פאַרשאַרפט די מאַטעריעלע לאַגע זיינע, אים אַוועקגעשטעלט אין אַן אומגלייכן געראַנגל קעגן געזעלשאַפטן און יחידים און נישט איין מאָל באַדראָט דאָס נאָרמאַלע דערשיינען פון זיין זשורנאַל. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן. פון דער נאַטור אויס אַן עקשן, האָט ער ווייטער אומדערמידלעך, ביי די אומגינסטיקע באַדינגונגען און כמעט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג געאַרבעט, געקעמפט, געמאָנט און געטאַדלט, כדי אויסבעסערן און פאַרשענערן אונדזער לעבן.

צען יאָר נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל האָט גרוזמאַן געמאַכט אַ באַזוך אין לאַנד און זיך אומגעקערט אַ באַגייס־טערטער פון אַלץ, וואָס ער האָט געזען. במשך פון חדשים האָט ער געשילדערט זיינע איינדרוקן פון לאַנד אויף די שפּאַלטן פון זיין זשורנאַל און איבערגעגעבן אין ליכטיקע פאַרבן די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען פון דער יידישער מדינה. ס'זענען נאָך פריש אין זכרון זיינע דערהויבענע און גייסט־רייכע ווערטער איבער מדינת ישראל, וועלכע ער האָט געלאָזט הערן אויף דער מסיבה, וואָס די יעדינעצער לאַנדסלייט אין אַרגענטינע האָבן איינגעאָרדנט פאַר אים.

אין דעם גייסט האָט ער אויך דערצויגן זיינע צוויי קינ־דער, אַ זון און אַ טאָכטער, און זיי צוגעגרייט פאַר דער מדינה. זיי געפינען זיך ביידע אין לאַנד. דער זון האָט פאַרענדיקט דעם מכון גרינבערג, אין ירושלים, און פאָרגעזעצט זיינע העכערע שטודיומס אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט און די טאָכטער מיט איר מאַן האָבן שטודירט אין חיפהר טכניון.

דערמאָנען מיר, דעריבער, מיט כבוד אונדזער באַליבטן בן־עיר י. ל. גרוזמאַן ז"ל. זיין מאָראַלישע פּערזענלעכקייט און זיין דערהויבענע טעטיקייט פאַרזיכערן אים אַ בכבודיק פּלאַץ אינעם נאַציאָנאַלן פּאַנטעאָן פון יידישע גייסט־מענטשן.

גדליה גרוזמאַן

נאָכן ספּעקטאַקל

דעם אָנדענק פון מיין לייבעלען
מיט צער און וויי

אַראָפּגעלאָזט האָט זיך דער פאָרהאַנג
אין סאַמע מיט פון שפּיל,
אויף יענער זייט אַן אָטעמלאָזער
ביסטו געבליבן שטיל.

און ס'גייט דער עולם זיך פונאַנדער —
געענדיקט דער ספּעקטאַקל.
ס'גיט עמעצער אַ צי דעם אַקסל:
— אָט האָסטו דעם סך־הכל...

אַ צווייטער גיט אַ זיפץ: — אוי, וויי מיר...
דאָס אַלץ און גאָר נישט מער.
און מיך, מיך כאַפּט אַרום אַן אימה:
כ'האָב מער נישט ווי די טרער.

עס פּוסטעוועט דער זאַל אין טרויער
און ס'שווייגן שטום די ווענט.
אין ווינקל עמעץ פון באַדויער
פאַרברעכט אין צער די הענט:

— האָסט, ברודער, צו פיל דאָ געליאַרעמט,
מיט אַלע זיך געקריגט.
געמאָנט ביי יעדן ריין געוויסן... —
און איצט — ווי שטיל ער ליגט...

איך רעד צו זיך אַליין אין עלנט:
— ווער וואָלט דיך איצט דערקענט?
דו ליגסט אין רו און פרידן, ברודער,
די שפּיל איז שוין צו ענד.

ריאָ דע זשאַנייראָ, בראַזיל

דת, בתי־תפילה ומורי־הוראה



התצלום היחיד מבית־הכנסת הגדול (שיל)

התמונה צולמה בשנת 1945 על־ידי הבחורים שחזרו לעיירה. משמאל לימין: יונה שקולניק — נפל בישראל; יעקב סלומון, משה (בן מעכל טאָקער) פונדיק — נפטר בצ׳רנוביץ בשנת 1962; הירש טנדריך („דער רויטער") בצ׳רנוביץ. כיום נמצאת בבנין סדנה למכונות חקלאיות.

דאָס איינציקע בילד פון דער גרויסער שיל

דאָס בילד איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן אין 1945, דורך די בחורים וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל. פון לינקס צו רעכטס: יונה שקאָלניק — געפאַלן אויף שמירה אין ישראל, 1951; יעקב סאָלאָמאָן, משה (בן מעכל טאָקער) פונדיק — געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ, 1962; הירש (בן ישראל און צירל) טענדריך (טשערנאָוויץ). אין דער געביידע געפינט זיך היינט אַ רעמאָנטירונג־וואָרשטאַט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

מרדכי רייכר

בית־הכנסת הגדול

מיסמך משנת 1878 על ייסודו

עד היום קשה לי להבין, על שום מה קבעו את מקומו של בית־הכנסת המרכזי והגדול ביותר בעיירתנו דווקא בחלק המרוחק והנידח שלה, בין סימטאות העוני והדלות. איך זה מצאו, כי בית מרכזי כזה, לכל בני העיירה, לכל עת מצוא יועמד דווקא בקרן־זווית זו? ואפשר היה בימים ההם כאן המרכז היהודי של העיירה?

גדול היה הבית. גבוה. מתרומם אל־על ומשקיף בגאווה מעל הבתים הנמוכים אשר בשכנות לו והמתהלכים בתוכו נראים כיצורים קטנים. התכנית האדריכלית, לפי סגנון ה„טמפלים" אשר בערים הגדולות.

וכך עמד לו הבית הגבוה, הגאה שנים רבות, קירות האבן המוצקים ללא טיח והחלונות הקרועים בהם גדולים, מוארכים ומעוגלים כלפי מעלה, בתקרה כיפה מקומרת משובצת זגוגיות צבעוניות ובנפול עליהן קרני השמש הזוהרות יצרו חילופי צבעים בחללו של הבית ועל קהל המתכנסים בו גם יחד.

הבנין עצמו הוקם בראשית שנות השמונים של המאה שעברה, ופרטים מלאים על טקס הנחת אבן־הפינה ליסודות

הבית נתפרסמו בכתבה בעיתון „הצפירה" (וארשה), בגליון מא' כסלו תרל"ט, 14 נובמבר 1878 (לפי המנין הרוסי הישן). אנו מוסרים כאן את הכתבה ככתבה וכלשונה — בפאַקסימילה.

הצפירה
HAZEFIRAH

אלוף ... ממרום שבך וראה את שממותי
ואת ... הדברים האלה, הה, תערב
נא ... ונכבי עיני אשר אסיף
לזכר ... סבבך בשלום עד אשר
העי... קלטן שולמאן.

יעדיניץ (פלך חאטין בבעסאראביע), ביום ג' פרשה לך, ליהודים
הדרים בעירנו היתה אורה ושמחה וששון. — כי שלא
ראה שמחה כזאת לא ראה שמחה מימיו — הן מיום הוסדה
עירנו, לא זכינו לבית ה' — בית מקדש מעט, כחוק וכמשפט
לכל עיר ועיר, זולת בתי מדרשים וקלויזן רבות העולות למספר
שמונה, ואך זה מקרוב, הכינו אנשי העיר את לבבם הטהור
לבנות בהכ"נ גדול אשר יהיה לתהלה ולתפארת, ויחזקו ידיהם
לטובה, ויכינו העצים והאבנים לבנות הבית, ויביאו לפה את
הרב הצדיק וכו' צבי הירש שליט"א מכיזבוו, נכד הרב הקדוש
מאפטא ז"ע, אשר בידיו הטהורים והקדושים ישים את האבן
הראשון בקרקע הבית, להיות יסוד מוסד בבית ה', וביום ב'
לך, סבבו השמשים את העיר וקראו בהיל ויכריזו לאמר:
התקדשו למחר לבא על חנוכת הבנין (זאקלאדשינע) מהבה"כ.
ויהי למחרתו, ויקבצו כל אנשי העיר למקטן ועד גדול, קהלה
גדולה עד למאד, מנער ועד זקן טף ונשים באו כלם ברחוב
הבתי מדרשים, סביב החפירות אשר הפרו ליסד כותלי
דבהכ"נ, וגם הרב הצדיק הנ"ל באחוות גבירי ונכבדי העיר
ירדו תוך החפירות, ויקחו ספרי תורות בידם ויסבו את החפירות
הקיף את מקום בהכ"נ, ואחריהם באו כל אנשי העיר ויקיפו
כמשפט הזה שבע פעמים, והצדיק נתן ביד כ"א ממחזיקי
הס"ת רשימה מה שיאמר בעת ההקפה *), אחר כל אלה
הניח הצדיק את האבן הראשון היסודי במקצוע מזרחית צפונית,
ויסדו הבונים את היכל ה', ויריעו כל העם תרועה גדולה על
הוסד בית ה', וכל תופשי כנור ועוגב וצלצלי תרועה הרימו
קול זמרה וחדוה, והצדיק עשה מי שברך לכ"א, ויקבוץ
נדבות על הבית סך 2700 רו"כ, לבד מה שימכרו המקומות אשר
כל מקום בכותל מזרח יעלה לסך 120 רו"כ, 24 מקומות יעלו
לסך 2880 רו"כ. וישמחו העם למאד כל היום על כוס יין מלא
כברכת ה' עליהם, זכרה ה' אלהים להם לטובה, ויגמרו את
אשר החלו, ונזכה לבנין ביה הבחירה במהרה א"ס.

עזריאל עדילמאן **)

*) ברכת כהנים, ויהי נועם עד גמירא, וזכרתי את בריתי יעקב כו'
עד והארץ אזכור, והשקל עשרים גרה עשרים שקלים חמשה ועשרים שקלים
עשרה וחמשה שקל המנה יהיה לכם (יחזקאל מ"ה), אדן אשר ה' אלהים דורש
אותה כו' עד אחרית השנה, לא יאמר לך עוד עזובה כו' עד וארצך
תבעל (ישעי' ס"ב), כי כה אמר ה' בורא השמים כו' עד ואין עוד, —
למנצח כו' רליה כ' את ארצך, אלהים יחננו ויברכנו וכו', יש ס' אסף
את הברכה, עד אשר ה' אלהיך נותן לך

ואח"כ על דעת המקום ועל דעת הקהל ועל דעת ישראל המוסרים
אותם שלא יהיה רשאי שום מזיק ולא מזיקה לבא במקום הזה מעתה ועד עולם,
ודי למבין ז"ס.

** על אישיותו של הכתב עזריאל איידלמן — ראה ברשימות מיוחדות — המעתיק.

שנים רבות נמשכה מלאכת הבנייה, בהפסקות ארוכות למדי. הפיגומים, אף בפנים הבית, הוסיפו לעמוד ואילו בפרצים ובחורים שבכתלים ובתקרה בנו להן ציפרים קיניהן וצפצופי בוקר התערבבו, לא פעם, בתפילת „שחרית" מתמשכת של קהל המתפללים.

עם זאת, לא הפריע לו כלל לבית, כי ישמש מרכזם של בני העיירה. ועם כל קריאה של „לך כנוס" ידעו הכל, מאיש ועד אשה, מזקן ועד טף, כי מקומם שם, בבית־הכנסת הגדול („אין דער שיל"). ימי זכרון לגדולי העם ומוריו, ציון מאורע היסטורי־לאומי, כי תגיע עת צרה לישראל, לעת שמחה ולימי אבל, כולם מצאו כאן ביטויים הנאמן של בני העיירה ושיתופם בגורל האומה כולה.

ה„ריהוט" שבבית, אם אפשר בכלל לקרוא לו בשם ריהוט — פשוט וגס ביותר. לא פעם שאלתי את עצמי, מנין גילו את הספסלים הארוכים שליד הקירות וה„עמודים" (שטענדערס) הפשוטים, הצולעים, רחמנא ליצלן, ברובם שבורים, אשר לא טעמו טעם צבע מאז קיומם עלי אדמות.

בני העיירה אהבו וכיבדו את בית־הכנסת הגדול. שאפו להתכנס בו, להיות יחד, חדורים בהרגשה משותפת וחרדה למאורע, אשר בעטיו יתכנסו בו. אף כי היו גם ימים קבועים לכינוס כל בני העיירה, הרי ציפו בדריכות לבוא בשעריו.

כ' תמוז. השעות המאוחרות שלאחר־הצהריים. החנוונים סגרו את החנויות, מוקדם מהרגיל, הוגפו התריסים, בעלי־המלאכה נטשו את עבודתם והציבור הרחב, בהמוניו, נהר לשם, „צו דער גרויסער שיל" (לבית־הכנסת הגדול), לציין את יום הזכרון של מנהיג האומה. הבית התמלא מפה לפה. יאזינו לדברים על חיי הרצל ופעלו וכאשר זלמן לייב החזן השמיע בקול נוגה ומסתלסל „את נשמת המנהיג ד"ר בנימין זאב הרצל שהלך לעולמו", יכולת לחוש בהמיית־נפש חשאית מתהלכת בחללו של הבית — אות היא לביטוי הנאמן שרוחשים בני העדה לבן האומה הדגול ולרגש השותפות הפועם בלבם.

אזכור: כ"א בתמוז תרצ"ד. כזרם חשמלי התפשטה הידיעה על פני העיירה „ביאליק מת". בערבו של אותו יום, ללא הודעה מיוחדת, ללא הכרזה, נסגרו החנויות, שבתה העבודה בטרם עת והכל, מבוגרים, נוער, תלמידי בתי־הספר, הכל נהרו לבית־הכנסת להתייחד עם זכרו של המשורר הלאומי הגדול אשר את שיריו למדו, ספגו את רוחם והיו לחלק בלתי־נפרד מעולמם הרוחני־היהודי.

הבית מלא מפה לפה. קרני השמש האחרונות נעלמות. מחשיך. דממה שוררת על פני כל. אט אט עלו על המדרגות אשר לפני ארון־הקודש המורים הלל דוברוב, ברוך ישצ'יקמן, ואחריהם כותב טורים אלה, והעלו את דמותו הקורנת והאצילית של המשורר הגדול. הם דיברו על מורשתו הרוחנית העשירה לדורנו, וכאשר השמיעו קטעים מתוך שיריו של המשורר „על השחיטה" „בעיר ההריגה" ו„אמי זכרונה לברכה" נראו בעיני רבים דמעות.

יצאנו החוצה. הבית נתרוקן. ירח מכסיף ושמיים זרועי כוכבים מעל. המכונסים שבו לבתיהם, נשאו עמהם משהו

מרוחו של המשורר, מהרוח המרעננת והמזככת, הנותנת תוכן חיים, עוז ועידוד לעמוד במבחנים קשים, כי יפקדו את העיירה השלווה.

**
*

כפי שנמסר מפי שרידי השואה, שביקרו בעיירה לאחר המלחמה בימי השלטון הסובייטי המחודש, החרימו השלטונות את בנין בית־הכנסת הגדול והפכוהו לבית־חרושת להרכבת מכונות חקלאיות, המפעל הגדול מסוגו בכל צפון בסרביה.


הצפירה
HAZEFIRAH.
מכתב עתי משמיע חדשות
בקרב עם ישרון. מכל הדברים הנוגעים בעניני המדינות.
דברי חכמה ומדע. ידיעות העולם והטבע.
חיים זעליג סלאנימסקי.
N- 45. | ווארשויא, א׳ כסלו תרלט. | Варшава, 14 (26) Ноября 1878.
תוכן הענינים.
דברי הימים. ווילנא. יעדיניץ. נויארק.
ידיעות העולם והטבע.
דברי הימים

←

הד ראשון מידיניץ בעתונות
„הצפירה" מה־14 (26) בנובמבר 1878 — א' כסלו תרל"ט

בתוכן העניינים אפשר לקרוא כי בגליון זה מופיעות, בין שאר המאמרים, כתבות מ„ווילנא, יעדיניץ ו... נויארק". משמאל הכתבה על ידיניץ.
לפי מיטב ידיעותינו זוהי כתבה ראשונה על ידיניץ בעתונות.

ערשטער אָפּקלאַנג פון יעדינעץ אין דער פּרעסע
„הצפירה" פון 14 (26) נאָוועמבער 1978

דער אינהאַלט־פאַרצייכניש גיט איבער, אז אין נומער ווערן פאַרעפנטלעכט, צווישן אנדערן, קאָרעספּאָנדענציעס פון „ווילנע, יעדינעץ און... ניו־יאָרק"... לינקס אַ רעפּראָדוקציע פון דער קאָרעספּאָנדענץ פון יעדינעץ איבער דער גרינדונג פון דער גרויסער שיל.
דאָס איז דער ערשטער אָפּקלאַנג איבער יעדינעץ אין דער פּרעסע.

מרדכי רייכער

די גרויסע שיל* (די „שיל")

אַ דאָקומענט פון יאָר 1878 איבער איר גרינדונג

בּיזן היינטיקן טאָג איז מיר שווער צו פאַרשטיין, וואָס עפּעס האָט מען די גרעסטע און צענטראַלע שיל* פון אונדזער שטעטל אויפגעשטעלט דווקא אין דעם ווייטסטן און פאַרוואָרפנסטן טייל, צווישן די געסלעך פון דעם שטעטלס אָרעמקייט און דלות. ווי אַזוי איז געקומען דערצו, אַז אַזאַ צענטראַל הויז, פאַר אַלע שטעטלשע און פאַר אַלע צייטן, זאָל דווקא אויפגעשטעלט ווערן אין אַזאַ פאַרשטופּט ווינקל? און אפשר איז דאָ דעמאָלט געווען דער צענטער פון ייִדישן יעדינעץ?

גרויס איז געווען דער בנין. הויך. פון דער הויך האָט ער מיט שטאָלץ אַראָפּגעקוקט אויף די נידעריקע הייזלעך פון זיין שכנות. די אַרומגייענדיקע אין אים האָבן אויסגעזען ווי קליינע באַשעפעניש. די אַרכיטעקטור איז געווען לויטן סטיל פון די „טעמפּלען" אין די גרויסע שטעט.

און אַזוי איז די גרויסע, שטאָלצע געביידע געשטאַנען יאָרנלאַנג. די פעסטע שטיינערנע ווענט — נישט געטינקעוועט; די פענצטער אין זיי — גרויסע, לענגלעכע, פאַררונדעוועטע אין דער הויך. און אויפן סופיט — אַ קופּאָל מיט פאַרביקע שייבלעך. ווען די זונען־שטראַלן זענען געפאַלן אויף זיי, האָבן זיי גורם געווען אַ פאַרבן־שפּיל, סיי אין רוים פון הויז און סיי אויף דעם צוזאַמענגעקומענעם קהל.

די געביידע האָט מען אָנגעהויבן צו בויען אין יאָר 1878. גענויע איינצלהייטן איבער דער פייערלעכער צערעמאָניע פון לייגן דעם ווינקלשטיין פון הויז זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון יענע טעג אין דער העברעיִשער

---

* זע באַמערקונג ביים סוף פון אַרטיקל.

צייטונג „הצפירה" (וואַרשע), דאַטירט: א' כסלו תרל"ט — דעם 14טן נאָוועמבער 1878. מיר ברענגען די קאָרעספּאָנדענץ אין יידישער איבערזעצונג.

יאָרנלאַנג האָט זיך געצויגן די בוי־אַרבעט, מיט גאַנץ לאַנגע איבעררייסן. די רושטאָוואַניעס, אַפילו אינעווייניק אין הויז, זענען אויך ווייטער געשטאַנען, און אין די שפּאַלטן און לעכער פון די ווענט און סופיט האָבן פייגל זיך געבויט זייערע נעסטן. פרימאָרגנדיקע שווישטשערייען האָבן זיך נישט איין מאָל צונויפגעמישט מיטן זיך ציענדיקן „שחרית"־דאַווענען פון דעם קהל.

דאָך האָט עס נישט געשטערט, אַז דאָס הויז זאָל דינען אַלס געזעלשאַפטלעכער צענטער פאַר די שטאָטישע. און מיט יעדן אויסרוף פון „לך כנוס" האָבן אַלע, מאַן און פרוי, אַלט און יונג, געוווּסט, אַז זייער אָרט איז דאָרט, אין דער גרויסער שיל. דאָ זענען אָפּגעצייכנט געוואָרן יאָרצייטן פאַר לערער און גדולים פון פאָלק; דאָ זענען אָפּגעמערקט געוואָרן סיי דער־

די קאָרעספּאָנדענץ אין וואַרשעווער „הצפירה" פון א' כסלו תרל"ט 14 (26) נאָוועמבער 1878, איבער דער גרינדונג פון דער יעדינעצער שיל

יעדינעץ (כאָטינער קרייז, בעסאַראַביע)

דינסטיק, פּרשת לך לך, איז פאַר די ייִדן, וועלכע לעבן אין אונדזער שטעטל, געווען אורה, שׂמחה וששׂון. ווער עס האָט נישט געזען די שׂמחה, האָט קיין מאָל קיין שׂמחה נישט געזען. ווייל זינט דער גרינדונג פון שטעטל האָבן מיר דאָך נישט זוכה געווען צו אַ בית ה' — אַ בית מקדש מעט, ווי עס פּירט זיך אין יעדער שטאָט; די צאָל פון די בתי־מדרשים און קלויזן אין שטאָט איז דערגאַנגען ביז צו אַכט. און נאָר לעצטנס האָבן די שטאָטישע צוגעגרייט זייער ריין האַרץ, כדי צו בויען אַ גרויסע שיל, וועלכע זאָל זיין לתהילה ולתפאַרת. און זיי האָבן געשטאַרקט זייערע הענט פאַר דער גוטער טאָט און צוגעגרייט דאָס האָלץ און די שטיינער צום אויפבוי פון דעם הויז. און זיי האָבן אַהער אַראָפּגעבראַכט דעם רב הצדיק צבי העשל שליט"א פון מעזביזש, דאָס אייניקל פונעם הייליקן אָפּטער רב ז"ע, וועלכער זאָל מיט זיינע ציכטיקע און הייליקע הענט לייגן דעם ערשטן שטיין אין באָדן פון דעם הויז, אַלס יסוד פאַר דעם בית ה'. שוין מאָנטיק, פּרשת לך לך, זענען די שמשים אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און האָבן הויך אויפן קול אויסגערופן: „הייליקט אייך אויף מאָרגן, צו קומען צום חנוכת הבנין (זאַקלאַשטשינע) פון בית כנסת"

און אויף צומאָרגנס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע מענטשן פון דער שטאָט, פון קליין ביז גרויס, אַ גאָר גרויסע קהילה, פון יונג ביז אַלט, פרויען און קינדער· אַלע זענען געקומען אין דער גאַס פון די בתי־מדרשים, אַרום די גריבער, וואָס מען האָט געגראָבן פאַר די יסודות פון די ווענט פאַר דער שיל. און דער אויבנדערמאָנטער צדיק איז אויך געווען צווישן די גבירים און אַנדערע חשובע מענטשן פון דער שטאָט. אַלע זענען אַראָפּ אין די גראָבנס, און זיי האָבן גענומען ספרי־תורהס אין די הענט און האָבן אַרומגערינגלט, אין די גראָבנס, דאָס אָרט פון דער שיל. און נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען אַלע מענטשן פון דער שטאָט און האָבן אַרומגערינגלט (דאָס פּלאַץ), ווי ס'געהער צו זיין, זיבן מאָל. און דער צדיק האָט יעדן, וואָס האָט געהאַלטן אַ ספר־תורה, געגעבן אַ צעטל, וואָס צו זאָגן בעת דער הקפה. און נאָך דעם אַלעמען האָט דער צדיק געלייגט דעם ערשטן גרונטשטיין אין דעם מזרח־צפונדיקן ווינקל. ויסדו הבונים את היכל ה' (און די בויערס האָבן געגרינדעט גאָטס היכל). און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געיובלט איבער דער גרינ־דונג פון בית ה'. אַלע פידל־שפּילער און אַנדערע כלי־זמר זענען אַרום מיט הילכיקע געזאַנגען און מיט פרייד. און דער צדיק האָט יעדן געמאַכט אַ מי שברך און האָט צונויפגעזאַמלט נדבות, 2700 רו"כ, לטובת דעם הויז; דאָס — אויסער די פלעצער („שטעט"), וואָס וועלן פאַרקויפט ווערן, וואָס יעדער איינער פון זיי, אין דער מזרח־וואַנט, וועט קאָסטן 120 רו"כ. די 24 פלעצער וועלן ברענגען 2800 רו"כ. און דאָס פאָלק האָט זיך דעם גאַנצן טאָג זייער געפרייט, אויף אַ פול גלאָז וויין; זאָל גאָטס ברכה זיין אויף זיי. געדענק זיי, רש"ע, לטובה, זאָלן זיי ענדיקן, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן; ונזכה לבנין בית הבחירה במהרה א"ס (און זאָלן מיר זוכה זיין, אַז גאָר אין גיכן, נאָך אין אונדזערע טעג, זאָל אויפגעבויט ווערן דער בית־המקדש, אָמן־סלה).

עזריאל עדילמאַן

*

וועגן עזריאל אידלמאַן ז"ל שרייבט אינטערעסאַנטע פּרטים אשר גאָלדענבערג (אין זיין אַרטיקל אויף העברעיִש). צען יאָר נאָכן דערשיינען פון דער קאָרעספּאָנדענץ אין „הצפירה" איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 26 יאָר און געווען דער ערשטער יעדינעצער פון דער א. ג. „ערשטער עליה".

אין צוויי יאָר אַרום איז ער צוריקגעקומען קיין יעדי־נעץ, אָבער די משפחה פון זיינע עלטערן און זיינע שוועס־טער האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין ישראל.

עזריאל איידלמאַן האָט אין דער געגנט פון יעדינעץ גע־פּאַכטעט פעלדער און זיי באַאַרבעט. אַזוי ווי ער פלעגט אונ־טערזינדיקן מיט דער פעדער אויף עברית און ידיש, פלעגט ער אָפּט באַזוכן וואַרשע און געווען אַן אַריינגייער אין הויז פון שרייבער יעקב דינעזאָן, אַ נישט־חתונה־געהאַטער, אַזוי ווי עזריאל אידלמאַן.

ער איז געווען אַ פריינט פון יהודה שטיינבערג און איבערגעפירט זיינע משלים קיין וואַרשע. דערנאָך האָט ער אַרומגעוואַנדערט אויף דער וועלט, באַזוכט פיל מאָל ארץ־ישראל און זיך באַזעצט דאָ אין די 30ער יאָרן. ער איז נפטר געוואָרן אין אַ מושב־זקנים אין תל־אביב, אין עלטער פון קרוב צו 90 יאָר.

הויבענע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע געשעענישן, סיי ווען אַ שלעכטע צייט איז געקומען אויף די ייִדן; פרייד און טרויער — אַלץ האָט דאָ געפונען דעם ריכטיקן אויסדרוק; בני־עיר האָבן, דורך זייער מאַסן־אָנטייל אין די כינוסים, וואָס זענען פאָרגעקומען אין שיל, פאַרבונדן זייער אייגענעם גורל מיטן גורל פון גאַנצן פאָלק.

דאָס מעבל פון הויז, אויב מען קאָן עס בכלל אָנרופן „מעבל", איז געווען פון דעם פּשוטסטן און גראָבסטן. נישט איין מאָל האָב איך זיך געפרעגט, ווו האָט מען אַנטדעקט אַזעלכע לאַנגע בענק, וואָס שטייען לענגאויס די ווענט, און די פּראָסטע, הינקענדיקע שטענדערס, דאָס רוב צעבראָכענע, וואָס האָבן קיין פאַרב נישט טועם געווען, זינט זיי זענען געקומען אויף דער וועלט.

די שטעטלשע האָבן די גרויסע שיל ליב געהאַט און איר אָפּגעגעבן כבוד. זיי האָבן ממש געלעכצט זיך צונויפצוקומען דאָרט, זיין צוזאַמען, זיין דורכגעדרונגען מיטן געמיינזאַמען געפיל און מיט אַ ציטער איבער דער געשעעניש, וואָס צוליב איר וועט מען זיך צונויפקומען.

עס זענען אויך געווען באַשטימטע טעג, ווען אַלע שטעטלשע זענען זיך צונויפגעקומען. אָבער דאָך האָט מען געוואַרט אויף זיי מיט שפּאַנונג, כדי אַריינצוקומען אין די טויערן פון דער שיל.

כ' תמוז. די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען. די קרעמער האָבן פאַרמאַכט זייערע קראָמען פריער ווי געוויינלעך, די לאָדנס זענען פאַרקלאַפּט געוואָרן. די בעלי־מלאכות האָבן פאַרלאָזט זייער אַרבעט, און דער בריטער עולם האָט, מאַסנווייז, געשטראָמט אַהין, צו דער גרויסער שיל, כדי צו באַצייכענען דעם יאָרצייט פון פאָלקס־פירער. דער בנין איז געווען איבערגעפּולט. מען האָט זיך צוגעהערט צו די רעדעס וועגן הערצלס לעבן און שאַפן; און ווען זלמן לייב, דער חזן, האָט מיט אַ געדריטער אָבער אומעטיקער שטימע אויסגעזונגען „את נשמת המנהיג ד"ר בנימין זאב הרצל שהלך לעולמו", האָסטו געקאָנט פילן, ווי אַ שטילע ציטערניש נעמט אַרום יעדן — אַ סימן פאַרן אויסדרוק פון פאַרערונג, וואָס די עדה פילט פאַר דעם דערהויבענעם פאָלקס־זון; אַ סימן פאַרן געפיל פון געמיינזאַמקייט אין זייער האַרצן.

און איך געדענק: כ"א בתמוז תרצ"ד. ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה איבערן שטעטל: ביאַליק איז געשטאָרבן. פאַר נאַכט, אָן אַ ספּעציעלער מיטטיילונג, אָן אַן אויסרוף, האָבן זיך פאַרמאַכט די געשעפטן, ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרבעט פאַר דער צייט, און אַלע — דערוואַקסענע, יוגנט, שילער — האָבן געשטראָמט צו דער שיל, זיך מתיחד צו זיין מיטן זכר פון גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער, וועמענס שירים זיי האָבן ערשט נישט לאַנג געלערנט, איינזאַפּנדיק אין זיך זייער גייסט. ביאַליקס פּאָעזיע איז דאָך געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון זייער גייסטיק־ייִדישער וועלט.

די שיל איז פול געפּאַקט. די לעצטע זונען־שטראַלן פאַרשווינדן. עס ווערט פינצטער. אַ שטילקייט הערשט אומעטום. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זענען אויף די טרעפּ, פאַרן אָרון קודש, אַרויף די לערערס הלל דובראָוו, ברוך יאַשטשיקמאַן און נאָך זיי — דער שרייבער פון די שורות. זיי האָבן געשילדערט שטריכן פון דער שטראַלנדיקער און איידעלער געשטאַלט פון דעם גרויסן דיכטער; זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין רייכער גייסטיקער ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אונדזער דור. און ווען מען האָט פאָרגעלייענט פראַגמענטן פון דעם דיכטערס לידער — „על השחיטה", „בעיר ההריגה" און „אמי זכרונה לברכה", האָבן זיך ביי אַ סך געוויזן טרערן אין די אויגן.

מיר זענען אַרויס אין דרויסן. די שיל האָט זיך אויסגעליידיקט. איבער אונדז — אַ זילבערנע לבנה און אַ הימל פאַרזייט מיט שטערן. די צונויפגעקומענע זענען צוריק אהיים געגאַנגען. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך עפּעס פון דעם דיכטערס דערפרישנדיקן און קלאָרן גייסט, וואָס לייטערט און גיט אינהאַלט אין לעבן, וואָס מוטיקט און דערמונטערט, מען זאָל קאָנען ביישטיין די שווערע נסיונות, וואָס זענען עלול צו קומען אויפן רויִקן שטעטל.

באמערקונג: מיר האָבן ביודעים זיך באַנוצט מיטן אויסדרוק „שיל" (און נישט „שול"), ווייל אַזוי האָט מען זיך אויסגעדריקט אין שטעטל. אַלע אַנדערע בתי־כנסת האָט מען אין יעדינעץ, אַזוי ווי אין אַלע צפון־בעסאַראַבער שטעטלעך, גערופן „קלויזן" (אין לאָקאַלן דיאַלעקט „קלוז"). דאָס וואָרט „בית־מדרש" האָט מען זייער זעלטן באַנוצט. ווען מ'האָט געזאָגט „שיל", האָט מען געמיינט דאָס, וואָס אין אַנדערע ערטער רופט מען „די גרויסע שול" (בית הכנסת הגדול" אָדער „המרכזי"). דער דורכשניט־שטעטלשער האָט זיך נישט באַנוצט מיטן אויסדרוק „גרויסע שיל". אגב — אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע איז אָפט צו באַגעגענען דאָס וואָרט „שיל" (מיט אַ יו"ד), פאַרן באַגריף „בית כנסת", כדי צו אונטערשיידן פונעם וואָרט „שול" (מיט אַ מלופ"ם) פאַרן באַגריף „בית ספר". אייניקע באַנוצן פאַרן לעצטן באַגריף דאָס וואָרט „שולע".

רעד'.

מרדכי רייכר

בית־הכנסת הקינסקאי (קינסקע קלויז)

לכל בית־כנסת בעיירה, היה קהל־מתפללים מיוחד לו, אשר בחלקו הגדול השתייך לענף מקצועי מסויים ולשכבה סוציאלית מיוחדת. כך למשל, ידעו, כי בבית־הכנסת של השמ־שים (שמשים־קלויז) התפללו בעיקר הקצבים וסוחרי־העורות; ב„שניידערשע קלויז" לרוב החייטים; בבית־הכנסת הוסיאַטין — בעלי החנויות, הרב, הדיין ועוד תלמידי חכמים ויודעי־ספר; ב„שע־רי־ציון" ו„תרבות" — בעלי דעה מתק־דמת, משכילים וציונים, וכך בכולם.

בית־הכנסת הקינסקאי, אשר עמד בין השוק שבמרומי הגבעה ומעבר לו — הכנסיה הנוצרית הגבוהה במערבו, ורחוב החייטים לצפונו, היה בית ישן, בנוי לבני בוץ וקש. רצפתו — רצפת עץ שרבו בה השקעים והסדקים מיושן, ואילו על הקירות והתקרה — ציורי פרחים, פירות, ציפרים, עופות למיניהם, שמות י"ב המזלות ועשרת השבטים, מצויירים ביד אמן, מנורות חשמל השתלשלו מהתקרה והפיצו את שלל אורותיהן בחללו של הבית ובמיוחד בימי שבת, חג ומועד.

כמה מדרגות־אבן הובילו למעין פרוזדור־כניסה לבית, אשר קירותיו לוחות־עץ פרוצים וסדוקים, ללא תקרה ומקום משכן אידיאלי לקיני ציפרים מנתרות להנאתן ועורכות ביקוריהן בבית־הכנסת פנימה, באין מעצור מפריע.

ציבור המתפללים, לפי מעמדו הסוציאלי, היה במיעוטו מבני המעמד „הבינוני הנמוך", חנוונים וסוחרים זעירים, ואלה ישבו כבוד ליד הכותל המזרחי, ולכל אחד מקום מיוחד ועמוד (שטענדער) משלו, ואילו הרוב — היו בעלי־מלאכה, חייטים, נגרים ודומיהם, ואלה ישבו על ספסלים ארוכים בחלקו המערבי של הבית, רכונים על גבי שולחנות ארוכים, מחולקים למקומות ולתאים להחזיק בהם את תשמישי התפילה.

בכל ימות השבוע נתכנסו לתפילות „שחרית", „מנחה" ו„מעריב" „מנין" מתפללים אחד או שניים ואילו בשבת ובימי חג התמלא הבית עד אפס מקום. בימים אלה היו מתאספים כל ה„פני" של בית־הכנסת. נ ח ס נ ד ל ר, היה הגבאי הראשי. הוא היה יהודי גבה־קומה, בעל הדרת־פנים שזקנו האדמוני ירד על מידותיו. מקצועו — סנדלר. בית־מלאכה לסנדלרות, ומהמשובחים בעיירה, היה לו. אך הוא עצמו לא עבד. האם מכאן בא לו גם שם המשפחה — סנדלר? — קשה להניח. בר־אוריין אמנם לא היה, אך יהודי נבון, מקובל על הבריות כבורר בין בעלי־מדנים ואף היה מבין המהלכים אצל הרשות.

והנה הופיע שלום פאַריקמאַכער (הספר). הוא היה בעל מספרה. ואצלו השיגו שחקני־התיאטרון שלנו, החובבים, זקנים ופיאות נכריות לאיפור בהצגות. היו אומרים עליו, כי אינו מהמתנגדים החריפים ל„טיפה המרה" וכי שלח ידו לא פעם — כך היו מספרים מפה לאוזן — בעסקים לא כשרים במאה אחוזים ומכאן גם קרבתו וקשריו לרשות. שלום זה, גבה־קומה היה, צנום ורזה ופיקה בולטת לו בגרונו המוארך, וכשהיה מדבר או מסלסל בתפילה, נישא קולו בכל בית־הכנסת מקצה לקצה. בבית־הכנסת היה „בן־בית" ומתהלך כ„בעל בעמיו" וחזקה היתה בידו למלא כמה תפקידים מסייעים בשעת התפילה. כך, למשל, היה נוהג שנים רבות לעמוד ליד ארון־הקודש הפתוח, בליל שמחת תורה, ולחלק ע ל י ו ת לעת ה„הקפות". כמו כן נהג בהקפדה לעלות בימי ראש השנה ויום הכיפורים על הבמה הזעירה אשר במרכזו של ה„בית", לדפוק בשולחן ולקרוא בקול רם:

— „ווייבער, לאל עורך דין". או: „ונתנה תוקף".

או־אז היתה תוקפת חרדה את קהל המתפללים והנשים אשר בעזרה פרצו לקריאתו, ובבת אחת, בקול בכי קורע לבבות...

וזכה בית־הכנסת שיהיה לו חזן משובח, אחד הטובים בעיירה — ל ו י ו א ל ב י ץ' שמו. ללוי זה היה קול ערב ונעים, רווי־ערגה והמיית־לב. וב„ימים הנוראים", כשהיה עובר לפני התיבה וקורא את ה„הנני העני ממעש" או את ה„אל תשליכני לעת זקנה, ככלות כוחנו אל תעזבני", או בשעת הזכרת נשמות, כשהיה קורא בקול נוגה „במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים את נשמת"... נראו דמעות בעיני רבים.

מה טובים היו יהודים פשוטים אלה. וכשם שהיו מסורים ונאמנים לעדתם, לבעיותיה, לענייה ולצרכיה, כן הוכיחו נאמנות לרעיון גאולת־הארץ ומוכנים היו לעזור ככל שידם משגת. לא ייפלא, איפוא, על כי בערב יום כיפור הועמדו על שולחן ארוך, מיד בכניסה ל„בית", ה„קערות" למיניהן: לגמילת חסד, הכנסת כלה, תלמוד תורה, הקרן־הקיימת לישראל, תרבות, החלוץ ועוד ועוד. והמתפללים שלשלו את מטבעותיהם לתוך הקופסאות וה„קערות", אחד המרבה ואחד הממעט, ככל אשר ידבנו לבו, אך לא פסחו על אף אחת.

וכמה אהבו להאזין לדברי שליח הקרן־הקיימת, קרן־היסוד או מגבית אחרת הנוגעת לארץ־ישראל ובניינה.

וזכורני, אותם ימים הייתי לרוב מחוץ לבית, וידוע היה ברבים, כי מקורב אני לענייני ארץ־ישראל ובקי במתהווה בה. כשהיתי מזדמן הביתה בימי חג ומועד וסר עם אבא ז"ל לבית־הכנסת, ביקשוני לספר להם חדשות על ארץ־ישראל. לא יכולתי לסרב להפצרותיהם.

היה זה בימי המאורעות של תרצ"ו, ובארצות הגולה ערכו אז מפעל מיוחד מטעם הקרן־הקיימת תחת השם

„הגלילה". נזדמנתי אז לבית־הכנסת ונתבקשתי לספר להם משהו... עליתי על הבמה הזעירה. התפילה נפסקה. בבית־הכנסת נשתררה דומיה. סיפרתי להם על פרוץ המאורעות, על הרוגי יפו, על היישובים במצור, על גאולת הגליל ועל העליה לחניתה. וכאשר מסרתי להם כי בין מקימיה־מגיניה של חניתה נמנים חמישה מבני עיירתנו, הלא הם יצחק, בנו של משה שטיינבורק, הרב „מטעם", וכן פנחס, בומה ורחל, בניהם של קלמן מיידלמן — חשת ברטט שאחז את השומעים ושמעת את פעימת־לב כולם.

לצערנו, לא חשו יהודים טובים אלה, כי שואה מתקרבת וכי מצפה להם גורל אימים והוא כה קרוב...

תשמשנה שורות הללו נר־זכרון לעדה אומללה זו ביום פקודתה.

והשם „קינסקי" קלויז — מניין?

סיפרו, כי כאן במקום שבית־הכנסת עמד היתה פעם, אורוות־סוסים, שהשתייכה לפריץ. קנו יהודים את האורווה, פינוה, והקימו במקומה בית־כנסת. ועל שם ה„סוסים" („קיני" — באוקראינית), נקרא בית־הכנסת „קינסקי קלויז"... בית־הכנסת של הסוסים, — כלומר במקום בו היו פעם סוסים...

משה פורמאַן

די „אַלטע קלויז"

ווי מיר איז באַקאַנט, איז די ערשטע קלויז אין שטעטל געווען די „אַלטע קלויז". ווי כ'האָב געהערט, איז זי געגרינדעט געוואָרן נאָך אין די פופציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, און אפשר נאָך פריער.

די מתפללים האָבן געהערט צו אַלע שיכטן. דער עלטסטער גבאי אין קלויז, וואָס איך געדענק, איז געווען ר' אלתר טשערנאָליפקער ז"ל. ער איז געווען אַ שטרענגער אָבער אַ לייטישער מענטש און אַ גוטער בעל־הבית. ער פלעגט פאַרטיילן די ערטער, די עליות צו דער תורה און די הקפות שמחת־תורה, אַלץ לויטן יחוס און חשיבות פונעם מענטשן. קיינער געדענקט נישט קיין מחלוקתן אין קלויז. דעם ערשטן חזן, וואָס איך געדענק, האָט מען גערופן שמואל־יוסף. ער האָט געהאַט אַ טענאָר־שטים. זיין זון אברהם צורליק האָט אים געהאָלפן יום־כיפור ביים מוסף.

סוף זיבעציקער יאָרן האָט מען אויפגעשטעלט די גרויסע שיל. דערנאָך די שטעפּאַנעשטער קלויז, די סאַדיגערער קלויז, זלמנס שיל, די טשאַרטקאָווער קלויז, די הוסיאַטינער קלויז, זלמנס שול, די טשאַרטקאָווער קלויז, די הוסיאַטינער 1906 האָבן די ציוניסטן געגרינדעט זייער קלויז „שערי־ציון" צוזאַמען מיט אַ „תלמוד־תורה".

נאָך דער פטירה פון גבאי ר' אלתר איז מיין זיידע ר' מרדכי־ניסן ז"ל געוואָרן גבאי און נאָך אים — אברהם חרלפ ז"ל, צבי גראַבמאַן ז"ל. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה איז אין דער אַלטער קלויז געווען גבאי יצחק בן ראובן־יוסף שוואַרץ.

נאָך ר' שמואל־יוסף איז געוואָרן חזן אין קלויז ר' משה אַזיסער. זיין אייגנטלעכע פרנסה איז געווען האַניק און מייד־מאַכעריי. אַנדערע חזנים אין קלויז: ר' ברוך זאַלצמאַן ע"ה, משה־בער חכמאַוויטש ע"ה. זיין „לדוד מזמור" האָט תמיד צוגעצויגן עולם.

די קלויז האָט מען אויסגעהאַלטן דורך דער „שיסל" פון ערב יום־כיפור. דער גבאי און אייניקע באַלעבאַטים זענען געזעסן ביי דער שיסל ערב יום־כיפור. מוצאי יום־כיפור האָבן זיי פאַרטיילט דאָס געלט צווישן שחרית־ און מוסף־חזנים, נישט פאַרגעסנדיק דעם בעל־תוקע און דעם שמש. דער בעל־תוקע איז כל ימיו געווען ר' יונה שו"ב ז"ל. דער בעל־קורא איז כל ימיו געווען ר' שמוליקל דייק. זיין זון, ר' ברוכל דיין, האָט אים געירשנט אַלס בעל־קורא. דער בעל־תוקע איז דאַן געווען ר' מאיר־בער בר' נחום־זלמן. דער שמש איז אויך געווען ר' נחום־זלמן, דערנאָך זיין זון שמואל־לייב — זכרונם לברכה.

די רוסן, וואָס זענען אַריין אין שטאָט אין 1940, האָבן די קלויז פאַרוואַנדלט אין אַ סקלאַד, אַ מין פלייש־מאַגאַזין. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיט אַלע אַנדערע קלויזן, אויך מיט דער גרויסער שיל, כמנהגם בכל מקום.

חולון

מיסמך מיוחד במינו על יהודי ידיניץ משנת 1913 (תרע"ד)

אנו מביאים בזה גלופת מיסמך מיוחד במינו להכרת קהילת יהודי ידיניץ. המיסמך נמצא בעזבונו של ר' ברוך בלאנק ז"ל, (עלה בשנת 1931, נפטר בתל־אביב, בשנת 1945) ונמסר לנו ע"י ד"ר אלימלך בן ברוך בלאנק. שם המיסמך: „חשבון הנדבות מערב יוה"כ תרע"ד... לקניית אדמה בארץ־ישראל". ה„חשבון" פורסם בחוברת מטעם המרכז הציוני (כנראה — לשכת הקרן הקיימת לישראל) שבאודיסה, על התרומות שנאספו ב„קערות" שהוצבו ערב יום־הכיפורים בבתי התפילה השונים בכל הישובים בפלכי הדרום של רוסיה הצארית: חרסון, בסרביה וטאַבריה. הדו"ח כולל שמות רוב המנדבים, לפי בתי־התפילה בהם הוצבו ה„קערות".

בדיעבד, נשמרה לנו רשימה של קרוב ל־360 ראשי־משפחה, מבאי בתי־הכנסת בידיניץ. הרשימה מכילה שמות ידועים של יהדות ידיניץ וראשיה. חבל שמוסרי הדו"ח קצצו ברשימה בפרסמם בראשי־תיבות נ"ק (נדבות קטנות) ונ"ש (נדבות שונות) בלי פירוט השמות.

בס"ה נתרמו אז בידיניץ (המורשה של הקה"ק היה אז ר' ברוך בלאנק ז"ל) 131,51 רו"כ — סכום נכבד בימים ההם, בכל אופן, סכום גדול מזה שנאסף בערים גדולות מידיניץ.

פרט מעניין: ב„שערי־ציון" נאספו נדבות גם בעזרת־

יעדינצי

ע"י ברוך בלאנק

	ק.	ר.
<u>בביהת"ם יעקב לערניר</u>		
ע"י ברוך בלאנק		
יעקב לערניר	—	1
ברוך "	—	1
ליבוש "	—	1
אברהם "	—	1
ברוך בלאנק	—	1
נסט מארגנשטערן	—	1
יש. ראזענמאליער	50	
ליב פיכמאן	50	
זאב מאגינשטיין	25	
א. מטארנאאסטראווסקי	50	
אלתר רויזמאן	25	
נ"ק	25	
	25	8
<u>בביתה"ם הישן</u>		
ע"י א. לעווימאס		
מאיר בוים	50	
צבי זילבערמאן	50	
צבי שיכמאן	20	
אברהם לויפס	23	
ישראל שיכמאן	20	
אברהם לויפים	20	
יחיאל קליגמאן	20	
מנחם מאקס	20	
יוסף פיינבוים	20	
יעקב ראבין	20	
מאיר פיינבוים	20	
מאיר תעלמנאס	20	
א. גאנדילמאן	20	
נ"ק	27	2
	50	5
ע"י פנחס היילפערין		
פנחס "	20	
שלמה "	20	
א. "	20	
שבתי רוטמאהן	20	
אהרן וויינשטנקיר	20	
יוסף גינזבארג	20	
נסן שור	20	
ליפא "	20	
בצלאל גרינשפאן	20	
ישראל קלקיי	20	
יוסף זישמאן	20	
יעקב רוזינבלאט	20	
מנחם "	20	
דוב בעריל ראבין	20	
יוסף שפייער	20	
בעריל ראבינאוויטש	20	
שלמה ווכטיר	20	
מאטיל קעצמאן	20	
יוסף ראבינאוויטש	20	
זאב קאליבלאצקי	20	
	—	4
<u>בביהמ"ד שערי ציון</u>		
ע"י בן ציון ויסן		
ב. צ. "	50	

	ק.	ר.
אהרן דעגמאן	50	
שמואל פראדים	50	
יצחק וועלמאן	20	
ח. י. בוימעלשטיין	50	
יצחק מלמואהן	20	
יעקב קירוזניר	2.	
משה בראכמענבערג	30	
שמחה גארבער	20	
יצחק שאדירמאן	20	
א. ראבינאוויטש	20	
י. ל. זוסמער	30	
אהרן ווייצמאן	30	
ישראל גראבארד	25	
יוסף קאמינעצקי	20	
מאיר היידילמאן	30	
אברהם לערנער	20	
מנחם שן	20	
א. פרייליך	50	
משה ראזינמאהל	30	
זלמן נעהלמאן	40	
חיים ווינגראב	30	
ליפא פעלבערג	40	
ישראל קארנמאן	50	
נחום הוכמאן	30	
ישעיהו רויזינבערג	30	
משה וועקסליר	20	
יחיאל נעמישיניצער	50	
יוסף קויפמאן	30	
דוב רויזענפעלד	20	
מאיר בלאנק	20	
יצחק הויכמאן	20	
א. ל. יאבאלניצער	20	
דוד קויפמאן	30	
חיים ראבינאוויטש	30	
יחיאל שוחט	20	
פייביש לערנער	50	
יוסף זאגים	30	
יוסף יצחק	20	
שמואל פארמאן	30	
אשר קויפמאן	25	
שמואל וויינשטינקער	20	
שמעון שור	50	
ישעיהו מילפאלאר	40	
מענדיל מיטילמאן	20	
תנ. פייוול ווארקטא	50	
משה ניקעברמאן	50	
נ"ק	25	
	95	14
<u>בביהת"ם של זלמן בראנשטיין</u> ע"י י. צ.		
פעלדמאן וו. ווינגמאן		
זלמן בראנשטיין	20	
יעקב צבי פעלדמאן	20	
ווידס ווינגמאן	20	
יואל ליווערמאן	20	

	ק.ו.ר.
ישראל צור	20
יוסף פישמאן	25
ברוך שניידערמאן	20
ליבוש רויטשטיין	20
ישראל קאסערמאן	20
שלמה העלליר	20
מלך פיינבוים	20
יהודה י. אקירמאן	20
שמואל בראנשטיין	30
חיים אקשטיין	20
מאשי בראנשטיין	20
ל. ראנדישאנסקי	20
אברהם רויכמאן	30
משה שקאלניק	25
שלמה פעלדבוים	20
דוב קויפמאן	20
משה מאקס	20
אברהם בראנשטיין	50
יוסף עדילמאן	20
דוד פינקעל	20
אברהם ליבמאן	20
חנה רויזנטאל	20
יעקב פארמאן	20
שמואל שעכטער	20
יוסף חאריטאן	20
צבי ווארשיקאווסקי	20
צבי בראנשטער	20
צבי כהן	20
מאיר ראזענבערג	20
שמואל רעדער	20
יוסף שטיינמאן	20
א. ארענשטיק	20
שמואל גראסמאן	20
ס. לאסאטינסקי	20
משה איידילמאן	20
ישראל אקירמאן	20
זאב מאזעשעוויטש	20
יהושע פינקאווסקי	20
יהודה ליב מאגאלניק	20
ניסן קאלקיר	20
חיים שעכטמאן	20
צבי קייפמאן	20
שמואל ווייסמאן	20
מכיל גלזומאן	20
נתן פרגם	20
ישעיהו בייבארג	20
נ"ק	77
	11 37
<u>בביהמ"ד ראשקיוו</u> ע"י	
אליעזר הסיד	
אליעזר "	20
שלמה ב"ר נחום	20
שמואל מאקסוים	20
חיים פעלדמאהן	20
מרדכי רויזינבארג	20

	ק.	ר.
צבי בעקירמאהן	20	
ישראל שביינין	20	
ליב מאלאמניק	25	
מענדיל דארף	20	
ליב שווארצמאהן	20	
פישיל קאמשיר	20	
צבי רויזינבלים	20	
נ"ק	55	2
	—	3
<u>בביהכ"נ וויספינער</u> ע"י		
יצחק רוזנטאל		
שלמה קלינגמאן		
יצחק רוזינטל	50	
שלמה קלינגמן	50	
שלום ווייסמן	20	
א. וואלפינזן	20	
צייליק גיסירמן	20	
יחו. ספירא	20	
ס. ווינגרויב	20	
מאיר גאזדינאוו	20	
יוסף נכמן	20	
נח ליידרמן	20	
צבי וויינשטיין	20	
דוד בימשייסקי	20	
יח. א. סניטקווסקי	20	
יוסף שטייף	20	
אב. ב. ווילענקי	20	
עזריאל חאפירמן	20	
ישראל ווינגרויב	20	
משה שקלניק	20	
א. לייוויטש	20	
שאול חארטיין	20	
שבתי ווינעוויטש	20	
אהרן ראבייך	20	
ב. ווינשטיין	20	
משה אקסלרד	20	
משה שיך	20	
אברהם שוורצמן	20	
משה בימשייסקי	20	
יעקב קפרשמיד	20	
מנשה וויינשנקיר	20	
יצחק ליוויסוק	20	
מאיר וואלאוויטש	20	
ישעיה ברונשטיין	20	
משה היינדלמן	20	
מנחם ברונשטיין	21	
משה רביטוויטש	20	
מאכיל חאכיטאוויטש	20	
זאב שווארצמן	20	
חיים וויינשנקיר	20	
נפתלי רוטשטיין	20	
יוסף קוזמן	20	
נ"ק	84	1
	45	10
<u>בביהת"ם שוהל הגדול</u>		

	ק.	ר.
ע"י נחום חכמאוויטש		
וכ"ה מאיר מאלפניר		
משה מאיר	25	
מאיר שמעון פעלדמאן	30	
שמואל פישמאן	20	
קאפיל פעלדמאן	20	
משה לערניר	20	
יחזקאל קאווירמאן	20	
משה קעריק	20	
מעכיל ריכטער	20	
א. צ. קויפמאן	22	
משה רויטבארד	20	
גדליה פישמאן	20	
אברהם "	20	
משה מעליר	20	
שמואל שמולעוויטש	20	
אברהם מאגאלניק	20	
יוסף פישמאן	20	
חנינא שינדין	20	
משה סטעלמיך	20	
יעקב שעכטיר	20	
חיים גרויסמאן	30	
גרשון ויציר	20	
אברהם באביר	20	
נ"ק	20	
	75	4
<u>מבהכ"נ על יד שוהל הגדול</u>		
צבי רויזענבערג	20	
חנה לערניר	20	
ש. צ. מקסיר	20	
טוביה פיכמאן	20	
יעקב קליינמאן	60	
נ"ק	20	
	60	1
<u>בסידי"ג קלוין</u>		
ע"י יצחק בוים		
וו. מילגראם	20	
אל. בריין	20	
שמואל קרסנסקי	25	
י. בוים	44	
נ"ק	56	1
	65	2
<u>בביתה"ם סקלארני</u>		
ע"י אשר שיינבערג		
יעקב ב. שווארץ	20	
שאול שטיינבערג	20	
מיכל שטיינבערג	20	
אשר "	20	
שמשון קויפמאן	20	
חסי גלייזמאן	20	
אליעזר נאטמאן	20	
יואל "	20	
בעריל רויזענבערג	20	
יוסף קארען	20	

הנשים; ב„מנין יעקב לרנר" ישבה ליד קערה אחת מרת שרה אשת ר' ברוך בלאנק (כנראה, גם כן בעזרת־הנשים).

שמות רבים נמסרו במשובש, כגון א. ל. יאַמאָלניצער (יאַגאָלניצער, המורה והמשורר), וואַרמאַן (ווייסמאַן), ביהכ"נ וויסטינער (הוסאטינער) וכו'.

על בתי־הכנסת שב„חשבון" — ראה את הרשימה „בתי־כנסת בידיניץ" (ביידיש).

אַן אייגנאַרטיקער דאָקומענט איבער די יעדינעצער ייִדן פון יאָר 1913 (תרע"ד)

מיר ברענגען דאָ אַ פאָטאָ־קאָפּיע פון אַן אייגנאַרטיקן דאָקומענט פאַר דער קענטעניש פון דעם יעדינעצער ייִדישן ציבור אין 1913. דאָס איז אַ חשבון פון געלטער, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן אין די קלויזן לטובת א"י, ערב יום־כיפור תרע"ד. דער חשבון רעכנט אויס די נעמען פון אַלע מנדבים, וואָס האָבן תורם געווען מער ווי 20 קאָפּיקעס, לויט די קלויזן, אין וועלכע זיי דאַווענען, מיט די נעמען פון די זאַמלער. האָבן מיר אַזוי אַרום באַקומען אַ רשימה פון קרוב 360 נעמען פון יעדינעצער שול־בעלי־בתים, דערונטער באַקאַנטע נעמען פון יעדינעצער ישוב. אַ שאָד, וואָס די נעמען פון פיל מנדבים באַהאַלטן זיך אויס אונטער די איניציאַלן נ"ק (נדבות קטנות) אָדער נ"ש (נדבות שונות).

בסך הכל זענען געזאַמלט געוואָרן אין יעדינעץ (דער קאָמיסאַר פון קרן־קיימת איז דעמאָלט געווען ר' ברוך בלאַנק)

	ק.	ר.
יוסף שפארקענבערג	20	
בן ציון וויינטראב	20	
פסל שווארצמאן	20	
חיים שקאלניק	20	
יעקב שחטמאן	20	
יוסף שווארץ	20	
ג. ראזענטאל	20	
צבי ברוינשטיין	20	
יחזקאל טאמאר	20	
אהרן צבי וואלבמאן	20	
ג. ז. קלארמאן	20	
פנחס ליפווין	20	
משה קויסמאן	20	
מרדכי רויזענבערג	20	
מאני נאמבאן	20	
מאיר שרענצים	25	
יעקב אבומאוויטש	20	
אליהו סגאל	20	
נח שפארינבערג	20	
יצחק שווארצמאן	20	
יוסף גאלדענשטיין	20	
נ"ק	75	
	—	7
בביהת"ס של שמואל ליבמאן ע"י ישעיה פלאטניק וישעיה קליינמאהן		
ישעיה פלאטניק	50	
משה בראמסאהן	20	
ישעיה קליינמאהן	20	
שמואל ליבמאהן	—	1
שלום ווידמאהן	20	
יצחק וואלפינזאן	20	
דוד גארידעצקי	20	
צבי עלבראך	20	
אהרן פרזמיסלאוו	50	
יצחק פעלדמאהן	20	
מאיר וויינרויבער	20	
קאפיל שטייניק	20	
שמואל סידמאן	25	
ישעיהו שטיינבערג	20	
יצחק גאקאווסקי	20	
נפתלי פאסטילניק	20	
יצחק מאיאנסקי	20	
נ"ק	10	1
	95	5
מביתב"נ נר מצוה ע"י ישר. שטיינבערג ומרדכי נעטיר		
מאיר גימילמאהן	20	
דוב וואלקי	20	
דוד שערמאהן	20	
מאני גייניר	20	
שמואל מילמאהן	20	
ליב בארשיצקי	20	

	ק.	ר.
משה ליוטאהן	20	
אברהם הענדליר	20	
א. יוסף קיסליקוויטש	20	
מ. יואל פראכמאהן	20	
נת סנדלר	20	
מ. שניידירמאהן	20	
ש. סילמאהן	20	
פסח ראפאפארט	20	
ל. מאנאליניס	20	
יהושע גריינקיל	20	
י. קאפמאהן	20	
צבי הארין	20	
קאפיל סילמאהן	20	
אהרן קיפמאהן	20	
דוד לאנדמאהן	20	
פנחס גראכמאהן	20	
גרשון האנדילסאהן	20	
ישר. א. ברויטמאהן	20	
ישר. שטיינבערג	20	
נ"ק	01	2
	01	7
בה"ת שטעפאנעקשטער ע"י ישר. רוזענטאל		
אברהם •	20	
צבי ווידמאן	30	
ישראל ראזענטאל	30	
אלי' קיססילמאן	20	
יעקב העלפגאט	20	
יעקב רויטמאן	25	
שמחה •	20	
מ. ג. גרינשטיין	25	
נפתלי שוחט	20	
אשר רוזענבערג	20	
נחום חאכאמאוויטש	20	
נפתלי ליוואק	20	
שלמה טמסאן	20	
סענדיל ליוואק	20	
מרדכי קעסטעלמאן	20	
חאנע •	20	
שלמה רוזענטאל	20	
יחזקאל בירמאן	20	
ליב העלציר	20	
י. דאבינאוויטש	20	
י. פעלדמאן	20	
אהרן זמורא	20	
יוסף הארצמאן	20	
מ. ד. שטיינבערג	20	
שמואל שפאיר	20	
בן ציון שעכטמאן	20	
יש. פעפערהאלץ	20	
דוב גערשינזאהן	20	
נ"ק	35	1
	25	7
מהקלויז דשמשים ע"י מרדכי שיינדילמאן ומרדכי ליינטקרמאכער		

	ק.	ר.
מרדכי שיינדילמאהן	30	
שמואל •	20	
יעקב צ. •	20	
יוסף פרידמאן	20	
יעקב ארבייטמאן	20	
מאיר פישמאן	20	
שמחה •	20	
זכרי' כץ	20	
יאקעל ברוימאן	20	
מאטיל פרידמאן	20	
מרדכי גיטמאן	20	
א. מ. פרידמאן	20	
יוסף משה סימים	20	
ש. מ. שקאלניק	20	
יחיאל ברוימאן	20	
מאטי סימים	20	
וואלף חיים ברוימאן	20	
פייוויל סימים	20	
אפרים אקסילהארן	20	
מאטי גרינבארג	20	
מאיר סילמאן	20	
יעקב שקאלניק	20	
גרשון בריקמאן	20	
אברהם ויצער	20	
צבי דאבים	20	
שמעון בלאנק	20	
יוסף הורוויץ	20	
מאיר פאפאוזסקי	20	
פנחס גאלדינשטיין	20	
יעקב וואסירמאן	20	
ש. א. דאריב	20	
אברהם אקערמאן	20	
יעקב מאליר	20	
דוד גראסאן	20	
ניסן. וויינבערג	20	
פסח קוזמאן	20	
אלחנן אקערמאן	20	
דוד שעכטער	20	
שמואל בעקערמאן	20	
נ"ק	12	2
	02	10
בבה"ת חסידי משערמקאוו ע"י א. אבא גראזמאן נ"ש	20	5
בבה"ת פאטשטאוויע ע"י ליב גאנבערג נ"ש	50	3
בביהת"ס לחייטים ע"י ליב מעפיר נ"ש	—	3
בביהת"ס פת לחם ע"י אלתר רויזמאן וזאב פשערנאמבראווסקי נ"ש	06	2
במנין ניסן הארמאן ע"י א. אקסעלראד	—	2
בביהת"ס „שמואליקיל" ע"י יוסף צוריאק	30	
במנין בזר דאנדירמאני ע"י אהרן ש"ב בהור"ר	50	1
בביהת"ס „שערי ציון" בקלויז ע"י צבי קרעמער נ"ק	20	1
בביהת"ס על שם זבן ברוינשטיין ע"י צבי קרעמער נ"ק	50	5
במנין יעקב לרנר ע"י שרה בלאנק	50	1

חשבון
הנדבות
מערב יום הכפורים תרע"ד

לטובת החברה לתמיכת בני ישראל עובדי אדמה ובעלי מלאכה בסוריא ובארץ הקדושה

לקנית אדמה בארץ ישראל

עם רשימות המנדבים מפלכי: חרסן, בסרביה, טבריה.

СЧЕТЪ
ПОЖЕРТВОВАНІЙ

наканунѣ судного дня 1913 г.

въ пользу Общества вспомоществованія евреямъ земледѣльцамъ и ремесленникамъ въ Сиріи и Палестинѣ

на покупку земли въ Палестинѣ.

Дозволено Военной Цензурой.
Одесса, ... Августа 1914 г.
Типографія ...

131,51 רו״כ (!) — אַ גרויסע סומע אין יענע צייטן; יעדנ־פאַלס, פיל מער ווי אין גרעסערע ישובים פון יעדינעץ.

אַן אינטערעסאַנטער פּרט: אין „שערי־ציון" (די ציו־ניסטישע קלויז) איז געזאַמלט געוואָרן אויך אין עזרת־נשים... און אין „מנין יעקב לרביר" האָט געזאַמלט אַ פרוי — מרת שרה אשת ר׳ ברוך בלאַנק (וואַרשיינלעך אויך אין עזרת־נשים).

פיל נעמען זענען פאַרגרייזט איבערגעגעבן געוואָרן, ווי למשל: אילי יאַמאָלניצער (געמיינט, זעט אויס, יאַגאָל־ניצער, דער מורה און משורר); מנין וואַרמאַן — געמיינט וויסמאַן (ניסן); ביהכ״נ וויסטינער — געמיינט הוסאַטינער אאַ״וו.

ראשי תיבות: נ״ק (נדבות קטנות); נ״ש (נדבות שו־נות; ביהת״פ — בית־התפילה; ביהכ״נ — בית הכנסת; בע״נ — בעזרת נשים; בהוש״ר — בהושענא רבא.

וועגן די בתי־כנסת — זע נאָטיץ „בתי־כנסת אין יעדינעץ".

חזנים אין און פון יעדינעץ

ישעיהו וויניצקי אין זיין איבערזיכט „החזנות בבסאַראַביה" (אין בוך „יהדות בסאַראַביה" פון דער סעריע „אנציקלופדיה של גלויות", ירושלים 1971) רעכנט אויס אַ גאַנצע ריי חזנים געבוירענע אין יעדינעץ, אָדער וועלכע האָבן משמש געווען דעם עמוד אין יעדינעץ און וועלכע זענען באַרימט געוואָרן אויסערן שטעטל.

✶ יוסף שטערנבערג („יאָסעלע קאַרפּאַטשער"); געבוירן אין קאַרפּאַטש אין 1884. אַ תלמיד פון פּיני מינקאָווסקי פון אָדעס. אַ לאַנגע צייט געווען חזן אין יעדינעץ. זינט 1923 אין אַמעריקע. דער שרייבער משה אַלטמאַן (אַ ליפּקאַנער) באַשרייבט אים אין זיינער אַ נאָוועלע.

✶ ניסן ווייסמאַן. דער זון פון יוסף־זאב ווייסמאַן (גערופן ר׳ אלתר פּייוושעס) פון כאָטין. דער פאָטער, ווי דער זון, זענען געווען רייכע באַלעבאַטים און די נגינה איז ביי זיי געווען בלויז אַ „האָבי" און נישט קיין פּרנסה־זאַך. אין ניסן ווייסמאַנס שטוב פלעגן פאָרקומען חזנישע קאָנצערטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שם.

✶ ר׳ אברהם־לייב ווייסמאַן, וועלכער איז אויך געווען שו״ב; געווען באַרימט אַלס בעל־תפילה אין יעדינעץ אָנהייבנדיק פון סוף פאָריקן יאָרהונדערט.

✶ ר׳ יעקב־יוסף גערשטיין (1874—1942), אַ זון פון יונה שוחט פון יעדינעץ. נאָך דער פּטירה פון יונה שוחט ז״ל (1940) איז ער אַריבער קיין יעדינעץ, ווו ער איז משמש געווען אַלס חזן און שו״ב. אומגעקומען אין טראַנס־ניסטריע.

✶ ר׳ ברוך־זאב זאַלצמאַן (1866—1939). גע־רופן „ברוך וועלוול־געציס"; געבוירן אין יעדינעץ, געווען אַ באַרימטער מוסף־בעל־תפילה אין דער אַלטער קלויז, ווו יונה שוחט איז געווען בעל־שחרית. נפטר געוואָרן אין יעדינעץ.

✶ ר׳ ראובן ווייסמאַן (1877—1917). אַן אייניקל פון שוחט ר׳ אברהם־לייב ווייסמאַן. געדאַוונט אין דער שטעפּאַ־נעשטער קלויז. נפטר געוואָרן אין דער מגיפה פון 1917 (וואַר־שיינלעך די „שפּאַנקע").

✶ ר׳ דוב איינים, המכונה „בערעלע שו״ב"; זיין פאָטער איז געווען באַרימט אַלס חזן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. ער איז אויך געווען שוחט אין יעדינעץ.

✶ ר׳ דובס זון אפרים, גערופן „פּרויקע נעים זמירות". אין יעדינעץ איז ער געווען משורר, קאָנצערט־זינגער און געזאַנג־לערער. די משפחה האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמערי־קע, ווו פּרויקע איז געוואָרן אַ באַרימטער חזן.

✶ שלמה אַקערמאַן. געבוירן אין 1902 אין יעדי־נעץ. ווערט צו 13 יאָר אַ זעלבשטענדיקער חזן. אַלס ייִנגל אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווו ער האָט געלערנט מוזיק און חזנות און געוואָרן אַ באַרימטער חזן.

✶ ✶ ✶

און ביי דער געלעגנהייט לאָמיר נאָך דערמאָנען אונדזער אַ ייִנגערן בן־עיר נפתלי (טולי) לענקאָווסקי, וועל־כער איז עולה געווען אין זומער 1971 פון רוסלאַנד. טולי, וועלכער איז ניצול געוואָרן פון טראַנסניסטריע, האָט גע־לערנט מוזיק אַלס רויטאַרמייער... דערנאָך אין דער מאָסקווער ישיבה. געוואָרן באַרימט אַלס חזן. געדאַוונט אין לענינגראַד און אַ שיינע פּאָר יאָר אין גרוזיע, פון וואַנען ער איז עולה געווען. לעצטנס איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן, אויף 2 יאָר, אַלס חזן אין דער אַמעריקאַנער שטאָט קאָלומבוס, אָהייאָ.

בתי־כנסת אין יעדינעץ

לויט איבערגעליפערטע טראַדיציעס, איז דער עלטסטער בית־כנסת (קלויז) אין יעדינעץ געווען די א״ג „אַלטע קלויז״ (בית־התפילה הישן — זע אַרטיקל פון מ. פורמאַן). די וויכטיקסטע קלויז איז געווען „די שיל״ אָדער (זעלטן) „די גרויסע שיל״, גערופן אין די לשון־קודשדיקע טעקסטן — „השוהל הגדול״. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1878 (זע אַרטיקל פון מ. רייכער און די קאָרעספּאָנדענץ פון עזריאל אײדלמאַן אין „הצפירה״).

לויט דער קאָרעספּאָנדענץ פון עזריאל אײדלמאַן אין „הצפירה״ (1878), זענען דעמאָלט געווען **אין יעדינעץ בלויז** 8 בתי־תפילה, ווי ער דריקט זיך אויס: **„בתי מדרשים וקלויזן רבות העולות למספר שמונה״.**

אַ צווייטע עדות וועגן די קלויזן אין יעדינעץ גיט אונדז איבער אַ דאָקומענט פון יאָר 1913,* וואָס האָט זיך געפונען אין פּריוואַטן אַרכיוו פון עסקן ותיק פון יעדינעץ ר׳ ברוך בלאַנק ז״ל (עולה געווען אין 1932; נפטר געוואָרן אין תל־אביב אין 1945) און איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך זיין זון ד״ר אלימלך בלאַנק. דאָס איז „חשבון הנדבות מערב יום־הכפורים תרע״ד (1913)... לקניית אדמה בארץ־ישראל״. דעם „חשבון״ האָט פאַרעפנטלעכט דער ציוניסטישער צענטער פון אָדעס און ער אַנטהאַלט „רשימות המנדבים״ פון יעדער שטאָט, לויט די בתי־כנסת, ווו ס׳זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די ערב יום־כיפור קערות „לקניית אדמה בארץ־ישראל״. האָבן מיר באַקומען בדיעבד אַ רשימה פון אַלע בתי־הכנסת אין יעדינעץ אין יאָר 1913: 20 אין צאָל.

1. **„בית התפילה יעקב לערניר״.** די קלויז האָט זיך געפונען לעבן שמואל ליבמאַנס קלויז. נאָך דער פּטירה פון יעקב לערנער איז געוואָרן „אויס קלויז״.

2. **„בית התפילה הישן״** — די „אַלטע קלויז״. זי האָט זיך געפונען „צווישן די קלויזן״.

3. **„בית התפילה שערי־ציון״** — אויף דער פּאַטשטאַווע; די א״ג „ציוניסטישע קלויז״. אין דער געביידע האָט זיך געפונען די „תלמוד־תורה״.

4. **„בית התפילה של זלמן ברונשטיין״** — גערופן „זלמנס קלויז״; זיך געפונען אַקעגן דער „באַיאַנער קלויז״ אויף דער שיל־גאַס.

5. **„בית התפילה ראַשקיווי״** — גערופן די „ראַשקעווער קלויז״ און אויך די „וואָלאָסט־קלויז״; זיך געפונען לעבן הויז פון נפתלי קאַרמאַנסקי.

6. **„בית הכנסת וויסטינער״** — דאָ איז בפירוש אַ גרייז; געמיינט „הוסאַטינער״. ייִדן פלעגן זאָגן די „סאַטענער קלויז״.

* זע אַ פּאָר זייטן פריער.

7. **„בית התפילה שוהל הגדול״** — די „שיל״ (זע אַרטיקל פון מ. רייכער).

8. **„בית הכנסת על יד שוהל הגדול״ — גערופן אויך** דאָס „קעשענע שילכל״.

9. **„סידרי״ג־קלויז״** — געמיינט די „סאַדיגערער קלויז״.

10. **„בית התפילה סקלאַדני״** — זיך געפונען צווישן די סקלאַדן.

11. **„בית התפילה של שמואל ליבמאַן״** — די שענסטע קלויז אין יעדינעץ (זע אַרטיקלען פון פ. מן, הרב בורשטיין א״אַנד).

12. **„בית הכנסת נר־מצוה״** — דאָס איז דער אָפיציעלער נאָמען פון „קינסקי קלויז״ (זע אַרטיקל פון מ. רייכער).

13. **„בית התפילה שטעפּאַנעשטער״ — זיך געפונען** „צווישן די קלויזן״.

14. **„הקלויז דשמשים״** — פון דער חברא קדישא.

15. **„בית התפילה חסידי טשערטקאָוו״** — די „טשאָרטקאָווער קלויז״.

16. **„בית התפילה פּאַטשטאַווע״** — וואַרשיינלעך בלויז אַ מנין.

17. **„בית התפילה לחייטים״** — די שניידערשע קלויז, אויף דער שניידערשער גאַס.

18. **„בית התפילה פת־לחם״.**

19. **„מנין ניסן וואַרמאַן״** — געמיינט ניסל ווייסמאַן.

20. **„בית התפילה שמואליקל״.**

ס׳פעלט אין דער רשימה די „באַיאַנער קלויז״.

חיים הורוויץ ווייסט, אַז די „באַיאַנער קלויז״ איז געגרינדעט געוואָרן נאָך 1913, דורך ייִדן, וועלכע האָבן פריער געדאַווענט אין דער „אַלטער קלויז״. דאָס קומט צום אויסדרוק אויך אין „חשבון הנדרים״: „אין בית־התפילה הישן״ זענען געווען צוויי קערות.

✱

ווי מ׳געדענקט, איז צוגעקומען במשך פון די יאָרן בלויז איין „מנין״: אין דער תרבות־ביבליאָטעק; מ׳פלעגט דאָרט דאַווענען בלויז אין די שבתים און ימים־טובים.

ימ״ג

מרדכי רייכר

הרב הגאון ר׳ יחיאל־מיכאל בורשטיין זצ״ל


כשהלך לעולמו ר׳ שמואל (שם־החיבה: ר׳ שמיליק׳ל) הדיין ואת מקומו ירש בנו ר׳ ברוכ׳ל, נתעורר ויכוח בקרב פרנסי העיירה: האם יש להשאיר על כנו, את ר׳ ברוכ׳ל, בעוד שהוא צעיר לימים, להמשיך בכהונת אביו המנוח, היינו בתור דיין ופוסק־הלכות, או, מכיוון שהעיירה גדלה בינתיים בחשיבותה והתרחבה והבעיות רבו והרבה פנים להן, מן הדין אולי להביא לעיירה רב ואב״ד, כיאה לה לפי ממדיה החדשים.

הוויכוח שנטוש היה בין המצדדים בהבאת רב לעיירה לבין המתנגדים לכך, לא היה פשוט ונוח כל עיקר ואף היה לעתים סוער ביותר. בסופו של דבר היתה ידם של המצדדים ברב חדש על העליונה ולפי החלטת הרוב יצאו שני שליחים, נציגי העיירה, שהאחד מהם היה אברהם וייסמן, לעיירת פאלשט (שבמדינת בסרביה) להזמין את הרה״ג ר׳ יחיאל מיכאל בורשטיין (אותו ואת רעייתו) לכהונתו החדשה בק״ק ידיניץ (קיץ 1920).

חיים הורביץ יודע לספר, מפי יודעי דבר, בקשר לוויכוחים שנתגלעו בין הצדדים היריבים, את הפרט המעניין הבא:

אחד המתנגדים החריפים לרב החדש היה ר׳ יעקב קוזלובר (דארף) מ„פני״ העיירה. ר׳ יעקב היה יהודי בעל הדרת־פנים פטריארכלית, זקן לבן ירד על מידותיו, לבוש היה בקפידה, כיאה לתלמיד־חכם. ואכן גם מלומד ובר־אורין היה, קפדן, אשר גם לא היסס לפסול את ידיעותיו של הרב החדש המיועד לעיירה.

בעצם ימי הוויכוח היתה העיירה כמרקחה. חברים מאתמול הפכו להיות לאויבים בנפש. שכנים, שכל ימיהם חיו בידידות ביניהם, הסתכסכו, בבתי־הכנסת התווכחו עד חצות בעד ונגד. בעלי־המלאכה והקצבים הרעישו עולמות והודיעו, כי יחרימו



הרב מיכאל ברושטיין זצ״ל

את הרב החדש ולא יכירו בו. וכשהגיע סוף סוף הרב, הרי בשבת הראשונה לבואו, הלך להתפלל בבית־הכנסת דחסידי הוסיאטין. בין קהל המתפללים היו כמובן כל ה„מי ומי״ של העיירה וביניהם גם ר׳ יעקב דארף. הרב עלה על הבמה ודרש בעניני דיומא. האזין ר׳ יעקב, כולו דרוך ומתוח. בגמר הדרשה עזב את מקומו קם והפליט מלה אחת בלבד: **א ה ה ה!** ויצא את בית־הכנסת. הברה זו, הבודדת, מפיו של ר׳ יעקב, דיה היתה כדי לפסול את הרב החדש. ואם כי נתקבל הרב לכהונתו עוד דובר על כך שנים רבות לאחר המקרה. הרב אמנם התקבל, אך ר׳ יעקב דארף לא הכיר בו ונשאר דבוק בר׳ ברוכ׳ל, אשר ירש את תכונותיו וסגולותיו של אביו הצדיק...

ירושתו של ר׳ שמוליק׳ל הדיין נתחלקה בין השניים: ר׳ יחיאל מיכאל ישמש בתור רב ואב״ד לקהילת ידיניץ והסביבה ואילו ר׳ ברוכ׳ל הדיין, יירש את כהונת אביו.

שלשלת היחוסין של הרב החדש היתה די מכובדת, נצר ממשפחת רבנים (כן גם אשתו), שהוסיפה יתר כבוד ויתר בטחון למעמדו הרם.

הרב בורשטיין נולד בשנת תרל״ב (1872). מצד אביו היה נכדו של הרה״ג הצדיק ר׳ יוסף מגרידונג זצ״ל ומצד אמו

— נכד הגאון ליבוש זצ"ל מסטניסלאב, דודו של ה„מאיר נתיבים". נסמך להוראה מהרה"ג ר' אלתר שליט"א האב"ד דק"ק קונסטאנטין־הישן, מהרה"ג ר' ישראל קיטובר מפאלעשט ועוד הרבה רבנים. בשנת תרנ"ה נתמנה לרב בעיר פאלעשט הנ"ל. רעייתו של הרב היתה נכדת המגיד ממעזריטש זצ"ל וממשפחת הרה"ק ר' נחום מטשערנאָביל.*

הופעתו החיצונית של הרב היתה מרשימה, כיאה לאיש נושא כתר תורה, חכמה ותבונה. זקוף־קומה היה ובעל הדרת־פנים. הוא הוכיח תבונה רבה בענייני בוררות ובדיני ממונות ועל כן מקובל מאד היה על בני עדתו ועל הסביבה הקרובה והרחוקה.

ביתו, ברחוב הראשי של העיירה, רח' הדואר, היה פתוח לרווחה לכל דורש את דבר ה' ואת עזרתו הוא. גם שלא מבני־ברית היו פונים אליו, בהיותו מפורסם כחכם ויודע להלך עם בני־אדם.

את מקומו בבית־הכנסת — והן מדובר ברב ולגבי מקום בביה"כ אין זה פשוט כל כך — קבע בקרב מתפללי בתי־הכנסת דחסידי הוסיאטין ודחסידי צ'ורטקוב, עליהם נמנה גם הוא.

בעיקר הצטיין הרב כגדול בהוראה וכבקיא בהלכות גיטין וכן בשו"ת. על כך העיד עליו הגאון מברז'ין בספרו „שאלות ותשובות". הרב בורשטיין עצמו השאיר אחריו בכתובים ספר בשם „מי השילוח" בהלכות גיטין ושו"ת.

כן הצטיין הרב בכשרון הדיבור. היה בעל לשון־לימודים שנונה ושובה לב. לא ייפלא, איפוא, שכאשר נודע ברבים שהרב עומד לנאום בבית־הכנסת בענייני דיומא — דבר שעשה לא כל כך לעתים קרובות — היו רבים הנוהרים לשמוע תורה מפיו ובין אלו, רבים שלא היו נמנים על מתפללי בית־הכנסת וביניהם לא מעטים גם לא־דתיים.

בן יחיד היה לו לר' מיכאל בורשטיין, גדול בתורה, בחכמה ובמדעים. ר' דב, ששימש רב ראשי בעיר בוטושאן שברומניה, היה נוהג לבקר לעתים קרובות בבית הוריו וביקוריו הפכו למאורע בקרב תושבי העיירה ובמיוחד בקרב אנשי תורה ויודעי ספר. על ביקורים אלה באותם ימים מספר הרב דב בורשטיין עצמו:

„נוהג היה עמי לבקר מדי שנה את בית אבי. לעתים ביקרתי שם אף פעמיים בשנה, אם בימי חג ואם לרגל ענייני המשפחה. ומכיוון שבית אבא, בתור כזה, היה פתוח לרווחה לרבים הפונים אליו בעניינים שונים, הייתי מלווה אותו, לא פעם לבית־הכנסת בו התפלל, בקרב ציבור של לומדי־תורה ותלמידי־חכמים. היתה לי הרגשה, כי אמנם נקלע אני למקום שרבים בו

---

* הפרטים הללו לקוחים מתוך הספר „אהלי שם — תולדותיהם ויחוסיהם של רבני וגדולי הדור מכל תפוצות ישראל", מאת שמואל נוח במהוכ"ר דובר זצ"ל גוטליב. פינסק תרע"ב. — מ. ר.

** על הפגישות האלה — ראה ברשימה מאת הרב דב בורשטיין.

*** בעת כתיבת מאמר זה, עדיין היו הן מ. רייכר והן הרב דב בר' יחיאל־מיכאל בורשטיין, בין החיים.



הרב מיכל בורשטיין ז"ל

בראש קהל יהודים, המקבלים פני „רבי" שהגיע לעיירה; כנראה האדמור מויזניץ, שהיה נוהג להתארח בבית ר' עקיבא (קיווע) פראדיס ז"ל.

דער רב מעכל בורשטיין ז"ל

בראש אַ קהל־יידן, וואָס זענען מקבל פנים אַ „רבי" וואָס איז געקומען אין שטעטל, ווייזט אויס — דער וויזשניצער רבי, וואָס פלעגט איינשטיין אין הויז פון ר' קיווע פראדיס ז"ל.

תלמידי־חכמים, חסידים, אנשי ספר, אוהבי הבריות ועסקני ציבור לשמה, בבחינת ,וטהר לבנו לעבדך באמת'...

למעשה היה מתפלל לסירוגין בשני בתי־כנסת — דחסידי הוסיאטין ודחסידי צ'ורטקוב, אך הקבוע יותר בין השניים, שנתחבב משום מה עליו, היה ,הוסיאטין'. לכן, יצא גם לי להכיר מקרוב אחדים מקרב מתפללים אלה וזכרון הפגישות הללו שמור עמדי עד היום, לאחר עשרות בשנים"...**

רעייתו של ר' מיכאל התמסרה לענייני ציבור והיתה פעילה במיוחד במוסד „מלבוש ערומים" שדאג וסיפק דברי הלבשה לעניי העיירה.

הבן, קנה לו שם ברבים כגדול בתורה ושלם במדעים המודרניים. פירסם כמה פרסומים חשובים שתכנם ומגמתם — חכמה ומוסר. בהיותו ברומניה, בתקופת הוויכוחים על השחיטה היהודית ונסיון שלילתה, חיבר הרב ספר (ברומנית) על השחיטה. בכתב־העת „אוצר הפסוקים", שהופיע באמריקה, פירסם מאמרים בדבר טביעת האצבעות שעל פיהן אפשר לקבוע ולהכריע בהיתר העגונות, מאמרים שהיוו חידוש בעולם התורה והמדע. גם עתה הוא מפרסם מאמרים בעתונות התורנית בישראל ובאמריקה.

עשרים ותשע שנים שימש הרב דב בורשטיין, הבן, כרב ראשי ואב"ד בעיר בוטושאן ואילו משנת תש"י (1950) חי בישראל ומשמש זה ארבע עשרה שנה כרב ואב"ד אזורי ברבנות הראשית בתל־אביב.***

על הרב ר' מיכאל בורשטיין, האב, נגזר עוד לעבור את שנות הארבעים הראשונות של חילופי משטרים בידיניץ.

כפי שנמסר, נפטר בשנת 1940 ולפי אותה עדות נערכה לו לוויה רבת משתתפים. (ראה בעמוד הבא).



המצבה על קברו של הרב מיכל בורשטיין זצ"ל

הקבר נתגלה והמצבה שוקמה ע"י השו"ב ר' ישעיה אלקיס.

דער קבר פון הרב בורשטיין זצ"ל איז אנדעקט געוואָרן און די מצבה איז רעקאָנסטואירט געוואָרן דורכן שו"ב ר' ישעיה עלקיס.

אפרים שברצמן

ר' שמואל הדיין

ר' שמואל הדיין זצ"ל ירש את כסאו מאביו ר' משה בר הדיין. ר' שמואל נפטר בגיל 70 והוריש שם לתהילה, משום חיבה קראו לו הכל „שמואליקל דיין".

עודני זוכר את לוויתו של ר' שמואל הדיין. לאות אבל פסקה המלאכה בעיר, החנויות נסגרו ותינוקות של בית־רבן שוחררו מלימודים שיוכלו להשתתף בלוויה.


על תולדות חייו וסגולותיו התרומיות של ר' שמואל הדיין סיפר הן אבי ר' יעקב ז"ל והן נכדיו של הדיין. הנה מה שמוסרים על יחסו של הדיין המנוח לדמי־הבוררות, „פסק־געלט" — ביידיש. הצדדים בבוררות שילמו כפי יכולתם, אבל לא הירשה שצד אחד ישלם יותר מהצד השני.

הוא היה עני ואביון כל ימי חייו. אבל מהכנסותיו הדלות היה פורש, ביחוד ערב שבת ומועד, לעניי העיר. משמשע כי הורים עניים אין ביכולתם לשלם שכר־לימוד למלמדים, והילדים עלולים, חס־ושלום להיות מובטלים מתורה, זימן ר' שמואליקן את עשירי העיר לביתו וחייבם, להקים „תלמוד־תורה" ולקיימה בתרומותיהם. ואכן נענו העשירים לתביעת הדיין. ולא פעם קרה שמכיסו הדל שילם את שכרם של המלמדים ב„תלמוד־תורה" שהתאוננו כי זה חודשים רבים לא קיבלו את „השכירות" שלהם.

אף־על־פי שחי חיי־דוחק, לא השמיע אף פעם באזני מישהו תלונה על מצבו.

בן־זקוניו ר' ברוכל, שהוסמך לרבנות באחת מישיבות פולין, בירשו את כסא־הדיינות בידיניץ, הלך בדרכי אביו הצדיק. הוא נספה בשואה, הי"ד.

ירושלים



המצבה על קברות הדיינים

מימין — של ר' שמואל בר' משה־דב חכמוביץ' זצ"ל (נפטר: ט"ז שבט תרע"ט — 1920) ; משמאל — ר' משה־דב בר' צבי זצ"ל (נפטר: י"ד שבט תר"ל — 1871). המצבה נתגלתה ושופ־צה ע"י השו"ב ר' ישעיה אלקיס (בת־מונה).

די מצבה אויף די קברים פון די דיינים

ר' שמואל בר' משה־דב חכמאָוויטש (רעכטס) און זיין פאָטער משה־דב בר' צבי. די מצבה איז רעמאָנטירט געוואָרן דורך שו"ב ר' ישעיה עלקיס (אויפן בילד).

יוסף מגן — שיץ און מרדכי רייכער

די קהילה

די קהילה איז אויפגעשטאַנען אויפן סמך פון רומענישן געזעץ וועגן דער אָרגאַניזירונג פון די „קולטן" און אָנהענגער פון פאַרשיידענע רעליגיעס. די אויפגאַבע פון דער קהילה איז געווען, לויטן געזעץ, צו זאָרגן פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן פון „בירגער פון מאָזאַישן גלויבן" און אויסהאַלטן די כלי־קודש, די ייִדיש־רעליגיעזע, סאָציאַלע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

די ייִדישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט ביז דער גרינדונג פון דער קהילה איז באַשטאַנען פון כל־מיני אָפּגעריסענע און זעלבשטענדיקע אינסטיטוציעס און חברות, אַזוי ווי זיי האָבן עקזיסטירט אין צאַרישן רוסלאַנד, שרידים פון דער אַמאָליקער ייִדישער אויטאָנאָמיע; לאָמיר זיי אויסרעכענען:

✶ די פאָרשטייער פון ייִדן כלפּי דער צאַרישער מאַכט זענען געווען די סאָטסקים און סטאַראָסטעס, האַלב געווילטע און מער באַשטימטע דורך דער מאַכט. אין יעדינעץ איז על־פּי־רוב געווען אַ גויאישער סטאַראָסטע.

✶ אַן אַנדער פאַרבינדונגס־אָרגאַן צווישן די ייִדן און דער מאַכט איז געווען דער קאַזיאָנע ראַבינער („הרב מטעם"), וועלכער האָט פאַרשריבן די געבורטן, חתונות, פּטירות אא"וו צווישן ייִדן און אַרויסגעגעבן באַטרעפנדיקע צייגענישן („מעטריקעס"). דער לעצטער „קאַזיאָנע ראַבינער" איז געווען משה שטיינוואָרץ.

✶ אַן אַנערקענטע יידישע אינסטיטוציע, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ פינאַנסיעלן און דעריבער אויך געזעלשאַפטלעכן כוח, איז געווען דער קאָראָבאָטשני זבאָר („קאָראָבקע"), אָדער ווי זי האָט נאָך געהייסן די טאַקסע. אירע הכנסות זענען געקומען פון שחיטה־טאַקסעס אויף בהמות און עופות. פון די טאַקסע־געלטער האָט מען געצאָלט שכירות דעם רב, דיין, שוחטים, אויסגעהאַלטן די שחיטה־הייזער פאַר בהמות (די „באָינע") און עופות, אויסגעהאַלטן דעם עירוב און געשטיצט אייניקע סאָציאַלע אינסטיטוציעס ווי די „מקוה כשרה" און דעם בית־מרחץ, (געווען אין יעדינעץ 2 בעדער — דאָס אַלטע „קליינע" בעדל און די נייע „גרויסע באָד"; געווען אויך אַ באָד־קאָמיטעט), דעם הקדש, דעם שפּיטאָל, מושב־זקנים אא"וו. די „קאָראָבקע" פלעגט איבערגעגעבן ווערן אין „פאַכט" צו פאַרשידענע פערזאָנען, וואָס האָבן, געוויינטלעך, געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט שחיטה, קצבים אָדער בהמות־הענדלער. זיי האָבן באַשטימט די הויך פון דער „טאַקסע" (שחיטה־געלט פאַר בהמות און „קוויטלעך" פאַר עופות) און האָבן זי אויך איינקאַסירט; דערביי האָבן זיי זיך פאַרפליכטעט צו שטיצן די צילן, וואָס מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט.

✶ אַ צווייטע אינסטיטוציע מיט אַ פינאַנסיעלן און געזעלשאַפטלעכן כוח איז געווען די חברא קדישא, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן דעם בית־עולם און זיך באַשעפטיקט מיטן ברענגען די מתים צו קבר־ישראל. זי האָט אויסגעהאַלטן די באַגראָבער און שמשים און געשטיצט סאָציאַלע און דערציִונגס־אַנשטאַלטן: די תלמוד־תורה, רעליגיעזע און צדקה אינסטיטוציעס וכד'. די „חברא קדישא" איז געבליבן אין די הענט פון אַ מאָנאָפּאָליסטישער גרופּע, כמעט אָן שום געזעלשאַפטלעכע קאָנטאַקטן, הגם אין איר שפּיץ זענען אָפט געשטאַנען ערלעכע בעלי־בתים און עסקנים. זייער הכנסה איז געקומען פון קבורה־ און קרקע־געלט, וואָס זיי האָבן גענומען ביי די קרובים פון מת; די הייך פון די אָפּצאָלונגען איז געווען אָפּהענגיק פון דער עשירות פון די קרובים.

יעדע לוויה איז דעריבער געווען פאַרבונדן מיט אַ דינגעניש, איבער דער הויך פון די אָפּצאָלן, צווישן די „חברא קדישא"־גבאים און די קרובים פונעם נפטר, וואָס ניט איין מאָל האָט עס דערפירט צו בזיון המת.

אַ גרויסן טייל פון די הכנסות פלעגט די „חברא קדישא" אויסגעבן אויף „קידושים" פאַר אירע מיטגלידער און די שמשים, אויף „סעודות־מצווה" אין די יאָרצייטן פון כל־מיני צדיקים און „גוטע יידן" און אויך אויף „הילולות" בעת כל־מיני יומא־דפגרא. דאָס איז געווען אַ מנהג אַזאַ מדור דורות און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן עס צו קריטיקירן.

צום באַדויערן זענען נישט געבליבן קיין שטעטלשע, וועלכע זאָלן אונדז קענען שילדערן דעם שטייגער, וואָס האָט געהערשט אין דער „טאַקסע" און „חברא קדישא". די שרידים דערמאָנען אָבער נעמען, וועלכע זענען געווען געבונדן מיט דער „קאָראָבקע": מאיר בוים, איציע ראַבין, יענקל דאָרף, שמואל ווײַנשענקער א"אַנד. ס'ווערן דערמאָנט הערש פיינגאָלד און יוסף פישמאַן אַלס „בעלי הטאַקסע" (פאַכטערס). ס'ווערט אויך דערמאָנט אַלטע חנה־קיילעס ראָזנבערג, וועלכע האָט פאַרקויפט „קוויטלעך" צו שעכטן הינער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ זענען בלויז פראַגמענטאַרע ידיעות.

✶ די קלויזן און מניינים האָבן זיך אַליין אויסגעהאַלטן פון פאַרקויפן „עליות" און פון דער „שיסל" ערב יום־כיפור.

✶ ס'האָבן עקזיסטירט כל־מיני פילאַנטראָפּישע און צדקה־חברות, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך „קאָמיטעטן", „גבאים", עסקנים און עסקנטעס, וועלכע פלעגן צונויפזאַמלען „וואָכנגעלט", אָדער „חודש־געלט" ביי די

יידן און אויסגעבן דאָס געלט לויט זייער איינזען. די עסק־נים האָבן געזען אין זייער אַרבעט אַן עבודת־קודש. (זע די באַזונדערע אַרטיקלען וועגן די קלויזן און די סאָציאַלע חברות אין יעדינעץ).

★

די „סאָטסקיס" און „סטאַראָסטעס" האָט די רומענישע מאַכט אויסגעביטן אויף אַ מוניציפּאַלער אָרגאַניזירונג אין דער פאָרם פון „קאָמונעס" און „פּרימאַריעס". געוויינט צייטן, ווען ס'זענען געווען באַזונדערע „פּרימאַריעס" פאַר יעדי־נעץ־טירג" (דאָס שטעטל) און פאַר „יעדינעץ־סאַט" (דאָס דאָרף). דעמאָלט איז אין „טירג" געווען אַ יידישער פּרי־מאַר. ווען ס'איז געווען איין „פּרימאַריע" פאַר ביידע טיילן פון יעדינעץ, איז דער פּרימאַר געווען אַ קריסט און דער וויצע־פּרימאַר אַ ייד: זיי זענען מיינסטנס נאָמינירט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין לאַנד. חיים הורוויץ פאַרעפנטלעכט אין בוך אַ רשימה פון סאָטסקיס, סטאַראָסטעס, פּרימאַרן און וויצע־פּרימאַרן זינט 1886.


דער פּראָצעס פון אָרגאַניזירן אָפיציעלע און אָנער־קענטע יידישע קהילות (קאָמוניטאַטעס) איז אין גאַנץ בעסאַראַביע געווען אַ לאַנגזאַמער. אין יעדינעץ איז די קהילה אָרגאַניזירט געוואָרן ערשט אין די יאָרן 36־1935. זי האָט גלייך אַרונטערגענומען אונטער אירע פליגל די „קאַראָבקע" און „טאַקסע", אָבער די „חברא קדישא" האָט זיך איר ווייניקער אונטערגעוואָרפן. די קהילה האָט איבער־גענומען די זאָרג פאַרן חינוך און פאַר דער תלמוד־תורה־שול, פאַרן יידישן שפּיטאָל, מושב זקנים, פאַר מעדיציני־שער הילף, פאַרן מרחץ און מקווה; זי האָט געזאָרגט פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן, אויסגעהאַלטן דעם רב, דעם דיין און אַנדערע כלי־קודש; איבערגענומען דאָס מצות־באַקן (ס'איז אויך געווען אַ מקור פון הכנסות) אא"וו. די קהילה איז אויך געווען אַ פאַרשטייערין פון די יידן כלפּי דער מאַכט.

דער ערשטער קאָמיטעט (לייטונג) פון דער קהילה איז געוויילט געוואָרן דורך פאַרשטייער פון די קלויזן.

דער „קאָמיטעט" אָדער „לייטונג" פון דער קהילה איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ליפּאַ פעלבערג (פאָרזיצער), יוסף שפּייער, מאָטל בוימלשטיין, איציק־הערש טשאַק, אברהם אַקסלראָד, זיידע זינגמאַן און ישעיה לאַמאַ־טשינסקי — אַלע שוין אויפן עולם־האמת. חיים הור־וויץ דערמאָנט (אין זיין גרויסער אַרבעט, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין בוך) די וויכטיקע טעטיקייט פון דער קהילה־לייטונג, בעת די רומענישע רעגירונג פון קוזאַ־גאָגאַ האָט באַשלאָסן צו רעווידירן די בירגערשאַפט פון אַלע יידן. וועגן אַפּאַראַט פון דער קהילה און וועגן איר בודזשעט, הכנסות און הוצאות, זענען נישט געבליבן קיין אינפאָרמאַציעס.

די קהילה איז בטל געוואָרן בעת דער ערשטער סאָ־וועטישער אָקופּאַציע פון יעדינעץ אין 1940.

פּרטים וועגן יידישן לעבן אין יעדינעץ אונטער די סאָ־וועטן ווערן איבערגעגעבן אין אַ געשפּרעך מיט עולים פון דאָרט, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין אונדזער בוך.


„אונדזער צייט" (קעשענעוו)
8 אויגוסט 1929

יעדינעץ.

אונזער קאראבקע, חצלכע איז געוו־מען געווארן אין ארענדע דורך איינעם א געוויסן בא איינו אין שטעטל ראזנ־בערג נאך א באשטימטער קאנדיציע, אז ער דארף אויסצאלן די יעדיניצער אנ־שטאלטן „אזע" „תרבות", ביידע תלמוד־תורות א. א. אנ'ערך 20.000 לעי מא־נאטליך. די ערשטע צייט איז די סוב־סידיע אויסגעצאלט געווארן פאר די אנשטאלטן רעגולער דורך דער כאטינער „אוכראוזע" נאר שוין אריבער 6 מאנאט, אז די אנשטאלטן האבן ניט באקומען זייער מאנאטליכע סובסידיע כ'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דעם בעל־טאקסע האט זיך איינגעגעבן אויספועלן אין די „היכע פענסטער" אין בוקארעסט מ'זאל די סובסידיעס פאר די אנשטאלטן פארקלע־נערן אויף העניגער פון א העלפט. נאך א אינטערווענץ אין די געהעריגע רעגי־רונגס־אנשטאלטן האט זיך איינגעגעבן פעסטצושטעלן, וואס פאר א מיטלען דער בעל־טאקסע האט אויסגענוצט דערויף.

בא אונזערע כלל־טוער איז דא א נטיה צו געהן אויף קאמפראמיסן, נאר די געזעלשאפטליכע מיינונג איז אויס־געבראכט פון דעם פאל חי אויך קעגן די כלל־טוער.

עס איז צו האפן, אז אונזערע פאר־אנטווארטליכע כלל טוער וועלן זיך צו־הערן צו דער געזעלשאפטליכער מיינונג און פארטיידיגן די סובסידיע אהן שום קאמפראמיסן.

— די היגע אפטיילונג „אזע" האט געוואלט די טעג עפענען א קאלאניע פאר ארימע שוואכע קינדער אויף 6 וואכן צייט. די קעשענעווער „אזע" האט צוגעזאגט צו שטיצן מיט 20.000 לעי, נאר די טעג האט זיך ערהאלטן פון אזע", א בריוו אז די שטיצע איז נאר ביז 10.000 לעי.

מעגליך, אז דערפאר זאל די קאלאניע נישט צושטאנד קומען.

בן־אברהם.

טענות ותכסים סביב ה„קורובקה" (1929)

★ ★ ★

טענות און אינטריגעס ארום דער „קאַראָבקע" (1929)

ג.

הווי

* טיפוסים, משפחות
* מעשיות, פולקלור
* יהודי הכפרים שבסביבה

לעבנס־שטייגער

* טיפן, משפחות
* מעשהלעך, פאָלקלאָר
* יידן פון די אַרומיקע דערפער



ה„קרנבלים"
של פורים
מטעם „גורדוניה"
הפכו מסורת שנתית בעיירה.

משמאל: ה„קרנבל"
משנת 1931 או 1932.

כל השמות מימין לשמאל:
שורה עליונה: חייקלויינר, דב דונדושאַנסקי־דורי, רחל שקולניק, דבורה שבארץ, נתנאל שחר, ראובן שבארץ, משה צאַראַבניק, אליהו ביצ'וצקי־נאור; **שורה תחתונה:** ישכר רוזנטאַל, מלכה דונדושאַנסקי, לאה שבארץ, חנצה פינקלשטיין.



ה„קרנבל" של פורים
משנת 1935

מימין לשמאל:
שורה עליונה: מנדלה ——, ראובן גרצמן, אברהם רייכמן, ——, ——, מרדכי רייכר; **שורה אמצעית:** חייה־איטה גרוברמן, ——, מניה שבארץ־גוקובסקי, יצחק שטיינבורץ, ——, לאה זיידמן, ——, סני שחר, רחל שקולניק, גוסטה אקרמן, פסיה וייסמן, סוני פוסטילניק; **שורה תחתונה:** חנהצה פרקלוב, יינטה פינקלשטיין, ליבעלע פרידמן (ליובה אלברט־דורי), אברהם גולד.

יוסף מגן — שיץ

מענטשן, פאַקטן, געשעענישן

און אַ „באַלערנדיקן" אַריינפיר, אָן חקירהדיקע הקדמות, אָן אַ סיסטעם און אָן אַ פּלאַן, ווי ס'איז דער קאַפּריז פונעם צייטן־לויף, ווי ס'איז דער שטייגער פון רויעם לעבן אַליין, וויל איך דאָ אַרויסשלעפּן פון די טיפענישן פון געדעכעניש און אָנוואַרפן, ווי דעם צופאַל וועט זיך פאַרגלוסטן, זכרונות וועגן מענטשן, פאַקטן און עפּיזאָדן, געשעענישן און פאַרלויפענישן, אָן אַ סדר, ווי ס'קומט מיר אונטער דער פעדער; זייט־זשע מוחל מיין „גלאָבוס"־פענדל.

„פעלקער" און עטנישע גרופּן

וועגן ייִדן אַלס עטנישע גרופּע וועל איך נישט רעדן. אַלע ייִדן זענען געווען ייִדן; אויסער, אפשר, איין משומד — יאָהאַן קאַופמאַן... וועלכער פלעגט רעדן רוסיש ווי אַ „גוטער" גוי און יידיש מיט אַן אָפּקלאַנג פון אַ גוייִשן אַקצענט. ער פלעגט ליב האָבן אָפּצושטעלן חדר־ייִנגלעך און זיי אויספרעגן, צי זיי קענען אַלע מעשׂהלעך פון חומש...

געווען אין שטעטל אויך אַ פּאָר גרים און כ'געדענק אויך שׂרה די גר'טע, צו וועלכער מ'פלעגט מיר שיקן קויפן שיטערן הייוון, אָקריפּ און געפּראַזשעטע דיניע־קערלעך.

„שעבסן"

כ'באַדויער זייער, וואָס איך געדענק נישט אין וועלכער שייכות האָט מיר מיין פאָטער דערציילט וועגן 2־3 ייִדן, וועלכע האָבן געוווינט אין עק שטעטל און זיך שפּעטער אַרויסגעפירט פון שטעטל, דוכט זיך אין אַ דאָרף, אַז יענע געהערן צו די „שעבסן"... אַזוי האָט מען גערופן, אין זיין צייט, אין ייִדיש־רעדנדיקן תחום־המושב פון מזרח־איראָפּע, די אָנהענגער פון פאַלשן משיח שבתי צבי און שפּעטער די אָנהענגער פון זיין „יורש" יעקב פראַנק. אין אונדזערע קאַנטן — צפון־בעסאַראַביע און פּאָדאָליע פון אַרום קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און אין דרום־מזרח גאַליציע — איז אין 17טן יאָרהונדערט געווען אַ קאָנצענטראַציע פון די „שעבסן". דורך כאָטין איז דורכגעפאָרן, איידער ער איז אָנגעקומען קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, דער „סיניאָר" יעקב פראַנק און דאָרט אויפגענומען געוואָרן דורך די פאַרפאָלגטע, מצד די ייִדן, „שעבסן"; די שטאָט כאָטין, מיט איר טערקישער פעסטונג („קרעפּאָסט"), האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער טערקישער הערשאַפט, הגם ס'האָט געהערט צו דער מאָלדאָווע; דאָ איז יעקב פראַנק אַריבער דעם נעסטער קיין פּוילן.

די ייִדן, וואָס מיין פאָטער האָט זיי אָנגערופן „שעבסן", האָבן, וואַרשיינלעך, נאָכגעשלעפּט נאָך זיך, אין באַוווסטזיין פון עולם, וויטע, קוים־געדענקבאַרע און קוים־אידענטיפיצירבאַרע סימנים פון אַן אָנגעהעריקייט צו אַ פאַרבלאָנדזשענעם, פאַרשוווּנדענעם דור. אַ שאָד, וואָס איך ווייס נישט מער קיין פּרטים און געדענק נישט קיין נעמען.

„סאָסלאָוויעס"

די רוסן, ווען זיי האָבן אַנעקסירט בעסאַראַביע, האָבן איינגעפירט די איינטיילונג אין „קלאַסן" אָדער „סאָסלאָוויעס" — ווי זיי האָבן עס גערופן: דוואָריאַניע (פּריצים), מעשטשאַניע (שטעטלעשע, פּראָווינציעלע), קופּצי (סוחרים), צעראַניע (מאָלדאַוואַנישע דאָרף־פּויערים). די יעדינעצער ייִדן זענען געווען „מעשטשאַנעס". אונדזער משפּחה האָט געטראָגן דעם יחוס „בריטשאַנסקי מעשטשאַנין" און דעריבער געהאַט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" ביי דער גרענעץ. מעשטשאַנעס זענען אויך געווען די ווייניק רוסיש־רעדנדיקע באַאַמטע, בעל־מלאכהס, חזירניקעס, די קאַצאַפּעס, די ציגיינערס. די מאָלדאַוואַנעס און „גוייִש"(אוקראַיִניש)־רעדנדיקע זענען געווען „צאַראַנעס" און געוווינט אין יענעם טייל ישוב, וועלכן מ'האָט גערופן „יעדינעץ־דאָרף".

קיין געזעלשאַפטלעכע קאָנטאַקטן צווישן די ייִדן און די נישט־ייִדן זענען כמעט נישט געווען. מיר האָבן קוים־קוים געקענט דעם אינערלעכן לעבנסשטייגער פון די קאַצאַפּעס און די ציגיינערס; די ערשטע זענען געווען קאַרטאָפל־ און גרינס־צושטעלער און אויך „פּלאָטניקעס", און די אַנדערע — מוזיקאַנטן אויף ייִדישע שׂמחות. וועגן די מאָלדאַוואַנעס און „גוייִם" — האָבן מיר בכלל ווייניק־וואָס געוווּסט.

צווישן די פיינערע „קריסטן", אָפּגעקומענע פּריצים, און געוויסע ייִדישע מיידלעך איז דווקא יאָ געווען אַ געוויסע קאָ־

מוניקאַציע, וואָס האָט געבילדעט אַ טעמע פאַר רכילות און פאַר ייִנגלשער קנאה... אין עק „דאָרף״ זענען געווען שיקסעס און גויעס, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן „עלטסטן פאַך״ אויף דער וועלט. די לאָקאַלע דאָקטוירים האָבן געהאַט צו דערציילן וועגן פּאַציענטן מיט ווענערישע קרענק אַלס רעזולטאַט פון „אַרבעטס־אַקטשידענטן״. (כ׳ציטיר די רייד פון מיין מיטשילער און יוגנט־חבר, ד״ר סיאָמאַ טאָלפּאָלאַר, וועמען ס׳האָבן אומגעבראַכט די רומענער און דייטשן).

סיאָמאַ, אַליין אַ גרויסער וויצלער, האָט מיר דערציילט אַזאַ מין שייכותדיקן אַנעקדאָט: אַ ייִנגעלע איז געקומען צו אים זיך היילן, נישט פאַר אונדז געדאַכט, פון אַ טריפּער און פאַרזעצט ביי אים דאָס זייגערל, ביז ער וועט באַצאָלן דעם האָנאָראַר. אַז ער איז נישט געקומען עס אויסלייזן, האָט זיך סיאָמאַ, דער ייִדישער „פאָרגעשריטענער״ דאָקטער, גע־טראַכט: „פאַרוואָס זאָל ער נישט אָפּזוכן זיין פּאַציענט אין דער היים, מאָנען ביים טאַטן ער זאָל אויסלייזן דאָס זייגערל און ביי דער געלעגנהייט פּרוּוון אים „אויפקלערן״: יוגנט, געשלעכטסטריב, מ׳פאַלט אַריין, געכאַפּט אַ טריפּער, פאַר־זעצט דאָס זייגערל, מ׳דאַרף זיך היטן... דער פאָטער אָבער איז געווען פאַרשמאַיעט מיט פּרנסה און בכלל נישט תופס געווען, אין וואָס עס האַנדלט זיך. האָט ער צוגערופן זיין יאַטל און צו אים אַזוי געזאָגט:

— זאָג מיר, זון מיינער, וואָס פאַראַ געשעפטן מאַכסטו מיר מיטן דאָקטער? וואָס הייסט, פאַרזעצט אַ זייגערל און געכאַפּט אַ טריפּערל? ס׳גייט דאָך נישט אין כאַפּעלעך... גיב שנעל אָפּ דעם דאָקטאָר דאָס טריפּערל און נעם דיר אָפּ דאָס זייגערל...

די גרעסטע אַנטיסעמיטן און שׂונאי ישׂראל זענען דווקא אַרויסגעקומען פון יענע גויִים, וועלכע האָבן געהאַט וועלכן ס׳איז קאָנטאַקט מיט די ייִדן, און זיי האָבן געשפּילט אַ טרויעריקע ראָל בעת דעם אומקום.

„טערקן״ און „בולגאַרן״

געווען אין שטעטל אויך „בולגאַרן״ — דאָס זענען געווען ייִדן, וועלכע האָבן מגדל געווען גרינוואַרגס נעבן סעמינאַריע־טייך... געצויגן וואַסער פון טייך מיט אַ ראָד און באַוואָסערט; דערנאָך פאַרקויפט דאָס גרינוואַרג אין מאַרק.

דאַקעגן זענען אַלע „טערקן״ געווען בעקערס. אַפילו ייִדן־בעקערס האָט מען אויך גערופן „טערקן״. די נישט־ייִדישע בעקערס זענען, דוכט זיך, געווען אַרמענער אָדער „גרעקן״ (גריכן), אָבער גערופן האָט מען זיי „טערקן״. אַז איך בין געקומען צו מיין „עטנאָגראַפישן באַוווּסטזיין״ און געפּרוּווט מאַכן אַן אונטערשייד צווישן טערקן, גריכן און אַרמענער, האָט מיר אַ ייִד באַמערקט:

— וואָס פאַר אַ חילוק — אַ גרעק, אָדער אַן אַרמענער — אָבער טערקן זענען זיי דאָך!

זיי האָבן גערעדט אַ שוואַכן רוסיש און איינער אַזאַ „טערק״ פלעגט אַזוי רעקלאַמירן זיין סחורה, די ברייטלעך:

— אַדין כליעב — אַדין דוואַדצאַט קאָפּעיעק... דוואַ כליעבאַ — דוואַ דוואַדצאַט קאָפּעיעק... ווסיע כליעבאַ — ווסיע דוואַדצאַט קאָפּעיעק... (איין ברייטל — איין צוואַנציק קאָפּיקעס; צוויי ברייטלעך — צוויי צוואַנציק קאָפּיקעס; אַלע ברייטלעך — אַלע צוואַנציק קאָפּיקעס).

אָט דער הלך־המחשבות ווייזט, אַז דער „טערק״ איז געווען אַן אַרמענער.

שוין אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן זענען זיי פאַר־שווּנדן פון שטעטל, און אַפילו די ייִדישע בעקערס האָט מען אויפגעהערט צו רופן „טערקן״.

„חברת אפריים״

די גאַסן האָבן, לכתחילה, קיין נעמען נישט געהאַט. די רומענער האָבן זיי געגעבן זייערע נעמען: רעדזשעלע פערדי־נאַנד (פּאָטשטאַווע), רעדזשינאַ מאַריאַ אא״וו. ווער געדענקט זיי? דאַקעגן געדענקט מען די אָריגינעלע, אַמאָליקע ייִדישע קענצייכנס פון די גאַסן: די שניידערישע גאַס, די באָדגאַס, די קלויזגאַס, די הקדש־גאַס, די מאַרקגאַס, די שילגאַס; דוכט זיך, אַז ס׳איז אויך געווען אַ זיצערישע גאַס...

יעדנפאַלס זענען אין יעדינעץ געווען כלערליי סוחרים, קרעמערס און זייער פיל בעלי־מלאכות; כ׳וועל מיך נישט טועה זיין, אויב כ׳וועל באַהויפּטן, אַז עס זענען געווען אין שטעטל איבער צוויי הונדערט שניידערס. „ייִדישע״ שניידערס (ד. ה. בעסערע, פאַר ייִדן) זענען געווען געציילטע. די אַנדערע, די „גוייִשע״, האָבן געניִיט פאַר די דערפער. אָבער ס׳זענען געווען אויך שוסטערס, בעקערס, קאָוועליעס, קופּערשמידן, גאָלדשמידן, זאַגאָטאָווטשיקעס, פאַרבערס, מאַליערס, צוקער־ניקעס און אַפילו באָדנערס.

סוף צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך די בעלי־מלאכות אָר־גאַניזירט אין אַ „האַנטווערקער־פעראַין״ (און נישט פאַראיין).

דער „פעראַין״ האָט אָפּגעהאַלטן אסיפות און געפירט מחלוקתן. אָבער דעם אויסדרוק „האַנטווערקער־פעראַין״ איז געווען שווער אַרויסצורעדן. האָט מען געזאָגט בלויז „פעראַין״... אָבער באַלד איז דאָס וואָרט מגולגל געוואָרן אין „עפראַין״. און פון דאַנען צום פשוטן, אַלגעמיינלעכן וואָרט „אפריים״ איז שוין נישט וייט. ס׳האָט טאַקע קיין סך נישט געדויערט און מען האָט דעם „האַנטווערקער־פעראַין״ גערופן היימישלעך: „חברת אפריים״.

אָבער שנעל איז „חברת אפריים״ ביי אונדזערע „אויפ־געקומענע״ פיינשמעקערס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „ליגע פון די נאַציעס״... ווי אַזוי? הערט אַ מעשׂה:

ס׳האָבן שוין אַנדערע געשריבן וועגן די שרייערס. עליק שרייער איז שוין געווען אויפן עולם האמת. זיין אויסגעצוי־גענע פאָרמולע, מיט וועלכער ער פלעגט אָנהויבן דאָס „אויס־שרייען״ — „מכריז ומודיע דעם עולם״ — און די קלאָרע אויססשפּראַך זענען מער נישט געווען. זיין אָרט האָט געיר־שנט אַוורעמל, וועמענס הויפּט־פאַך איז געווען צו פאַרקויפן



דער שרייער

צייכנונג פון פרץ ווײַנרײַך

„אייעריקע בייגל". ער איז געווען שוואַך אויף צו פאַרשטיין ווערטער, אַפילו ווען ער האָט גערעדט „פּריוואַט", מכּל־שכּן ביים אויסשרייען „קאָמפּליצירטע" ענייִנים. קודם כּל איז פון דער פאָרמולע „מכריז ומודיע" געוואָרן „אכריז און מודיע". דערנאָך האָט ער גענוצט אַזאַ מין פאָרמולע: „מידיעת הטע־אַטער"...

האָט אַוורעמל געדאַרפט אַ מאָל אויסשרייען וועגן דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון „האַנטווערקער־פעראַיין" און אַז מ׳בעט קומען אַלע „פּראָפעסיעס": שניידערס, שוסטערס אאַ"וו. „אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג", „האַנטווערקער־פעראַין", „פּראָפעסיעס" — דאָס זענען געווען צו שווערע ווערטער צום פאַרשטיין, מכּל־שכּן אַרויסצורעדן. האָט אַוורעמל אַזוי אויסגעשריען:

„אכריז און מודיע דעם עולם, אַז מאָרגן וועט זיין די אָבשע סאָבראַניע פון חברת אפריים... מ׳בעט, אַז ס׳זאָלן זיך צוזאַמענקומען אַלע נאַציעס: שניידערס, שוסטערס, באָדנערס און אַלע אַנדערע".

אַזוי האָט די „חברת אפריים" באַקומען דעם צונאָמען „די ליגע פון די נאַציעס".

אין יעדינעץ איז אויך געווען אַ „ספּאַטול נעגוסטאָרעסק" (סוחרים־פאַרבאַנד) און שפּעטער אויך אַ פּראָפ.־פאַריין פון כלעריי לוין־אַרבעטער, אונטערן איינפלוס פון די קאָמוניסטן. מיר, פּועלי־ציון, האָבן אויך געפּרוּווט אויפשטעלן אַ פּראָ־פעסיאָנעלן פאַראיין און האָבן אָרגאַניזירט די פּריקאַזשטשי־קעס (האַנדלס־אָנגעשטעלטע).

אַרעלע עניקוס

און אַז מען שמועסט וועגן שרייערס (אַנדערע האָבן ברייטער באַשריבן אָט די פאַרבפולע „פּראָפעסיע"), דערמאָן איך מיך, אַז איין מאָל האָט מען פּלוצלינג דערהערט אַ קול פון אַ נייעם, אומבאַקאַנטן שרייער. אָבער אויך דער אינהאַלט פון „אויסשרייען" איז געווען אייגנאַרטיק און איך וועל עס איבערגעבן, גאַנץ פּינקטלעך, צוליב באַזונדערן אינטערעס. ער האָט געשריען:

„מכריז און מודיע דעם עולם, אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ בריטשאַנער דירעקטאָר... און דאָס בין איך אַליין... ווער עס דאַרף מיך האָבן, וועט מיך טרעפן אויף דער פּאָטשטאָווע, אין קאָלץ, נעבן דער אָבוונע קלייט פון קאָלקער".

פאַר די, וואָס ווייסן נישט אָדער וועלכע האָבן פאַרגעסן, איז כּדאַי אויפצוקלערן, אַז דער באַגריף „דירעקטאָר" איז אַ לשון־נקיה פאַר, כ׳בעט איבער אייער כּבוד, אַ קלאָזעט־רייניקער; דאָס וואָרט איז באַנוצט געוואָרן צוליב דער ענלעכקייט מיט אַן אַנדער וואָרט, וואָס האָט אַן ענגע שייכות מיטן „פאַך".

און אַראָפּגעקומען איז דער ייִדישער „דירעקטאָר" פון בריטשאַן, נאָך דעם ווי דער עולם האָט זיך, אַ שיינע פּאָר חדשים, גוט אָנגעפּלאָגט מיט די גויִישע „דירעקטאָרן", זינט ס׳איז אַוועק פון דער וועלט דער לאַנגיאָריקער „דירעקטאָר" פון יעדינעץ — אַרעלע עניקוס.

אַרעלע איז געווען אַן „אינסטיטוציע". צו זיין באַדינונג זענען אַלע אָנגעקומען. ער האָט געהאַט אַרויסהעלפערס, אָבער ער איז געווען דער אמתער בעל־הבית פונעם „פאַך" — דער אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון די פאַך־דירעקטאָרן...

קיין וואַסער־לייטונג איז אין שטעטל נישט געווען. וואַסער־קלאָזעטן אויך נישט. דעם פּסוק „איזהו עשיר — שבּית־כּסאו סמוך לשולחנו" האָט מען אין יעדינעץ נישט מקיים געווען. ערגעץ אין הויף זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פיר ווענטלעך, אַ טירל און אַ גרוב מיט ברעטלעך פאַר די פיס — און אָט האָט איר די גאַנצע „אינסטיטוציע". ווינטער, אַז ס׳האָט געשנייט, איז אָפט געווען שווער צו דערגרייכן „אַהין". האָט מען זיך פאַרלאָזט, אַז דער שניי וועט אַלץ צודעקן... ווען־עס, ווען עס האָט נאָכגעלאָזט דער שניי — איז פון אונטער אים אַרויס דער פאַרביקער חורבן.

אַרעלע פלעגט „אָרגאַניזירן" די סאַניטאַרע רייניקונגען פון די „אינסטיטוציעס". דאָס „פאַך" פלעגט אויסגעאיבט ווערן בײַנאַכט. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ פורל מיט אַ פּאָר אָפענע פעסער. מיט עמערס פלעגט אַלץ איבערגעטראָגן ווערן פון די אָבאָרעס צום פורל. אַ דאַר פערדל פלעגט אַלץ אַוועק־שלעפּן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך סימנים אויף דער ערד און ריחות אין דער לופט...

אַרעלע אַליין איז תּמיד אַרומגעגאַנגען שמוציק. מ׳האָט אים געקאָנט דערשמעקן פון דער ווייטנס. אויסער דעם איז ער שטענדיק געווען שיכּור. ער האָט געהאַט אַ ווייב און, דוכט זיך, אויך קינדער. אָבער זיי האָבן זיך דערווייטערט פון אים.

אַרעלע עניקוס איז אומגעקומען דורך אַזאַ מיתה־משונה

און אין אַזעלכע אומשטענדן, וואָס נאָר דער שטן אַליין קאָן אויסטראַכטן.

מ׳האָט דערמאָנט די גלחים־סעמינאַריע. די סאַניטאַרע „אינסטיטוציעס" פון דער סעמינאַריע פלעגט מען רייניקן איין מאָל אין יאָר — ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „קאַניקולן" (גרויסע וואַקאַציעס). אַרעלע אַליין האָט נישט געקאָנט אונטערנעמען אַזאַ זאַך. פלעגן יאָר־איין, יאָר־אויס, אַראָפּקומען „פּאַכמענער" פון בעלץ, אָבער אַרעלע איז געווען זייער „וועגווייזער" אין די גרויסע גריבער, ממש קאַטאַקאָמבעס. פּאַסירט, אַז די בעלצער „דירעקטאָרן" קומען אַראָפּ דווקא, ווען ס׳איז ביי ייִדן אויסגעפאַלן שבועות. אַרעלע האָט זיך נישט גערעכנט מיטן יום־טוב און איז געגאַנגען „אַרבעטן" אין דער סעמינאַריע. מ׳האָט אים אויף אַ שטריק־לייטער אַראָפּגעלאָזט אין די „קאַטאַקאָמבעס", ער זאָל עפענען די „טירלעך", כדי צו קענען שעפּן די „סחורה". איז ווען אַרעלע איז אַראָפּ אין אַ גרוב און געעפנט די „טירלעך", זענען אַרויס די פאַרשפּאַרטע גאַזן. אַרעלע האָט פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט, אַריינגעפאַלן אין גרוב און דערטרונקען געוואָרן אין פליסיקן שמוץ. שווער האָבן געהאָרעוועט די בעלצער „דירעקטאָרן", ביז זיי האָבן אַרויסגעצויגן דעם טויטן קערפּער.

ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין שום טענות און די חברה קדישא האָט אים געמוזט ברענגען צו קבר־ישראל. צוליב דער מיתה־משונה האָט מען אים נישט געדאַרפט מטהר זיין און מען האָט אים באַגראָבן נעבן פּלויט.

ייִדן האָבן געלאַכט און זיך געוויצלט איבערן טויט פון אַרעלען. און טאַקע צוליב די אומשטענדן... מ׳האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן אויס עקל... איך אָבער האָב מיך נישט געקענט באַפרייען פונעם באַלאַדעסקן אַספּעקט פון אָט דעם פאַך־סימבאָלישן, שוידערלעכן, ייִדישן לעבנס־פינאַל. אַ מער משונהדיקע מיתה האָט קיין ייִדן אויף גאָר דער וועלט נישט געטראָפן: דערטרונקען צו ווערן אין אַזאַ מאַטעריאַל, אין דער גלחישער סעמינאַריע, אין סאַמע יום־טוב פון מתן תורתנו...

איך ווייס, אַז פיל וועלן פאַרדרייען די נאָז... איך ווייס, אַז מעשׂיות וועגן „דוכי" (פּאַרפום) שמעקן בעסער. אָבער דאָס לעבן, צו אונדזער אַלעמענס באַדויער, באַשטייט נישט פון בלויז ריינע גן־עדן־ריחות.

אברהם שוויצער

און אַז מ׳שמועסט וועגן דער שטעטלשער אונטערוועלט — טאָר מען נישט מקפּח זיין אַ פאַרשוין מיט אַ „נאָמען" און אַ „פּראָפעסיע". ער האָט, נעמלעך, געהאַלטן אַ שאַנד־הייזל, וואָס איז געשטאַנען אויסער דעם שטעטל, אין דער געגנט פון די תבואה־„מאַגאַזאָנעס" — די „זוואָדניע" האָט מען עס גערופן אין שטעטל. קיין יונגער־מאַן איז ער נישט געווען; און ער פלעגט ציטערן מיטן קאָפּ. די „פּענסיאָנערקעס" פלעגט ער בייטן פון צייט צו צייט אויף גאָר אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן. אויפגעזעצט אויף אַ קאַצאַפּסקן פורגאָן, פלעגט ער, צוזאַמען מיט זיי, דורכשמייסן די פערד איבערן הויפּט־טראַקט פון שטעטל. אָדער ער פלעגט אַרומגיין און רעקלאַמירן: „דאָ נייע סחורה".

קיין גרויסער יחוס צו רעדן מיט אים איז עס נישט געווען. פיינע בעלי־הבתים און זיידענע יונגעמאַנטשיקעס פלעגן זיך היטן פאַר אים... טאָמער וועט זיך אים גלוסטן רומז צו זיין, אַז ער איז באַקאַנט, חלילה, מיט עמעצן פון זיי... אַנדערע פלעגן אים אָפּשטעלן און הנאה האָבן פון די מעשׂיות, וועלכע ער פלעגט דערציילן.

דער אמת איז, אַז זיין הויפּט־קליענטור איז באַשטאַנען פון די שטעטלשע קריסטן און דאָרפישע גויִים, אין די טעג פון יריד, פון מיליטערלייט, וואָס זענען געשטאַנען אין דער געגנט, און פון די סעמינאַריסטן, ד״ה די, וועלכע האָבן געלערנט, וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר נישט, כדי צו זיין פרומע און מאָראַלישע גלחים...

פלוצלינג האָבן זיך די רומענישע זשאַנדאַרן אָנגעהויבן צו טשעפּען צו אברהם שוויצער און זיין „אונטערנעמונג": זיי האָבן געמאָנט „דערלויבעניש". אַרום דער „אינסטיטוציע" פלעגן אויסברעכן געשלעגן, קריגערייען, און די זשאַנדאַרן פלעגן גערופן ווערן צוריקצושטעלן די אָרדענונג. איין מאָל האָבן די זשאַנדאַרן פאַרנומען אַברהמען און אים געפירט, דורך דער גאַנצער שטאָט, אין זשאַנדאַרן־פּאָסט. אברהם שוויצער האָט געהאַלטן אין איין שרייען און פּראָטעסטירן אויף אַ שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געמיש פון וואָלעכיש, רוסיש און ייִדיש:

— אַן אַלטן מאַן מעג מען שלאָגן?

דער סוף איז געווען, אַז די מאַכט האָט פאַרמאַכט אברהם שוויצערס „אַנשטאַלט".

קאַצאַפּקעס, ציגיינערטעס און סתם שיקסעס אין די גויִישע גאַסן האָבן פאַרשטאַנען אויסצופילן דעם „בלויז" און אויסצונוצן די קאָניונקטור.

משוגעים

נישטאָ קיין ישוב אָן אַ שטאָט־משוגענעם. דער באַרימטסטער משוגענער פון יעדינעץ איז געווען יויזע. ער איז געווען אַ שטילער חסר־דעהניק. פלעגט אַרומגיין „אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן" און בעטלען. בעת אַ מגיפה, האָט מען אים חתונה געמאַכט, אויפן בית־עולם, מיט פרומען, אויך אַ חסר־דעהניצע. מ׳האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ שטוב, אַריינגעשטעלט מעבל. אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז קיין משפחה און אַ היים איז פון דעם נישט געוואָרן. פרומע פלעגט, צום אונטערשייד פון יויזען, יאָ קענען צונויפבינדן אַ פּאָר ווערטער. חברה פלעגט זי פּראָוואָצירן, זי זאָל עפּעס דערציילן וועגן איר פאַמיליע־לעבן. פון אירע צונויפשטעלעכצן, ווי אַזוי יויזע האָט געפּרוווט זיין אַ מאַן, פלעגט מען זיך קאַטשען פאַר געלעכטער.

אין שטעטל האָט זיך אַראָפּגעיאַוועט אַן אַנדער „צעדרייטער", וועלכער האָט זיך מפרנס געווען פון „טראָגן וואַסער". ער האָט געהייסן מענדל, און שנעל האָבן די קינדער אַנטדעקט, אַז ער רעגט זיך אויף, שרייט און שילט, ווען מען

רופט אים „מענדל מיט די גאַטיעס"... דערנאָך האָט מען אים איפּגערעגט מיטן אויסרוף „מענדל מיטן טלית" וכד׳. שפּעטער האָט מענדל אַראָפּגעבראַכט אַ זון. כ׳האָב פאַרגעסן, ווי מ׳האָט אים גערופן. ער איז געווען אַ פולשטענדיקער קרעטין; ער האָט בכלל נישט גערעדט און נישט געהאַנדלט צו דער זאַך.

דער „למד־וואָווניק"...

געווען נאָך אַן אומנאָרמאַלער, בעסער געזאָגט, אַ „דער־שלאָגענער", אָדער אַ תם, וועלכער האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן. מ׳האָט אים גערופן אברהם צורליק. זיין פאַך איז געווען אַרויסצוטראָגן, אויף אַ ברעטל, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין פּלייצע, זייף פון די זאַוואָדן צו די קרעמערס. דאָס איז געווען אַ שווערע, שמוציקע און אומבכבודיקע אַרבעט, פאַר אַ נישטיקן געצאָלט. ער איז אַרומגעגאַנגען באָרוועס, אָפּגעריסן און געשטאַמלט ביים רעדן. ער פלעגט אויך מגדל זיין טויבן, געהאַט אַ רייכן טויבנשלאַק און פלעגט האַנדלען און בייטן טויבן. אָבער אָט דער שטאַמלענדיקער, דערשלאָגענער און אָפּגעריסענער תם פלעגט קענען ציטירן גאַנצע קאַפּיטלען פון תנ"ך, באַזונדערס פון די נביאים ישעיה, ירמיה און יחזקאל, פאַרטייטשנדיק די פסוקים, על־פּי פשט און על־פּי דרש, ציטירנדיק חז"ל און צוגעבנדיק אייגענע איבערראַשנדיקע כמו־למדנישע פירושים, פון וועלכע מען האָט ממש געגאַפט. ווי קומט עס צו אים? תנ"ך איז דאָך אויך נישט געווען קיין געביטן־אינטערעס פון למדנים. סתם קיביצערס און מיר, שול־יינגלעך, פלעגן אים אָפּשטעלן, כדי צו הערן פון אים „תורה". ער האָט תמיד, צו ערשט, כלומרשט נישט געוואָלט, „נישט געהאַט קיין צייט", זיך געשעמט און געווען אין אַ פאַרלעגנהייט; מ׳האָט אים געדאַרפט אַ קאַפּעטשקע ציען ביי דער צונג, און ס׳האָבן זיך געעפנט תהומות פון וויסן, בקיאות און חריפות אין תנ"ך. ס׳איז אים געווען שווער אָפּצוהאַלטן — אַ מעין המתגבר.

פון וואַנען קומט עס צו אים? ווער איז ער? פון וואַנען שטאַמט ער? ווו האָט ער געוווינט? ווו און ווען זעצט ער פאַר אַריינצוקוקן אין די ספרים?

מיר האָבן זיך מיט דעם נישט אינטערעסירט. סתם שטעטלשע פלעגן אָפּקומען מיט אַ ווויליונגערישן, אָבער רשעותדיקן, באַקוועמען ענטפער: „אַ משוגענער".

און אַ צווייטע אייגנשאַפט האָט פאַרמאָגט אָט דער זייףטרעגער: ער האָט געקאָנט ענטפערן אויף פראַגן, אין וואָס פאַר אַ טאָג פון דער וואָך פאַלן אויס די ימים־טובים פון הייניטיקס יאָר, פון איבעראַיאָר, פון איבער צען, צוואַנציק אָדער, למשל, זיבן און דרייסיק יאָר אַרום, צי גאָר אין יאָר תשמ"ג...

ער פלעגט זיך אַ ביסעלע פאַרהיקען און זיך פאַרטראַכטן: „וואַרט, וואַרט" — פלעגט ער זאָגן און פסקענען:

— פסח תרפ... וועט אויספאַלן דינסטיק... ימים נוראים תש... — מאָנטיק... שבועות תרצ... — מיטוואָך וכד׳.

מענטשן מיט „אייביקע" לוחות, אויף פופציק יאָר, האָבן נאָכגעקוקט און באַשטעטיקט: „געטראָפן". אויב אָבער די קאַלענדאַרישע נביאות זענען אַריבערגעשטיגן דאָס ענד־יאָר פון „אייביקן" לוח, האָט מען אים געמוזט גלויבן אויפן וואָרט.

— אַ משוגענער... טאַקע אַזעלכער, אָבער ווייסט געוואָי... עפּעס איז דאָ אין אים...

— אַ למד־וואָווניק — האָבן מיר, קליינוואַרג, געזאָגט. די עלטערן האָבן אויף אונדז אָנגעשריען, ווייל, לויט זייער מיינונג, האָבן מיר פאַרשוועכט דעם געהייליקטן באַגריף.

קצבים און חזירניקעס

געווען קצבים, וועלכע האָבן געהאַלטן „קאָצפּיעס", און געווען קצב־יונגען, וועלכע זענען געקומען אין אונדזער פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע. איינער פון זיי האָט מיך געלערנט שיינע פאָלקס־לידלעך, פאַרפאַסטע אין דער קצבישער גאַס איבער געשעענישן פון שטעטל, וועלכע איך האָב פאַרשריבן און וועלכע זענען אָבער, לײַדער, פאַרלאָרן געגאַנגען. איינער פון די קצב־יונגען האָט מיך אַמאָל געוואָלט שלאָגן, ווייל אויף איינער פון די „טשיטקעס" (פּאָרלייען־אָוונטן) האָב איך פאָרגעלייענט שלום אַשס „קוילער־געסל" און, לויט זיין מיינונג, האָב איך באַליידיקט די קצבים; ער איז געווען אַ שינדער פון פאַך.

ס׳איז אָבער געווען אַן אַנדער „קלאַס" סוחרים, וועלכע מ׳האָט גערופן „קצבים": דאָס זענען געווען פּי־הענדלער, אויף פלייש. זייער האַנדל איז באַשטאַנען אין אַרומפאָרן איבער גאַנץ רומעניע, באַזוכן די ירידים פון בהמות און איינקויפן אָקסן פאַרן יידישן „פּריץ" אָסיפּאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט צוקער־פאַבריקן אין ריפּיטשען — אַ דערפל ביים פּרוט, אין דער מאָלדאָווע, נישט ווייט פון יעדינעץ — און אויך אין אַנדערע ערטער. צוקער פלעגט מען פּראָדוצירן פון צוקערבוראַקעס און מיטן אָפּפאַל פלעגט דער יידישער „פּריץ" האָדעווען בהמות אויף פלייש. די „קצבים" פלעגן אים איינקויפן אָט די בהמות צום האָדעווען.

אַז זיי פלעגן רעדן פון „פּריץ" — פלעגט ממש שמן זית טריפן פון זייערע ליפּן. ער איז דאָך געווען זייער ברויטגעבער! און פּרנסה האָבן זיי געהאַט, מער ווי בשפע.

די „קצבים" פלעגן אַליין ליב האָבן צו עסן און פראַווען מאָלצייטן און וועטשערעס מיט וואַרעניקעס, פליישיקע קנישעס און מילכיקע בייגעלעך, וועלכע פלעגן שווימען אין שמאַלץ אָדער פּוטער. זיי אַליין זענען געווען ברייטפּלייציקע, מיט אויסגעפּאַשעטע בייכער, און זייערע ווייבער אויך קיילעכדיקע, שווערלייביקע.

קיין גרויסע למדנים זענען זיי נישט געווען און זייער שפּראַך איז געווען אַ וועלטלעכע, מיט „דייטשע" ווערטער, וועלכע זיי האָבן געבראַכט פון דער „גרויסער וועלט", אָבער מיט אַלע „חנעך" פון גראָביונגערישקייט.

אַז ס׳איז געווען „כטוב לבם ביין", אין היימישע מאָלצייטפּראַווענישן, פלעגן זיי אַרומנעמען זייערע דיקע ווייבער, מאַכן צווידייטיקע אָנצוהערענישן; די ווייבער פלעגן דערביי לאַכן

הויך, אָבער כלומרשט פאַרשעמט... אַן ענטפער פון אַ „קצב" זיין כלומרשט פאַרשעמטן ווייב דערמאָן איך מיך ביז היינט:

— גיטער ברידער יענטע, ס'אַ ייִדישע זאַך, אויך דער דיין ליבט עס...

איר האָט דאָ גראַמאַטישן חן, פאָלקס־פילאָזאָפיע, ציניזם, דייטשמערישקייט און, ווי זאָגט מען היינט? — „סעקס"... כמ־עט אַלע הומאָר־עלעמענטן פון ייִדישן כינקע־פינקע־טעאַטער.

די „קצבים" האָבן, ווי געזאָגט, אַראָפּגעבראַכט פון דער „וועלט" דייטשע העפלעכקייט־אויסדרוקן. זיי פלעגן אַפילו זיך ווענדן צו די ייִדן מיט דער אָנשפּראַך: „הערן חיים־לייב"... די באַגריפן „הער", „הערן" זענען אין שטעטל נישט געווען; הגם ס'האָבן געפעלט אַזעלכע באַגריפן. מ'פלעגט זאָגן פּשוט: „רעב זלמן" אָדער סתם „זלמן", אויפן ערשטן נאָמען. דער אינ־טעליגענטישער „גאָספּאָדין" איז פאַרשוווּנדן געוואָרן מיט די רוסן און דער רומענישער „דאָמנו" האָט נישט אָנגעריסן.

אָבער באַזונדערס חנעוודיק איז געווען די דערציילונג פון איינעם אַ „קצב" וועגן זיין געשפּרעך מיט דער יעדינעצער דאָקטערין שוט, וועלכע מ'האָט אויך גערופן „די רויטע דאָק־טערשע", צוליב דער פאַרב פון אירע האָר.

— האָב איך צו איר געזאָגט — דערציילט דער „קצב" — הער דאָקטערשע, איך מוזט פאַרשטיין...

דער ייִד האָט אייניקע מאָל אונטערגעשטראָכן אָט דעם אויסדרוק — „הער דאָקטערשע" — טאָמער האָט מען אים נישט געהערט. ער האָט עס אַראָפּגעבראַכט פון טשערנאָוויץ, ווו ס'איז נאָך פאַרבליבן דער עסטרייכישער אויסדרוק „הער דאָקטאָר", מיט וועלכן מ'ווענדט זיך צו אַ דאָקטאָר, אַ מאַנס־ביל; אָבער צו אַ דאָקטאָר אַ פרוי — זיכער „הער דאָקטאָר־שע..."

זיין ווייב איז געשטאַנען ביי דער זייט און געקוועלט פאַר נחת פון די וועלטלעכע קענטענישן פון איר מאַן, ווי אַזוי מ'דאַרף שיין רעדן.

און חזירניקעס־ייִדן זענען אויך געווען. זיי האָבן נישט געקיילט קיין חזירים, אָדער פאַרקויפט דבר־אחר־פלייש, ווי די גוייִשע חזירניקעס. זיי האָבן געהאַנדלט מיט חזירים אין „הורט". זיי פלעגן אַרומפאָרן איבער די ירידים פון גאַנצן לאַנד, איינקויפן אויסגעהאָדעוועטע חזירים, אָדער חזירים צום האָדעווען, זיי שעכטן און באַאַרבעטן אין ספּעציעלע „באָינעס", וועלכע זענען געווען אין פאַרשיידענע שטעט און דאָס פלייש עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד, ספּעציעל קיין ענגלאַנד.

דער רעפּרעזענטאַטיווסטער „חזירניק" איז געווען „אַב־רהם יעקלס" בראַנשטיין. ער איז געווען אַן אַלטער בחור, אַ נישט געפלעגטער, אָפּגעלאָזן אין אָנטועכץ, מיט אַ צעקנייטשט און הרידעוואַטע פּנים. ער אַליין פלעגט דערציילן, אַז בעתן באַרימטן אַלגעמיינעם שטרייק אין ענגלאַנד פון 1926, איז אַ שיף מיט זיין חזיר־פלייש נישט אָפּגעלאָדן געוואָרן. דאָס פלייש איז פאַרשטונקען געוואָרן און ער, מיט זיינע שותּפים, האָבן דערלייגט אַן אַפּותיקי.

ער האָט געוווינט ביי זיינע עלטערן — באַלעבאַטישע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע שטוב אויף דער פּאָטש־טאָווע. דער פאָטער, דער אַלטער ר' יעקל, איז געווען אַ ספּיל־טשעווער ייִד, מיט אייגנאַרטיקייטן און „פּרינציפּן", וואָרשיינ־לעך נישט קיין איבעריק מילדער. מ'דערציילט, אַז זיין פרוי פלעגט שווער אָנקומען צו ווירקן אויף יעקלען, ער זאָל בייטן די וועש, כאָטש איין מאָל אין דער וואָך. אָבער יעקל האָט זי נישט געוואָלט פאָלגן:

— מ'דאַרף נישט... יעדע וואָך בייטן די וועש? וואָס בין איך עפּעס, אַ קליין קינד, כ'האָב זיך באַמאַכט?

ייִדן פלעגן נאָכדערציילן אָט די „חכמה" און צוגעבן: „גערעכט!".

אברהם יעקלס איז געווען אַן איידעלער יונגערמאַן. האָט קיינעם נישט געקריוודעט און פלעגט, דוכט זיך, אויך געבן פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, אָדער אַ נדבה, אַז מ'האָט געמאָנט.

זיין נאָמען האָבן מיר געהערט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר אין גאָר טרויעריקע אומשטענדן. דער קעשענעווער סאָוועטי־שער ראַדיאָ האָט געמאָלדן (און אין זיינע שפּורן די טעלעגראַ־פישע אַגענטורן און צייטונגען), אַז „ס'איז געכאַפּט געוואָרן אַ געפערלעכער ספּעקולאַנט, ביי וועמען מ'האָט געפונען פרעמדע וואַלוטע און גאָלד. זיין נאָמען — אַבראַשאַ בראַנ־שטיין. ער איז געווען אַן אַלטער בחור, געלעבט אַליין און אָפּ־געזונדערט, געווען קאַרג וכד'. ער איז זיך מודה געווען, אַז ער פלעגט פראַווען די שוואַרצע געשעפטן אין דער סינאַגאָגע. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און עקזעקוטירט געוואָרן".

די עקזעקוציע איז נישט געווען פון סתם אַ „ספּעקולאַנט". אין דער מעלדונג איז געווען אַריינגעטריפט אַ פּאָר טראָפּנס אַנטי־ייִדישער גיפט. לייענענדיק און הערנדיק וועגן אָט דער טראַגעדיע, האָט מיך פאַרקלעמט דאָס האַרץ. דער עפּיזאָד און דער מענטש זענען אויך אַ טייל פון ייִדישן גלות־גורל.

וואַסער־פירערס און בעלי־עגלות

דאָס זענען געווען צוויי „פאַכן", ביי וועלכע ס'זענען גע־ווען באַשעפטיקט צענדליקער ייִדן, נישט פון דער „הויכער געזעלשאַפט".

צווישן די בעלי־עגלות אַליין זענען געווען אייניקע „קלאַסן": באַלעבאַטים פון „פאַיטאָנען" (פאַעטאָנען) און פערד, וועלכע האָבן געהאַלטן „שמייסערס"; זיי אַליין זענען שוין נישט „געפאָרן"; אַזעלכע, וועלכע פלעגן פאָרן מיט אייגענעם פאַיטאָן און פערד, און אַזעלכע, וועלכע זענען געווען שמיי־סערס ביי יענעם. געווען אויך משׂאות־פירערס. געווען אַ בעל־עגלה, וועלכער האָט זיך געהאַלטן, אַז ער איז „משכמו ומעלה", נישט קיין פּראָסטער בעל־עגלה... נאָר אַן „איזוואָשטשיק". די פּראָסטע גוייִם און אויך די „קריסטן" פלעגן רופן דעם בעל־עגלה — „באַלאַהורטשיק". אָט דער האָט זיך געלאָזט אָפּ־דרוקן ביי זאָניסן אין דער טיפּאָגראַפיע „וויזיטנע קאַרטאָטש־קעס", אויף רוסיש, בזה הלשון: „אינטעליגענטני איזוואָש־טשיק".

זלמן בעל־עגלה האָט מען אויך גערופן „זלמן פאַרעך",



— נאַ דיר אָפּ דעם קאַפּעליוש און מאַך נישט קיין קורנאָסע גוואַלד...
ציייכנונג פון פּרץ וויינרייך

צוליב זיין גרויסן פּליך, ביז איבער די אויערן. זיין קאַפּעלוש פלעגט ער אַרויפטאָן איבער די אויגן, סיי זומער און סיי ווינ־טער. זלמן פלעגט זיך באַרימען, אַז ער דאַרף נישט קויפן קיין קאַפּעלושן. ער קריגט זיי אומזיסט. ווי אַזוי?

אַז אין זלמנס פאַיטאָן איז געזעסן אַ נאַר וואָס אַראָפּגעקו־מענער, פון דער שטאָט, וואָיאַזשאָרל מיט אַ שיינעם הוט, פלעגט זלמן זיך „קליגערן", אַראָפּנעמען דעם הוט פון וואָיאַזשאָרס קאָפּ און עס אָנטאָן אויף זיינעם... אַז דער פרעמדער פלעגט זיך נעמען בייזערן פאַר דער מיאוסער חכמה און פאַר דער חוצפּה, פלעגט זלמן ענטפערן:

— נאַ דיר אָפּ די שליאַפּע און מאַך נישט קיין קורנאָסע גוואַלדן...

אָבער אַז זלמן האָט אָפּגעדעקט זיין נאַקעטן קאָפּ, אויף וועלכן ס'זענען געווען קנייטשן און סימנים פון אויסגע־היילטע פאַרעך־טשעריקעס, האָט יענער, פאַרשטייט זיך, דעם הוט נישט גענומען, ווייל אַ הוט, וואָס איז געווען אויף זלמן פאַרעכס קאָפּ, וועט קיינער אויף זיין קאָפּ נישט אַרויפזעצן.

זלמן איז דערטרונקען געוואָרן אין אַ פאַרפלייצונג, ווּהין ער איז אַריינגעפאַלן צוזאַמען מיט זיין פאַעטאָן און פערד, ערגעץ אויפן וועג צווישן יעדינעץ און דער באַן־סטאַציע.

מיטן אַראָפּברענגען די אויטאָס און אויטאָבוסן, איז דער מעמד פון די בעלי־עגלות געגאַנגען באַרג־אַראָפּ.

אונדזער קינדערישע פאַנטאַזיע האָבן אָבער גערייצט די וואַסער־פירערס. פאַרוואָס? ווייל זייער פירן וואַסער איז געווען דראַמאַטיש. בעת די פרעסט, פלעגן אַראָפּהענגען לאַנגע

„סטראָמפּאָליעס" פון זייערע פעסער און קאַנען, אַזוי ווי פון די דעכער. דער וואַסער־פירער, וועלכער פלעגט על־פּי רוב טראָגן אַ קורץ פּעלצל און גרויסע פילץ־ אָדער לעדער־שטיוול, פלעגט אַוועקשטעלן די קאַנען און אָנהויבן צו וואַרפן און קלאַפּן מיט זיינע הענט אונטער די פאַכוועס, כדי זיך צו דערוואַרעמען. בעת די בלאָטעס, פלעגט ער אויפהויבן ריזיקע געוואַלדן, כדי אונטערצוטרייבן די פערד, זיי זאָלן ווייטער שלעפּן די שווערע „סאַקאַ"...

— וויאָ, נבילה, וויאָ, פּגירה! אָנגעפרעסן האָסטו זיך שוין היינט מיט האָבער, איז טו זשע אויך עפּעס.

„פאַרשאַרטע" חברהלייט פלעגן אַמאָל אָפּטאָן אַ שפּיצל דעם וואַסער־פירער און אַרויסשלעפּן דעם צאַפּן פון פאַס... ער האָט געשאָלטן און איז געגאַנגען צום טאַטן פונעם „משומד" אָפּמאָנען פאַרן שאָדן, וואָס דער בנאָק האָט אָנגעטאָן.

אַ נישט געשריבן געזעץ איז געווען: בעת אַ „פּאָזשאַר" דאַרפן די וואַסער־פירער קומען מיט פולע פעסער, כדי צו לעשן דאָס פייער. שפּעטער פלעגן זיי גיין צו די שכנים פונעם „אָפּגעברענטן" מאָנען שכר־טירחה, ווייל יענע זענען דאָך גע־ווען די הויפּט־הנאה־האָבער.

און באַזונדערס מקנא זענען מיר געווען דעם קליינעם פייטל, וועלכער האָט געהאָלפן זיין זיידן דעם וואַסער־פירער צו האַלטן די בייטש אָדער אַפילו צו ציען די וויאַשקעס און טרייבן די פערד. צוויי קליינע קענדלעך האָט דער זיידע גע־האַט באַשטעלט פאַר פייטלען, כדי אים אַריינצופירן צו ביס־לעך, „פּעדאַגאָגיש", אין פאַך. פייטלס מאַמע האָט אים גע־בוירן, אָן חופּה וקידושין, פון אַ גביריש זונדעלע, ביי וועמענס עלטערן זי איז געווען אַ דינסט. ער איז אויסגעוואַקסן הפקר. אין חדר האָט ער קיין ייִדישקייט נישט אויסגעהאַלטן... די חדר־ייִנגלעך פלעגן אים רופן „ממזרוק". האָט אים דער זיידע גענומען צו דער „סאַקאַ".

פייטלען האָט אָבער ניט געצויגן צו דער „סאַקאַ". ער האָט זיך געוואָלט שפּילן אין ניס זומער, און ווינטער — זיך גליי־טשן אויפן אייז. תמיד האָט מען געהערט דעם זיידן שרייען:

— פאַטל, פאַטל, ווי ביסטע? די פערד האָבן זיך ס'פאַ־לאָשעט.

און אַז פייטל האָט זיך באַוויזן, פלעגט דער זיידע אים אָנזידלען און אָנשעלטן און ענדיקן מיטן פאַרצווייפלטן פינאַל:

— אוי, פאַטל, פאַטל... וועסטע זאַן אַ מענטש, וועסטע באַ מיר זיצן אָף דער סאַקאַ, אַנישט וועל עך דעך אַוועקגיבן, אין דר'ערד אַראַן, פאַר אַ שנאַדער...

פייטל, שוין אַ דערוואַקסענער בחור, איז געוואָרן, אַזוי דערציילט מען מיר, אַ „גאַנצער שישקע" אין די לאַגערס פון באַלטע, טראַנסניסטריע. דער סוף — ער איז פאַרשווונדן גע־וואָרן. מ'זאָגט, אומגעקומען ביי די דייטשן.

דער רב און די רביצין

פריער זענען אין יעדינעץ געווען בלויז דיינים, דער־נאָך האָט מען אַראָפּגעבראַכט און אויסגעקליבן אַ רב — ר'



די „משומדים״, אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין, האָבן אַרויסגעצויגן דעם צאַפּן פון פאַס...

צייכנונג פון פּרץ ווײַנרייך

מיכאל בורשטיין, אָדער „מעכל דער רב״, ווי מ׳האָט אים גערופן.

ער פלעגט דאַווענען אין אונדזער הוסיאַטינער קלויז און שנעל, נאָך אַ קליינער מחלוקת, באַוויזן זיין פּערזענלעכקייט. די יונגע באַלעבאַטים האָבן פון אים געהאַלטן אַ וועלט: ער איז אַ „פרידסטאַוויטעלנע״, אַ שיינער, אַ הויכער, אַ ריי־נער, זיין זיידענע קאַפּאָטע האָט תמיד געשיינט פון אָפּגעהיט־קייט; ער איז געגאַנגען שטראַם, ס׳האָט פון אים געווייעט מיט כבוד און ער האָט אַרויסגערופן צו זיך אָפּשיי נישט נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי די גויים; און אַפילו דער „שעף דע פּאָסט״ און אַנדערע מאַכטהאָבער האָבן פאַר אים אַרויסגע־וויזן רעספּעקט.

— נישט קיין פאַרשמאַלצעוועטער רב! — האָבן זיך די יונגע געגרויסט מיט אים.

די עלטערע, דאקעגן, האָבן פון אים נישט געהאַלטן: ער איז צו שיין, פּוצט זיך, היט זיך אָפּ, גייט שטאָלץ מיטן קאָפּ פאַרריסן — אַז ס׳פּאַסט גאָר נישט פאַר קיין רב...

מיט די יונגע פלעגט מעכל דער רב ליב האָבן זיך חברן. ער פלעגט ליב האָבן אַריינצוקוקן אויך אין ספרים חיצוניים, זיך פאַרנומען אַפילו מיט תכונת־השמים (אַסטראָנאָמיע) אין דערקלערן די לאָגיק פון כוכבי־שבת און כוכבי־לכת, די געזעצן פון ניוטאָן, וועגן דעם כוח המשיכה און נאָך אַזעלכע מופלאדיקע זאַכן און דעריבער האָט ער זיך איין מאָל אַרויס־געכאַפּט:

— מיינט נישט, אַז די אַפּיקורסים האָבן נישט אויף וואָס זיך צו פאַרלאָזן...

אָבער תיכף האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עפּעס האָט ער גע־זאָגט נישט צו דער זאַך און האָט עס געפּרוווט צו פאַרריכטן:

— אָבער צוריקגעשמועסט, קאָן מען דאָך זיי ענטפערן, אַז... (און דאָ זענען געקומען כל מיני באַקאַנטע פסוקים).

ער איז געווען אַ גוטער רעדנער און פלעגט אַריינמישן אַ סך „אינאָסטראַנע״ ווערטער: קולטורע, פּסיכאָלאָגיע, לאָגיקע, פילאָזאָפיע וכד׳.

יעדינעץ איז געווען שטאָלץ מיט אים. זיין זון איז גע־וואָרן רב אין באָטאַשאַן, אַלט־רומעניע, און אין שטעטל פלעגט מען פיל דערמאָנען זיין למדנות, זיין אַלגעמיין וויסן און זיין עסקנות. ער איז נפטר געוואָרן אין ישראל (זע — אויף אַן אַנדער אָרט פון בוך).

שׂמחת־תורה פלעגט דער רב זיך צודעקן מיטן טלית איבערן קאָפּ, נעמען אַ תורה און גיין מיט איר אַ טענצל. ער האָט געטופּעט און געוואָרפן מיט די פיס, זיך געבוקט אַהער און אַהין... ממש אַן עקסטאַטישער באַלעט־נומער.

ס׳האָט פּאַסירט, אַז יידן פלעגן דאַרפן זיך מאַכן „דאָ־קומענטן״, כדי אַן „אוקראַינער״, למשל, זאָל ווערן אַ לאָקאַ־לער בירגער וכד׳. אַזעלכע דאָקומענטן פלעגט אַרויסגעבן דער לאָקאַלער ריכטער, וועלכער איז, אגב, געווען אַ גרויסער כאַבאַרניק. געוויינלעך זענען ביי דער „זשודעקאַטאָריע״ (גע־ריכט) תמיד געווען יידן, וועלכע פלעגן, פאַר אַ קליינעם באַצאָלט, זאָגן עדות, וואָס מ׳האָט נאָר געוואָלט: „יאָר־עדות״ האָט מען זיי גערופן. אָבער אין געוויסע פאַלן האָט דער ריכ־טער פאַרלאַנגט אַ סאַקראַמענטאַלע שבועה: אַז דער עדות זאָל שווערן, פאַרן רב, אַז ער זאָגט אמת.

איין מאָל האָט אַ „יאָר־עדות״ געדאַרפט זאָגן עדות לטובת אַ יידן, וועלכער האָט זיך געדאַרפט לעגאַליזירן, בפירוש אַ ליגן... דער רב האָט עס געוווּסט. דער ריכטער האָט עס אויך געוווּסט, אָבער פאַר כאַבאַר האָט ער געשוויגן. דעריבער האָט ער גערופן דעם רב, כדי אויף אים אַרויפצולייגן דאָס אחריות.

האָט מעכל דער רב געעפנט דעם תנ״ך, אָנגעטאָן דעם טלית און אָפּגענומען די שבועה פון עדות בזה הלשון:

— לא תענה בריעך עד שקר, אָבער אַז מ׳מוז מוז מען...

פאַקטיש האָט דער רב מתיר געווען דעם יידישן עדות און גענומען אַלץ אויף זיך, כדי צו ראַטעווען אַ נפש אחת מישראל.

אַ באַזונדערע פּערזענלעכקייט איז געווען די רביצין. זי איז געווען אַ צדקנית; אַ כלל־טוערין מיט אַן איידעלער נשמה. אינטערעסאַנט איז דער „קאָמיטעט״, וואָס זי האָט געגרינ־דעט: „מלביש ערומים״. זי האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ פּאָר צענדליק מיידלעך, וועלכע פלעגן יעדן פרייטיק גיין אי־בער די הייזער און זאַמלען „פּאָזשערטוואָוואַניעס״ פאַר דער „רביצינס קאָמיטעט״. ערב פסח און ערב ימים נוראים

פלעגט זי גיין צו די שניטקרעמערס, כדי צו קויפן ביי זיי אַ „פּעקל" אָדער מער „געלע לייוונט" אין „קרן־פּרייז". די מיידלעך פלעגן אויפנייען העמדער און וועש און די רביצין פלעגט עס פאַרטיילן צווישן די אָרעמע לייט. ס'איז געווען ביי איר אַן עבודת־הקודש; אַזוי אויך ביי אַלע שטעטלשע איינוווינער.

דער גאַזעטשיק

מיר, די יוגנט, פלעגן פון צייט צו צייט פּרוּוון אַרויס־געבן „זשורנאַלן", העקטאָגראַפירטע, אין אַ פּאָר צענדליק עקזעמפּלאַרן. דער אינהאַלט — ליטעראַרישע פּרוּוון, לידער, פּראָזע און מעדיטאַציעס. איין זשורנאַל אַזאַ האָט געהייסן „פונקען". ס'נאָך דאָ ביי מיר, ערגעץ־ווו, אַ פּאָר ייִטלעך פו־נעם נומער איינס. קיין באַקאַנטע שרייבערס זענען פון אָט די דעביוטאַנטן־פּרוּוון נישט אַרויס.

צייטונגען האָט מען דער עיקר געלייענט קעשענעווער — רוסישע און ייִדישע: צו ערשט „דער ייִד" און שפּעטער „אונדזער צייט". די רוסישע צייטונגען זענען פון זשורנאַליס־טישן שטאַנדפּונקט געווען „בעסערע", מיט מער נייעס און מער סענסאַציעס. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו לייענען רו־מענישע צייטונגען פון בוקאַרעשט. הגם ס'האָט אָפט געדויערט פינף טעג, ביז די בוקאַרעשטער צייטונגען זענען אָנגעקומען אין שטעטל, זענען ביי זיי די נייעס דאָך געווען פרישער, ווי אין דער ייִדישער צייטונג פון קעשענעוו.

דאָס ייִדישע בלאַט פלעגט מען על־פּי רוב אַבאָנירן זאַלבע צווייט און אַפילו זאַלבע דריט; עס פלעגט גיין פון שכן צו שכן. געווען אַ שותף, וועלכער האָט אַ גאַנצע וואָך קיין צייטונגען נישט געלייענט און זיי גענומען בלויז אויף שבת. שמעון דער גאַזעטשיק פלעגט קאַסירן דאָס אַבאָנא־מענטן־געלט. שפּעטער פלעגט אַראָפּקומען אַן אינקאַסענט. שמעון פלעגט אויך געבן דאָס ייִדישע בלאַט אויף „איבערצו־לייענען". ער האָט אויך געהאַלטן די רוסישע און די רומעני־שע פּרעסע, וועלכע מען פלעגט אויך קריגן „איבערצולייע־נען" פאַר אַ דריטל, וואָס אַ צייטונג קאָסט.

שמעון האָט פאַרשטאַנען ווען צו געבן די פרישסטע צייטונגען און ווען מ'האָט געקענט געבן אַ צייטונג פון יע־נער וואָך. דאָרפס־לייט פלעגן אַ מאָל, בעת א חגא, זיך קויפן אַ צייטונג, אויף רוסיש אָדער רומעניש... איז אויב שמעון האָט נאָר געהאַט, פלעגט ער זיי אַריינרוקן אַ צייטונג אַפילו פון פאַראַיאָרן. דער גוי האָט זיך געפרייט, ווייל ער האָט דאָס בלאַט באַקומען פאַר שפּאָט ביליק.

דער לימעניק

צווישן אַלע אַנדערע אינטערעסאַנטע פּרנסות איז גע־ווען אויך די פּרנסה פון „לימעניק". ער פלעגט אַראָפּברענ־גען פון דער גרויסער שטאָט אַ פּאָר קעסטלעך לימענעס און זיי פאַרקויפן, גייענדיק איבער די הייזער. לימענעס פלעגט מען נוצן צו דער טיי און אויך כדי זיך צו קוויקן ביי חלשות.

שטיקלעך שאָלעכץ פון לימענעס האָט מען אַריינגעוואָרפן ביים פּרעגלען איינגעמאַכטס. דער לימעניק פלעגט אויך אַראָפּ־ברענגען מאַראַנצן, אויף צו שיקן שלח־מנות פּורים, און פּאַר־שיידענע ארץ־ישראל־פּירות אויף חמישה־עשר בשבט; אויך געפּראַזשעטע קערלעך צום קנאַקן אויף שבת האָט מען ביי אים באַקומען. אַ זייטיקן ריווח האָט דער לימעניק געהאַט פון פאַרקויפן די זייטן־ברעטלעך פון די קעסטלעך פון לימע־נעס און מאַראַנצן; זיי זענען געווען פון אַ האַרט האָלץ, וואָס מ'האָט גענוצט אַלס האַקברעטלעך. ביים לימעניק איז געווען אַן „אָטשערעד" פון באַלעבאָסטעס זוכה צו זיין ביי אים אַ האַק־ברעטל.

אַן עבירה צו לאָזן ביים כפּרהניק...

כ'וועל נישט אָנרופן דאָס מיידל ביים נאָמען. אייגנטלעך איז עס נישט קיין געוויסער טיפּוס, נאָר אַ צוזאַמענגעשטעל־טער... לתפארת המליצה — לאָמיר זי רופן חוהלע — אויפן נאָמען פון דער ערשטער פרוי אין דער וועלט. איז חוהלע געווען אַ „באַיווע" און דערפאַר טאַקע — אַ פאַרזעסענע מויד. פלעגט זי איר טאַטע שיקן אַ גאַנג, אָפּנעמען אַ הלוואה אָדער בעטן אַ גמילות־חסד ביי אַ שכן. איר מאַמע פלעגט זי שיקן לייען ביי אַ שכנטע אַ פּעטרושקעלע, אַ ביסל זויער־זאַלץ אָדער אַ שטיקל צימערינג. קומט זי אַריין, אין אַזאַ מין שטו־ביקער שליחות, צום שכן, דעם שניידער מאיר קאַפּענדיס, אַ ייִד אַ פּיקח, אַ וויצלינג, וועלכער האָט מיר אַ מאָל פאַרגע־וואָרפן, אַז כ'האָב מיר, לא עלינו, פאַרלאָזט אַ פּאָר פיס ביז צו דער ערד... דאָס איז געווען אַ מין קאָמפּלימענט פאַר מיין לענג. מאיר קאַפּענדיס האָט גראָד דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ פּאָר גויים דעם באַשטעלטן „גאַרניטער" — אַ פּידזשאַקל און אַ פּאָר הויזן. דעם גוי איז די אַרבעט געפעלן געוואָרן; האָט ער גע־שטעלט אַ פּאַרל סאַראַקאָווקעס בראָנפן. איז, פּונקט ווען מען האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך, אַריינגעקומען די דערמאָנטע חוהלע. מאיר קאַפּענדיס האָט איר אָנגעהויבן איינצורעדן, זי זאָל נעמען אַ גלעזל בראָנפן...

— ניין — זי וויל נישט, וואָס פּלוצעם?

— דו נאַרעלע — האָט מאיר קאַפּענדיס זי צוגערעדט — נעם, ס'אַן עבירה איבערצולאָזן דעם בראָנפן ביים כפּרהניק...

חוהלע האָט גענומען אַ גלעזל. דאָס צווייטע גלעזל אויך. דערנאָך אויך דאָס דריטע... ווען זי איז אַרויס פון דער שניי־דעריי, האָט זי זיך געקאַטשעט און נישט געגאַנגען.

איר מוטער האָט זיך געוואָלט „דערהרגענען", ווען זי האָט דערזען איר טאָכטער אין אַזאַ לאַגע...

— ווי איז צו מיר... וואָס איז מיט דיר געשען — האָט זיך די מאַמע געבראָכן די הענט...

— מאַמע — האָט חוהלע דערקלערט — ס'איז גאָרנישט... ס'איז פּשוט געווען אַן עבירה איבערצולאָזן דאָס ביסל בראָנפן ביים כפּרהניק...

קיין שותף צו די קללות, וואָס חוהלעס מוטער האָט אויס־

געשאָטן אויפן קאָפּ פון „שנײַדערוק" מיט זײַנע „חכמות", איז נישט כדאַי צו זײַן.

אַז חוהלע איז געווען גוט אין די יאָרן, האָט זי פּלוצעם באַקומען אַ חתן, אַ פרעמדן — אַ שיינעם בחור מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, געטראָגן אַ שוואַרצע „קאָסאָוואָראָדקע" מיט אַן אויסגעניייטן קאָלנער, אַ לעדערנעם פּאַסיק, אַ פּאָר „גאַל־פּע"־הויזן מיט שוואַרץ־געפּוצטע שטיוול. חוהלעס פאָטער האָט צוגעזאָגט אַ שיינעם נדן... ער האָט אַלץ אויספאַרקויפט, כדי צו זאַמלען דעם נדן.

פלעגט דער חתן אַרײַנגיין מיט חוהלען אין צווייטן צימער, ווו ס׳זענען קיין פענצטער נישט געווען און פאַרמאַכן די טיר. אין דרויסן האָבן טאַטע־מאַמע זיך געבראָכן די פינגער:

„וואָס קאָנען זיי דאָרט טאָן אַזוי לאַנג?"

אין אַ צייט אַרום זענען חתן־כלה אַרויס רויט און פאַר־שוויצט...

אַז די מאַמע איז געבליבן אַליין מיט חוהלען, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ ציטערדיקע געפרעגט:

— חוהלע, וואָס איז געווען אַזוי לאַנג?

— מאַמע — האָט חוהלע דערציילט מיט באַגייסטע־רונג — ער האָט מיך אַזוי ליב, אַז ער קושט מיך אַזש...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער חתן אײַנגערעדט זײַן מחותן אים צו געבן אַ טייל פונעם נדן, כדי ער זאָל טאָן אַ מסחר. דער פאָטער האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן. דער חתן מיטן טייל נדן האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ „פאַיטאָן", געפאָרן צו דער באַן, כדי צוריקצוקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום מיט סחורה.

און אַוועק — ביזן הײַנטיקן טאָג...

חוהלע האָט געגלייבט, אַז עפּעס איז מיט אים געשען, ווייל ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אַנטלויפן? האָט ער זי דאָך אַזוי ליב געהאַט, אַז ער האָט זי אַזש געקושט...

לשון

ר׳ מאָטעלע קלוגמאַן איז געווען אַ קליין־וווקסיקער. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זײַן אייגנאַרטיקער שפּראַך, מיט וועלכער ער האָט גערעדט צו די גויִים — די קונים אין זײַן שניטקראָם. ווען זיי האָבן זיך געדונגען אַרום דעם פּרייז, האָט ער זיי געוואָלט איבערצייגן על־פּי שׂכל און מיט אַ גמרא־ניגון, אַז ער קאָן נישט נאָכלאָזן פון געבאָטענעם פּרייז. בזה הלשון, אַ געמיש פון ייִדיש, וואָלעכיש און גויִיש:

— דאַקע נו דאַי, און קאָפּיקע זאַראַבאָטאַי, טאָ ווידקע סע טרעיעשט נאַ סוויטע און ווידקע אם סע אם נאַ שבת?

אַזאַ סקאַנדאַל...

ד"ר פּאַול באַראַטאָוו איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל מיט זײַן טעאַטער. ער האָט געשטעלט „ערנסטע זאַכן". איינע פון די פאָרשטעלונגען — „דער פאָטער" פון אויגוסט סטרינדבערג. אין דער פּיעסע קומט פאָר די באַרימטע סצענע, ווו



— אַזאַ סקאַנדאַל, פאַר אַזוי פיל מענשן... ס׳אי ניט פּרילימשנע...
צייכנונג פון פּרץ ווײַנרייך

דער פאָטער וואַרפט זײַן פרוי, וועלכע וויל אים משוגע מאַכן, אַ ברענענדיקן לאָמפּ. באַראַטאָוו — אַלס פאָטער — האָט גע־וואָרפן דעם לאָמפּ גאָר קונציק און דאָס האָט עלעקטריזירט דעם זאַל. כ׳געדענק, אַז אויך מיך האָט אַרומגענומען אַ שוי־דער. אָבער פּלוצעם שטעלט זיך אויף אַ ייִדענע, פון די אָנווע־זנדיקע אין זאַל, און רופט אויס אויף אַ קול, אירן אַ רעפּ־לעקס:

— אַזאַ סקאַנדאַל און פאַר אַזוי פיל מענטשן... פּע... אַ פּרילימשנע פּערזאָן טוט עס נישט...

„דו געדענקסט דאָך אונדזער שטוב?"

שוין דאָ אין ישראל באַגעגנט מיך אַ יעדינעצערין; געקומען איז זי שוין נאָכן קריג. זי האָט זיך פאַר מיר באַ־קלאָגט, אַז מ׳האָט איר און איר משפּחה געגעבן אַ שלעכטן שיכון, אַ סימן — אין חדר־אמבטיה איז דאָ נאָר אַ „האַלבע חרסינה" אאַז״וו. דערבײַ האָט זי מיר צוגעגעבן מיט אַ טיפן אויפריכטיקן קרעכץ:

— דיר, יאָסל, דאַרף איך דאָך נישט דערציילן, ווי „שי־קאַרנע" מיר האָבן געוווינט אין דער היים...

אַוודאי געדענק איך!...

איר פאָטער איז געווען אַ רימער; גוטמוטיק האָט מען אים גערופן „חיים זאָטל"; און אין אַ שלעכטן געמיט — „חיים זאָדיק".

זייער שטוב איז געשטאַנען אויף דער טאָרהאָוויצע קעגן

קלויסטער. דאָס איז געווען איינע אין דער שערענגע פאַראיניקטע הייזער. די וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן: דאָס פאָדערשטע — די „מאַסטערסקאַיאַ", ווו ס'איז געשטאַנען אַ טיש צום צושניידן און אַ מאַשין צום נייען. ליכט איז אַריינגעקומען פון דרויסן, בלויז ווען מ'האָט געעפנט דעם איינציקן טערקישן לאָדן; פאַקטיש — אַראָפּגעלאָזט דעם לאָדן און אים אונטערגעשטעלט אַ דריקל. אין קלייט אַריין איז מען פון דער גאַס אַראָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טרעפּ... פון דער קלייט איז מען אַרויפגעגאַנגען אַ דריי־פיר טרעפּ אין דעם איינציקן וווינצימער, ווו ס'זענען געשטאַנען אַ פּאָר בעטן פאַר די עלטערן און אַ פּאָר גלעגערס פאַר די קינדער.

קיין פענצטער זענען אין וווינצימער בכלל נישט געווען. די שטיבער אויף דער „טאַרהאָוויצע" האָבן קיין „אַבאָרעס" (הייף) נישט געהאַט. קיין בית־הכסא — אויך נישט. אַז מען האָט „געדאַרפט", האָט מען גענומען דעם ספּעציעלן „קעסל" און מיט אים אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער אַריין... אַז מ'האָט געזען, אַז די קאָסע טירן פון קעלער זענען אָפן, איז עס געווען אַ סימן, אַז עמעצער איז אַהין אַראָפּ מיטן „קעסל"; דערנאָך האָט מען דעם „קעסל" אַרויפגעבראַכט פון קעלער, צוגעדעקט מיט אַ פּאַפּיר, אָדער נישט... מ'האָט זיך אַרומגעקוקט רעכטס און לינקס, צי עמעצער גייט נישט דורך, און דערנאָך אַ שמיץ געטאָן דעם „אינהאַלט" פון „קעסל" אויף דער גאַס...

פאַרנט אין קלייט איז אויך געשטאַנען די דישקע מיט וואַסער. נעבן איר, אויף אַ פוס־בענקעלע, אַ בלעכענער „ליגען" און אַ מעשענע קוואָרט, מיט צוויי הענטלעך, צום וואַשן זיך. מיט אַ פּאָר טעפּעלעך וואַסער האָט מען אויסגעשווענקט דעם „קעסל"... ביים אַרויסגיסן אַט־דאָס „ריינע וואַסער" אויף דער גאַס, האָט מען זיך שוין ווייניקער געהיט...

צי איך געדענק, ווי „שיקאַרנע" זי האָט געלעבט אין יעדינעץ?! נאָך ווי אַזוי... קאָן מען טאַקע נישט נעמען אַ שיכון אָן „פּולע חרסינה" אין באָד־צימער...

אַ פּאַלנע סטאָלער

דער אָנפירער מיט דער סטאָלערײַ פון „החלוץ" אין יעדינעץ איז געווען אַ קליינוווּקסיקער און קיילעכדיקער פאַרשוין, וועלכן מ'האָט גערופן „בעני בויך". ער פלעגט לערנען די חלוצים סטאָלערײַ און אויך אָנפירן מיטן וואַרשטאַט, וועלכער פלעגט אויסאַרבעטן מעבל. איין מאָל איז



...אַזאַ שיקאַרנע לעבן...

צייכנונג פון פּרץ ווײַנרייך

באַשלאָסן געוואָרן צו לערנען סטאָלערײַ אויך אונדז, די יונגטלעכע, און אַזוי אונדז אַריינציען אין „החלוץ".

בעני איז געווען אַ וויצלער און געהאַקט מיט חכמות. צו איינעם האָט ער אַזוי געזאָגט:

— דו קענסט סטאָלערײַ? אַוודאי... זעגן קענסטו פון דעמאָלט, ווען דו פלעגסט זייגן דער מאַמעס מילך... און אַ פוס אין בעט קענסטו אויך אַריינשטעלן, אַפילו צוויי... ביסטו טאַקע אַ פאַלנע סטאָלער.

דער „פּיסאַטיעל"

איינער פון די קאָלקערס האָט געהאַט אַ „פּישטשע־בומאַזשנע" קלייט. דאָרט פלעגט ער אויך פאַרקויפן ביכער...

פרעגט מיך אַ מאָל אַ גאָר בעל־הבתיש מיידל, וועלכע האָט געוואָלט אונטערשטרייכן איר אינטעליגענטסטווע:

— זאָג נאָר, וואָס האָט ער צו פאַרקויפן ביכלעך, דער קאָלקער, ער איז עפּעס אַ פּיסאַטיעל?

אשר גולדנברג

שלוש משפחות - שלושה עמודי־תווך

עיר מולדתי השנייה, בה עברו עלי אחת־עשרה שנות חיי, מגיל ה־תשחורת, השאירו בי זכרונות ו־צלמי טיפוסים, אשר אישיותם קורנת אור מיוחד ומן הראוי לחרות זכרונם עלי ספר.

יורשה לי לתאר שלושה בתי־אב, מעין שלושה עמודי־תווך של הציבוריות היהודית בידיניץ. המדובר במשפחות ליפא שור, ניסן וייסמן ויעקב דורף.

אתחיל במשפחת שור הענפה, שאליה סופחתי גם אני, מאז נישואי עם פרל, שנקראה בעיירה, גם אחרי נישואיה, בשם פרל שור.

מאיר האדום

את מאיר, סבא של רעייתי פרל שור, לא הכרתי אישית. שמעתי עליו מתוך סיפורים שהיו שגורים בפי בני משפחתי ובפי תושבי ידיניץ הוותיקים. האיש שהיה פופולרי מאד והשפיע רבות על תושבי העיירה, הגיע מפודוליה, הסמוכה לבסרביה, בהיותו צעיר לימים, הרביץ תורה וגמרא לבחורי העיר וכולם כינוהו „מאיר דער רויטער", על שום זקנו האדום ומראה פניו הבריאים והוורודים, שלא כדרך המלמדים בישראל, דלי־הגוף וחיורי־הפנים. מאיר היה בעל מרץ רב ובעל יוזמה ועסק במסחר־חליפין בין ידיניץ לבין עיירות פודוליה מולדתו. נוהג היה להוביל לפודוליה תוצרת חקלאית, שבסרביה היתה משופעת בה, ולהביא משם כל מיני סחורות. הוא הכניס, למשל, לידיניץ את העששית הראשונה של נפט, ואף יסד בה את בית־הבד הראשון, להפקת שמן.

לא עמדה ההצלחה למאיר בעסקיו וכל אימת שנשאר בדפיציט, היה חוזר לאומנות המלמדות עד שפרע את חובותיו. ככה המשיך כל חייו לסרוגין: סוחר ומלמד.

כשבאתי לידיניץ, בשנה הששית למאה הנוכחית, כבר היה מאיר האדום עם דרי מעלה זה עשרים שנה, ואילו דרי מטה שבעיירה לא פסקו מלספר, ברטט ובחיבה, על אותו יהודי בר־אוריין, חסון בגופו ומוכן תמיד להקדיש מכוחותיו ומרצו לטובת הסובלים והעניים, על אף העובדה שהוא עצמו לא היה חסר דאגות־פרנסה.

סיפור אחד מוסב על מאורעות בעירו, בלטה, בתחילת שנות השמונים למאה הקודמת. בעיר פרצה שמועה כי הקאצאפים והצוענים המקומיים התארגנו במטרה לפרוע ביהודים. נבהלו היהודים והתחילו לרוץ, זקן ונער, נשים וטף, לרחוב בתי־הכנסת, וביניהם גם מאיר האדום ומשפחתו.

ברם, משהגיעו לשם, הרגישו בני משפחתו, שהוא מתכוון להשאיר אותם בתוך הקהל ולשוב העירה. התחילו בוכים, תופסים בכנפי מעילו על־מנת לעכבו, אך הוא פשט מעליו את הקפוטה, השאירה בידי בנותיו המתייפחות, עקר בכוח מוט־עץ מגדר והחל לרוץ וצועק: „יהודים, אל תתנו עצמכם להישחט!" משראו הצעירים את מאיר האדום עם המוט ביד וצועק, נתלוו אליו כל הקצבים, בעלי־המלאכה וכל מי שכוחו במותניו, התנפלו על קבוצת הפורעים, שהתחילו כבר בפיצוץ שמשות והיכום מכה ניצחת. מאז נפלה אימת היהודים על הקאצאפים ובעלי האגרוף שבפרברי עירו.

ידע האיש גם להפוך מידת הדין של קנאות דתית למידת הרחמים והסליחה. משהשגיח פעם באשתו, כשהיא מתקהלת בסוד נשי הרחוב והן מתווכחות ביניהן במתיחות גדולה, הבין, כי קרה משהו בלתי־רגיל. עם שנכנסה הביתה, שאל אותה לפשר הדבר. ענתה לו בגימגום ומתוך מבוכה, „מה זה יכול לעניין אותך? בתו של הירש החייט ילדה לזנונים". ענה ואמר לה: „לכי, חנה, ושחטי עוף, בשלי מרק והכניסי לה ליולדת, להשיב נפשה, כי נפש מישראל היא וסובלת. אל לנו לדון אותה לחובה".

בערבי השבת בצאתו מבית־התפילה, היה נוהג לעבור את כל בתי־הכנסת שבעיר, במרוצה, ובדק אם לא נשארו שמה עניים, עוברי־אורח, שלא נתקבלו על שולחן אחד מבעלי־הבתים. לא פעם קרה והיה אוסף, בדרך זו, קבוצה שלמה של עניים, והיה מתדפק על פתחם של בעלי־בתים ומבקשם לקבל אל שולחנם אחד העניים ואלה שנשארו מבלי שימצא מקום בשבילם, היה מביא לביתו לשבת.

פעם, בליל התקדש חג־הפסח, והוא כבר זקן, בא בימים, עמד לערוך את ה„סדר" המשפחתי בבית בתו הבכירה. אולם אחרי התפילה, נעלם מאיר ולא חזר מבית־הכנסת. נבהלו בני הבית, נעלו מגפיהם ויצאו לרחוב לחפש את אביהם. והרחובות ריקים מאדם, כנהוג בליל ה„סדר". במורד „הפאָטש־טאָווע", בפניה לרחוב בתי־הכנסת, פגשו בבחור מהלך לבדו ברחוב. הלה סיפר כי ראה את מאיר האדום סוחב עני על כתפיו! אחרי דקות מספר הופיע גם הזקן ונתברר, כי רץ, כדרכו, לבדוק בבתי־הכנסת, שמא נמצא מישהו ללא בית. ואמנם נתקל בעובר־אורח אחד, חולה. מכיוון שהלז היה חלש מכדי שילך ברגליו, הרכיבו על כתפיו. ברגע הראשון התכוון להביאו לביתו, אך מכיוון שחשש לתרעומת מצד בני ביתו, החליט לבקש בן־אדם, שיאות לטפל בו בשכר. אך רבים היו המסרבים. לבסוף מצא אשה אלמנה שנאותה לקבל את העני לטיפול, אך דרשה שלושה רובל במזומנים, סכום די גדול לפי מושגי הימים ההם. ומכיוון שכסף לא היה לו, פשט את מעיל החג שלו, השאירו בידי האשה לערבון עד שיחזיר לה החוב.

בימי חייו לא יכול היה להגשים את רעיונו להקים בחצרו, בבנין עזוב, בית־מחסה לעניים. אולם משנפל למשכב, בימי מגיפת החולירע בשנת תרמ״ה (1885) וחש כי קיצו קרוב לבוא, ביקש מידידיו, שנתקהלו בתוך הבית, שיעריכו את שוויו של הבנין שרצה להקדישו לבית־מחסה לעניים. לבתו הבכירה, אסנת, ציווה להביא את סכום הכסף שנקבע וציווה עליה שתקים אחרי מותו בית־מחסה לעניים. בעוד הוא מחזיק את הכסף ביד — נפטר מן העולם. בתו אסנת, שירשה מאביה את מרצו, תכונותיו ומידותיו התרומיות, הוציאה את מחשבתו לפועל.

ליפא שור

ליפא שור, חתנו הבכור של מאיר האדום, היה טיפוס מעניין מאוד. בעל מידות נעלות, תורני מובהק, בקיא בש״ס ופוסקים, פוסק בשאלות איסור והיתר במקום הרב, בעת העדרו של זה מהעיר. אם כי היה אמיד, התרועע, כאח וכידיד, עם פשוטי העם, וכולם היו משכימים לפתחו לשאול בעצתו, כי האמינו בהגיון שכלו וביושר־ליבו. היה נכון תמיד לעזור בגמילות־חסד לשכניו ולידידיו, אם כי לא היה בזבזן כלל בענייני כספים. עם שהיה ירא שמים ומאמין במסורת, היה הוגה דעות מטבעו ואוהב לעיין בספרי השכלה ופילוסופיה שנזדמנו לבית. ביחוד אהב לעיין בספר „דור דור ודורשיו" לאייזיק הירש וייס ולהתווכח אחר כך אתנו, כדי לדחות את דעותיו המתקדמות של וייס. אולם בוויכוחיו אתנו, החופשים בדעות, השתדל תמיד להישאר בגבול הסובלנות והמשפט ההגיוני. הוא היה בעל כושר ביטוי יוצא מן הכלל, פרטנר לוויכוחים מאין כמוהו.

הימים ימי מלחמת העולם הראשונה. לעירנו הגיעו פליטים מ„בוקובינה הבסרבאית" (כך קראו היהודים לצפון מחוז חוטין), שעל הגבול האוסטרי, שנאלצו לעזוב את מקומות מגוריהם בפקודת מפקדי הצבא הרוסי. ליפא ארגן ועד לעזרת הפליטים, ריכז את פעולת ההתרמה וחלוקת הכסף בין הנצרכים בעזרת ידידיו, כשיד ימינו היה איציקל יענקב־שעיה׳ס, אברך בעל הדרת פנים, בן־אוריין, בעל מזג טוב, מחניכי הישיבה הקישינובית. בשיחותיו אהב לפתח תכניות על מניעת אפשרות של התלקחות מלחמות בעולם. הוא סבר, כי לו היו מורידות כל הממשלות את הגבלות־המכס והיו מנהלות ביניהן מסחר חופשי, היה בא הקץ למלחמות. אני, שהייתי קרוב להשקפת עולם סוציאליסטית, טענתי, כי כל עוד ישלוט ההון בעולם לא יבוא הקץ למלחמות. על רקע זה התלקחו מדי פעם ויכוחים נרגשים ומעניינים ביותר.

המלחמה העולמית נסתיימה, בשביל עירנו, בפרעות ביהודים, בתחילת חודש דצמבר 1917, כאשר תושבי הפרברים הנוצרים שדדו את כל המרכז המסחרי של העיר בעזרת החיילים, ששכנו בעיר, בדרכם חזרה מהחזית. ערב אחד נודע, כי תושבי הפרברים והחיילים „מתכוננים" וקרוב לוודאי שיקרה משהו. מתחת לחנותו של חותני היה מרתף סתרים שפתחו השתווה עם הרצפה ועין זר לא הבחינה בו. החלטנו,



נטע שור ורעייתו ז״ל.

אנחנו הצעירים, להוריד את הסחורה למרתף. כשחזר חותני מבית־הכנסת, הפסיק את העבודה בטענה, כי הסחורה רשומה בסובייט המקומי („ועד הפועלים והחיילים") ואם יבואו ולא ימצאו את הסחורה יפתחו בפרעות וישדדו את כל המרכז המסחרי. לא הועילו כל טענות שכנגד והוא הכריח אותנו להעלות את הסחורה מהמרתף עד הפרט האחרון. ואמנם, באותו ערב היתה חנותו של חותני הראשונה שנשדדה. אחריה נשדדו כל החנויות של המרכז המסחרי וגם כל חנויות העץ שעל כיכר ה„טאַרהאָוויצע" הישנה נשדדו והועלו באש.

כאשר יצאנו אל כיכר ה„טאַרהאָוויצע" באותו לילה, מצאנוהו, לאור החנויות הבוערות, כשהוא נתון בוויכוח פילוסופי על כבשונו של העולם ועל תכלית חיי האדם...

נטע שור

בנו יחידו של ליפא שור, נטע, על אף הצלחתו בעסקיו אחרי מלחמת העולם הראשונה, לא הזניח את מידותיו הטובות של אביו. הוא היה אדם עממי ומעורב בין הבריות. עוד בהיותו צעיר נמשך לציונות ובתקופה שלאחרי המלחמה, עודד את הפעולה הציונית בתרומותיו המופתיות לקרנות ולעזרת החלוצים, שהיה להם מרכז הכשרה בעירנו. בשנת 1929, כשחגג את יובל החמישים שלו, במסיבת רעים, בעיר מולדתו, והוא אז כבר תושב קישינוב הבירה, רשמוהו בני עירו בספר הזהב, לאות הוקרה על פעילותו הציונית.

בשנת שלושים־ושתים ארגן קבוצה בסרבאית, שבאה בחוזה עם חברת „יכין" לנטיעת מאתיים וארבעים דונם פרדס, בשווי של עשרים אלף לירות סטרלינג בערך. הקבוצה מנתה עשרים איש, ביניהם שבעה מבני משפחתנו, שהתארגנה לתכלית התיישבות בארץ, לאחר שהפרדסים ישאו פרי.

בשנת שלושים־ותשע קיבל בנו הצעיר של נטע, מנדיל, סרטיפיקט, על סמך ההון אשר אביו השקיע בארץ. הוא סיים חוק לימודיו ברפואה באירופה והתגייס לצבא הבריטי.

בפרוץ מלחמת העולם השנייה, נסתיים עיבוד הפרדסים על־ידי חברת „יכין" והם הועברו לידי בני המשפחה. בא

תורו של נטע עצמו לעלות ארצה. ברם, ממשלת המנדט לא שיחררה אז שום סרטיפיקטים. בהמלצת הסופר נתן ביסטריצקי, שהביא את המקרה לפני מנחם אוסישקין, ניתן לו סרטיפיקט בתור „ציוני ותיק". ולאחר הפסח, אותה שנה, הגיע נטע עם רעייתו ארצה. הוא אף הספיק עוד להעלות גם את בנו הבכור, מאיר, שעזב את קישינוב יום אחד לפני האוקופאציה של בסרביה על־ידי ברית־המועצות. נטע זכה להגיע לגבורות, מכובד על הכל, כשהוא מתגורר בביתו בגבעתיים. בשיבה טובה נפטרו לפני כמה שנים בישראל נטע שור ואשתו, גם הבן מאיר נפטר בשנות הששים בישראל. שאר בני המשפחה, מהם נספו בשואה ומהם נשארו בגלות.

משפחת פרל ואשר גולדנברג*

ענף אחר של המשפחה, אשר גולדנברג ואשתו פרל (שקראו לה בעיירה פרל שור), עם שלוש בנותיה, עלו לארץ בשנת 1934. פרל תיכננה את עליית המשפחה שנתיים לפני כן, כשנסעה כתיירת לארץ־ישראל, בימי „המכביה". המשפחה הגיעה לנקודת ההתיישבות של המעמד הבינוני הדר־עם ליד כפר־חיים בעמק־חפר. למקום הגיעו עוד שלוש משפחות מכלל השמונים שעמדו להתיישב במקום. הפרדסים אמנם עובדו על־ידי „יכין", ופירותיהם שווקו על־ידי „תנובה", אבל הכפר כולו היה מכוסה עשבי־פרא. המקום עמד כך עד מלחמת השחרור. אחרי המלחמה הגיעו מתיישבים חדשים והיישוב מונה כיום כ־70 משפחות. הדר־עם נחשב כיום ליישוב פורח. עד שנת 1950, השנה בה לקה בראייתו, עבד אשר עבודה חקלאית ממש, בעיבוד הפרדס, בחליבת הפרות וגידול העופות. משנלקח ממנו אור עיניו המשיך עוד שנים אחדות, במצב של עיוורון, לחלק אוכל לעופות, ולעשות עבודות חקלאיות קלות. אותו זמן המשיך במחקריו הספרותיים והמדעיים. רשימתו הראשונה, „עיונים במשנת הרמב"ם", נתפרסמה ב„דבר", בשנת 1955. בשנת 1961 פירסם קובץ מאמרי ביקורת בחוברת „אוזן שומעת", וסמוך לכך את חיבורו „הצעה לשחזור שירת איוב". לאחרונה הופיע ספרו „מקצב ומשמעת במקרא", שזכה להערכות יפות ממבקרים ואנשי־מדע בישראל.

את דבקותם של פרל ושל אשר בציונות המגשימה ובתרבות העברית הנחילו גם לשלוש בנותיהם אשר רכשו את הלשון העברית עוד בהיותן בחו"ל.

הבנות — אסנת, רבקה וחנה, סיימו בארץ את חוק לימודיהן התיכוניים, היו פעילות בהגנה ואחר כך השתתפו במלחמת השחרור. בת אחת היא חברת קיבוץ מרחביה ואחרת היא עורכת־דין.

* קטע זה על פרל ואשר גולדנברג רשם, בהסתמך על שיחות עם הזוג, מרדכי רייכר המנוח.



פנינה (פרל שור) ז"ל ואשר גולדנברג יבלח"א

פנינה גולדנברג (פרל שור) נפטרה בבית־האבות ברמת־אביב והובאה למנוחת עולמים במושב הדר־עם בט' באדר תשל"ב — 2.3.1972, נסתלקה דמות נהדרת של אשה, אם ורעיה, מבוני התנועה הציונית בידיניץ, דוברת־עברית מנעוריה.

בשנתיים האחרונות התגורר הזוג אשר ופרל גולדנברג ב„בית אבות" ברמת־אביב, שם נפטרה פרל ז"ל.

משפחת ניסן וייסמן

צאצאיו של ניסן וייסמן, בעל הקומה הגבוהה והתמירה, האופי התקיף עם קול הבאַס המשכנע והעיניים היורות זיקים מהפנטים, העבירו את ההתלהבות שהשקיע אבא ניסן בחסידות ובנאמנות לבית הרבי הסדיגורי, לפעילות הציונית והתרבותית, שהתפתחה בעיר בתקופה שבין שתי המלחמות. ביחוד התחבבה על כל שדרות הציבור בתו הבכירה של ניסן, בת־שבע קליגר, שריכזה את פעולות הקרן־הקיימת בין הנשים בידיניץ וביתה שימש מרכז של פעילות ציונית ותרבותית בעיר. בת־שבע אף זכתה לשלושה בנים מוכשרים ששניים מהם עלו ארצה כחלוצים. הבכור, יוסף נטש את לימודיו באוניברסיטת יאסי, עלה ארצה ועבד עשרות שנים כחקלאי במושב עין־עירון. ביתו של נחום, בנו הבכור של ניסן, שנשא לאשה את בתו הבכירה של ליפא שור, היה הבית מספר שניים במשפחה, אשר שימש גם הוא מרכז לפעילות הציונית בעיירה.

זכורים הנשפים והמסיבות שנערכו בבית זה לרגל ביקורם של אורחים מארץ־ישראל, כגון הזמר פרידמן־לבוב, השחקנית מרים ברנשטיין־כהן ואחרים. הם העבירו את רוב משפחתם לארץ, גם רכשו אחוזת פרדס בהתיישבות „יכין", אך לא הספיקו לבוא ארצה. הם מצאו את סופם הטראגי בגלות טרנסדניסטריה.

ואחרון אחרון, הבן הצעיר אברהם, שירש מאביו את לשונו החדה והפסקנית ואת מזגו הסוער והתוסס. אברהם היה בצעירותו עילוי ומתמיד בלימודי קודש, מסור לאדיקות דתית מופרזת, עם נטיה למסתורין וסיגופין. בימי שחרותו התנגד לציונות ואף „זכה" לסטירת־לחי ממרדכי שיינדלמן,


החייט המשכיל והציוני שבעיר, על דברי גנאי שהשמיע כלפי הציונות ביום פטירתו של הרצל, והוא היה אז כבן 12. בהתבגרותו עבר את כל הגלגולים של בקשת אלהים חדשים, מודרניים, כשהציץ ונפגע מן הספרות העברית והרוסית, שממנה הושפע השפעה קשה ומסובכת. כאשר לא יכול למצוא את שיווי־המשקל בכל משך ימי בגרותו, בתקופה שבין שתי המלחמות, הערה את רוחו הסוערת, לתוך פעילות ציונית בעיר מולדתו ובמרכזים של הציונות הבסרבאית והבוקובינאית, קישינוב וצ׳רנוביץ, עלה ארצה סמוך למלחמת העולם השניה. נשאר בודד כל ימיו ונפטר בשנים הראשונות של מדינת־ישראל.

בשנת 1934 עלה ארצה, באורח בלתי־ליגאלי, יוסף, בנו של נחום וייסמן. לכתחילה עבד יוסף בחיפה בבנין ובתעשייה, ומיד, נעשה פעיל ב„הגנה". עם פרוץ מלחמת העולם נענה לקריאת המוסדות היהודיים והתנדב לצבא הבריטי. במצרים, שם שירת, נשא אשה, בת משפחה יהודית מקאהיר. בחזרו מהמלחמה הוא השתקע בירושלים והמשיך בפעילות מוגברת ב„הגנה". במלחמת השחרור לוחם יוסף, בדרגת קצין צה״ל, בהגנה על ירושלים, בימי המצור הקשים. כקצין במילואים לחם במיבצע קדש, ואילו במלחמת ששת הימים לקח חלק בכיבוש יריחו. כיום הוא מנהל מסחרי של החברה „תחם", המשווקת את תוצרת בתי־החרושת של הקיבוץ־הארצי, וחבר פעיל במפלגת הפועלים המאוחדת.

אחיו של יוסף, מאיר, משפטן, היה בימי מלחמת העולם השניה באבקואציה יחד עם אשתו. חזר לרומניה והיה פעיל בבוקרשט כמזכיר ה„איחוד" וכמארגן העליה מרומניה אחרי מלחמת השחרור. הגיע משם לארץ כציר לכנס מזכירי ה„איחוד" בתפוצות. ב־1950 קיבל רשיון הגירה מרומניה, עלה לארץ עם אשתו ובתו היחידה. מאיר פעיל במפלגת העבודה, בקרב עולי רומניה, וכעורך־דין במשרדו הפרטי.

אחותם, לאה, הגיעה לארץ עם העליה החלוצית כחברת „השומר הצעיר", בשנת 1937. היא בנתה ביתה בקיבוץ רוחמה. היום היא אם לשלושה בנים.

לארץ עלו גם שני בניהם של מיכל ובת־שבע קליגר, ונכדיו של ניסן וייסמן. יוסף קליגר (בשנת 1923) התיישב במושב עין־עירון. בנו, שנולד סמוך לפטירתו של הסופר הדגול אחד־העם, נושא את שמו. אף הוא הקים משק בעין־עירון. בתו השתלמה בסוציולוגיה ופרץ קליגר נמצא בפרדס־חנה.



אברהם וייסמאַן ז״ל

משפחת דורף — כפרי

שמואל דורף, בן בנו של החסיד הסדיגוראי המובהק, ר׳ יענקל קאזלאוואר, שהיה בין מקימי שלושת בתי־האב בידיניץ, שעליהם נאמר, כי הם שלושה עמודי התווך, שהחסידות והתורנות נשענות עליהם בידיניץ, ירש מסבא את מרצו ואת חכמת החיים שלו.

שמואל, אף־על־פי שגדל בבית דתי־חרדי קנאי ואף למד תקופה מסויימת, בימי שחרותו, בישיבת מוהילוב שעל הדניאֶסטר, עבר את כל גלגוליו של משכיל מתקדם בעיירה באותו זמן, נקלע בסופו של דבר לבית „החלוץ" בקישינוב, ועלה ארצה עם הקבוצה של „החלוץ" בבסרביה־אוקראַינה, קבוצה ב׳ שהגיעה ארצה ב־1920, (בשנת 1921 שינה את שמו לכפרי).

כפרי התדפק בשערי הארץ בשעת הפסקת העליה על־ידי הנציב הראשון ליהודה, הרברט סמואל, לאחר מאורעות יפו וירושלים. אותה שנה ידועה בשם תקופת „סטוֹפּ אמיגריישן".

הקבוצה של כפרי הופנתה לאלכסנדריה ורק לאחר מספר חודשים הגיעה ארצה וכפרי נמנה עם פועלי המושבה חדרה. כפרי עבד בפרדסי חדרה, עבר את הלבטים העוברים על פועל עברי במושבה, של חוסר עבודה ושל עבודה מפרכת כאחת. מיד התבלט כפועל חרוץ, מומחה בענפי החקלאות השונים ומקובל על מעבידיו.

מחסכונותיו רכש לו שטח אדמה, בנה בית ויחד עם אשתו, ילידת הארץ, בת אחיו של הבילויי אליהו חזנוב מגדרה, הצליח לפתח את הרפת עם תעשייה מגוונת למוצרי חלב. כמו כן רכשו במשך הזמן מחסכונות עמלם פרדסים בחדרה, אותם עבדו לרוב במו ידיהם.

לכפרי ומשפחתו — נולדו שלושה ילדים, הם מוכרים בחדרה כמשפחה עובדת ותושבים מכובדים על עירם והציבור בכללו.

הדר־עם

אשר גולדנברג

שני מחותנים וכל בני־משפחותיהם - תחת קורת גג אחד

סמוך לביתו של חותני התגוררו יחד, שני המחותנים אליה־לייב ומשה׳לה איציס אשר פרשת חיי־הם מלאה תוכן מוסרי. אליה־לייב היה חנווני מכולת וסוחר בדבש ושעווה. יהודי בעל קומה בינונית וחתימת־זקן דלילה לו ופניו תמיד שמחים. משה׳לה, לעומת זאת היה רוכל, מחזר על הכפרים בעגלתו, לקנות תבואה מן האכרים. פנים רחבים ו־תמימים היו לו וזקן מגודל לו, בהשוואה לקומתו הנמוכה.

שניהם היו יהודים יודעי פרק במשניות ואגדה ושניהם נסעו לרבי אחד וכל כך התיידדו ביניהם השניים, שעוד בגיל התשחורת, באו בברית שידוכין ביניהם וקבעו, שבנו היחיד של אליה־לייב, אברהם, ובתו של משה׳לה ינשאו. „החתן" ו„הכלה" היו אז בגיל של... שנה אחת. „השידוך" עלה יפה. כשגדלו, באו הבן והבת בברית הנישואין וחיו בשקט ובשלווה תחת קורת־גגו של אליה־לייב, שנתאלמן בינתיים מאשתו וניהל את החנות בשותפות עם בנו. אך הנה פרצה מלחמת העולם הראשונה. אברהם, שהיה חייב גיוס, עבד בבית־חרושת לנשק ברוסיה, שם נכנס לבית־מרחץ, נכווה מאדים ומת.

אליה־לייב המשיך לנהל את החנות עם כלתו ובנה הקטן, שנשאר לה מאברהם. לא ארכו הימים ונכדו של אליה־לייב, בן אברהם, מעד בלכתו ברחוב, נפל, נחבל בראשו, חלה בדלקת קרום המוח ומת. במקום להוציא את כלתו, כנהוג, שלא תירש את ירושת נכדיו האחרים, שגרו גם כן בידיניץ והיו בני־בתו, הכניס לתוך ביתו את מחותנו משה׳לה, אבי כלתו, שהזקין בינתיים ולא יכול היה עוד לסובב בכפרים, ואתו — המחותנת וכל בנותיו. אף הכניס לחצרו את פרתו של המחותן, שנשארה המפרנסת של משה׳לה לעת זקנה. כולם המשיכו לגור בבית אחד בהרמוניה ושלום ואליה־לייב, על אף כל האסונות שקרוהו, המשיך ללכת בפנים שמחים לבית־הכנסת ההוסיאטיני שממול וללמוד את פרק המשניות שלו, את „חתיכת" „עין יעקב", כאילו לא קרה דבר. אף התחיל לדאוג שכלתו תינשא לאיש, בהבטחה להכניס את האיש לתוך ביתו ובלבד שיהיה הגון, שומר מצוות ובר־אוריין.

לימים נזדמן איזה אברך בן־תורה לידיניץ והאלמנה הצעירה ניאותה להינשא לו. אך הבעל החדש נתגלה כבטלן והאשה היתה פקחית. הנישואים לא עלו יפה והזוג התגרש.

האלמנה נישאה בשלישית לגיסה, קלמן, שנתאלמן מאחותה, בהשאירה לו שישה ילדים. קלמן לא היה אמנם עם־הארץ, אבל נחשב אפיקורס, כיוון שבימי בחרותו השתייך למפלגה מהפכנית. אליה־לייב ויתר, איפוא, על העיקרון של שומר מצוות, למען אושרה של כלתו. בסופו של דבר גם קלמן עם ששת ילדיו נכנסו אל תחת קורת־גגו של אליה־לייב, וכולם חיו יחד. ההרמוניה המשיכה לשרור באותו בית. ושני המחותנים, אליה־לייב הזריז והצוהל תדיר, ומשה׳לה התמים והמכונס בקומתו הנמוכה ובזקנו האפור, פוסעים בוקר וערב לקלויז ההוסיאטיני, לעסוק בתורה ובתפילה. אפילו קלמן האפיקורס התחיל להיכנס לקלויז בשבתות עם הטלית תחת בית שחיו, לכבוד הזקנים.

ימים מעטים לאחר שקלמן התחתן עם איטה „נסגרו" היערות, שבהם שרת כנאמן, מפאת האקספרופריאציה שנקבעה על־ידי החוק האגררי הבסרבאי וקלמן נשאר מחוסר עבודה. מכיוון שהיה ידוע כעוסק באמונה בענייני כספים, נכנס כשותף ומנהל בסינדיקט של משרפות הסיד במחוז חוטין והתפרנס בכבוד.

בתחילת שנות השלושים, עלו שלוש בנותיו של קלמן ארצה. הבכירה התיישבה בגן־יבנה ושתי הצעירות — בקבוצת „אבוקה". אחר־כך עלו עוד שניים מבניו. בחורף שלפני מאורעות שלושים־ושש, בא קלמן עם בנו הקטן כדי לראות, אם יוכל, להסתדר בפרנסה.

באותו זמן גרתי בחיפה. הוא בא אלי, וסיפר לי שהוא חושש שיפול למעמסה על בניו, כיוון שאינו יכול לסמוך עוד על כוחותיו הפיזיים. נדברתי להיפגש אתו אחרי הפסח בתל־אביב ובינתיים לנסות לדבר, עם מנהל העבודה במשרפות הסיד שבמגדל צדק, שהיה קרובי, אולי יוכל להכניסו לשם לעבודה, בתור מומחה. אך כשבאתי באסרו חג לתל־אביב, הביאו העירה את ההרוגים מיפו. קלמן לא יכול היה להגיע לתל־אביב מגן־יבנה בה בילה את החג. כשיצאתי בבוקר לרחוב אלנבי מצאתי את קרובי, מנהל העבודה במגדל צדק, כשבפיו בשורת איוב: מכון הסיד במגדל־צדק נשרף כליל עד היסוד בידי פורעים ערביים. באותו קיץ ראשון של מאורעות שלושים־ושש חזר קלמן לידיניץ, כדי להמשיך במשרתו, כמנהל הסינדיקט במשרפות הסיד. חמשת ילדיו החלוצים נמצאים עד היום בנקודות שונות בארץ, מעורים בחיי העבודה והיצירה.

הדר־עם

פנחס מן

כְרוזים

כשנסתלק לעולמו „אליקל שרייער", שהיה בזמנו ניצב בהצטלבות הרחובות ובעזרת התוף שבידו מכריז ומבשר לבני העיירה על בית־המרחץ המוכן לקבל את לקוחותיו, על דג מלוח משובח שהגיע לחנותו של פלוני או על חזן אורח שיתפלל בבית־כנסת מסויים — קמו לו לאליקל שני יורשים שעטו על פרנסת הכרוזות, אברהמל שרייער ולייב שרייער.

קשה לדעת מי הסמיך אותם לתפקיד זה, באיזה בית־ספר פיתחו את הקול ולמדו תורת היגוי. על־כל־פנים רק לעתים רחוקות הבינו תושבי העיירה בדיוק על מה הם מכריזים, דבר שאיפשר לבעלי הדמיון להפריח שמועות על חדשות שלא נולדו.

בדרך כלל נהוג היה לשלוח את הכרוז להכריז על החדשות בשעות שלפני השקיעה, כשהאיכרים נטשו כבר את העיירה והיהודים ישבו משועממים באפס מעשה בפתח חנויותיהם וליבם פתוח לקלוט חדשות. מכיוון שכך, איפשר סידור זה לכרוזים „לשבת על שתי משרות", ואמנם אברהמל היה מוכר כעכים בשעות הבוקר, ואילו לייב מכר „קוואַס־ניצעס" (תפוחי־עץ כבושים).

אברהמל היה יהודי גבוה, רזה וחסר שיניים ותמיד אצה לו הדרך. עם עלות השחר היה עובר כסערה את רחובותיה של העיירה כשסל הכעכים בידו ומכריז על סחורתו „פרישע בייגל, אייעריקע" ומבלי להיעצר לרגע. משהעיר את כל תושבי העיירה ועורר את כעס בעלי הבתים על שהחרידם משנתם העמוקה, נשתתק. לרגעים, חזר על עקבותיו והוסיף למכור את כעכיו, שאמנם היו תמיד טריים וטעימים.

בניגוד לאברהמל היה לייבל נמוך קומה ורחב־כתפיים, שתום־עין ופניו מלאים חורים, עדות שהוריו לא הקפידו להזריק לו בהיותו תינוק זריקות נגד מחלת אבעבועות. לייבל היה עושה את דרכו בנחת. משניצב להכריז על חדשות היה מושיט רגל אחת קדימה, את ידיו שׂם על מתניו, פניו לבשו חשיבות, כאילו דבר גורלי בפיו לאנשי העיירה.

גם כשהיה נהוג כבר להדביק מודעות ברחובותיה של העיירה, לא עלה בדעתו של איש לוותר על שירותם של הכרוזים, כשם ששום חברה הגונה באמריקה לא תסתפק במודעה בעיתון ותוותר על הטלביזיה.

אינני יודע אם יסדו איגוד מקצועי. ברם, ידוע לי, שהמחירים היו קבועים ועל דעת שניהם. עם זאת, זכורים לי שני מקרים יוצאי־דופן:

המקרה הראשון קרה כשפרצה ביניהם תחרות ושניהם הסכימו על מחצית המחיר. היה זה סיכסוך קצר שישבו אותו במהרה.

המקרה השני היה פעם בימות הסתיו, כשהופיעה בעיירה הלהקה הווילנאית המפורסמת והבוץ בעיירה היה כפי שהיה בימות הסתיו. על אף הבוץ והחשיכה בערבים קצרה הלהקה הצלחה רבה והאולם היה מלא ערב ערב עד אפס מקום. אז עלה בדעתם של הכרוזים שלנו להיות שותפים של ממש להצלחתה והכנסותיה של הלהקה. מה עשו? — קמו והודיעו, כי לא יילכו להכריז על ההצגות בפחות מארבע מאות ליי. זה היה באמת סכום דמיוני, באשר כרגיל היו מקבלים בעד הכרזה חד־פעמים בין 30 ל־50 ליי. משהגיע לאזנו של השחקן הווילנאי הנודע, שטיין, הדי הוויכוח בין המנהל האדמיניס־טרטיבי של הלהקה לבין הכרוזים, קפץ ממקומו והודיע, כי בעד ארבע מאות ליי יהא מוכן הוא עצמו לעבור ברחובות ולהכריז על ההצגה הקרובה, והעיסקה נעשתה.

שטיין אמנם לא עבר בכל רחובות העיירה, הוא יצא רק לרחוב שבקרבת התיאטרון והכריז על ההצגה. ברם, זה הספיק בהחלט. הידיעה, כי שטיין עצמו הכריז על קיומה של ההצגה פשטה במהירות הבזק בכל העיירה ורבים הנוהרים אותו ערב לתיאטרון, על אף הבוץ הגדול.

לייבל היה הכרוז הקבוע של סניף „גורדוניה". בדרך כלל היינו מסתדרים אתו. רק פעם אחת התעקש, עמד על שלו ולא נשאר לנו אלא לוותר לו. והמעשה כך היה:

הנהגת הסניף סיכמה עם חבר ההנהגה הראשית של התנועה, אלקנה מרגלית, (כיום מרצה למדעי המדינה באוניברסיטה בתל־אביב), שיבוא להרצאה פומבית בעיירה. נושא ההרצאה היה: „מאָדערנע פסיכאָלאָגיע אָדער פסעווּדאָ־וויסנשאפט". אנו התרשמנו מאד משם ההרצאה וציפינו להצלחה מוסרית וקופתית (מאד היינו זקוקים לכספים לקראת מושבות הקיץ). כדי לעשות את הרושם הרצוי על הנוער בכללו מן ההכרח היה, כי לייבל יכריז על שם המרצה ועל נושא ההרצאה במלואם. הזמנו אותו לסניף והתחלנו לערוך אתו „חזרה" על נוסח ההכרזה. כעבור רבע שעה של עמל־שווא כשהמלים „מאדערנע פסיכאלאגיע אדער פסעווּדאָ־וויסנשאפט" יוצאות מפיו מסולפות, כאילו היו אלה מלים סיניות, חייך לייבל, כשאגלי־זיעה ניגרים מעל פניו, ואמר: „אתם אל תדברו שטויות, אני את המלים האלה לא אומר, אני יכול להכריז —, דער וועלט־בארימטער רעדנער, אַריינגאַנג פריי".

באין ברירה ציידנו אותו בשלט גדול ועליו צויין שם ההרצאה באותיות גדולות ובצבע אדום, וכך יצא לייבל לבשר לעיירה על ה„מדע המודרני".

תהא נא רשימה זו מצבה צנועה למקצוע ולאנשים שנעלמו לנצח יחד עם העיירה וההווי שלה.

קב׳ ניר־עם

יוסף דיאמנד

ה„חירומאנט" יליד־ידיניץ

כעשירי למניין בכפר גוליאן

באחת השבתות, בתקופת החורף, כשכל הסביבה היתה מכוסה שכבת שלג עבה והקור היה חזק, באו יהודי גוליאן לביתם של זוג הזקנים בערל וריסל, כדי להתפלל תפילת שחרית בציבור. ביתם של הזוג, שהיה בקצה חצרו של האיכר ניאו, הכיל פרוזדור ארוך וחדר גדול אשר שימש לחדר־אוכל, חדר־אורחים וחדר־מיטות, גם יחד, ולידו חדר קטן, שתנור בנוי בתוכו — המטבח. בית זה עמד על אם־הדרך מתחנת־הרכבת בדונדושאן, בואכה ידיניץ. בכל ימות השבוע בשעה עשר בבוקר בערך, היו הכרכרות עם הנוסעים מדונדושאן לידיניץ מתעכבות על ידו, והנוסעים היו נכנסים לתוכו, כדי לשתות כוס חמין ולנוח קצת מטירדת הדרך הלא־סלולה. היה זה הרבה שנים לפני מלחמת העולם הראשונה.

ספר התורה היחיד בכפר היה שייך לאבא ואחיו, ירושה מאביהם צבי, שטיפלו בו כהלכה, ומדי פעם היו מביאים אותו לידיניץ כדי שסופר סת"ם יגיהו. כאשר הגיע תורם של זוג הזקנים לאכסן בביתם את ספר התורה ואת המתפללים — התור היה בין ארבע המשפחות היהודיות בכפר, בביתם של כל אחת מהן למשך שנה אחת. עמדה השאלה איך להכניס לחדרם, המשמש גם חדר־מיטות, את ספר התורה, והלא הדין בשולחן־ערוך פוסל זאת. אחרי התייעצות ביניהם, מצאו מוצא. סידרו את ארון־הקודש בתוך ארון, באופן כזה, אמרו, מתיר הדין להחזיקו אף בחדר־המיטות.

בשבת הנזכרת התאספו כל היהודים תושבי הכפר וביניהם גם אני, שהייתי אז אחרי בר־מצוה, בתוכם, וגם החייט מאטל, ופרוון אחד, שעבדו כל השבוע בבית־האיכרים, ובשבת היו אורחי היהודים. כל הקהל הזה הצטרף לכלל תשעה אנשים, שחיכו לבואם של יהודי הכפר השכן רוסאָן, שהם משה־לייב הזקן, בניו צבי וראובן ופישל בנה של האָדל, שהיו באים למנין בכל השבתות, אלא שלרגל מזג האוויר הקשה בשבת זו, לא באו. לאחר שחיכו זמן־מה, הוחלט להתחיל להתפלל עד „ברוך שאמר" ביחידות. וכאשר הגיעו ל„ברוך שאמר" הוחלט להמשיך בתפילה עד „נשמת", שמא יגיע עד אז העשירי והתפילה תיגמר במניין. וכשהגיעו ל„נשמת" ואף אחד לא הופיע, הפסיקו להתפלל לגמרי. כולם היו יושבים, מעוטפים טליתות ושותקים, כי הרי אחרי „ברוך שאמר" אסור הדיבור...

כמעט שהתייאשו מתפילה בציבור ועמדו לגמור את התפילה ביחידות.

לפתע הופיעה מזחלת ונעצרה ליד הבית. ירד ממנה אדון אחד ומראהו שלא כאחד „משלנו": גלוח למשעי, משופם, כובע־קאראקול לראשו, עטוף מעיל־פרווה יקרה, ערדליים גבוהים שקורין „באַטענעס" מתנוצצים לרגליו, טבעות זהב על אצבעותיו ושרשרת זהב משתלשלת מכיס החזיה, מקום שבו מחזיקים את השעון — „פריץ" ממש. „פריץ" זה נכנס לבית, נעצר ליד הדלת הסתכל במחזה שלפניו, משתומם במקצת, ומיד התאושש ואמר בפשטות: „גוט שאַבעס!"

איש מהנוכחים בבית לא ענה לו במלים, אלא בהרכנת ראש בלבד. רק בעלת־הבית השיבה לו לברכה והגישה כסא לשבת. ה„פריץ" ישב על הכסא התבונן ביהודים עטופי־הטליתות היושבים ושותקים. גם הוא שתק. כעבור כמה דקות פתח את פיו ובידיש המקובלת והרגילה, אמר:

— „אני מבין את המחזה אשר לפני ואת מצבכם. אתם כאן תשעה יהודים הרוצים להתפלל בציבור וחסר לכם העשירי ל„מניין'. אני מציע לכם, איפוא, לצרף אותי למניין ולהמשיך בתפילה בציבור, למרות שאני נוסע בשבת".

כולם נדהמו למשמע אזנם. המבוכה והספיקות רבו. ראשית, שמא לא יהודי הוא, אלא גוי, היודע לדבר יידיש ובקי במנהגי היהודים ומצא מקום לשטות בהם. ואם נניח, אפילו, שיהודי הוא, המותר לצרף למניין יהודי המחלל את השבת בפרהסיה?

כל החישובים וההנחות נעשים בתוך תוכו של כל אחד, בלי להוציא הגה, רק בנהימות נו־נו־נו ובנענועי ראש, כולם אובדי עצה ואינם יודעים, כיצד לצאת מהסבך שנוצר על־ידי האורח הלא־קרוא. האורח הבחין במבוכת האנשים לפי פרצופם ואמר:

— „אם רוצים אתם לדעת מי אני, הרי אני יהודי כמוכם, מידיניץ, שם משפחתי הוא מורגנשטרן, בנו של זה וזה, שרובכם הגדול מכירים אותו. אני למדתי בחדר בידיניץ ורוב התפילות עודן שגורות על־פי, ואני יודען בעל־פה. ועד כמה שאני זוכר מלימודי בחדר, סבורני שמותר לצרף אף יהודי כמוני ל„מניין'".

התברר, שהוא באמת יליד ידיניץ, שאת חינוכו קיבל בחדר על טהרת המסורת, כנהוג אז. וגם ידוע לכל שבהתבגרותו התפקר הבחור דנן, התחיל לשחר השכלה כללית בשפה הרוסית, עזב את ידיניץ, נסע לערים הגדולות, השתכלל בהשכלה כללית, ומתוך לימודו גילה את עצמו כמגיד־עתידות ויודע מחשבות — „חירומאנט" בלע"ז. בתור כזה סלל לו דרך אל שכבות החברה הגבוהה ברוסיה הצארית וזכות זו עמדה

לו להגיע לשערי העיר פטרבורג, אף־על־פי שלפי חוקי רוסיה אז אסורה היתה ישיבת יהודים בעיר הבירה. הוא נתפרסם בעתונות, וגם זכה להתקבל אצל הצאַר ניקולאי ולגלות לפניו את כושרו של יודע־מחשבות. עכשיו, אחרי העדרו מידיניץ ומבני משפחתו זמן ממושך, הוא חוזר לבקרם, וכדי שלא לבייש את הוריו בחילול־שבת, החליט להישאר בגוליאַן עד צאת הכוכבים. בערב ימשיך את דרכו לידיניץ, וכך עשה.

כל תשעת היהודים שמעו עליו וידעו על גדולתו ופרסומו בעולם הגדול, ובהרכנת ראש הביעו את הסכמתם לצרפו למניין, התפילה בציבור נגמרה בצירופו. רק בדבר אחד הוגבל חלקו, שלא קראו לו לעלות לתורה, כנהוג לגבי כל אורח רגיל, כי הרי „מוקצה" הוא, בגלל חילול־השבת.

אחרי־הצהריים, כשהידיעה על בואו של אורח זה נתפשטה בכל הסביבה, באו כל יהודי גוליאַן וגם יהודי רוסאָן הסמוכה לביתו של ר' בערל, והאורח הפגין בפניהם את להטוטי החירומאנטיקה שלו. לבסוף העיר האורח:

— „לפני הצהריים לתפילה בציבור, לא היו לכם יהודים כדי מניין, ועכשיו לסיאַנס חירומאנטי, עולה מספרם ליותר ממניין, באשמתי כנראה"...

— „בעוונותינו הרבים" — הפטירו הזקנים.

הערת המערכת:

לפי גירסה אחרת נולד החירומאַנט והפסיכו־גראפולוג מורגנשטרן בבריטשאַן ולא בידיניץ. כפי שמוסר הסופר ש. ארנסט, התחיל מורגנשטרן את הקריירה שלו כמוכר־כעכים ואחר־כך נדד עם „קאטארינקה" (תיבת־נגינה) בכפרים. אולם לפתע הופיע בפטרבורג (1900) וכבש בכוח־הקסם שלו את חצר הצאר ניקולאי השני. אף הנזיר ראַספוטין ונשות־החצר, נסיכים ורוזנים, כרעו לפניו ברך. הוא אף ערך כתב־עת לפסיכו־גראפולוגיה. בעת המהפכה הרוסית ברח לאמריקה ושם המשיך בהופעותיו. הסופר המנוח שלמה הלל'ס תיאר את הדמות האגדית בסיפור מופלא בשם „גלגולי־אדם" (תרצ"ח).

משה פורמאן

מעשה שהיה...

הרבה סיפורי־עם ששיקפו את ההווי העממי של העיירה התהלכו בקרב תושביה. בחלקם היה ודאי גרעין של אמת ובחלקם — היה מרובה הדמיון על המציאות. הציבור קיבלם ומסרם מפה לאוזן. האמינו בהם בבחינת — מעשה שהיה...

נהר בוֹך־דאַל

סיפר לי סבי, ר' מרדכי־ניסן רפופורט, בשם אביו ר' אברהם־דוד „האַלב־טויט" („חצי מת" — כך בפירוש קראו לו, על שום שהיה גבוה, רזה ופניו חיוורים כפני מת):

בסמוך לעיירה היו, אמנם, שני „נהרות" (למעשה בריכות של מי־בוץ עומדים) — ה„פאנסקע טייך" וה„סעמינאַריע־טייך". אולם מאחר שתושבי העיירה ודייניה לא ראו בהם בחינת שמות רשמיים ומוכרים, מן הנמנע היה להוציא „גט פיטורין" בידיניץ, באשר בכל כתב־גט צריך היה לרשום: „ניתן בעיר... היושבת על הנהר..." וכו'. מי שנזקק לקבל „גט" נאלץ, איפוא, לנסוע לעיירה סמוכה, בדרך כלל — בריצ'בה, השוכנת על הנהר שור (או צ'ור)...

נמצא, כי משה־דב הדיין, אביו של ר' שמואל (שמיאליקל) הדיין, מתקפח בפרנסתו. מה עושים? לקח עמו ר' משה־דב שניים מ„פני" העיירה, עלו לבית הפריץ קוזיצ'ין (שהתגורר בטירה הידועה של קוזימיר, מי שהיה מבעלי העיירה וממשפחת מייסדיה) וביקשו ממנו שיאמר להם, שמא ידוע לו שמו האמיתי של ה„פאנסקע־טייך" שנמצא באותה סביבה. פתח הפריץ עיניים גדולות ושאל אף הוא בתמיהה: „אני יודע, בוג דאַל" (ה' נתן)... אולם מאחר שהיהודים ביטאו את המלה „בוג", כאוקראַינים — „בוֹך" נקרא מאז הנהר בשם „בוֹך דאַל" והדיין יכול בשקט ובבטחה להוציא גטי־פיטורין, שבהם היה רשום, כי „ניתן בעיר ידיניץ, שעל יד הנהר בוֹך דאַל"...

בהלת הקנטוניסטים

בימי ניקולאי הראשון היו חוטפים, כידוע, ילדים ברחובות ומגייסים אותם לצבא הרוסי. ילדים אלה היו נשארים ב„שירות" עשרים וחמש שנים.

נקל לשער את הבהלה שאחזה את ההורים, בהיוודע להם על בואם של החוטפים לעיירה. הם השתדלו להסתיר את ילדיהם בכל מקום אפשרי, ובלבד להצילם מידי החוטפים. (מפורסם סיפורו של הסופר יהודה שטיינברג „בימים ההם" על נושא זה). היו הורים שהצליחו למלט את ילדיהם מעבר לגבול, למולדאביה (רומניה) ושם שוכנו בבתי יהודים,

←

תמורת תשלום, עד יעבור זעם. בקרב יהודי העיירה קמו מבריחים, שמלאכתם בכך. במיוחד התפרסם אחד, בשם ולוול סטרויאן.

גם סבו של כותב השורות הללו הצליח להימלט מידם הארוכה של החוטפים, שכן הוברח לרומניה, שם שהה שבועות אחדים עד עבור רוע הגזירה, או־אז שב לחיק משפחתו לשמחת הכל.

„חתונות בהלה"

בעיירה היה יהודי אחד בשם „יחזקאל דער מילכיקער" („יחזקאל של חלב"). שם זה למה?

מעשה שהיה כך היה: בימי אלכסנדר השלישי יצאה הפקודה לגייס לצבא הרוסי רק רווקים ואילו גברים נשואים — פטורים.

החלה בהלה של נשואים. איש לא שם דעתו לבחירת בת זוגו. העיקר — החתונה, וכמה שאפשר מהר, כי מי יודע, כמה זמן תהא פקודה זו בתוקפה? מכאן גם השם „בהלה־חתונות".

ו„יחזקאל דער מילכיקער" על שום מה? יחזקאל זה היה אחד מחתני „הבהלה". וסיפרו, כי משחזרו המחותנים מהחופה והגישו להם, כנהוג, את „מרק הזהב", קרא החתן, יחזקאל, לפתע: „אבל אני לא אוכל לאכול את המרק, שכן אכלתי זה לא כבר דברי חלב... כ'בין מילכיק"... האורחים פרצו בצחוק ואילו ליחזקאל נדבק מאז השם — „דער מילכיקער".

גבורה

תושבי העיירה הנוצרים (בפי הכל — ה„גויים") ערכו לא פעם פרעות ביהודים. עוד בסוף המאה הקודמת, יודעים לספר, על פוגרום שערכו השכנים הנוצרים בתושבי העיירה היהודים. הפעילים בקרב הפורעים היו הפעם „הקאצאפים".

כאשר חשו היהודים באווירת־פוגרום, התארגנה מהר הגנה עצמית, במיוחד מבעלי הזרוע שבעיירה, הלא הם הקצבים ובעלי־מלאכה אחרים, שהצטיידו באלות, מטילי־ברזל, מוטות־עץ וכד'. וכשרק הופיעו הקאצאפים ברחוב, ערכו להם, המגינים היהודים, „קבלת פנים" מפוארת, עד שבקושי מצאו את דרכם כיצד להימלט מידי היהודים. רבים מהם ספגו מהלומות כאלה, עד שהיה הכרח להעמיסם על עגלות („קאטיוגעס") ו„חצי מתים" הובלו לבתי מגוריהם שברחוב המיוחד שלהם, רחוב הקאצאפים, שבפאתי צפון העיירה.

בקרב היהודים התבלט בגבורה במיוחד אחד בשם „איציק דער געזונטער" („הבריא" היינו — החזק) שהפליא את מהלומותיו בפורעים.

הרבה אגדות התהלכו על עלילות הגבורה של איציק זה בדרך נדודיו בכפרי הסביבה לרגל עיסוקו (קצב היה). לרוע מזלו — סופו היה טרגי. פעם, בשעת מסעותיו, יצא לו לחצות פסי־רכבת ונחבל קשות. היה הכרח לקטוע לו יד.

המקרה השפיע עליו קשות, העכיר את רוחו והוא מת תוך יסורים אכזריים — יסורי גוף ונפש.

ועוד יצחק אחד היה בעיירה, איציק ווארשעווער קראו לו. שמו של יצחק זה בעלילות גבורה הלך לפניו אף בקרב הגויים שבעיירה. ויוכיח המקרה הבא:

בקרב הקאצאפים היה אחד בשם פירס. פירס זה גבה־קומה ורחב־גרם היה והפיל חתיתו אף בקרב בני עדתו. ונטיה מיוחדת היתה לו לפירס — להשתכר ולפגוע ביהודים. פעם, בשעת מעשה, תקפו אותו כמה יהודים וחבלו בו קשה. הלך לו פירס ברחוב ובכה. כולם נדהמו, כמובן, לראות את פירס היהיר והגאה בוכה ושאלוהו בתמיהה:

„הכיצד, אתה פירס בוכה, על שום מה?"

השיב להם כשהוא מתייפח:

„כיצד זה לא אבכה, אם ,ילדונים' כאלה פוגעים בי. אילו פגע בי איציק ווארשעווער — מילא, אבל, כאלה זבובים, זאת לא אוכל לשאת"...

פושט־רגל

המצב הכלכלי בעיירה לא היה מזהיר ביותר. רוב תושביה היו בעלי־מלאכה, וחנוונים זעירים, ורק חלק קטן ביותר — אמידים. במיוחד לא שפר חלקם של החנוונים. וקרה לא פעם שהגיעו לידי משבר, באין יכולתם לפרוע חובותיהם לספקיהם שבערים הגדולות (מוהילוב, אודיסה, מוסקבה, קייב ועוד), ונאלצו להכריז על פשיטת־רגל.

במקרה כזה מן הדין היה, כי המיועד לפשיטת־רגל יגש לשלטונות העיירה („וואלאסט") ולהודיע על כך.

השלטונות שלחו מתופף עם תוף גדול, לתופף בפתח חנותו של „המודיע" לאות, כי בעל החנות פשט את הרגל („אנגעזעצט"), וזאת — כדי שנושיו, במיוחד הקטנים, המקומיים, יוכלו לבוא ולתבוע את חובותיהם.

ופעם אחת קרה שהמתופף טעה בכתובת. במקום להתייצב בפתח חנותו של הנוגע־בדבר, ניצב ליד חנות שכנו והחל לתופף. בדרך כלל עשה זאת בשעות הבוקר.

אשת השכן שמעה, כי מתופפים ליד ביתה ובעלה טרם קם משנתו, פרצה לחדרו בקריאה מבוהלת:

„משה, הודעת על פשיטת רגל? הרי מתופפים בחוץ, ליד ביתנו"...

כאשר תפס משה במה מדובר, נרגע והשיב:

„לאו דווקא; אבל אם כבר מתופפים שיתופפו. בעצם זה צריך היה לקרות מחר... אבל אם כבר קרה היום, מילא"...

מי־מרפא

חלק, אמנם זעיר ביותר, מתושבי העיירה עסק בגידול טבק, ייבושו ומכירתו לצרכנים שונים. שני ענפי כלכלה —

←

הטבק ותעשיית הי״ש (ספירט) — נתונים היו לפיקוח ממשלתי. פקחים מיוחדים היו עוקבים אחר החורגים מגדר החוק, שנתבעו למשפט. אך בדרך כלל היו פקחים אלה מעלימים עין, תמורת שוחד, מחריגה זו. והיה פקח אחד, קורמיי שמו, שסירב, לקבל שוחד והציק קשות ליהודים העוסקים בגידול טבק.

ומעשה במנחם סניטקובסקי (המכונה מנחם יוציס) שהחזיק כמות גדולה של טבק בביתו למטרת עיבוד ושיווק. יום אחד הבחין, שאותו קורמיי מתקרב, בצעדים מהירים, לביתו. תפס מנחם חבילת טבק, יצא החוצה בדלת האחורית של הבית וסילק את החבילה שבידו. אולם קורמיי השיגו ושאלו בזעם: „על שום מה ברחת מן הבית, כשראית שאני מתקרב אליו?״

— „כלל לא ברחתי — השיב מנחם — אני פשוט שותה מי־מרפא כאלה המחייבים אותי בריצה״.

— „האם לא ראית שגם אני רץ?״ — שאל שוב קורמיי ביתר כעס...

— „אמנם כן, השיב מנחם, אבל סבור הייתי, שגם אתה שותה את אותם המים״...

שריפות

שריפות היו כידוע שכיחות בעיירות בסרביה. אם פרצה שריפה בעיירה כלשהי — ירד לטמיון לרוב רחוב או רובע שלם של העיירה.

מעניין, שידיניץ היתה העיירה היחידה היוצאת מכלל זה.

זכות זו מנין לה?

בעיירה רווח סיפור, כי פעם אחת התעכב בה רבי אחד, שתוך כדי שהייה בעיירה, חלה ונפל למשכב. פרנסי העיירה חשו לעזרתו וטיפלו בו במסירות בלתי־רגילה עד שהחלים ושב לאיתנו.

לפני שעזב את העיירה הזמין אליו הרבי את פרנסיה, הודה להם בלבביות על הכנסת האורחים החמה ועל הטיפול המסור שטיפלו בו ובסיום דבריו ברך אותם ואמר: „יהי רצון שלא תפרוצנה שריפות בעירכם ובמקרה שתפרוץ שריפה בעיירה שלכם, בל ינזק יותר מבית אחד״. ואמנם, ברכת הרבי „נתקיימה״ במלואה.

האמת היא, כי בידיניץ היו הבתים נפרדים זה מזה, וחצרות חצו ביניהם, שלא כבעיירות אחרות, שהבתים היו צמודים אחד לשני. לעומת זאת, ב„טורהוביצה״ היו הבתים צמודים ואכן, בזמן הפוגרום משנת 1917, נשרף כל הרחוב.

„יידן מ׳קלאפט״

הדבר קרה בסוף המאה הקודמת. בבוקר של שבת אחת, בטרם תחל התפילה בבית־הכנסת, פרץ לפתע מאיר האדום („דער רויטער״ — עליו כותב אשר גולדנברג בספר זה), בבהלה לתוך הבית וקרא בקול: „יידן מ׳קלאפט״ („יהודים דופקים״, או מכים).

לשמע הקריאה נבהלו כל באי בית־הכנסת ושאלו בתמיהה ובחרדה:

— „ר׳ מאיר, מה הענין? היכן?״ — כי היו אז ימי פרעות ביהודים. קרא מאיר, כשהוא לובש כולו רצינות:

— „מ׳קלאפט דעם דאך״ (מכסים את הגג) אצל פלוני אלמוני. שמע הציבור את התשובה ונרגע, באשר סבורים היו, כי אמנם מכים ביהודים. עם זאת מיהרו כולם לעבר ביתו של אותו יהודי והפסיקו את העבודה, לבל יחללו את השבת.

„ישיבה״ במקום הנדוניה

למנחם סניטקובסקי הזקן היתה בת בכירה. כשהגיעה לפרקה השיג עבורה חתן והבטיח לו דמי נדוניה. לאחר החופה והקידושין פנה החתן למחותנו וביקש את המובטח לו. ולמנחם לא היה כסף, רחמנא ליצלן. השיב לו מנחם בדברי הסבר משלו:

— „אני עוסק במכירת טבק, שהוא, כידוע, אסור מן הרשות. כשהנני נתפס בקלקלתי, מטילים עלי קנס, שהייתי מחליפו, מחסרון־כיס, ב„ישיבה׳ בבית־הסוהר לתקופה מסויימת. מכיוון שנבצר ממני לתת לך את המוסכם בינינו, הריני להבטיחך, כי לעת זקנתי ,אשב׳ (וועל איך ביי דיר אָפזיצן...) אצלך, תמורת הנדוניה שהנני חייב לך״...

הזקן — קרבן ריב בבית־הכנסת

החסידים שבעיירה היו, כנהוג, קנאים ל„רבי״ שלהם, עד כדי כך שלעתים, בשעת ויכוח על ניסי „רבי״ זה או אחר, הגיעו, לא עלינו, לתגרת ידיים.

היו מספרים, כי בטרם קמו שני בתי־כנסת נפרדים, לחסידי סדיגורה ולחסידי בויאן (סאַדיגערער גלויז און באָיאַנער קלויז), התפללו חסידי שני ה„רביים״ בבית־כנסת אחד.

פעם פרץ ויכוח חריף בין מעריצי שני ה„רביים״ ובסערת הוויכוח כי עז, נפל קרבן זקנו של ר׳ אלתר „דער לאנגער״ (הארוך). אלתר זה היה בעל זקן־מידות ומדובלל. בשובו מבית־הכנסת לביתו, ולהפתעת הכל בלי הזקן, לא נשאר לו אלא לספר, כי אבדן הזקן הינו תוצאת המחלוקת בבית־הכנסת.

שנה שלמה התהלך אלתר וזקנו מכוסה לבל יראה קלונו ברבים.

„תראו שיהיה לי לפחות משהו״...

פעם הופיעו בפני הרב ר׳ מיכל בורשטיין ז״ל שני יריבים שיפשר ביניהם. שיטחו היריבים את

←

טענותיהם בפני הרב תוך צעקות ועלבונות הדדיים. משהגיעה שעת התפילה סר בינתיים הרב לחדר סמוך להתפלל ואילו את הניצים השאיר בחדרו, שמא בכל זאת יבואו לידי הסכם כלשהו ביניהם.

הרב, שהתפלל בחדר הסמוך, נבהל לשמע הצעקות והוויכוח הסוער שנטוש היה בין היריבים, חזר אליהם ואמר:

— רבותי, לכם שניכם כבר לא יהיה במילא דבר, תדאגו לפחות שלי יישאר משהו מעסקה זו.

דויד חושך

בחצר, סמוך לבית־הכנסת, הי יהודי בשם „דויד חושך" (מקורו של שם זה אין יודעים), שהתפרנס מהשכרת חצרו להחניית עגלות, הלנת סוסים וכד'.

לימים מכר דויד זה את ביתו וחצרו והעתיק את מגוריו לעיר אחרת. מסרו כי בשטח החצר הזאת, או בקרבתה הוקם בית־כנסת ומכאן יתכן נובע השם די „קינסקי קלויז" — היינו בית־הכנסת, כביכול, „של הסוסים".

נרשם על־ידי מ. ר. חולון

פנחס מן

גם כאלה היו...

אם ברצונך להשיג אינפורמציה על יהודי בר־אוריין או יהודי נדבן מיוצאי העיירה — אין בעיות. אם רוצה אתה שיספרו לך על מורה מעולה ומחנך הדור — יעשו זאת בחפץ לב. אם המדובר הוא באשה צדקנית ו„יידישע מאמע", תקבל עליה פרטים כאילו אתמול קרה הדבר, אם כי היא חיתה בשכבר הימים. לעתים אף נדמה לך, כי מספר הלמדנים, הצדיקים, החכמים ועושי חס־דים עליהם התהלכו סיפורים ושמועות, עלה על אלה שהיו במציאות.

ברם, קשיים בלתי־צפויים ומכשולים שכמעט ואין להתגבר עליהם נערמו בדרכי משגונב לאזני, שגם גנבים היו בעירנו בשחר ימיה. ולא סתם גנבים, שיש להתבייש בהם, אלא גנבים בעלי תנופה ומעוף, בעלי רמה מקצועית גבוהה וכושר ארגוני מעולה. הם היו בעלי דמיון ובעלי אופי שלא היה מה להתבייש בהם, אפילו לפני חבריהם למקצוע בערים הגדולות. אך משום מה טושטשו עקבותיהם ולכל היותר מדברים בהם בלחש ובהסתייגות, כאילו היה זה ממזר שנולד במשפחה, או שמא נשקפת הסכנה שיפתחו מחדש את תיקיהם מלפני 80—90 שנה והיות והם עצמם אינם כבר בין דרי־מטה, עלולים, חס־וחלילה, לקרוא אותנו להתייצב לדין — כיורשיהם.

למען האמת עלי להודות, כי אינני מבין על שום מה ולמה מתביישים הקשישים מבני עיירתנו בחבורה זו, אותם הם זוכרים מימי ילדותם ומסיפורי הוריהם. לי נדמה, כי בני הדור שזכו לחיות בתקופתם צריכים להיות להם אסירי־תודה, על שהפיגו קצת מהחד־גוניות והשיעמום של חיי העיירה הנידחת, הלהיבו את הדמיון ובעטו בשיגרה. אמנם, מעשיהם הם עבירה מפורשת על אחד ה„לאו"ים שבעשרת הדברות, אולם אם ספר הספרים איננו מהסס לספר לנו על מעשי אבותינו ועל דורות קדמונים שלא תמיד היו כליל השלימות, מי אנחנו, כי נעלים מידיעת הדורות הבאים, שגם עיירתנו היתה „אנושית" מאד ולא טלית שכולה תכלת.

אחרי הכנה נפשית ופכים־קטנים של „אידיאולוגיה", הבה ונספר את הסיפור עצמו. אם כי יש גירסאות שונות, אין להטיל ספק בעצם הענין. היתה זו חבורה נכבדה מאד, גם מבחינה מספרית — בין 25—40, ואף כמה שמות הצליחה לקלוט אזני, אך את השמות לא נפרסם, כי מאד יתכן שנכד או נין מאותן משפחות כשרוניות הגיעו למעמד מכובד בארצות אמריקה הצפונית או הדרומית. ואף יתכן שאחד מהם הוא חבר חשוב בוועד יוצאי ידיניץ באותם מקומות.

בראש החבורה עמד יהודי למדן בעל זקן והדרת־פנים שיומו היה קודש ללימוד תורה ולילותיו לדהירה על סוסים ומעשי שוד. עיקר העיסוק של החבורה היה שוד סוסים ובני־בקר מבעלי האחוזות וחוכריהם היהודים.

משנגנבו פרות מרפת, או זוג סוסים משובח מתוך אורווה, לא צריך היה לראותם כאבודים, בתנאי, שלא יפנו לעזרת השלטונות. כיהודים הם שנאו כל „מוסר" (מלשין). אם פנו לשלטונות אפשר היה להשיג את האבידה רק בחלום. הם פיתחו שיטה משלהם להחזרת אבידות. שיטה מעוגנת במסורת היהודית וכיאה ליהודי למדן, שעמד בראש החבורה. הכנופיה היתה קשורה למספר „נביאים", שהם בעצמם לא עסקו בגניבות ושוד, אך ידעו לנחש כל דבר. ומשזכה הזוכה, אחרי פרוצדורה מסובכת, לעמוד במחיצתו של אחד ה„נביאים" ובכיסו סכום המתקבל על הדעת, היה רוח החזון נחה על ה„נביא", פניו הפיקו רוחניות והוא חזה למרחקים. בסופו של דבר ראה בעיני רוחו את זוג הסוסים הנכסף קשור בתוך יער המרוחק עשרות קילומטרים ממקום המפגש.

זה לא היה חזיון־שווא.

במרוצת השנים פיתחו בני החבורה יוזמה והתחילו לעסוק ב„אימפורט" של בקר מעבר לפרוט. בתקופה שהפכו ל„יבואנים" הם חדלו, כמעט, להציק לאנשי הסביבה. מחיר הבשר ירד והעסקים של החבורה פרחו. ייתכן שדבר זה היה נמשך שנים רבות, לולא אותו יום חרדות, שבו הוקפה העיירה בגדוד פרשים כשאיש לא ידע על מה ולמה, נשמתם של כל בני העיירה כמעט ופרחה. עד שנודע שבידי השלטונות רשימה מעודכנת של אנשי הכנופיה והחלטתם נחושה לחסלם אחת לתמיד. השואה ירדה עליהם בעטיו של עדר בקר ראוי לשמו שעמדו להעבירו את הפרוט, אך לרוע המזל נתקלו בשומרי הגבול הרומני — את העדר, אמנם, הצליחו להעביר, אך אגב כך נפגעו כמה שומרי גבול, דבר שהביא לפניה ישירה מצד הרומנים לשלטונות הרוסים במוסקבה. כתוצאה מפנייה זו החליטו השלטונות, אשר ידעו על החבורה מזמן, לפעול לחיסולה.

חלק מאנשי החבורה הצליחו לחמוק ולהימלט מעבר לים, האחרים נלקחו אחר כבוד לסיביר. מאז, במשך שנים, לא קמו לה לעיירה בעלי־שם במקצוע זה.

השודד פולישטשוק

בשנות העשרים המאוחרות של המאה הנוכחית הופיע בעיירה ובסביבתה השודד פולישטשוק, אשר תוך זמן קצר התפרסם עד למרחקים, בהעזותו, ערמתו, ויכולתו להתחמק מידי שומרי החוק, שאותם שם ללעג ולקלס. פולישטשוק לא היה מבניי־ברית. נולד באחד הפרברים של העיירה ומשפחתו גרה כל השנים בעיירה. הוא עצמו הפיל חתיתו במשך שנים, על העיירה וסביבתה וצילו רדף את העיירה והדיד שנתם של רבים. ככה, למשל, הודתה פרל גולדברג ז"ל, שמשפחתה נחשבה לאחת המשפחות האמידות בעיירה, כי אחת הסיבות שהביאו אותה לנטוש את העיירה ולעבור לקישינוב, היה הפחד בפני פולישטשוק.

סביב מעשי השוד של פולישטשוק, נרקמו סיפורים רבים, שחלק מהם ודאי בחזקת אגדות, ולכן לא נפליג בסיפורים רבים ונספר רק על ביצוע השוד המפורסם והוודאי בביתו של הרוקח אברהם ברונשטיין. היה זה בשעות הערב המוקדמות ובביתו של ברונשטיין היו מסובים כעשרה מוזמנים מאנשי העיירה. פתאום הופיע בדלת האחורית של הבית איש רחב־גרם בעל עיניים בורקות וזקנקן שחור, עם אקדח ביד, ובקול שקט ועמוק אמר: „אני פולישטשוק, ומבקש שאף אחד לא יזוז ממקומו". אלה שנכחו אותה שעה בביתו של ברונשטיין ציינו שהיה משהו „סימפאטי" בהליכותיו והתנהגותו של פולישטשוק, והוא שדד את קרבנותיו בצורה „ג'נטלמנית", אם כי כולם הוכו בהלם כשבישר שיש להם ה„כבוד" לעמוד פנים אל פנים עם פולישטשוק, והוסיפו, כי תוך כדי „עבודתו" פג במקצת הפחד. הדברים הגיעו עד כדי כך שמוניה שטיינבורג, שהיה בין קרבנות השוד, העז לטעון שהכסף אשר ברשותו איננו שלו, כי אם של אחרים ולהפתעת כולם החזיר לו את הכסף. כשסיים את מלאכתו, פקד השודד שאף אחד לא יעזוב את הבית במשך מחצית השעה הקרובה. משראה טלפון בחדר הסמוך, התעורר בו חשד שמישהו כבר הספיק להודיע לשלטונות על המעשה ואמנם, לא טעה. ברם, הוא לא איבד עשתונותיו, עבר לעברו השני של הרחוב, נכנס לביתו של הרב שגר בדיוק מול בית־המרקחת, הציג את עצמו לפני הרב ואשתו וביקש להכין לו מיטה ללינת לילה, מתוך הנחה, כי לא יעלה על דעתו של איש לחפש את פולישטשוק בביתו של הרב, דווקא.

כעבור שנים אחדות, כאשר שמו כבר הלך לפניו, חדל פולישטשוק מהעמידה בדרכים ומביקורי בית. הוא התחיל לנהל את עסקיו על בסיס של „קורספונדנציה". הוא ידע על הכנסותיו של כל יהודי, יותר טוב מ„הפרצ'פציה" (מס־הכנסה). ומשקיבל יהודי מכתב ובו הודעה להכניס לקופתו של פולישטשוק כך וכך עשרות אלפים, לא נעשה הדבר על פי שרירות לב בלבד. הפנייה היתה מבוססת על פירוט מדוייק של עסקיו של האיש והכנסותיו.

ככל איש עסקים המכבד את עצמו היו לפולישטשוק סוכנים בעיירה, שאתם אפשר היה לבוא בדברים ולסיים את העניין.

ר' אלטר פוקס בן התשעים ומעלה (נפטר ב־1968 בתל־אביב) סיפר בהתרגשות בלתי־רגילה, כאילו היה זה אתמול, על מכתב שקיבל מפולישטשוק ובו הוא מתבקש „לתרום" מאה אלף ליי. עם כל החרדה והסכנה שבסירוב — לא הוציא אפילו פולישטשוק כסף בקלות מאלטר פוקס. הוא זוכר לפרטיו את המשא־ומתן המייגע שניהל עם אהרון בעל־עגלה, שהיה מ„סוכניו" של פולישטשוק בעיירה.

אהרון זה היה אדם עליז ובעל־עגלה ישר ואת קשריו עם פולישטשוק קשר, כנראה, בעברו עם סוסו ומרכבתו ביערות הסביבה לצורך פרנסתו. הוא לא נטש את סוסיו ומרכבתו גם כשה„תחביב" הכניס לו יותר ממקצועו הקבוע. יום יום היה יוצא למסלולו הרגיל. רק הירשה לעצמו להדפיס כרטיס הזמנה, שרק אצל עורכי דין בלבד אפשר היה למצוא כאלה בימים ההם. בכרטיס הוא מזמין את הציבור לנסוע במרכבתו. חתום: אהרון „אינטליגנטני איזבושטשיק" („עגלון משכיל").

ואמנם, אנשי העיירה העדיפו לחצות את הדרכים ביערות הסביבה במרכבתו של אהרון, אם כי הטילו ספק באינטליגנציה שלו.

עם אהרון זה גמר אלטר פוקס על מחצית הסכום המבוקש על־ידי פולישטשוק — 50 אלף ליי — סכום השווה למשכורת שנתית של מנהל בנק בימים ההם. תמורת סכום נכבד זה קיבל אלטר פוקס תעודת בטחון, המתירה לו להשאיר את דלתותיו פתוחות בלילות ואיש לא יעז לפגוע בו.

בין היתר סיפרו על פולישטשוק שמימיו לא רצח אדם ואף חילק מהגזלות שלו לנצרכים, דבר שעזר לו להתחמק מידי השלטונות כשהיה בסכנה. לעומת זה היה ידוע עוזרו הראשי, בודא, לרוצח בדם קר.

סופם של השניים היה דומה. הם הוצאו להורג בירייה בלי משפט, לאחר שנתפסו ישנים ביער. היתה זו הלשנה.

קב' ניר־עם

פנחס מן

שרייערס

ווען ס'איז אַוועק פון דער וועלט עליק שרייער, וועלכער פלעגט שטיין אויף די קרייצוועגן פון די גאַסן און אָנזאָגן די שטעטלשע, דורך „אויסשרייען", אַז די באָד איז גרייט אויפצונעמען קליענטן, אָדער אַז אַ גוטער הערינג איז אָנגעקומען צו דעם און דעם קרעמער, און אַז אַ חזן, אַ גאַסט, וועט דאַווענען אין אַ געוויסער קלויז — האָבן צוויי פאַרשוינען זיך פאַרמאָסטן צו זיין די „יורשים" פון עליקל שרייערס פרנסה: אברהמל שרייער און לייב שרייער.

ס'איז שווער צו וויסן, ווער עס האָט זיי באַפּולמעכטיקט אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבע און אין וועלכער שולע זיי האָבן אויסגעשולט זייער שטים און שטודירט די דיקציע. יעדנפאַלס, בלויז זעלטן האָבן די איינוווינער פון שטעטל געגנוי פאַרשטאַנען, וואָס זיי „שרייען" אויס, און דאָס האָט דערמעגלעכט די פאַרשיידענע פאַנטאַזיאָרן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

אין אַלגעמיין איז אָנגענומען געווען צו שיקן דעם שרייער „אויסשרייען" די נייעס אָדער מעלדונגען אין די שעהען פון פאַרן זון־אונטערגאַנג, ווען די פּויערים האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און די ייִדן זענען געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, זיך לאַנגווייַלנדיק, פאַר זייערע קלייטן; זייערע הערצער זענען דעמאָלט געווען אָפן אויפצונעמען „נייעס". אַזוי אַרום האָט אָט דער סדר געגעבן די שרייערס אַ מעגלעכקייט „צו זיצן אויף צוויי שטולעס". אברהמל האָט טאַקע אויך פאַרקויפט בייגל אין די פרימאָרגן־שעהען; לייב, דאַקעגן, האָט פאַרקויפט „קוואַסניצעס".

אברהמל איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער, אָן ציינער און שטענדיק האָט ער זיך געאײַלט. שוין מיטן אויפגיין פון מאָרגן־שטערן, פלעגט ער, ווי אַ שטורעם, דורכלויפן די גאַסן פון שטעטל, האַלטנדיק אַ קויש מיט בייגל אויף דער האַנט און, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין מינוט, אויסרופן: „פרישע בייגל, אייעריקע". נאָך דעם, ווי ער האָט אויפגעוועקט אַלע שטעטלשע איינוווינער און אַרויסגערופן אַ כעס ביי די בעלי־בתים, הלמאי ער האָט זיי אויפגעריסן פון טיפן שלאָף, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. מאָמענטנווייז פלעגט ער זיך אומקערן צוריק און ווייטער פאַרקויפט זיינע בייגל, וועלכע זענען טאַקע געווען שטענדיק פרישע און געשמאַקע.

אין קעגנזאַץ צו אברהמלען איז לייבל געווען אַ נידעריקער, אַ ברייטפּלייציקער, בלינד אויף אַן אויג און געשטופּלט. ד"ה ער האָט געהאַט לעכלעך און גריבלעך, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז זיינע עלטערן האָבן נישט אין זינען געהאַט אים צו „שטעלן" פּאָקן אין זיין קינדהייט. לייבל איז זיך געגאַנגען געלאַסן. איידער ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן „אויסשרייען" די מעלדונגען, פלעגט ער אַרויסשטעלן איין פוס פאָרויס, די הענט אָנשפאַרן אויף די לענדן, און זיין פּנים האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ מאַסקע פון חשיבות, גלייך ער האָט אָנצוזאָגן אַ גורלדיקע בשורה פאַר די מענטשן אין שטעטל.

אַפילו ווען מ'איז זיך שוין נוהג געווען אויסצוקלעפּן געשריבענע אָדער געדרוקטע מודעות אין די גאַסן פון שטעטל, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן מוותר צו זיין אויפן דינסט פון די שרייערס, פּונקט אַזוי ווי קיין שום ערנסטע פירמע אין אַמעריקע וועט, מיטן אויפקום פון רעקלאַמע אויף דער טעלעוויזיע, נישט פאַרציכטן אויפן עלטסטן רעקלאַמע־מיטל: אַ מודעה אין דער צייטונג.

איך ווייס נישט, צי זיי האָבן געגרינדעט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אָבער איך ווייס, אַז די פּרייזן זענען געווען „פעסטע" און די זעלבע בייביידע. דאָך געדענק איך צוויי אויסנאַם־פאַלן: דער ערשטער פאַל, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו קאָנקורירן און ביידע האָבן אָנגעהויבן צו נעמען האַלבע פּרייזן. אָבער דאָס איז געווען אַ קורצער סכסוך און זיי האָבן שנעל שלום געמאַכט צווישן זיך.

דער צווייטער פאַל איז פאָרגעקומען אין איינעם אַ האַרבסט־טאָג, ווען אין שטעטל האָט גאַסטראָלירט די באַרימטע „ווילנער טרופּע", און די בלאָטעס אין שטעטל זענען געווען, אַזוי ווי געוויינלעך אין די האַרבסטיקע טעג: טיפע. טראָץ די בלאָטעס און דער פינצטערניש אין די אָוונטן, האָט די טרופּע געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און דער זאַל איז געווען יעדן אָוונט איבערגעפּולט. דאַן איז איינגעפאַלן אונדזערע שרייערס, אַז זיי קאָנען זיין ריכטיקע שותּפים צום דערפאָלג און צו די הכנסות פון דער טרופּע. וואָס האָבן זיי געטאָן? — זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט אויסשרייען וועגן די פאָרשטעלונגען פאַר ווייניקער, ווי פיר הונדערט לעי. דאָס איז באמת געווען אַ פאַנטאַסטישע סומע, ווייל געוויינלעך פלעגט מען באַקומען פאַר אַן איינמאָליקן אויסשרייען צווישן דרייסיק און פופציק לעי. ווען דער באַקאַנטער ווילנער אַרטיסט שטיין האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם וויכוח צווישן דעם אַדמיניסטראַטאָר פון דער טרופּע און צווישן די שרייערס, איז ער אויפגעשפּרונגען און מודיע געווען, אַז פאַר פיר הונדערט לעי וועט ער אַליין זיין גרייט דורכצוגיין די גאַסן און אויסשרייען וועגן דער קומענדיקער פאָרשטעלונג. דאָס „געשעפט" איז געמאַכט געוואָרן.

שטיין איז, חלילה, נישט געגאַנגען איבער אַלע גאַסן פון שטעטל. ער איז בלויז אַרויס אין דער גאַס נעבן טעאַטער

און האָט אויסגעשריען וועגן דער פאָרשטעלונג. אָבער דאָס איז געווען איבערגענוג. די ידיעה, אַז שטיין אַליין שרייט אויס וועגן דער פאָרשטעלונג, איז בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן אין גאַנצן שטעטל, און אַ גרויסער עולם האָט דעם אָוונט געשטראָמט אין טעאַטער, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער בלאָטע.

לייבל איז געווען דער שטענדיקער אויסשרייער פון סניף „גורדוניה״. בדרך כלל פלעגן מיר דורכקומען מיט אים. בלויז איין מאָל האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי אים נאָכצוגעבן. און די געשיכטע איז געווען אַזאַ:

די לייטונג פון סניף האָט אָפּגערעדט מיט אַ חבר פון דער הנהגה הראשית פון דער באַוועגונג, אלקנה מרגלית (היינט אַ לעקטאָר פון פּאָליטישער וויסנשאַפט אין דעם תל־אביבער אוניווערסיטעט), ער זאָל קומען האַלטן אַן עפנטלעכן רעפעראַט אין שטעטל. די טעמע פון דעם רעפעראַט איז געווען „מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע אָדער פּסעוודאָ־וויסנשאַפט״. מיר זענען זייער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם נאָמען פון רעפעראַט און געוואַרט אויף אַ מאָראַלישן און פינאַנסיעלן דערפאָלג (מיר האָבן זיך זייער גענויטיקט אין געלט, פאַר די זומער־קאָלאָניעס). כדי צו מאַכן דעם געהעריקן רושם אויף דער גאַנצער שטעטלשער יוגנט, איז נויטווענדיק געווען, אַז לייבל זאָל אויסשרייען דעם פולן נאָמען פון רעפערענט און גענוי די טעמע פונעם רעפעראַט. מיר האָבן אים איינגעלאַדן אין סניף און מיט אים אָנגעהויבן מאַכן אַ „רעפּעטיציע״ איבער דעם נוסח פון אויסשרייען. נאָך אַ פערטל שעה פון אומזיסטער מי, אַז די ווערטער „מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע אָדער פּסעוודאָ־וויסנשאַפט״ זענען אַלץ אַרויס פון זיין מויל פאַרקריפּלטע, גלייך זיי וואָלטן געווען כינעזישע, און טראָפּנס שווייס זענען אַראָפּגערונען פון זיין פּנים, האָט זיך לייבל צעשמייכלט און געזאָגט: „רעדט נישט קיין נאַרישקייטן; איך וועל די דאָזיקע ווערטער קיין מאָל נישט זאָגן, איך קאָן בלויז שרייען: „דער וועלט־באַרימטער רעדנער... אַריינגאַנג פריי.״

נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָבן מיר אים באַזאָרגט מיט אַ גרויסער שילד, און אויף איר אָנגעצייכנט, מיט גרויסע אותיות און אין רויטער פאַרב, דעם נאָמען פון רעפעראַט. און אַזוי איז לייבל אַרויס אין גאַס אָנזאָגן וועגן דער „מאָדערנער וויסנשאַפט״...

זאָל די דאָזיקע רשימה דינען אַלס באַשיידענע מצבה פאַר דער פּראָפעסיע און די מענטשן, וועלכע זענען אויף אייביק פאַרשוווּנדן, צוזאַמען מיטן שטעטל און זיין לעבנס־שטייגער.

קב׳ ניר־עם

פנחס מן

אויך אזעלכע זענען געווען...

אַז איר וועט זיך וועלן דערוויסן איבער אַ יעדינעצער יידן אַ בר־אוריין, אַ נדבן — וועט איר קיין פּראָבלעמען נישט האָבן. אַז איר וועט בעטן שטאָטישע, זיי זאָלן אייך דערציילן וועגן אַ באַקאַנטן לערער, אַ דערציער פונעם דור — וועלן זיי עס גערן טאָן; אַז ס׳וועט זיך האַנדלען וועגן אַן אשה צדקנית און אַ „יידישער מאַמע״ וועט איר באַקומען איבער איר פּרטים, גלייך דאָס האָט פּאַסירט ערשט נעכטן. אָפּט זעט עס אויס, אַז די צאָל למדנים, צדיקים, חכמים און גומלי־חסדים, וועגן וועלכע ס׳זענען אַרומגעגאַנגען מעשיות און קלאַנגען, שטייגט פיל איבער די רעאַלע צאָל...

אָבער אומדערוואַרטעט האָבן זיך אָנגעזאַמלט שוועריקייטן אויף מיינע טריט, ווען כ׳האָב מיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט די גנבים, וועלכע זענען געווען אין שטעטל. און געווען זענען נישט בלויז סתם־גנבים, מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך שעמען, נייערט גנבים מיט אַ פאַרנעם און אַ פאַנטאַזיע, ערשטקלאַסיקע פאַכמענער אויפן דאָזיקן געביט. זיי האָבן זיך נישט געהאַט מיט וואָס צו שעמען פאַר זייערע פאַך־קאָלעגן אין די גרויסע שטעט. מען רעדט אָבער וועגן זיי שטיל, ווי וועגן אַ ממזר אין דער משפּחה, גלייך אָט עפּנט מען פון ס׳ניי זייערע געריכט־דאָסאַרן פון צוריק מיט צענדליקער יאָרן... און אַזוי ווי יענע געפינען זיך שוין נישט מער אויף דער וועלט, האָבן די מיטשמועסער מורא, טאָמער וועט מען זיי שטעלן צום געריכט, אַלס יורשים...

כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס איז די בושה? מיר שיינט, אַז דער עלטערער דור דאַרף דאַנקבאַר זיין יענע, וואָס האָבן אַ ביסל פאַרטריבן דעם שאַבלאָן־אַרטיקן לאַנגוויל פון שטעטל און אַ ביסעלע אָנגערעגט די פאַנטאַזיע. אמת, זיי זענען טאַקע עובר געווען אויף אַ געוויסן „לאו״ פון די עשרת הדיברות, אָבער אויך דער ספר־הספרים קווענקלט זיך נישט צו דערציילן גאָרנישט קיין וואַזשנע זאַכן, וואָס ס׳האָבן אָפּגעטאָן אונדזערע אבות אין די פאַרגאַנגענע דורות... פאַרוואָס זשע זאָלן מיר אויסבאַהאַלטן פאַר די קומענדיקע דורות דעם פאַקט, אַז אויך

אונדזער היימשטעטל איז געווען „מענטשלעך“, און נישט תמיד אַ „טלית שכולה תכלת“?

„אימפּאָרטערן“ פון בהמות

נאָך אָט דער „פּסיכאָלאָגישער“ באָדן־צוגרייטונג, לאָמיר דערציילן די עצם־מעשׂה. ס׳זענען טאַקע פאַראַן כל־מיני וואַריאַנטן פון דער מעשׂה, אָבער דער תוך איז, אָן צווייפל, ריכטיק.

ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ חשובער חברותא — אַ 25—40 לייט... כ׳האָב אויך געהערט נעמען, אָבער כ׳וועל זיי נישט דערמאָנען, ווייל טאָמער האָט זיך זייערס אַן אייניקל אָדער אוראייניקל אַרויפגעדראַפּעט אויף דער סאָציאַלער לייטער אין צפון־ אָדער דרום־אַמעריקע; און אפשר איז ער דערצו גאָר אַ חשובער מיטגליד פון דאָרטיקן יעדינעצער קאָמיטעט...

בראש פון דער חברותא איז געשטאַנען אַ ייִד אַ למדן, מיט אַ באָרד און הדרת פּנים, וואָס זיינע טעג האָט ער געווידמעט צו לערנען תורה און אין די נעכט פלעגט ער גאַלאָפּירן אויף פערד און באַגיין רויב־טאַטן. דער עיקר פלעגט די באַנדע גנבענען פערד און ראַבעווען פּי פון די פּריצים און פון זייערע ייִדישע „רינדאַרעס“.

די געגנבעטע בהמות אָדער פערד האָט מען נישט געדאַרפט באַטראַכטן אַלס פאַרפאַלענע, בתנאי, מ׳זאָל זיך נישט ווענדן צו דער מאַכט; ווייל ייִדן האָבן פון תמיד אָן פיינט אַ „מוסר“. די מאַכט וואָלט סיי ווי סיי נישט געקענט אומקערן די גניבה. האָבן זיי אַנטוויקלט אַן אייגענע שיטה אומצוקערן „אבידות“, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ ייִד אַ למדן, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער חברה. די באַנדע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּאָר „נביאים“, וועלכע האָבן זיך אַליין נישט פאַרנומען מיט גניבות און רויב; זיי האָבן אָבער געהאַט אַן אייגנשאַפט „צו טרעפן“... אַז דער אינטערעסירטער האָט זוכה געווען, נאָך אַ לאַנגער פּראָצעדור, צו שטיין פאַרן „נביא“, און אין זיין קעשענע האָט זיך געפונען אַ פּאַסיקע סומע געלט, איז דעם „נביא“ באַפאַלן אַ „גייסטיקע אינספּיראַציע“ און ער האָט באַקומען אַ „ווייטן קוק“, אַז דאָס פּאָרל געגנבעטע פערד, למשל, איז צוגעבונדן צו אַ בוים, ערגעץ ווו אין אַ ווייטן וואַלד...

און דער „נביא“ האָט תמיד געטראָפן...

מיט דער צייט האָט די חברה באַוויזן איניציאַטיוו צו „אימפּאָרטירן“ רינדער פון איבערן פּרוט; זיי האָבן דאַן כמעט ווי אויפגעהערט צו דערקוטשען די בהמות־באַזיצער פון דער אייגענער סביבה. די פּרייזן פון פלייש אין שטעטל זענען געפאַלן. די געשעפטן פון „חברה“ האָבן געבליט. די לאַגע וואָלט זיכער געווען אָנגעהאַלטן נאָך פיל יאָרן, ווען נישט יענער גרויזאַמער טאָג, ווען דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ פּאָלק רייטערס; קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס פּלונים, און ביי די שטעטלשע האָט זיך, מיינע שונאים, די נשמה אַראָפּגעלאָזט אין די מייטקעס.

ביז מ׳איז געוויר געוואָרן, אַז די מאַכטהאַבער באַזיצן אַ פולשטענדיקע ליסטע פון דער כנופיה און זיי האָבן באַשלאָסן זי צו ליקווידירן. דאָס „אומגליק“ האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס די גנבים און אַ געגנבעטע טשערעדע האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אַ רומענישער גרענעץ־וואַך... די טשערעדע איז אַריבערגעפירט געוואָרן דעם פּרוט, אָבער בעתן צוזאַמענשטויס זענען געטראָפן געוואָרן אייניקע פון דער רומענישער וואַך.

די רומענער האָבן זיך געווענדעט דירעקט קיין „פּעטערבאַרג“ און די רוסישע מאַכט האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן די באַנדע.

אייניקע מיטגלידער פון דער באַנדע איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד; אַנדערע זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. זינט דעמאָלט זענען אין שטעטל נישט אויפגעשטאַנען קיין נייע „פּאַכלייט“ אויף דעם געביט.

דער באַנדיט פּאָלישטשוק

אין די שפּעטע 20־קער יאָרן האָט זיך אין און אַרום דעם שטעטל באַוויזן דער באַנדיט פּאָלישטשוק, וועלכער איז באַרימט געוואָרן, ווייט אויסער די גרענעצן פון יעדינעץ, מיט זיין געוואַגטקייט און כיטרעקייט; זיינע טריקן זיך אַרויסצודרייען פון דער מאַכט, האָט די געזעץ־היטערס אויסגעשטעלט צו עפנטלעכן שפּאָט. פּאָלישטשוק איז נישט געווען קיין ייִד. ער איז געבוירן געוואָרן אין איינער פון די מאַהאַלאַס און זיין משפחה האָט דאָרט פאַרגעזעצט צו וווינען. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויפן שטעטל און זיינע איינוווינער. פרוי פּערל גאָלדנבערג ז״ל האָט דערציילט, אַז איר משפחה, איינע פון די רייכסטע אין שטעטל, האָט עוקר געווען קיין קעשענעוו, אויס מורא פאַר פּאָלישטשוקן.

אַרום פּאָלישטשוקס רויבערייען זענען געוועבט געוואָרן פיל מעשׂיות און לעגענדעס.

לאָמיר דערציילן וועגן באַרימטן רויב־איבערפאַל אין הויז פון דעם אַפּטייקער אברהם ברונשטיין. ס׳איז געווען אין די פריע אָוונט־שעהען; אין ברונשטיינס שטוב האָבן זיך געפונען, אַרום דעם טיש, אַ 10 געסט, שטעטלשע. פּלוצים איז דערשינען, אין דער הינטערשטער טיר, אַ ברייטפּלייציקער מאַן, מיט בלישטשענדיקע אויגן און אַ שוואַרץ בערדל; ער האָט געהאַלטן אַ רעוואָלווער אין זיין האַנט, און מיט אַ טיפער, שטילער שטים, האָט ער געמאָלדן: „איך בין פּאָלישטשוק... קיינער זאָל זיך נישט רירן פון אָרט“. די אָנוועזנדיקע האָבן דערציילט, אַז אין זיין אויפפירונג איז געווען עפּעס „סימפּאַטישעס“; ער פלעגט באַראַבעווען זיינע קרבנות אין אַ „דזשענטלמענערישער“ מאַניער; אָבער אַלע האָבן דאָך באַקומען אַ שאָק פונעם „כבוד“ צו שטיין פּנים אל פּנים מיט פּאָלישטשוקן. שנעל אָבער, בעת זיין „אַרבעט“, איז דער פּחד פון זיי אַ ביסל אַוועק. ס׳איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מוניע שטיינוואָרץ, וועלכער איז געווען איינער פון די רויב־קרבנות, האָט אַפילו געוואַגט צו טענהן, אַז דאָס געלט, וואָס פּאָלישטשוק האָט ביי אים געפונען, איז נישט זיינס, נאָר געהערט צו פרעמדע מענטשן; צו אַלעמענס איבערראשונג האָט דער רויבער אומגעקערט דאָס געלט.

ווען דער רוביבער האָט פאַרענדיקט זיין „אַרבעט", האָט ער באַפוילן, אַז קיינער זאָל נישט פאַרלאָזן די שטוב במשך פון אַ האַלבער שעה. דער רוביבער האָט באַמערקט, אין צווייטן צימער, אַ טעלעפאָן און איז חושד געווען, אַז עמעצער האָט אַלאַרמירט די מאַכט. ער איז זיך טאַקע נישט טועה געווען. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, איז איבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס, אַריינגעגאַנגען אין הויז פון רב, זיך פאַר־געשטעלט פאַרן רב און דער רביצין און געבעטן אים צוגרייטן אַ נאַכטלעגער; ער איז געווען זיכער, אַז קיינעם וועט נישט איינפאַלן צו זוכן פּאַלישטשוקן ביים רב.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען ער איז גאָר באַרימט געוואָרן, האָט פּאַלישטשוק אויפגעהערט צו ראַבעווען אויף די וועגן אָדער אין די הייזער. ער האָט אָנגעהויבן צו פירן זיינע גע־שעפטן אויפן וועג פון „קאָרעספּאָנדענציע". ער האָט געקאָנט די הכנסות פון יעדן איינעם, בעסער ווי די „פערטשעפּציע" (שטייער־אַמט). ווען אַ ייד האָט באַקומען אַ בריוול אַריינצו־טראָגן אין פּאַלישטשוקס קאַסע כך וכך אלפים, איז די סומע נישט באַשטימט געוואָרן סתם־אַזוי; די ווענדונג איז געווען באַזירט אויף דער אָפּשאַצונג פון די ריאַלע הכנסות פונעם „קאַנדידאַט" אויף רויב.

ווי יעדער ערנפולער געשעפטסמאַן האָט פּאַלישטשוק גע־האָט אַגענטן אין שטעטל, מיט וועמען מ'האָט געקאָנט זיך פאַרשטענדיקן, כדי צו „ענדיקן דעם ענין".

ר' אַלטער פוקס ז"ל, נפטר געוואָרן אין תל־אביב אין עלטער פון אריבער תשעים, האָט דערציילט וועגן בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון פּאַלישטשוקן אין וועלכן ער איז געבעטן געוואָרן צו „שפּענדן" 100 טויזנט לעי. אָבער ביי אַלטער פוקסן וועט אפילו פּאַלישטשוק נישט לייכט אַרויסציִען געלט. ר' אַלטער האָט געדענקט, גלייך עס איז געווען היינט, אַלע פרטים פונעם לאַנגן משא ומתן, מיט אהרן בעל־עגלה, וועלכער איז געווען איינער פון פּאַלישטשוקס אַגענטן.

אהרן איז געווען אַ פריילעכער פאַרשוין און אַן ערלעכער בעל־עגלה. זיינע פאַרבינדונגען מיט פּאַלישטשוקן האָט ער אָנגעקניפּט, בעת ער איז דורכגעפאָרן מיט זיין פערד און וואָגן אין פרייען פעלד און וואַלד. אָבער אויך ווען די „זייטיקע פּר־נסה" האָט אים שוין אַריינגעטראָגן מער ווי די שטענדיקע פרנסה, האָט ער נישט פאַרלאָזט די פערד. ער האָט זיך בלויז דערלויבט אָפּצודרוקן אַ וויזיט־קאַרטעלע, אין וועלכער ער האָט איינגעלאַדן די פאַרשוינען צו פאָרן אין זיין פייטאָן. אונטערגעשריבן: „אהרן, אינטעליגענטני איזוואָשטשיק". די פאַרשוינען האָבן טאַקע פרעפערירט צו פאָרן מיט אים דורך די פאַרדעכטיקטע וועלדער, הגם זיי האָבן געצווייפלט אין זיין אינטעליגענטקייט.

מיט אהרנען האָט ר' אַלטער פוקס פאַרענדיקט אויף אַ העלפט פון דער געפאָדערטער סומע — 50 טויזנט לעי; אַ פּאָר־מעגן אין יענע צייטן. דאַקעגן האָט ר' אַלטער פוקס באַקומען אַ זיכערקייטס־צעטל, וואָס דערמעגלעכט אים צו לאָזן אָפן די טירן פון זיין שטוב אין די נעכט און נישט מורא האָבן פאַר קיינעם...

מ'האָט דערציילט, אַז פּאַלישטשוק האָט קיין מאָל נישט דערהרגעט קיין מענטשן און אַז ער פלעגט צעטיילן חלקים פונעם רויב צווישן נויטבאַדערפטיקע, אַ זאַך, וואָס האָט אים געהאָלפן זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון דער מאַכט, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ סכנה. זיין געהילף אָבער, בודאַ, איז געווען באַקאַנט אַלס קאַלטבלוטיקער מערדער.

דער סוף פוןביידע איז געווען, דוכט זיך, אַז זיי זענען דערשאָסן געוואָרן, אָן אַ משפט, בעת זיי זענען געכאַפּט גע־וואָרן שלאָפן אין וואַלד, אַלס רעזולטאַט פון אַ מסירה.

קב' ניר־עם

נתנאל שחר

בעל־עגלות, עלעקטרע און וואסער־פירערס

פּונקט ווי די צוקונפט, אפילו די גאַנץ נאָענטסטע, זעט אויס אין אונדזערע אויגן ווייט און אומבאַ־קאַנט, אַזוי, פאַרקערט, דערמאָנען מיר זיך אָן די געשעענישן פון ווייטן עבר, גלייך זיי האָבן זיך געטראָפן ערשט נעכטן. די גע־שעענישן און די געשטאַלטן פון דער קינד־הייט האָבן אַ טבע זיך אַזוי טיף איינצו־קריצן אין זכרון, אַז אַלע צייט־גלגולים לאָזן זיי איבער גאַנץ, גלייך ערשט נעכטן האָט אַלץ געטראָפן... אָפט דוכט זיך דיר אויס, אַז טראָגסט דעם האַלבן יובל יאָרן, וואָס איז אין צווישן פאַרלאָפן, איז אָט גייסטו אַרויס אין גאַס און דו וועסט באַ־געגענען די געשטאַלטן פון אַ מאָל...

זאַלמעלע „גיט די סטאַנציע"

כ'געדענק נאָך מיין שטעטל, אירע האַלב־איינגעפאַלענע הייזקעס, די גראָדע גאַסן און די געדרייטע ליקלעך, וואָס די שיטערע און קלעפּיקע בלאָטע האָט זיי צוגעדעקט 6־7 חדשים אין יאָר. בעת דעם סעזאָן פון די בלאָטעס, באַזונ־דערס אין לאַנגן אָסיען, פלעגט דאָס שטעטל זיין אָפּגעריסן פון דער גאַרער וועלט, ווייל די נאָענטסטע באַן־סטאַנציע איז געלעגן אַ 20 קילאָמעטער די ווייט. און אויב ס'האָט זיך

דיר געגלוסט אָנצוקומען צו אָט דער סטאַנציע, כדי פון איר פאַרצוזעצן דעם וועג צו איינער פון די גרעסערע שטעט, און דאָס — דווקא אין דעם בלאָטע־סעזאָן, האָסטו געדאַרפט אויפשטיין קאַיאָר, מיט די שטערן, און אַרויפציען אויף דיר די שווערע מלבושים, וועלכע דו האָסט צוגעגרייט נעכטן. דאָס איז נישט פון די קלייניקייטן. אין יעדינעץ גייט מען נישט אַרויס פון שטוב, מ׳שטייגט נישט אַריין אין אויטאָ און מ׳פאָרט. אויב דו האָסט געוואָלט, אין בלאָטע־סעזאָן, אָנקומען, מיט נישט קיין אָפגעפרוירענע איברים, איז דיר נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי גוט זיך איינצוּוויקלען אין כל־מיני בגדים, און אַריינקריכן אין אַ גרויסן פעלץ, וועלכער פלעגט דיך אַרומנעמען אין גאַנצן, און דיר איבערלאָזן אַנטבלויזטע בלויז דיין פאָר אויגן, כדי דו זאָלסט פילן דעם דרויסן, ווייל סיי ווי האָסטו גאָרנישט נישט געזען אין אָט־די שעהען. קיין עלעקטריש ליכט איז דעמאָלט נאָך נישט געווען אויף די גאַסן; אַ לאַמטערן האָט אויך נישט באַלייכט דעם וועג.

דער עיקר אין אָט דער קליידונג זענען, בלי שום ספק, געווען די גרויסע שטיוול, וועלכע האָבן געדאַרפט אַריינגעמען אין זיך די גוט אַרומגעוויקלטע פיס. אויב אָבער דו האָסט צופיל אַרומגעוויקלט די פיס, ס׳זאָל זיי באמת זיין וואַרעם, האָסטו געהאַט צו פירן אַ שווערע מלחמה ביז ס׳איז דיר געלונגען זיי אַריינצושטופּן אין די שטיוול אַריין. און אָט אַזוי, האָבן דיינע פיס צוגעשלעפט דיין אָנגעפעלצטן קערפער, ביז צום „פאַיטאָן״, וועלכער איז געווען געשפּאַנט צו די דריי „אָדלערס״, וועלכע ס׳האָט אָנגעטריבן זאַלמעלע בעל־עגלה.

זאַלמעלע איז געווען אַ קליינוווקסיקער און ס׳האָבן אים געפעלט דער רוב פינגער אין ביידע הענט. ער האָט אָבער געהאַט אַ שאַרף צינגל און פלעגט האַקן, פון צייט צו צייט, גראָבע וויצן און רעדן לשון־הרע אויפן גאַנצן שטעטל. זיין פנים פלעגט שטראַלן פון הנאה, ווען ער פלעגט אַרומוואַרפן שטעכווערטלעך אָדער אַריינזאָגן אַ שטעטלשן מיוחס, אָבער דאָס בעל־עגלהשע פאַך האָט ער גוט געקענט און די וויאַשקעס פון זיינע „אָדלערס״ האָט ער געהאַלטן פעסט אין זיינע געזונטע הענט.

די באַן־סטאַנציע האָט זיך געפונען אין ריזשניצע. די באַן פלעגט דאָרט דורכגיין איין מאָל אין טאָג אין יעדער ריכטונג, אַרום פיר אַזייגער נאָך מיטאָג.

די ערשטע פראַגע, וואָס מ׳האָט געשטעלט זאַלמעלען איז, פאַרשטייט זיך, געווען „צי וועט מען אָנקומען צו דער צייט צום פאָיעזד (צוג)״. פלעגט זאַלמעלע זיך קראַצן אין זיין פליכעוואַטן קאָפּ און ענטפערן:

„אויב דו פרעגסט אַזעלכעס, קענסטו נישט זאַלמעלען! כ׳פאַרזיכער דיר צו געבן צו דער צייט די... סטאַנציע...״

די פאַרשווינען אין „פאַיטאָן״ האָבן גאָר הנאה געהאַט פון דער „חכמה״. און אין דער אמתן פלעגט טאַקע זאַלמעלע אָפט „געבן די סטאַנציע״, בעת דער צוג איז טאַקע אָקערשט דורכגעלאָפן, אונטער דער נאָז, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ געדיכטן רויך... אַ מאָל האָסטו אַפילו נאָך געקענט הערן דעם לאַנגן סיגנאַל־פייף פון לאָקאָמאָטיוו, אַ סימן, אַז קיין סך האָסטו נישט פאַרשפעטיקט...

זאַלמעלע פלעגט צושיטן זאַלץ אויף דיין פאַרדרוס, בזה הלשון:

— „כ׳האָב דיר צוגעזאָגט צו געבן די סטאַנציע, אָט שטייט זי פאַר דיר, גאַנצערהייט...״

נישט געווען קיין ברירה ווי צו וואַרטן אויפן צווייטן „פאָיעזד״, אָפט אַ גאַנצן מעת־לעת...

גורפינקלס זאַל

אויף דער „פאָטשטאָווע״ גאַס פון מיין שטעטל איז געשטאַנען אַ הויכער בנין, מיט לאַנגע בלינדע ווענט, אָן פענצטער; גרוי און לאַנגווייליק איז ער געווען; אין דער זייט איז געווען אַ ברייטער אַריינגאַנג מיט איינפאַכע טירן. מען האָט געקענט מיינען — ס׳אַ „מאַגאַזאָן״, אַן אָפּלייג־לאַגער. קיין נאָמען האָט דער בנין נישט געהאַט און מ׳האָט אים גערופן אויפן נאָמען פון זיין בעל־הבית „גורפינקלס זאַל״. נישט וויכטיק, וואָס אין צווישן איז דער זאַל שוין איבערגעגאַנגען צו דער פינפטער אָדער זעקסטער האַנט. דער „היסטאָרישער״ נאָמען איז אים געבליבן.

אַז ס׳האָבן זיך געעפנט די טירן פון זאַל, האָט מען געקענט זען די שורות לאַנגע הילצערנע בענק, וועלכע האָבן דערגרייכט ביז דעם ראַנד פון דער סצענע (בינע). דער פאָל (פוסבאָדן) פון זאַל איז באַשטאַנען פון האָלץ־ברעטער, וואָס מ׳האָט קיין מאָל נישט געביטן און ער איז געווען אָפגעריבן פון אַלטקייט און פול מיט לעכער; נישט איין מאָל האָט מען זיך, צוליב זיי, אויסגעוועכנט די פיס.

אין הינטערשטן טייל האָט זיך דער פוסבאָדן אויפגעהויבן אַ 20 סענטימעטער און דאָס האָט געבילדעט „די גאַליאָרקע״. קיין בענק זענען דאָרט נישט געווען און די בילעטן פאַר דער גאַליאָרקע זענען געווען „צום שטיין״, און פלעגן פאַרקויפט ווערן, איבער די אויפנעם־מעגלעכקייטן. דעריבער טאַקע — האָבן קיין מאָל נישט אויסגעפעלט קיין בילעטן... ס׳איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס ס׳האָט פאַסירט אויף דער גאַליאָרקע, ווען מ׳האָט געהערט דעם „דריטן זוואָנאָק״ (קלונג), די ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן: אַ געשטופעריי געשרייען, אַ פאַניקפולער געלויף און ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין געשלעגן. אויב איר מיינט, אַז דאָס איז אַלץ, זענט איר אייך טועה.

אַליאָשע דער עלעקטראָ־טעכניקער

שפייערס עלעקטראָ־סטאַנציע פון יעדינעץ געדענקט איר? זי פלעגט ליפערן עלעקטרישע קראַפט דעם גאַנצן שטעטל און אויך גורפינקלס זאַל. 12 אַזייגער ביינאַכט פלעגט

די עלעקטרע אויסגעלאָשן ווערן. און נישט סתם אַזוי. אַ פערטל שעה פאַר צוועלף פלעגט געגעבן ווערן אַ „סיגנאַל״ און דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוווסט, אַז אין אַ פערטל שעה אַרום וועט ווערן פינצטער. ווי איז געווען דעם, וואָס האָט פּונקט דעמאָלט געזונקען אין דער בלאָטע, מיט זיינע האַלבע קאַלאָשן...

דער טעם פון אויסגעלאָשענעם ליכט האָבן געקענט נישט נאָר די טעאַטער־באַזוכערס, נאָר אויך די טרופּעס, וועלכע האָבן „געשטעלט״ אין זאַל; זיי פלעגן דאַרפן צוגרייטן „לוקס״־לעמפּ, אויף נישט צו באַדאַרפן.

ס׳האָט אָבער נישט זעלטן פּאַסירט, אַז סאַמע אין מיטן פון דער פאָרשטעלונג, בעת דער העכסטער שפּאַנונג פון דער פּיעסע, איז פּלוצים געוואָרן... פינצטער אין די אויגן: אַ קורצשלוס. ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער ענין. שליחים זענען געלאָפן ברענגען אַליאָשען, דעם עלעקטראָטעכניקער, וועלכער איז געווען דער מאָנאָפּאָליסט אויף עלעקטרישע „פּאָטשינקעס״ אין גאַנצן שטעטל. ס׳איז געווען אַ מיטליאָריקער גוי, וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און פלעגט פאַרברענגען זיין רוב צייט אין די שענקען. ווי איז געווען דעם, וועלכער האָט אַליין פאַרריכט די עלעקטרע. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין שטעטל, יעדן געקענט, יידיש האָט ער גערעדט ווי אַ ייד. אָבער אַ גוי בלייבט אַ גוי און קיינער האָט נישט געוואַגט אַריין אין זיין תחום. ס׳רוב האָט מען אים נישט געטראָפן, אָדער געפונען שיכור. אַז ער פלעגט קומען אויפן פּלאַץ, פלעגט ער אויך צו ערשט אויסזשלאָקען אַ גלעזל אָדער צוויי, איידער ער האָט זיך גענומען צו פאַרריכטן דעם קורצשלוס. דעריבער פלעגט מען פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג ביים ליכט פון די לעמפּ. עס האָט געהאַט יענעם טעם, אָבער יעדינעץ האָט הנאה געהאַט פון טעאַטער־פאָרשטעלונגען (וועגן אַליאָשעס טרויעריקער ראָל אין די אומקום־יאָרן שרייבן אַנדערע — רעד.)

די וואַסער־פּירערס

כאַמסין־היצן, ווי אין ישראל, זענען טאַקע אין יעדינעץ נישט געווען, אָבער וואַרעם איז געווען, אין זומער. געדענק איך, אַז אין איינעם אַ הייסן זומער־טאָג האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס וואַסער אין די דושקעס (פעסער) פון די שטיבער, וואָס די וואַסער־פּירערס פלעגן יעדן טאָג אָנפילן, ווייל קיין וואַסער־לייטונג איז אין שטעטל נישט געווען. יעדער וואַסער־פּירער האָט געהאַט אַ גרויסן פאַס אויף אַ פורל, אין וועלכן ס׳זענען געשפּאַנט געווען צוויי ריזיקע, מגושמדיקע פערד. דאָס וואַסער פלעגט מען שעפּן פון קוואַלן אויסערן שטעטל. יעדער וואַסער־פּירער האָט זיך געהאַט זיין שטענדיקע קליענטור און פאַר 50 לעי אַ חודש פלעגט ער אָנפילן די וואַסער־פעסלעך אין די שטיבער. יעדן טאָג — „אַ פּאָר״ הילצערנע קאַנעס פול מיט פריש וואַסער, „מחיה נפשות״.

אין פאַס איז געווען אַ לאָך, וואָס פלעגט פאַרשטעקט ווערן מיט אַ הילצערנעם צאַפּן אָדער פּלאָקן. מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס פלעקל און די קאַנעס פלעגן זיך אָנפילן דורכן שטראָם.

ווי איז געווען דער בעל־הביתטע, וועלכע האָט זיך צעקריגט מיט איר וואַסער־פּירער. זי, מיט איר משפחה, זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דורשט. זיי זענען געווען אָרגאַניזירט, די וואַסער־פּירערס, הגם זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין; האָט מען דעריבער נישט געקענט איבערגיין פון איינעם צום צווייטן.

על־פּי רוב פלעגט דער סכסוך פאַרענדיקט ווערן דורך אַ פיינעם טרונק בראָנפן און אַ היפּשן צובייס.

אָבער אין איין הייסן טאָג איז די שטאָט געבליבן אָן אַ טראָפּן וואַסער — אָן אַ פאַרוועץ און אָן אַ פאַרוואָס. די סיבה איז באַלד אויפגעקלערט געוואָרן, ווען פּלוצים, אין מיטן העלן טאָג, האָט מען געהערט אַ גלעקער־געקלאַנג און אַ הירזשען פון גאַלאָפּירנדיקע פערד... אַ לאַנגע שערענגע פון אַלע וואַסער־פּירערס, מיט זייערע פעסלעך און פורלעך, האָט זיך געצויגן איבער דער פּאָטשטאָווע גאַס...

די פערד אויסגעפּוצטע, די פלאָקנס פון די פעסער אַרויסגעשלעפּט און דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן און פאַרפלייצט די גאַנצע גאַס. דערביי האָבן די וואַסער־פּירערס זיך אונטערגעזונגען אַ פריילעכס.

נאָר נאָך אַ חקירה איז מען געוווּיר געוואָרן, וואָס עס איז געשען. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי צווישן אַ וואַסער־פּירער־משפחה פון יעדינעץ און צווישן אַ משפחה פון דערבייִיקן שטעטל בריטשאַן. האָבן זיך די וואַסער־פּירערס אויפגעזעצט אויף זייערע פורלעך און זיך געלאָזט קיין בריטשאַן, כדי זיך אָנצונעמען פאַר דער יעדינעצער משפחה, וועמענס כבוד ס׳איז פאַרשוועכט געוואָרן, און גוט אָנלערנען דעם שׂונא.

***

דאָס זענען ברעקלעך... ברעקלעך פון לעבנסשטייגער פון מיין שטעטל. אָפט פאַרכאַפּט מיך אַ שטאַרקע בענקעניש נאָך יענעם פּרעכטיקן יידישן שטעטל, ווו ס׳האָבן אַקטיווירט שיינע יוגנט־באַוועגונגען, ווו ס׳האָבן עקזיסטירט העברעיִשע שולן און מ׳האָט גערעדט עברית און פון וואַנען ס׳זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל הונדערטער חלוצים.

בעת דעם גרויסן קאַטאַקליזם איז דער רוב יידן אומגעבראַכט געוואָרן. זאָל זייער געדעכעניש קיין מאָל נישט פאַרלאָזן אונדז, די געראַטעוועטע, און זאָלן מיר איבערליפערן דעם זכר פון שטעטל אונדזערע אייגענע קינדער.

נתניה

גאָלדע גוטמאַן — קרימער

שטייגער־געשיכטעס

פראַגמענטן פון בוך „יעדינעץ, מיין היים״, בועגאָס־איירעס, 1946.

די פרעסט זענען שוין פאַרביי. אין גאַס שטייט אַ האַרטע בלאָטע, אַ קלעפיקע און אַ גרויע. גראָבע ייִדענעס, מיט שטריקלעך אַרום די וואַטאָווע, ווינטערדיקע לייבלעך, לויפן אַרום פון שטוב צו שטוב, פאַרקויפן גראָבע גענדזענע הויטן אויף פסחדיק שמאַלץ און די אָפגעשונדענע גענדז, די אָדערקעס. אין מאַרק פאַרקויפן די בעל־פערס רויטע הילצערנע גראַגערס אויף פורים. די זון איז ברייט און וואַרעם. אין שטעטל גרייט מען זיך שוין צו פסח. מען שאָבט דאָרט דאָס אַלטע געמעל פון די ווענט אַראָפ און מען פוצט דאָס מעש און דעם קופער. דער שענסטער, דער גליקלעכסטער יום־טוב ביי אונדז אין שטוב איז פסח.

ערב פסח

און אָט איז ער שוין דאָ, דער טאָג פון ערב־פסח. די זון אינדרויסן שמעקט שוין פסחדיק. די שטייפע פאָרהאַנגען איבער די פענצטער און די געבלימלטע טעפיכער אויף די געוועקסטע פאָלן שמעקן אויך פסחדיק. דער טיש מיט דעם זיידענעם סערוועט פאַרשפרייט און די געבעטע סאָפע מיט די שטולן אָנגעצויגן אין ווייסע געקראָכמאַליעטע טשעכאָלן. דער קרעדענץ איז באַשטעלט מיט ניי גלאָזוואַרג. פון קיך שמעקט שוין מיט פסחדיקע קאַרטאָפליע־פלעצלעך און מיט אַ הייסער פסחדיקער מאַהינע. דאָס פסחדיקע געפעס איז שוין אויסגעפּאַקעוועט און שטייט שוין אין דער געמויערטער שאַפע. אָט שטייט דאָרט מיין כוסעלע, אַ קליינס, אַ בלויס. איך וויל עס אָנטאַפּן. מיינע דריי קליינע טעלערלעך מיט די שמאָלע גאָלדענע רייפלעך קוקן צו מיר פון דער שאַפע אַרויס. זיי מוזן בענקען נאָך מיר. אַ גאַנץ יאָר ליגן זיי אויפן בוידעם, פאַרגעסענע... איך

←

גאָלדע גוטמאַן־קרימער

א חתונה אין שטעטל

גאַנץ פרי שוין איז אַ מחנה אָרעמע־לייט, אָפגעריסענע, מיט איבערגעדרייטע שיך, מיט רויטע און ברוינע פאַטשיילעס אַרום די העלדזער, געשטאַנען אַרום דעם גאַניק. פון די צעכראָסטעטע רעקלעך האָבן ברודיקע העמדער אַרויסגעקוקט, אָדער האָריקע ברוסטן:

— שענקט עפּעס די אָרעמע בעזשענצעס! —

זיי האָבן די הענט געשטרעקט צו יאָסקען און רייזלען (דער כלהס עלטערן) — שענקט עפּעס אַ מלבוש, נאַקעט און באָרוועס זענען מיר!

סאַרווערינס האָבן גרויסע פייערן אויף ציגל אין הויף צעלייגט און גרויסע טשוהונעס אַרויפגעשטעלט. די יויכן און די פיש קאָכן צו דער חופה־וועטשערע.

ביילע די שניידערין האָט די געפרעסטע אַרבעט אויפן בעט אַרויפגעלייגט און, שמייכלענדיק, סאַרקען (די כלה) אַריינגערופן:

— כלה, צייט זיך אָנצוטון! שוין דריי אַזייגער!

די ברעזענטענע ווענט פונעם טשופראַן* זענען געווען באַהאָנגען און באַקלעפּט מיט שוואַרצע געבלימטע טעפיכער; גרינע און רויטע רויזן, אויף דער מאַטע געדעמפקייט, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער שרייענדיקער רויטקייט פון די קייטן, אויסגעפלאָכטענע רויזן, וואָס זענען אויף דער סטעליע און אַרום די ווענט געהאָנגען. אויף אַ הויכן אָרט, די בינע, נעבן אַ טישל מיט גרויסע זילבערנע לייכטער, אין וועלכע עס האָבן געברענט גראָבע סטעאָרינענע ליכט, האָט מען די כלה אַוועקגעזעצט, צווישן גאַנצע בינטן בלומען.

שלום בדחן, אַ הויך, אויסגעטריקנט ייִדל, אַ רירעוודיקער ווי קוועקזילבער, מיט אַ לאַנגן גאָרגל און אַ טאַנצנדיקן קנאָפּ, אין סאַמע מיטן אונטערן פאַרי־

* אַ מין האַלץ־קאַמער.

קריך אַפילו אַרויף אַ מאָל אויפן בוידעם און שמעק אַרום דאָס ווינקל מיט דעם פּסחדיקן געפּעס, נאָר אַזוי זעלטן; און איצט שטייט עס און וואַרט אויף מיר...

איבער די דעכער שטייט שוין אַ רויט שטיק זון, ווי אַ צעגליט שטיק קופּער. אויסגעצוואָגענע ייִדן לויפן שוין פון דער באָד. דאָס חמצדיקע וועש טראָגן זיי אונטער די אָרעמס און פון זיי שמעקט מיט יום־טוב. טירן און לאָדנס פון געשעפטן פאַרמאַכן זיך שוין. אָרעמע ווייבער טראָגן אַהיים פונעם מאַרק, פאַרשפּעטיקטע, אַ רעשטל ציבעלעס, אָדער אַ ביליק פונט פיש צום סדר...

דער „סדר"

אָט איז אַ שיין היסב־בעט, צוגעגרייט אויף דער געבעטער סאָפע. דער הענגלאָמפּ בליצט איבער דעם ווייסן טיש מיט די גרויסע זילבערנע לייכטער. נאָר אין דער מאַמעס אויגן איז דאָ אַ בליצל, אַ שטילס, וואָס שרעקט מיך, ווי דער גרויסער, שטילער טייך פון אונדזער שטעטל. אַ שטילע זעצט אונדז אויס די מאַמע אויף די בענקלעך אַרום דעם טיש און אַ שטילע דערלאַנגט זי דעם טאַטן אַ הימל־ווייסן קיטל מיט אַ יאַרמלקע און אַ נייע הגדה.

←

סענעם שיטערן בערדל, האָט געשוועבט אַנטקעגן די מחותנים און געפּאָכעט מיט די הענט:

— לכבוד דעם מחותן ר' יאָסקע, דער כלהס טאַטע, זאָל מאריך ימים זיין, אַ גאַנץ פיינעם מזל־טוב, געשפּילט!

אַלטע ייִדן און ייִדענעס, יונגע ווייבלעך אין דער מיט, מיידלעך מיט בחורים, פאַרלייגטע הענט אויף אַקסלען, די קעפּ פאַרריסן, האָבן אַ טאַנץ געטאָן אַ בולגאַריש, געפלאָכטן די פיס און צוגעטופּעט אויפן איינגעטראָטענעם גראָז.

— שלום, אַ רוסאָקאַ!*, שרייט אַ ברייטפּלייציקער בעסאַראַביעץ און האַלט שוין די הענט אין דער לופטן און שוין קנאַקט ער מיט די פיס אין דער ערד, אַז די ווענט ציטערן.

שלומל, אַ גרויסער קענער אויף געלט נעמען, שפּילט אָפּ יעדן פון די מחותנים באַזונדער, אַלט און יונג, קליין און גרויס. מען צעטראָגט די ווענט, דעם הויף, די גאַס ציטערט פון זייער קלאַפּן מיט די פיס און צופּליעסקען צו די טענץ.

— — — (צוריק פון דער חופּה) — — — יאָסקע האָט זיך אומגעדרייט צווישן די טישן און געהאָלפן דערלאַנגען דאָס עסן: געבראָטענע און געקאָכטע פיש, געבראָטענע אינדיקעס, יויך מיט מאַנדעלעך, קאָמפּאָט און פרוכטן. קלעזמער האָבן געשפּילט איין פריילעכס נאָכן צווייטן. מחותנים האָבן געפּליעסקעט און זיך פון די ערטער געהויבן...

סטינגאַטש, וועלכן מען האָט געבראַכט, ער זאָל שפּילן צו דער חופּה־וועטשערע, האָט זיינע לאַנגע ביינערדיקע פינגער, ציטערנדיק איבער די סטרונעס פונעם פידל געפירט און געלאָזט הערן פאַרשיידענע טענער...

— שפּיל, סטינגאַטשעלע, אַ ייִדיש שטיקעלע... אַ לעבן זאָל קומען אויף דיין גוישן קאָפּ!...

און סטינגאַטש האָט זיינע שוואַרצע אויגן צוגעמאַכט, און טענער פון געוויין, פון האַס און פאַרביטערונג, פון געבעט און הכנעה, פון ווייטיק און ביטחון, האָבן פאַרכישופט דעם זאַל אין אַ טיפן שטילשווייגן. ווען ער האָט געענדיקט די מיט אַ טוי איבערגעצויגענע אויגן, האָבן זיי זיך מיט צעוויטיקטע ייִדישע פּנימער באַגעגנט. סטינגאַטש האָט זיך אויסגעגלייכט און גענומען אַ דינעם גלעטנדיקן טאָן, אַ רויִקן, ווי נאָך אַ שטורעם, און דער טאָן איז געוואָרן אַלץ ברייטער, רחבותדיקער, ווי ער וואָלט גאָס עדה אויף די רויִקע וואַסערן אַרויסגעפירט, און אויף שטילע גרינע פעלדער אויסגעשפּרייט, און דער עולם האָט גענומען אָפּזיפצן:

— געבענטשט פון גאָט!

שלום בדחן האָט זיך אינמיטן זאַל אויף אַ באַנק אַרויפגעשטעלט, אַ פאַררייס דעם קאָפּ, וואָס האָט זיך איס נאָך מער ווי פריער געהוידעט אויף זיין דינעם גאָרגל, פונעם איבעריקן ביסל בראָנפן, וואָס ער האָט גענומען און געפּרוווט מונטערן דעם עולם, וועקן:

— ייִדן, ווייבער, מחותנים, מחותנתטעס, כלהס צד, דרשה־געשאַנק!

— דער כלהס עלטערן, זאָלן לאַנג לעבן, שענקען דרשה־געשאַנק פינף יאָר קעסט און אַ האַלבע שטוב! — האָט שלום אַלעמען איבערגעשריגן.

שלום וואַרפט מיטן קעפּל אין אַלע זייטן, זוכט די הויפּט־מחותנים.

— דרשה־געשאַנק! ר' אלתר פעלצנמאַכער מיט זיין ווייב כאַנטשע, זאָלן מאַריך ימים זיין, שענקען טויזנט לעי דרשה־געשאַנק!... ר' משה אויפער מיטן ווייב און זעקס קינדערלעך זאָלן געזונט זיין — פינף הונדערט לעי דרשה־געשאַנק!...

— — — אינעם בלויען פאַרטאָג, וואָס האָט אין קילקייט געטויעט אונטער דינע ווינט־כוואַליעס ווי אַ בלויער עמאַל־אויסגוס, האָבן זיך די מוזיק־קלאַנגען צעטראָגן איבער די שטילע גאַסן, באַגלייטנדיק די מידע מחותנים, טאַטע און מאַמע און דאָס יונגע פאַרחלומטע פּאָר — אַהיים...

אינעם קיטל מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ איז דער טאַטע שענער, חשובער און שטילער. די הגדה זאָגט ער אויך שטיל. די מאַמע זיצט ביי זיין זייט אין אַ נייעם פּיניאַר, וואָס פּאַסט איר צום שטילן, צום אומעטיקן פּנים.

דער אָפּגעפּאַרבטער לאָמפּ שטייט אין אַ ווינקל, הינטער דער טיר, עס גייט פון אים אַ שרעק. אַזוי קאַלט איז ער און שוואַרץ... ווי שטאַרק ער טיילט זיך אויס פון דער יום־טובדיקער ווייסקייט!

— — — „שפוך חמתך..." — הויבט אָן דער טאַטע און אין צימער הערשט אַ טיפע און אַ שטרענגע שטילקייט. אַלעמענס אויגן הענגען אויף דער אָפענער טיר. איך קוק צום כוס מיט ווייך, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אליהו הנביא, נאָר איך דערקען נישט, מען זאָל פון אים אַפילו געווען עפּעס אָפּזופּן. ווי אַזוי קען אַ נביא אויסטרינקען אַזוי פיל כוסות פון אַלע סדרים אין איין האַלבער שעה?... ווי אַזוי קומט ער אָן פּינקטלעך צו אַלע יידישע סדרים?... און נאָך ענלעכע שאלות שטעלן זיך פאַר מיר...

ערב שבת

פרייטיק פאַר נאַכט. יידן מיט צעפּאַרעטע בערד לויפן פון דער באָד, ווייבער לויפן אַהיים מיט קיישלעך שבת־אויבסט, מיט געפּראַזשעטע קערלעך. אויסגעצוואָגענע און אויסגעפּוצטע מיידלעך שפּאַצירן שוין אויפן מיטן וועג מיט שקאַרמיצלעך קערלעך אין די הענט. אַ האַלבע לבנה, אַ ווייסע, קוקט אַראָפּ פונעם הימל, וואָס גליט איבערן באַרג. זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר פרי. אַ קוק טאָן, אַ פּנים, ווי יידן נעמען אויף דעם שבת אין יעדינעץ. און אָט רייסט זיך טאַקע אַ לאַנגער ייד דעם גאָרגל: „יידן, גייט אין שול אַריין!"

* * *

דער בייליס־פּראָצעס אין יעדינעץ

ס'איז שוין ווייט אינעם מיטן ווינטער. די גאַסן זענען איבערגעצויגן מיט אַ בלוילעכער ווייסקייט, אַ האַרטע ווי שטאָל. האַרטע, פעלדזיקע בערגלעך שניי נעמען אַרום די שטיבער, דערגרייכן ביז אונטער די פענצטער. אַ שאַרפע ווינטערדיקע זון שיינט אויף די מיט פראָסט אַנגעטאָענע שויבן פון די פאַרמאַכטע טירן און פענצטער.

אין שטעטל פאַרשפּרייטן זיך ידיעות וועגן בלוט־בלבול אויף מענדל בייליס און דעם פּראָצעס, וואָס קומט פאַר אין קיעוו.

די בעקער־יונגען ביי הערש טשערנאָפּוי זינגען נישט ווי געוויינלעך. זיי רעדן, אַמפּערן זיך און קלאַפּן מיט די פויסטן אויפן בייגל־טיש, וואָס ליגט אויף דער מולטער:

— בייליס מוז באַפרייט ווערן!... דער שקר וועט זיך באַווייזן!... אַ וועלט איז נישט הפקר!...

זכריה לייענט פאַר די אַרבעטער פון דער רוסישער צייטונג „אָדעסקיע נאָוואָסטי".

די דאָרפס־יידן, אַרענדאַרעס פון די אַרומיקע דערפער, קרעכצן און זיפצן מער ווי די שטאָטישע. שטילע, מיט אַ מידקייט אין די באַצערטע פּנימער און מיט אַ שווערן טראָט, אַ נישט זיכערן, סודען זיי זיך, היטן זיך פאַר די גויים.

יעדן טאָג פרעגט מען זיך נאָך, וואָס שרייבט די אָדעסער „נאָוואָסטי" וועגן פּראָצעס און די אויסזיכטן צו באַפרייען בייליסן. ווו מען גייט און ווו מען שטייט הערט מען זינגען „דאָס ליד פון בייליסן".

צוועלף אַ זייגער ביינאַכט,
הערט זיך אַ רויש אין דער גאַס.
מען האָט בייליסן אַ בילבול געמאַכט,
ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס.
צוועלף אַ זייגער ביינאַכט,
הערט בייליס אַ קלאַפּן אין טיר:
— בייליס, עפן די טיר,
ווייל דו ביסט אַרעסטירט!...
ווי ער האָט נאָר די ווערטער דערהערט,
אויסגערופן האָט ער מיט גרויס וווּנדער:
— איך בעט אייך איר זאָלט מיר פּאָזוואָליען
זיך געזעגענען מיט מיין ווייב און קינדער!...
די טיינע קאָמיסיע איז שטום,
זי הערט נישט בייליסעס געבעט,
זיי שלעפּן אים אַרויס פון זיין שטוב,
צום אָסטראָג בייליס מיט זיי גייט.
ווי מען האָט בייליסן אין אָסטראָג אַריינגעפירט,
זאָגט אים דער וועכטער מיט אַ שמייכל:
— בייליס, טו אויס דיין אַדיאָזשע,
טו אָן דעם רישטאַנסקן מונדיר!...
זיי האָבן בייליסן געפּייניקט און געשלאָגן,
פון די ווונדן ס'האָט געגאָסן בלוט.
אַ רוסקי סאָיוזניק שמייכלט אים אין פּנים
און זאָגט: אַ יידן טאָן אַזוי איז גוט!...
אַ סך צייט האָט ער דאָרט געליטן,
זיין ווייב און קינדער קיין מאָל נישט געזען,
ער האָט קיין רחמים נישט געבעטן,
געשוויגן שטענדיק, ווי אַ טויטער שטיין!...

און נאָך דערציילט דאָס ליד וועגן דעם פּראָצעס און ווי בייליס איז אָפּגעפּאָרן אין הייליקן לאַנד און לעבט זיך, קיין בייז אויג, אין עושר און אין כבוד...

אַ לעצטע ידיעה אין אָדעסער „נאָוואָסטי" — דער אַרכיעריי אַליין וועט פאַרטיידיקן בייליסן. „זיכער", זענען אַלע מסכים, „בייליס מוז באַפרייט ווערן. דער אמת וועט זיך באַווייזן, ווי בוימל אויפן וואַסער"...

בוענאָס־איירעס

משה פורמאַן

געווען אין שטעטל א ייד...

עפּיזאָדן פון אַמאָל

אין די יאָרן 1890—1910 האָט זיך געפונען אין יעדינעץ אַ ייִד מיטן נאָמען חייקל מלמדס ע״ה, הנקרא חייקל מיטן שטאָלץ, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין פוס און איז געגאַנגען אויף אַ שטאָלץ. ער איז נעבעך געווען אַ גרויסער אָרעמאַן.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, און שלאַכטן זענען פאָרגעקומען אַרום דער שטאָט פּאָרט־אַרטור. אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „פּאָרט־אַרטור", פלעגט חייקל מלמדס פרעגן: וואָס הערט זיך מיטן אותו מקום? דערביי פלעגט ער קיין מאָל נישט פאַרגעסן צו בעטן ביי דיר אַ ציגאַר טוטון אָדער אַ שמעק טאַבאַק.

* * *

געווען אין שטעטל אַ ייד, וואָס האָט געשטאַמט פון דער ליטע; מ׳האָט אים גערופן דער זווילנער מלמד ע״ה. ער איז געווען אַ ייד אַ הויכוווקסיקער און פאַרמאָגט האָט ער זיינס אייגנס אַ ריזיקע קילע, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו דער פּאָל. מ׳האָט עס געקענט זען פּרייטיק אין באָד, ביים שוויץ. זיין קילע איז געווען אַ שם־דבר. אין געלט־סכסוכים פלעגט מען אָפט הערן ווי איינער זאָגט צום צווייטן: „כ׳קאָן דיר געבן דעם זווילנערס קילע"...

* * *

געווען אַ ייִד אין שטעטל מיטן נאָמען חיים גאָלאָשקע ע״ה. ער פלעגט קלייבן נדבות יעדע וואָך. אין אַ יאָר, ווען פּורים איז אויסגעפאַלן פּרייטיק, פלעגט ער קומען צום דיין ר׳ שמוליקל ז״ל און אים בעטן אָפּלייגן פּורים אויף זונטיק, ווייל, ערשטנס, פּרייטיק קלייבט ער סיי ווי נדבות; און, צווייטנס, איז פּרייטיק אַ צו קורצער טאָג צו קלייבן פּורימדיקע נדבות... פּרייטיק־פּורים איז אים גורם היזק.

* * *

געווען אַ ייִד אין יעדינעץ מיטן נאָמען משה אָזיס־סניטקאָווסקי ע״ה. געלעבט האָט ער פון מאַכן האָניק, וואַקס און אַ משקה, וואָס מ׳רופט זי „מייד". ערב פּסח פלעגט ער צעהענגען אין די קלויזן צעטלען בזה הלשון: „ביי משה אָזיסן פאַרקויפט מען מייד כשר לפסח".

האָט זיך אין יענער צייט געפונען אַ ווילער יונג און האָט צוגעשריבן צום וואָרט „מייד" אַ לאַנגע נון (ן), ד״ה, אַז מ׳קען קריגן ביי ר׳ משהן „מיידן כשר לפסח". איז געווען אַן איבערקערעניש, אַ חילול השם, אָבער אַראָפּרייסן די צעטלען האָט מען נישט געקאָנט, ווייל ווען מ׳האָט עס באַמערקט, איז שוין געווען יום־טוב...

* * *

געווען אין יעדינעץ עטלעכע רייכע און שיינע משפּחות, ווו ס׳האָט געפעלט שלום־בית. פלעגט מען אויף זיי זאָגן, אַז זיי ווערן פאַרשוואַרצט אין עושר און אין כבוד.

* * *

געווען אַ ייִד, דוד הערשקאָוויטש ע״ה. ער האָט געהאַט אַ באַקאַליינע קלייטל. האָט ער אַ מאָל געזאָגט, אַז איידער מ׳גייט זיך מאַכן אַ קלייט צווישן ייִדן, דאַרף מען זיך פריער לאָזן אַרויסציען די גאַל.

ער איז שפּעטער געוואָרן אַ העברעישער לערער און אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, בערך אין יאָר 1910.

* * *

אַן אָנגעזעענער תושב, חיים ראַבינאָוויטש ע״ה, פלעגט זאָגן, אַז ווען מ׳זאָל וויסן פריער דעם טעם פון דער צווייטער פרוי, וואָלט מען געוווסט, ווי חשוב צו האַלטן די ערשטע...

זיין פאָטער פלעגט זאָגן, אַז אַ ייִד באַדאַרף דריי פרויען: איינע אַלס אַן איינקויפערין... די אַנדערע פאַר אַ באַלעבאָסטע... און די דריטע טאַקע פאַר אַ ווייב...

* * *

געווען ווייִנשענקערס, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז פון ווייִנטרויבן קאָן מען אויך מאַכן וויין... און אַז ס׳זענען געווען צייטן, ווען מ׳פלעגט גיסן וואַסער אין וויין אַריין. די לעצטע צייט גיסט מען וויין אין וואַסער אַריין...

* * *

געווען אַ ייִד — ישראל שאַפּאָשניק האָט ער געהייסן. איז פּרייטיק פלעגט ער טראָגן אַ גרויסן פיש אַהיים, 3 אָקעס די וואָג. האָט מען אים געפרעגט: „היתכן?" האָט ער געענטפערט: „פאָרט צוויי מענטשן, איך און מיין ווייב"...

* * *

געווען אַ ייד, ישראל־לייב לויבמאַן (זאַיקאַנער) ע״ה. זיין פּרנסה: ער פלעגט געבן געלט אויף צינזן. און אַז אַ ייד האָט אים אָפּגעבראַכט די הלוואה מיט אַ פּאָר טעג פאַר דער צייט, האָט ער אַזאַ מענטשן מער נישט געליען קיין געלט, „ווייל, — האָט ער געזאָגט, — אַזאַ מענטש וועט אין גיכן אָנזעצן, באשר ער גרייט צו דאָס געלט פון פריער, און דערווייל קאָסט אים צינזן".

* * *

געווען נאָך אַ ייִד, וואָס פלעגט לייען געלט אויף צינזן — אברהם־דוד דער טויבער ע״ה. קומט אַ מאָל זיין פרוי

פון דער גאַס און זאָגט צו אים: „אברהם־דודל, דער און דער פון דיינע בעלי־חובות האָט דיר אָנגעפייפט"... אברהם־דוד דער טויבער האָט דערויף געענטפערט צום ווייב אַזוי: „גיב זשע עסן".

* * *

געווען אַ ייִד יוסף לייזערס דעם רויטנס ע"ה. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן אַדוואָקאַט און פלעגט שרייבן „פראָשעניעס". אָבער אַז מ'איז געקומען צו אים עפּעס איבערלייענען, פלעגט ער זאָגן: „שרייבן קען איך, אָבער לייענען נישט".

* * *

מאיר שאַפּאָשניק ע"ה איז געווען אַ פריילעך־מאַכער. ער האָט געמאַכט אַלעמען לאַכנדיק, אַפילו אין די שווערסטע צייטן.

טרעפט אַ מאָל, אַז עס פאָרט אים איבער אַ וואָגן מיט צוויי פערד. איז מען זיך צעגויפגעלאָפן, כדי אים אַרויסצושלעפן פון אונטער די רעדער. איז נישט קוקנדיק וואָס ער איז געווען גוט צעקאַליעטשעט, האָט ער אָבער דערביי געזאָגט צום עולם: „וואָס איילט איר זיך אַזוי? איר מיינט, אַז מאָרגן וועל איך דען דאָ ליגן נאָך אַ מאָל?".

ווען ווייבער פלעגן טראָגן די איינגעקויפטע נייע כלים אויף פסח, פלעגט זיי מאיר ווינטשן „מזל ברכה" און אַז פון די כלים... „זאָל פון איינעם ווערן דריי—פיר"...

* * *

ערב תשעה־באָב איז געווען אַ מנהג ביי די פרויען צו וואַרפן קנאָבל אויף די קברים. האָט אַ פרוי געבעטן ביי אַ שכנה נישט צו וואַרפן, חלילה, קיין קנאָבל אויף איר מוטערס קבר, ווייל זי איז געשטאָרבן הייזעריק און פאַרקילט...

* * *

תשעה־באָב פלעגט מען אויפפאַסטן מיט מילכיקע מאכלים. מאַכט זיך: אַ מאַן איז גראָד געווען אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע חדשים. האָט זיך זיין פרוי געערגערט, וואָס זי קאָן אים נישט צוגרייטן זיינע געליבטע מילכיקע מאכלים אויף נאָכן תשעה־באָב־תענית... זי האָט זיך אָבער גאָר שנעל געטרייסט, זאָגנדיק: „ניש־קשה, כ'וועל אים מערטשעם מאַכן אַ תשעה־באָב, אַפילו שמחת תורה"...

* * *

מיין זיידע ר' מרדכי־ניסן ראַפּאָפּאָרט ע"ה איז געווען באַרימט אַלס אָפּשפּרעכער. קומט אַ מאָל אַ פרוי און טרעפט אים נישט אין דער היים. בעט זי ביי דער באָבען רייזע־לאה ע"ה, אַז זי זאָל זאָרגן, אַז דער זיידע זאָל אָפּשפּרעכן... דערביי זאָגט זי אָן דעם נאָמען פון חולה. אָבער די באָבע האָט פאַרגעסן אין דער גאַנצער זאַך. דעם אַנדערן טאָג קומט די ייִדענע אָפּדאַנקען דער באָבען: „לאַנג לעבן זאָלט איר מיר... דאָס אָפּשפּרעכן האָט ווי מיט דער האַנט צוגענומען די קרענק"...

חולון

צונעמען אין יעדינעץ

ייִדער ייִד האָט געהאַט זיין פאַמי־ליע־נאָמען. אָבער אויסער דעם האָט כמעט יעדער אויך געהאַט אַ „צונאָמען".

די צונעמען דאַרפן צעטיילט ווערן אין פיר גרופּעס:

א. לויטן פאַמיליע־אָפּשטאַם;
ב. לויטן פריערדיקן אָרט וכד';
ג. לויטן פאַך;
ד. וויציקע, שפּאָט־ אָדער בייזוויליקע צונעמען.

א. לויטן אָפּשטאַם

מ'האָט גערופן ייִדן אויפן נאָמען פון פאָטער, מוטער אָדער שווער; פרויען — אויפן נאָמען פון מאַן. מיר וועלן, פאַרשטייט זיך, נישט אויסרעכענען אַלע. מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט בלויז מוסטערן:

הערש קסילס... די יוחנקע... משה דער דודלעכעס... מאָשקע משה־יאַנטלס... יאַנקל חיים־אהרונס...

ב. לויטן פריערדיקן וווין־אָרט:

דער אָדעסער... דער בריטשאַנער שניידער... טערעבנער... שמואל דרוצער... חיים פון ריסען... יאַנקל פון דער בריק... זלמן פון דער טאָרהאָוויצע וכד'.

ג. לויטן פאַך

יואל צוקערניק... איציק כאַדאַטשניק (פעל־הענדלער)... זאַגאָטאָווטשיק (יעקב, מיכל, משה)... בערל רימער... איציק בלעכער... שוסטער... שניידער... פאַרבער... מאָטל קלעזמער... משה באָדנער... שלאָסער אָדער סליעסער... סטאָ־לער... סקלאַדניק... בעקער... אַלטע די בעקערין... אברהם מיט די בייגל... שינדער... קצב... צעלניקער... הערש זייפנ־מאַכער... זיצער, זיצערין... הערש שלמה קאַלעכניק... הערש סאָטצקי... קוימענקערער... לאָקשנמאַכער... דער לימעניק... מאיר גאָלדשמיט... יאַנקל פונעם האָלץ... שערער... צירול־ניק... חייקע די פאַריקמאַכערין... כאַנציע די סאַרווערין... יאַנקל פרימאַר... בעקי די אַקושערקע... האַדיע די שדכנטע... אידע די סופרטע... פון דער זאַל... יאַנקל פון דער באַנק

(פריער: מיליציאָנער)... דער סטאַרעזש... חיַיקע די טעפּערין... אידע די טוקערין... שמואל דער באַגרעבער... שמואל בעדער... די בעדערין... באַלעגאָלע... איזוואָשטשיק... דודל פון דער מיל... שמעון גאַזעטשיק (אָדער: פון די בלעטער)... שינדלמאַכער... וואַסער־פירער... חייקע די בעלאָשווייקע... שמואל מוהל... לייקע באָרשט... פּעסיע פון דער טיי... די קורעלאַפּניטשקע...

ד. וויציקע אָדער שפּאָט־ און בייזוויליקע צונעמען

נישט תמיד זענען אָט די צונעמען געווען שפּאָטיש, תמיד אָבער האָבן זיי געהאַט אין זיך הומאָר און שטייגער. מיר וועלן איבערגעבן די צונעמען אָן די נעמען פון זייערע טרעגערס:

דער געפּגרטער... האַק... באָלוואַן... באָקסמאַן... גאָרגישט... גוי... מאַנאָליעס... וואַרנעטשקע... קישקע... פאַרעך.... מאַלאַי... האָן... די שוואַרצע... די געלע... די רויטע... דער רויטער... כרושטש... לאָקש... קניש... באָרד... סמיטיאַ:.. בעזנאָס... מיט די בעק... גראַלניק... דער הייזעריקער.. דער לאַנגער... דער קורצער... טשאַרנעפּוּכע... דער קרומער... דער בלינדער... דער שטומער... דער רעבטשיק... שוויצער... ממזר... פראַקע... קאַרנאָס... טערק... זאַווערעכע... דער משוגענער... מיט די גאַטיעס... טיאָמבע... קאַטאָרזשאַן... דער פריילעכער... מיטן טלית... דער גראָבער... פאַרדאָן... באַראַבוץ... מיטן מיַיזל...

(געווען אויך „ניזקע" צונעמען, וועלכע מיר וועלן נישט איבערחזרן).

לבסוף: אַ „חכמה" פון זלמן דעם בעל־עגלה, וועלכן מ׳האָט אויך גערופן „פאַרעך" און „שמייסער". איין מאָל האָט ער געפירט אין זיין פייטאָן דריי פאַרשוין: משה האָן, פישל מאַלאַי און אברהם דער געפּגרטער. האָט ער געזאָגט:

„הערט, ייִדן — אַ האָן האָט געגעסן מאַלאַי, איז ער געפּגרט"...

פאַרצייכנט: **חיה חירותי**

(אין יעדינעץ: חייקע הערש קסילס ראָזנבערג).

מושב חירות

צוגאָב-רשימה

(בלויז די צונעמען, אָן די אמתע נעמען)

פאָניעס; חזיר; באָרשט; קאָסטאַקי; היקעוואַטע; טשוואָק; דער גרינער; סטראָיאַן; גאַלאַן; אָדעסער; דער רויטער; ציגיינער; חצי־מת; עשיו; בלינדער; גנב; לייקעך; לאַנגער; קאַפּוסטע; ביידער; בית־הקברות־ייִד; הקדש־ייִד; עירוב־מאַכער; קידוש־מאַכער; טיטין־שניידער; באָרשט־פאַרקויפער; ממזר; קאַפּענגיס; משה מאָס; חרוץ; געזונטער; גיבור...

מ. פורמאַן

חגיגות פורים בבתי־הספר וברחוב



חגיגת־פורים בבית־ספרו של המורה דוברוב.

אַ פורים־פייערונג אין דובראָווס שול, 1934/35.

יהודי הכפרים שבסביבה
יידן פון די ארומיקע דערפער

אליעזר רואי — רייך

זאבריצ׳ן ויהודיה

כל השנים מטרידתנו השאלה: כיצד נראית כיום זאבריצ׳אן? מ־אז שעזבתי כפר מולדתי זה, לא שכחתיו, אם כי לא כל הזכרונות, הכרו־כים בו, נעימים הם. כי הרי תקופת חיי היפה ביותר — ימי ילדותי וראשית נעורי — בתוכו עברה עלי.

„צווישן וועלדער, צווישן פעלדער" — בין יערות, בין שדות — מהדהד באזנים שיר־עם נושן ואני רואה את הכפר הגדול, הטובל בירק־גנים, מוקף יער מצפון וממערב, ומשהנך מתקרב אליו ממזרח, מעבר העיירה ידיניץ, נדמה לך, כאילו כל השטח אינו אלא יער.

את הכפר חוצה ערוץ נחלים (ואדי, בלשוננו), שראשיתו ביער ואחריתו במוצאי הכפר השכן „פריצ׳וליאנקה", שרק ה„טראקט" (דרך המלך) חוצה בינו לבין זאבריצ׳אָן. בקצה פורצ׳וליאנקה, יוצר יובל המפכה במימיו הזכים לרגלי הר מוריק ממערב ולשפתו של אחו רחב־ידים, קרקע בתולה שטרם ידעה מחרשה, עליה רועים עדרי צאן ונשמע חליל רועיהם.

זאבריצ׳אָן — כפר מיוחס היה. בו נמצאו משרדי האזור („וולוסט") של 28 כפרים ובית־הספר שבהנהלת חומוטוב, שאליו נהרו תלמידים מבני האכרים האמידים — ושלא רק מבני המחוז. מאחר שמן המפורסמות היה, כי מי שזוכה בתעודה של חומוטוב מובטחת לו דרך לקריירה של פקידות ממשלתית. מאליו מובן, שמקום מגוריהם של הפקידים — רובם ממוצא רוסי — ושל המורים בזאבריצ׳אָן, והללו משווים צביון „אינטליגנטי" ל„חברה" הגבוהה — שכבת ה„הויפסלייט" („אנשי החצר") היהודים שבכפר. הללו, „מי שהיו" — בעיקר בשירות בעלי־האחוזות (העיקרי שבהם — צ׳והוריאנו) — וזכו בבתי־מידות ובגנים מטופחים וכן בהכנסות נכבדות, שעליהן עוד ידובר.

מיוחסי ה„בנדיצ׳קה"

מעטים בידיניץ ידעו על מוסד ה„בנדיצ׳קה" אשר על ה„אלטע בריק" (הגשר הישן). ה„בנדיצ׳קה" — אשה יהודיה, גוצה, ישישה וזריזה, טובת־מראה וטובת־טעם — שדירתה הקטנה, אשר בקצה השכונה, שימשה מרכז מודיעין למורי ה„קונדיציה" (כך קראו למשרת מורה פרטי בכפר).

רשתה היתה פרושה על כל חבל הארץ, שכלל בו את כפרי דרום מחוז חוטין וצפונו של באֶלץ, אשר יהודיהם אשר לא רצו כי ילדיהם ייהפכו ל„שקצים", אלא שיגדלו לתורה ולדרך־ארץ (ויכלו להרשות לעצמם) — היו באים אל ה„בנדיצ׳קה" בידיניץ, אשר לאחר שקיבלה מפיהם מה־ומה, היתה מתאימה להם את המורה ל„זמן" (של קיץ או של חורף).

יהודי הכפר זאבריצ׳אָן — שמנו יחד עם פורצ׳וליאנקה לא יותר משלושים משפחות יהודיות — היו הספק הראשי של ה„בנדיצ׳קה". ומקובל היה — מורה מזאבריצ׳אָן, מוצאו בלבד מספיק. עם זאת, לא הסתפקה ה„בנדיצ׳קה" בגושפנקת־המוצא והיתה מעמידה את מועמדיה למבחן. הבוחן היה לא אחר מאשר מנדל מבאראַבוי. נפל גם בחלק שלי להתיצב בפניו ולזכות בצביטתו של מנדל, שהשאירה עקבות של „טבקה" ריחנית וירקרקה בלחיי, ולמאור עיניה הכחולות של ה„בנדיצ׳קה".

סבורה היתה, שר׳ מנדל ירצה בעצמו לזכות בי בשביל באראבוי, אלא שה„בנדיצ׳קה" נאלצה להודות בפניו, שגילי אינו עולה על 14 וחצי שנים, אף כי הוצגתי בתור בן 17. הוא סרב, אבל המליץ עלי „ראוי לאחרים ובגיל שלמעלה מ־16".

משנודע לי „כשלונה" של ה„בנדיצ׳קה" ברחתי מידיניץ חזרה לזאבריצ׳אָן בהחלטה כי ממני — שלא כממרבית הצעירים בזאבריצ׳אָן — לא יצא כבר מורה ל„בנדיצ׳קה".

זכות־נעורים — אבות — ושכנות

אך נגזר עלי, שלא אמלט גם אני מ„קונדיציה" וזה בגלל „יחוס־אבות" ורעות־נעורים, שבין אבי ז״ל לבין בן־הכפר

השכן טאַראָבני — אידל לרמן — שהתחתן עם בת מיחאילני, כפר שכן לבאראבוי. משחיפש אידל אותה שנה (סתיו 1918) מורה בשביל ילדיו, וממילא בשביל שאר ילדי היהודים שבכפר, שהיוו כולם משפחה עבותה אחת עם צרורות של סיבוכים וסכסוכים — היתה ראשית דרכו ל„בוחן ובודק" ר׳ מנדל מבאראבוי. מפיו שמע, כי בחן איזשהו צוציק בן 14 מזאבריצ׳אַן, ואילולא הגיל, היה לוקחו לעצמו. שאר הפרטים, כמובן, אצל ה„בנדיצ׳קה"... משנודע לאידל, מפי ה„בנדיצ׳קה", שאין זה אלא בנו של הירש מזאבריצ׳אַן, לא המתין עוד. הדהיר את סוסתו הדוּנית ישר אל ביתנו.

אבי ז״ל היה יהודי בעל קומה ממוצעת ואיתן למדי, שהצאַר לא ויתר עליו והחזיקו בשירות צבאי קרוב לעשר שנים — בסוף המאה ה־19. בנוסף לשנות השירות הסדיר, השתתף גם בהתלקחות שבין סין ורוסיה, ב־1905 — במלחמה עם יפן ובמשך כל ימי מלחמת־העולם הראשונה. אולם אל מול אידל הגבוה ורחב־הגרם נראה אבא קטנטן. כשראיתי כיצד הוא שוקע ונעלם בין זרועות אורחו, מבלי שאראנו עוד, חשתי את עצמי נעלב ונפגע...

אידל — בעל השיער הלבקן, הדומה יותר לקאצאפ מליהודי, הודיע קצרות ונחרצות:

— הירש, באתי לקחת למיחאילני את התכשיט שלך. — ומיד הוסיף: — אני יודע, יודע, הוא בן 17. על ראשי ועל צוואַרי. נו, חיש, יארוז נא מיד את המטלטלים שלו ויסע עמדי תיכף ומיד. שבועיים של ראשית ה„זמן" כבר הרוויח... ומבלי לתת לאבא לפתוח פיו: — את המחיר תקבע ה„בנדיצ׳קה".

אמי ז״ל, שנתגלתה לאחר שנעלמה כדי להחליף מלבוש לכבוד האורח שהופיע פתאום — הופתעה עוד יותר, משנתברר לה שבנה, יחידה־בכורה, יצא מיד בפעם הראשונה מתחת כנפי חסוּתה.

אידל השכיל לשכנע גם אותה, שהוא עצמו יהיה לי לאבא ואשתו שבע — לאמא...

מלחמת מעמדות בזאבריצ׳אַן

צוין כבר, כי ה„עלית" של זאבריצ׳אַן היוו ה„הויפסליט" („אנשי החצר"), אך פרט להם היו עוד 3 מעמדות: הסוחרים והחנוונים; עובדי האדמה ובעלי־המלאכה. ושכבה נוספת שמפאת עיסוקיהם או קשרי־משפחה, היוו מעין מעמד־בינים, כפי שעוד ניווכח להלן.

ממילא, בכפר היו גם שלושה בתי־כנסת (נכון יותר לומר „מנינים"), שכל אחד נתיחד במסגרתו „המעמדית".

היו זמנים, שבני ה„מעמדות" השונים היו מצליחים להתאחד, כדי למנוע „בושה בפני הגויים" (להם היתה כנסייה אחת ויחידה בפורצ׳וליאנקה ולשני הכפרים גם יחד), אך האיחוד החזיק מעמד זמן קצר בלבד ומניעים לפירוד לא חסרו.

עם ה„הויפסליט" בזאבריצ׳אַן נמנו המשפחות לאנדאו, רוזנברג, דימאנט, קופערמאן ורילק ממשפחת לרנר. בין כל אלה היו קשרי משפחה הדוקים, שאף הם נקשרו, לרוב, על רקע מעמדי.

מובן, שהללו לא ויתרו על מעמדם בקרב הקהילה הקטנה של כשלושים משפחות יהודיות (זאבריצ׳אַן ופורצ׳וליאנקה גם יחד) וממילא עם כל הכיבודים — בבית, ברחוב ובמיוחד בבית־הכנסת. ברור גם, שהגבאי היה מאנשי שלומם והוא שדאג לשמו, שבעליה־לתורה יפלו פרקי „שלישי", „ששי" ו„מפטיר" בחלקם של המיוחסים (מחוץ ל„ראשון" ו„שני" — לכהנים ולוויים) כש„הרביעי" הדל הוקצה לשאר.

יוצאת מן הכלל היתה פרשת „בחוקותי" (בספר „ויקרא") שהפרק „שלישי" דן בכל צורות המחלות, המגפות והיסורים, המיועדים לכל „שבחוקותי תמאסו". פרשה זו נועדה, לרוב, לאחד מבעלי־המלאכה (חייט, סנדלר, קירז׳נר, קאלדרעמאכער) שהיו נודדים בכפרים במשך כל ימות השבוע, חיים „חיי כלב" ומתפרנסים מפת חרבה ומים חמים, כדי שלא „להגעל" ממזונם של עכו״ם, והיום היהודי היחידי שלהם היה יום השבת — בבית־הכנסת ובביתם הדל.

ספר־תורה מפלג

יהודי המקום הבינו, כי מוטב להם לשמור על „חברים כל ישראל" לפחות כלפי חוץ, ובענין פולחן במיוחד. לפיכך התאמצו שכולם יתפללו בשבתות ובמועדים בבית־כנסת אחד. מה גם שלכל הכפר היה רק ספר־תורה אחד.

מבלי שאזכור כיום את הסיבה, ניתן היה להוסיף עוד ספר־תורה אחד. טקס הכנסתו של ספר־התורה שמור בזכרוני עד היום. עם ה„ספר" הגיעו לכפר גם הסת״ם (סופר־תורות־ומגילות) שלו — יהודי סגוף ובעל זקן, קלוש, כולו כגרוגרת־דרבי־צדוק — ומכובדים מהכפרים הסמוכים ואף מידיניץ. ה„ספר" הובא אל ביתו של הגבאי משה גנדלמן, בן מעמד החנוונים והסוחרים, מקוראי „הצפירה" ומתמצא בהוויות־העולם, כב„אותיות הקטנות". מקום מגוריו של הגבאי היה בקצהו הדרומי של הכפר פורצ׳וליאנקה ואילו בית־הכנסת היה בטבוּר זאבריצ׳אַן. יצא, איפוא, שתהלוכת הכנסת־ספר־התורה — מתחת ל„חופה" המקובלת בחתונות ובלוויית תזמורת — שצריכה היתה לעבור כפר שלם עוררה סקרנותם של ה„גויים", שלרגל פגרת יום הראשון של השבוע נמצאו בבתיהם. אחינו בני־ישראל־כולם, שלבשו מיטב המחלצות, יצאו חלוץ לפני החופה במחולות וריקודים ואילו הנשים טפפו במאסף, עדויות מיטב קישוטיהן, מנפנפות בממחטות ומתנשקות אשה עם רעותה מרוב התרגשות.

ספר־תורה שני זה הוא ששימש עילה לפיצולה של העדה.

עוד לפני שהגיעה שבת „בחוקותי", החלו בני „מעמד־הבינים" ובראשם אבי ז״ל לדרוש, כי הפעם יזכה ב„שלישי", כנהוג בכל ימות השנה, „מכובד" מה„הויפסליט". משלא הסכימו להם הודיעו, שלא יתפללו יותר יחד ויפתחו „מנין" לחוד, מאחר שישנם כבר שני ספרי־תורה.

במשך הקיץ שכך הוויכוח, אך נתחדש עם התקרב ה„ימים הנוראים", משהופיעה גם בעיית הבאתו של חזן לכפר.

„המהפכנים" הודיעו שלא ישתתפו בתקציב הבאת החזן, מאחר שיביאו לעצמם חזן לחוד.

משתפסו ה„הויפסליים", שהענין הוא רציני, החליטו שלא להשאיר יותר את „ספרי־התורה" בבית־הכנסת, שהיה בביתו של חיים עזריאל — יהודי דלפון כשלעצמו ובניו — האחד עובד־אדמה והשני נפח. כמקום בטוח נחשב ביתו של ביינש קופרמן, שהועיד לכך חדר מיוחד סגור על מנעול ועל בריח.

בדמדומי יום אחד נתכנסו כמה מבני ה„עמך" ואבי בתוכם וביצעו מעשה־שמשון: נשענו בגופותיהם בדלת ומבלי לנגוע במנעול ובבריח עקרו אותה על ציריה, מזוזותיה, משקופה ומפתנה, לקחו, לאחר כבוד, את „ספר־התורה" החדש והעבירוהו אל בית אבי, שמאז חזר כמה פעמים להיות בית־הכנסת, גם משהתאחדו מחדש, עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה.

פתח־תקוה

צדקנית הורוביץ
(לשעבר פראדיה לרנר)

בית השו״ב לרנר בזבריצ'ן

הכפר זאבריצ'אן (זאבריטשען) ש־בקרבת ידיניץ, מוקף היה שדות, יערות ושרשרת של כפרים. האוכלו־סיה, שרובה היתה מולדאבית, ומעוטה רוסית־אוקראינית, עסקה בעיקר בעיבוד חלקות אדמה, בגידול עופות, צאן ועצי־פרי. הסביבה, יחסית לאותה תקופה, היתה מפותחת למדי.

היישוב היהודי מנה כ־40 משפחות, רובן ככולן היו קשורות בקרבה משפחתית בינן לבין עצמן. מקצתן נולדו במקום ומקצתן באו מסביבות אחרות. לא היה ליישוב זה שום מוסד קהילתי מאורגן. פונקציות אלו מילא בחלקן אבי ז"ל, יהושע לרנר, שהיה שוחט ורב ושימש את הסביבה היהודית הכפרית, שהשתרעה על פני עשרות קילומטרים. יחסי השכנות בין היהודים והגויים היו בדרך כלל תקינים. היהודים, כבכל מקום אחר באותה תקופה, נטו לשמור על ייחודם הלאומי ושקדו על לימוד התורה ומצוותיה. בתחילת המאה הנוכחית נוסד במקום בית־ספר ממלכתי רוסי שנוהל על־ידי מורה פדגוג מנוסה, חמוטוב, שהיה מצוי יפה בספרות הרוסית ובמדעים אחרים. הוא הכניס לכפר את רוח ההשכלה החילונית, הכיר לנו את גדולי הסופרים הרוסיים ומשהו מתרבות המערב. לצערנו הרב נתגלה מאוחר יותר כאנטישמי מובהק.

הנוער היהודי — והמשפחות היהודיות היו מטופלות בהרבה ילדים — ניסה בכל האמצעים שעמדו אז לרשותו להכיר את ערכי התרבות היהודית והחילונית כאחת. התוודעותו אל תנועת התחיה הלאומית עוררו אצלו שאיפה עמוקה להשכלה, להשתלמות ולהכרת העולם הגדול מחוץ לגבולות ביתו וכפרו. ההורים היו מביאים ממרחקים מורים עבריים, בדרך כלל מן הטובים ביותר, והקימו בית־ספר לכל הנוער. מלבד המקצועות העבריים היו מלמדים אותנו גם שפות לועזיות כגון: גרמנית, רוסית, ומאוחר יותר גם רומנית ויידיש.

אווירה זו — היא שהצמיחה נוער משכיל ואידיאליסטי, צמא־דעת, שממנו יצאו לוחמים ציונים וחלוצים וגם קומוניסטים, לדאבוננו.

אבינו ז"ל היה משכיל מובהק, שוקד על עבודתו ועוסק בתורה. מעורב היה מאד בקרב הבריות וזכה להערצת הצעירים. לא אחת ישב עמנו, בני הנוער, עד חצות הליל, דן עמנו בסוגיות שונות ומתפלמס בנושאים לאומיים וסוציאליים.

אמי ז"ל, לאה לרנר, שנחשבה לאשה משכילה ומלומדת, הראתה בקיאות רבה בידיעת לשונות ובהכרת הספרות הרוסית, הגרמנית והעברית. אין, איפוא, פליאה, שהורינו נטעו בלבנו כמיהה לאידיאלים כלל־אנושיים, כשם שנטעו בנו את חלום הגשמת הציונות ואת הזיקה לתרבות היהודית המקורית.

עשרה ילדים היינו בבית, שבעה נותרו בחיים. אחותנו הבכירה פאני, ואחינו הגדול לייב נפטרו ממחלת ה„איספאנקה" (השפעת ה„ספרדית") בשנים שלאחר מלחמת העולם הראשונה. אחינו הבכור ושתי אחיות למדו באודיסה, עד למהפכה הסו־בייטית. משנותקה בסרביה מרוסיה ועברה לשלטון רומני — המשכנו כולנו ללמוד בצ'רנוביץ, שהיה אז מרכז יהודי רוחני ותרבותי. שם סיים כל אחד מאתנו את בית־המדרש למורים עבריים. ומשסיימנו את חוק־הלימודים בסמינריון, עסק כל אחד מאתנו בהוראה ובהפצת השפה העברית והתרבות היהודית. הורינו בבוקובינה, בבסרביה, בטרנסילבניה, ואחר כך בגיטאות טרנסניסטריה, ולהבדיל, במחנות המעפילים בקפריסין.

אחותנו עטרה הקימה בתי־ספר עבריים בצ'ילה, פרו וקולומביה, ואילו אחותנו, נחמה, שהצטרפה אליה, ממשיכה עד היום ללמד ילדי ישראל עברית ותורת ישראל.

משעלינו ארצה, המשכנו בהוראה בישראל. ואם ניסינו בגולה לטעת בלב חניכינו קרבה רוחנית ונפשית לארץ־ישראל, תוך הטפה מתמדת להגשמת החזון הציוני, הרי שכאן, בארץ, השתדלנו לקרב את חניכינו הישראליים להכרת העם היהודי בתפוצות ולהעמקת התודעה היהודית בלבם.

בימי השואה עלה בידינו להתגבר על זוועות, רדיפות ועינויים רק בכוח האמונה העזה בגאולת הפרט ובתקומת עם ישראל. בכל אשר יכולנו חשנו לעזרת הזולת. שמרנו בכל כוחנו על עולמנו הפנימי, פן ישבר. ניסינו שלא לאבד תקוותנו בשעות הטרגיות ביותר שעברו עלינו, ותקווה זו ניסינו להחדיר בלב אחרים. כוחנו זה בא לנו מהבית, מבית הורי. זו היתה מורשתנו וגחלתנו הלוהטת ששמרה עלינו, כשם שאנו ניסינו לשמור עליה. אחינו יוסף היה ממייסדי תנועה חלוצית דינאמית.

עתה לא נותר זכר ליהודים בזבריצ׳ן, כשם שלא נשאר זכר ליהודים בכל כפרי בסרביה. אודים עשנים כמהי־עליה נשארו רק בערים ובעיירות. הניצולים היחידים מבני הכפר היהודיים הם בני־הנוער שעזבוהו לפני המלחמה והשואה — מי לארץ ומי לארצות מעבר לים. על רוב יהודי הכפר והסביבה עלה הכורת הנאצי ומשתפי הפעולה המקומיים.

להם, ולהורינו לאה ור׳ יהושע לרנר בתוכם, הי״ד, מוקדשת רשימתי זו.

ירושלים



עומדים, מימין: מרדכי זמורה (ת״א), מאיר יקיר (צ׳רנוביץ), אריה זמורה (מוצא), בריינה רייך, הי״ד, גיטל יקיר הי״ד, אברהם גנדל־מאַן (פאריז);
יושבים: האחיות בתיה לרנר (ישראל), שושנה לרנר (חיפה), שיינדל געלמאַן הי״ד, רחל געלמאַן הי״ד.

די יידן פון גאליען און רוסען

די דריַי ברידער דיאַמאַנט האָבן זיך, אַלע זייערע יאָרן, אויסגעלעבט אינעם דאָרף גאָליען; דעריבער האָט מען זיי טאַקע גערופן די „גאָליענער יִדן״.

אין 1917, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָ־לוציע, האָבן זיי מורא געהאַט צו וווינען אין דאָרף און האָבן זיך אַריבערגעפירט קיין יעדינעץ. מיט יעדינעץ איז מען־ווי געווען געבונדן זייער גאַנץ יִדיש־גייסטיק לעבן: בײַם יע־דינעצער דיין האָט מען געפרעגט שאלות, צום דיין איז מען אָנגעקומען וועגן אַ דין־תורה; פון יעדינעץ האָט מען אַראָפּ־געבראַכט אַ מלמד אויף אַ „זמן״, צו לערנען יִדישקייט די קינדער און אַ בעל־תפילה פאַרן דאָרפישן מנין אין די ימים נוראים. אין יעדינעץ האָט מען געצאָלט מעות־חיטין און פון דאָרט געבראַכט מצות אויף פּסח און ווײַן אויף די אַרבע כוסות. אין יעדינעץ האָבן אויך געוווינט טיילן פון דער משפחה. אין יעדינעץ האָט מען אויך אײַנגעקויפט די סחורות, מיט וועלכע מ׳האָט געהאַנדלט אין דאָרף.

די קינדער פון די גאָליענער יִדישע משפחות אין בראַזיל, אָדער ערגעץ אַנדערש ווּ, געדענקען נאָך די רעליגיעזע אַט־מאָספער פון די ימים־טובים און די גאָטספאָרכטיקייט בעת די תפילות ביי די גאָליענער יִדן, הגם די יִדישע הייזער זענען געווען אַרומגערינגלט מיט גויִים, אויך שונאי־ישראל. אַזאַ גייסטיק רייכטום איז היינט נישט בנמצא, כאָטש צו אונדזער פאַרפיגונג שטייען אַלע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע...

דאָס דאָרף רוסען איז געווען אַ צווילינג־דאָרף פון גאָליען. ס׳איז פאַקטיש געווען איין ישוב; אין גאָליען האָבן זיך די איינוווינער גערופן „רוסנאַקעס״, גערעדט אַן אוקראַי־נישן דיאַלעקט, וואָס יִדן פלעגן רופן „כאַכלאַצקע״; אין רוסען האָבן געוווינט מאָלדאוואַנעס און גערעדט מאָלדאַ־וואַניש, וואָס די יִדן האָבן גערופן „וואָלעכיש״. דאָס טייכל טשער האָט אָפּגעטיילט צווישן ביידע דערפער. צו אָט דעם טייכל פלעגן יִדן אום ראש־השנה גיין צו „תשליך״. אויך אין רוסען האָבן געוווינט אַ פּאָר יִדישע משפחות. די יִדן פון ביידע דערפער האָבן קוים געקאָנט צענויפשטעלן אַ מנין.

מיר וועלן אויך דערמאָנען דעם גאָליענער שוחט ר׳ מאיר באַרלאַדאַנער ז״ל, אַן ערלעכער און פרומער יִד, אַ למדן; אַ טרייער בעל־יועץ און עוסק בצרכי צבור.

זאָלן די דאָזיקע שורות דינען אַלס באַשיידענע מצבה פאַר די טרייע דאָרפס־יִדן, די „רינדאַרעס״ ווי מ׳האָט זיי גערופן, וועמענס גורל ס׳האָט פאַרוואָרפן צווישן גויִים, ווו זיי האָבן שווער געקעמפט פאַר פרנסה און פאַר זייער קיום אַלס יִדן, ווי אַלע בעסאַראַבער יִדן.

דיאַמאַנט, ריא

יוסף דיאמאנט

האדמו״ר משטיפאנשט - אורח בכפר גוליאן

האדמו״ר משטיפאנשט הגיע למוהילוב ומשם צריך היה לבוא לידיניץ. שבוע ימים לפני בואו לידיניץ באו אחדים מחסידיו לביתנו ודיברו על לב אבא שכדאי לו, אף־על־פי שאינו מחסידיו, לבקש מן האדמו״ר, שבדרכו ממוהילוב לידיניץ יסור אלינו ויהיה אורחנו לכמה שעות. ובזה היתה כוונה כפולה. ראשית, שחסיד הוסיאטין מארח בביתו את ה„שטיפאַנשטי״, ובזה יש משום כבוד ופירסום רב לאדמו״ר. ושנית, אפשר ומשום כך תהיה השפעה על ר׳ זלמן לייב „לעבור״ אליו ולהיות אחד מחסידיו. בכל אופן ראו בזה עניין, שהוא רחוק מהפסד וקרוב לשכר.

אבא הסכים להצעתם, בהוסיפו, שכבוד ועונג רב יגרום לו האדמו״ר בביקורו זה. שני הצדדים היו מרוצים.

בצהרי היום המיועד הגיעו שתי כרכרות מלאות חסידים, שנסעו לפגוש באדמו״ר ופמלייתו בדרך, לפני הגיעו לתחומי גוליאַן. אבא נלווה אליהם, כדי להזמינו לבקר בביתנו. הדבר סודר בודאי עוד בהיות הרבי במוהילוב, שם הודיעו לו כי בדרכו לידיניץ, יוזמן לביתו של אחד מחסידי הוסיאטין.

ובביתנו — התכונה רבה מאד. אפו „לייקח״, סידרו את הבית, ערכו שולחנות במשקה ובדברי מתיקה, פרשו מרבדים משער החצר ועד המבוא לבית וכו׳. בינתיים הופיעו עוד כרכרות וסתם עגלות מלאות חסידים לעשרות. לאיכרי הכפר שתמהו ושאלו לפשר ההכנות הללו, נאמר — ש„ראבין גדול״ עומד לבוא.

בשעה ארבע, בערך, הופיע רץ רכוב על סוס והודיע:

„הוא מתקרב ובא.״

כעבור כמה רגעים הגיעה כל הכבודה, כשכל קהל החסידים מריע לקראתה:

„ברוך הבא! ברוך הבא!״

בהיכנס האדמו״ר לבית ובהתיישבו על הכסא המיועד לו, בראש השולחן, התחילה קבלת־הפנים בשאלת שלומם של כל אחד מהאורחים, הקרואים והבלתי־קרואים, ואבא הגיש לאדמו״ר „קוויטל״ וסכום כסף כ„פדיון״, כנהוג. ואחר כך התחיל הכיבוד ושתיית „לחיים״, והמזג לא יחסר. וכטוב לב החסידים ביי״ש — יצאו במחולות בחצר. האיכרים עמדו מהצד, הסתכלו ביראת כבוד, התלחשו ואמרו:

„אחד הקדושים הגדולים של היהודים נמצא כאן.״

פתאום הופיעו שניים אשר פרצו להם דרך והגיעו עד פתח הבית. והם — היווני תושב גוליאן וחתנו. הם ביקשו לדבר עם ה„ממונה על הטקס״; דבר חשוב יש להם למסור לו.

בדלת יצאו לקראתם אבא, הגבאי ועוד שני יהודים, ושאלום למבוקשם.

היווני התחנן ממש, בבקשו לזכותו בראיון אצל הראבין, יחד עם חתנו, כי דבר חשוב, הכרוך בחייו של בן־אדם, יש לו למסור לראבין.

אחרי שנמסר לאדמו״ר על הענין ואחרי התייעצות פנימית הוחלט לאפשר להם את הראיון.

כאשר קיבלו היוונים את התשובה החיובית היו נדהמים ורצו מיד להיכנס פנימה. אבל כאן הודיעו להם, שהם גלויי־ראש, והראבין מקבל אנשים רק כשהם מכוסי־ראש. תיכף רץ החתן של היווני לאשר רץ והביא כובעים בשבילו ובשביל חותנו. לפני היכנסם פנימה ניתן להם שיעור קטן, שדיבורם צריך להיות בנחת ובנימוס. רק לאחר שהבטיחו לקיים הכל כאשר נצטוו נכנסו השניים ונעמדו ביראת כבוד לפני הראבין.

היווני התחיל את דבריו ואחד החסידים היה מתרגם:

— „אני גר בכפר זה ואין אני מסוגל עוד לעבודה קשה, לכן פתחתי חנות כדי להתפרנס ממנה, אלא שהחנות שלי מתחרה בחנותו של היהודי ,סאמאלייבא׳ (שמואל־לייב), שאני באופן אישי מכבד אותו מאד. באין ברירה הוכרחתי להיות מתחרהו. ואת בתי היחידה, שאני אוהב אותה מאד, השאתי לאיש הזה, כדי שיהיה לי לעזר בחנות, היות ואני זקנתי ואין לי כבר כוח לעבוד, אף בחנות. והנה, בתי האהובה הרתה וכעת היא מקשה ללדת; וברור לי, שזה בא מקללתו של הראבין, לפי בקשתו של מתחרי היהודי״... — כאן התפרץ היווני בבכי מר והמשיך:

— „אני מתחנן לפני מעלת קדושתו, להסיר את הקללה מבתי היחידה ולהחיותה, כי במותה, חלילה, ארד גם אני ביגון שאולה, אחריה״...

החתן היה מתקן כל הזמן, מה שדרוש, תיקון, בדבריו של חותנו והמתרגם מילא תפקידו בדייקנות.

האדמו״ר ביקש שיתנו ליווני הנרגש כסא לשבת ולהירגע. אחרי שנרגע קצת השיב האדמו״ר:

„אין דרכי לקלל אלא לברך, וביחס לבתך אתפלל לד׳ שישלח לה רפואה שלמה, היות ואתה נראה לי כבן־אדם הגון ותחינתך נגעה ללבי״.

או אז התפרץ היווני בקריאה: „סלאַווא בוֹגוּ!״... הוא נשק את כנף בגדו של האדמו״ר ואמר:

— „נושעתי, אני מאמין לדבריך הכנים והקדושים״.

הוא הוציא שטר כסף והניח על השולחן. האדמו״ר סירב לקבל את הכסף והיווני התחנן, שתרומתו הדלה תתקבל, אחרת תהיה שמחתו פגומה. בקשתו זו נתקבלה.

ביום השני ילדה בת היווני בן, והיווני לא פסק מלהעריץ ולפרסם את הראבין שהודות לתפילתו קמה בתו לתחיה.

ד.

זרמים רעיוניים

* ציונות
* מפלגות ונוער
* „שמאל" וקומוניסטים
* בעיני אורחים

אידעאלאגישע שטרעמונגען

* ציוניזם
* פאַרטייען און יוגנט
* „לינקע" און קאָמוניסטן
* אין די אויגן פון געסט

דוד ויניצקי


מספרים מאלפים

המגביות הלאומיות

ידיניץ היתה אחת הערים החשובות בבסרביה, תוססת חיים לאומיים וציבוריים. היא הושיטה יד נדיבה למגביות הלאומיות למען בניין הארץ, ותרומותיה הכספיות עלו תמיד על המספר היחסי של תושביה, אשר היוו 2.6% מכלל האוכלוסיה היהודית בבסרביה. בשל העדר חומר ארכיוני שלם ורצוף, נבצר מאתנו להביא טבלה מפורטת מכל עשרים שנות פעולתן של הקרנות הלאומיות בידיניץ. יש, איפוא, להסתפק ברשימה סטאטיסטית מקוטעת, ככל שהיה בהישג ידנו, אך ממנה ניתן לקבל מושג כלשהו על חלקה של העיר בבניין הארץ.*

השנה	הסכום שנאסף בליי	האחוז מכל הכספים שנאספו בבסרביה
א. קרן־היסוד		
תרפ״ו	239,200	3.8
ב. הקרן־הקיימת		
תרפ״ז	118,277	3.0
תרפ״ח	106,050	3.0
תרצ״ט	166,473	3.3
ג. שבוע „החלוץ״		
תרפ״ו	15,229	9.0
תרפ״ט	12,090	3.7
תר״צ	6,505	2.9
תרצ״א	5,793	3.7
תרצ״ב	4,000	4.3
תרצ״ג	3,896	3.0
תרצ״ו	6,852	7.0
ד. למען א״י העובדת (קפא״י)		
תרפ״ח	50,000 (בקירוב)	10.0
ה. למען נפגעי הרעב בדרום בסרביה		
תרפ״ח	50,000	6.0

* הישוב הכפרי דונדושאן, הסמוך לידיניץ, שהיה נתון במידה ניכרת להשפעתה, אשר מנה בסך־הכל 277 יהודים, כלומר כ־5.2% ביחס לאוכלוסיה היהודית בידיניץ, עוד עלה עליה בתרומותיו למען הקרנות הלאומיות. בתרפ״ח נאסף למען קרן־היסוד סכום של 24,100 ליי, שהוא כ־10.0% לגבי הסכום שנאסף בידיניץ גופא; בשנת תרצ״ט הגיעה תרומתו למפעל „הגלילה״ לסכום של 44,535 ליי, שהוא כ־27.0% לגבי הסכום שנאסף בידיניץ.



די ווייטערע רעזולטאטן
פון די וואלן צום 19־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין בעסאראביע

	צוז.	№ 1	№ 2	№ 3	№ 4
כאטין	264	6	175	61	22
סעקורען	602	2	380	218	2
נאוואסעליץ	263	—	195	104	73
זגוריצא	132	—	116	11	5
יעדינעץ	657	5	420	85	147
פלארעשט	65	—	49	5	11
פיליע	194	2	142	23	27
קאפרעשט	260	3	221	13	23
אונגען	129	1	77	21	30
לעאווא	[illegible]	1	68	14	1
טשאר.־לונג	136		85	51	—
מארקולעשט	170	—	103	48	19

בחירות לקונגרס הציוני הי״ט (1935)

בעתון היומי „אונזער צייט״ (קישינוב) מה־31 ביולי 1935 הופיע דו״ח על תוצאות הבחירות לקונגרס הציוני הי״ט במקומות שונים, כולל ידיניץ. מדו״ח זה אפשר ללמוד, כי מספר המצביעים בידיניץ עלה לאין שיעור על מספר המצביעים בעיירות אחרות.

זיהוי הרשימות: מס׳ 1 — מפלגת המדינה (גרוסמן), מס׳ 2 — רשימת ארץ־ישראל העובדת, מס׳ 3 — ציונים כלליים, מס׳ 4 — המזרחי.

וואַלן צום 19־טן ציוניסטישן קאָנגרעס (1935)

אין דער טעגלעכער צייטונג „אונזער צייט״ (קעשענעוו) פונעם 31־טן יולי 1935 איז דערשינען אַ באַריכט מיט „ווייטערע רעזול־טאַטן פון די וואַלן צום 19־טן ציוניסטישן קאָנגרעס״ אין פאַרשידענע ערטער. פון דאָזיקן באַריכט קאָן מען זען, אַז די צאָל ווילער אין יעדינעץ איז געווען פיל גרעסער, ווי אין אַנדערע שטעטלעך. אידענטיפיקאַציע פון די וואַל־צעטלען: נומ׳ 1 — ייִדנשטאַטס־פאַרטיי (גרוסמאַן), נומ׳ 2 — דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל, נומ׳ 3 — אַלגעמיינע ציוניסטן, נומ׳ 4 — מזרחי.

הבחירות לשלושת הקונגרסים הציונים האחרונים בידיניץ

קונגרס ציוני	השנה	כלל בוחרים	א״י העובדת	מזרחי	ציונים כלליים	מפלגת־המדינה	פסולים
י״ט	תרצ״ה/1935	657	420	147	85	5	
כ׳	תרצ״ז/1937	675	364	215	85	2	9
כ״א	תרצ״ט/1939	684	433	148	94	1	8

גבעתיים



נוער ציוני בידיניץ בשנת 1904

זהו התצלום העתיק ביותר מידיניץ שהגיע אלינו. זהו התצלום „הציוני" העתיק ביותר, ויתכן, כי זהו התצלום הראשון של עסקנים ואנשי ציבור בידיניץ. בתחתית התצלום אפשר לקרוא את הכתובת ברוסית כדלקמן :

Комитетъ сіонисткаго кружка молодежи въ М. Единцахъ 30.VIII.1904 г.

פירוש הדבר : הועד של חוג הנוער הציוני בידיניץ, ה־30 באוגוסט 1904.
מאחורי התמונה כתוב, ברוסית : „לזכרון־נצח למייסד הבלתי־נשכח של התנועה בידיניץ, הוד מעלת אצילותו (!) האדון ד״ר וויסוצקי, מאת חברי הועד של חוג הנוער הציוני : יוסף שטייניק, שלמה רוזנברג, לייבו לודמיר, ולייבוש גלמן."
התמונה נמסרה לנו ע״י אריה צנציפר־רפאלי, מנהל ארכיון הציונות הרוסית בתל־אביב. אחרי חקירה ודרישה הצלחנו לזהות את המצולמים שבתמונה :

1. ל י ב ו ש ל ו ד מ י ר, בן שמואל, עזב את ידיניץ אחרי נישואיו עם בת חוטין, שימש זמן מה ראש עיריית חוטין, נספה ב־1941 בטראנסדניסטריה.
2. ל י י ב ו ש ג ל מ ן, התחתן ב־1919 עם גוסטה לבית פיינגולד, בת ידיניץ, רוקחת. הם עזבו את ידיניץ והתגוררו זמן מה בחוטין ואח״כ בצ׳רנוביץ. בתקופת המלחמה היו באסיה התיכונה הסובייטית, חזרו לצ׳רנוביץ ב־1946 ואחרי־כן היגרו לבראזיל. בשנת 1953 עלתה המשפחה לארץ. כאן נפטר לייבוש גלמן ב־1957, בגיל 72, אשתו גוסטה נפטרה בפברואר 1972 בתל־אביב.
3. מ א י ר ב ל א נ ק (?)
4. ד ״ ר ו ו י ס ו צ ק י, שימש כרופא בעיירה.
5. ח ל ף, אחר כך היה מנהל חשבונות בבנק „עזרה" — בעלה של „האקושרית" הנודעת. נפטר בשנות העשרים
6. ילדו של חלף.

7. כנראה — שלמה רוזנברג.
8. יוסף שטייניק, הוא היה אחר כך בעל בית מרקחת בליפקאן; אחרי המלחמה פגשוהו בצ'רנוביץ.

פרטים נוספים לא ידועים. הגב' חנהצה לודמיר־פישמאן, אחותו של לייבוש לודמיר, מספרת, כי תמונה גדולה מהתצלום הזה היתה תלויה בבית הוריה בידיניץ.

ציוניסטישער יוגנטקרייז פון יעדינעץ אין יאָר 1904

דאָס איז די עלטסטע פאָטאָ פון יעדינעץ, וואָס איז אָנגעקומען צו אונדז. נישט אויסגעשלאָסן, אַז ס'איז די עלטסטע פאָטאָ פון שטעטעלע עסקנים אויפן בילד קען מען לייענען די אויפשריפט אויף רוסיש: „דער קאָמיטעט פון יעדינעצער ציוניסטישן יוגנט־קרייז 8.8.1904". דאָס בילד האָבן מיר באַקומען פון „ארכיוו פון רוסישן ציוניזם" אין תל־אביב (לייטער: א. צענציפּער־רפאלי). אויף דער הינטערשטער זייט פון בילד שטייט געשריבן אויף רוסיש: „צום אייביקן אָנדענק דעם גרינדער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין יעדינעץ ד״ר וויסאָצקי". אונטער־געשריבן: „דער קאָמיטעט פון ציוניסטישן יוגנט־קרייז, יוסף שטייניק, שלמה ראָזנבערג, לייבוש לודמיר, לייבוש געלמאַן".

נאָך לאַנגע אויספאָרשונגען זענען אינדענטיפיצירט געוואָרן די פּערזאָנען פונעם בילד:

1. לייבוש בן שמואל לודמיר (אומגעקומען אין טראַנסניסטריע);
2. לייבוש געלמאַן, חתונה געהאַט מיט דער יעדיניצער פאַרמאַצעווטין גוסטאַ (לבית פיינגאָלד), געווינט אין טשערנאָוויץ, געווען אין דער עוואַקואַציע אין רוסלאַנד, און עולה געווען פון בראַזיל. לייבוש געלמאַן איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב אין 1957, אין עלטער פון 72 יאָר. פרוי גוסטאַ געלמאַן, וועלכע איז אונדז זייער בייהילפיק געווען ביים אינדענטיפיצירן דאָס בילד, איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב, פעברואַר 1972.
3. מאיר בלאַנק (?)
4. ד״ר וויסאָצקי.
5. חלף (כאַלעף), מאַן פון דער באַקאַנטער „אַקושאַרקע", געווען בוכהאַלטער אין באַנק „עזרה"; נפטר געוואָרן אין די 20ער יאָרן.
6. אַ קינד פון חלף.
7. וואַרשיינלעך שלמה ראָזנבערג.
8. יוסף שטייניק, מ'האָט אים באַגעגנט אין 1946, אין טשערנאָוויץ.


מער פּרטים זענען אומבאַקאַנט. גב' חנהצע לודמיר־פישמאַן פון תל־אביב, אַ שוועסטער פון לייבוש לודמיר, גיט איבער, אַז אַ גרויס בילד פונעם פאָטאָ האָט געהאַנגען אין הויז פון אירע עלטערן, אין יעדינעץ.

אגודות ציוניות בידיניץ בסוף המאה ה־19

בארכיונים הציוניים נמצאים דו"חות, המוסרים על הקמת אגודה ציונית בידיניץ כבר בשנת 1898. בדיווח מאת ד"ר כהן־ברנשטיין (מנהל לשכת הקשר מקישינוב, לכל התנועה הציונית ברוסיה) שנשלח למשרד הציוני בוינה שבראשות הד"ר ת. הרצל, בתאריך 18.12.1898, נמצאת ידיניץ ברשימת המקומות, שבהן נמצאו אגודות ציוניות מאורגנות (גלופה). ידיניץ מוזכרת גם בדו"חות ארכיוניים אחרים ובעתונות מסוף המאה ה־19 ותחילת המאה העשרים.

ציוניסטישע פאַראייגען אין יעדיניץ פון סוף 19טן יאָרהונדערט

אין אַ באַריכט פון ד״ר בערנשטיין־כהן (קעשענעוו) צום ציוניסטישן ביוראָ אין ווין, אונטער דער לייטונג פון ד״ר הערצל, אין 1898, ווערט יעדיניץ דערמאָנט אין דער ליסטע פון ערטער, ווו ס'געפינט זיך אַן אָרגאַניזירטע ציוניסטישע גרופּע (זע קלישע).





עסקנים ציונים נפרדים מהמורה דוברוב לפני עלייתו לארץ — ציוניסטישע עסקנים געזעגענען זיך מיטן לערער ה. דובראָוו פאַר זיין עלייה.

1. לייב לערנער, 2. ——, 3. לוי צימאַן הי״ד, 4. העניע שטיינוואָרץ ז״ל, 5. ראָזע גויכבערג־גורוויץ (בראַזיל), 6. לייב גויכבערג („אָדעסער״) ז״ל, 7. ——, 8. יוסף שפירא הי״ד, 9. פיני גראָבמאַן הי״ד, 10. חיים עפלמאַן, 11. יצחק באָראַטשין—בר־רצון (תל־אביב), 12. ——, 13. צבי איידלמאַן, 14. ——, 15. ——, 16. שרה פריד, 17. סאָסיע שיץ הי״ד, 18. ——, 19. מאָטיע זיידמאַן, 20. שמואל לערנער־וואָרנעטשקע, 21. יוסף ריסמאַן ז״ל, 22. שמשון ברונשטיין ז״ל, 23. משה שטיינוואָרץ הי״ד, 24. ברוריה קוטשער (ת״א), 25. הלל דובראָוו ז״ל, 26. מינה דובראָוו (תל־אביב), 27. ישעיה טאָלפּאָלאַר הי״ד, 28. ——, 29. משה שיץ הי״ד, 30. יצחק פוקס (ווענעצועלע), 31. אברהם גרינשטיין הי״ד, 32. מתית קויפמאַן, (חיפה), 33. מרדכי רייכער ז״ל, 34. אסתר ראָזנבערג ז״ל, 35. זלמן זיסלמאַן (בעלץ), 36. איטה בלאַנק הי״ד, 37. נ. שחר (נתניה), 38. פועה וייסמאַן (ישראל).

מרדכי רייכר

התנועה הציונית בידיניץ
ארגונים, ארועים, עסקנים

נראה לנו, כי שתיהן, העיירה ידיניץ והציונות, ירדו לעולם כרוכות זו בזו. מאז קיימת התנועה הציונית, היו ציונים בידיניץ. יהודי העיירה רובם ככולם היו חדורי רוח לאומית וציונית, ואלה המעטים אשר התנגדו לציונות, אם בראשית התקופה, מטעמים דתיים, ואם, בתקופה יותר מאוחרת, מטעמים מהפכניים, כביכול, הרי שבטלו בשישים בתוך הרוב הגדול של תושבי העיירה, שהשתייך למפלגה או לארגון ציוני זה או אחר. אף פשוטי העם הבלתי־מפלגתיים רחשו אהדה לכל עניין הקשור לארץ־ישראל.

ובכמה רוֹך ואהבה שמרו על כל פיסת נייר או חפץ (שקל לקונגרס ציוני, קבלה על תרומה לקרן־הקיימת וקרן־היסוד וכד׳) שהיה בהם משום קשר כלשהו עם הציונות וארץ־ישראל.

לא ייפלא, איפוא, אם יהודי כר׳ מרדכי שיינדלמן, מראשוני הציונים בעיירה — עוד מימי חובבי ציון — ומפעיליה הבולטים של התנועה, במשך עשרות בשנים, הצביע בגאווה על השעון השווייצי „הציוני״ שהיה ברשותו. על לוח־השעות של שעון־כיס זה, היה מגן־דוד והכתובת: „שאו נס ציונה העיזו, אל תעמודו״. ואילו בצדו האחורי של השעון אפשר היה לקרוא: „אם אשכחך ירושלים תישכח ימיני״; ובחלקו התחתון: „הקונגרס הציוני הראשון, באַזל 1897״. „שעון זה נמצא בידי למעלה מארבעים שנה — התפאר בפני כותב טורים אלה ר׳ מרדכי שיינדלמן — וטרם פסק מלכת״.

ידיניצאים נמצאו בין אנשי העליה הראשונה והשנייה.

בשנת 1888 עלה ארצה, בגיל 26, יליד העיירה, עזריאל

אײדלמן, טיפוס מעניין ובעל אופי, רווק, צמחוני ומושך בשבט סופרים. בשנת 1878 פירסם כתבה ב„הצפירה" (ווארשה) על טקס הנחת אבן־הפינה לבית־הכנסת הגדול (די גרויסע שיל) בידיניץ (נוסח הכתבה — במאמר על ביה"כ הגדול). הוא הצטרף ליוצאי בסרביה אחרים, מקימי המושבה קסטינה (היום סביבות העיירה קרית־מלאכי), שנתמכה על־ידי הנדיב הידוע, הבארון רוטשילד.

בגלל אי־הבנות עם פקידי הבארון הממונים עליהם, נתפרקה המושבה לאחר שנתיים בלבד של שהיה במקום. אגב, במושבה זו חובר, כפי שמספרים, הלחן למלים של השיר „התקווה", על־ידי הפועל שמואל כהן, אף הוא איש בסרביה, מקישינוב.

פרטים מאלפים על עזריאל אײדלמן מביא ברשימתו אשר גולדנברג.

הדי התנועה הציונית, שקמה ברחבי העולם היהודי, כינוסו של הקונגרס הציוני הראשון, שמו של הרצל, כל אלה מצאו להם נתיבות אף לעיירה, הנידחת לכאורה — ידיניץ. עיתון, אמנם טרם נתקבל בקביעות לעיירה, אולם — באקראי הופיע מדי פעם עיתון בודד, ציוני, בלשון הרוסית, שהגיע מאודיסה, עיתון שנקרא, כמובן, רק על־ידי יודעי הלשון הרוסית שלא רבים היו. אך כל שפירסם העיתון על הנעשה ברחבי התנועה הציונית בכלל, ובארץ־ישראל בפרט, נמסר מפה לאוזן ונפוץ בקרב תושבי העיירה.

הדים אלה חדרו אף ל„חדרים" שבעיירה והציתו אף את ליבות הזאטוטים, חובשי ספסלי ה„חדר" של ר' אברהם זלוצ'ובר. תלמידי ה„חדר" הקימו אגודה ציונית בשם „אגודת חברים".

על הרקע הכללי של התקופה ועל האגודה הנ"ל סיפר יוסף דיאמנד ז"ל, מתלמידיו של ר' אברהם:

„בראשית המאה הנוכחית עמדתי לסיים את ה,חדר' ואני אז בן ארבע־עשרה. בחלל־האוויר הורגש הד־קול לתקופה חדשה ההולכת וקרבה. הציבור בכלל והנוער בפרט אשר סבל מהאווירה הדחוסה בד' אמותיה של העיירה עם התרבות והחינוך השמרניים והמפגרים קלטו את ההדים — הדי התנועה הציונית המתעוררת.

תקופת פעילותה של גורדוניה בידיניץ היתה קצרה יחסית — 10 שנים — תוך הפרעות קשות מצד השלטונות. בכל זאת, היתה התנועה בעלת השפעה חזקה ביותר בחיי העיירה עד מלחמת העולם השנייה והשואה שבאה בעקבותיה.

לזכותה של גורדוניה יש לזקוף את המספר הגדול ביותר של עולים לארץ־ישראל בשנים שלפני המלחמה. לחברי „גורדוניה" מידיניץ היה יד וחלק בבניין קבוצות וישובים חדשים בארץ.

אילו היה הגורל מאפשר לסניף גורדוניה בידיניץ להתקיים ולפעול עוד עשר שנים, אין ספק שרוב בני הנוער בעיירה היו מוצאים את דרכם לארץ.

קב' ניר־עם

התחייבות שנפרעה

לגבי הפעילות הציונית, שלאחר מלחמת העולם הראשונה, בשלביה הראשונים, מעניין לספר את המקרה הבא. כאשר נכנסנו, יום אחד, קבוצת מתרימים לחנותו של „ברקה החיגר", או בכינויו האחר „בערקע הערש דעם דיינס", בתקווה להשיג ממנו „תקערל" לקרן־היסוד, אמר לנו בזה הלשון: „יש לי משהו לדבר בענין זה ובמיוחד", ובפנותו אלי, שהייתי שכנו, אמר „אכנס אליך ונדבר". ואמנם, כשנגמר יום השוק הופיע בחנותנו והודיע לי, כי רוצה הוא לתרום תרומה גדולה יותר — „אלפיים ליי", אך בתנאי, שאני ואחד מחברי הציונים נחתום לו על התחייבות שאם ח"ו לא יצא כלום מהענין הציוני נחזיר לו את התרומה במלואה. חתמנו לו על ההתחייבות, אני וחברי לפעולה, ברוך בלאנק המנוח, וקיבלנו ממנו את הסכום. עכשיו, לאחר שקמה המדינה, חושבני שפטורים אנו מהתחייבות זו ולא יוכל ברקה החיגר לתבוע אותנו לבית־דין של מעלה, לכשניפגש בעולם האמת.

אשר גולדנברג

יוסף מגן־שיץ

נוער „פועלי־ציון" ו„דרור"

ב־1931 עזבתי את העיירה ונסעתי לצ׳רנוביץ ללמוד. נכנסתי אז לפעילות מרכזית של תנועת „פועלי־ציון". יחד עם אי־אלה חברים מתוך חוג הסטודנטים הציוני־סוציאליס־טי „עבודה" (ברובם — יוצאי תנועות הנוער החלוציות „גורדוניה" ו„השומר־הצעיר" בבוקובינה, שלא „יצאו להג־שמה") אורגנו חוגי־נוער, קבוצות־חלוצים וקיבוצי הכשרה. היתה נהירה גדולה אל חוגים אלה. היתה אז תקופת „הגיאות" („פרוספריטי", כפי שקראו לה) בציונות והשאיפה לעליה היתה אצל הכל. עיקר תשומת הלב של התנועה בכל רומניה וגם בידיניץ, הוסבה לעבר ההכשרה החלוצית והעליה.

תנועת־הנוער של „פועלי־ציון" קמה יחד עם חוגי „חלוצי־פועלי־ציון", תחת שמות שונים: „יונגבאר", „יונגע פועלי־



קבוצת־החלוצים הראשונה של נוער־פועלי־ציון „יונגבאר" — 1933

מימין: חיים וואלאך (יגור), רחלה ויינר (קריית־חיים), ליאווע גוקאווסקי ז"ל, ברכה גרוסמאן־הארוויץ (פתח־תקוה), דודקע ראזנטאל (הי"ד).



קבוצת חברי „יונגבאר" (נוער פועלי־ציון) עם שלום ומניה כספי, ערב עלייתם.

א גרופע חברים פון „יונגבאר" (פועלי־ציון־יוגנט) מיט שלום און מאניע כספי, ערב זייער עליה.

מימין, פון רעכטס:

עומדים: טולי לענקאווסקי, ——, —— , חיים וואלאך (יגור), ——.

באמצע, יושבים: רחלע ווײנער (קרית־חיים), מניה ושלום כספי (הרצ־ליה), חייה גאנדלמאן (יגור).

למטה: ברכה גרויסמאן־הארוויץ (פתח־תקוה), ריבה ——, מלכה לערנער.



קבוצת נוער „פועלי־ציון" שהתכוננה לצאת להכשרה חלוצית

א גרופע „פועלי־ציון"־יוגנט וואָס האָט זיך געגרייט ארויסצוגיין אויף חלוצישער הכשרה.

מימין — פון רעכטס:
שורה עליונה — מינצע מאָגנשטיין (ווע־נעצועלאָ), חוה שפירא (יגור), מלכה לער־נער (רמת־גן), ——— לערנער;
שורה אמצעית — קריינדל לעסער, טולי לענקאָווסקי, בעלאָ זיסמאַן הי"ד, ———, ———, ———;
שורה תחתונה — ———, ברוריה קוט־שער, פערל קוטשער.

ציון", נוער־פ.ע"צ, „פרייהייט" — הכל כדוגמת התנועה בפולין. כל החוגים הללו אוחדו בראשית שנות השלושים תחת השם הכולל „דרור". בדרך כלל קשה היה להבדיל או להפריד בין „פועלי־ציון" המבוגרים ובין חברי ארגוני הנוער, בידיניץ כבמקומות אחרים. הם היו כמעט זהים, שלא כמו ארגוני־נוער ציוניים אחרים, שהיו יותר עצמאיים ונבדלים מהמפלגה של המבוגרים.

אגב, מצ׳רנוביץ הבאנו לעיירות בסרביה מעין „יידישיזם ציוני", שלא חרג אמנם ממסגרת אהדה מודגשת ליידיש ולספרותה, „הכרה" בה כשפה לאומית, בניגוד לעמדה המשכילית־ציונית של העבר. דבר זה היה חידוש בנוף הציוני הבסרבאי, כי „יידישיסט" היה בדרך כלל מזוהה עם אנטי־ציוני. זוכרני כי למורי הדגול, הלל דוברוב ז"ל, הציקה עמדתו ה„יידישיסטית", כביכול, של תלמידו, אפילו היתה



קבוצת־הבנות „אויפגאנג", של נוער־„פועלי־ציון" בשנות 1930—31

די מיידלעך־גרופע „אויפגאַנג" פון דער „פועלי־ציון"־יוגנט.

עומדים המדריכים — ס'שטייען די מדרי־כים: מאַניע ווייצמאַן־כספי, ליאָווע גו־קאָווסקי ז"ל.



קבוצת־נוער
„דרור־פועלי־ציון"
בשנות השלושים

יונגנט־גרופּע
„דרור־פועלי־ציון"
אין די
דרייסיקער יאָרן

באמצע המדריכים:
חיים וואלאך (יגור), ברכה גרויסמאן (פתח־תקוה), מינה פרנס (תל־אביב).

זו זיקה מילולית בלבד. דיברנו גם על יסוד בתי־ספר ביידיש. ברם, באותם ימים היתה ניכרת ירידה גדולה אף בבתי־הספר העברִיים של „תרבות" והתכנית נשארה בחינת „נקיטת עמדה" גרידא, יבוא אידיאולוגי מצ׳רנוביץ ומפולין.

בהזדמנות זו עלי לציין, כי ראשית הפעילות החלוצית העצמאית של „פועלי־ציון" בכל רומניה נעוצה היתה בידיניץ, באמצעות החלוץ הפועלי־ציוני הראשון ברומניה — ליובה גוקובסקי ז"ל. ליובה הצטרף ל„החלוץ" ויצא להכשרה עוד בטרם היתה קיימת נקודת־הכשרה פועל־ציונית. משנתארגנו חוגי חלוצי „פועלי־ציון", בשנת 1933, הוצאנו את ליובה מקיבוץ ההכשרה שלו (דומני — ריפיצ׳אן ליד בית החרושת ל־סוכר), שהשתייך ל„גורדוניה", והפכנוהו ל„אינסטרוקטור". הוא היה עובר מסניף לסניף לגייס חלוצים ואחר כך היה משוטט מקיבוץ־הכשרה לשני, כמדריך. הוא היה פעיל בתור מדריך חלוצי עד לעלייתו בשנת 1934.

בארץ הצטרף ליובה לקיבוץ יגור. כשנה אחרי עלייתי, ב־1939, נשלח כשליח „החלוץ" לרומניה. חזר לארץ, כבר אחרי פרוץ המלחמה, דרך תורכיה וסוריה. התנדב לצנוח, בזמן המלחמה, מאחורי קווי האויב, ברומניה, נפצע, חזר צולע (פגשתיו, אגב, הייתי אז חייל בבריגדה היהודית, אי־שם במדבר המערבי בצפון־אפריקה), ונספה באותה תאונה, מחרידה ובלתי־נתפשת, בשנת 1953, בכנס הצנחנים בקיבוץ מעגן, בעמק הירדן. לאישיותו המופלאה מוקדש מקום מיוחד בספר זה.

התנועה בידיניץ לא היתה „ליגלית" במובן היורידי של המלה. השלטון המקומי (הז׳נדרמריה והסוב־פרפקטורה — הממונים על ה„בטחון הפנימי") לא ידע על פעולתנו או העלים עין מכינוסי הנוער והוויכוחים. מדי פעם היה איזה ז׳נדרם שומע את הרעש הבוקע מ„האולם", נכנס, שהה והשתהה. לפרקים, אם היה שיכור, היה מפזר בצעקות את הנאספים.

בגבור הפעילות המחתרתית הקומוניסטית והופעת הכרוזים, עם ניצני ההתארגנות בקרב הנוצרים שבעיירה והכפרים שבסביבה, החל השלטון להתעניין גם בפעילותם של המועדונים הציוניים. השלטון ראה בכל התארגנות דבר המריח בחתרנות מהפכנית־בולשביקית, אנטי־שלטונית. ערב כל „יומא דפגרא" קומוניסטי (האחד במאי, יום מהפכת אוקטובר וכד׳), היו השלטונות מבצעים מעצרים „פר־בנטיביים". וכך נאסר ועוּנה קשות במאי, שנת 1932, חברנו שמשון ברונשטיין, בתור „קומוניסט". החוקרים רצו להוציא ממנו עדות על פעולה מהפכנית ולסחוט מפיו הודעה באשמתו. לבסוף שוחרר. לענין היה הד עצום בכל רומניה.

מדי פעם הייתי מבקר בעיירה. באתי אליה כבר כ„אישיות מרכזית". אח"כ, ב־1937, נסעתי, כציר רשימת ארץ־ישראל העובדת מבסרביה, לקונגרס הציוני העשרים בציריך. ב־1938 עלו לשלטון קוזה וגוגה. פוזרו כל ההסתד־רויות היהודיות והציוניות ונסגרו כל הארגונים היהודיים. אז נסגר עתון־התנועה „אויפבוי" שערכתי בצ׳רנוביץ. אגב — בחדרי הקטנטן, היתה התייעצות סודית של פעילי תנועת



סמינר אזורי שני של „דרור"

באמצע — נציגי המרכז; אין די מיט — די פארשטייער פון מרכז.

מימין — פון רעכטס: אהרונ־טשיק לערנער (חיפה), צבי ווירויד (כיום אלוף־משנה תדמור, פרקליט ראשי בצי־הים), השליח אלחנן שמי מ־תל־יוסף ז"ל, יוסף מגן־שיץ (ת"א).

בין השאר — הידיניצאים: חייה־איטה גראבערמאן (כפר־אתא), מאניע סאלטער (חי־פה), יאשא באראן הי"ד, דבור־רה ליבמאן־מגן (חיפה), יא־שא שיץ־מגן ז"ל, דן איילבירט ז"ל, חנצה פערקאלאב (קריית־מוצקין).

הנוער ו„החלוץ" שלנו והוחלט על הקמת מחתרת של „פועלי־ציון — דרור".

רוב אנשי התנועה בידיניץ או שעלו או שהתכוננו לעלות. רבים היגרו לאמריקה הדרומית. אחרי עלייתנו, של אחותי שרה ב־1936, שלי ב־1938 ושל אחי המנוח ישה ב־1939 — הפך אבי, משה ז"ל, להיות הפטרון של נוער „פועלי־ציון". הוא היווה את הכתובת של „פועלי־ציון" בכלל, הוא אף חתם על חוזה ההשכרה של „האולם".

אח"כ באו שנות ה־39 וה־40. השואה. המסך ירד על יהדות בסרביה והגורל המר לא פסח גם על ידיניץ.

בתום המלחמה חזרה שארית הפליטה, מאות בודדות, לעיירה. השרידים חיפשו, רובם ככולם, את דרך הגאולה לארץ־ישראל. אילו היו מרשים היו כל יהודי העיירה, הנמצאים שם כיום, עולים לארץ, ציונים וקומוניסטים לשעבר. ברם בעיה זו אינה של יהודי העיירה בלבד, היא שייכת לבעיית כלל־יהודי ברית־המועצות. **תל־אביב**



קבוצת חלוצי־פועלי־ציון מידיניץ

1. ברוריה קוטשער־נחמני (ת"א), 2. אברהם מאלאמוד (פרו), 3. שרה גערצמאן־פאר־קאש, 4. פארקאש (ישראל), 5. מלכה לערנער (רמת־גן), 6. חיים וואלאך (יגור), 7 אברהם באראן הי"ד, 8. דניאל פוקס, 9. זהבה דימאנט־פוק: (חיפה), 10. יאשא מיילעכזא; (ישראל—ונצואלה), 11. חיים שדמי (פימא פעלדמאן, חי־פה), 12. ——, 13. חוה שפי־רא־יצחקי (יגור), 14. איטה ויינשענקער־מישורי (ת"א), 15. ——.

„שמאל" וקומוניסטים בידיניץ
„לינקע" און קאמוניסטן אין יעדינעץ

משה שוסטער*

די אומלעגאלע פראגרעסיווע ארבעטער־קרייזן

אִיך דערמאָן זיך אין אַ זומערדיקן טאָג. די זון שיינט שוין הויך אין בלויען, לויטערן הימל. אין שטעטל האָט מען שוין פון לאַנג אָפּגעגעסן דעם שבתדי־קן טשאָלנט. דער עלטערער עולם כאַפּט אַ דרימל, בעת די ייִנגערע דרייען זיך אַרום אין די הויפן אָדער איבער די געסלעך.

פאַר מיר איז היינט אַ גרויסער טאָג. מען האָט מיר איבערגעגעבן בסודי־סודות, אַז מען זאַמלט זיך צונויף אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג, ערגעץ־ווו, אַרויס פון דער שטאָט, נאָך דער מאָלדאַוואַנישער מאַהאַלאַ, לינקס פון בית־עו־לם, אויף דער טאָלעקע, הינטער אַ בערגל.

דאָס איז געווען מיין ערשטע און אומפאַרגעסלעכע אומ־לעגאַלע פאַרזאַמלונג... אַחוץ די פאָר אַרבעטער און נייטאָ־רינס, זענען געזעסן, אויסגעמישט מיט זיי, באַלעבאַטישע זין און טעכטער, ווי אויך אייניקע גימנאַזיסטן, צוקונפטיקע דאָקטוירים, אינזשינירן און אַדוואָקאַטן. אַרום און אַרום, בערך אַ 50—60 יונגע־לייט און מיידלעך, צווישן וועלכע איך בין געווען דער סאַמע ייִנגסטער. די פאַרזאַמלונג איז אַדורך אָן שום מכשול. מען האָט געלייענט און אויסגעטייטשט י. ל. פרצן און א. רייזינען און ס'איז געווען אַ מחיה אויפן האַרצן.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונג, ווי די אַנדערע, מערסטן טייל, ביי די שוועסטער שיינדל און רחל יאַמפּאָלסקי (וועלכע האָבן, נאָך זייער אויסוואַנדערן, געלאָזט נאָך אַ מער אינטערעסאַנ־טערע אַמבאַסאַדאָרין, דאָבע יאַמפּאָלסקי, זייער ברודערס טאָכטער), ביי די קופּיטס, ביי שרה און יאַנקל ליבמאַן, ביי ברײנע שוואַרץ, ביי די שוועסטער רחל און ריווע אאַז״וו, — האָבן געהאַט אַ גרויסע פּאָזיטיווע אויסווירקונג צו וועקן די באַגערן נאָך יושר, פרייהייט און וועלטלעכקייט ביי דער גע־זונטער יוגנט פון שטעטל; ווייל אין יעדינעץ, אויסער די צאָל־רייכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי גורדוניה, השומר הצעיר, פועלי־ציון א״אַנד איז צו יענער צייט נישט געווען קיין אַרבעטער־קלוב, נישט קיין „קולטור־ליגע" ווי אין די שכנישע שטעטלעך און אַפילו נישט קיין ספּעציעלע ייִדישע ביבליאָטעק. ס'האָט עקזיסטירט בלויז די העברעיִש־ייִדישע „תרבות"־ביבליאָטעק. דאָבע יאַמפּאָלסקי האָט געשפּילט אַ באַזונדער וויכטיקע ראָל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון שטעטל.

דאָס זענען מיינע ערשטע זכרונות וועגן די אומלעגאַלע ייִדישע פּראָגרעסיווע קרייזן אין יעדינעץ. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָבן זיי אָנגעהויבן אויפצוקומען אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן. משה שפּילבערג, אַן ערלעכע האָרעפּאַשנע

* דער מחבר פון אַרטיקל איז פון זיין פריסטער יוגנט אָן געווען טעטיק אין די אומלעגאַלע אַרבעטער־ און קאָמוניסטישע קרייזן פון יעדינעץ. פאַר זיין אונ־טערגרונט־אַקטיוויטעט איז ער פאַראורטיילט געוואָרן און געזעסן אין די רומענישע תפיסות. פון 1935 — אין טשערנאָוויץ און בוקאַרעשט. זינט 1937 — אין פאַריז, ווו ער האָט פאַרגעזעצט זיין אַקטיוויטעט אין די ייִדיש־קאָמוניסטישע קרייזן. בעת דער וועלט־מלחמה וואָלאַנ־טירט ער אין דער פראַנצויזישער ארמיי און פאלט אַריין אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט, ווו ער פאַר־ברענגט שרעקלעכע צוויי יאָר. פונעם לאַגער אין אָסט־פּרייסן געלינגט אים צוריקצוקומען אין דער נישט אָקופּירטער זאָנע פון פראַנקרייך, ווו ער שליסט זיך אָן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. נאָך דער באַפרייונג קערט ער זיך אום קיין פאַריז, ווו ער ווערט ווידער אַק־טיוו אין די ייִדיש־קאָמוניסטישע קרייזן. ער איז רע־דאַקציע־מיטגליד פון דער פאַריזער טעגלעכער ייִדישער „פּראָגרעסיווער פאָלקס־צייטונג" (קאָמוניסטישע) „נייע פּרעסע".

פיגור, מיט אַ צאַרטער נשמה און אַן אָנגענעמער שטימע צו זינגען, איז געווען פון די גאָר ערשטע אין די דערמאָנטע קרייזן, אויב מען זאָל נישט רעכענען די רעוואָלוציאָנערע קרייזן ערב דער רוסישער רעוואָלוציע און ערב דער רומענישער אָקופּאַציע.

דער אַזוי סימפּאַטישער, קלוגער יהושוע קאָלקער, דער פאָטער פון ישראל, לייקע און יאָסל קאָלקער — פלעגט אונדז זייער פיל דערציילן וועגן די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון „פיפטן" יאָר, אין וועלכע ער האָט אָנטיילגענומען, ברענגענדיק דערמיט זיין באַשיידענעםביישטייער פאַר דער באַוועגונג.

אין אַלעמענס זכרון איז נאָך געווען פריש דער פּאָגראָם אין יעדינעץ איבער די ייִדן, אין דעם צווישן־רעוואָלוציאָנערן פעריאָד פון 1917. איך, אַ קליין ייִנגל פון פינף־זעקס יאָר, צוזאַמען מיט מיין קרעכצנדיקער מאַמען און באָבען, זענען געווען באַהאַלטן ביי קריסטלעכע שכנים, בעת די מענער האָבן אָנטיילגענומען אין דער „סאַמאָ־אָבאָראָנע"... אין יענע יאָרן האָט אַמטירט אין יעדינעץ דער א"ג „רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט", וועגן וועלכן מ'האָט פיל דערציילט.

טייל מיטגלידער פון קאָמיטעט זענען אַוועק פון שטעטל צוזאַמען מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. די אַנדערע, וועלכע זענען פאַרבליבן אין שטעטל נאָך דער רומענישער אָקופּאַציע, האָבן געהאַט איין באַגער: מ'זאָל וועגן זיי פאַרגעסן, כדי נישט צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט און די רעפּרעסיעס מצד די אָנגעקומענע רומענער.

איך בין נאָך געווען אַ שנעק. צו ערשט בין איך געקומען אין ביבליאָטעק באָרגן אַ בוך פאַר מיין דערוואַקסענעם פעטער שלום שערמאַן. ביסלעכווייז בין איך אַליין געוואָרן אַן ערנסט־פאַראינטערעסירטער לייענער. די דעמאָלטיקע טוערס — שיינדל און רחל יאַמפּאָלסקי (די ערשטע איז אין בראַזיל, די צווייטע — אין ניו־יאָרק), משה שפּילבערג (היינט אין קעשענעוו), זאַנענשיין, רוזשקע באַראַן (היינט אין ישראל), יענקל ליבמאַן און זיין שוועסטער שרקע, משה קופּיט (היינט אין ניו־יאָרק) און זיינע שוועסטער מלכה און שפּרינצע האָבן מיך גאָר באַזונדער מקרב געווען.

די דאָזיקע יאָרן זענען פאַר מיר געווען פון די סאַמע שענסטע און ראָמאַנטישסטע. כ'האָב אַ סך געלייענט און געלערנט און באַלד טאַקע אַליין אָנגעהויבן צו קנעלן די תורה מיט אַנדערע קרייזלעך, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן. מיר האָבן אַנטדעקט אַ שיינע וועלט, גרויסע שרייבער און דענקער. מען האָט געחלומט וועגן גלייכהייט, יושר און פרייהייט, וואָס האָט אונדז געפעלט, ווי לופט צום אָטעמען.

די יאָרן זענען דאַן געווען פינצטערע און לויערנדיקע. דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן פון די ייִדן אין אונדזער שטעטל, ווי בכלל אין בעסאַראַביע, איז געווען אומדערטרעגלעך. במילא איז אויך די קולטורעלע לאַגע געווען הינטערשטעליק, ווי די ווירטשאַפטלעכע. גאַנצע פאַמיליעס האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט און געהונגערט. און ווען נישט די הילף, וואָס פיל האָבן באַקומען פון זייערע קרובים אין צפון־ און



„נוער מהפכני" אי־שם מחוץ לעירה, בשנים 1935—36
„רעוואָלוציאָנערע יוגנט" ערגעץ־ווו הינטער דעם שטעטל, אין די יאָרן 1935—36

אויפן בילד: מינע יאַנאָוויטש, פעסי ווייסמאַן, בוזיע כאַיעס און אַראָנטשיק העלפגאָט.

בילד און טעקסט: משה שוסטער, פּאַריז.

דרום־אַמעריקע, וואָלט זייער לאַגע געווען נאָך שוידערלעכער.

פאַרשטענדלעך, אַז די אָרעמקייט און די הינטערשטעליקייט איז אויך געווען גרויס צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג; די מאַכט האָט געשונדן די הויט פון אַלע אָרעמע. צווישן די קריסטן האָט געהערשט נאָך אַ גרעסערע פינצטערניש, עם־הארצות און אַנאַלפאַבעטיזם. די דאָזיקע לאַגע האָט גאָר גוט געדינט די אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געהעצט קעגן די ייִדן, אַרויפוואַרפנדיק אויף זיי די גאַנצע שולד פאַר זייער לאַגע. אין יעדינעץ פלעגן פאָרקומען קוזיסטישע אויפמאַרשן מיטן אָנטייל פון טויזנטער פּויערים, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט דעם זיך דערנענטערנדיקן שטורעם. פיל האָבן אָבער דאַן פאַרמאַכט די אויגן.

דער ערשטער שטרייק אין שטעטל

די טעראָר־הערשאַפט פון דער רומענישער „סיגוראַנצאַ" און זשאַנדאַרמעריע האָט אין אָט די אַלע יאָרן נישט אויפגעהערט צו בושעווען. אַלץ האָט געציטערט און איז געלעגן פאַרשקלאַפט אונטערן קנאַפל פון דער רומענישער באָיאַרישער מיליטערישער דיקטאַטור.

אויך אין אונדזער שטעטל זענען אָנגעקומען די נייע אידייען פון פעלקער־פריינטשאַפט : פון מזרח — נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ; און פון מערב — ווו די פעלקער זענען געשטאַנען אין קאַמף מיט דער רעאַקציע.

אויב דאָס לעבן איז געווען שווער פאַר אַלעמען, איז דאָס אָבער געווען נאָך פיל ערגער פאַר די, וועלכע האָבן געאַרבעט פון קאַיאָר ביז שפּעט אין אָוונט, זומער און ווינטער, אָפטמאָל ביז צוועלף ביינאַכט.

די ערשטע אויפגאַבע פאַר דער אַנטשטאַנענער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער. די אַקציע האָט, נאָך אַ געוויסער צייט, אָנגעהויבן צו געבן די ערשטע רעזולטאַטן. דער ערשטער געלונגענער שטרייק ביי אונדז אין שטעטל איז פאָרגעקומען אין האַרבסט פון יאָר 1926 אָדער 1927. פיל פון אונדז, די שטרייקנדיקע, זענען גאַנץ נישקשהדיק צעשלאָגן געוואָרן דורך די אייגענע, אויך געוווג אָרעמע, ייִדישע אַרבעטס־געבערס. מיר האָבן אָבער אָפּגעהאַלטן אונדזער ערשטן ניצחון, ווייל פון דעם דאָזיקן טאָג אָן האָט מען געאַרבעט נאָר צען שעה אַ טאָג... עס זענען געשאַפן געוואָרן געמישטע קאָמיסיעס צו לייזן די אַרבעטער־קאָנפליקטן, און די אַרבעטנדיקע האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן אין זייערע כוחות. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער שטרייק, ווי אויך דער גרויסער דראַנג און דער נישט־געשטילטער דורשט נאָך וויסן, נאָך פּאָליטישע פרייהייטן, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין אונדזער שטעטל, ווי אַן עכאָ פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער, ווייטער וועלט — האָט נישט געלאָזט גלייכגילטיק דעם „סיגוראַנצאַ"־אַגענט פּרעקולאַ, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַלץ מער אָנצושפּיצן זיינע אויערן און האָט אונדז שוין נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע אָפענע אויגן.

פון צייט צו צייט איז דאָס שטעטל פאַרשיט געוואָרן מיט אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אויפרופן, באַזונדערס ערב די אַרבעטער־יום־טובים, ווי : דער ערשטער מאַי, דער ערשטער אויגוסט, דער טאָג פאַר שלום, דער 7טער נאָוועמבער או"וו.

אין שטעטל האָט מען שוין געפילט אויף שריט און טריט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג. מען האָט איבער איר דיסקוטירט אין אַלע קרייזן. אייניקע האָבן זי געבענטשט ; די אַנדערע האָבן זי געשאָלטן. אָבער קיינער האָט זי נישט געקאָנט אויסמיידן. ציוניסטן און קאָמוניסטן האָבן אָפט דיסקוטירט צווישן זיך. איך דערמאָן מיך די דיסקוסיע מיט די דעמאָלטיקע גאָר אַקטיווע פּועלי־ציון : יוסף שיץ, שלום סערעברעניק און זיין סימפּאַטישער ברודער חיים, ישראל קאָלקער (דעמאָלט נאָך אַ ציוניסט), שמשון ברונשטיין און אַנדערע.



„קבוצת פועלים מהפכניים" מהסביבה, שנתכנסו בידיניץ
אַ גרופּע „רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער"

צווייטער פון לינקס אויף רעכטס, זיצנדיק, איז משה שוסטער. אלע אַנדערע זענען זיך צונויפגעקומען קיין יעדינעץ פון די אַרומיקע שטעטלעך : חיים מאַגאַלניק פון רישקאַן, אברהם קאַטאַשאַנסקי (בריטשאַן) ; די אַנדערע זענען פון רישקאַן און נאָוואָסעליץ. דאָס בילד און די אויפשריפט האָט ארייגעשיקט משה שוסטער, פּאַריז.

די אָוונט־קורסן און דער דראַמקרייז

אַ זייער וויכטיק אָרט אין אונדזער אַקטיוויטעט האָט, אין צווישן, פאַרנומען דער דורך אונדז געגרינדעטער קולטור קלוב, אַ מין „קולטור־ליגע", ווו עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אָוונט־קורסן, מ'האָט געלערנט ייִדיש, רומעניש, ייִדישע געשיכטע און ליטעראַטור. דער קלוב האָט זיך געפונען קעגנאיבער חיים ראַבינאָוויטשעס קלייט (געוועלב) אויפן הויף.

דער קלוב האָט געעפנט פּערספּעקטיוון נישט בלויז פאַר די פיל יונגע אַרבעטער און אַרבעטאָרינס, נאָר אויך פאַר דער אונטערוואַקסנדיקער, פאָרגעשריטענער און ייִדישיסטישער אינטעליגענץ.

אין דאָזיקן קלוב, וואָס האָט געהאַט, צוליב די רעפּרעסיעס, אַ זייער קורצע עקזיסטענץ, זענען פאָרגעקומען אינטערעסאַנטע רעפעראַטן, ליטעראַרישע פאָרלעזונגען אויף פאַרשידענע טעמעס. צווישן די אַנימאַטאָרן און קולטור־טוער, וואָס האָבן אויסגעטראָגן אָט די שווערע קולטור־אַרבעט, דאַרף מען דערמאָנען : משה קופּיט, זיין שוועסטער מלכה, יאָסל קעריק, דאַווידקע קויפמאַן, מישאַ קאָגאַן, איזי בראָנשטיין, מאיר הירש רימער, ישראל פרימער, יאָסל דער איינבינדער, חיים טעפּערמאַן, מאיר ברויטמאַן, אייזיק שטערנבערג (גע־

פאַלן אין קריג), פייגע שניידערמאַן, מאָטל פעלדמאַן, אברהמל אשכנזי (געשטאָרבן אין בראַזיל), יוסף פיינשטיין (געשטאָרבן אין אָדעס), ליזע ווייצמאַן (געשטאָרבן אין 1939 אין פאַריז), יענטל גוטמאַן, משה און חנה געלמאַן, נעטל וואַליעוויטש, נונאַ מיטמאַן, מינאַ באַראָן, דער שרייבער פון די שורות און פיל, פיל אַנדערע, וועמענס נעמען עס זענען מיר, צום גרויסן באַדויערן, אַרויס פון זכרון. דאָס זענען אַרבעטער, גימנאַזיסטן, מיידלעך און בחורים פון אַלע שיכטן, וועלכע האָבן באמת געגעבן דאָס בעסטע פון זיך.

יעדינעץ האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט אויך אַ דראַמקרייז. הגם אַ באַשיידענער, האָט ער דאָך באַוויזן צוצוגרייטן אייניקע ספּעקטאַקלען מיט דער הילף פון דרויסנדיקע כוחות, דערונטער יוזי לאַנדע, וואָס האָבן זייער אויסגענומען. די רעפּעטיציעס זענען געוויינלעך פאָרגעקומען ביי דער אַזוי סימפּאַטישער פאַמיליע, די שוועסטער מילמאַן, אויף דער שניידערישער גאַס.

די ערשטע אַרעסטן

די ערשטע אַרעסטן זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1929—1930. בעתן אַריבערפירן אַ זאַק מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור, זענען אַרעסטירט געוואָרן די צוויי קריסטן (קאַצאַפּעס) סאָקאָלאָוו און פּעטיע. שפּעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן יוסף פיינשטיין, יאָסל דער שוואַרצער (זיין פאַמיליענאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון) און דער שרייבער פון די שורות. די דאָזיקע און די ווייטערדיקע אַרעסטן גיבן שוין אַ בילד וועגן פאַרנעם פון דער באַוועגונג צו יענער צייט אין יעדינעץ; אין דער באַוועגונג זענען געווען אָרגאַניזירט נישט נאָר יידישע אַרבעטער, גימנאַזיסטן, סטודענטן און אינטעליגענץ; אָרגאַניזירטע גרופּן זענען געווען אין די מאַהאַלאַס פון די קאַצאַפּעס, מיעשטשאַנעס, מאָלדאַוואַנעס און אַפילו אין פיל פון די אַרומיקע דערפער.

שפּעטער זענען אין דער אָרגאַניזאַציע איינגעשטעלט געוואָרן גוטע רעגלען פון קאָנספּיראַציע.

די קאָנספּיראַטיווע מאָסנאַמען האָבן געהאָלפן דער באַוועגונג זיך ווייטער צו אַנטוויקלען, נישט געקוקט אויף די אומאויפהערלעכע א. ג. „פּרעווענטיווע" אַרעסטן פון באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טוערס, לפּחות פינף־זעקס מאָל אין יאָר, בעיקר ערב די אַרבעטער־יום־טובים. ס'האָט אויך עקזיסטירט אַ גוטע מאַסן־אָרגאַניזאַציע — דער מאָפּ"ר — פון סימפּאַטיקער, מיטן ציל צו קומען צו הילף די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

גאָר גרויסע אַרעסטן פון רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויסטן זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1933־1934. די באַוועגונג האָט שוין דעמאָלט אַרומגענומען אַ וויכטיקן טייל פון דער שטאָטישער יוגנט — יידן און קריסטן.

ווי איך דערמאָן מיך, איז דעמאָלט נישט געווען קיין איין יידישע שטוב, וואָס איז, פון דער נאָענט אָדער פון דער ווייטנס, נישט געווען „אָנגערירט" פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די יידישע יוגנט האָט פיל בייגעשטייערט צום אַלגעמיינעם קאַמף פאַר אַ בעסערער, שענערער וועלט און פאַר דער פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער.

די דאָזיקע לאַגע האָט געדויערט ביז 1940, ווען בעסאַראַביע גייט צוריק איבער צו סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער אין די לעצטע יאָרן בין איך שוין געווען ווייט פון יעדינעץ, צו ערשט אין טשערנאָוויץ, שפּעטער אין בוקאַרעשט, פון וואַנען איך וואַנדער אויס, אין 1937, קיין פּאַריז.

* * *

די פּאָר בלעטלעך זכרונות זענען, פאַרשטענדלעך, ווייט צו זיין בחינת אַ גענויע געשיכטע. דאָס איז בלויז אַן אָנדייטונג פון אַ לעבן, וואָס האָט געברויזט און וויברירט, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן קודם כל דורך די מערדער — רומענער, דייטשן און שטעטלשע כוליגאַנעס — תיכף נאָך דער אינוואַזיע פון די דייטש־רומענישע חיילות אויפן סאָוועטןפאַרבאַנד, און שפּעטער אין די רומעניש־היטלעריסטישע טויט־לאַגערן, אויף דער פאַרשיקונג אין טראַנסניסטריע.

דאָס זענען אָבער אויך געווען יאָרן פון גבורה פאַר אַ גרעסערער צאָל יעדינעצער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן קעגן געמיינזאַמען שונא — דעם היטלעריזם, פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק, אין די איינהייטן פון דער רויטער אַרמיי, אין ראַמען פון די אַליאירטע אַרמייען און אין די העלדישע רייען פון דער יידישער בריגאַדע פון ארץ־ישראל, און פאַראַשוטירט געוואָרן אין די אָקופּירטע געביטן, הינטערן פראָנט פון שונא, אין סאַמע ברען פון דער וועלט־מלחמה.

אַ פּאָר הערלעכע געשטאַלטן

איך וויל פאַרענדיקן מיין איבערזיכט, דערמאָנענדיק אייניקע הערלעכע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן, וואָס זענען אַ כבוד פאַרן שטעטל.

אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס פון פרייוויליקע אין שפּאַניע האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אונדזערער אַ בן־עיר — דער סטודענט און באַגאַבטער בחור בערל קאָנדראַר, וועמענס נאָמען ס'איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער רומענישער אַרבעטער־באַוועגונג.

בערל קאָנדראַר, דער מאַן פון בוזי כאַיעס, זענען געקומען צוזאַמען מיט אונדז קיין פּאַריז, נאָך דעם, ווי מיר זענען אַלע פאַראורטיילט געוואָרן, בעתן גרויסן פּראָצעס פון 1935—1936 אין טשערנאָוויץ. אין יענעם פּראָצעס זענען אויך באַשולדיקט געוואָרן אַנדערע אָנגעזעענע יעדינעצער רעוואָלוציאָנערע טוער, ווי ישראל קאָלקער (היינט אין לוואָוו, צוזאַמען מיט זיין פרוי מינע באַראָן), ליזאַ ווייצמאַן, קלמן לאַנדאַו (היינט אין פּאַריז) און אַנדערע.

קאָנדראַר איז געקומען פון פּאַריז קיין שפּאַניע אַלס פרייוויליקער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. נאָכן זיג פון פראַנקאָ איז קאָנדראַר געווען אינטערנירט אין פראַנקרייך, שפּעטער אין אַלזשיריע און לבסוף רעפּאַטריאירט געוואָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד. לויט ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז ער, האַרט פאַר דער ווידער־באַפרייונג פון בע־

סאַראַביע און רומעניע, פּאַראַשוטירט געוואָרן הינטער די רו־מענישע פראָנט־ליניעס, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רומענער און נאָכן ווערן שרעקלעך געפּייניקט, דערשאָסן אָדער אויפגעהאָנגען געוואָרן.

ווי איך האָב מיך דערוווּסט, זענען ערב דעם אויסטויש פון דער מאַכט אין דאָפטאַנער תפיסה דערשאָסן געוואָרן דורך די רומענער די פּאַראורטיילטע רעוואָלוציאָנערע קעמפערס יענקעלע שטערנבערג און אַנדערע.

אין טראַנסניסטריע ווידער, האָבן זיך אין די סאַמע שווי־דערלעכע באַדינגונגען אויסגעצייכנט יענקל ראָזענבערג, שטייענדיק אין קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער פון יענער געגנט.

איך וויל צוגעבן, אַז אַן אַנדערער יעדינעצער, פּאַוועל באָבוטש — אַ זון פון אַ שוסטער אין דער ציגיינער־גאַס, אַ פירנדיקער רעוואָלוציאָנערער טוער, איז נאָך דער באַפרייונג געווען דעפּוטאַט פון רומענישן פּאַרלאַמענט; שפּעטער אַמ־באַסאַדאָר אין בעלגיע און אין לאָנדאָן. ער האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אין רומענישן אויסערן־מיניסטעריום.

פּאַריז

רעוואלוציאנערע לידער אין אמאליקן יעדינעץ

מיר געפינען פאַר נייטיק צו ברענגען צוויי פון די לידער, וואָס די „רעוואָלוציאָנערע קרייזן" פון יעדינעץ פלעגן זינגען אין די יאָרן תיכף נאָך דער רומענישער אָקופּאַציע פון בעסאַראַביע (1918). די לידער נעמען מיר אַרויס פון בוך „מיין שטעטל יעדינעץ" פון גאָלדע גוטמאַן (קרימער), דערשינען אין בוענאָס־איירעס, 1945, זייטן 148—149. אגב, דאָס ערשטע ליד איז אַ פּאַראָדיע אויף אַ פאָלקסליד איבער אַ דיסקוסיע צווישן אַ חסיד און אַ „פילאָ־זאָף". יעדע פּאַרטיי האָט דאָס ליד צוגעפּאַסט אין איר זין, אַ זאַך, וואָס איז צוליבן געבוי פון ליד, זייער לייכט צו מאַכן. כאַראַקטעריסטיש איז די קאָנ־פוזיע צווישן די באַגריפן „בונדיסטן" און „קאָמו־ניסטן" (אין ערשטן ליד), און די קאָנפוזיע צווישן „ווילן זיין רומענער לייט" פון ערשטן ליד (בונדיס־טישער „דאָ־יזם") און די שנאה צו די „רומענער־צי־גיינער" פון צווייטן ליד (דער קאָמוניסטישער פּראָ־סאָוועטישער אירעדענטיזם).

(רעד')

אייזנבאַנען סטראַיען מיר

אייזנבאַנען סטראַיען מיר, סטראַיען וועלן מיר טאַקע,
וואָס דער אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַרשטייט,
פאַרשטייט דער ציוניסט אַ מכה...
אוי, דו נאַרישער ציוניסט, מיט דיין קליינעם מוחל,
קום צום אַרבעטער, צו דעם בונדיסט,
וועט ער דיך לערנען שכל...
מען וויל אונדז נעמען קיין ציון,
מיר זאָלן ווערן ציוניסטן,
מיר וועלן בעסער זיין אין בעסאַראַביע,
מיר ווילן זיין קאָמוניסטן !...
מען וויל אונדז נעמען קיין ירושלים,
מיר זאָלן דאָרטן גאָלאָדייען,
מיר ווילן בעסער זיין רומענער לייט,
מיר ווילן זיך באַפרייען...

„ווייַ צו דיר, רומעניע"

דאָס דאָזיקע ליד איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער אין די מאַסלעבוינעס.

רומעניע, ווייַ צו דיר,
האָסט פאַרכאַפּט בעסאַראַביע אָן ווידערשטאַנד.
האָסט געבראָכן אונדזער לעבן און פאַרסמט.
נאָר קומען וועט דער טאָג,
מיר וועלן צאָלן מיט דעם זעלבן,
מיר וועלן צאָלן מיט דער פולער האַנט.
זאָלסט ניט מיינען, מערדער, ציגיינער,
אַז מיר אַרבעטער, פּויערים און יידן,
זענען פחדנים און נעמען אַלץ פאַר גוט !
מיט די הוילע הענט,
מיט דעם פייער פון אונדזער גלויבן,
דערטרענקען וועלן מיר דיך אין דיין אייגן בלוט...

משה שוסטער

יעדינעצער אין פּאַריז

אַז ייִדן זענען צעזייט און צעשפּרייט אין גאָר דער וועלט — איז נישט נייטיק דערמאָנען, די סיבות פון אָט דער דערשיינונג זענען דער דלות און נויט, די פינצטערע רעאַקציע, די אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס און פּאָגראָמען, צי דאָס איז פּאָרגעקומען אין פּוילן, אין צאַרישן רוסלאַנד, צי אין רומעניע, דערונטער אין בעסאַראַביע, וואָס האָט באַזונדערס געשמאַכט אונטערן קנוט פון דער זשאַנדערמעריע און סיגוראַנצע. דאָס אַלץ האָט געשטויסן מאַסן ייִדן צו פאַרלאָזן, זייערע איינגעסענע היימען און זוכן נייע האָריזאָנטן, אין נייע לענדער, כּדי צו פּרוּוון לעבן מיט מענטשן גלייך.

אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער יוגנט אין בעסאַראַביע איז אַוועק קיין ארץ־ישראל בויען דאָס נייע ייִדישע היימלאַנד. אַן אַנדער טייל האָט געקעמפט פאַר אַ נייעם סדר און קעגן דעם רעאַקציאָנערן רעזשים און דערפאַר געשמאַכט אין תּפיסות, אָפּט ביי דער זייט פון זין פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — מאָלדאָוואַנעס, רוסן, קאַצאַפּעס א״אַנד. פיל האָבן אויך אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער. קען מען דעריבער טרעפן בעסאַראַבער ייִדן — אַרבעטער, סוחרים, פּעדלערס און אויך שרייבערס, פּאָעטן און אַרטיסטן — אין אַלע וועלט־טיילן, אויך אויסער דער ישראל־מדינה — אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער און אויך, הגם אַ קליינע צאָל, אין מערב־אייראָפּע. זייער צאָל אין פראַנקרייך איז שטענדיק געווען אַ באַשרענקטע; מ׳האָט זיי געקאָנט ציילן אויף די פינגער.

צווישן די עלטערע יעדינעצער אין פראַנקרייך, דער עיקר אין פּאַריז, דאַרף מען פאַרצייכענען די רעווקאָלעווסקים* — אַן אָנגעזעענע פאַמיליע פון יעדינעץ, דעם ד״ר גאָלערגאַנט, וואָס האָט דאָ שטודירט, לייבוש (לעאָן) ווײַנשענקער, וועלכער האָט דאָ געענדיקט זיינע אינזשעניערן־לימודים, אַדוואָקאַט שינדערמאַן, לייבוש גרויסמאַן, ראובן קויפמאַן א״אַנד. פאַראַן, וואַרשיינלעך, נאָך אייניקע, וועמענס נעמען איך דערמאָן מיך נישט איצט.

האַרט פאַרן צווייטן וועלטקריג זענען געקומען קיין פּאַריז אַנדערע יעדינעצער: עטל ווײַנשענקער, משה קופּיט (וועלכער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע), די שוועסטער יענטע און עטיע גוטמאַן, ליזע ווייצמאַן, קלמן לאַנדאַו, מלכּה באָטניק, אברהם גאַנדלמאַן (פון זאַבריטשען), בוזיע כּייעס, בערל קאָנדעראַר, אברהם אשכּנזי, ראַזאַ בראָנשטיין (פון טערעבנע), דער שרייבער פון די שורות און אַ פּאָר אַנדערע.

הגם באַגרענעצט אין צאָל, האָבן זיך די יעדינעצער אויסגעצייכנט מיט אַ חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט. זאָל דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון בערל קאָנדעראַר, וועלכער איז אין רומעניע געווען געיאָגט פון דער סיגוראַנצע, האָט פאַרלאָזט זיין היים און דעם אוניווערסיטעט, און גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין פּאַריז, האָט ער זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, ווו די היטלער־גענעראַלן און מוסאָליניס אָפיצירן האָבן אויסגעפּרוּווט זייערע אַוויאָנען און אַנדערע וואָפנס, איידער זיי האָבן פאַרוואַנדלט אייראָפּע אין אַ שייטער־הויפן.

בערל האָט זיך אויסגעצייכנט אויף די רעפּובליקאַנישע פראָנטן. נאָכן זיג פון פראַנקאָ, איז ער אינטערנירט געוואָרן אין פראַנקרייך. דערנאָך איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער פון שפּאַניע, בעסאַראַבער און רומענער, אָפּגעפאָרן קיין מאַראָקאָ און פון דאָרט — קיין ראַטנפאַרבאַנד. אויף וויפל ס׳איז באַקאַנט, איז בערל קאָנדעראַר געפאַלן אין די יאָרן 1943—1944 בעת די שלאַכטן צו באַפרייען בעסאַראַביע. ער זאָל האָבן געווען אומגעקומען אַלס פּאַראַשוטיסט הינטער די רומענישע פראָנט־פּאָזיציעס. דאָס אָרט און די באַדינגונגען זענען אונדז אומבאַקאַנט. כּבֿוד זיין אָנדענק!

אַנדערע יעדינעצער האָבן נאָך אין סעפּטעמבער 1939, איידער דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע אין פראַנקרייך, זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אויף פינף יאָר אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, מיטן ציל צו קעמפן קעגן היטלעריזם. זיי האָבן געדינט אין די באַרימט געוואָרענע דריי רעגימענטן (דער 21טער, 22טער און 23טער) פון די ר.אַ.וו.ע. (רעזשימאַן דע׳ז אַנגאַזשע וואָלאָנטער עטראַנזשע — רעגימענטן פון פרייוויליק־אַנגאַזשירטע אויסלענדער). די אַנגאַזשירטע זענען געווען: **אברהם אשכּנזי, קלמן לאַנדאַו, משה שוסטער.** אשכּנזי און לאַנדאַו האָבן, נאָך די קורצע שלאַכטן, זיך צוריקגעצויגן מיט די רעשטלעך פון זייערע רעגימענטן. נאָך דעם ווי די היטלעריסטן האָבן אָקופּירט פּאַריז, זענען זיי אַריבער אין דער שווייץ, ווו זיי זענען פאַרבליבן ביזן סוף פון קריג.

* מאָטל רעווקאָלעווסקי איז היינט פּאָרזיצער פון בעסאַראַבער פאַרבאַנד (ציוניסטישע ריכטונג) אין פּאַריז — רעד.

מיין רעגימענט, דער 22סטער, האָט געקעמפט אין צפון־פראַנקרייך, אויף דער סאָמע. דער רעגימענט האָט פאַרלוירן אַ דריטל פון זיינע מענטשן; ער האָט אָבער אָפּגעהאַלטן דעם פאָרויסמאַרש פון די דייטשן. דאָס רעשטל פון רעגימענט איז לבסוף אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די היטלעריסטן און גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. צום גליק האָבן זיי נישט אויסגעפירט זייערע דראָונגען צו דערשיסן די יידן און אַנדערע פרייוויליקע.

אין לאַגער פון די געפאַנגענע, אין אָסטפּרייסן, הינטער די שטעכלדראָטן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע האָט, צווישן אַנדערן, געהאָלפן ייִדן... דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פאַרדינט אָבער אַ באַזונדערע אַרבעט.

אַ דאַנק דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, איז מיר געלונגען צוריקצוקומען אין דרום־פראַנקרייך, ווו כ'האָב פאָרגעזעצט דעם ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן די נאַציס ביז צו דער באַפרייונג.

אַ וויכטיק אָרט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט פאַרנומען אונדזער יעדינעצערין בוזיע כאַיעס. זי איז בעתן קריג פאַרוואָרפן געוואָרן קיין מאַרסיי — די צווייט גרעסטע פראַנצויזישע שטאָט נאָך פאַריז. זי האָט דאָרט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אונטערערדישער ציווילער און מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פט״פּ (פראַנצויזישע פריי־שיסער און פאַרטיזאַנער). בוזיע איז זייער געשעצט געוואָרן דורך די דאָרטיקע ווידערשטענדלער און זי איז דאָרט פאַרבליבן אויך נאָכן קריג. בוזיע כאַיעס איז געווען די פרוי פון בערל קאָנדעראַר. זי האָט נקמה גענומען פאַר אים און פאַר אַלע ייִדן. פאַר אירע מוטיקע אַקציעס איז זי באַלוינט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג מיט אַ הויכער אויסצייכענונג.

נאָך שווערע ליידן אין די רומעניִשע תפיסות און שוועריקייטן אין פראַנקרייך, איז נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט, אין בליִענדיקן עלטער, געשטאָרבן ליזע ווייצמאַן.

מלכה באָטניק איז דעפּאָרטירט געוואָרן אין די היטלעריסטישע לאַגערס, ווו זי איז אומגעקומען.

עטי גוטמאַן איז געווען דעפּאָרטירט, זי איז אָבער צוריקגעקומען און געבליבן שווער קראַנק. זי איז געשטאָרבן אין פאַריז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר.

אברהם אשכנזי האָט פאַרלאָזט פראַנקרייך אַרום 1961, האָט געהייראַט אין בראַזיל, ווו ער איז געשטאָרבן.

אַדוואָקאַט חיים שינדערמאַן איז געשטאָרבן אַרום 1967.

אינזשיניער לעאָן (לייבוש) וויינשענקער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־פאַרפאַל אין אויגוסט 1971.

פאַריז

הסגל של הקליניקה הסובייטית (בית־החולים „לויבמן" לשעבר)



התמונה נשלחה מידיניץ על־ידי גניה לודמיר (5) (נפטרה בידיניץ בשנת 1950). היא כותבת: נצטלמנו ב־1949.8.25. לידי — מנהל החשבונות (15); מאחורי — הרופאה הראשית מולאראטאַנצי (3) וכן מזכיר־המרפאה (4); כל השאר הם אחים ואחיות מוסמכות. מוסרים עולים: כולם נוצרים, פרט למספרים 5 (גניה לודמיר ז״ל), 9 (בתו של משה קצב) ו־10 (רופאה יהודיה שבאה מברה״מ), שהם יהודים.

דער פּערסאָנאַל פון דער סאָוועטישער קליניק (געוועזי „לויבמאַן"־שפּיטאָל)

דאָס בילד האָט אריינגעשיקט פון יעדינעץ געניאַ לודמיר (5) (נפטר געוואָרן אין יאָר 1950). זי שרייבט: מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט דעם 25־טן אוגוסט 1949. לעבן מיר — דער בוכהאַלטער (15), הינטער מיר — די לייטנדיקע־מעדיצינערין ד״ר מאַליאַראַטאַנצי (3) און דער קליניקסעקרעטאַר (4). אלע אנדערע זענען פעלשערס און מעד׳־שוועסטערס. געבן איבער נייע עולים: אלע אויפן בילד זענען קריסטן, אויסער די נומערן 5 (געניא לודמיר ז״ל), 9 (משה קצבס טאָכטער) און 10 (אַ סאָוועטיש־ייִדישע דאָקטאָרין) וואָס זענען יידן.

בעיני אורחים - אין די אויגן פון געסט

הרב דב בורשטיין זצ"ל

ביקור בידיניץ - חוויה בלתי־נשכחת

שמח אני על שנתאפשרה לי ההז־דמנות לספר, ולו בקיצור, על עיי־רה אחת, קטנה אמנם, שעל אד־מת בסרביה, — ידיניץ, עיירה של חכ־מים, למדנים וסופרים, קן של חסידות ותרבות מתקדמת.

מפאת קוצר היריעה אעלה את דמויותיהם רק של אחדים מבני העיירה, כפי שראיתים והכרתים מקרוב לרגל ביקורי אצל הורי ע"ה, הרב מיכאל בורשטין ואמי הרבנית, מדי שנה, בטרם פקדה אותם השואה.

ר' יצחק גרינשפן (ידוע בשם איציקל יעקב שעיהס), חניך הישיבה בקישינוב הבירה, תחת הנהלתו של ר' שלום פרלמוטר וראש הישיבה שלו הרב הגאון ר' מרדכי פרנקל מסורוקה. איציקל זה היה מחונן בכשרונות שונים: גדול בתורה, מצטיין בתפילותיו הנעימות ובקיא במכמני ספרות־החסידות.

כשהיה מספר, בהזדמנות, סיפורי־חסידים היה פיו נוטף נופת, תענוג היה ממש להאזין לדבריו ולאופן סיפוריו. בקיא היה בענייני דיומא וכפקיד בקופת „מלווה וחיסכון" שבעיירה היה משרת את הפונים אליו במסירות ובאמונה. לא ייפלא, איפוא, שהיה מקובל ומחובב על הכל.

ר' שמואל לויבמן אם כי היו אומרים עליו, שהיה שומר על הפרוטה ואינו שש לבזבז את הונו לריק — הוא היה עסקן ציבורי מיוחד במינו. היה מאלה שהקדישו את כל הונם ורכושם לצרכי הציבור. מכיוון שעשיר היה וחשוך בנים, בנה בחצר ביתו הפרטי בית־כנסת מודרני, משוכלל, מהיפים והמסודרים בעיירה ולעת זקנה תרם את ביתו להקמת בית־חולים עירוני.

והיה ר' ראובן גרוזמן, חסיד מחסידי צ'ורטקוב. אדם נחמד, נעים הליכות, עסקן ציבורי מאותו סוג העושה את העבודה לשמה ובאמונה. התמסר במיוחד למוסדות צדקה ובחלקם אף שימש יו"ר של המוסד.

וכמה נעים היה לשוחח עם המלמד, בר־האוריין, חובב שפת עבר ודקדוקה ר' משה זמחובר, דודו של עמוס חכם, חתן התנ"ך העולמי הראשון.



את רשימתו זאת כתב הרב דב בורשטיין זצ"ל בשנת תשכ"ט. בשלבים הבאים של עריכת הספר קיבלנו את הידיעה המעציבה על הסתלקותו של המחבר. הוא נפטר בתל־אביב בי"ג בניסן תשל"א (8.4.1971), בגיל 78 שנה. הרב דב נולד בעיירה הנודעת בלמדניה פולינאה, אוקראַינה, לאביו הרב הגאון מיכל בורשטיין זצ"ל מידיניץ. משעבר הרב מיכאל לידיניץ מפאלשט, ירש בנו הרב דב את כיסא הרבנות שם. קודם לכן היה משך שנה רב באודיסה. בשנת 1923 נקרא לשמש רב ראשי בעיר בוטושאַן, ראָגאַט. שם פירסם ספרי־הלכה ופילוסופיה דתית בעברית וברומנית וכן ספר־אפולוגיה ברומנית על השחיטה היהודית. היה מגדולי הרבנים ומורי ההוראה ברומניה. עלה לארץ אחרי מלחמת השחרור (1950) ונתמנה לאב־בית־דין בתל־אביב. התמחה במיוחד בתחום האישות וחיבר ספר רב־היקף בהלכות־גיטין. אציל היה בהליכותיו; דרשן ונואם בחסד־עליון; מראשי תנועת המזרחי ברומניה ופעיל בה גם בארץ. הניח 2 בנים ובת. השתתף בכינוסים של יוצאי־ידיניץ בארץ.

יהודי ידיניץ חיבבו ואפילו העריצו את השירה הליטורגית. לעתים קרובות אף היו מזמינים חזנים ידועי־שם כמו החזן המפורסם ר' פרויקה שליאפק. וכשהיה מזדמן לעיירה חזן טוב לעבור לפני התיבה היו רבים הנוהרים לבית־הכנסת בו היה מתפלל. בכלל היתה מורגשת בעיירה באותם ימים השראה כללית וחוויה מיוחדת.

ההווי היה שרשי־לאומי. היו אמנם בעיירה בעלי השגות

דתיות, חילוניות ולאומיות שונות, אך יחד עם זאת לא נתגלו אף פעם חיכוכים חריפים בין החולקים בהשקפותיהם ודעותיהם.

ביקורי בעיירה, מדי שנה, גרם לי חוויה מיוחדת. בשבת נתכנסו בבית אבא, הרב מיכאל, תלמידי חכמים וסתם יהודים יודעי־ספר. מאחרים היינו לשבת בבית אבא, שהיה בית מרווח ברחוב הראשי, ומשוחחים בדברי תורה וחכמה. בהזדמנויות כאלו, נתכבדתי גם אני לפעמים להופיע בהרצאה על נושא דתי או מדעי־כללי. את הביקורים הללו רוויי־השראה רוחנית נעלה הנני נושא עמדי כמזכרת עמוקת־רגש וכחוויה נפשית אשר לא תימחה.

תל־אביב, תשכ"ט

ד"ר מיכאל לנדאו

ידיניץ - העיירה הבלתי־נשכחת

ידיניץ — עיירה במחוז חוטין הצפוני שבבסרביה — היתה עיירה, כמו עיירות רבות בבסרביה — ליפקאן, בריצ'אן, זגוריצה או קאלראש. ההבדל שביניהן היתה האווירה הציבורית, ש־היתה ספציפית לכל מקום בנפרד. אם בריצ'בה או מרקולשט — נחשבו כ„קו־לוניות", שהוקמו בשביל יהודים עובדי־אדמה, במאה ה־19, הרי שידיניץ היתה עיירה סתם, החיה ממסחר ומלאכה ומ־תקוות ובטחון בשמים...

אולם בעיירה זאת, בעלת כמה אלפים משפחות יהודיות, יכולת למצוא גם חקלאים בצד הסוחרים הזעירים ובעלי־המלאכה השונים. החיים זרמו להם בשקט וללא אירועים, התרגשות היתה במקרים נדירים בלבד. השורות המוארכות של הבתים הקטנים, החד־גוניים, כמעט ללא הבדל אחד ממשנהו, איפשרו בכל זאת חיים שונים ומגוונים. רוב המשפחות היהודיות היו מרובות ילדים. „כל ילד עם מזלו" — היו האמהות מתבטאות, כשלידה באה ותינוק קודם עודנו נמצא בעריסה. אולם הצעירים לא היכו עוד שרשים, ולזמן ממושך, בקרקע הדשנה, השחורה והבוצית. בגמר חוק לימודיהם, בבתי־אולפנה שונים או בגימנסיה, היו עוברים „ארעית" לעיר גדולה, צ'רנוביץ, קישינוב או כרכי הריגאַט, בהן חיפשו פורקן לכשרונותיהם או חתרו לעתיד כלשהו לעצמם. הארעיות הפכה, לרוב, קבע.

בעיירה נשארו ההורים. החיים הפטריארכליים הפכו להיות מעמסה לצעירים. רבים נטשו את בסרביה ונדדו לארצות רחוקות ובעיקר לאמריקה הדרומית. כה עשו רבים גם בעיירות סמוכות אחרות — ליפקאַן, סקוראן, בריצ'אן, נובו־סיליצה וכו'. לפיכך דומה היה, לפרקים, כי באי־אלה ארצות או ערים בדרום אמריקה, נמצאו יותר יהודים מעיירות בסרביה אלו, מאשר בעיירות עצמן.

אולם הרוח הלאומית והציונית לא פסה מישובים אלה,




מחבר המאמר, העו"ד ד"ר מיכאל לנדאו, נולד, בשנת 1895 ברומניה, בעיירה הרלאָו. בימי מלחמת העולם הראשונה נפל בשבי הרוסים ובילה כמה שנים באוקראינה הדרומית. שם בא במגע עם יהדות עממית־לאומית עסיסית ועתירת ערכים זו. אחרי המלחמה חזר לרומניה, ולאחר גמר חוק לימודיו במשפטים התיישב בקישינוב והיה מעורכי היומון ביידיש „אונדזער צייט" ולאחר מכן — מנהלו. היה ממייסדי המפלגה היהודית ומפעיליה בבסרביה ונבחר מטעמה כציר לפרלמנט הרומני. עלה לארץ ב־1936. כאן מילא תפקידים ציבוריים רבים. בשנים האחרונות הינו מנהל „מפעל הפיס". זה לא מכבר חגגו את יום הולדתו ה־75, כן הופיע לאחרונה ספר־זכרונות פרי עטו. לד"ר מ. לנדאו היו הזדמנויות רבות לבקר בידיניץ ואת רשמי־זכרונותיו הוא מציין ברשימה זו.

אם־כי הזרם של העזיבה היה מופנה, ברובו, לאו־דווקא לארץ־ישראל. החזון הציוני, אהבת העם וארץ־ישראל הינחו את המהגרים גם במקומותיהם החדשים. וההוכחה — רבים מהם עלו לישראל.

בימות הגשמים הפכה כל העיירה לביצה שחורה אחת והמגפיים הגבוהים לא יכלו לשמור עליך מהידבקות האדמה השחורה בך. כדי למנוע את הצורך לחציית הדרך הבוצית, כי לבקר אצל השכן ממול, היה דרוש סוס רכיבה, כדי לעבור את כל הרפש העונתי — התנהלו השיחות מצד אחד של הרחוב למשנהו בצעקות ובקול רם. במשך הדורות, איש לא חשב שיש פתרון לבעיית הבוץ על־ידי סלילת כביש. איש מהשלטונות המקומיים או המחוזיים, לא היה חייב לחשוב, שבגלל חוסר כביש סלול — לא תתקיים אסיפה של האגודה לעזרה ההדדית לאשראי במקום, או אסיפה לעידוד ההפצה של היומון „אונזער־צייט" מקישינוב.

ידיניץ שכנה במרחק של כ־35 קילומטר מתחנת הרכבת הקרובה, דונדושאן. בחורף היו נוסעים אליה או ממנה בעגלת־שלג רתומה ל־4 סוסים. פרנסי העיירה היו דואגים לספק


ס׳ז געווירט פון מיט פון אונזער
ספּעציעל רייזע קריש-א-צקי,
פון זייער זאן און פאטער
ראוז. נתן פרידמא[ן]

„אונזער צייט"
9 סעפטעמבער 1929

וואָ...ער

יעדינעץ.

אין טאג פון „תענית צבור" צוליב די געשעהענישן אין א״י איז בא אונז גערופן געוואָרן א פּראטעסט מיטינג. אלע געשעפטן זיינען געשלאסן, בעלי-מלאכות האבן אויפגעהערט די ארבעט. דער עולם איז געקומען אין די מאסן. אין שוהל איז דער ארון-קודש דער שלחן און די חיים-בלויע פאן געווען פארדעקט מיט שווארצן.

דעם מיטינג עפנט דער פארזיצער פון ועד-הציוני ה׳ מילגראם. מיט פּראָטעסט-רעדעס טרעטן ארויס דער רב בורשטיין, הלל דאבראח און שארפשטיין.

דער חזן מאכט א „אל מלא". צווישן דעם עולם הערט זיך א שטארק געוויין.

ס׳איז ארויסגעטראגן געווארן א פּראָטעסט-רעזאלוציע קעגן דער ענגלישער מאכט אין א״י. וועלכע איז אפגעשיקט געווארן דעם ענגלישן קאנסול אין בוקארעסט. ווי אויך א מיטגעפיהל-דעפּעשע אונזערע קעמפער אין א״י און ז״ז מיר זיינען זיי גרייט צו שטיצן מאראליש און מאטעריעל.

שושנה תימן.

הדי מאורעות תרפ״ט בידיניץ

★ ★ ★

אפּקלאנג פון די געשעענישן אין ארץ־ישראל פון 1929

לאורח המוזמן פרווה ענקית, שבה התכרבל כולו, כשרק העיניים והאף נשארו בלתי־מכוסים, גם הרגליים היו נתונות בשמיכת פרוות־כבשים. ואם כי הנסיעה ארכה 3—4 שעות ויותר, לא הרגיש הנוסע בקור של 25 מעלות או יותר מתחת לאפס. לעומת־זאת, בעונת הגשמים, ואף בקיץ אחרי ימי־גשם, היו הסוסים נאבקים בבוץ שנדבק לגלגלים והכרכרה היתה חורקת בכל חלקיה, כאילו עומדת היא להתפרק. ברם, אם הזדמן לך לנסוע לידיניץ בימי אביב או קיץ בהירים — ראית לפניך את השדות הירוקים והזוהרים, את עצי האלון הגבוהים, הרגשים לרוח הקלילה של הבוקר והיית נהנה ממעשי־אלוהים ושמח על שהנך נמצא בחיק טבע עשיר זה.

האכסניה בעיירה היתה בית יהודי רגיל, בו היו חדר רחב־ידיים, ששימש מעין סלון וחדר־אוכל לאורחים, מלבד חדרי־שינה. לפעמים התקוטטו עסקנים, על שהאורח המכובד אינו מסכים לגור אצלם ולפעמים — אף היו גם מצליחים בכך, על־ידי כך, שלא שאלו אותך והחליטו עבורך, ללא ערעור.

מבין העסקנים הבולטים, מלבד הזקן שבחבורה אברהם מילגרום, ראויים לציון — בחיר המורים במקום — הלל דוברוב, מנהל הבנק המקומי שטיינבורק, שמשון ברונשטיין, הרב בורשטיין, המורים טופורובסקי, יאשצ׳יקמן, קוזמינר ואחרים. אחדים מהם נחשבו בעיני ר׳ אברהמ׳ל מילגרום כ„שמאליים" מדי, כי הרי השתייכו לתנועת „פועלי ציון" או היו קרובים אליה!

אם כי היתה זאת „פועלי־ציון" של ב. לוקר מבוקובינה וש. קפלנסקי מהטכניון בחיפה, היתה התנועה חשודה בעיני השלטונות, שראו בחבריה „מסוכנים לבטחון הציבור"... בשנות השלושים הראשונות שילם שמשון ברונשטיין לז׳נדרמריה המקומית את חלקו על היותו ב„פועלי־ציון". הוא נאסר, עונה והוכה באכזריות רבה. ד״ר מאיר אבנר, בסינט והחתום מטה בפרלמנט הרומני, הקימונו צעקה גדולה. הוא לא רק שוחרר, אלא הממשלה הרומנית גם פתחה במשפט נגד הז׳נדרמים שעשו מעשה פשע בעסקן אמיץ, חלוש־גוף זה. אבל הנאשמים שוחררו מאשמה... אך גם בשארית חייו, בתל־אביב, לא שכח שמשון את אשר עוללו לו. הם פגעו ברגליו, על־ידי מכות בשיטה התורכית.

חלק קטן מיהודי ידיניץ הספיק לעלות לארץ לפני החורבן. אלה שנשארו במקום, הרוב, שתו את כוס התרעלה עד תום: מי שמת בערבות סיביר, מי שנשלח לטרנסניסטריה ומצא את סופו בטבח, ברעב, בצמא או במחלות. מתי מעט חזרו ועוד פחות נשארו במקום נידח זה.

מה נוכל לעשות עבורם? כמעט לא כלום. אבל לזכרם של יהודי העיירה יש לעשות דבר מה. יש לספר לדור הישראלי הבא, לבנינו, לבנותינו ולנכדינו, כי אלמלא השואה היו בוודאי כולם באים ומצטרפים אלינו, כדי לשאת בעול הגדול של הקמת מולדת ולהלחם על קיומה ועתידה.

את המעט, שאנו מסוגלים לספר על יהודים אלה, אנו מקדישים לאחים שמתו באופן אכזרי בשיר „התקוה" על שפתותיהם.

תל־אביב

מאיר זית*

עיירה ספוגה יהדות וציונות

בסך הכל ביקרתי בידיניץ פעם אחת ויחידה, בסוף יולי 1935, זמן קצר לפני עלייתי; ולו הייתי צריך להתרכז רק בביקור זה, ספק אם היו דברי ראויים להופיע בספר המעלה זכרונות על העיירה ואנשיה.

ברם, שמה של ידיניץ והנוער שלה, הגיעו אלי הרבה זמן לפני כן, — כמעט מיד עם היכנסי לתנועה. אודה ולא אבוש: לפני כן, כלל לא שמעתי, שק־יימת בעולם עיירה בשם זה.

הצטרפתי ל„גורדוניה" בספטמבר 1931, בעקבות משבר פנימי רציני (לפי מושגי הימים ההם) שפרץ בקן גלץ של „השומר הצעיר". רוב הבוגרים ו„המנהלים" עזבו אז את הקן ובחרו להיות שוב „ילדים טובים", כלומר — ללמוד, לגשת לבחינות הבגרות ולהיכנס לאוניברסיטה. שניים מתוכם, בנימין שברצמן („נקי") ואני — החלטנו להמשיך בדרכה של תנועת־הנוער, ובחרנו ב„גורדוניה", כהמשך טבעי לסיבות שגרמו למרידתנו ב„השומר הצעיר". היינו, כמדומני, שנינו אנשי „איפכא מסתברא" לא קיבלנו את הפלירט עם הקומוניזם, והתרחקנו מזה על־ידי הצטרפות ל„גורדוניה".

שני ה„מנהלים" של הסניף — (מכליס ז"ל ואלקנה מרגלית יבל"א) — שמחו על בואנו מכמה טעמים. העיקרי והחשוב ביותר היה ששניהם רצו להמשיך בלימודיהם באוניברסיטה ולא היה למי למסור את הטיפול בעשרות החברים של הסניף. נכנסנו על־כן מיד להנהלת העניינים וכעבור זמן רב למדי, הצטרפו אלינו גם רוב עוזבי „השומר הצעיר".

כיוון שמכליס ז"ל מסר לי את כל הארכיון של התנועה (הוא היה מזכיר הסניף), התעמקתי בקריאת החומר שהצטבר שם באי־סדר „מופתי": חוזרים, חוברות אידיאולוגיות, דו"חות וכו'. השם ידיניץ חזר שם כמה וכמה פעמים, בין שהיה מדובר בפעולותיהם של אליהו ביצ'וצקי ז"ל או יששכר רוזנטל יבל"א, שניהם אנשי־ידיניץ, שהיו אז חברי ההנהלה הראשית, ובין שהיה מדובר בפעולות הסניפים השונים, היענות לקריאת התנועה למפעלים שונים וכו'.

באופן ממשי יותר שמעתי על ידיניץ כמה חדשים לאחר מכן במחנה הראשון של „גורדוניה", שבו השתתפתי. ב„יום המנהלים" שהתקיים במושבה זו, דיבר אליהו ביצ'וצקי בטון פסימי מאד על המצב בתנועה. הוא ציין, שרק ארבעה סניפים מכל חמישים סניפי „גורדוניה" ראויים להערכה על הפעולה החינוכית הנעשית בהם: אקרמן, באֶלץ, ידיניץ וגלץ.

עלי להודות על האמת, שכלל לא חשבתי, שאנו, סניף גלץ, ראויים להימנות על הסניפים המסודרים של התנועה והראויים לציון.



מאיר זית

את השמועות הטובות על ידיניץ והנוער הנפלא שלה חיזקו העדויות וההיכרויות האישיות. זכורני ביקורי הראשון במשק־ההכשרה „מסדה" שליד באֶלץ, בדצמבר 1932, סמוך לוועידה הראשונה של התנועה, שהתקיימה אז בבאֶלץ. בבית הבודד שנמצא בלב שדות, כעין ארץ־ישראל בזעיר־אנפין — פגשתי לראשונה צעירים וצעירות מידיניץ — לאה'קה מיידלמן (מן), מניה פרידמן, דוד גרויסמן ואחרים — ואילו בוועידה הכרתי את יוסף זוננשיין ז"ל, פנחס מידלמן (מן) יבל"א — חברים עמהם עשינו אח"כ במשותף דרך ארוכה, שראשיתה בבאֶלץ, בוועידת „גורדוניה", והמשכה בקבוצה („אבוקה") ובכל מיני תחנות־חיים בארץ.

המיוחד והמקסים באלה שבאו מידיניץ היתה גישתם הלאומית והציונית, שעוררה מיד תשומת־לב מיוחדת. אינני יודע, אם היו או לא היו קומוניסטים יהודים בידיניץ — אבל מה שאיפיין את הנוער היהודי שאותו הכרתי — אלה שהזכרתי כאן, ואחרים — היתה אותה נאמנות „ללא חכמות" לציונות. בגלץ לא היינו רגילים לכך. במיוחד לא היינו רגילים לדיבור עברי, כמעט חופשי, טבעי ומובן מאליו.

אני אישית ידעתי עברית מהבית, אבל בסניף ידענו, כי העברית היא שפתנו הלאומית, בה נדבר כאשר נהיה בארץ־ישראל. כאן, בגלץ — יש לדבר „כמובן מאליו" רומנית. לפיכך יש להשתמש בחומר מתורגם, כדי להכיר בעיות שונות ותמיד יש לכתבי מַרפס ופרויד זכות בכורה על תרגומים מהוגי־דעות משלנו, העוסקים בציונות.

כאן, בפגישות עם אנשי ידיניץ קיבל הכל גוון יותר

* מחבר הרשימה משמש עורך ראשי של היומון הישראלי בשפה הרומנית „ויאַצא נאַאסטרא" („חיינו").

יהודי, יותר לאומי. מנין נבע כל זה? לימים סיפרו לי חברים, כי הישגים אלה בשטח החינוך הלאומי היו פרי עבודתו של המורה הלל דוברוב ז"ל, שהגיע מליטא הרחוקה והקים בית־ספר עברי בעיירה. בית־ספר זה חינך דורות לציונות ולארץ־ישראל, ובזה גדולתו ותרומתו החשובה לעיירה מיוחדת במינה זו.

ככל שרבו ימי חברותי ופעולותי בתנועה, רבתה ההיכרות עם חברים מידיניץ, מבלי שאהיה בעיירה עצמה. זכורני פרשה נוספת מאותם ימי בראשית, שמהם אנו צוחקים בפה מלא ועליהם אנו מתרפקים בנוסטלגיה וגעגועים. הפגישה הגלילית בבריצ'בה. נשלחתי לשם, בהיותי עדיין תלמיד בכיתה האחרונה של הגימנסיה — עם שתי ההרצאות „היחידות" שלי: „החינוך הלאומי והסוציאליסטי" ו„החינוך המיני". סשה גרצברג שעמד על כך שאני אבקר דווקא בפגישה זו, טען, כי בגליל זה יש פיגור רב בבעיות חינוך, ושקיעה בוויכוחים תיאורטיים מעורפלים.

„נפלתי" ממש בין מאות חברים שבאו בהמוניהם לפגישה זו, כמעט כמו לועידה. „נפלתי" וגרמתי לאכזבה עצומה... זאת, משום שכולם דרשו את אלקנה מרגלית שחייב היה לברר כמה עניינים „אידיאולוגים", כדי להחזיר למוטב אנשים, שנתפסו למאטריאליזם ההיסטורי, שהחלו לפקפק בערכים של הגורדוניזם. יחד אתי היה עוד צעיר אחד — שמואל קושניר — גם הוא כוכב עולה בתנועה — אבל לא פחות ירוק ממני בכל הנוגע לתפיסות עולם פילוסופיות.

לא אעלה את כל הפרטים שהיו בפגישה זו, כיוון שאין להם קשר מיוחד לפרשת ידיניץ, אסתפק רק בציון לשבח של הופעתם הנפלאה של הידיניצאים (כשלושים משתתפים באו מידיניץ) בוויכוחים האידיאולוגים שהיו, כפי שהתרשמתי אז, „ממש הרסניים". שחר, הידיניצאי שניהל את הישיבה לחש לי באוזן: „בוטניק הורס אותנו". וכאשר עניתי לו מה שעניתי — זכיתי לתשובה „המשכנעת": „נימוקים אלה תגיש לסבתא שלך"... בכל זאת היה לי הרושם, כי לפחות אנשי ידיניץ קיבלו את הנימוקים הציוניים שלי.

סערה זו לא נגמרה, כסערות אחרות, באובדן חברים; להיפך — בוטניק „חזר למוטב" — לאחר שמרגלית אירגן סמינריון אידיאולוגי.

מכאן ואילך, כשאני ממשיך לטוות את חוט־הזכרונות, יוצא שכמעט על כל צעד ושעל הנני נפגש עם חברים מידיניץ, מבלי שאכיר אישית עיירה זו. הנה למשל: ליובה גוקובסקי ז"ל, איש „פועלי־ציון דרור", שהגיע להכשרה בקבוצת „גורדוניה" ליד באֶלץ, רק משום שהקדים את כל חבריו לתנועה; הללו יצאו להכשרה כמה חדשים אחריו בקבוצות מיוחדות משלהם. ליובה נשאר נאמן לתנועתו ועם זה חיפש תמיד את המאחד ומקשר עם „גורדוניה". הכרתיו לראשונה בבאֶלץ, ולאחר מכן בבוקרשט, כאשר חיכה לסרטיפיקט. בתחנות נוספות נפגשנו בשליחות משותפת ברומניה ערב מלחמת העולם השנייה, ולאחר מכן בקפריסין, במחנות העולים „הבלתי־ליגליים". בין שליחות אחת לשנייה, הספיק ליובה להיות צנחן על אדמת רומניה ולאחר מכן, עד מותו הטראגי, לחיות חיים מלאים של חלוץ, המוכן לכל תפקיד שיוטל עליו.

בהכשרות ונדודים מסניף לסניף ברומניה הכרתי יותר ויותר חברים מידיניץ. אמנם תקופה מסויימת לא היה לעיירה זו אף נציג בהנהגה הראשית. יוסף זוננשיין ז"ל, שהוצע כמה פעמים לתפקיד זה, סירב מטעמי בריאות — ורק מאוחר יותר, כאשר כבר הייתי בארץ, נכנסו לתפקידים מרכזיים בתנועה בזה אחר זה מרדכי רייכר ז"ל, יאָשה חכמוביץ־נבון (עתה בחניתה) ואחרים. מקומה של ידיניץ לא נפקד מאותה קבוצה שהנהיגה את התנועה.

בקבוצות ההכשרה שהכינו את הקמתן של קבוצות „אבוקה", „ביצור" (שהתאחדה עם חולדה) וניר־עם — בלטו שוב הידיניצאים, הן במספרם והן במקום המיוחד שכבשו להם בחיי החברה, בהשפעתם התרבותית והחברתית ובכשרונות שגילו בכל שטחי החיים.

ודבר זה בלט לא רק ב„גורדוניה". לימים, כאשר כבר הייתי בארץ, סופר לי כי במשק יגור (שם נמצא ריכוז חברים מידיניץ) יודעים שברומניה יש שתי ערים גדולות: בוקרשט — הבירה וידיניץ — העיר שנותנת הרבה חלוצים...

אישית ביקרתי, כאמור, בידיניץ רק פעם אחת בלבד. השתתפתי בסיום ההכשרה בריפיצ'ן. היה זה סיום עצוב למדי. במקרה אסון טבעו אז שני חלוצים — בחור ובחורה — בנהר פרוט. אסון זה העיק על כולנו ועלי במיוחד.

עם פיזור הקבוצה — המקום הועבר לחלוצים של ניר־עם לעתיד — יצאנו בעגלה לידיניץ. היינו כעשרה חברים מצ'רנוביץ ואני נלוויתי אליהם ואתנו גם החלוצים אנשי־ידיניץ, שסיימו את הכשרתם ועמדו לעלות.

בסמוך ליער קוסטיז׳אַן נדחסו כ־200 איש בתוך רפת אחת, הרעב והצמאון גברו ומי שתייה לא היו. עמד להם ה„מזל" שהחורף במלוא עוזו וגג הרפת מכוסה שלג וקרח. הורידו האנשים גלידי קרח מעל הגג ובלעום בכל פה, כדי לשבור קמעה את הצמאון. אך גם זאת יכלו לעשות רק בלילה, בשעה שנרדמו השומרים. כן ניצלו גם את שעות הלילה והחושך, כדי להתגנב מבעד לגדר התיל שמסביב לרפת, פשטו בשדות לאסוף קצת תפוחי־אדמה וירקות אחרים — שארית השדה. היו גם שהצליחו להגיע אל בתי־האיכרים שבכפר הסמוך, ותמורת כלי כסף ודברי חפץ יקרים אחרים להשיג כיכר לחם, דלי תפוחי־אדמה, כדי להשתיק את רעבונם המציק בלי הרף".

במחנה ואַרטוז׳אַן

אחת התחנות הקשות היתה גם העיירה היהודית ואַרטוז׳אַן, בסמוך לדניאֶסטר. על מה שעבר על המגורשים בתחנה זו סיפרו שרה ליטבק ופרידה קוזמינר:

„העיירה נעזבה על־ידי תושביה היהודים קודם לכן, שנמלטו לצד הרוסי של הדניאֶסטר. הבתים נמצאו פרוצים ושדודים על־ידי איכרי הסביבה. האנשים ,הסתדרו׳ איכשהו בבתים הנטושים, ואם נשארו עוד לפליטה חלון או דלת, הורידו גם אותם, כדי להבעיר אש בתנור, לחמם את גופותיהם הרטובים מגשם הסתיו הטורדני ומהקור החודר עד לשד העצמות.

„העיירה הוקפה גדר, במטרה להפריד בין תושביה היהודים לבין הגויים שבסביבה. עם זאת לא יכלו השומרים הרומנים למנוע את המגע, ולוּ ליד הגדר, שבין המתקהלים, מדי יום, משני עברי הגדר, ל,שוק החליפין׳ שקיימו ביניהם. היהודים מכרו כל מה שנותר להם — בגדים, נעליים, חוטים, שרוכי־נעליים — הכל נמכר או הוחלף תמורת כיכר לחם, קצת סלק, תפוחי־אדמה. הכל נחטף... אנשים מכרו הכל, עד הכותונת האחרונה אשר לעורם. לא ייפלא, איפוא, כי היו שהתהלכו לבושי שקים, בלויי סחבות ואף היו כאלה שהתהלכו עטופי ניירות, רעבים ורועדים מקור. ואלה, האחרונים, נשארו ללא כל אפשרות להשיג פת לחם להשקיט את הרעב המציק. כדי לסייע במידת־מה גם לאלה, קיבל על עצמו שמואל פראדיס לערוך ,מגבית׳, בדרשו 2 ליי מכל ,בעלי היכולת׳ למען הנזקקים.

„בתחנה זו, בין ההריסות, יצא למגורשים ,לחוג׳ את ראש השנה. הגברים התכנסו בחורבה שהיתה פעם בית־כנסת. את התפילה ההיא, שערכו בעמידה, במיבנה הפרוץ, ללא דלת וללא חלון, אין אנוש יכול למסור. והנה באמצע התפילה הופיעו החיילים והאיצו במתפללים לצאת לעבודה, ולכבוד ,החג׳ השתדלו להפליא בתעלוליהם. ,העבודה׳ היתה סחיבת־אבנים במעלה הנהר ובמורדו, ככה סתם, ללא כל תועלת, רק כדי ,להנעים׳ על היהודים חגם הקדוש...

„בתחנה ארעית זו רבו המתים. ביניהם: ישראל רוזנטל, חנא אקרמן ואשתו הניה, המחותנים חיים־פרוים גוטמן ודוד שברץ (דודי דה־זשעראט); הללו מתו ביום אחד.

„מובן שהמחלות עשו שמות בקרב המגורשים, ביחוד פשטה מחלת הדיזינטריה בשל מי־השתייה המזוהמים.

„לפתע הופיעו כאן עלונים, בשפה רומנית, ובהם נאמר: Evrei vor să se intoàrcă acasă (היהודים רוצים לשוב הביתה)... יום אחד שלחו את הגברים לקסאוץ. משעברו ימים אחדים ואלה לא שבו, ניסינו לשאול את נציגי השלטונות ,היכן הגברים?׳ והתשובה היתה — ,לא יודעים׳. יותר לא ראינו אותם. רק פיני פרנס הצליח לברוח מאותו ריכוז ושב אלינו".

יום־הכיפורים ביער קסאָוץ

אם את חג ראש־השנה יכלו „לחוג" הנודדים ולהתפלל בין כתלי בית־כנסת, ולו גם מוזנח, הרוס ומזוהם, ולקדם אחד פני חברו בברכת השנה החדשה, הבאה עליהם „לטובה" — הרי, את החג השני, יום־הכיפורים, יצא להם „לחוג" כבר בחוץ, תחת כיפת השמיים ב„חיק הטבע" — ביער קסאָוץ.

בבוקרו של ערב יום־הכיפורים נמסרה ל„תושבי" ואַרטוזאַן הפקודה המוכרה להם: „לזוז" הלאה. לפתע נתברר להם, כי מפנים אותם לאותה דרך, שממנה באו לכאן. „הולכים הביתה!" — נפוצה השמועה, ואמנם אברהם גרינשטיין (חתנו של יחיאל קלוגמן) יכול היה להודיע בוודאות מוחלטת: „קינדער, מען גייט אהיים!..." קמים — ושוב לדרך. ובינתיים מתחיל לרדת גשם, תוספת־לוואי, כדי להקל ו„להנעים" על ההליכה.

עם ערב הגיעו ליער, יער קסאָוץ. והלילה — ליל „כל נדרי". נכנסים האומללים לתוך היער, „כאן יבלו את ליל החג"... מתיישבים על הארץ, בשלוליות המים שנוצרו מהגשם שירד במשך היום, רק עלי השלכת, שנשרו מהעצים, משמשים להם הגנת־מה נגד מקווי המים במעמקי היער. את הילדים לוקחות האמהות בזרועותיהן, מאמצות אותם לגופן החלוש, למען ייחם להם ו„מקבלים" את פני החג הקדוש.

החלו למלמל קטעי תפילה. בראשונה חרישית ואחר כך הלכה וגברה התפילה, עד שהפכה לצעקה מחרידה, מהולה בבכי וילֵלה, קורעי לב ושמיים. לחיילים ולשומרים המלווים לא היתה כל שליטה על ההמון. אף אלה, קשוחי־הלב וקרי־הדם, נבוכו והתרגשו למראה המזעזע... — התפילה נגמרה. חושך, רטוב וקר. מלקטים ענפים יבשים ומעלים מדורות להרתיח קצת מים לשתיה ולהתחמם. אש המדורות מתפשטת, כל היער מוצף אש ומואר כולו כאור היום. כאילו שימשו המדורות הללו מעין „נרות זכרון", מעין „הזכרת נשמות" לנופלים, אשר מצאו פדות לגופם ולנפשם, כבר בראשית דרך היסורים שעוד נכונה להם...

ביער קסאָוץ „בילו" כמה ימים. כל יום, ובמיוחד כל לילה — עם שלל קרבנותיו. מי יכול למנות את מספר המתים ביער זה, שהפך לבית־קברות? בחלקם אף לא נקברו המתים. רק לאחר מכן החלו לחשב את גודל הקרבן, שטרף היער הארור.

ו„המאושרים", תשושים ועייפים, לבושים קרועי סחבות, התנחמו בכך, שאם הצליחו לצאת מכאן, הרי גם הגהינום עצמו לא יוכל להפחידם.

העיירה אטאקי (אוטיק, בפי היהודים), היוותה תחנה אחרת בדרך הנדודים, של המגורשים, או של חלק מהם. כל הבתים היו כאן הרוסים ושרופים. בכל מקום ניכרים עדיין סימני הפוגרום שהיה כאן. הרוגים ברחובות, בחצרות, במרתפים ובכיכרות העיירה. על גבי קירות נראו סימני־כתב ביידיש, לפרקים כתובים בדם: „א ת ם, ש ת ע ב ר ו כ א ן א ח ר י נ ו, ה ג י ד ו ק ד י ש ל נ ש מ ת...!" (כאן בא שם) „נ פ ל נ ו ע ל ק י ד ו ש ה ש ם..." (חתימות) „כ א ן נ ר צ ח (בא השם) ע ם כ ל ה מ ש פ ח ה"... כתבו זאת הקרבנות בעצמם (בדמם), או אלה, שנוכחו במקום, והקימו להם, לפחות, „מצבה" שכזאת. מי זה יכול לדעת? והנה כתובת פיוטית: „א ת ם, ש ב א ו ת ם י מ י ם נ ח ת ם ת ח ת ק ו ר ת ג ג כ ם ו י ש נ ת ם ב מ י ט ו ת י כ ם, א ת ם ל ע ו ל ם ל א ת ו כ ל ו ל ת א ר ל ע צ מ כ ם א ת ס ב ־ ל נ ו"... „י ז כ ו ר... ה ז כ י ר ו א ת א ל ה ש מ ת ו ב צ י ד י ־ ה ד ר כ י ם"...

מ ע ב ר ־ ה ד נ י א ס ט ר

מעבר הדניאסטר, כמוהו כפרשה טרגית בפני עצמה. ושוב, גם ה־פעם אין זו פרשה או אירוע אחד ויחיד, מאחר ודרך כל השיירות וחלקי שיירות הובילה למעבר זה של הנהר — טרנסניסטריה.

רבים הם סיפורי הזוועה, אשר הת־חוללו במעבר. לחלק מהעוברים שיחק „המזל" והם הגיעו איכשהו „בשלום" לעברו השני של הנהר, בעוד שאחרים מצאו את מותם בין גלי הנהר, שנשאו את גוויות האומללים למרחקים.

נתפרסם במיוחד המקרה המזעזע על מעבר אותה שיירה, ואולי רק חלק ממנה, שבאה בדרך ואַרטוזאַן — קסאָוץ — אטאקי. סמוך למעבר, חילקו, משום־מה, את העוברים לשתי קבוצות נפרדות. האחת הופנתה בדרך יאמפולי והשנייה בדרך רזינה. הראשונה עברה בשלום ואילו השנייה נספתה כליל, תוך כדי המעבר, הנסיבות אינן ידועות עד היום הזה. איש לא נותר בחיים מקבוצה זו והשמועות שהתהלכו על אסון זה שונות ומשונות. הקבוצה הושמדה — אם ביריות, אם בעליית האנשים על שדות־מוקשים ואם בהטבעתם הזדונית במימי הדניאָסטר, אם כך ואם כך — גלי הדניאָסטר לקחו עמם את סוד היעלמם לנצח...

בין הנספים בקבוצה זו היתה גם אחותו של כותב הטורים הללו, רחל, ובנה היחיד בן ה־8 ילד חמד, וזאת, לאחר שהצליחו להיחלץ מצפרני הטרף של יער קסאָוץ, שם קברו — גם זו „זכות" גדולה — את שני ההורים — אליעזר וגולדה.

בדרך לרזינה נספו בני השען יעקל זילברמן — איציק ואסתר וילדיהם דוקה ושוליה וכן האם זלדה.

והנה סיפור על „קבלת הפנים" שקידמו בה את פני הבאים „לארץ היעודה":

„כאן, בצד המזרחי של הנהר, התרומם הר גבוה. התשושים נצטוו על־ידי מקדמי־פניהם — הרומנים והגרמנים — לעלות לפסגת ההר, כשכל אחד נושא עמו אבן כבדה — למען ,הקל׳ עליהם את הטיפוס אל פסגת ההר. ומשהגיעו נצטוו לשוב על עקבותיהם והפעם בלי האבן. אך בעליה החוזרת — שוב הועמסו על כתפיהם אבנים כבדות... וכך חוזר חלילה, עד שהאנשים כרעו־נפלו, באין־אונים, ולא מעטים התגלגלו למטה, למרגלות ההר, מבלי שיצטרכו שוב לעלות... דרכם האחרונה הובילה לתהומות הנהר...״

ואין זה הסיפור המחריד היחיד על מעבר זה.

התחנה הראשונה בטרנסניסטריה

„טרנסניסטריה״ — כולם סברו, כי זו תהא תחנת־הקבע ולה ציפו הנשארים.. כאן לפחות, סברו, תיפסק הנדידה. הן רק לקצת מנוחה התגעגעו האנשים. אבל עד מהרה נתברר להם, כי עד שיגיעו לאיזה שהוא מקום־קבע, עליהם עוד להמשיך בדרך יסורים ארוכה של תחנות ארעיות, מסוכנות ואיומות, אשר אין ביכולת אנוש לתארם.

על דרך נדודים זו, כבר על אדמת אוקראינה הפוריה והדשנה, מספרת דובה גרוזמן־כהן:

„בשארית כוחותינו הגענו בערב לקולחוז הראשון על אדמת אוקראינה הארורה. עד יומי האחרון לא אשכח את התמונה המחרידה והמזעזעת שראו עינינו. במחסן גדול, פרוץ לכל עבר, מלא לכלוך וזוהמה, על הרצפה, בתוך קש מלוכלך ומזוהם, מוטלים גברים, נשים וילדים, מפרפרים בין חיים ומוות — צללי אדם, קפואים מקור וגוועים ברעב, ביניהם — ילדים מוכי חולי, רעב ושיתוק. רק בקושי ניתן היה לתפוס את בקשתם האחרונה: מומע! גיב א שטיקעלע ברויט...

„ולפתע! את מי ראו עיני, כאן, בגהינום זה? את אחד מבני עירנו הדגולים, שמואל פראדיס ז״ל. שכוב במצב של גסיסה, בודד, עזוב ומתענה ביסורים ורק בקשה אחת בפיו: שמלאך המוות יחיש את בואו — אי אפשר יותר...

„עייפים ורצוצים שכבנו על הרצפה בצפיפות איומה ובבוקר, בטרם הספקנו לתת תנומה לעינינו, כבר פקדו עלינו מלווינו לקום מהר... וללכת... הלכנו יחפים, ערומים והקור העז חודר לכל איבר... והרעב — אוי הרעב... הוא מציק עד כדי טירוף ואין עוזר.. ואין מושיע...״

„ארעיות ממושכת״

היו גם תחנות אשר היתה בהם משום „ארעיות ממושכת״, אם אפשר לומר כך, היינו — עדיין לא מחנה קבוע, כמו מוהילוב העיר, ברשד ודומיהם. במחנה מעין זה, בו שהו האנשים זמן ממושך יותר, מן ההכרח היה להכיר אותו, להסתגל לסביבה ולאנשי המקום — הכפר הסמוך, לבוא אתם במגע, ל„הסתדר״, בלשון בני־אדם, החיים בתנאים פחות או יותר נורמליים.

מחנה מעין זה היה המחנה קאטאשון, בו חי יהודה כפרי, ולפי תיאוריו את התנאים ששררו שם, ניתן להקיש על תחנות דומות אחרות.

כתשע מאות איש מנתה שיירה שהגיעה לכפר קאטאשון.



על נהרות טראַנסניסטריה

מגורשי בסרביה, אי־שם על חוף הדניאָסטר, מחכים להעברתם לטראַנסניסטריה. רבים ניספו בטרם הגיעָם לכאן, רבים טבעו במי־הנהר בעת ההעברה. התמונה צולמה בידי החיילים הרומנים (מתוך ארכיון מתתיהו קאַרפּ).

אויפן ברעג פון נעסטער

די פאַרטריבענע פון בעסאַראַביע, ערגעץ־ווו אויפן ברעג פון נעס־טער, וואַרטן מ׳זאָל זיי אַריבערפירן קיין טראַנסניסטריע. פיל זענען אומגעקומען איידער זיי זענען אנגעקומען אַהער; פיל זענען דער־טרונקען געוואָרן בעתן אַריבערגיין דעם טייך. דאָס בילד איז פאָ־טאָגראַפירט געוואָרן דורך די רומענישע סאָלדאַטן (פונעם מאַטעאַס קאַרפּ־ארכיוו).

השיכון — אורווה ללא חלונות. הגג פרוץ, השלג והגשם חודרים דרכו ומציפים את „מגורי״ בני־האדם, באין מעצור. המחסור היה גדול. הרעב גבר. הקור — 30 מעלות מתחת לאפס. לא ייפלא, איפוא, אם מלאך־המוות קצר כאן קציר „מבורך״. כאן פרצו מגיפות למיניהן ובמיוחד הטיפוס.

היו ימים שהמתים נשארו במחסן־המגורים, מבלי שתינתן הרשות לקברם. כי גם קבורת־מתים היתה בחזקת גבורה, באשר היתה צפויה — לקברנים — אם הדבקות במחלת־המת ואם כדור בראש מידי שומרי המחנה.

בעבור החורף הראשון, והקור בכל עוזו, אפשר היה למנות ולסכם את „מאזן״ האבדות. השארית: שליש אחד בלבד.

משנוכחו הנשארים לדעת, כי המדובר בישיבה ממושכת

במחנה זה, החלו לחפש דרך לסידורי קבע „נוחים" יותר. השיגו שלושה בתים נטושים, שיפצו אותם ובעזרת שלמונים לממונים עליהם, הורשו לעבור ל„שיכון" החדש, „האידיאלי" לעומת הקודם. במשך הזמן אף נקשרו קשרים ויחסים טובים בין האיכרים שבסביבה לבין יושבי המחנה. אי־אלה איכרים אף העסיקו רבים מהמגורשים במשקיהם ותמורת עבודתם זיכו אותם בארוחה חמה ומזינה, ועוד פת לחם או קצת תירס לילדים הרעבים.

אהרן חכמוביץ, למשל, חפר קברים בבית־העלמין הנוצרי וכתמורה קיבל מרק־עדשים חם, כוס־חלב ועוד — במתנה — דלי תפוחי־אדמה, למשפחתו. כאשר „הוטב" כביכול, המצב הכללי, החלו הצעירים אף לחשוב על... חיי משפחה. נתקיימו נישואים בין צעירים ואף מקרי נישואים בין קשישים היו שכיחים.

לא־איכפתיות ואדישות

לפי שמסרו עדים שונים היו שיירות המגורשים מלווים, לרוב, במשמר קטן ביותר. ארבעה, חמישה חיילים או ז'נדרמים יכלו ללוות שיירה של אלפי מגורשים. הללו עושים במגורשים כרצונם, מגדפים, מחרפים ואף הורגים בהם — ואיש אינו מתקומם.

תמהים ושואלים: הכיצד? הן בין האלפים הללו היו לא רק זקנים, מיואשים, נשים הרות ודומיהם, הרי גם צעירים היו, אשר דמם תוסס בעורקיהם, כיצד זה לא קם בהם זיק של התנגדות, של מרי?

התשובה היא: האדישות והלא־איכפתיות.

התנאים האיומים — הרעב, הצמאון, המחלות ומקרי המוות בדרכים, הביאו את האנשים לידי קהות חושים. האנשים היו אדישים לכל דבר ואף מקרה לא זיעזע אותם ולא קומם אותם. לכן גם לא ייפלא, אם אנשים נשארו אדישים למראה מותם הפתאומי של הורים וילדים, השאירו אותם מוטלים בדרך והמשיכו ללכת עם שאר ההולכים... העיקר היה — לא לפגר — בלי מטרה ובלי תכלית, ובאין תקווה, הלאה, הלאה...

עם זאת נתברר, שאם מישהו לא איבד לגמרי את הכבוד העצמי, מחד־גיסא ואת כוח ההתנגדות, הרגישות והסבל הנפשי למה שקורה עם בני משפחתו מאידך־גיסא, והחליט לעשות מעשה נועז, לעזור, לשחרר איכשהו מעינויים והתעללות את משפחתו, ותוך כדי כך את כל אנשי השיירה אשר עמו — הצליח.

במחנות הריכוז ובגיטאות טרנסניסטריה

הדרך ליעד „הנכסף" — טרנס־ניסטריה — היתה רצופה, כפי שתואר כבר, הרבה סבל, רעב, מוות, סופות, גשם וכפור.

משהגיעה השיירה, בה הלכה פרידה קוזמינר, לעיירה ברשד, היא יכלה לסכם: „מאז נטשנו את ידיניץ ועד הגיענו לברשד עברו בסך הכל חדשיים, אך בשבילנו זה היה נצח"...

ברשד

על קורות המשתקעים בעיירה אוקראינית זו סיפרו לנו פרידה קוזמינר, יעקל גולד, חייה (קלרה ברנד) קלמנוביץ' וכן דובה כהן (גרוזמן). **מתארת דובה:** „כעשרת אלפים איש, שרידים מיהדות בסרביה, הצטופפו במחנה זה. אין לתאר במלים את תנאי־החיים כאן. אנשים גרו בבתים עזובים ופרוצים. האוקראינים שדדו והחריבו כל מה שהשאירו יהודי המקום, אשר ברחו עם הצבא האדום. הצפיפות היתה גדולה. מחלות הטיפוס והמעיים עשו שמות. לא היו תרופות. מיום ליום רבו המתים. הרעב גבר, כבר לא היה מה למכור ומה להחליף. רבים לא הירשו לעצמם להשיג ה„לוקסוס" של קצת קמח תירס.

„בברשד פגשנו הרבה מבני עירנו על סף המוות. בין אלה: אחותו של אפרים שברצמן, לאהקלה ובעלה, את אברהם בארון, חבר וידיד, מצאנו עירירי וגלמוד, גוסס בבית פתוח ובקור עז.

„הבעלים נשלחו לעבודה, מי לבנין גשרים בשביל הצבא הגרמני שנהרסו על־ידי הצבא האדום ומי למחצבות. רק לאחוז קטן עמדו הכוחות בעבודת פרך זו. הרוב לא חזר.

„אבל לאט לאט התחלנו להתרגל עם הצרות, כאילו לשם כך נולדנו, ומיום ליום הלך וגדל הרצון העז להמשיך, דווקא ולחיות אולי... אולי יקרה נס והמצב ישתנה.

„נוצר במקום שוק קטן. הוצאנו את הסמרטוטים העלובים שעוד נשארו לנו. תפרנו אותם מחדש וגילינו כל מיני המצאות. סדינים ישנים וקרועים הפכנו למפות שולחן, שנחטפו ממש על־ידי הנשים האוקראיניות. איך עשינו זאת? כאן בא לעזרתנו כוח ההמצאה היהודי. במקום שהיה חור רקמנו פרח גדול ויפה ומילאנו את החלל, ופרחים קטנטנים — על החורים הקטנים, והרי לך מפה רקומה, נהדרת..."

בית־ספר וחגיגות ילדים על אדמת ברשד

לסבל הפיסי, הרעב והמחסור, התווסף להורי הילדים סבל נפשי, בראותם שילדיהם הולכים וגדלים בורים גמורים, כמה דאב לבם למחשבה זאת. והילדים עצמם, היו אחוזים כאב וקנאה לכשנתקלו, בשבילי העיירה ובכפר, בילדי התושבים המקומיים, האוקראינים, בלכתם צוהלים לבית־ספר.. ושאלה אז הילדה קלרה ברנד (קלמנוביץ'): „רבונו של עולם מה חטאנו אנו, ילדי ישראל, כי כה נענשנו?"

בעיה כאובה זו העיקה על מצפונם והטרידה את מנוחתם של „משתקעי" ברשד, שנחלצו לעשות משהו בנידון. התגייסו כמה מאנשי המחנה (אחת הפעילות דובה כהן), ריכזו כ־200 ילדים, רובם יתומים, בפנימיה — עם אוכל ולבוש — גייסו כמה משכילים ומורים מבין המגורשים עצמם, והללו נתנו

שיעורים בלשון עברית, אירגנו חגיגות, בהם שרו הילדים שירים ארצישראלים. תקוות הגאולה בארץ־ישראל פעמה בליבות הילדים. הרי לך בית־ספר עברי על אדמת ברשד, אשר בגולת טרנסניסטריה. ואכן רבים מהילדים הללו זכו סוף־סוף להגיע לארץ־ישראל. אבל מר היה גורלם של אחרים. כידוע, הועלו ילדים רבים, בחורף 1943, באניה הבולגרית „סלבדור", שחתרה לחופי הארץ. ובהיות האניה בלב הים־התיכון טורפדה על־ידי משחתת גרמנית וצללה לתהומות הים, על 350 "העולים הבלתי־ליגליים" שהיו בתוכה וביניהם 150 ילדים ניצולי טרנסניסטריה. „סלבדור" („הצלה" — לעג הגורל) לא הצילה אותם.

יקר היה המחיר, אשר שילמו יהודי ברשד על נסיונם להחזיק מעמד על אף הסבל, המצוקה והעינויים ללא גבול, אשר עברו עליהם. רבים היו הנופלים והמתים מתחת יד המדכאים והמענים, מחלות הטיפוס והדיזנטריה, הרעב והמחסור, וגופותיהם הוטמנו בבית־העלמין היהודי בברשד. בעיצומה של המלחמה, ב־1942, הקימה ה„שארית" מצבת זכרון על קבר־האחים הגדול ועליה כתובת־קינה נשגבת, שחוברה על־ידי הרב דב יחיאל (בערל יאסער) מבריטשעוועץ. (ראה גלופה בעמוד 811).

מוהילוב

שיירה אחרת, או חלקים משיירות שונות, הגיעו, לאחר טלטולים רבים, לעיר המחוז מוהילוב. בין הנקלעים לעיר זו: פרידה קוזמינר, יואל ליברמן (דער צוקערניק) ומשפחתו, משפחת פרמיסלוב, חיים הורביץ, משה פורמן ומשפחתו, יצחק בורוצ׳ין ואחרים. מוהילוב שימשה ריכוז גדול של עשרות אלפי יהודים ממקומות שונים. אך עד ש„זכו" להגיע למוהילוב גופא — צריכים היו המגורשים לעבור כמה מדורי גיהינום במחנות עבודה, אשר בסביבה. אחד המחנות הללו היה בעיירה סקאזניץ.

כאן שוכנו המגורשים במיבנים של מחנות צבא נטושים. המיבנים נתמלאו עד אפס מקום. אוכל ומים לא ניתן להם, וצללי האדם התהלכו כמטורפים עד כדי כך, שאכלו את עלי העצים שבחצר המחנה. לאחר ימים של שהייה, הקימו אותם והחזירום למוהילוב וחוזר חלילה. רבים נפלו סוף סוף ב„טיולים" הללו ואילו המעטים, הנשארים, זכו איכשהו להגיע חיים לריכוז הקבע — מוהילוב.

מוהילוב, עיר מחוז גדולה, עתה הרוסה מרוב ההפצצות של הגרמנים. אך גם הבתים ההרוסים למחצה, מחוסרי חלונות ודלתות נתמלאו עד אפס מקום. המסכנים החלו להכניס „סדר" בבתים, לנקותם מהלכלוך שנצטבר, לכסות בניירות ובסמרטוטים את החורים הפתוחים אשר בחלונות, כדי להתגונן, ולו במעט, נגד רוחות החורף והקרה. מפחים שונים, שגילו, הותקנו „תנורי־חימום", אותם הסיקו בכל הבא ביד, לבל יקפאו בקור העז, שהשתולל אותו חורף (1942). האנשים עצמם שכבו על הארץ וריפדו את „משכבם" בנייר, במידה שעוד נשארו בידם. בתי־שימוש לא היו, הצרכים נעשו בכל מקום שנזדמן. היה זה דבר רגיל ואיש לא התרגש מזה, כאילו כך היה מתמיד. מים לא היו ועל רחיצה לא היה מה לדבר. הלכלוך והכינים אכלו את האנשים. המגפות והמוות שלטו שלטון ללא מצרים. היו שלא יכלו לעמוד בסבל, ואיבדו את עצמם לדעת.

ואם כל זה לא הספיק להם, לממונים על גורל האומללים, ללא הבדל של דרג, גבוה או נמוך, הרי חיפשו עוד לספק את תאוותיהם המיניות בבשרן הכחוש של בנות צעירות ונשים, על אף התנגדותן הנמרצת ומלחמתן הנואשת. במעשים שפלים אלה המשיכו המנוולים הללו, גם באביב 1944, כאשר כבר ידעו, כי הובסו וכי הצבא האדום מתקרב לטרנסניסטריה, גם אז עוד ניסו לערוך מצוד אחר בנות צעירות, אך אלה, מתוך תחושה אישית, אשר עלול לקרות להן וממש על סף ההצלה, הצליחו לברוח אל היערות, בהם הסתתרו עד הנסיגה הטוטאלית של הצבא הרומני. ורק אז שבו העירה, כדי להצטרף אל יקיריהם, השרידים האחרונים.

הנסיגה והשיחרור

אביב 1943. ערב פסח. הידיעות שהגיעו מהחזית המזרחית היו מעודדות ביותר. נמסר על תבוסת הצבא הגרמני על־יד סטאלינגראד. כל אלה הפיחו רוח של תקווה וציפייה, כי אכן הגיעה השעה הגדולה לפרוץ את גדרות המחנה, בהם היו כלואים קרוב לשלוש שנים.

אך גם הנסיגה של הצבא הגרמני והרומני פגעו לא במעט בשרידי המחנות. הנסוגים ראו ביהודים את האשמים במפלתם והתנקמו בהם בדרך נסיגתם. הם עצמם רצחו ללא הבחנה ואילו לאוקראינים אמרו: „תעשו בהם מה שאתם רוצים". אך אלה רצו פתאום להופיע כ„צדיקים" בעיני הסובייטים המתקדמים ולא נגעו לרעה ביהודים. לעומת זאת החלו דווקא הרוסים לרכז שוב יהודים במחנות, באשר רק פגשו בהם, בטענה, כי נשארו בחיים משום „ששיתפו פעולה, כביכול, עם הגרמנים" על כן יבואו עתה, רק עתה, בגמר המלחמה, על ענשם. רבים נשלחו לעבודת המכרות בדונבאס. לאחר מכן פירסמו בכל זאת הצבא והשלטונות הרוסיים בשטחים המשוחררים הודעה ברבים, כי הרשות בידי כל אחד ללכת לאן שיראה בעיניו ובפי כל ניתן לשמוע את מלת־הקסם — „הביתה".

ברם, לא רבים היו השבים „הביתה"... וכיצד נראו ההולכים בדרך חזרה! מחריד היה המראה. היו אלה אנשים לשעבר, קרועים ובלויים, יחפים, עייפים וסחוטים. רק עצם הידיעה, כי אכן הם שבים לביתם, הפיח בהם כוח — להמשיך על מנת להגיע לצור מחצבתם — מקור תקוותם האחרונה.

כיצד שרדו המעטים?

לא פעם נשאלת השאלה: בתנאים קשים אלה, שאין דוגמתם, במחסור, רעב ומחלות, — כיצד ניצלו בכל זאת שרידים אלה, שזכו לצאת מהתופת על כל זוועותיה?

לפי דברי הניצולים עצמם ניתן לציין כמה תופעות בולטות מהן — סובייקטיביות, נפשיות, ומהן — אובייקטיביות, חיצוניות.

דובה כהן (גרוזמן) קובעת: „השונא הגדול ביותר של האדם, שעשה בו שמות והפיל בו מירב החללים היתה — האדישות, מי שנכנע לתנאים האיומים, מי שמקבל את הדין, ללא כל נסיון של התנגדות ובאיזו צורה שלא תהיה, מי שלא עמד בו הכוח, וקודם כל הנפשי, וייצר הקיום להחזיק מעמד בכל הנסיבות — ולמרבה הצער הן אלה היו הרבים — גורלו נחרץ לאבדון, והחלשים היו ראשונים למוות".

בדעה זו מחזיקים גם רחל'ה ויחיאל מילנר. אבל היו גם כאלה אשר הצליחו לגלות מקורות נפש ותחבולות חיים, כדי לצוף מעל למציאות העכורה, לבל ייפגעו. זה היה סוג האנשים אשר יצרו את „שוק החליפין" של מקח וממכר. היו כאלה ש„מלאי" סחורתם היה עשיר, מגוון ובעל ערך... היו כאלה אשר חוננו בתכונת סוחר מיוחדת במינה להשגת מצרכים ושיווקם וביניהם — מי שהשיגו אף ניירות־ערך, מטבעות כסף וזהב — לסחור בהם. מאין? כיצד? — תעמולה! מאלה אף הגיעו ל„מעמד" של „אמידים" ויחסנים... מנדל ליברמן מוסר שהקים בשיתוף עם עוד יהודים בגטו סקוראַן „מפעל" קטן לתעשיית... ממתקים. הן לחם וסוכר לא היה להשיג, נאלצו, איפוא, להסתפק בסוכריות... והיו שהלכו לעבוד אצל איכרים בכפרי הסביבה תמורת טרף כלשהו לשבור את רעבונם הם ורעבון בני משפחותיהם. היו צעירים שנצטרפו לפלוגות הפרטיזנים (בסביבות מחנה קטאשון, למשל). והיו כאלה אשר חזרו על פתחי איכרים בבקשת פת לחם חרבה. לא מעטים היו מקרים של גויים טובים, אשר הצילו ממש נפשות ממוות בטוח. יהודה דורף וחיה מאיאנסקי קובעים בפסקנות: „אפשר לומר במלוא הוודאות, כי רבים הם היהודים, שניצלו ממוות בטוח, תודות ליחס האנושי מצד הגויים, אשר הושיטו לרעבים פת לחם, קצת תפוחי־אדמה, סלק או כל ירק אחר, העשוי להקל, ולו במקצת על מצוקת הרעב.

„לעולם לא אשכח את ח י י ד י, גוי שהיה אביון, מרוד, בעצמו, אשר פרס ממש מלחמו כדי לשבור את רעבונה של בתי הקטנה — **מטעימה בין היתר חיקה מאיאנסקי.** לא פעם היה מחזק את רוחנו אותו חיידי בדברי עידוד: ,מכאן אל תזוזו לאן יש לכם ללכת עוד? כאן תשארו עד יעבור זעם', אני עצמי נתקיימתי זמן מסויים על התמורה — מצרכי מזון שונים — שקיבלתי עבור דברי סריגה, כמו סוודרים, גרביים, וכד', שסרגתי בבתי־האיכרים."

ואילו רחל מילנר (פרדיס) מטעימה: „עד שעת חיי האחרונה אזכור את מיטיבי, האשה האוקראַינית אנה רודאַיה, ואת האיכר קרול ברנצ'וק, אשר על־ידי סיכון חייהם הצילו את בני יחידי שורה. לא אשכח להם זאת."

בתה של **חיקה מאיאנסקי היא אם מאושרת בתל־אביב ואילו בנם של רחל ויחיאל מילנר הוא מהנדס מצליח בישראל.**

אין פירוש הדבר, כי אמנם כל הגויים או רובם היו רחמנים ורודפי חסד. אדרבא, רבים שיסו את כלביהם ביהודי שנראה בשער חצרם פושט יד ומבקש פת לחם. הם חששו להידבק במגפת הכינים שלטה ביהודים „המלוכלכים" (הביטוי הנפוץ על הנגועים בכינים).

חזרה לידיניץ

מיוצאי ידיניץ נשארו מעטים בלבד, בודדים ממשפחות שלימות. כיצד נתגלתה העיירה לעיני השבים? מספר יעקל גולד: „העיירה היתה הרוסה. נכנסנו לבתים השלמים הבודדים ששרדו. העיירה היתה הרוסה לגמרי, אין מכירים בה לא בית לא רחוב. חלק קטן מהחוזרים נשאר בעיירה ההרוסה ואילו חלק אחר — הרוב — המשיך ללכת לצ'רנוביץ, להתקרב לגבול על־מנת להגיע לארץ־ישראל."

בעיירה נשארו בסך־הכל 70—80 משפחות יהודיות, שהחלו איכשהו „להסתדר", במסגרת המשטר הסובייטי החדש. מהם פתחו חנויות, האחרים אירגנו קואופרטיבים וארטלים, כמו בשנות ה־40, ברם נוער לא נשאר בעיירה. מסרו, כי בזמן הכיבוש הרומני נשארה בעיירה נפש יהודיה אחת ויחידה: סוסיה, בתו של שמואל־הירש הסנדלר, שחייתה עם נוצרי.

כל אנשי השלטון הסובייטי, היו הפעם זרים, שבאו מבחוץ. שרידי הקומוניסטים היהודיים המקומיים ניסו לחזור לשלטון, אך ללא הצלחה.

כל החיים הציבוריים היהודיים התרכזו בבית־הכנסת היחיד. אך זה נמשך רק זמן קצר.


ומוסיפה פרידה קוזמינר: „היינו כמה מאות נפש. יחסית, לעומת העיירות האחרות שפגשנו בדרכנו, נפגעה ידיניץ פחות, אם כי גם כאן הרחובות היו הרוסים, רוב הבתים התמוטטו, ואלה שנשארו היו בלי חלונות ודלתות שהגויים הורידום. אף הבתים עמדו כשלדי אדם פצועים. עלינו לבית־הקברות. אף כאן הרס גמור. ובלב פנימה — ההרס גדול פי כמה. הבטנו סביבנו. הנה, מה היה לנו... ולפנינו סימן שאלה גדול, מ ה ה ל א ה?"


*

המאמר „שואת יהודי־ידיניץ" חובר על־ידי מרדכי רייכר ז"ל על סמך גביית־עדויות, שיחות עם הניצולים ותעודות־ארכיון. מרדכי רייכר אסף בעצמו את רוב החומר למחקרו וגבה את רוב העדויות. ראיונות בודדים עם הניצולים (עם חכמוביץ ועם רחל שקולניק ז"ל, למשל) ערך אפרים שברצמן־שרון.

עוד בחייו החליט מ. רייכר, כי ביידיש תפורסם העבודה במלואה, ואילו בעברית, יפורסם תקציר, שהמחבר בעצמו הכין זמן רב לפני פטירתו.

ה מ ע ר כ ת






למעלה, מימין: איזור רחוב השוק. **למעלה, משמאל**: רחוב הכנסיה וה„טורהוביצה". **למטה, משמאל**: חלק מרח' הפוסטה. **למטה, מימין**: משפחת השו"ב אלקיס, ואלי רוזנברג ז"ל. השו"ב ישעיה אַלקיס, אשתו אלקה, בנותיו, חתנו ונכדו עלו לישראל בפברואר 1972.

אויבן רעכטס: די געגנט פון „מאַרק", די גאַס וואָס האָט פאַרבונדן דעם „מאַרק" מיט דער פּאָטשטאָווע. **אויבן לינקס**: די קלויסטערגאַס און די טאַרהאָוויצע.

אונטן לינקס: אַ טייל פון דער געוועזענער פּאָטשטאָווע גאַס.

אונטן רעכטס: אליהו ראָזנבערג ז"ל, וועלכער האָט פאָטאָגראַפירט דאָס בילד, האָט אַזוי באַשריבן די געגנט (דאַטירט: 23.6.1946): דער אונטערשטער טייל פון אונדזער שטוב (הירש קסילס); דער קעלער אָן אַ דאַך; פענצטער און טירן צעבראָכן; דער אויוון צעוואַלעט. ליבע מאַנאַלעסעס שטוב איז אַ גרוב. מ'זעט די צוויי־עטאַזשנע שטוב פון פּעסי די בעדערין אויף דער טאַרהאָוויצע, געבליבן איז נאָר דער סקעלעט".

אויפן בילד, זיצן (פון לינקס): דער שוחט ישעיה אַלקיס, זיין פרוי אלקה און זייער טעכטערל שיינדעלע. ס'שטייען פון רעכטס: ישעיהס שוועסטער אסתר רויזמאַן, אלי ראָזנבערג ז"ל, ריבה לבית אַלקיס און איר מאַן נתן כספּי (זילבערמאַן פון בריטשעווע) — עולה געווען אין 1947, היינט אין חדרה.

דער שוחט ישעיה אַלקיס, זיין פרוי אלקה, די טאָכטער שיינדעלע (צוזאַמען מיט איר מאַן אינזש' איזו גענעל פון אָדעס), דער זון צבי און די יונגסטע טאָכטער איטה — זענען עולה געווען אין פעברואַר 1972.



הגירוש — תמונת שמן מאת הידיניצאי יוזי לאנדה (כיום בריאו דה ז'אניירו, בראזיל).

דער גירוש — אייל‌בילד פון יעדינעצער יוזי לאַנדע (היינט אין ריאָ, בראַזיל).

די מארטיראלאגיע פון די יעדינעצער יידן

אַלגעמיינער איבערזיכט לויטן עדות־זאָגן פון דער שארית־הפליטה

פון מרדכי רייכער

סוף יוני 1940. אין שטעטל קומען אָן די ידיעות, אַז די סאָוויעטן האָבן דערלאַנגט אַן אולטימאַטום דער אנטיסעמיטיש־פאַשיסטישער רעגירונג פון אַנטאָנעסקון, אַז זי מוז, במשך פון פיר שעה צייט, אָפּטרעטן פון בעסאַראַבער באָדן. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן זיך די רומעַנישע ציווילע און מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען צוגעאיילט איינצופּאַקן זייערע „וואַליזעס" און אָנגעהויבן שנעל צו פאַרלאָזן בעסאַראַביע, ווו זיי האָבן געהערשט זינט 1918.

די רוסן קומען

פאַקטיש איז דאָס שטעטל געבליבן אין משך פון איינִיקע טעג, צווישן דעם ריקצוג פון די רומענער און דעם אָנקום פון די רוסן, אָן יעדער מאַכט.

„דאָס זענען געווען טעג פון שרעק — דערמאָנט זיך **חייקע מאַיאַנסקי** — ווייל יעדער האָט נאָך געדענקט דעם פּאָגראָם און די טעג פון גוואַלד און מאָרד, פון יאָר 1918, איידער די רוסן זענען אַרויס און די רומענער זענען אַריינגעקומען קיין בעסאַראַביע. איצט איז דער סדר אַ פאַרקערטער, אָבער די רעזולטאַטן קענען זיין די זעלבע".

22 יאָר האָבן די רומענער געהערשט אין שטעטל. דאָס

איז געווען אַ רעזשים פון טעראָר און פחד, פון קאָרופציע און כאַבאַר, פון אונטערדריקונג און אַרביטראַרע אַרעסטן. אָבער די מענטשן האָבן זיך, ווי ס'נישט איז, צוגעוווינט צום דאָזיקן רעזשים, האָבן געפירט זייערע עסקים און פאַרדינט זייער ברויט, ווער מער און ווער ווייניקער; פרנסה איז געווען. געווען רייכע און אָרעמע, בעל־מלאכהס און סוחרים, אַרענדאַרן און בענק. געווען אויך אַן אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעך לעבן, מיט כל־מיני „קאָמיטעטן", וועלכע האָבן געזאָרגט פאַרן כלל און אויסגעשטרעקט הילף און שטיצע די ניצרכים, אין צייטן פון נויט און מאַנגל. געווען שולן, חדרים און אַ גימנאַזיע; ס'האָט זיך געפירט אַן אינטענסיוו ייִדיש נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעך לעבן, מיט ציוניסטישע פאַרטייען, יוגנט־ און חלוצישע אָרגאַניזאַציעס; געווען אויך קאָמוניסטן און „לינקע" קרייזן, וועלכע האָבן גורם געווען צרות, נישט נאָר זיך אַליין, נייערט, אָפט, דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג פון שטעטל. יאָר־יערלעך, ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער מאַי, האָט די מאַכט דורכגעפירט אַרעסטן צווישן די „לינקע" קרייזן, „באָלשעוויקעס" אויף זייער לשון, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך במשך פון אַ לאַנגער תקופה, געפונען אין אַ צושטאַנד פון שרעק. און פלוצים — האַלט אַלץ ביים חרוב ווערן, מיט איין מאָל.

אין דער לופטן האָבן אָבער אויך אַרומגעשוועבט האָפענונגען וועגן „אמתער פרייהייט און גלייכקייט"; אָט באַפרייט מען זיך, האָבן פיל געהאָפט, פון די רומענישע קייטן, פון דער רומענישער אונטערדריקונג. אַ כוואַליע פון פרייד האָט אַלעמען פאַרפלייצט, באַזונדערס די, וועלכע האָבן זיך געגרייט דערצו. זיי האָבן זיך דאָך אַזוי אָנגעליטן, כדי צו דערלעבן „די גרויסע שעה", ווען די רויטע אַרמיי און די סאָוועטישע מאַכט וועלן אָנקומען קיין בעסאַראַביע.

איבער דער אַלגעמיינער אַטמאָספער און דער גאַסן־שטימונג, וועלכע האָבן געהערשט אין שטעטל אין יענע טעג, דערציילט שרה ליטוואַק:

„די מענטשן האָבן נישט געוווּסט, וואָס די נייע מאַכט וועט זיי ברענגען, פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און באַזונדערס נאַציאָנאַלער הינזיכט. אָבער דעמאָלט, ווייל מ'האָט פיינט געהאַט די רומענער, צוליב די פאַרפאָלגונגען, דער אונטערדריקונג און דער דערנידעריקונג מצד דער רומענישער מאַכט צו דער ייִדישער באַפעלקערונג, האָט יעדער ממש געשטראַלט פון שׂמחה, ווען מ'האָט דערהערט, אַז די רוסן קומען. אַז זיי זענען דערשינען אין דער גאַס — איז די פרייד געווען אַ גרענעצלאָזע. מענטשן האָבן זיך געקושט און געוויינט פאַר פרייד. שוין אָפּגערעדט די סאָוועטן־„טרייע" נאָך פון פריִער, יענע, וועלכע האָבן אַזוי שווער געליטן פון דער רומענישער טעראָר־מאַכט; זיי האָבן זיך אָנגעשפּיליעט רויטע פאַסן אויף דער ברוסט, ווייל זיי זענען דאָך געווען די הויפּט־„מחותנים" ביים אויפנעמען די נייע געסט, אויף וועלכע זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט; פאַר אָט דעם גליקלעכן מאָמענט האָבן זיי דאָך, אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, באַצאָלט „אַזוי טייער".

ווי אַזוי דאָס שטעטל האָט זיך געגרייט מקבל פנים צו זיין די „געסט", וועלכע דערנענטערן זיך, דערציילט ראָזאַ כאַכאַמאָוויטש:

„אין יענע טעג האָט מען געבעטן מיין ייִנגערן ברודער שמואל, וועלכער האָט געהאַט אַ צייכענונגס־טאַלאַנט, אויסצומאָלן אַ גרויס בילד פון סטאַלינס געשטאַלט, וואָס וועט געטראָגן ווערן אין שפּיץ פון דער מאַניפעסטאַציע, וועלכע וועט באַגעגענען די רוסן, די באַפרייער פון בעסאַראַביע פון די הענט פון קאָרומפּירטן רומענישן רעזשים".

די פרייד האָט אויסגעבראָכן, שוין ביים צוזען, ווי דאָס רומענישע מיליטער ציט זיך צוריק; די פרייד האָט אַפילו צעמישט די מענטשן. ווען מ'האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ רומענישן אָפיציר אָדער סאָלדאַט, האָט מען אַראָפּגעריסן זייערע עפּאָלעטן און זיי אַפילו געשפּיגן אין פנים אַריין. אַזעלכע מעשׂים האָבן פאַר די רומענער געדינט אַלס אויסרייד זיך נוקם צו זיין אין די ייִדן, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל.

אַ פאָר שעה נאָכן דערשיינען פון סאָוועטישן מיליטער (זיי זענען אַריין אין שטעטל פרייטיק־צו־נאַכטס), האָט מען אויסגערופן, אַז אַלע בירגער דאַרפן זיך פאַרזאַמלען, צו מאָרגנס, אויף דער טאַרהאָוויצע, כדי צו הערן, וואָס די נייע באַפרייער האָבן צו זאָגן.

אין אָט דער פאַרזאַמלונג איז געווען אָנוועזנדיק יהודה כפרי, דעמאָלט נאָך אַ ייִנגל, און ער דערציילט:

„אין דער מאַסן־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען טויזנטער ייִדן, פון יעדן עלטער און פון אַלע שיכטן, איז דערשינען אַ ייִדישער אָפיציר, אַ „קאָמיסאַר", וועלכער האָט זיך געווענדעט צו דער באַפעלקערונג אויף ייִדיש און רוסיש. ער האָט געזאָגט: מיר זענען געקומען אייך באַפרייען פון דער רומענישער אונטערדריקונג. פון איצט אָן וועט איר זיין פריי און ס'וועט אייך זיין גוט. שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט די ווערטער פונעם רעדנער. דער עולם, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט נישט געקאָנט וויסן, וואָס ס'דערוואַרט איס פון נייעם רעזשים, פון די באַפרייער".

דאָס רוסישע מיליטער האָט פאַרנומען די סעמינאַריע. די אָפיצירן האָבן פאַרכאַפּט די הייזער אין אויבערשטן טייל פון דער „פּאָטשטאָווע" גאַס. די אַטמאָספער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט קאָמוניסטישן גייסט און יעדער האָט זיך באַמיט צו באַווייזן זיין לאָיאַליטעט צום נייעם רעזשים, אין פאַרשידענע פאָרמעס, מינדלעך אָדער שריפטלעך. אָט איז אַ מוסטער פון אַ ליד, וואָס האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט (ווי ס'געדענקט עס יעקל גאָלד):

„אַ פרייד איז געקומען אויף דער אַרבעטער־גאַס,
מ'זינגט, מ'טאַנצט אָן אַ שיעור;
אויפגעלעבט האָט דער אַרבעטער־קלאַס,
נישטאָ מער קיין יִחוס, פאַבריקאַנט און גביר...
טאַנצט־זשע שטאַרקער, דער ראָד גרעסער,

דריקט אויס אייער לויב אין געזאַנגען,
דאַנקט די גרויסע באַפרייער,
די גרויסע פאַרטיַע פון לענין און סטאַלין — — —״.

פאַרזאַמלונגען... פאַרזאַמלונגען...

כמעט יעדן טאָג זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מ׳האָט געלויבט די מעלות פון נייעם רעזשים, אונטערשטרייכנדיק דערביי די שווערע לאַגע, וועלכע האָט געדריקט אויף די מאַסן, אין די צייטן פון אַלטן, פאַרפוילטן רעזשים.

ס׳זענען באַשטימט געוואָרן די נייע שטאָטישע הערשער. צו ערשט זענען זיי אַלע געווען לאָקאַלע מענטשן, ס׳רוב געשווירענע קאָמוניסטן אָדער סימפּאַטיקער. די באַקאַנטסטע נעמען: שאָלדאַ, קעריג, גיטל פעלדמאַן און אַנדערע. די נייע הערשער האָבן דערפילט, אַז סוף־סוף האָט אויסגעקלאַפּט זייער גרויסע שעה. זיי האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל, כדי צו באַווייזן, וואָס זיי קענען. די ערשטע זאַך איז געווען זיך אָפּצורעכענען מיט די שטעטלשע „גבירים״, זיי אַרויסוואַרפן פון די שטיבער, רעקווירירן זייער פאַרמעגן און זיך סתם־אַזוי נוקם זיין אין זיי. אַלץ איז געווען פאַרשריבן געוואָרן, אין דער היים און אין די געשעפטן. דערנאָך האָבן זיי זיך אַליין איינגעקוואַרטירט אין די רעקווירירטע הייזער. אַזוי, למשל, האָט זיך דער הערשער שאָלדאַ באַזעצט אין הויז פון חיים גוקאָווסקי און זיין פרוי, די דענטיסטין פרייזער. שאָלדאַ האָט באַשטימט, אַז דער אַריינגאַנג צו אים זאָל זיין דווקא פון פאָרנט; די וואָס קומען צו גוקאָווסקין, דערונטער די פּאַציענטן פון דער צאָן־דאָקטאָרשע, וועט נישט שאַטן, אויב זיי וועלן אַריינגיין אין שטוב דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג, דורכן הויף.

די הערשאַפט פון די לאָקאַלע מנהיגים האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט; זיי האָבן שנעל פאַרלוירן דעם חן אין די אויגן פון זייערע אויבערשטע באַפעל־געבערס; דער „צענטער״ האָט זיי אויסגעביטן אויף הויכע באַאַמטע, וועלכע מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון דרויסן. תיכף האָט מען אָנגעהויבן צו פילן אַ שפּייז־מאַנגל. פאַר די קלייטן האָבן זיך געצויגן לאַנגע „אָטשערעדן״ (רייען). דאָס ברויט און די אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען האָבן געקאָסט בלויז פאַר אַ קליינעם פּראָצענט פון די שטייענדיקע אין דער ריי.

וועגן דער אויפפירונג פון די רוסישע סאָלדאַטן אין שטעטל און איבער דער באַציִונג פון דער מאַכט צו די איינוווינער, ווייסט צו דערציילן פרידאַ מיטל (דעמאָלט — קוזמינער):

„אין די ערשטע טעג זענען די רוסישע סאָלדאַטן באַפאַלן די קלייטן און אָפּגעקויפט אַלץ, וואָס איז דאָרט געווען. אַלץ איז ביי זיי געווען אַ סחורה. אויף דער גאַס האָבן זיך אָפּגעשפּילט קאָמישע סצענעס. די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעפּוצט אין די משונהדיקסטע קליידער, וואָס זיי האָבן נאָר געקראָגן. ס׳איז ממש געווען אַ „פּורים־שפּיל״.

„איין פאַל וועט אונדז לערנען וועגן דער באַציִונג פון דער מאַכט צו דער באַפעלקערונג. צווישן די ערשטע פילמען, וואָס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אין שטעטל, איז געווען „די זוכערס פון גליק״. דער הויפּטהעלד פון פילם איז געווען אַ ייִד, וואָס וויל נישט אַרבעטן. אַפילו אין ביראָבידזשאַן, וווּהין ער פאָרט איבער, זוכט ער רייכטום. זיין פרוי זעט אויס נאָך נעבעכדיקער. איר שוועסטער האָט חתונה מיט אַ גוי און ביידע לעבן אין גליק און אין כבוד. די אַלטע מוטער איז דווקא גאָר צופרידן פון לעצטן שידוך, ווייל — איז געווען דער מוסר־השׂכל פון פילם — בעסער אַ פלייסיקער גוי, איידער אַ ייִד אַ בטלן. דער פילם האָט דערשיטערט די אַנוועזנדיקע״.

נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען

דער עקאָנאָמישער בוי און די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון די שטעטלשע איינוווינער האָבן זיך פולשטענדיק געענדערט. דער האַנדל איז פאַראַליזירט געוואָרן. אייניקע פון די גרעסערע געשעפטסלייט זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. די ניי־געעפנטע געשעפטן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָאָפּעראַטיוון און זייערע פריִערדיקע באַזיצערס האָבן אין זיי געאַרבעט ווי אָנגעשטעלטע. די מלאכה־וואַרשטאַטן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַרטעלן״ און די בעל־מלאכהס זענען געוואָרן מלוכהשע לוין־אַרבעטער. די קאָאָפּעראַטיוו־אַרבעטער, ווי אויך אַלע אַנדערע איינוווינער, האָבן באַמיט זיך צו אינקאַדרירן אין די נייע ווירטשאַפטלעכע פאָרמאַציעס און באַווייזן טריישאַפט צום נייעם רעזשים. אַלס ביישפּיל — די וואַנט־צייטונגען אין די אונטערנעמונגען, קאָאָפּעראַטיוון און וואַרשטאַטן. אָט איז אַ פראַגמענט פון אַ ליד, פאַרעפנטלעכט אין אַ וואַנט־צייטונג (ציטירט פון זכרון דורך יעקל גאָלד):

„די שעה האָט געשלאָגן,
שוין לויפן די צוגן,
אַלץ יאָגט צו דער רומענישער היים,
די מחנות זיי יאָגן,
די עלטסטע זיי שלאָגן,
פאַר ווייטיק מען קריצט מיט די ציין.
שווער זיי די „העלדן״,
צו פאַרלאָזן די צעלטן,
צו פאַרלאָזן די „מוטער פון ברויט״...
אונטערשריבן פון אויבן,
דו מוזט שוין אַנטלויפן,
דער אונטערשיד איז לעבן אָדער טויט.
איר דאַרפט נישט זיין בייז
אויף דער רויטער אַרמיי,
זיי קומען מיט רעכט צו זייער היים;
די ווערסיילער פאַרפירער,
נידער מיט זיי,
זייער שטראָף איז באַלד ווי געשען״.

ס׳איז געווען שווער צו קריגן אַרבעט. אויב מ׳האָט אָנגע־

וויזן, אַז איינער איז געווען „אַ ציוניסט“, איז עס געווען פאַר אים אַן אומגליק. כדי צו באַקומען אַרבעט, האָט מען געמוזט צושטעלן אַן „אויטאָביאָגראַפיע“. מען האָט טאַקע אויפגעשטעלט קאָאָפּעראַטיוון, ס׳האָט אָבער אין זיי געהערשט אַ ריזיקע אומאָרדענונג, ווייל די נאַטשאַלניקעס און די מאַכטהאָבערס אַליין זענען נאָך געווען דעזאָרגאַניזירט. דער ייִדישער עולם האָט געלעבט אין פחד. מ׳האָט נישט געוווּסט, ווי די לאַגע וועט זיך אַנטוויקלען.

קורץ נאָך דער אָקופּאַציע זענען געעפנט געוואָרן די שולן. די אָפיציעלע שפּראַכן זענען געווען רוסיש און מאָלדאַוואַניש. העברעיִש איז, פאַרשטייט זיך, געפּסלט געוואָרן. דער רוב לערער איז געקומען פון דרויסן, אָבער געווען אויך לאָקאַלע לערער. נישט געווען קיין שום קולטור־אַקטיוויטעט. אַפילו חתונות זענען געפּראַוועט געוואָרן אין געהיים. מ׳האָט טאַקע אויפגעשטעלט דעם „קאָמסאָמאָל“, אָבער ער האָט אויפגענומען, דער עיקר, נישט־ייִדישע יוגנט; די ייִדישע יוגנט איז דאָך באַשטאַנען, מייסטנס, פון סוחרישע קינדער...

די ביטערע לאַגע פון די ציוניסטן

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פון די ציוניסטן, באַזונדערס פון די באַקאַנטסטע צווישן זיי. טייל פון די חלוצים האָבן זיך אומגעקערט פון די הכשרות אַהיים. ס׳איז דערשינען אַן אויפרוף צו דער יוגנט זיך פרייוויליק צו מעלדן אויף אַרבעט אין די שאַכטן, טיף אין רוסלאַנד. אַלע מיטגלידער פון די יוגנט־באַוועגונגען האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן אומקום. אייניקע עלטערע ציוניסטן האָט מען אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר (צווישן זיי: בן־ציון תימן, לוי צינמאַן און אַנדערע).

די הייזער זענען רעקוויזירט געוואָרן. הייזער איבער פיר הונדערט קוואַדראַט־מעטער זענען „נאַציאָנאַליזירט“ געוואָרן. די איינוווינער זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע הייזער, אָן דעם מ׳זאָל זיי זאָגן, וווּהין צו גיין. אויך די קלויזן זענען רעקוויזירט געוואָרן; מ׳האָט זיי פאַרוואַנדלט אין מאַגאַזינען. אַלץ וואָס האָט געשמעקט מיט טראַדיציע און ייִדיש־נאַציאָנאַלן געפיל איז בטל געוואָרן. די ביכער פון דער „תרבות“־ביבליאָטעק זענען דורכגעגאַנגען אַ רעוויזיע; די העברעיִשע ביכער האָט מען פאַרברענט. אַ טייל ייִדישע ביכער האָט מען איבערגעלאָזט, דערונטער די קלאַסיקער — שלום עליכם, פּרץ, מענדעלע. שפּעטער האָט מען אויך געפּסלט מענדעלען און פּרצן.

ווידער אַ מאָל: די ציוניסטן און די שטעטלשע מכובדים זענען פאַרפאָלגט געוואָרן מיט אַכזריותדיקייט, ביי דער פולער מיטהילף מצד דער באַקאַנטער „חברה“. יעדן טאָג — נייע אַרעסטן און פאַרשיקונגען.

צווישן די פאַרשיקטע האָבן זיך אויך געפונען די משפּחות פון יעקב פּערלמאַן, אברהם און שלמה זילבערבערג, גוראָווסקי, איציק מאַיאַנסקי, יאָסל אײדלמאַן, א. ה. טשאַק, פוקס און אַנדערע. צווישן די פאַרשיקטע זענען אויך געווען קריסטן.

דאָס איז געווען דעם 13טן יוני 1941, ביי נאַכט. אָן אַ פאַרוואָס, האָט מען אין יענער גירוש־נאַכט, אין אַלע בעסאַראַבער שטעט און דערפער, אויפגעוועקט הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געווען באַקאַנט אַלס „רייכע“, קרעמערס, קולאַקן, גוטבאַזיצערס, ציוניסטן און אַנדערע; זיי האָבן באַקומען דאָקומענטן אַלס „אומגעוווּנטשענע“ עלעמענטן פאַר דער מלוכה־זיכערקייט (פּאַראַגראַף 39), וועלכע מען דערווייטערט פון די גרענעץ־געביטן. מ׳האָט זיי אַרויסגענומען פון זייערע שטיבער, דערלויבט יעדן מיטצונעמען בלויז זעקס קילאָגראַם באַגאַזש און באַפוילן אַרויס אין וועג אַריין.

אין יענעם יאָר זענען אויך פאָרגעקומען וואַלן צום ראַיאָן־סאָוועט. די לערער זענען געשיקט געוואָרן צו פירן אַגיטאַציע אין שטאָט און אין די אַרומיקע דערפער. אַלס וואַלקאַנדידאַטן זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פּשוטסטע מענטשן. ייִדן זענען נישט געווען צווישן די קאַנדידאַטן. די אַגיטאַציע האָט געטענהט: „דאָס זענען די ערלעכסטע מענטשן; די פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדידאַטור און זיי דאַרף מען אויסוויילן“...

אָבער איידער דער נייער רעזשים האָט באַוויזן זיך איינצופונדעווען, איז פּלוצים אָנגעקומען די שוואַרצע בשׂורה: די רומענער קערן זיך אום... און אויב מיר וועלן צוגעבן, אַז צוזאַמען מיט די רומענער קומען אויך די דייטשן, וועט מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס אַלעמען האָט פאַרכאַפּט אַ זאָרג און אַ פחד.

דער אויסברוך פון דער מלחמה

אַיבערן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד און וועגן דעם צוריקקום פון די רומענער (די פאַשיסטישע רומעניע איז דעמאָלט געווען אַן אַליאירטע פון דייטשלאַנד), זענען אין שטעטל פאַרשפּרייט געוואָרן כלערליי קלאַנגען, טיילווייז ריכטיקע, טיילווייז נישט קיין ריכטיקע.

אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן, פון איין זייט — אַ פּאַניק און פון דער צווייטער זייט — אַן אומצוטרוי צו די קלאַנגען. מיר ברענגען ווייטער דריי פאַרשיידענע ווערסיעס איבער דער דעמאָלטיקער שטימונג.

דערציילט מענדל ליבערמאַן, דעמאָלט נאָך אַ ייִנגל:

„אין אָוונט, ערב דעם 22סטן יוני 1941, זענען מיר געווען אין טעאַטער; „ליוביטיעלעס“ (אַמאַטאָרן) האָבן געשטעלט שלום עליכמס איינאַקטערס. אַהיימגייענדיק פון דער פאָרשטעלונג האָבן מיר באַמערקט, אַז דאָס מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין שטעטל, האָט אָנגעהויבן זיך צו באַוועגן אין דער ריכטונג פון טייך פּרוט, די גרענעץ צווישן בעסאַראַביע און רומעניע.

טראָץ דעם זענען אַלע געווען זיכער, אַז דאָס איז בלויז אַ מאַנעווער. קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

„די איינוווינערס האָבן נישט געקאָנט די אמתע לאַגע; ווייל, וואָס ס׳האָט געמאָלדן דער ראַדיאָ האָט נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. מען האָט געלעבט אויף קלאַנגען. אין צווישן האָבן מיר דערפילט, אַז די רעגירונגס־אינסטיטוציעס גרייטן זיך צו עוואַקויִרן טיף אין רוסלאַנד. בסוד האָט מען געמאָלדן אַלע העכערע באַאַמטע, דערונטער אויך ייִדן, זיי זאָלן זיין פאַרטיק פאַר דער עוואַקואַציע. מ׳האָט געשמועסט, אַז פאַר דעם צוועק וועגן איז נויטיק אַ ספּעציעלער פּאַספּאָרט, ווייל אַנדערש וועט מען נישט אַריבערלאָזן דעם טייך נעסטער, די גרענעץ צווישן בעסאַראַביע און רוסלאַנד. ס׳איז געוואַקסן די מורא און מ׳האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. די מאַכט האָט עס נישט געזאָגט. ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו באַגראָבן אין דער ערד טייל פון זייער פאַרמעגן און גע־וואַרט. דער שׂונא האָט אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן דאָס שטעטל. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו האַנדלען״.

פרידאַ קוזמינער, דעמאָלט אַ שול־לערערין אין אַ מלוכהשער שול, און אַליין אַ נאָענטע צו די רוסישע מאַכט־קרייזן, גיט איבער איר ווערסיע:

„שוין אָנהויב יוני זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז אָט ברעכט אויס אַ מלחמה. די לערער האָבן זיך געווענדעט אין פּאַרטיי־הויז און געבעטן דערלויבענישן („פּראָפּוסקן״) אַריבערצוגיין דעם נעסטער. דער ענטפער איז געווען: „וואָס? איר האָט נישט קיין צוטרוי אין כוח פון דער רויטער אַרמיי? איר מאַכט אַ פּאַניק.״ אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די באַאַמטנשאַפט, דער פּאַרטיי־אַקטיוו, אויך די ייִדן, זענען אַוועק מיט די רוסן, ווען די רומעניש־דייטשע כוחות האָבן זיך דערנענטערט. אויף וויפל איך דערמאָן מיך, זענען צווישן די צוריקגעצויגענע געווען די משפחה גוקאָווסקי (מאַרוסיאַ גוקאָווסקי האָט חתונה געהאַט מיטן באַרימטן שאָלדאַ), ד״ר גרינבערג (ער האָט אויך אָנגעהאַלטן גוטע באַציִונגען מיט די רוסן), ד״ר לערנער און אַנדערע. ד״ר לערנער האָט זיך שפּעטער אומגעקערט; מ׳האָט דערציילט, אַז ער האָט פאַרגעסן זיינע פּאַפּירן און זיך אומגעקערט זיי מיטצונעמען. ער איז געכאַפּט געוואָרן דורך די רומענער און דערמאָרדעט געוואָרן. מיטוואָך, דעם 3טן יולי, האָבן אָפּגעצויגן די לעצטע סאָוועטישע באַאַמטע און אָפיצירן. טייל ייִדישע יונגע לייט זענען מאָביליזירט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי; צווישן זיי: ישׂראל קאָלקער, פּימאַ טאָלפּאָלאַר, אהרן העלפּגאָט, י. בראָנשטיין און אַנדערע״.

אַן אַנדער ווערסיע איז די פון יעקל גאָלד; וואַרשיינלעך איז עס געווען די מיינסט־פאַרשפּרייטע צווישן די איבערגעראַשטע און דערשראָקענע שטעטלשע איינוווינער:

„וועגן דעם אויסברוך פון דער מלחמה זענען מיר גע־וויר געוואָרן דורכן ראַדיאָ. דער בוקאַרעשטער ראַדיאָ האָט דערקלערט: „ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די הייליקע מלחמה קעגן די ייִדן און די באָלשעוויקעס״. איך האָב אין יענעם טאָג

„די פאַשיסטן וועלן נישט שטעלן קיין פוס״

אין דער באַנק, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט שטיינוואָרץ, האָט איינער פון די רוסישע באַפולמעכטיקטע צונויפגעזאַמלט אַלע באַאַמטע און פייערלעך דערקלערט, אַז „קיין שום שׂונא וועט נישט וואַגן צו שטעלן זיין פוס אויף דער ערד פון סאָוועטישן פאָטערלאַנד... נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר די דייטש־רומענישע פאַרכאַפּערס״. אַ פּאָר שעה נאָך אָט דער מעלדונג איז מען געוווּער געוואָרן, אַז די סאָוועטישע באַפולמעכטיקטע און אַלע באַאַמטע פון דער באַנק זענען שוין נישטאָ. חנה גערצמאַן, וועלכע האָט געאַרבעט אין באַנק, איז געגאַנגען צו שטיינוואָרצן אַהיים, כדי זיך צו דערוויסן, וואָס ס׳איז געשען; זי האָט געטראָפן די שטוב ליידיק... אויפן טיש זענען געבליבן רעשטלעך פונעם אָנבייסן.

גראָד באַגעגנט שטיינוואָרצן. ער האָט געזאָגט: „מ׳דאַרף אַנטלויפן, וווּהין די אויגן וועלן טראָגן״.

צו מאָרגנס, אַרום 11 אַ זייגער פאַר מיטאָג, האָבן די רוסן אָנגעהויבן אָפּצוציען צום נעסטער. פון פאַרשיידענע ריכטונגען האָט מען געהערט שיסערייען. אין עק שטעטל זענען שוין געפאַלן באָמבעס. דערנאָך האָבן די רוסן אָפּגעצויגן צום נעסטער און איבערגעלאָזט די באַפעלקערונג אויף הפקר. דעמאָלט איז פאַרשוווּנדן יעדער ספק, אַז די קלאַנגען זענען אמתע. די פראַגע איז געווען: וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?״

די רומענער קומען צוריק

די רוסן זענען אַוועק. נאָך אַ פּאָר שעה באָמבאַרדירונג, „כדי ווייך צו מאַכן דעם באָדן״, האָבן זיך אומגעקערט די רומענער. אויך איבער דעם אופן, ווי אַזוי די רומענער האָבן זיך אומגעקערט, זענען אומגעגאַנגען פאַרשיידענע געשיכטעס, וואָס יעדע איינע האָט איבערגעשטיגן די צווייטע מיט אירע שוידערלעכקייטן.

לויט איין עדות איז צו ערשט אַריין אין שטעטל אַ קאַוואַלעריע־איינהייט, אין וועמענס שפּיץ ס׳האָט זיך געפונען אַן אָפיציר, באַוואָפנט מיט אַ מאַשין־געווער. ער האָט געשאָסן אין די שטיבער און אין די הויפן אַריין. די לאָקאַלע כוליגאַנעס, פאַשיסטן און גאַרדיסטן, זענען זיי אַנטקעגנגעגאַנגען מיט ברויט און זאַלץ. מ׳האָט דערציילט, אַז אויך ייִדן זענען אַרויס מקבל פּנים זיין די רומענער מיט דער ברכה „בינע אַץ וועניט״ (ברוכים הבאים); אין זייער שפּיץ האָט זיך געפונען משה סויבלמאַן. דער ענטפער אויף זיין ברכה איז געווען אַ קויל אין קאָפּ. ער איז געפאַלן אויפן אָרט אין אַ טייך פון בלוט.

וועגן אַריינמאַרש פון די רומענער גיט איבער יהודה כפרי, דעמאָלט נאָך אַ קינד, וועלכער ווערט נאָך היינט דערשיטערט, ווען ער דערמאָנט זיך די דאָזיקע גרויזאַמע שעהען:

„ווען די רומענישע סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטעטל, האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַשיסן די הייזער און הויפן. ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ ריזיקע פּאַניק. פיל מענטשן האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין די הייזער. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אַרומצולויפן אויסזוכן משפּחה־מיטגלידער, כדי כאָטש צו זיין צוזאַמען אין דער עת־צרה. די קלויסטער־גלאָקן האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען און אָנגעזאָגט, אַז דאָס שטעטל איז דעראָבערט געוואָרן. פּאַקטיש איז דאָס שטעטל אַריינגעפאַלן צו די רומענער, ווי אַ צייטיקע פּרוכט, ווייל די רוסן האָבן עס שוין געהאַט פאַרלאָזט, אייניקע טעג פריער. אָט די סתם שיסערייען, כדי צו פאַרשאַפן די סאָלדאַטן אַ טייוולאָנישע הנאה, האָבן געדויערט נאָך אַ 2־3 טעג. פון אָט די שיסערייען זענען געפאַלן אייניקע הונדערט ייִדן. זייערע קערפּערס, וועלכע זענען געבליבן ליגן אויף די גאַסן, האָט מען דערנאָך אָנגעלאָדן אויף פורלעך און אַוועקגעפירט, אויף קבורה, צום בית־עולם״.

די ערשטע טעג

איבער דער אכזריותדיקייט פון די רומענער צו די ייִדן, ווי נאָר זיי האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל, און אַ פּאָר טעג נאָך דעם, ווערן איבערגעגעבן אויפשוידערנדיקע עדות.

צו מאָרגנס, נאָכן אַריינקומען פון די רומענער אין שטעטל, איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן דאַרפן זיך צוזאַמענקומען אין הויף פון דער „פּרעטורע״ און דאָרט וועט מען זיי איבערגעבן אַ וויכטיקע מעלדונג. דער רוב ייִדן איז אָבער געבליבן אין זייערע הייזער, פאַרשלאָסן און פאַרריגלט, אָדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. די, וואָס זענען דערשינען אויף דער פאַרזאַמלונג, זענען אַרעסטירט און איינגעזעצט געוואָרן. אין די קריסטלעכע מאַהאַלאַס זענען דורכגעגאַנגען סאָלדאַטן און באַפוילן, אין נאָמען פון דער נייער מאַכט, אַרויסצוציִען אין צענטער פון שטעטל, כדי צו ראַבירן דאָס פאַרמעגן פון די ייִדן... ווער ס׳וועט נישט גיין — האָט מען געוואָרנט — וועט באַשטראָפט ווערן אַלס „קאָמוניסט״. די קריסטן האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געוואַרט אויף אַ וויטערדיקער „איינלאַדונג״ און באַפאַלן, ווי אַ היישעריק, די ייִדישע גאַסן. פיל פון די קריסטן האָבן אָנגעוויזן דער רומענישער מאַכט, ווער פון די ייִדן איז געווען אַקטיוו בעת דעם רוסישן רעזשים, אָדער געדינט אין די פאַרשידענע רוסישע מלוכהשע אָרגאַנען. די לעצטע זענען גאָר ווילד געשלאָגן און באַהאַנדלט געוואָרן.

אין דעם רויב און גזילה האָבן אָנטיילגענומען סײַ די גויִים פון די מאַהאַלאַס, ווי אויך די גויִים פון די אַרומיקע דערפער — רוסען, גאַליצן, אָרדינעשט, טערעבנע או״וו.

איבערן גרויזאַמען פּאָגראָם דערציילט רחל שקאָלניק (פרוי רחל שקאָלניק איז אין צווישן נפטר געוואָרן):

„דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פרי; ס׳האָבן אין איס אָנטיילגענומען אַ טייל פון די נאַציִשע און רומענישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געהעצט די פויערים צו ראַבעווען די ייִדן, ווייל זיי זענען קאָמוניסטן און זיי באַהאַלטן אויס קאָמוניסטן אין זייערע הייזער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד פאַרן פּאָגראָם, כדי איבערצופאַלן די ייִדן, זיי צו באַרויבן און צו פאַרגוואַלטיקן פרויען און מיידלעך.

„צו ערשט האָט מען פּאָגראָמירט די קלייטן. דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו די שטיבער און זיי אָנגעצונדן. זיי האָבן ממש פאַרברענט דאָס שטעטל... ס׳איז געווען שרעקלעך דאָס צוצוזען״...

רחל שקאָלניק איז אויפגעשוידערט געוואָרן, מיט פיל יאָרן שפּעטער, ביים איבערגעבן די דאָזיקע פּרטים.

און ס׳גיט צו פרידע קוזמינער:

„פרייטיק אין דער פרי זענען אַריין די רומענער. בלויז דריי סאָלדאַטן אויף מאָטאָציקלען האָבן באַהערשט דאָס גאַנצע שטעטל. במשך פון פרייטיק און שבת האָט מען געראַבעוועט און אָנגעמאַכט אַ חורבן אין שטעטל. גויִים פון די אַרומיקע דערפער און אַפילו פון ווייטע דערפער זענען אַריין אין די שטיבער און וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אַוועקשלעפּן האָבן זיי צעבראָכן: די טירן און פענצטער, דאָס מעבל; זיי האָבן צעריסן די קישנס, און פעדערן זענען אַרומגעפלויגן אין דער לופטן. ס׳איז געווען אַ דערשיטערנדיק בילד. די ייִדן האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין די הייזער, נישט אַרויס אין גאַס, פאַרמאַכט די לאָדנס און געוואַרט אין שרעק״.

געטריבן דורך די סאָלדאַטן, זענען מאַסן מענטשן צענויפגעשטופּט געוואָרן אין די הייף, אויף „קאָנטראָל״; מ׳האָט, כלומרשט, געזוכט קאָמוניסטן. אין איינעם פון די הייף איז אַריינגעפאַלן פרידע קוזמינער (היינט: מיטל) און זי דערציילט:

„מ׳האָט אונדז איבערגעפירט אין הויף, וואָס צווישן וואָסקאָבאָיניקס אַפּטייק און יוסף איידלמאַנס הויז. דאָ זענען, צוו״אַנד, געווען די משפּחה פּראַדיס, יעקב ברונשטיין, שיינדעלע און צבי איידלמאַן. שיינדעלע איידלמאַן איז דערנאָך געשיקט געוואָרן אין דער אַפּטייק אַריין, מאַכן דאָרט אַ ביסעלע אָרדענונג. אין אָוונט איז געקומען דער פּרימאַר און געפּרעגט, ווער פון די צענויפגעזאַמלטע איז אַ קאָמוניסט. מ׳האָט אָנגעהויבן צו רעווידירן די מענטשן. טייל פון די פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם איז פאַרהאַלטן געוואָרן און אַן אַנדער טייל איז באַפרייט געוואָרן; איך בין געווען צווישן די באַפרייטע.

„וואָס טוט מען? וווּהין גייט מען? אינסטינקטיוו בין איך אַהיימגעלאָפן. דאָס הויז איז געווען אויפגעבראָכן. כ׳בין אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. ס׳איז רויִק. איך גיי דורך די צימער. נישטאָ קיין מענטש. כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אין דער אָבאָרע (הויף). אַ שוידערלעך בילד, וואָס האָט פאַרגליווערט מיַין בלוט. דער הויף איז פאַרזייט מיט הרוגים: די גאַנצע משפּחה, די באָבע און איר שוועסטער, די שכנים. כ׳האָב מורא. כ׳בין דערשיטערט. איך הער אַ קול, ס׳איז די שטים פון דער מומע חיה, זי איז פאַרוווּנדעט אין בויך. מ׳האָט זי שטאַרק

באַשאָסן. „ראַטעוועט מיך". האָט זי זיך געבעטן מיט די לעצטע כוחות. ס'איז מיר געלונגען זי איבערצופירן אין שפּיטאָל. צו מאָרגנס איז זי געשטאָרבן".

וועגן יענע צוויי ערשטע טעג דערציילט, באַזירנדיק זיך אויף אָפיציעלע באַריכטן און דאָקומענטן, האַריאַ קאַרפּ אין זיין בוך „טראַנסניסטריע" (מיר ציטירן לויט דער ייִדישער איבערזעצונג פון יצחק וויינשענקער, אַ יעדינעצער, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „בעסאַראַבער ייִדן", בוענאָס איירעס, ה' תש"י—1950), קאַפּיטל I, א"נ „שחיטות — געשיכטלעכע כראָנאָלאָגיע פון 29־טן יוני 1941 ביזן 15טן נאָוועמבער 1941":

„6טער יולי 1941: דאָס רומענישע חייל, וואָס האָט נאָך נעכטן אין אָוונט אָקופּירט דאָס שטעטל יעדינעץ, הייבט אָן אויסהרגענען די ייִדישע באַפעלקערונג. אין צוויי טעג זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אַ 500 ייִדן. ייִדישע מיידלעך און פרויען זענען געשענדעט געוואָרן, און טייל פון זיי האָבן זיך דעריבער גענומען דאָס לעבן.

7טער יולי 1941: אין יעדינעץ ווערן צונויפגענומען אַלע הרוגים פון דער נעכטיקער שחיטה און זיי ווערן באַגראָבן אין דריי געמיינזאַמע גריבער. די קברנים, אַלע ייִדן, זענען דערנאָך ביז איינעם דערשאָסן געוואָרן. דער ייִדישער באַפעלקערונג איז פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסגיין אויפן מאַרק, אָדער בכלל צו האָבן קאָנטאַקט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג".

רויב, מאָרד און גרויל

די מערדערייען, רויבערייען, די פאַרגוואַלטיקונגען און די אַרעסטן זענען שאַרפער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. ס'איז שווער צו געפינען, לויט די פאַרשידענע עדות, אַ כראָנאָלאָגישן סדר פון פאַרלויף פון די געשעענישן: אַנדערע גיבן איבער, אַז די געשעענישן האָבן פּאַסירט פריִער; און אייניקע גיבן איבער, אַז זיי האָבן פּאַסירט שפּעטער. על כל פּנים, וואָס ס'ווערט דאָ דערציילט, איז כאין וכאפס קעגנאיבער דעם, וואָס ס'האָט דער שטעטלשער באַפעלקערונג פּאַסירט אין דער ווירקלעכקייט אין יענע גרוילטעג.

קודם־כל — דער גייעג אויף די קאָמוניסטן. יהודה כפרי דערציילט, אַז מ'האָט געכאַפּט מענטשן, אָן אַן אונטערשייד; אויף וועמען מ'האָט נאָר אָנגעוויזן, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, אַ ייִד אָדער אַ גוי, איז ער אַרעסטירט געוואָרן; אייניקע זענען אויפן אָרט דערמאָרדעט געוואָרן.

לויט אַ צווייטער ווערסיע האָט אַ „קאָמיסיע" געדאַרפט בודק זיין די פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. די קאָמיסיע האָט עס באַשטימט לויט אַן אייגנאַרטיקן גורל־וואַרפן. זיי האָבן אין אַ מין „קלפּי" אַריינגעוואָרפן צוויי מינים צעטעלעך: „נומער 1" און „נומער 2". די פאַרדעכטיקטע האָבן געצויגן צעטעלעך, און ווער ס'האָט אַרויסגעצויגן אַ „נומער 1" איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס „קאָמוניסט". די דאָזיקע האָט מען געפירט צום בית־עולם און דערשאָסן. 582 נפשות זענען דעמאָלט דערמאָרדעט געוואָרן. די וואָס האָבן געהאַט גליק אַרויסצוציִען דעם „נומער 2" זענען צוערשט אַכזריותדיק געשלאָגן געוואָרן, און דערנאָך, צו ביסלעך, באַפרייט געוואָרן.

מ'דערציילט, אַז אייניקע פון די באַפרייטע זענען צו־מאָרגנס ווידער געבראַכט געוואָרן אויפן בית־עולם, זיי זאָלן מקבר זיין די דערמאָרדעטע פון ביי נאַכט. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס: אייניקע „קברנים" האָבן דערקענט צווישן די דערהרגעטע זייערע פאָטערס, ברידער און אַנדערע משפּחה־מיטגלידער.

וועגן דער דאָזיקער בלוטיקער נאַכט דערציילט יהודה כפרי, הגם, אַן אַנדער ווערסיע:

„ס'איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע דאַרפן זיך שטעלן אין דער סעמינאַריע. טייל איינוווינער זענען אַליין געקומען; אַנדערע זענען געכאַפּט און געבראַכט געוואָרן צום זאַמלפּלאַץ. די ברייטע סעמינאַריע־הייף זענען איבערגעפולט געוואָרן פון מענטשן — מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, זקנים און קינדער, קראַנקע און געזונטע. אויך מיך און מיין פאָטער האָט מען געכאַפּט און געבראַכט אין אַ הויף, קעגנאיבער דער סעמינאַריע. ס'זענען דאָרט געווען אַ 400 מענטשן. אַ טייל, דערונטער מיין טאַטן, האָט מען באַפרייט; די אַנדערע, די ייִנגערע, האָט מען אויסגעשטעלט אין צוויי שורות און איבערגעפירט אין הויף פון חיים ראובן דעם פּיטאַנטשיקס איינפאָר. מ'האָט געזאָגט, אַז ביי נאַכט וועט מען אונדז אויסהרגענען. ס'איז טאַקע אמת געווען. פאַר נאַכט האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין דריטלעך. יעדעס דריטל האָבן געהיט 4 סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. מ'האָט אונדז באַפוילן צו שפּאַנען אין דער ריכטונג פון בית־עולם. ס'איז שוין געוואָרן פינצטער. כ'האָב עס אויסגענוצט און זיך אַרויסגעדרייט פון דעם קאָנוואָי און ווי ס'נישט איז אַהיימגעקומען. שווער אויסצומאָלן די פרייד פון דער משפּחה. אין יענער נאַכט איז צו אונדז געקומען דער זון פונעם שערער יצחק ווינאָקור, וועלכער איז אויך געווען מיט אונדז צווישן „די יונגע". ער האָט דערציילט, אַז מ'האָט אַלעמען געבראַכט אויפן בית־עולם און זיי באַפוילן אויסצוגראָבן צוויי שורות גריבער. דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט אויף די קני, פאַר די אָפענע גריבער. די סאָלדאַטן האָבן אויף זיי געשאָסן פון מאַשין־געווער גלייך אין פּנים אַריין. טייל דערשאָסענע זענען גלייך אַריינגעפאַלן אין די אָפענע גריבער אַריין. אַנדערע זענען געבליבן ליגן שווער פאַרווונדעטע; מ'האָט געהערט קולות פון קרעכצן און גסיסה. פאַריבער אַ פּאָר שעה און די קולות זענען אַנטשוויגן געוואָרן. די סאָלדאַטן האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן פאַרענדיקט די „אַרבעט" און האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט. ווינאָקור, הגם ער איז געווען פאַרוווּנדעט, האָט זיך אָבער געפילט פעיִק זיך אויפצושטעלן אויף די פיס; ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון בית־עולם און איז

אַנגעקומען אַ פאַרבלוטיקטער און אַ ציטערנדיקער פון פחד צו אונדז אין שטוב״.

צווישן די דאָזיקע בעלי־מזל איז אויך געווען ד. פ י נ ־ ט ש ע ו ו ס ק י, וואָס האָט געהאַט אַ בוך־געשעפט. ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אַראָפּ פון די געדאַנקען.

די אָרטיקע גויִים האָבן אָנטיילגענומען אין פּאָגראָם

וועגן יענער בלוטיקער נאַכט דערציילט, אַ ביסל אַנדערש, פ ר י ד ע ק ו ז מ י נ ע ר:

„אין יענעם טאָג איז אַ טייל פון דער באַפעלקערונג פאַרשלעפּט געוואָרן אין דער ציגיינערישער גאַס; אַ צווייטן טייל, די יונגע, די פראַכט פון שטעטל, האָט מען קאָנצענטרירט אויפן בית־עולם; מ׳האָט זיי געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב און ביים אָפענעם גרוב האָט מען זיי דערשאָסן. דער קלאַנג וועגן שוידערלעכן מאָרד האָט אונדז, די איבערגעבליבענע, פריטשמעליעט. מיר האָבן געזוכט אַ פּלאַץ זיך צו באַהאַלטן. מיר זענען אַריין אין פּראַדיסעס שטוב, וועלכע איז שוין געווען פול געפּאַקט. אַלע מאָל האָבן אונדז באַזוכט וויכטיקע „געסט״, וועלכע האָבן פון דאָרט אויך אַרויסגענומען מענטשן, כדי זיי צו הרגענען. מיר האָבן אָבער געהאַט מזל און אַרויס לעבעדיק. צו מאָרגנס האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים. אַלץ איז אָבער געווען חרוב און צעשטערט... בלוט־פלעקן אויף די ווענט... דאָס מעבל איז כמעט נישט געווען. מיר זענען געבליבן אויפן אָרט נאָך אַ דריי וואָכן. מיר האָבן זיך „איינגעאָרדנט״. מיר האָבן געזוכט שפּייז און געגעסן, וואָס ס׳איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. אין צווישן זענען אָנגעקומען פּליטים פון ליפּקאַן. זיי האָבן געזוכט אין יעדינעץ אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען און „איינצו־אָרדענען״...

אָבער נישט נאָר סאָלדאַטן האָבן גערצחנט. אין די רציחות האָבן אויך אָנטיילגענומען די לאָקאַלע ציגיינער, ווי אויך אַנדערע גויִישע מיטוווינער פון שטעטל. ס׳האָט זיך אויס־געצייכנט אויפן געביט פון רציחות אַליאָשע, דער עלעקטראָ־טעכניקער, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט אין שטעטל, ביי די יידן און גערעדט ייִדיש ווי אַ ייִד. מ׳גיט איבער, אַז ער האָט, מיט זיינע אייגענע הענט, דערמאָרדעט

פיר תליות אין יעדינעץ

די שוידערלעכע מאַרטיראָלאָגיע פון דער משפחה מוצלמאַכער האָט צום ערשטן מאָל באַשריבן מ. מ. ד ו י ד ז א ָ ן ־ ב י ת ־ ד ו ד ז״ל, דער גרינדער און אָנפירער פון „אַרכיוו־מוזיי פונעם בעסאַראַבער ייִדנטום״ אין אַ פּובליקאַציע א. נ. „דפים לזכרון״, וואָס איז דערשינען אין תל־אביב אין יאָר תש״ט (1949). דער מחבר האָט נישט אָנגעגעבן דעם מקור פון זיין באַשרייבונג און רופט נישט אָן די נעמען פון די עדות, וועלכע זאָלן האָבן איבערגעגעבן די שוידערלעכע געשיכטע. אין דער דערמאָנטער בראָשור ווערט אויך געבראַכט אַ בילד פון דער אומגעקומענער משפּחה.

מיר געפינען פאַר נייטיק איבערצודרוקן דעם באַריכט פון מ. מ. דווידזאָן־בית־דוד, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1966.

אַלע מאַטעריאַלן פון דעם „אַרכיוו־מוזיי״ זענען איבערגעגאַנגען צום תל־אביבער אוניווערסיטעט. אין „אַרכיוו־מוזיי״ איז אויך געווען אַ טעקע (דאָסאַר) „יעדינעץ״, וועלכע איז באַשטאַנען פון אייניקע צייטונגס־אויסשניטן. צום באַדויערן איז אָט דער דאָסאַר פאַרשוווּנדן געוואָרן.

מיר גיבן איבער די נאָטיץ, ווי זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אָריגינאַל, מיט בלויז קליינע אָרטאָגראַפישע ענדערונגען.

די פאַרניכטונג פון ייִדישן ישוב אין בעסאַראַביע האָט נישט איר גלייכן אין קיין שום אַנדער לאַנד, שוין דערמיט אַליין, וואָס דאָ איז זי אויסגעפירט גע־וואָרן, נישט נאָר מיט די אַכזריותדיק־פּרימיטיוווסטע אופנים, נאָר אויך מיט דעם שנעלסטן טעמפּאָ. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, זענען די באַפעלן צו די אויספירער אויף די ערטער, געווען: „ש נ ע ל א ו ן ב אַ ל ד א ו י ס פ י ר ן ד י אַ ק צ י ע״... און סך־הכל אין דריי טעג איז דאָ אויסגעשאָכטן געוואָרן אַ גאַנץ דריטל פון דער ייִדישער באַ־פעלקערונג: איבער הונדערט טויזנט ייִדן, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער. די אָרטיקע מאָלדאָוואַנעס, אונטער דער אָנפירונג פון רומענישע און נאַצישע אינסטרוקטאָרן, באַוואָפנ־טע מיט טעמפּע כלי־משחית, ווי שניידמעסערס, קאָסעס, העק און אויך דרענגלעך און אייזערנע שטעקענעס האָבן דאָ קאָנקורירט איינער מיט דעם צווייטן, ווער עס וועט באַווייזן אומצוברענגען מערער ייִדישע לע־בנס...

דריי טעג און דריי נעכט האָבן זיך דאָ די קולות פון ווילד צעיושעטע מענטשן־חיות צוזאַמענגעגאָסן מיט שרעקלעכע קרעכצן און יללות פון די צום־טויט־דערשלאָגענע, גוססדיקע ייִדן, מענער, פרויען און קינדער־לעך, — אויף די גאַסן און די הייזער.

אָבער באַזונדערס שרעקלעך איז פאָרגעקומען דער חורבן און אומקום פון דעם ייִדישן ישוב אינעם שטעטל י ע ד י נ ע ץ, כאָטינער קרייז, (איצט: בעלצער ראַיאָן), ווו דעם 4טן יולי, פרייטיק פאַר ליכט־צינדן, האָט זיך אַ רומענישע קאָמאַנדע, אין דער צאָל פון 200 פערזאָן, אונטער דער אָנפי־

מוניע ראַבינאָוויטש, דעם אינקאַסענט פון שפּייערס עלעקטראָ־סטאַנציע.

און עס גיט צו, מיט ציטער, יהודה כפרי (דאָרף):

„כ׳האָב געזען, ווי אַליאָשע האָט דערמאָרדעט, מיט זיינע אייגענע הענט, מנחם קאָגאַן (דער זון פון חיים „רומין״)... כ׳האָב געזען, ווי יעדינעצער גויִים האָבן געהרגעט די פרוי פון אַנטשל וואָלפענזאָן און האָבן פאַרוווּנדעט זיין טאָכטער און אויך פיל אַנדערע, וועלכע כ׳האָב נישט געקענט אויפן נאָמען״.

ווי ס׳איז צו זען פון אָט די אַלע עדות, האָט מען קאָנצענטרירט די יידן אין פאַרשידענע פּלעצער. וועגן דעם זאַמלפּלאַץ אויף דער ציגיינערישער גאַס, וווּהין זי איז אַריינגעפאַלן, דערציילט פרידע קוזמינער:

„זונטיק אין דער פרי (די רומענער זענען אַריינגעקומען פרייטיק), האָט מען אַנגעהויבן אַרויסצונעמען די מענטשן, אַלט און יונג, מענער און פרויען, פון די הייזער; מיט געשלעגן זענען זיי געטריבן געוואָרן צו דער ציגיינערישער גאַס. אַ שמוציקע קאַמער („שאַפּראַן״) איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי. פון ביידע זייטן אַריינגאַנג זענען געשטאַנען גויִים, כדי צוצוזען דאָס בייזע ווונדער און אַריינכאַפּן זאַכן, וואָס מ׳האָט פון אונדז אָוועקגערויבט. מיר זענען געבליבן כמעט נאַקעט. געוני פאַרן אַריינגאַנג איז געלעגן אַ טויטער, ליווישטשוקס זון. מען האָט אונדז געצוווּנגען צו טרעטן אויף זיין קערפּער. אינעווייניק האָבן מיר שוין געטראָפן צענדליקער און אפשר הונדערטער יידן, טיילן פון **משפחות**, אַלע פאַרוווּנדעטע, הונגעריקע, כמעט נאַקעטע; זיי האָבן געדאַוונט און געשריען „שמע ישראל!״. מ׳האָט נישט געוווּסט, וואָס ס׳וועט געשען. פון צייט צו צייט ברענגט מען נאָך מענטשן, וועלכע מ׳שטופּט אַריין אינעווייניק.

„מ׳האָט אַריינגעבראַכט פינטשעווסקין פון שרייב־געשעפט, וועלכער האָט זיך געראַנגלט אין שרעקלעכע יסורים. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט איינגעשלונגען גיפט־פּילן; וואַרשיינלעך אָבער, נישט קיין גענוגנדיקע דאָזע, און אין אַזאַ פאַל איז דער קערפּער גובר דעם גייסט. ער איז אין גאַנצן געווען געל און איז געפאַלן אויף דער ערד. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט געפּרוּווט זיך צו פאַרגיפטן, אויס פאַרצווייפלונג, קעגן דעם, וואָס מ׳האָט אָפּגעטאָן אין זיין הויז. שפּעטער האָט מען אויך אַריינגעבראַכט זיינע באַליי־רונג פון רומענישע און דייטשע אינ־סטרוקטאָרן, געוואָרפן אויף דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג, און אָנגעהויבן זייער מאָרד־אַקציע מיט שענדן און פייניקן פרויען, אָן אונטערשייד פון עלטער; פאַרן מינדסטן ווערן זיך און שטעלן זיך אַקעגן איז מען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. און אין יענעם שבת־צו־נאַכטס, זענען דאַ דערמאָרדעט געוואָרן איבער טויזנט יידן.

אָבער אַ גרויל גייט דורך דורכן לייב, און דאָס בלוט ווערט פאַרקילט אין די אַדערן, ווען מען דערמאָנט זיך אין די פיר תליות, וואָס זענען אין יענעם שבת אין דער פרי אַנטדעקט געוואָרן: פיר תליות — פון אַ יונגער מוטער מיט אירע דריי טעכטערלעך, וועלכע זענען די גאַנצע נאַכט גע־פייניקט געוואָרן פאַר די אויגן פון מאַן און פאָטער. און פאַרצווייפל׳טע האָבן זיי מער קיין זינען נישט געפונען אין לעבן... דאָס איז געווען איינע פון די באַליבטסטע יידישע פאַמי־ליעס, ווו די קינדער האָבן באַקומען אַ אמת יידיש־נאַציאָנאַלע דער־ציונג, עלטערן און קינדער האָבן גערעדט עברית און געחלומט וועגן



משפחת מוצלמאכר המעונה

בתמונה (שהועתקה מהחוברת „דפים לזכרון״ בהוצאת מ. מ. בית־דוד — דוידזון המנוח): האב דוד, האם סימה, הבנות זהבהלה, אסתרל, ובלימהלה; וכן אמו של דוד, מרת גיטל, שנספתה בבריצ׳אן.

די מאַרטירער־משפּחה מוצלמאַכער

אויפן בילד (רעפּראָדוצירט פון דעם ביולעטין „דפים לזכרון״, אַרויסגעגעבן דורך מ. מ. בית־דוד — דווידזאָן ז״ל) געפינען זיך: פאָטער דוד, מוטער סימע, די טעכטערלעך זהבהלע, אסתרל און בלימעלע; ווי אויך דודס מאַמע מרת גיטל, וועלכע איז אומגעקומען אין בריטשאַן.

דיקטע טאָכטער און ווייב, פאַרווונדעטע און מיט פאַרבלוטיקטע פנימער. אַזוי האָט עס געדויערט אַ גאַנצן טאָג.

„פאַר נאַכט האָט מען אונדז אַרויסגענומען, אויסגעשטעלט אין רייען און באַפוילן צו שפּאַנען. פון ביידע זייטן גאַס זענען געשטאַנען גויִים און אַראָפּגעלאָזט שטעקנס איבער אונדזערע קעפּ, פנימער און קערפּערס. פּינטשעווסקי האָט זיך לכתחילה נאָכגעשלעפּט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט מיטגיין; אויפן וועג האָב איך אים געזען פאַלן".

דער רומענישער הערשער קערט זיך אום

אין יענע טעג האָט זיך אומגעקערט אין שטעטל דער רומענישער „הערשער" ביז 1940, וועלכער האָט צוגעזען די אויפפירונג פון אייניקע ייִדן כלפּי די רומענער און די רומענישע סאָלדאַטן ביים פאַרלאָזן דאָס שטעטל; ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט די ייִדן, נישט מאַכנדיק קיין אונטערשייד צווישן „שולדיקע" און אומשולדיקע.

ער האָט צענויפגענומען די קריסטלעכע באַפעלקערונג, געהאַלטן פאַר זיי אַ העצערישע רעדע און זיי גערופן נעמען נקמה אין די ייִדן, באַזונדערס אין די קאָמוניסטן, פאַר זייער אויפפירונג כלפּי די רומענער בעתן ריקצוג. די ייִדן, האָט ער געטענהט, האָבן פאַרקויפט בעסאַראַביע צו די באָל־שעוויקעס און זיי דאַרפן דערפאַר טייער באַצאָלן.

דער דאָזיקער רומענישער אָפיציר האָט באַפוילן מ'זאָל פאַר אים ברענגען יעדן טאָג אַ גרופּע ייִדישע ייִנגלעך; מ'האָט זיי שוידערלעך געפּייניקט. טייל פון זיי האָט תיכּף אויסגעהויכט די נשמה; די אַנדערע האָט מען אָפּגעשיקט צו פוס קיין כאָטין, ווו זיי האָבן געדאַרפט, כלומרשט, גע־שטעלט ווערן פאַר אַ געריכט. די לעצטע זענען פאַרשווונדן געוואָרן אָן שפּורן.

מאָרד און רויב איז אָבער נישט געווען גענוג פאַר אָט די בלוטדורשטיקע פּראַי־אָדם. זייערע חיהשע תאוות האָבן זיי באַפרידיקט מיט סאַדיסטישע אכזריותדיקייטן און דער־נידעריקנדיקע פאַרגוואַלטיקונגען, וועלכע זיי האָבן אָפּגעטאָן אין מיטן העלן טאָג.

העלדישע טאַטן

די עלטערע פרוי רחל שקאָלניק ז"ל געדענקט אָבער אויך אייניקע העלדישע טאַטן, וועלכע עס זענען באַגאַנגען מענער פון פרויען און פאָטערס פון טעכטער, וועלכע, פאַר־טיידיקנדיק דעם כבוד פון זייערע טייערע, האָבן דערביי באַצאָלט מיטן לעבן. אָט זענען אייניקע פאַלן פון אַזעלכע העלדישע טאַטן קעגנאיבער דער חיהשער האַנדלונג פון די אָנפאַלער, וועגן וועלכע ס'האָט דערציילט פרוי רחל שקאָלניק (נישט קענענדיק אָפּהיטן, פאַרשטייט זיך, דעם גענויעם כראָנאָלאָגישן פאַרלויף):

✶ דער לערער הערש קוזמינער האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע מענטשן, כּדי צו פאַרטיידיקן זייערע משפחות און דעם כבוד פון 40 פרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלער; בלויז אַ דאַנק אָט דער קעגנער־שאַפט, איז געלונגען נישט צוצולאָזן די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין קעלער אַריין, צו פאַרגוואַלטיקן די פרויען. אָבער אַלע, ביזן לעצטן, זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן און געשטאָרבן ווי קדושים.

✶ שמעון קאָוואַל האָט זיך, מיט זיינע לעצטע כּוחות, געראַנגלט מיט די רוצחים, וועלכע האָבן געוואָלט מאַנס

ארץ־ישראל. און — — — פאָטער און מוטער, מיט דער צושטימונג פון די קינדערלעך, האָבן דאָ מיט אייגענע הענט צוגעגרייט די פיר תליות. עס ווערן פריער געבראַכט אויף דער עקדה דורך תליה די צאַרטע דריי פאַרפּייניקטע טעכטערלעך:

די עלטסטע, **זהבהלע**, 19 יאָר

די צווייטע, **אסתרל**, 16 יאָר

די דריטע, **בלימעלע**, 10 יאָר

דאַן קומט די ריי פון דער מוטער

סימה בת יחזקאל,

לבית קאָרמאַנסקי הי"ד

וועלכע ווערט דורך איר מאַן אַרויפ־געצויגן אויף דער תליה, און ער,

דוד בן עזריאל*

וואַרפט זיך אַריין אין ברונעם, וואָס ביי זיין שטוב, ווו ער געפינט זיין טויט...

הייליקע ייִדישע נשמות — — — ווער וועט זיך אייער קריוודע אָנ־נעמען?

און אַ פאַרצווייפלטער, אַ פאַר־שעמטער חזרסטו איבער די ווערטער פון משורר, און זאָגסט אים נאָך וואָרט אין וואָרט:

„דו זעסט? דאָ האָבן אומריינע ערלים
די ריינע טעכטער פון דיין פאָלק געשענדעט
אויף איינער צען, אויף איינער צען,
די מוטער
דער טאָכטער אין די אויגן, און די טאָכטער
דער מוטער אין די אויגן, פאַרן קוילען
בעתן קוילען, נאָכן קוילען... — — —
— — — — — — — — — — — —
און די זון, ווי היינט, ווי נעכטן,
ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיקע גייט אַרויס
פון מזרח זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל, און גלייך ווי גאָר נישט"...

ח. נ. ביאַליק

---

* זיין מוטער, די אַלטע גיטל בת צבי נ"ע, 68 יאָר אַלט, איז אין דער זעלבער צייט אומגעקומען אין איר היימשטאָט בריטשאַן.

זיין זיינע טעכטער. אויך ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, און נאָך אים — אַלע זיינע בני־בית.

✶ אייזיק ליוואַק און זיינע קרובים האָבן אומזיסט געפּרוּווט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון זייערע פרויען און טעכטער; זייער גורל איז געווען דער זעלבער, ווי פון די שוין דערמאָנטע.

לאָמיר אונטערשטרייכן, אַז אין דער שפּיץ פון די כוליגאַנעס־פאַרגוואַלטיקער, די זין פון די לאָקאַלע ציגיינערס און קאַצאַפּעס, איז געשטאַנען דער ציגיינערישער פידלער איוואַניצאַ, וועלכער האָט געשפּילט די „התקוה" ביים „באַזעצן" די כלות אויף אַלע יידישע חתונות; ער האָט אָנגעוויזן, וווּ ס'געפינען זיך ייִדישע פרויען און מיידלעך, כדי די שקצים זאָלן מיסברויכן מיט זיי.

✶ מוניע בן חיים ראַבינאָוויטש האָט אויך געפּרוּווט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון זיין שוועסטער; די רוצחים האָבן פריִער מיסגעברויכט מיט דער שוועסטער און דערנאָך ביידן דערשאָסן.

✶ וועלוועלע לודמיר, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע לייט, האָט געפּרוּווט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון די פרויען און זייערע טעכטער; אַלע, ווי איינער, זענען דערמאָרדעט געוואָרן.

✶ די פיר ברידער פּריוואָליטליק האָבן געקעמפט ביז צו זייערע לעצטע כוחות צו פאַרטיידיקן זייערע שטיבער און דעם כבוד פון זייערע משפחות. אַלע זענען דערמאָרדעט געוואָרן, צוזאַמען מיט די משפחות.

✶ הערש ראָזנבערג האָט זיך קעגנגעשטעלט די רויבערס אין זיין הויף. ער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן.

✶ דודל און מעכל „פון דער פּאָטשט" האָבן נישט געוואָלט אַוועקגעבן די סאָלדאַטן זייערע פערד, פון וועלכע זיי האָבן געצויגן חיונה. אומזיסט... זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן.

✶ דער זעלבער גורל האָט געטראָפן יחיאל בלאַנק, חיים ראובן גרוזמאַן, ישראל עלקעס, ישראל גורוויץ א"אַנד.

✶ די קצבים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ זעלבסטשוץ; ס'זענען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך 40 מענטשן, וועלכע האָבן גענומען זייערע ווערקצייג — העק און מעסערס און פאַרטיידיקט זייערע הייזער און דעם כבוד פון זייערע פרויען און טעכטער. זיי זענען אָבער אַלע געפאַלן נאָך אַ העלדישן קאַמף.

טראָץ אַלע שוידערלעכקייטן, וואָס זי האָט צוגעזען און זיך אָנגעהערט, האָט זיך פרוי רחל שקאָלניק געוווּנדערט, ווי אַזוי זי אַליין האָט אַלץ געקענט ביישטיין און איבערלעבן די צרות. זי געדענקט אויך די נעמען פון איי ניקע פון די קרבנות, וועלכע זענען געפאַלן אויף די וואַנדער־וועגן און אין די לאַגערס פון טראַנסניסטריע: רחל פּאָליאַק (די שוועסטער פון מרדכי רייכער) און איר זון יעקב; רחל, די מוטער פון צביה ווײַנשטיין און זייערע משפחות; נחום זיסלמאַן און זיין פרוי; יעקב ישראל מאיר און זיין משפחה; זלמן לייב באָדנער, זיין פרוי און זייערע 2 זין; יצחק משה קאָוועל און זיינע בני־בית; תנחום וואַרעטע; אברהם מילבערג; יוסף וואַלסבערג; מאָטל „פון דער בריק" און זיינע צוויי טעכטער; שלמה ישעיה קאַליס, זיין פרוי און זין; די מוטער און צוויי ברידער פון שחר, בערל בראָנשטיין, זיין פרוי און דריי זין; קאָפּל קצב און פרוי; פישל משה מאיר קצב, זיין פרוי און 2 קינדער; טוביה יאַיעטשניק און זיין פרוי.

אין דאָרף פאַרקעווע זענען דערמאָרדעט געוואָרן די משפחות פון משה און ישראל פאַרקעווער; דער מאַן פון חנה פעלדמאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דאָרף רוסען.

✶ דער שוידערלעכסטער פאַל פון אַלע אויבנדערמאָנטע פאַלן, איז די געשיכטע מיט די „פיר תליות" פון דער משפחה דוד מוצלמאַכער, דער גאַלאַנטערייניק אויף דער טאַרהאָוויצע. אויך איבער אָט דעם פאַל האָט געוווּסט צו דערציילן רחל שקאָלניק. דער פאַל איז באַשריבן געוואָרן דורך אַנדערע עדות און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ העפט „דפים לזכרון", וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן מ.מ. דווידזאָן ז"ל, דער לייטער פון „בעסאַראַבער אַרכיוו". (די באַשרייבונג ברענגען מיר באַזונדער — רעד.)

די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אַ גאַנצע נאַכט געמיסברויכט מיט דוד מיצלמאַכערס פרוי און דריי טעכטער, פאַר די אויגן פון זייער פאָטער. דאָס איז געווען אין דער נאַכט פון פרייטיק אויף שבת (4—5 יולי 1941); פאַר טאָג, ווען די גויִים זענען אַוועק, האָבן פאָטער און מוטער, מיט דער צושטימונג פון די טעכטער, צוגעגרייט פיר תליות אויפן בוידעם פון הויז. נאָך דער זעלבסט־עקידה פון דעם ווייב און די דריי טעכטער, האָט דער פאָטער זיך גענומען דאָס לעבן, אַריינוואַרפנדיק זיך אין דער קערניצע, וועלכע געפינט זיך אין הויף פון קלויסטער, קעגנאיבער זיין הויז.

✶ די משפחה קלאָפּמאַן, פרוי און טעכטער האָבן געוווינט אויף דער ציגיינערישער גאַס. זייערע שכנים — די ציגיינערס, האָבן פאַרגוואַלדיקט די טעכטער, וועלכע זענען, אין דער זעלבער נאַכט, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די אומגליקלעכע מוטער האָט געפּרוּווט זיך אויפהענגען אויף אַ שטריק. אָבער דער שטריק האָט זיך איבערגעריסן און זי איז געבליבן לעבן. זי איז דערנאָך אַראָפּ פון זינען.

דער גירוש

ס׳זענען פאַריבער די ערשטע שרעק־טעג און די געמיטער האָבן זיך „באַרויִקט“, אויב מ׳קען אַזוי זאָגן. די מערדערייען און דער רויב האָבן אויפגעהערט. דער רוב יידישע איינוווינער האָבן באַוויינט דעם טויט און דעם פאַר־שוועכטן כבוד פון זייערע טייערע. אויף אַלע יִדישע הייזער האָט די מאַכט אויפגעהאָנגען צעטלען: „Averea Statului“ (מלוכהשער פאַרמעגן).

ס׳איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ באַפעל, וועלכער האָט פאַרבאָטן די יִדן זיך צו באַוועגן אויף די גאַסן; ווען מ׳וועט טרעפן אין גאַס וועט מען דערשיסן.

„אין יענע טעג — **דערציילט יעקל גאָלד** — האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצונעמען מענטשן אויף פאַרשידענע אַרבעטן, צו פאַרריכטן וועגן, אויף רייניקונגס־אַרבעטן, אין די גערטנער אאַ״וו. די מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אין רייען. בראש און אין סוף פון דער ריי זענען תמיד געווען קריסטן. מ׳האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, ביז אין אָוונט. דער לוין: געשלעג, זידלערייען, דערנידערונגען. די אַרבעטן האָבן געדויערט נישט מער ווי אַ וואָך צייט.“

פלוצעם איז אָנגעקומען די שוידערלעכע ידיעה, אויף וועלכער, דעם אמת זאָגנדיק, מען האָט זיך געריכט. מ׳האָט באַפוילן אַלע יִדישע איינוווינער זיך צו זאַמלען, אין אַ מינימום פון צייט, אַ טייל אויף דער צענטראַלער טאַרהאָוויצע, און אַן אַנדער טייל ביי דער בעלצער בריק; מען ווערט פאַרטריבן פון שטעטל. וווהין? וועגן דעם האָט מען נישט געזאָגט קיין איין וואָרט.

די בהלה וואָס האָט אויסגעבראָכן, איז אין לשער. עפּעס פון דער בהלה מאָלט אויס ק ל אַ ר אַ ק אַ ל מ אַ נ אָ ו ו י ט ש (פריער: בראַנד), וועלכע איז דאַן געווען אַ קליין מיידעלע.

„טיף אין מיין זכרון איז איינגעקריצט דער טאָג, ווען די רומענער האָבן אונדז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די היימען, נישט דערמעגלעכנדיק אונדז מיטצונעמען אַפילו דאָס נויט־ווענדיקסטע. כ׳געדענק נאָך, ווי היינט, דעם מיטאָג, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. מיר האָבן געכאַפּט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט און אַרויס פון שטוב, צום זאַמלפונקט“.

ר ח ל ש ק אָ ל נ י ק גיט איבער איר ווערסיע וועגן דעם פאַרשיקונגס־באַפעל:

„דער באַפעל האָט געזאָגט, אַז אַלע יִדן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט. יעדער מעג מיטנעמען אַ קליין פּעקעלע מיט פערזענלעכע חפצים און אַ ביסל שפּייז. אין דעם זעלבן באַפעל איז נאָך געזאָגט געוואָרן, אַז יעדער קריסט, וועלכער וועט מציל זיין יִדן, וועט דערהרגעט ווערן, צוזאַמען מיט זיין משפחה. אויך יענע פּויערים, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן יִדן פאַר אַ גוטן לוין האָבן זיי דעמאָלט איבערגעגעבן דער מאַכט. די פּאַניק איז געווען ריזיק: די געשרייען און געוויי־נען — עד לב השמים“.

ג י ט צ ו פ ר י ד ע ק ו ז מ י נ ע ר:

„מ׳איז אַריין אין די שטיבער און באַפוילן אַרויס אין גאַס. שוין פריִער זענען אומגעגאַנגען קלאַנגען, אז מ׳וועט פאַרשיקן די יִדן אַלס שטראָף, וואָס זיי האָבן אויפגענומען מיט פרייד די רוסן, ווען זיי האָבן אָקופּירט יעדינעץ. נאָך פון פריִער האָבן מיר שוין געהאַט צוגעגרייט פאַרטיקע פּעקלעך פאַרן וועג. אין אַ שיינעם טאָג האָט מען אונדז געזאַמלט אויף דער גאַס און ס׳איז געקומען דער באַפעל צו גיין אין דער ריכטונג פון מזרח.

„וווהין? — קיין ענטפער איז נישט געווען. דער קלאַנג איז געווען: צום נעסטער. פאַראַן פיל וועגן, וואָס פירן צום נעסטער... אויף אַלע וועגן האָבן געוואַנדערט די פאַרטריבענע יִדן פון יעדינעץ: לעבן די בריקן ביי רעזינע און אָטעק; אויף די וועגן, אַהין און צוריק, צווישן סעקוראַן און בריטשאַן און ווידער קיין יעדינעץ... פלוצעם האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די, וואָס זענען אָנגעקומען פון טשערנאָוויץ... גרופּעס האָבן זיך אויסגעמישט אין גרופּעס, אָבער אַלע האָבן געהאַט דעם זעלבן ביטערן גורל“.

באַזונדער דערשיטערנדיק איז געווען דער גירוש פון די איינוווינער פון מושב־זקנים, וואָס האָט זיך געפונען אין בנין, ווו ס׳איז פריִער געווען די גימנאַזיע. אין די סוף דרייסיקער יאָרן האָט זיך די גימנאַזיע פאַרמאַכט. אין יענער צייט איז אין שטעטל געקומען שמואל וויינשענקערס זון, משה, און געשפּענדעט אַ גרעסערע סומע געלט, כדי צו פאַראייביקן דעם זכר פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער; אַ צווייטע שפּענדע האָט געגעבן די פאַמיליע פון אברהם ברונשטיין; אַ צוגאָב־שפּענדע פון שמואל שפּייער האָט דערמעגלעכט צו דערווערבן די געביידע פון דער גימנאַזיע און דאָרט צו אינסטאַלירן אַ מושב־זקנים. פאַר אַ פּאָר צענדליק עלטערע מענטשן. אַ פרויען־קאָמיטעט האָט געזאָרגט פאַר דעם טאָג־טעגלעכן אויסהאַלט פון דער אינסטיטוציע. אין קאָמיטעט האָבן מיט־געאַרבעט די פרויען צייטל פּראַדיס, חנה אַקסעלראָד, חיה שפּייער, העניע פורמאַן א״אַ.

צופעליק איז חייקע שפּייער געווען אָנוועזנדיק, ווען פאַרשטייער פון דער מאַכט האָבן זיך אַריינגעריסן אין בנין און באַפוילן די זקנים צו פאַרלאָזן דאָס הויז, במשך פון אייניקע מינוט. פון אָט דעם גרויזאַמען בילד, ווי אַזוי אייניקע צענדליק אַלטע יִדן און יִדענעס, דערונטער קראַנקע און אינוואַלידן, אויסגעמאַרכעטייטע און דערשראָקענע, פאַרלאָזן דאָס הויז, מיט אָרעמע פּעקעלעך אונטער די אָרעמס — קען זיך חייקע שפּייער ביז היינט נישט באַפרייען, הגם ס׳זענען שוין פאַריבער איבער 30 יאָר.

דער אמת איז, אַז נאָך איידער די רומענער זענען צוריק אַריין קיין יעדינעץ, זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געפּרוווט זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן פונעם שטעטל. אַן



שיירת-הגירוש

רישום מאת אביגדור מלר — 1946 (בעלה המנוח של בת-עירנו שרה שיץ-מלר, שהרבה לצייר על נושא השואה).

דעפּאָרטאַציע-קאָנוואַי

צייכענונג פון אביגדור מעלער — 1946 (דער פאַרשטאָרבענער מאַן פון דער יעדינעצער שרה שיץ-מעלער, וועלכער האָט פיל געצייכנט אויף דער אומקום-טעמע).

אינערלעכער געפיל האָט זיי פאָרויסגעזאָגט דעם אָנקומענדיקן אומגליק. אָבער וווּהין?! קיינער האָט נישט געוווּסט. אפשר קיין סעקוראַן? דאָרט, האָט מען איבערגעגעבן, איז, דערווייל, „רויִק". און אפשר — אין די אַרומיקע דערפער? צו באַקאַנטע גויִים?

די אַנטלאָפענע אין סעקוראַן

איבערן גורל פון איין גרופּע ייִדן, וואָס איז אַנטלאָפן קיין סעקוראַן, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען די משפחה פון יואל ליבערמאַן (דער צוקערניק), גיט איבער דער ייִנגסטער זון פון דער משפחה, מענדל, דעמאָלט נאָך גאָר אַ יונג ייִנגל:

„ווי נאָר ס'האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן די באָמבעס אין שטעטל, בין איך אַריין אין שטוב און געמאָלדן, אַז מיר האָבן מער נישט קיין צייט צו וואַרטן. אונדזער שכן, לייב קצב, האָט איינגעשפּאַנט זיין פורל און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אין דער ריכטונג פון סעקוראַן—אָטעק; ער האָט אונדז אַ טובה געטאָן און מיטגענומען די מאַמע ז"ל און מיין שוועסטער מיט איר קליין מיידעלע. מיר האָבן אויפגעלאָדן נאָר אַ פּאָר פון די נייטיקסטע זאַכן. די מענער זענען נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן צו פוס. אויפן וועג האָבן זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן נאָך משפחות, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. די כוונה איז געווען — אַריבערצוגיין דעם נעסטער, קיין רוסלאַנד. אין סעקוראַן האָבן מיר געפונען ביי אַ 1.000 ייִדן פון יעדינעץ.

אַלע האָבן זיך באַוויגן אין דער ריכטונג פון אָטעק, מיטן ציל אַריבערצוגיין די בריק איבערן נעסטער. אין אָטעק האָט זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן אַ גאַנצע משפחה, דער זון פון יעדינעצער שוחט, וואָס האָט געוווינט אין סעקוראַן. ער האָט געקראָגן אַ פערד-און-וואָגן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו רירן... אָבער אויפן וועג האָבן מיר שוין באַגעגנט שטעטלשע, וועלכע זענען געקומען פון דער פאַרקערטער ריכטונג. זיי האָבן דערציילט, אַז די בריק איבערן נעסטער איז אויפגעריסן, אַז דייטשע פּאַראַשוטיסטן האָבן באַשאָסן, אָדער האָבן זיך שוין אַפילו אַראָפּגעלאָזט אין מאָהילעוו, די שטאָט, וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט בריק און אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין מעגלעכקייט אָנצוקומען קיין רוסלאַנד. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די „שפּיל" איז פאַרענדיקט און מיר האָבן באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין סעקוראַן. אונדזער שכן, לייב קצב, האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין יעדינעץ. אויך די משפחה ראַבוך, וועלכע האָט געהאַט אַן אייגענעם פערד-און-וואָגן האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין יעדינעץ. דערנאָך זענען מיר געוווויר געוואָרן, אַז אָנקומענדיק אין דאָרף טשעפּ-לעוץ, האָט זיי אָנגעטראָפן אַ פאָרויסמאַרשירנדיקער דייטשער פּאַטראָל, וועלכער האָט זיי דערהרגעט. נאָך דער מלחמה האָט אַ פויער פון דער געגנט אָנגעוויזן, וווּהין די דייטשן האָבן אַוועקגעוואָרפן די טויטע קערפּערס. זייער זון, יצחק ראַבוך (וועלכער וווינט היינט אין יעדינעץ) האָט די קערפּערס איבער-געפירט צו זייער אייביקער רו אויפן יעדינעצער בית-עולם.

אין טשעפּלעוו זענען צוזאַמען מיט דער משפּחה ראַבוך אויך דערמאָרדעט געוואָרן, דורך די דייטשן און די אָרטיקע פּויערים, דער אַפּטייקער ישעיה טאָלפּאָלאַר און זיין זון ד״ר סיאָמע טאָלפּאָלאַר, ווי אויך ד״ר לערנער. צוזאַמען מיט אַלע זייערע משפּחה־מיטגלידער; זיי אַלע זענען אַנטלאָפן פון יעדינעץ, כדי זיך צו ראַטעווען... פון די דייטשן. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט זענען זיי נישט געקומען צו קבורה. די איינציקע, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פונעם דאָזיקן דאָרף לעבעדיקערהייט און צוריקצוקומען קיין סעקוראַן, זענען געווען לייב קצב און זיין פרוי. זיי האָבן דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען און האָבן איבערגעגעבן, אַז אַלע וועגן קיין יעדינעץ זענען שוין אָפּגעשניטן.

„אין צווישן האָט מען דערציילט, אַז דייטשע טאַנקען זענען שוין אַריין קיין סעקוראַן און אַז אויך אָט דאָס שטעטל איז אויסגעשטעלט אויפן זעלבן גורל, ווי יעדינעץ. דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט אַפילו שוין געהאַט באַוויזן צו האַלטן אַ רעדע פאַר די סעקוראַנער קריסטן, רופנדיק זיי צו הרגענען די ייִדן. מיר האָבן געוווינט אין אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אין עק שטעטל; ס׳האָט געקאָנט פאַררעכנט ווערן, אַז ס׳געהערט סיי צום ייִדישן טייל און סיי צום קריסטלעכן טייל פון סעקוראַן. מיר האָבן געזען, אַז די גוייִם הענגען אַרויס אויף זייערע הייזער די רומענישע טריקאָלאָר־פאָן. מיר האָבן אויך אַרויסגעהאָנגען אַזאַ פאָן און דאָס האָט אונדז טאַקע אויף דערווייל געראַטעוועט. אין משך פון אַנדערטהאַלבן טעג, בעת סעקוראַן האָט שוין געליטן פון פּאָגראָמען, האָט מען אונדז נישט געטשעפּעט. מיר האָבן אויסגענוצט די צייט און האָבן באַגראָבן אין דער ערד וואָס ס׳איז אונדז נאָך פאַרבליבן. אַזוי אַרום איז אונדז געלונגען צו ראַטעווען אַ ביסל זאַכן, וועלכע מיר האָבן, שפּעטער, געקענט אויסבייטן אויף עסנוואַרג.

„די דאָזיקע רו האָט נישט לאַנג געדויערט. וואַרשיינלעך האָט אונדז פאַרמסרט אַ גוי. אין אונדזער דירה האָבן זיך אַריינגעריסן דייטשע און רומענישע סאָלדאַטן, ווי אויך ציווילע גוייִם. זיי האָבן אונדז געשלאָגן און ביי אונדז אַוועקגענומען אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט. זיי האָבן אַפילו פון אונדז אַראָפּגעריסן די קליידער און מיר זענען געבליבן אָדס־נאַקעט.

„ביי נאַכט האָט מען ווידער שטאַרק געקלאַפּט אין דער טיר. מיר זענען געווען זיכער, אַז ווידער זענען געקומען סאָלדאַטן, דאָס מאָל צו זוכן פרויען. מיר האָבן זיי נישט געעפנט, ביז מיר האָבן נישט אַרויסגעלאָזט, דורך דער הינטערטיר, די פרויען, דערונטער מיין שוועסטער רחל, ציזי בלאַנק, שרה גוקאָווסקי און אַנדערע פרויען, וועמענס נעמען כ׳געדענק שוין נישט. די סאָלדאַטן האָבן אויפגעבראָכן די טיר און פאַרלאַנגט זיי אַרויסצוגעבן די פרויען, וועלכע, ווי זיי האָבן פאַרשטאַנען, מיר האָבן באַהאַלטן. זיי האָבן אונדז מוראדיק געשלאָגן, אָבער זיי האָבן נישט באַקומען, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט.

„דער פּאָגראָם אין סעקוראַן האָט געדויערט דריי טעג — דריי טעג פון שוידער פאַר אַלע ייִדן און באַזונדערס פאַר דעם ביסל יעדינעצער ייִדן, וואָס זענען אַהין אַנטלאָפן. פיל יעדינעצער זענען דערמאָרדעט געוואָרן. די מענטשן זענען געבליבן אָן זייער לעצטן, מ׳שטיינס געזאָגט, פאַרמעגן, און טיילווייז ממש נאַקעט. צווישן די קרבנות פון די יעדינעצער האָט זיך געפונען די פרוי פון לייב קצב, וועלכע איז ניצול געוואָרן פון דער בלוטבאָד אין טשעפּלעוו.

„אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מען אַרויסגעפירט אַ גרופּע מענער צום אָרטיקן בית־עלמין; איך בין געווען אין דער גרופּע. סאָלדאַטן האָבן אונדז באַשאָסן פון פּולעמיאָטן, אָבער אַן אָנקומענדיקער אָפיציר האָט באַפוילן אויפצוהערן שיסן. מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

„די לאַגע פון די יעדינעצער ייִדן איז געווען פיל ערגער פון די סעקוראַנער, ווייל די לעצטע האָבן באַקומען אַ ביסל שפּייז פון דער פּרימאַריע. מיר זענען דאָך געווען פרעמדע. די סעקוראַנער ייִדן האָבן אויף אונדז רחמנות געהאַט און אָפּגעטיילט פון זייער ביסן פאַר אונדזערטוועגן. מיר האָבן געזוכט שפּייז, און אַ ביסל אויך געפונען, אין די פאַרלאָזטע

אַ טראָפּן מענטשלעכקייט

דער אמת איז, אַז אין ים פון אַכזריות און שוידער האָט צו מאָל אויך אַרויסגעגלאַנצט אַ טראָפּן פון מענטשלעכער באַציִונג צו די אומגליקלעכע ייִדן.

בעת די משפּחה פון יוסף גערצמאַן האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס צו טאָן און וווהין צו אַנטלויפן, זענען פּלוצעם דערשינען אין זייער הויז אייניקע דייטשע אָפיצירן. די דייטשן, איבערגעראַשט פונעם פּחד, וואָס איז באַפאַלן די משפּחה, האָבן זיך געווענדעט צו די גערצמאַנס און באַמערקט:

„האָט נישט קיין מורא; אויך מיר האָבן פרויען און קינדער... נישט אַלע דייטשן זענען היטלעריסטן... מיר וועלן אייך נישט טאָן קיין שלעכטס״.

און זיי האָבן געפרעגט:

„האָט איר ערגעץ ווו קינדער? ווו זענען זיי, וועלן מיר שיקן זיי אַהיימברענגען״.

די דייטשן האָבן אַרויסגענומען פון זייער געפּעק שפּייז־פּראָדוקטן, קאָנסערוון און משקאות און עס צעטיילט צווישן די שטוביקע. אויפן ווונטש פון דער משפּחה, האָבן זיי געשיקט סאָלדאַטן קיין ליפּקאַן, כדי אַהיים צו ברענגען די טאָכטער חנה, וועלכע איז דאָרט שטעקן געבליבן.

בלויז צוויי טעג האָט די משפּחה גענאָסן פון דער מענטשלעכער באַציִונג מצד די דערמאָנטע דייטשן. פּלוצעם זענען די לעצטע ווידער דערשינען אין הויז פון די גערצמאַנס און געמאָלדן:

„אַ גרויס אומגליק דערוואַרט אייך. איר דאַרפט וואָס שנעלער פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ. נעמט מיט אייך מיט געלט און ווערטזאַכן. זיי וועלן אייך פיל העלפן אויפן וועג״.

הייזער. מיר האָבן אויך געזאַמלט גרעזלעך, וואָס די מאַמע האָט פון זיי „געפּראַוועט"... שניצלעך... פּלוצעם איז די זשאַנדאַרמעריע געוווּר געוואָרן, אַז אין סעקוראַן האַלטן זיך אויף אַ 400 יעדינעצער ייִדן; מ'האָט אונדז צענויפגענומען און געמאָלדן, אַז מ'וועט אונדז אָפּשיקן אַהיים. טייל פון אונדז איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. די אַנדערע זענען צוריק געשיקט געוואָרן קיין יעדינעץ.

„אין אַ צייט אַרום האָט זיך אומגעקערט קיין סעקוראַן אברהם גראַלניק (דער ייִנגסטער פון דער משפּחה). ער איז געווען צווישן די צוריקגעשיקטע קיין יעדינעץ. אָט וואָס ער האָט אונדז דערציילט: אָנקומענדיק קיין יעדינעץ האָט מען די צוריקגעשיקטע באַשולדיקט, אַז זיי זענען אַנטלאָפן מיט די קאָמוניסטן. מען האָט אַלע אויסגעשאָסן. בלויז אים, אַלס מינדעריעריקן האָט מען נישט געשאָסן, נאָר געשיקט קיין כאָטין, צו אַ משפּט. פון דאָרט האָט מען אים צוריקגעשיקט קיין סעקוראַן. אַזוי זענען מיר געוווּר געוואָרן פּרטים וועגן גורל פון די יעדינעצער ייִדן. ביז דאַן זענען מיר מקנא געווען די צוריקגעשיקטע קיין יעדינעץ. אין אַ געוויסן טאָג זענען מיר, איך און ציזי בלאַנקס מאַן, אַפילו געגאַנגען צום קאָמענדאַנט פון דער זשאַנדאַרמעריע און געבעטן מ'זאָל אונדז צוריקשיקן קיין יעדינעץ. דער פּלוטאָניער מאַזשאָר האָט אויף אונדז אָנגעהויבן צו שרייען: אַהאַ, איר זענט קאָמוניסטן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון יעדינעץ, כדי צו מעלדן די רוסן וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט. ווי אַזוי ס'איז אונדז געלונגען זיך אַרויסראַטעווען פון אָט דעם רוצח — איז אַ פּרשה פאַר זיך.

„אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען אַ נייע פאַראָרדענונג: צו זאַמלען זיך אין צענטער פון שטעטל און גיין. וווּהין? לויטן וועג האָבן מיר געזען, אַז מ'טרייבט אונדז אין דער ריכטונג פון בריטשאַן, אַ 30 קילאָמעטער פון סעקוראַן. מיר זענען געגאַנגען צו פוס. צעשלאָגענע, הונגעריק און דורשטיק זענען מיר געווען, ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן. מיר האָבן דורכגעמאַכט בלויז אַ האַלבן וועג. מ'האָט אונדז באַפוילן דאָ צו נעכטיקן... שטייענדיקערהייט. אין דער נאַכט איז געפאַלן זאַנים, דער באַזיצער פון דער טיפּאָגראַפיע. אויסגעמוטשעטע האָבן מיר קוים דערלעבט דעם טאָג און ווייטער געטריבן געוואָרן קיין בריטשאַן. דאָרט האָבן מיר געפּרוווט בעטן, מ'זאָל אונדז אַהיימשיקן, קיין יעדינעץ. מ'האָט אונדז אָבער געטריבן צוריק קיין סעקוראַן. אין שטעטל האָט מען אונדז נישט אַריינגעלאָזט; מ'האָט אונדז געטריבן צום נעסטער אָט דער מאַרש האָט געדויערט, אָן אויפהער און אָן אָפּרו, דריי טעג און דריי נעכט. אויסער דעם האָט זיך אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט אַ לאַנגדויערנדיקער גוסרעגן. די ליידן פון גיהנום זענען בלאָס קעגנאיבער אונדזערע יסורים. סוף כל סוף זענען מיר אַריבער דעם נעסטער און אָנגעקומען אין אַן אָרטשאַפט מיטן נאָמען קאָזלאָוו. מען האָט אונדז אַוועקגעזעצט זיך אָפּצורוען. דאָ איז כדאי אונטערצושטרייכן די שיינע באַציונג פון די דאָרטיקע אוקראַינישע איינוווינער; אין קעגנזאַץ צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פון בעסאַראַביע, האָבן זיי אויף אונדז רחמנות געהאַט, אונדז געבראַכט וואַסער און אַפילו אויסגעביטן מיט אונדז פאַרשידענע חפצים אויף שפּייז. מיר האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. געמיינט — ס'אַ סוף צו די גרויסע צרות. אַזוי האָבן מיר געמיינט. אָבער די גרויסע צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן".

די יידן פון די אַרומיקע דערפער

ביי דער געלעגנהייט לאָמיר דערמאָנען, אַז די יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין די אַרומיקע דערפער זענען געבליבן אָפּגעריסן פון שטעטל. דער טעלעפאָן האָט נישט פונקציאָנירט; קיין פּאָסט איז נישט אָנגעקומען. פון יעדינעץ, זייער „מעטראָפּאָליע", זענען אָנגעקומען איוב־בשורות וועגן פּאָגראָמען אויף ייִדן, וועגן רציחות, רויב און פאַרגוואַלטיקונג. די דאָרפישע ייִדן האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל ווי אַלע בעסאַראַבער ייִדן.

דערציילט שרה ליטוואַק (ביילין), אַן איינוווינערין פון דאָנדושען, דאָס גרויסע דאָרף, מיט דער גרעסטער ייִדישער באַפעלקערונג צווישן די דערפער, אַז אַ וואָך נאָך די געשעענישן אין יעדינעץ האָט זיך עס אויך ביי זיי „אָנגעהויבן". אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס האָט מען „אויפגעהויבן" אַלע 68 יידישע משפּחות פון זייערע היימען און געבראַכט זיי אין דער דאָרפישער שקאָלע. מ'האָט זיי אַלעמען אַריינגעשטופּט אין איין קלאַסצימער. ס'איז געווען פינצטער. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד. די קינדער און פרויען האָבן געוויינט און געכליפּעט.

אַזאַ איז אויך געווען דער גורל פון די יידן פון אַלע אַנדערע דערפער.

דער וועג פון יסורים

פון די 6—5 טויזנט יידישע איינוווינער פון שטעטל זענען אין די ערשטע 2 וואָכן פון דער אָקופּאַציע אויסגעמאָרדעט געוואָרן ביי אַ טויזנט מענטשן. די אַנדערע זענען פאַרטריבן געוואָרן. פון די זאַמל־פּלעצער, פון וואַנען זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, באַזונדערס ביי דער „בעלצער בריק", האָבן זיי געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויפן ישוב, ווו ייִדן האָבן דורות־לאַנג געלעבט. זיי האָבן הינטער זיך איבערגעלאָזט צעשטערטע און צעראַבירטע הייזער, די דערמאָרדעטע קערפּערס פון זייערע נאָענטע און דאָס פאַרשטאַרצטע בלוט אויף די גאַסן.

אין יעדינעץ האָט מען שפּעטער געבראַכט פאַרטריבענע ייִדן פון אַנדערע ערטער. די רומענישע מאַכט האָט דאָרט

אויפגעשטעלט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער; די אַהער פּאַרטרי־בענע ייִדן האָבן פאַרנומען די ליידיקע הייזער פון די יעדינע־צער ייִדן. אין אייניקע הייזער האָבן זיי געטראָפן אויפשריפטן אויף די ווענט, וואָס די יעדינעצער ייִדן האָבן איבערגעלאָזט:

„דאָ האָט מען אויסגעקוילעט אין איין נאַכט 60 ייִדן"; „דאָ האָבן די פאַשיסטישע הענקערס אויסגעמאָרדעט מיין גאַנצע משפּחה"; אָדער — „נעמט נקמה — דאָס איז אונדזער לעצטער ווונטש".

מ'האָט געקענט באַמערקן, אַז אייניקע אויפשריפטן זענען געשריבן געוואָרן מיט מענטשלעך בלוט. די פאַריבערגייענדיקע האָבן געלייענט און אַ לאַנגע צייט האָט דאָס האַרץ זיי נישט דערלאָזט אָפּצווישן די אויפשריפטן.

איבער דעם שוידערלעכן אויסזען פון דעם שטעטל, אין יענער צייט, דערציילט ישראל שפּיזל, פון בריטשאַן, וועלכער איז פאַרטריבן געוואָרן אין יעדינעצער לאַגער:

„אַנהויב יולי זענען מיר אָנגעקומען קיין יעדינעץ. דער ייִדישער טייל שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכל־דראָט. פון די יעדינעצער ייִדן האָבן מיר דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן 2 וואָכן פריער, איידער מיר זענען אַהין אָנגעקומען. די שטיבער זענען געווען ליידיקע, אויפגעבראָכענע; צעשטערטע, אָן טירן און פענצטער; אינע־ווייניק — סימנים פון בלוט. אין די אָבאָרעס — צעבראָכן מעבל, צעשאָטענע קישנס; פעדערן זענען אַרומגעפלויגן אא"וו. מיר זענען דאָרט געווען 2,000 פאַרטריבענע ייִדן — פון נאָוואָסעליץ, ליפּקאַן, כאָטין, הערצאַ, סעקוראַן, טשערנאָוויץ און אַנדערע ערטער".

איבער דעם קאָנוואָי (עשאַלאָן) פון די פאַרטריבענע פון לעבן דער בעלצער בריק, דערציילט פרידע קוזמינער:

„דער עשאַלאָן איז אַרויס אין וועג אַריין. מ'האָט געזאָגט, אַז מ'גייט צו דער באַן־סטאַנציע פון רוזשניצע. מיר זענען געווען ביי 1600 מענטשן — מענער, פרויען, זקנים און קינדער. ביים לאָזן זיך אין וועג אַריין האָט מען אונדז איבערגעציילט, אָבער נישט פאַרשריבן. אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען צום ציל. צעבראָכן און טויט־מיד זענען מיר אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. מיר זענען געווען הונגעריק, אָבער בעיקר האָט געפּלאָגט דער דורשט. נישט ווייט איז געווען אַ קערניצע; אָבער דער באַגלייטנדיקער זשאַנדאַרם האָט געשאָסן און געהרגעט יעדן, ווער ס'האָט געסמייעט (געוואַגט) זיך צו דערנענטערן צו איר. די גויים זענען גע־שטאַנען אַרום און פון אונדז חוזק געמאַכט. זיי האָבן דערלאַנגט מיט אַ דראָנג אין קאָפּ אַריין יעדן, וואָס האָט געטראָגן אַ פּעקל אויף זיינע פּלייצעס, כדי אים אומצוואַרפן, מיטן ציל צוצורויבן דאָס פּעקל — דאָס לעצטע שטיקל פאַרמעגן פון די פאַרטריבענע ייִדן. על פּי רוב האָט דער געשלאָגענער זיך נישט געקענט צוריק אויפשטעלן אויף די פיס, כדי ווייטער צו גיין.

„מיר האָבן קורץ געווײַלט אין דאָרף רעדיו־מאַרע און ווייטער געגאַנגען. דער נאָענטסטער ציל — דאָס דאָרף קלימאָוץ. אין מיטן וועג איז געפאַלן אַ גאַסרעגן; מיר זענען נאַס געוואָרן ביז צום מאַרך פון אונדזערע ביינער. דער באַ־גלייטער און די קריסטלעכע דורכגייער האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו איזדיקעווען איבער אונדז און אונדז צו שיקאַנירן. וואַסער און שפּייז — האָט מען נישט געגעבן. אויפן וועג זענען קינדערלעך פאַרלוירן געגאַנגען; משפּחות זענען צעריסן גע־וואָרן. די קולות און דאָס גע־יאָמער זענען געווען עד לב השמים.

„אַ וואָך אָדער מער האָבן מיר געווײַלט אין כל־מיני ציטווייליקע סטאַנציעס, ביז מיר האָבן זיך דערנענטערט קיין אַטאַק. דאָס שטעטל איז געווען פולשטענדיק חרוב. אָבער די באַוועגונג איז געווען אַ וואַכזאַמע; מ'איז געגאַנגען, מ'האָט זיך געדרייט, ביז מען איז אַריבער דעם נעסטער. זייער פיל זענען געבליבן אויפן וועג; און די איבערגעבליבענע — אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, נאַקעטע און צעבראָכענע — שאָטנס פון מענטשן. צוויי חדשים האָט געדויערט דער וועג. פאַר אונדז איז עס געווען אַן אייביקייט".

יעקל גאָלד, וועלכער איז אויך געווען אין יענעם עשאַלאָן, גיט צו:

„די מאַסע רירט. די היץ שטייגט און קיין וואַסער צום טרינקען איז נישטאָ. מ'לאָזט נישט צו צום וואַסער. מ'האָט אונדז געטריבן קיין ווערטוזשען. דער וועג האָט געדויערט אייניקע טעג. ביי טאָג איז מען געגאַנגען און ביי נאַכט זענען מיר געלעגן אין די פעלדער. אויפן וועג זענען פיל אָפּגעריסן געוואָרן פון דעם עשאַלאָן. שוואַכערע און זקנים, וועלכע האָבן נישט געקענט נאָכהאַלטן, זענען דערמאָרדעט געוואָרן. פיל זקנים האָבן זיך דעריבער אָנגענומען מיט מוט און אַפילו געלאָפן פאָרן עשאַלאָן".

טרויעריקע סטאַנציעס

ווער קאָן אויסמאָלן דעם וועג פון יסורים, וואָס האָט געפירט איבערן נעסטער, — און באַזונדערס די טרויעריק באַרימטע אָפּשטעל־סטאַנציעס — דער קאָסעוצער וואַלד, די שטעטלעך אַטאַק און ווערטוזשען, אויף דעם רעכטן ברעג פון נעסטער א"א. ס'איז געווען אין סאַמע האַרבסט, שלאַגס־רעגנס האָבן דורכגענעצט די פאַרטריבענע, די ווינטן און די האַרבסטיקע קעלט האָבן געשטאָכן, ווי מיט נאָדלען, די אויס־געמוטשעטע קערפּערס פון די פאַרטריבענע וואַנדערנדיקע ייִדן. דערצו טאָר מען נישט פאַרגעסן די שטענדיקע, ברוטאַלע פּייניקונגען מצד די באַוואָפנטע, רומענישע באַגלייטערס פון די עשאַלאָנען. איז זיך טאַקע נישט צו וווּנדערן וואָס טויזנטער זענען געפאַלן אויפן וועג, איידער זיי זענען אָנגעקומען צו זייער „ציל" — דער מזרח־ברעג פונעם נעסטער. די געפאַלענע אויפן וועג זענען אַפילו נישט תמיד באַערדיקט געוואָרן.

אַ ביסל פון די שוידערלעכקייטן פונעם יסורים־וועג, גיט איבער יהודה כפרי (דאָרף):

„ווען ס'איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט פון 'אָפּרו', איז דאָס, על פּי רוב, געווען אין מיטן וועג, אָזוי סתם; אַפילו ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. מ'פלעגט זיך אָוועקזעצן אויף דער ערד, פּאַקטיש אויף אַ געאַקערט פעלד, אָפט אין דער נאַסער בלאָטע און אין ריטשקעס און מאָטשערעס (זומפּן) —

ס׳איז דאָך געווען אין סאַמע האַרבסטיקן רעגן־סעזאָן. בעת אַזאַ „אָפּרו״, פלעגן די עלטערן אַרומרינגלען די קינדער. זיי זאָלן נישט פאַלן אַ קרבן פונעם צאָרן מצד די רומענישע שומרים, וועלכע פלעגן באַזונדערס אויסלאָזן זייער רצחנישן כעס צו די זקנים און קינדער, ווייל זיי האָבן געשטערט דעם טעמפּאָ און די ,אָרדנונג׳ פונעם מאַרש. די הינטערשטע־ליקע אינעם מאַרש זענען געווען פּאַראורטיילטע צום אומקום״.

געווען פאַלן, ווען עלטערן האָבן זיך באַמיט צו פאַר־שטעלן זייערע קינדער, זיי זאָלן האָבן אַ וואָס עלטערן אויסזען. די עלטערן פון ייִדל דאָרף, למשל, האָבן אים אָנגעטאָן ווייבע־רישע קליידער. אָט דער טריק האָט אים געהאָלפן, אַזוי גלייבט מען, צו בלייבן לעבן.

אין פרויען־קליידער

פאַרן אַריבערגיין דעם נעסטער האָבן די באַגלייטנדיקע וועכטער אָפּגעטיילט די מענער פון די פרויען. ס׳איז געווען אַ חשד, אַז די מערדער וועלן די פרויען אַריבערלאָזן דעם טייך און די מענער וועלן אומקומען. אין בעסטן פאַל וועלן די מענער בלייבן אויף דער זייט טייך.

אויך פּיני פּרנס האָט זיך איבערגעטאָן אין פרויען־קליי־דער, זיך אַריינגעשמוגלט צווישן די פרויען־רייען און צוזאַמען מיט זיי אַריבער דעם טייך.

די פאַרטריבענע פון טשערנאָוויץ

ד אָ ב ע כ ה ן (פריער: גרוזמאַן) איז געווען צווישן די פאַרטריבענע פון טשערנאָוויץ. די טשערנאָוויצער ייִדן האָבן נאָך געוווינט אין זייערע הייזער, אין דער צייט ווען די ייִדן פון די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך האָבן זיך שוין געפונען אויפן וועג פון וואַנדער און יסורים. אָבער אויך זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען פונעם גיפטבעכער. נאָך אַ קורצן ווײַלן אין געטאָ — האָבן אויך די טשערנאָוויצער און בוקאָווי־נער ייִדן באַקומען דעם באַפעל צו נעמען דעם וואַנדערשטאָק אין די הענט און גיין איבערן נעסטער. עפּעס פון דעם גיט איבער דאָבע:

„טאָג־טעגלעך באַקומען מיר שוידערלעכע בשורות איבערן חורבן פון אונדזער אָפּשטאָם־שטעטל... דערווייל שלאָפן מיר אין אונדזערע בעטן און עסן ביי אונדזערע טישן; דער אמת: אין שרעק און דערוואַרטונג אויפן ערגסטן, אַז אָט דערנענטערט זיך דאָס אומגליק אויך צו אונדז... אין משך פון אַ האַלבער שעה האָט מען אונדז פּלוצעם, מיט דער הילף פון געשלעג און דראָונגען, אַרויסגעטריבן פון די היימען און אַריינגעטריבן אין געטאָ אַריין.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געקומען דער באַפעל, זיך צו לאָזן אויפן וואַנדערוועג. דאָס איז שוין געווען אַ האַלב יאָר נאָכן חורבן פונעם בעסאַראַבער ייִדנטום. טעג און נעכט האָבן מיר געוואַנדערט; אויף אומוועגן האָט מען אונדז געשלעפּט. אויך פונעם הימל האָט מען אונדז שווער גע־שטראָפט: רעגנס און שטורעמס. דערצו — די געשלעגן

און די שיקאַנעס מצד די באַגלייטנדיקע רומענישע שומרים. ביזן היינטיקן טאָג קלינגען נאָך אין מיינע אויערן די געשרייען פון די באַגלייטערס: גיין... גיין... ווייטער... ווייטער... זיי האָבן נישט געהאַט קיין רחמנות **אויף קראַנקע פרויען, אויף** אַלטע לייט, אויף קליינע קינדער, ביי וועמען ס׳האָבן זיך אויסגעלאָזט די כוחות און נישט געקאָנט פאָרזעצן צו גיין. מיר זענען געווען געצוווּנגען זיי איבערצולאָזן הינטער אונדז, בעת זייערע קערפּערס וואַרפן זיך צווישן לעבן און טויט, און ווייטער שפּאַנען... ווייטער.

אין צווישן האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ברויט. די רוצחים איז געלונגען צו באַפרידיקן זייער אכזריותדיקע מאָרד־תאווה גאָר לייכט, אָן צו פאַרשווענדן אַפילו איין קויל. מענטשן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אויף די וועגן פון הונגער און פון קעלט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און פון די מענטשן, וואָס זענען אַרויס אין וועג, זענען געבליבן זייער ווייניק, דערדריקטע און אַנטוישטע, אָן אַ פונק פון האָ־פענונג״...

ס׳איז שווער אָנצוצייכענען דעם סדר פון די אָפּשטעל־סטאַנציעס און אָפּרו־פּלעצער, ווו די פאַרטריבענע זענען דורכגעגאַנגען. עס זענען דאָך געווען פאַרשיידענע הויפּט־עשאַלאָנען, אָפּגעריסענע גרופּן פון אָן אַנדער עשאַלאָן, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין נייע עשאַלאָנען. געווען פאַלן, ווען טיילן פונעם קאָנוואָי האָט מען געפירט צוריק און אַנדערע האָט מען געפירט אויפן זעלבן וועג צום נעסטער. אין די ווייטערדיקע שורות וועלן מיר פּרווון איבערגעבן, וואָס ס׳איז געשען אין אייניקע אָפּשטעל־סטאַנציעס און פון דעם פּרט וועט מען קענען אָפּלערנען וועגן כלל.

אין קאָסטוזשענער וואַלד

ס׳דערנענטערט זיך דער ווינטער, און דער עשאַלאָן, אין וועלכן ס׳געפינט זיך י ה ו ד ה כ פ ר י (ייִדל דאָרף), האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאָסטוזשענער וואַלד.

כפרי דערציילט:

„אַ 200 מענטשן זענען צעניפגעשטויסן געוואָרן אין אַ שטאַל פון בהמות, לעבן קאָסטוזשענער וואַלד. מ׳איז געווען הונ־געריק און דורשטיק. קיין טרינקוואַסער איז נישט געווען. דאָס „מזל״ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער דאַך פון שטאַל איז געווען באַדעקט מיט שניי און אייז. האָבן מענטשן אַראָפּ־גענומען שטיקער אייז פון דאַך און געשטילט דערמיט זייער דורשט. אָבער אויך דאָס האָבן זיי געקאָנט טאָן, נאָר ווען די שומרים זענען אַנדרימלט געוואָרן. די מענטשן האָבן אויסגענוצט די נאַכט־שעהען און די פינצטערניש און זיך אַרויסגעגנבעט פון שטאַל, כדי צעניפּצונעמען פון די פעלדער אַ פּאָר קאַרטאָפליעס און אַנדערע גרינסן, וואָס זענען איבער־געבליבן אויף די פעלדער. אייניקע האָבן אויך דערגרייכט די פויערישע הייזקעס פונעם נאָענטן דאָרף, און מען האָט אויסגעטוישט פּאַר טייערע זאַכן, אויב זיי האָבן נאָך געהאַט אַזעלכע, אַ לאַבן ברויט, אַן עגזער קאַרטאָפל, און אַזוי איז

דערמעגלעכט געוואָרן אַ ביסעלע גובר צו זיין דעם פלאַגנדיקן הונגער״.

אין לאַגער פון ווערטוזשען

אײנע פון די ערגסטע סטאַנציעס איז געווען דאָס ייִדישע שטעטל, וואָס געפינט זיך ביים נעסטער — ווערטוזשען. דאָרט זענען געווען שרה ליטוואַק און פרידע קוזמינער, וועלכע דערציילן:

„דאָס שטעטל ווערטוזשען איז פאַרלאָזט געוואָרן דורך אירע ייִדישע איינוווינער. זיי האָבן זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק איבערן נעסטער. די שטיבער זענען געווען אויפגעבראָכן און די אַרומיקע גויִים האָבן זיי אויסגעליידיקט. די נייגעקומענע ייִדן האָבן זיך „איינגעאָרדנט״ אין די פאַרלאָזטע הייזער. אויב ס׳איז נאָך געבליבן אַ פענצטער אָדער אַ טיר אין אַ שטוב, האָט מען מיט זיי אונטערגעצונדן די אויוונס, כדי אַ ביסעלע צו דערוואַרעמען די ביינער און אויסצוטריקענען די אויסגעווייקטע קערפּערס. דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ פלויט, כדי אָפּצוטיילן די ייִדן פון די דאָרפישע גויִים. די רומענישע שומרים האָבן אָבער נישט געקאָנט אין גאַנצן שטערן דעם קאָנטאַקט צווישן די פאַרשפּאַרטע ייִדן און די גויִים פון אַרום. פון בײדע זייטן פלויט פלעגט זיך יעדן טאָג אַוועקשטעלן אַן ,אויסטויש־מאַרק׳.

„די ייִדן פלעגן אַוועקגעבן וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט פאַר אַ שטיקל ברויט, אַ פאָר קאַרטאָפליעס אָדער בורעקעס · אַלץ איז געווען אַ סחורה: אַ בגד, שיך, שיכבענדלעך און פאָדעם... מענטשן האָבן פאַרקויפט דאָס לעצטע העמד פון לייב. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין זעק, אין שמאַטעס און אפילו איינגעוויקלט זייערע קערפּערטיילן אין פּאַפּיר; זיי זענען געווען הונגעריק און געציטערט פאַר קעלט. געווען מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט וואָס אויסצוטוישן פאַר עפּעס, וואָס שטילט דעם הונגער. שמואל פראַדיס האָט דורכגעפירט אַ זאַמל־אַקציע פאַר די הונגעריקע. יעדער בעל־יכולת האָט געגעבן 2 לעי פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

„דאָ, אויף דער דאָזיקער סטאַנציע, צווישן די חורבות, איז אויסגעקומען צו פייערן ראש־השנה. די מענער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין ,קלויז׳ — אַ חורבה, אָן טירן און פענצטער; מ׳האָט געדאַוונט שטייענדדיקערהייט. אין מיטן דער תפילה זענען דערשינען סאָלדאַטן און געטריבן די מתפללים אויף אַרבעט. מ׳האָט זיי געשטעלט טראָגן שטיינער אַראָפּ און אַרויף דעם הויכן ברעג פון טייך אָן אַ ציל, כדי סתם צו ,פאַרזיסן׳ די ייִדן זייער הייליקן יום־טוב. כדי נאָך מער צו באַפרידיקן זייער סאַדיזם, האָבן זיי געכאַפּט זקנים און זיי אָפּגעשוירן די בערד. צווישן די אָפּגעשוירענע איז געווען ר׳ אהרון־בער גערשל.

„דאָ זענען זייער פיל ייִדן געשטאָרבן. צווישן אַנדערע: ישראל ראָזנטאַל, חנא און זיין פרוי העניע אַקערמאַן, די מחותנים חיים פרויס גוטמאַן און דוד שוואַרץ (דודיע דע זשעראַטס; זיי זענען געשטאָרבן אין דעם זעלבן טאָג) א״אַנד״.

וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין ווערטוזשען (און ווידער, שווער צו וויסן, צי האָט עס געטראָפן מיט דעם פאָריקן עשאַלאָן, אָדער מיט אַ טייל פון אַן אַנדער עשאַלאָן; פאַקטיש ענדערט עס גאָרנישט) — דערציילט פרידע קוזמינער:

„בעתן אָנקומען קיין ווערטוזשען האָט מען ביי אונדז צוגענומען די פּאַפּירן און זיי פאַרניכטעט. מיר האָבן דאָ געטראָפן פאַרטריבענע ייִדן פון גאַנץ כאָטינער אויעזד. מ׳זוכט עסן. מ׳גייט אין „מאַרק״, וווּהין די גויִים זענען געקומען זוכן ,מציאות׳. ס׳איז אונדז שוין כמעט נישט געבליבן, וואָס צו פאַרקויפן. ווערטזאַכן האָבן מיר שוין פון לאַנג נישט. ס׳זענען אויך ביי אונדז פאַרבליבן צעפּוילטע קליידער, שמאַטעס; פאַר דעם האָבן מיר באַקומען אַ ביסל פּאַפּושוי־מעל, געמישט מיט ערד; מ׳האָט פאַרקאָכט אַ מאַמעליגע. ס׳האָט געהאַט יענעם טעם.

„אין ווערטוזשען האָט מען איינגעאָרדנט אַ קאָמיטעט פאַר קעגנזייטיקער הילף. אויך קראַנקייטן און עפּידעמיעס האָבן נישט געפעלט. די שווערסטע פּלאָג איז געווען די דיזענטעריע; זי איז געקומען צוליבן שמוציקן וואַסער, מיט וועלכן מיר האָבן געשטילט אונדזער דורשט. דאָ זענען אויך פּלוצעם דערשינען „פּראָקלאַמאַציעס״ אויף רומעניש, מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: Evreii vor să se întoarcă acasă (די ייִדן ווילן זיך אומקערן אַהיים). אין איין טאָג האָט מען אָפּגעטיילט פון אונדז די מענער און זיי געשיקט קיין קאַסעוץ; אַז ס׳זענען אַוועק עטלעכע טעג און זיי האָבן זיך נישט אומגעקערט, האָט מען געפרעגט די פאַרשטייער פון דער מאַכט, ווו זענען זיי; קיין ענטפער איז נישט געקומען. בלויז פיני פרנסן איז געלונגען צו אַנטלויפן פון יענעם לאַגער און האָט זיך אומגעקערט צו אונדז, אין ווערטוזשען״.

אַגב, דער ענין מיטן צענויפנעמען די דאָקומענטן האָט, ווייזט אויס, געבילדעט אַ מקור פון הכנסה פאַר די רומענישע שומרים און סאָלדאַטן און — צו אונדזער גרויסן באַדויערן, אויך פאַר אייניקע פון אחינו בני־ישראל, וועלכע האָבן געמאַכט טונקעלע געשעפטן און געהאַט פאַרדעכטיקטע שותפותן מיט די רומענישע סאָלדאַטן. ס׳האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן געוויינלעכע אויסווייז־פּאַפּירן, ווי אידענטיטעטס־קאַרטן אָדער געבורט־קאַרטן, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן זייער ממשותדיקן ווערט; ס׳איז גערעדט וועגן דאָקומענטן פון פאַכקענטעניש, אַקאַדעמישע טיטלען וכד׳, וועלכע האָבן געקענט, אַזוי האָט מען גענלייבט, דינען זייערע באַזיצער אין דער צוקונפט, אין פראַגן פון פערזענלעכער זיכערקייט און פרנסה. די פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען האָבן פאַרשטאַנען, אַז פאַר אַזעלכע פּאַפּירן וועלן זייערע באַזיצער באַצאָלן יעדן פרייז, אַבי מ׳זאָל זיי איבערלאָזן ביי זיי. די דערמאָנטע פאַרשוינען האָבן זיך טאַקע נישט טועה געווען.

וועגן אַזאַ פאַל, פון אַוועקנעמען ווערטזאַכן און דאָקומענטן, וועלכער האָט פּאַסירט אויך אין לאַגער פון קאַסעוו־

צער וואַלד, דערציילט קלאַראַ, די פרוי פון ד״ר שאַיאָוויטש פון טשערנאָוויץ (זי אַליין איז אַ בריטשאַנערין). די משפחה איז, אויף זייער וועג פון דעפּאָרטאַציע, אָנגעקומען אין יענעם וואַלד. ד״ר שאַיאָוויטש און זיין משפחה זענען געווען גרייט אויסצושטיין יעדן דרוק, אַלע דראָונגען און די דראַקאָנישסטע שיקאַנעס, און נישט אַוועקגעבן די דאָקטאָר־דאָקומענטן, באַזונדערס ווען די משפחה האָט שוין נישט געהאַט קיין שום ווערטזאַך, וואָס די רויבערס זענען געווען גרייט צו נעמען פאַרן דאָקומענט.

אַז צו דער דאָזיקער באַנדע פון יידישע מיטאַרבעטער מיטן תליין האָבן געהערט, צו אונדזער ווייטיק און בושה, אויך צוויי פאַרטריבענע יעדינעצער יידן — באַשטעטיקט, אין זיין עדות־זאָגן, אויך יעקל גאָלד.

יום־כיפור אין וואַלד־לאַגער


אויב ראש־השנה האָבן די פאַרטריבענע געקענט טייל־ווייז דאַווענען צווישן די ווענט פון אַ קלויז, אפילו אַ חרובע פאַרוואָרלאָזטע און שמוציקע קלויז, אין ווערטוזשען, איז זיי יום־כיפור אויסגעקומען צו פאַרברענגען ממש אין דרויסן, אונטערן פרייען הימל, אין קאַסעוּצער וואַלד. אַזאַ יום־כיפור פאַרגעסט מען נישט ביזן טויט.

דערציילט ווייטער יעקל גאָלד:

„ערב יום־כיפור אין דער פרי, איז אָנגעקומען דער באַפעל, אַז די ווערטוזשענער לאַגער־מענטשן דאַרפן „גיין ווייטער״. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מ׳פירט זיי אויפן וועג פון וואַנען זיי זענען געקומען. „מ׳גייט אַהיים״ — איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער קלאַנג. אברהם גרינשטיין (יחיאל קלוגמאַנס איידעם) איז געווען זיכער: ‚קינדער, מ׳גייט אַהיים׳; דערווייל גייט מען. ס׳הויבט אָן צו רעגע־נען — כדי צו „פאַרלייכטערן״ דאָס גיין און עס מאַכן „אָנגענעמער.״

„אַקעגן אָוונט איז מען אָנגעקומען צו אַ וואַלד: קאַ־סעוּצער וואַלד... ס׳איז די „כל־נדרי״־נאַכט... מ׳זעצט זיך אויס אויף דער ערד, אין די ריטשקעלעך פונעם רעגן וואָס איז געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. בלויז די אַראָפּגעפאַלענע אָסיען־בלעטלעך דינען די אומגליקלעכע אַלס שוץ קעגן די מאָ־טשערעס (זומפּן) פונעם וואַלד. די מוטערס נעמען די קינדער אין זייערע אָרעמס, דריקן זיי צו צום אויסגע־מאַרכעניעטן קערפּער, אפשר וועט מען אַ קאַפּעטשקע דערוואַרעמען די עופעלעך.

„אַזוי נעמט מען אויף דעם יום־טוב. צו ערשט דאַוונט מען שטיל, שעפּטשענדיקערהייט. אָבער די תפילות ווערן אַלץ שטאַרקער און העכער, ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן געוויין, וואָס איז אָבער נישט געווען בכוח צו צעררייסן די בלייענע הימלען... די באַגלייטנדיקע שומרים און סאַלדאַטן האָבן נישט געקאָנט באַהערשן דעם עולם. אויך זיי — די אוממענטשן מיט אייזקאַלטע הערצער, זענען



ליל כל־נדרי ביער קאסאוץ

רישום של הצייר הנודע ב ע ן מפאריז, מיוחד ל„יד לידיניץ״
בעת ביקורו של הצייר הנודע בען בישראל, בחורף 1971, לרגל תערוכת ציוריו על נושא שיר־השירים, הוא שמע מחברו הותיק יוסף מגן את סיפור ליל כל־נדרי ביער קאסאוץ. הסיפור השאיר על האמן רושם מזעזע. וכך הוא ראה את הלילה הנורא, כשהמדורות דלקו כנרות־יזכור.

די כל־נדרי־נאַכט אין קאַסעוּצער וואַלד
אַ צייכענונג פון וועלט־באַרימטן יידישן מאָלער ב ע ן פון פּאַריז, ספּעציעל פאַר „יד לידיניץ״.
בעת דעם באַזוך פון באַרימטן יידישן מאָלער בען אין ישראל, ווינטער 1971, אין שייכות מיט דער אויסשטעלונג פון זיינע שיר־השירים־בילדער, האָט ער געהערט פון זיין אַלטן פריינט יוסף מגן, די געשיכטע פון דער כל־נדרי־נאַכט אין קאַסעוּצער וואַלד. די געשיכטע האָט געמאַכט אויפן קינסטלער אַ דערשיטערנדיקן איינ־דרוק. און אַזוי האָט בען געזען די שוידערלעכע נאַכט, ווען די אָנגעצונדענע פייער־הויפנס האָבן געברענט ווי יזכור־ליכט.

געווען אין אַ פאַרלעגנהייט און גערירט פון דעם שוידערלעכן בילד.

„און ס׳איז שטאָק־פינצטער. מ׳קלייבט טרוקענע צווייגן און מ׳צינדט אָן פייער־הויפנס, אויפצוקאָכן וואַסער, כדי זיך צו דערוואַרעמען. דאָס שייטער־ליכט ברייטערט זיך אויס איבערן גאַנצן וואַלד; ס׳ווערט ליכטיק, ווי ביי טאָג. די דאָזיקע שייטערס זענען געווען אויפן אָרט פון געדענק־

ליכט, אַ מין „אזכרת נשמות" פאַר די געפאַלענע און טויטע, וועלכע האָבן באַקומען אַן אויסלייז פאַר זייערע קערפּערס און נשמות, ביים אָנהויב פונעם יסורים־וועג".

אין קאַסעוּצער וואַלד

אין קאַסעוּצער וואַלד האָבן די פאַרטריבענע „פאַר־בראַכט" אייניקע טעג. יעדער טאָג, און באַזונדערס די נעכט, האָבן געבראַכט זייערע קרבנות, וועלכע זענען באַגראָבן געוואָרן אין די טיפענישן פון וואַלד. וועגן יענע גרויזאַמע, קאַסעוּצער טעג, דערציילט דער שוין דערמאָנטער י צ ח ק ש פּ י ז ל, דער פאָטער פון קלאַראַ שאַיאָוויטש:

„מ'האָט אונדז אַריינגעפירט טיף אין אַלטן, געדיכטן וואַלד אַריין. די צוואַקסענע ביימער־שפּיצן האָבן פאַר־שטעלט דעם הימל. דערצו האָט גערעגנט. מיר זענען געזעסן אין דער בלאָטע און אין די ריטשקעס. קיין וואַסער האָבן מיר נישט געהאַט; האָבן מיר געטרונקען דאָס שטיי־ענדיקע וואַסער פון די פאַרגרינטע מאַטשערעס. כדי צו שטילן דעם הונגער האָבן מיר געגעסן די פּאַפּושויעס און בורעקעס, וואָס מ'האָט געזאַמלט פון די שוין לאַנג אַראָפּ־גענומענע פעלדער; אַלץ האָבן מיר געגעסן רויערהייט. פאַרשטייט זיך, אַז די אַרומיקע פּויערים האָבן נישט צוגעלאָזט און געשלאָגן די יידן, ווען זיי האָבן געכאַפּט זאַמלען אין די פעלדער. משפּחות זענען צעריסן געוואָרן און האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּזוכן. אויך קינדער זענען פאַרלוירן געגאַנגען. די טעג זענען נאָך, ווי נישט איז, פאַריבער; אָבער די נעכט! רבונו של עולם — דאָס איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער שוידער. די מענטשן זענען געזעסן איינגעקאָרטשעט אין זיך — לעבעדיקע און טויטע. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. אין דער פרי האָט מען געזען וויפל ס'זענען געשטאָרבן. מ'האָט אויסגעגראָבן גרי־בער, אויסגעטאָן די מתים און זיי באַגראָבן נאַקעטערהייט. די אַנדערע זענען געווען הונגעריק און דורשטיק און געשוואָלן פון קראַנקייטן. די עפּידעמיעס פון טיף און דיזענטעריע, צוליבן שמוציקן וואַסער און די רויע פּאַפּושויעס, האָבן געשניטן לעבנס אָן רחמנות. פרויען זענען מפּיל געווען; אַנדערע פרויען זענען געשטאָרבן בעתן געבורט. ס'איז געווען פינצטער. נאָענטע מענטשן האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט. האָט מען אָפּגעלאָזט די הענט — איז מען פאַרלוירן געגאַנגען. די יונגע לייט האָט מען צענויפגעזאַמלט און אַרויסגעפירט פון וואַלד; די זקנים זענען איבערגעבליבן; זיי האָבן געדאַרפט אַליין זאָרגן פאַר זיך.

„די קברנים האָבן געהאַט פיל אַרבעט; זיי האָבן צענויפגענומען פון די טויטע זייערע קליידער, ווערטזאַכן און דאָקומענטן און זיך צעטיילט מיט די סאָלדאַטן. צווישן די באַגרעבערס האָט זיך אויך געפונען דער טרויעריק־באַקאַנטער פאַררעטער ש. ל. פון יעדינעץ (מ'זאָגט, אַז נאָך דער מלחמה איז אים געלונגען אַנצוקומען קיין בראַזיל, ווו ער איז אומגעקומען אין אַ וועג־קאַטאַס־טראָפע); זיין שותף לדבר עבירה, ש. ג—מ. איז פאַר־שוואונדן געוואָרן, קיינער ווייסט נישט ווו און ווען.

„ענדלעך איז אויך אין קאַסעוּצער וואַלד אָנגעקומען דער דערלייזנדיקער באַפעל (דעמאָלט: אַ גאולה פונעם גיהנום): „אויפשטיין און גיין". די קומענדיקע סטאַנציע איז געווען דאָס שטעטל אָטעק, ביים נעסטער. דאָס דאָזיקע שטעטל איז שוין לאַנג געווען פאַרלאָזט דורך זיינע יידישע איינוווינער, וועלכע זענען אַריבער דעם נעסטער, כדי זיך צו ראַטעווען, אַנטלויפנדיק טיף אין רוסלאַנד. די שטיבער זענען געווען פאַרברענט און חרוב. איבעראַל האָט מען געקאָנט באַמערקן די סימנים פונעם פּאָגראָם; הרוגים זענען נאָך געלעגן אין די גאַסן, פלעצער, הייף און קעלערס. אויף די ווענט האָט מען געטראָפן אויפשריפטן, מיט בלוט, אויף יידיש: ‚איר, וואָס וועט פאַריבערגיין, זאָגט קדיש פאַר דער נשמה פון...' (דאָ קומט אַ נאָמען)... ‚מיר זענען געפאַלן אַ קרבן על קידוש השם...' (נעמען)... ‚דאָ זענען דערמאָרדעט געוואָרן (דער נאָמען...) מיט זיין גאַנצער משפּחה'... ס'האָבן עס אויפגעשריבן, מיט זייער אייגן בלוט, די קרבנות אַליין, אָדער אָנווועזנדיקע, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט אַזאַ מין ‚מצבה'. ווער קען וויסן? איר, וועלכע זענט אין יענע טעג געשלאָפן אין אייערע בעטן, וועט זיך עס קיין מאָל נישט קענען פאָרשטעלן, ווי גרויס זענען געווען אונדזערע ליידן, ווי גרויזאַם ס'איז געווען דער שמוץ, די דערנידערי־קונג. ווי טרויעריק איז דער טויט, ווען ער קומט פאַר וייט פון דער היים. יזכור! דערמאָנט אייך אין די, וואָס שטאַרבן ביים ראַנד פון די וועגן".

ווער האָט געקאָנט איבערציילן די צאָל טויטע אין קאַסעוּצער וואַלד, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן בית־הקברות? פיל טויטע זענען אַפילו נישט באַערדיקט געוואָרן. ערשט שפּעטער האָט מען באַרעכנט די גרויס פון קרבן, וואָס עס האָט פאַרלאַנגט דער קאַסעוּצער וואַלד.

און די „גליקלעכע", וועלכע זענען אַרויס פון דאָרט, זענען געווען אויסגעמוטשעט, שוואַך, מיד, אָנגעטאָן אין פוילע שמאַטעס; אָבער דאָך האָט געשלאָגן אַ פונק פון האָפענונג אין זייער האַרץ; ווייל אויב ס'איז זיי געלונגען אַרויסגיין פון אָט דעם גיהנום, וועט זיי שוין קיין שום זאַך נישט קענען בייקומען.

דער אָנקום קיין אָטעק

מ'איז אָנגעקומען קיין אָטעק. דאָ זענען געווען אייניקע טויזנט פאַרטריבענע יידן. ד"ר מ א י ר ט י י ך, אַ באַקאַנטער יידישער עסקן פון דער בוקאָווינע (אַ פירער פון די „פּועלי־ציון" און ראש הקהל פון סוטשאַווע, היינט אין ישראל), וועלכער איז דאָרט געווען, איידער די יעדינעצער און די יידן פון אַנדערע שטעטלעך זענען אַהין אָנגעקומען, איז געווען אַן עדות פונעם אָנקום פון ‚קאַסעוּץ' קיין אָטעק. ער האָט שפּעטער באַשריבן, וואָס ער האָט געזען:

„ס׳איז שטאָק־פינצטער, אַ נעץ און אַ שמוץ; געשרייען און געוויינען; און דאָך שטייען נאָך מענטשן אויף די פיס. עלטערן האָבן פאַרלוירן קינדער; קינדער האָבן פאַרלוירן עלטערן. כאַאָס! מען זוכט, מען שרייט, מען רעוועט, מען שעפּטשעט. הונגער, יסורים, פאַרצווייפלונג, טויט! אומזיסט פּרוּווט מען טרייסטן, באַרויִקן. קיין עסן קריגט מען נישט און די מערסטע לייגן זיך שלאָפן הונגעריק, מיט שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג און מיטן באַגער, אַז די נאַכט זאָל זיין אַ לאַנגע און רויִקע. כמעט קיינער שלאָפט נישט און דאָך גייט די נאַכט גיך אַריבער, און מיט אַ ציטערנדיק האַרץ נעמען מיר אויף דעם אויפגאַנג פון אַ נייעם טאָג. באַלד זענען אָנגעקומען די פויערים מיט אַ ביסל מילך און ברויט. אָבער זיי מאָנען פאַנטאַסטישע פּרייזן און די מערסטע זענען נישט בכוח דאָס צו באַצאָלן.

„פּלוצעם דערהערט זיך פון דער ווייטנס אַ טויב געמורמל, וואָס ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער און העכער, ביז עס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ געיאָמער. עס קומען אָן די יעדינעצער ייִדן. זיי זענען נאַקעט, הונגעריק, און ווערן געיאָגט ווי אַ סטאַיע הינט. אָט זענען זיי שוין צוגעקומען. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס דאָזיקע בילד. עס שטייען נישט פאַר מיר קיין מענטשלעכע באַשעפענישן. אויסגעהונגערטע, אָנגעטוּענע אין שמאַטעס — שלעפּן זיי זיך קוים. זיי ציטערן, קרעכצן און וואָיען. אין זייערע אויגן איז דאָ טויטשרעק, פּונקט ווי אין די אויגן פון אַ חיה, וואָס ווערט געיאָגט פון אַ מחנה הינט, אונטער אַ געפּייף פון קוילן. די דאָזיקע טשערעדע, וואָס ווערט געיאָגט און געשלאָגן מיט בייטשן און מיט סאָלדאַטסקע ביקסן, רירט זיך איינפאָרמיק, מיט נאַכלעסיקע באַוועגונגען, געמוטשעטע, כמעט אומבאַוווּסטזיניקע. די בעסטיעס דערלויבן קיינעם נישט זיך אָפּצושטעלן און יאָגן אַלץ ווייטער צום נעסטער צו, צו דער ספּלאַווע, צום גיהנום צו. אָבער מיר רינגלען זיי אַרום און אין די געציילטע רגעס פון **גערודער,** באַווייזן מיר זיי אַריינרוקן אַ ביסל עסנוואַרג, אָנטוּעכץ און אַפילו אַוועקצוגנבענען עטלעכע פון זיי און זיי צו באַהאַלטן צווישן אונדז. די סאָלדאַטן באַווייזן אָבער גיך צו צערייסן אונדזער קרייז און נאָכן ווידערפאָרמירן דעם קאָנוואָי, דערהער איך צום ערשטן מאָל דעם באַפעל, וועלכער וועט מיר, פון איצט אָן און ווייטער, אַזוי אָפט סוויסטשען אין די אויערן:

— „ווער עס קען נישט גיין ווייטער, זאָל בלייבן אַרונטער — ער וועט דערשאָסן ווערן.״

דאָס אַריבערגיין דעם נעסטער

דאָס אַריבערגיין דעם נעסטער איז געווען אַ טראַגיש קאַפּיטל פאַר זיך אַליין. אויך וועגן אָט דעם געשעעניש קאָן מען נישט דערציילן, ווי וועגן איין פאַל; ווייל פיל עשאלאנען און ברעקל-עשאלאנען זענען אריבער דעם נעסטער, קיין „טראַנסניסטריע״. אָן אַ צאָל זענען די גרויליקע געשיכטעס, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן דאָזיקן אַריבערגאַנג. טייל אַריבערגייער האָבן געהאַט „מזל״ און זיי זענען אָנגעקומען אויף דער צווייטער זייט „בשלום״ און זיך, ווי נישט איז, „איינגעאָרדנט״; אַנדערע — האָבן געפונען זייער טויט צווישן די כוואַליעס פון טייך, וועלכער האָט ווייט פאַרטראָגן די דערטרונקענע קערפּערס.

באַזונדערס איז באַקאַנט דער אויפשוידערנדיקער פאַל, וואָס האָט פּאַסירט, ביים אַריבערגיין דעם נעסטער, דעם עשאַלאָן, אָדער אַ טייל פון דעם עשאַלאָן, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם וועג ווערטוּזשען־קאַסעוּץ־אָטעק. נאָענט צום אַריבערגאַנג האָט מען פאַרטיילט די מענטשן אין צוויי גרופּעס: איין גרופּע האָט מען געשיקט אין דער ריכטונג פון יאַמפּאָלע און די צווייטע — אויפן וועג קיין רעזינע. די גרופּע פון יאַמפּאָלע איז אַריבער בשלום דעם טייך; די צווייטע גרופּע איז פולשטענדיק אומגעקומען, ביים סאַמע אַריבערגיין דעם טייך.

איין קלאַנג האָט געזאָגט, אַז ווען די מענטשן האָבן זיך געפונען אין מיטן פון דער בריק, איז זי אויפגעריסן געוואָרן, ממש בעתן אַריבערגיין. לויט אַן אַנדער קלאַנג, האָט מען אויסגעשטעלט די מענטשן לעבן דער בריק און זיי אויסגעשאָסן מיט מאַשינען־געווער. אַזוי צי אַזוי, קיין איין מענטש פון יענעם עשאַלאָן איז נישט געבליבן לעבן. די אומשטענדן פון דעם זענען עד היום געבליבן אומבאַקאַנט, ווייל קיינער פון דער גרופּע איז נישט געבליבן לעבן. ס׳זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען: דערשאָסן געוואָרן, דערטרונקען געוואָרן אין נעסטער, אַרויף אויף מינען־פעלדער. די טויטע האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם סוד פון זייער אומקום. צווישן די אומגעקומענע איז געווען רחל, די שוועסטער פון מאָטי רייכער און איר 8־יעריק געראָטן זונעלע. דאָס — נאָך דעם ווי זיי זענען איבערגעקומען דעם קאַסעוּצער וואַלד, וווּ זיי האָבן, הינטער זיך, געלאָזט אין דער ערד, די עלטערן — אליעזר און גאָלדע. אַנדערע אומגעקומענע אויפן וועגן קיין רעזינע: דעם זייגערמאַכערס יעקל זילבערמאַנס קינדער — איציק און אסתר, און די קינדער דוקו און שוליא, ווי אויך די מוטער זעלדע.

אָנגעקומען צום „ציל״... — טראַנסניסטריע. ווי אַזוי־זשע זענען די פאַרשיקטע אויפגענומען געוואָרן דאָרט, וווּהין זיי זענען אַזוי לאַנג געטריבן געוואָרן? וועגן אָט דעם „פיינעם קבלת־פּנים״ זענען פאַראַן שוידערלעכע עדות.

דאָ, אויף דעם מזרחדיקן ברעג פונעם טייך, הייבט זיך

על נהרות טראַנסניסטריה

בהרבה נקודות לאורך נהר־הדניאַסטר רוכזו המגורשים: הם חיכו כאן, ימים שלמים, תחת שמש יוקדת או גשמי זעף, עד שהועברו לטראַנס־ניסטריה. רבים ניספו כאן, רבים מצאו את מותם בגלי ה־נהר הזועף. (מתוך אוסף מתתיהו קאַרפּ).

אויפן ברעג פון נעסטער

די פאַרטריבענע וואַרטן, מ'זאָל זיי אַריבערפירן קיין טראַנסניסטריע. אין פונקטן לענג־אויס דעם טייך האָט מען געהאַלטן די אומגליקלע־כע פיל טעג. דאָ האָט זיי געברענט די זון, געוואַשן דער רעגן און געפּלאָגט די קאַלטע נעכט. פיל האָבן דאָ פאַרלאָרן זייערע לעבנס; פיל זענען דערטראַנקען געוואָרן אין טייך. (פונעם מאַטיאַס קאַרפּ־אַרכיוו).



אויף אַ הויכער באַרג און די געגנט איז פאַרזייט מיט שטיי־נער. פּאַוי די צעבראָכענע, אויסגעמוטשעטע וואַנדערער האָבן די רומענער און דייטשן צוגעגרייט אַ סאַדיסטישן ,אויפנעם׳. זיי האָבן באַפוילן, אַז יעדער איינער פון די אָנגעקומענע זאָל אַרויפקומען אויפן באַרג, טראָגנדיק אַ שווערן שטיין. און ווען די אומגליקלעכע זענען דאָך אַרויפגעקומען אויפן באַרג, איז געקומען דער באַפעל זיך אומצוקערן צום ברעג טייך. און פון ברעג, ווידער — אַרויף דעם באַרג מיט אַ שווערן שטיין... אַזוי אָן אויפהער, אַרויף און אַראָפּ, ביז מענטשן זענען אַנידערגעפאַלן אָן כוחות אין מיטן באַרג־אַרויף, און נישט ווייניק פון די אַנידערגעפאַלענע האָבן זיך אַראָפּגעקאַטשעט צום טייך און שוין מער נישט גענדאַרפט צוריק אויפשטיין... זייער לעצטער וועג האָט געפירט צום אָפּגרונט פונעם פליסנדיקן טייך.

צוריק אין אָטעק

ווען אַ נאַכט, אין וועלכער ער איז אַריבערגעגאַנגען דעם נעסטער, פון מאָהילעוו צוריק קיין אָטעק, דערציילט מענדל ליבערמאַן:

„ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז די דייטשן, וועלכע באַגלייטן דעם קאָנוואָי, ווילן אונדז דערטרינקען אין נעסטער, בעת מיר וועלן אים אַריבערגיין. די יונגע פון קאָנוואָי — אויסער מיר זענען דאָרט געווען זוסיע גראַלניק, יצחק ראַבוך, פסח פישבערג, יעקב ראָזנבערג, ברוך הענד־לער מיט זיין ברודער בנימין און אַנדערע — האָבן באַשלאָסן זיך אַקעגנשטעלן מיט כוח, אויב ס'וועט געמאַכט ווערן אַ פּרווו צו באַגיין דאָס פאַרברעכן... מיר זענען צוגעקומען צום ברעג פון טייך. איבער דער אויפגעריסענער בריק, צווישן מאָהילעוו און אָטעק, איז פאַרלייגט געוואָרן אַ שמאָל בריקל. דאָ, אויף דער מאָהילעווער זייט פון טייך, זענען מיר געשטאַנען לאַנג. מ'האָט אונדז נישט געלאָזט זיצן. מיר האָבן געהערט די טעלעפאָנישע געשפּרעכן צווישן ביידע ברעגן פון נעסטער. פון אונדזער זייט האָט מען אַריבער־געשריגן צו דער צווייטער זייט, מ'זאָל אונדז צונעמען; די צווייטע זייט האָט זיך געקווענקלט; זי וויל נישט. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט, ווי אַ דייטש שרייט הויך און אַנטשלאָסן צו די באַפולמעכטיקטע פון צווייטן ברעג, אַז אָדער זיי נעמען אונדז אויף, אָדער מ'וועט אונדז אַריינוואַרפן אין טייך אַריין.

„שווער אויסצומאָלן ווי אַזוי ס'איז פאַר אונדז אַריבער די נאַכט. מיט די לעצטע כוחות זענען מיר געשטאַנען אויף די פיס, ווייל, ווי געזאָגט, זיך אַוועקזעצן האָט מען נישט גע־טאָרט. אייניקע האָבן געהאַלטן אויף זייערע הענט קליינע קינדערלעך, וואָס האָבן געוויינט. צווישן די עלטערע מענטשן זענען פיל געפאַלן אין חלשות.

„מיט אַ מאָל און אומדערוואַרט האָט מען געעפנט די באַריערע פון דער בריק און מ'האָט אונדז באַפוילן אַרויפ־צוגיין אויף איר. אַ פּחד איז אונדז באַפאַלן. וואָס וויל מען פון אונדז? טראַכט מען אונדז אַריבערצופירן אויף דער צווייטער זייט, אָדער מ'לאָזט אונדז אַרויף אויף דער בריק,

וואַסער... וואַסער...

איייניקע עשאַלאָנען, אָדער שפּליטער־עשאַלאָנען פון די פאַרטריבענע, זענען אַריבער דעם נעסטער אין הייסע טעג. די מענטשן זענען אויסגעגאַנגען נאָך אַ טראָפּן וואַסער צום טרינקען. דאָס וואַסער איז דאָך געווען אַזוי נאָענט... מ׳דאַרף בלויז אויסשטרעקן די האַנט, אָנשעפּן אַ פּאָר טראָפּן און שטילן דעם פלאַנגדיקן דורשט. אַבער — ווייי צו דעם, וועל־כער האָט געפּרוווט זיך אָנבייגן, כדי צו זופּן וואַסער פון טייך; ער איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. מיט זייערע לעצטע כוחות, מיט פאַרוויינדעטע און געשוואָלענע פיס, האָבן זיך די מענטשן אַרויסגעשלעפּט דעם באַרג. ווען זיי זענען סוף־כל־סוף אַרויפגעקומען צום שפּיץ, האָבן די באַגלייטנ־דיקע שומרים און סאָלדאַטן זיי מבשר געווען, אַז ס׳איז זיי דערלויבט אַראָפּגיין דעם באַרג, צום טייך, און טרינקען. מראַין דער שוידערלעכער מידקייט, האָבן אַלע, דערונטער זקנים, קינדער, פרויען, זויגנדיקע מוטערס מיט זייערע עופעלער, אָנגעהויבן צו לויפן באַרג־אַראָפּ, כדי אָנצו־קומען, וואָס שנעלער, צום וואַסער. אַבער — מעשה־שטן... ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס׳נישטאָ קיין גרענעץ צו דער אכזריותדיקער נידערטרעכטיקייט פון דער רומענישער וואָך. ווען די אויסגעמוטשעטע און אומגליקלעכע האָבן זיך דערנענטערט צום וואַסער ממש, האָבן זיי די סאָלדאַטן נישט געלאָזט טרינקען און געשאָסן אויף די טרינקערס. אָבער אויך די שיסערייען האָבן נישט צוריקגעהאַלטן די מענטשן פון טרינקען. אייניקע פון זיי זענען אַפילו אַריינ־געשפּרונגען אין וואַסער און געטרונקען, געטרונקען מיטן לעצטן ביסל כוח... טייל איז געבליבן, אָנגעטרונקען, אינעם וואַסער... אויף אייביק.

כדי פון דאָרטן אונדז אַריינוואַרפן אין טייך אַריין? אָבער קיין סך צייט נאָכצודענקען איז נישט געווען. זענען מיר אַרויף אויף דער בריק און געשפּאַנט ביז מיר זענען אָנגע־קומען קיין אָטעק — זעכציק קילאָמעטער פון יעדינעץ.

„די גרופּע יעדינעצער, וועלכע מ׳האָט געטריבן פון מאָהילעוו קיין אָטעק, האָט געציילט אַרום אַ פיר הונדערט מענטשן. און ווען זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי ווערן נישט באַגלייט און נישט באַוואַכט פון סאָלדאַטן, דייטשן אָדער רומענער, איז אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ וויכוח, צי זאָל מען נישט פּרוּוון אַהיימגיין. איך בין געווען קעגן. אַ העלפט פון דער גרופּע האָט זיך דאָך געלאָזט אין וועג אַריין. די איבערגעבליבענע האָבן זיך אויך געקליבן צו גיין. דער וויכוח איז פאַרגעזצט געוואָרן.

„פּלוצעם האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוידער־בילד : די, וואָס האָבן פריער פאַרלאָזט דאָס אָרט, האָבן זיך אומגעקערט; זיי זענען געווען כמעט נאַקעט. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן אויפן וועג באַגעגנט דייטשן, רומענער און לאָקאַלע גויִישע איינוווינער, וועלכע האָבן זיי שווער צעשלאָגן און זיי צוריקגעטריבן. מיר האָבן זיי געהאָלפן מיט וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט. מיר, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט אין וועג, האָבן כאָטש געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַ ביסל אויסצורוען״.

אַנדערע פאַקטן, וועגן די גרוילטאַטן לגבי אַריבערגע־קומענע :

דער קאַנוואָי, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען יצחק גערצמאַן, איז אָנגעקומען צום נעסטער. די מענטשן זענען געטריבן געוואָרן דורך דער בריק, אָבער פּלוצעם איז די בריק אויפגעהויבן געוואָרן. די באַגלייטער האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דעם און באַפוילן דעם קאַנוואָי ייִדן פאַרויס־צוגיין... דאָס הייסט — גלייך אין וואַסער אַריין... וועמען וועט עס אַרן, ווען זיי וועלן דערטרונקען ווערן? יצחק גערצמאַנען איז איינגעפאַלן צו האַנדלען שנעל. ער האָט צענויפגענומען ביי אַלעמען, וויפל יעדער האָט פאַרמאָגט, צוגעגאַנגען צום באַפולמעכטיקטן אָפיציר אויף דער בריק און אים געזאָגט: „אויב ס׳איז ביי דיר נאָך געבליבן אַ פונק פון מענטשלעכקייט, איז נעם וואָס ס׳איז אונדז נאָך פאַר־בליבן, אַבי שיק אונדז נישט צו אַ זיכערן טויט״. דאָס געלט האָט געווירקט. דער אָפיציר האָט אַראָפּגעלאָזט די בריק, און די מענטשן זענען אַריבער דעם טייך.

דער קאָנוואָי, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען משה שטיינוואָרץ און זיין משפחה, איז אָנגעקומען קיין אָטעק, כדי דאָ אַריבערצוגיין דעם נעסטער. אָבער די בריק איז געווען פאַרמאַכט. אין צווישן האָט ממש געמבולט. ס׳האָט קיין זין נישט געהאַט זיך אומצוקערן אין שטעטל, ווו נישט נאָר די חורבות, נאָר אויך די גאַסן זענען פול געווען מיט פאַרטריבענע ייִדן. אַרומיאָגנדיק זיך נאָך אַן אויסוועג, האָט משה שטיינוואָרץ צופעליק אַנטדעקט אַ פּאָר נישט־ייִדן, וועמען ער האָט בשעתו באַדינט און געטאָן טובות אַלס באַנק־דירעקטאָר. די קריסטן האָבן אינטערווענירט ביי די באַפולמעכטיקטע אויף דער בריק. די בריק איז געעפנט געוואָרן, און דער גאַנצער קאָנוואָי איז אַריבער דעם טייך.

ס׳זענען געווען אויך אַנדערע קבלת־פּנים־„צערעמאָניעס״. אויף דעם געביט איז, וואַרשיינלעך, נישט געווען קיין איינ־הייטלעכער פּלאַן. אַלץ איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו, איינפאַלערישקייט, פאַנטאַזיע און גייסטיקן צושטאַנד פון דער לאָקאַלער מאַכט.

אויסנאַמען פון מענטשלעכקייט

געווען פאַלן, ווען פאַרשטייער פון רויטן קרייץ האָבן אָפּגעוואַרט די אָנגעקומענע און זיי זענען אויפגענומען גע־וואָרן מיט ברויט און טיי, מיט וואַרעמקייט און פאַרשטענ־דעניש, ווי ס׳פאַרפליכטעט זיי די ראָם, אין וועלכער זיי האָבן אַקטיווירט. געווען פאַלן ווען מענטשן האָבן געחלשט ווען זיי האָבן דערזען מענטשלעך ברויט מיט טיי... אויך אין די אויגן פון די ברויט־צושטעלער האָט מען געקענט זען טרערן... (לויט דער עדות פון י ע ק ל ג אָ ל ד).

געווען אויך פאַלן, ווען דווקא די אוקראַיִנישע איינווױ־נער פון די דערפער, וועלכע האָבן זיך געפונען נאָענט צום

דער פעלצמאַנטל

אין לאַגער פון וווערטוזשען איז די משפחה פונעם לערער יוסף שפּיראָ קראַנק געווען אויף טיפוס. פאָטער און טאָכטער זענען געלעגן, נישט קאָנענדיק רירן מיט קיין איבר. די „העלדין" איז בלויז געווען די מוטער יענטע (מאַיאַנסקי). זי האָט געוואָלט קריגן אַ קאַפּעלע מילך ביי די אַרומיקע פּויערים — אפשר וועט עס העלפן מחייה צו זיין די מסוכנדיקע משפּחה־מיטגלידער, וואָס ליגן אויפן טויטנבעט. קיין געלט איז נישטאָ, אָבער אין בינטל ליגט באַהאַלטן אַ פעלצמאַנטל, נאָך פון די גוטע צייטן אין דער היים.

אַזוי ווי ס'איז אָסיען, און דער ווינטער דערנענטערט זיך, און פון פעלצמאַנטל קאָן מען צוגרייטן שיינע פוטערנע קוטשמעס, האָט זי איבערגעגעבן דעם פעלצמאַנטל אַ יידן פון שטעטל בריטשעווע, כדי ער זאָל, ווי ער האָט פאַרשפּראָכן, עס פאַרקויפן צו די גויים און איר אָפּברענגען דאָס געלט... דער פעלץ איז געווען דער סאַמע לעצטער פאַרמעגן פון דער משפּחה, פאַר וועלכן מ'קאָן קריגן עפּעס געלט, כדי, ווי זי האָט געהאָפט, צו ראַטעווען דאָס לעבן פון איר מאַן און קינד.

וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט? דער ייד האָט גענומען דעם מאַנטל, איז אַוועק און „פאַרגעסן" צוריקצוקומען. נישטאָ קיין בריטשעווער ייד, נישטאָ קיין פעלץ, נישטאָ קיין געלט. אַלץ פאַרשוווּנדן געוואָרן און ס'איז נישטאָ קיין מילך פאַר די גוססדיקע משפּחה־מיטגלידער. די אומגליקלעכע און אָפּגענאַרטע מוטער יענטע האָט נישט אויסגעהאַלטן די ריזיקע אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אַריבערגאַנגס־אָרט, האָבן זיך שיין באַצויגן צו די דעפּאָרטירטע, וועמענס נעבעכדיקע דערשיינונג האָט ביי זיי אַרויסגערופן רחמנות; די דאָזיקע אוקראַיִנישע דאָרפסלייט האָבן געבראַכט ברויט און טרינקוואַסער און אויסגעביטן שפּייז פאַר די לעצטע חפצים, וואָס די פאַרטריבענע האָבן נאָך געהאַט ביי זיך (לויט דער עדות פון מ ע נ ד ל ל י ב ע ר מ אַ ן).

אָבער אויך די ווייניקע פאַלן פון אַ כמו־מענטשלעכער באַציִונג, האָבן נישט אַרויסגערופן ביי די פאַרטריבענע קיין איבעריקע אילוזיעס, אַז זיי זענען, כלומרשט, געקומען „אל המנוחה"; באַזונדערס, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צו „זאָרגן" פאַר זיי די רומענישע און דייטשע שומרים און באַגלייטערס. אָפט איז דער „פיינער" אויפנעם געווען אַן אינסצעניזירטע שווינדלעריי. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז די פאַרטריבענע ייִדן דאַרפן נאָך דורכמאַכן, ביזן אָנקומען צו אַ „ציל", — אַ לאַנגן וועג, מיט פיל צייטווייליקע סטאַנציעס, וועמענס שוידערלעכקייט איז קיין מענטש נישט בכוח אויסצומאָלן.

דער ערשטער אָפּשטעל אין טראַנסניסטריע

וועגן דעם ערשטן אָפּשטעל אויף דער ערד פון טראַנסניסטריע דערציילט, אין זיינע באַשרייבונגען, מ ע נ ד ל ל י ב ע ר מ אַ ן, וועלכער איז געקומען צום אַריבערגאַנגס־פּונקט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע צענדליקער יעדינעצער משפּחות, אויפן וועג פון סעקוראַן—אָטעק:

„צו מאָרגנס האָט מען אונדז אַרויפגעפירט אויפן באַרג, וואָס אים צו פוסנס פליסט אַ טייכל. אַרום אונדז האָט מען געמאַכט אַ ווייסן קאַלכצייכן און אָנגעזאָגט, אַז איבער אָט דעם פּאַס טאָרן מיר זיך נישט רירן; ווער ס'וועט עס טאָן — וועט דערשאָסן ווערן. און זיי האָבן מקיים געווען זייער דראָונג. זיי האָבן געשאָסן אין דער ריכטונג פון לאַגער, אַזוי אַז איין קויל האָט געקאָנט הרגענען מער ווי איין מענטשן. זיי האָבן נישט צוגעלאָזט די לאָקאַלע באַפעלקערונג זיך צו דערנענטערן צו אונדז, טאָמער וועט זי אונדז פּרוּוון העלפן. ס'האָט אָנגעהויבן צו רעגענען; און באַלד האָט גענומען ממש מבולען. מענטשן האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינער ביים צווייטן, כדי נישט אַריינגעשלעפּט צו ווערן אין טייכל, וואָס האָט געשטראָמט אונטן. ס'איז נישט געווען וואָס צו עסן און וואָס צו טרינקען. דאָס וואַסער פון טייכל האָט מען נישט געקענט טרינקען, ווייל די מענטשן האָבן דאָרט געמאַכט זייערע באַדערפענישן; זיי האָבן אַהין אויך אַריינגעוואָרפן די לייז, מיט וועלכע יעדער איז געווען באַדעקט. אָבער אויך צום דאָזיקן וואַסער איז געווען שווער צוצוקומען, ווייל דאָס אָרט איז געווען ענג און מענטשן זענען געווען אַ סך. ס'איז געווען שווער צוצוזען, וואָס דאָ קומט פאָר. מענטשן זענען אַוועקגעפאַלן פון חלשות, אויס מאַנגל אין שפּייז. די לאַגע איז נישט געווען אויסצוהאַלטן".

מענדל ליבערמאַנען אַליין איז געלונגען, מיט דער הילף פון כיטרע טריקן (אויף וועלכע מיר קענען זיך נישט אָפּשטעלן, צוליב פּלאַצמאַנגל) און מיט אַ צוגאָב פון אַ שיינער סומע רוסישע רובלס, אַלס כאַבאַר, אונטערצוקויפן דעם רומענישן אָפיציר, דעם באַפולמעכטיקטן אויפן לאַגער און דער סביבה, ער זאָל אַרויסנעמען די ייִדן פון אָט דעם עמק־הבכא און זיי דערמעגלעכן — היינט וועט עס אויסזען אומגלויבלעך — פאָרצוזעצן צו גיין, פריי און אָן באַגלייטונג, טיפער קיין רוסלאַנד. די מענטשן זענען געגאַנגען פאָרויס אַ שטיק וועג. די באַדינגונגען אין היגזיכט פון גיין, וואַסער און עסן — זענען געווען ווי פריער. זיי האָבן געפּרוּווט זיך צו „באַזעצן" אין אַ פאַרלאָזטן קאָלכאָז, אין אַ פאַרלאָזט ייִדיש שטעטל, מיטן נאָמען קאָזלאָוו, באַזירנדיק זיך אויף אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו און אַ דערלויבעניש, וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן יענער אָפיציר. אָבער די לאָקאַלע ציווילע מאַכט איז געווען קעגן דעם, מאָטיווירנדיק איר קעגנערשאַפט מיט דער כלומרשטער „זאָרג" פאַרן שלום פון די אָנגעקומענע, באשר, אַזוי האָבן זיי געטענהט, רומענישע און דייטשישע סאָלדאַטן וועלן זיי אָנגרייפן און אפשר אפילו דערמאָרדן.

פלוצעם האָבן זיך די מענטשן דערזען מיט זיך אַליין.

כלומרשט „פריי", אָבער פאַר דער פראַגע: „וואָס טוט מען? וווהין גייט מען?" טייל מענטשן האָבן געטענהט: אויב די אַנטשיידונג ליגט טאַקע אין אונדזערע אייגענע הענט, קאָן מען דאָך זיך אומקערן „אַהיים" — קיין יעדינעץ. אָבער, באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין דער גאַנצער סביבה און אויף אַלע וועגן געפינט זיך רומעניש און דייטשיש מיליטער און ס'איז לעבנס־געפערלעך זיך צו טרעפן מיט זיי; אַזוי ווי יעדינעץ איז סיי ווי סיי ווייט, און מאָהילעוו איז פיל נענטער, האָט מען באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין דער ריכטונג פון מאָהילעוו.

די סטאַנציע מאָלאָטשנע

נאָר אַ רשעותדיקער מוח האָט געקאָנט אַזוי איינשטעלן די צייט, אַז די פאַרטריבענע זאָלן אָנקומען אין אַ נייער סטאַנציע, דווקא אין די אָוונט־שעהען; דאָס — כדי זיי זאָלן נישט זען די פאַרוואָרלאָזטקייט און די חורבות, ווּהין מ'פירט אַריין מענטשן, און כדי מ'זאָל זיך קענען מער איזדיעקעווען איבער זיי; די מענטשן זאָלן זיך פאַרלירן אין דער פינצטערניש; זיי זאָלן זיך נישט קענען איינאָרדענען, אפילו אין די געגעבענע ערגסטע באַדינגונגען.

געוויסן אָדער קאַלאָשן?

דער קאָנוואָי האָט זיך געשלעפּט אויף די וועגן. ס'זענען געווען הייסע זומערטעג. דער לעדער־הענדלער יוסף (יאָסל) גערצמאַן, לייב אָדעסערס שכן, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיין משפחה. פּלוצעם האָט ער באַקומען אַ זונשלאַג און איז אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטער. די באַגלייטנדיקע סאָלדאַטן האָבן זיך דערמיט נישט גערעכנט; זיי האָב באַפוילן ווייטער צו גיין... מ'טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. יאָסלס טאָכטער, אסתר, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, איז צוגעגאַנגען צום באַפעלמעכטיקטן אָפיציר און אים אַזוי געזאָגט:

„מעגסט מיך הרגענען, ס'אַרט מיך נישט, אָבער כ'וועל נישט איבערלאָזן מיין פאָטער... געדענק, ביזט נאָך יונג, האָסט אויך עלטערן"...

דערביי האָט זי נישט פאַרגעסן אַריינצושטופּן אין די הענט פון אָפיציר אַ פּאָר נייע קאַלאָשן, וואָס זי האָט געטראָגן מיט זיך.

צי די רייד האָבן געווירקט אויפן אָפיציר, צי די קאַלאָשן — ער האָט באַפוילן די סאָלדאַטן געבן אסתרן אַ ביסל וואַסער. אסתר האָט מיטן וואַסער דערמונטערט איר פאָטער, אים דערנאָך געגעבן צו טרינקען. ער איז געקומען צו זיך פון דער חלשות, אויפגעשטאַנען און פאַרגעזעצט צו גיין מיטן קאָנוואָי.

אָט דאָס איז געשען אויף דער סטאַנציע מאָלאָטשנע. מ'איז אָנגעקומען אין לאַגער שפּעט אין אָוונט. די מענטשן זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַן אויפגעבראָכענער שמוציקער געביידע, אָן טירן און פענצטער, אָן ליכט; דער רעגן וואָס האָט געליאַפּעט, האָט פאַרגרעסערט די פאַרלוירנקייט און דיליידן פון די מענטשן. אין אָט דער נאַכט זענען קינדער אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע עלטערן, פאַרלוירן געגאַנגען, פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אויף די וועגן און אייניקע פון זיי זענען געפונען געוואָרן דורך די פויערים פון דער סביבה און געבראַכט געוואָרן צו זיך אַהיים.

אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט מיטן מיידעלע פון שרה ליטוואַק. ביי נאַכט איז דאָס קינד פאַרשוווּנדן געוואָרן. בלויז אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די מוטער געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס קינד געפינט זיך אין הויז פון אַ פויער פון נאָענטן דאָרף בודאַ. די אומגליקלעכע מוטער איז אַרויס, אין די שפּורן פון קינד; אַלס סימן האָבן געדינט די שמאַטעס, וועלכע האָבן איינגעוויקלט דעם קינדס פיסעלעך. די מוטער האָט זיך, פאַרשטייט זיך, געפרייט צו אַנטדעקן איר קינד, אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, צו דער איבערראַשונג פון דער מוטער, אַז דאָס קינד וויל נישט אַוועקגיין פון פויערישן הייזל. „דאָ איז מיר גוט, דאָ וויל איך בלייבן" — האָט זיך דאָס קינד צעכליפּעט. שווער איז אָנגעקומען דער מוטער איינצורעדן דעם קינד צו גיין מיט איר. די מאַמע האָט גענומען דאָס קינד אויף די פּלייצעס און אַזוי, אין שניי און אין פאַרפרוירענע ריטשקעס, האָט זי געשפּאַנט „אַהיים".

נאָך אַ פּיל גרויזאַמערע לאַגע האָט אָפּגעוואַרט די גרופּע פאַרטריבענע, אין אַן אַנדערן אָפּשטעלאָרט, ווי ס'גיט איבער ד אָ ב ע ג ר ו ז מ אַ ן (כהן), פון איר אייגענער טרויעריקער דערפאַרונג:

„מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר זיך דערשלעפּט, אין איין אָוונט, צום ערשטן קאָלכאָז אין דער פאַרשאָלטענער אוקראַינע. ביז מיין לעצטן טאָג וועל איך נישט פאַרגעסן דאָס שוידערלעכע בילד. אין אַ גרויסן, צעבראָכענעם און אָפענעם געביי, אַרומגערינגלט פון אַלע זיינע זייטן מיט אומריינקייט, זענען געלעגן, אויפן שמוציקן שטרוי, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד — מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן ספּאַזמירט צווישן לעבן און טויט — ממש שאָטנס פון מענטשן. דאָס זענען געווען שרידים פונעם בעסאַראַבער ייִדנטום. די מענטשן זענען געווען פאַרפרוירן און אויסגעגאַגען פון הונגער. צווישן זיי זענען געווען פאַראַליזירטע קינדער, וועלכע האָבן קוים אַרויסגעשעפּטשעט זייער לעצטע בקשה: „מומע, גיב אַ שטיקעלע ברויט". און וועמען האָב איך געטראָפן, אינעם דאָזיקן גיהנום? איינעם פון די פיינסטע ייִדן פון אונדזער שטעטל, שמואל פראדיס ז"ל; ער איז געווען איינזאַם און פאַרלאָזן און אין אַ מצב פון גסיסה; געליטן פון שוידערלעכע ליידן און געבעטן, אַז דער טויט זאָל וואָס שנעלער קומען, ווייל מ'קען שוין נישט מיר...

„מידע און צעבראָכענע זענען מיר אַנידערגעפאַלן אויף



"הילדה שנשכחה ביער"
רישום
מאת
ז. טולקאַצ׳ב.

„דאָס פאַרגעסענע מיידעלע אין וואָלד"
צייכענונג
פון
זינאָווי טאָלקאַטשעוו.

דער ערד און געלעגן צוזאַמענגעפרעסט אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט. פאַר טאָג האָבן די שומרים און סאָלדאַטן באַפוילן: אויפשטיין און ווייטער גיין... גיין.. שנעלער... פיל פון אונדז זענען שוין קיין מאָל מער נישט אויפגעשטאַנען. מיר האָבן פאַרגעזעצט צו גיין... נאַקעט און באָרוועס זענען מיר געווען. די קעלט דרינגט אַריין אין יעדן איבר און דער הונגער פלאָגט, אוי פלאָגט ער, ביז יציאת הנשמה... אָבער קיין הילף איז נישט געווען; קיין מושיע איז נישט געקומען."

„אַ לענגערע צייטווייליקייט"

געווען אָפּשטעל־פּלעצער, פון אַ „לענגערער צייטווייליקייט", אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן; דהיינו, נישט קיין שטענדיקער לאַגער, ווי ס׳איז געווען מאַהילעוו, בערשאד און אַנדערע. אין אַזאַ לאַגער, פון אַ „לענגערער צייטווייליקייט", האָט מען באַוויזן זיך „איינצואָרדענען", מ׳שטיינס געזאָגט; דאָ האָט מען געקענט קריגן שפּייז, זיך באַקענען מיט די איינוווינער פון א נאָענטן דאָרף און אָנקניפּן מיט זיי באַציונגען.

אין אַזאַ מין לאַגער, קאַטאַשון, האָט זיך געפונען י ה ו ד ה כ פ ר י. לויט די באַדינגונגען, וואָס האָבן דאָרט געהערשט, קען מען אָפּלערנען וועגן ענלעכע אַזעלכע סטאַנציעס. אָט איז זיין דערציילונג:

„אַן עשאַלאָן, וואָס האָט געציילט אַ 900 נפשות, איז אָנגעקומען אין דאָרף קאַטאַשון און דאָ האָט מען געהייסן זיך אָפּשטעלן. די מענטשן זענען ‚איינגעקוואַרטירט' געוואָרן אין אַ שטאַל, אָן פענצטער, דער דאַך איז געווען צעבראָכן.

די נויט איז געווען אַ שוידערלעכע, דער הונגער איז געשטיגן. די קעלט איז געווען 30 גראַד אונטער נול. ס׳האָט אויסגע־בראָכן אַ טיף־עפּידעמיע. דער טויט האָט זיך דאָ געשפּירט גאַנץ באַקוועם און געהאַט אַ פּיינעם שניט. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. נישט איין מאָל זענען די לעבעדיקע מקנא געווען די טויטע.

„ס׳האָט פּאַסירט, אַז די מתים זענען אָפּגעלעגן טעג אין דער קאַמער, ווייל מ׳האָט נישט דערלויבט זיי צו באַ־גראָבן. לאָמיר געדענקען, אַז אויך צו באַגראָבן אַ מת איז געווען אַ גבורה און אַן איינשטעלעניש: מ׳האָט געקענט, אָדער זיך אָנשטעקן פון דעם טויטנס קראַנקייט, אָדער כאַפּן אַ קויל אין קאָפּ, מצד די שומרים פון לאַגער.

„ווען דער ערשטער ווינטער איז פאַריבער, און ס׳איז דאָך געווען אַ באַזונדער קאַלטער ווינטער, האָט מען געקאָנט מאַכן דעם באַלאַנס פון די אבידות. צוויי דריטל פון די אָנ־געקומענע אין לאַגער, זענען געשטאָרבן. ווען די איבערגע־בליבענע האָבן איינגעזען, אַז זיי וועלן דאָ לאַנג בלייבן, האָט מען אָנגעהויבן זוכן מעגלעכקייטן פון מער שטענדיקע און באַקוועמערע ‚איינאָרדענונגען׳״.

דאָס „נייע ווינטל״

ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַן ענגע קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו קריגן אין דאָרף „מענטשלעכע״ הייזער. די קאָמיסיע האָט צענויפגעזאַמלט אַלץ ווערטפולס, וואָס איז נאָך געווען ביי די מענטשן. נאָך דעם, ווי מ׳האָט אָפּגעכאַבאַרעוועט די לאַגער־שומרים, האָט מען אָנגעהויבן לענגערע אונטערהאַנדלונגען מיטן „גאַלאָוואַ״ (הויפּט) פונעם דאָרף. ווידער מיט דער הילף פון אַ גרויסן כאַבאַר, איז גע־לונגען צו קריגן דריי ליידיקע פאַרלאָזטע הייזער. זיי זענען טאַקע געווען צעבראָכן און שמוציק; ס׳איז אָבער געלונגען זיי אַ ביסעלע אויסצופאַרריכטן און זיי אפילו אויסקאַלכן, מיט קאַלך וועלכן מ׳האָט אַוועקגעשלעפּט פון אַ נאָענטן מיליטערישן לאַגער. די מענטשן האָבן זיך אַהער איבערגע־פירט; דאָס איז געווען אַן אידעאַלער „שיכון״, קעגנאיבער דער שטאַל, ווו די מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט פריער.

אין פרילינג האָט מען געפילט, אַז ס׳הייבט אָן צו ווייען אַ נייע און בעסער ווינטל מצד די שומרים צו די לאַגער־מענטשן. מ׳האָט זיי דערלויבט, אפילו ביי טאָג, אַרויסגיין, כדי צו זוכן שפּייז, אויף די פעלדער, אָדער אין די פּויערישע הייזער. אַז דאָס גליק האָט צוגעשפּילט, האָט מען ביים פּויער באַקומען אַ שטיקל ברויט אָדער אַ ביסל פּאַפּושויעס פאַר די הונגעריקע קינדער.

במשך פון דער צייט האָבן זיך אַפילו אָנגעקניפּט גוטע באַציִונגען מיט די פּויערים. אייניקע פּויערים האָבן באַ־שעפטיקט לאַגער־מענטשן אין זייערעווירטשאַפטן און דער־פאַר באַצאָלט מיט אַ וואַרעמען מאָלצייט.

אהרון חכמאָוויטש, למשל, האָט אויסגעגראָבן אַ קבר אויפן קריסטלעכן צווינטער און האָט דערפאַר באַקומען אַ וואַרעמע זופּ פון הערבסטלעך, אַ גלאָז מילך און אַלס מתנה — אַן עמער קאַרטאָפליעס פאַר זיין משפחה.

ווען די לאַגע האָט זיך אין אַלגעמיין כלומרשט „פאַר־בעסערט״, האָבן די יונגע אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ משפחה־לעבן... ס׳האָבן חתונה געהאַט יונגע לייט און ס׳זענען געווען חתונות צווישן עלטערע מענטשן.

אין געטאָ פון סעקוראַן

מיר האָבן דערמאָנט, אַז אַ טייל פון די עשאַלאָנען האָט פּלוצעם באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן מאָהילעוו און זיך אומקערן קיין יעדינעץ. איין עשאַלאָן איז אויפן „וועג צוריק״ שטעקן געבליבן אין סעקוראַנער געטאָ. דאָס איז גע־ווען אין אויגוסט 1941. אין סעקוראַנער געטאָ זענען אויך שטעקן געבליבן פאַרטריבענע ייִדן פון כאָטין, בריטשאַן, נאָוואָסעליץ און אַנדערע ערטער און אַ 350—400 יעדינעצער. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיי וועלן דאָ דאַרפן ווײַלן אַ לענגערע צייט.

וועגן דעם אינערלעכן לעבן פון געטאָ אין סעקוראַן, דערציילט מענדל ליבערמאַן:

„אין געטאָ איז געווען אַ צענטראַלער קאָמיטעט, וועל־כער האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די קאָמיטעטן פון די קלענערע גרופּן. מיר, די יעדינעצער, זענען געווען די קלענסטע שטאָטישע גרופּע. יעדער קאָמיטעט האָט באַקומען די ברויט־פּאָרציעס פאַר זיין גרופּע, ווי אויך אַנדערע פּראָ־דוקטן, צו מאָל אויך צוקער. מ׳האָט געדאַרפט אַלץ טאָן כדי צו באַקומען וואָס מערער. מיר האָבן געדאַרפט אויך זאָרגן פאַר די זקנים און קראַנקע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט זאָרגן פאַר זיך. כ׳דערמאָן מיך, ווי כ׳האָב געדאַרפט זאָרגן פאַר דער מוטער פון צפורה שקאָלניק או״וו.

מיר האָבן אויך אויפגעשטעלט אַ באָד. די גרעסטע זאָרג איז געווען צו קריגן האָלץ צו הייצן די באָד; אויך אויפצו־האַלטן אָרדענונג אינעווייניק איז געווען אַ זאָרג. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אַ צורה. ס׳האָט זיך אַפילו געבילדעט אַ מין קליינע „בערזע״. מענטשן האָבן דאָ פאַר־קויפט גאָלד און זילבער, וואָס איז ביי זיי פאַרבליבן. די לאָקאַלע גויִישע איינוווינער פון אַרום האָבן אָנגעהויבן צו ברענגען שפּייז־פּראָדוקטן, כדי זיי אויסצובייטן אויף ווערט־זאַכן; די אָרטיקע גויִים האָבן אויך געזוכט צווישן די ייִדן בעלי־מלאָכות, ווי שניידערס, שוסטערס א״אַ.

מיר האָבן אַפילו אויפגעשטעלט אַ „פאַבריק״ פון זיסוואַרג און עס „עקספּאָרטירט״ אויסערן געטאָ. רוישטאָפן האָבן מיר געפונען אין די פאַרלאָזטע פאַבריקן, וואָס זענען פאַרבליבן אָן זייערע ייִדישע בעלי־בתים, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן. ס׳איז אונדז אויך געלונגען צו קריגן

פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן. די דאָקטוירים פון צווישן אונדז האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו העלפן די קראַנקע און פאַרווונדעטע און ראַטעווען וועמען מ׳האָט נאָר געקאָנט״.

דערנאָך האָט מען די ייִדן, וואָס זענען געווען קאָנצענטרירט אין געטאָ פון סעקוראַן, ווידער געטריבן קיין טראַנסניסטריע.

מיר געפינען פאַר נייטיק צו פאַרצייכענען אויך אָט די סטאַנציע פון די מאַרטיריזירטע יעדינעצער ייִדן.

אין די געטאָס פון טראַנסניסטריע

דאָס לאַנגע שלעפּן זיך אויף די וועגן, דאָס וויילן אין די לאַגערס און אין געטאָ, האָבן, וואַרשיינלעך, נישט אָנגעפילט דעם בעכער פון טרערן און פּיין... די פאַרטריבענע ייִדן האָבן געמוזט אויך טועם זיין דעם טעם פון ממש אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָס האָט געטראָפן אַ גרופּע יעדינעצער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דאָרף קיאַנאָווקע; זיי זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דעם שכנותדיקן דאָרף קוזמינץ.

עפּעס וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין אָט דעם פּלאַץ גיט איבער מענדל ליבערמאַן:

„שווער אויסצומאָלן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון קוזמינץ. אַפילו דאָס וואָרט „שווידער״ איז צו מילד. מ׳האָט אַלעמען אַריינגעזעצט אין אַ קליינעם בנין, וואָס מ׳האָט אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט, זעקס מעטער פון די ווענט. דאָ האָבן מיר באַדאַרפט וווינען און מאַכן די קלענערע און גרעסערע באַדערפענישן. קיין וואַסער אויף צו וואַשן זיך איז נישט געווען. מיר זענען געווען שמוציק און פאַרלייזיקט. כדי צו טרינקען וואַסער, זענען מיר געגאַנגען אַ מרחק פון פינף הונדערט מעטער. ס׳האָבן אונדז באַגלייט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז, ווייזט אויס, לויט אַ העכערן באַפעל, דעם גאַנצן וועג, אַהין און צוריק, געשלאָגן. אָפט האָט פּאַסירט, אַז מענטשן האָבן געחלשט ביים צוריקקומען און האָבן אויסגעגאָסן דאָס וואַסער, וואָס זיי האָבן געבראַכט. טראָץ דעם, זענען גליקלעך געווען די, וועלכע האָבן זוכה געווען צו גיין ברענגען וואַסער.

„צו עסן איז נישט געווען וואָס. די גאַנצע שפּייז איז באַשטאַנען פון די באַבונג־ביימער מיט די בלעטער. ווער ס׳איז געווען שטאַרקער, דער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו רייסן בלעטער. אַנדערע — זענען פאַרבליבן אויך אָן בלעטער. פון די וואָרצלען האָט מען געמאַכט אַ פייער און געקאָכט די בלעטער. ביז היינט פאַרשטיי איך נישט, מיט וואָס פאַר אַ קראַפט מ׳האָט עס געטאָן.

„די טעג זענען געווען ווי אַ גן־עדן לגבי די נעכט. ביי נאַכט פלעגן די סאָלדאַטן זיך אַריינרייסן אין לאַגער ווי ווילדע חיות און זוכן פרויען. די געוואַלדן און יללות מצד די פרויען און אויך פון די געשלעגן אויף רעכטס און אויף לינקס — איז אין לשער.

„איין מיידל איז געגאַנגען זיך באַקלאָגן פאַרן אָפיציר. זי איז טאַקע פאַרהאַלטן געוואָרן אים צו באַדינען, אָבער די נאַכטיקע איבערפאַלן פון די סאָלדאַטן האָבן אויפגעהערט״.

אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע

ווי ס׳גיבן איבער פאַרשיידענע עדות, זענען די קאָנוואָיען פון די פאַרטריבענע באַגלייט געוואָרן דורך אַן איבעראַשנדיקער קליינער וואַך: 4—5 סאָלדאַטן אָדער זשאַנדאַרמען האָבן געפירט, צו מאָל, טויזנטער מענטשן. די קליינע וואַך האָט געהערשט איבער די פאַרטריבענע, זיי געשאָלטן און געזידלט, זיי געשלאָגן און געהרגעט, און קיינער האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט. פיל פראַגן: ווי אַזוי, פאַר וואָס? צווישן די טויזנטער פאַרטריבענע זענען דאָך געווען נישט נאָר זקנים, פאַרצווייפלטע, שוואַנגערנדיקע פרויען אד״ג; ס׳זענען דאָך געווען צווישן זיי אויך יונגע לייט, אין וועמענס אָדערן ס׳איז געפלאָסן הייס בלוט. פאַר וואָס האָט זיך ביי זיי נישט אָנגעצונדן אַ פונק פון רעוואָלט?

די סיבות זענען, פאַרשטייט זיך, פאַרשיידענע, אומשטענדלעכע, זעלישע; אָבער די עיקר־סיבה איז געווען: אַפּאַטיע, רעזיגנאַציע און גלייכגילטיקייט. אָט די אייגנשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט ביי די פאַרטריבענע צוליב די שווידערלעכע און אכזריותפולע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען. דער הונגער, דורשט און מידקייט, די אומאויפהערלעכע טויטפאַלן אויף די וועגן און אויף די אָפּשטעלסטאַציעס — דאָס אַלץ האָט ביי די מענטשן אַטראָפירט זייערע חושים, פאַרטעמפּט זייערע געפילן; די מענטשן זענען געוואָרן אַפּאַטיש צו אַלץ און צו אַלעמען און קיין שום זאַך האָט זיי מער נישט געקאָנט דערשיטערן, ווער שמועסט נאָך וועגן רעוואָלט. דעריבער איז זיך נישט צו וווּנדערן, וואָס איין רומענישער סאָלדאַט האָט געקאָנט פירן אַ קאָנוואָי פון הונדערטער פאַרשיקטע, טאָן מיט זיי וואָס ס׳איז אים איינגעפאַלן, זיך איזדיעקעווען וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט און קיינער זאָל נישט פּראָטעסטירן... דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס מענטשן זענען געבליבן גלייכגילטיק, צוזעענדיק ווי זייערע עלטערן אָדער קינדער שטאַרבן פּלוצעם אויף די וועגן. האָט מען די געשטאָרבענע איבערגעלאָזט אין מיטן וועג און פאַרגעזעצט צו גיין מיט אַלעמען; ווייל — און דאָס איז געווען דער עיקר — מ׳טאָר נישט בלייבן הינטערשטעליק...

ס׳האָט זיך דאָך אַרויסגעשטעלט, אַז ווער ס׳האָט געוואַגט עפּעס צו טאָן, איז אַפילו, צו מאָל, מצליח געווען. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט די איניציאַטיוו פון מענדל ליבערמאַן,

וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט צו ראַטעווען זיין משפּחה און, צוזאַמען מיט איר, אַלע מענטשן פון קאָנוואַי.

בערשאַד

איניקע קאָנוואָיען — אַזוי האָט מען איבערגעגעבן — ווי נאָר זיי ווען אַריבערגיין דעם נעסטער, ווען זיי האָבן מזל און אָנקומען אין די גרויסע לאַגערס פון מאָהילעוו, בערשאַד א״ו. אָבער ביזן אָנקומען צום געגאַרטן „ציל״, האָבן די פאַרטריבענע געדאַרפט דורכגיין, ווי מיר האָבן געזען, כּל מיני צייטווייליקע אָפּשטעל־סטאַציעס, על־פּי־רוב אויפן פרייען פעלד, אָן וואַסער, אָן שפּייז, אָן אַ מעגלעכקייט דעם קאָפּ אַוועקצולייגן; אין האַרבסט האָט אויף זיי געגאָסן דער רעגן; ווינטער האָט זיי געדעקט דער שניי און זיי האָבן געפרוירן אין די פרעסט; עפּידעמיעס האָבן אָן אויפהער געזייט צווישן זיי טויט און אומקום.

ק ל אַ ר אַ ק אַ ל מ אַ נ אָ ו ו י ט ש (דעמאָלט: בראַנד) דערמאָנט זיך אין אימהדיקע סצענעס פון יענע צייטן:

„— — — לעבעדיקע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טויטע... עלטערן האָבן געיאָמערט איבער די טויטע קערפּערס פון זייערע קינדער און קינדער — איבער די טויטע קערפּערס פון זייערע עלטערן. איבערן לאַגער האָט זיך געטראָגן דער וויי־געשריי: „גאָט, גיב אַ קוק אויף דיין פאָלק, ווי ס׳ווערט אומגעבראַכט... שמע ישראל, ה׳ אלוהינו, ה׳ אחד״... קיין ענטפער איז אָבער נישט געקומען. ‚פאַר וואָס?׳ — האָב איך געהאַלטן אין איין פרעגן מיט מיין קינדערישן שכל... ‚פאַר וואָסערע זינד?׳ איך האָב געזען ווי גוייִשע קינדער גייען פריילעך און לוסטיק אין שול אַריין. האָב איך זיך געפרעגט: ‚פאַר וואָס זענען מיר, ייִדישע קינדער, אַזוי געשטראָפט געוואָרן׳״?

יענער קאָנוואָי, וואָס אַ טייל פון אים איז אומגעקומען אויפן וועג קיין רעזינע, איז, סוף־כּל־סוף, נאָך פיל פּיינפולע וואַנדערונגען און צרות, אָנגעקומען אינעם שטעטל בערשאַד. דער וועג האָט געדויערט, זינט זיי האָבן פאַרלאָזט יעדינעץ און ביזן אָנקומען קיין בערשאַד, בסך הכּל צוויי חדשים, אָבער „פאַר אונדז איז עס אַן אייביקייט״ — האָט רעזומירט פ ר י ד ע ק ו ז מ י נ ע ר (מיטל), וועלכע האָט זיך געפונען אין יענעם קאָנוואָי:

„בערשאַד איז געווען אַ פאַרלאָזט ייִדיש שטעטל פון דער אוקראַינע. מיר האָבן שוין דאָרט אָנגעטראָפן אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון פאַרשיקטע. מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָ בלייבן מיר און מען דאַרף זיך ‚איינאָרדענען׳. ווו? די שטאַלן, די שייערס, די קאַמערס, די מאַגאַזינען, די קעלערס און בכלל אַלע לעכער זענען שוין געווען פול. און ס׳איז ווינטער. נישטאָ ווו זיך צו דערוואַרעמען. די פרעסט און דער הונגער פאַרשטאַרקן זיך. אין יענעם ווינטער זענען מענטשן געפאַלן ווי די פליגן. אָפט האָט דער שניי צוגעדעקט די מתים און קיינער האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט.

אַ פאָרשונג איבער לייז

די „מכּת כּינים״ איז געווען איינע פון די שווערס־טע פּלאָגן, וואָס האָט געטראָפן די דעפּאָרטירטע. די לייז זענען געווען אַ באַגלייט־דערשיינונג פונעם מענטשן. זיי האָבן זיך אַריינגעלעבט אין די מענטש־לעכע קערפּערס און געוואָרן אַ טייל פון זיי. די מענטשן זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין די פאַרשיקונגס־באַדינגונגען איז נישטאָ קיין מיטל צו באַקעמפן די לייז־מכּה און האָבן משלים געווען מיט דער דערשיינונג; די מענטשן האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צו די לייז, אַז, אפילו, ווען זיי האָבן זיך געקאָנט באַפרייען פון זיי אויף אַ קורצער צייט, האָבן זיי געהאַט דאָס געפיל, אַז ס׳פעלט זיי עפּעס, אַז זיי קאָנען נישט לעבן אָן זיי.

ח י י ק ע מ אַ י אַ נ ס ק י האָט אויסגעפאָרשט אַט די דערשיינונג: איין מאָל איז איר אויסגעקומען צו באַזוכן דאָס הויז פון אַן אוקראַיִנישן יידן. יענער האָט געזען די קלאָגעוודיקע לאַגע פון איר, איר מאַן און איר טעכטערל, האָט ער פאַרבעטן די משפּחה איבערצונעכטיקן ביי אים.

ער האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרומצו־וואַשן און אַ צימערל איבערצושלאָפן איין נאַכט. דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַ לאַנגער צייט, האָבן זייערע קערפּערס געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פילן וואַסער אויף זיך. זיי האָבן זיך טאַקע אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן ריינע וועש און זיך געלייגט שלאָפן, זייענדיק זיכער, אַז די נאַכט וועט פאַריבער אין טיפן שלאָף. וואָס האָט אָבער פּאַסירט? זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג און זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. פאַר וואָס? ס׳האָבן זיי אויסגע־פעלט די פּערמאַנענטע באַגלייטער — די לייז... זיי זענען שוין געווען אַזוי צוגעוווינט צו שלאָפן מיט לייז, אַז אָן אַט די בלוט־נאָגערס, האָבן זיי נישט געקאָנט איינדרימלען. חייקע מאַיאַנסקי האָט אויך באַמערקט, אַז מענער האָבן מער לייז.

די לייז האַלטן זיך אויף בלויז אויף לעבעדיקע קערפּערס, פון וואַנען זיי ציען, אַ קללה אויף זיי, זייער חיונה... ווי נאָר דער מענטש שטאַרבט, ענדיקט זיך, ווייזט אויס, דער מקור־חיונה פאַר די כּינים און זיי פאַרלאָזן דעם קערפּער; זיי ווערן פאַר־שוווּנדן, גלייך זיי זענען קיין מאָל אויפן קערפּער נישט געווען.

נאָר ווען ס׳האָבן נאָכגעלאָזן די שנייען, האָבן די הינט דערפילט דעם ריח פון פלייש. אַ מזל פון הינט...

„פון בערשאַד זענען מיר געשיקט געוואָרן צו כל מיני אַרבעטן, אויף נאָענטע און ווייטע ערטער, און מיר זענען אָנגעקומען אַפילו ביז באַלטע. מיר זענען אַפילו געווען פאַראינטערעסירט צו גיין צו דער אַרבעט, מיטן ציל צו געפינען פאַרלוירענע טיילן פון דער משפחה און קרובים. און עס זענען טאַקע געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך אָפּגעפונען. אין די דערפער האָט מען אַ מאָל אויך געקאָנט אָפּעסן״.

אין יענעם לאַגער האָט זיך אויך געפונען די משפחה פון יצחק בראַנד; קלאַראַ איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע און נישט לאַנג צוריק, אין יעדינעץ, פרידעס אַ שילערין; זי דערמאָנט זיך אין יענעם גרויליקן ווינטער אין בערשאַד:

„ווינטער, 1942, איז געווען די שרעקלעכסטע צייט. העכער אַ העלפט פון די מענטשן אין לאַגער איז געשטאָרבן. דער שניי האָט צוגעדעקט די מענטשן, וועלכע זענען פאַרפרוירן געוואָרן. טאָג־טעגלעך פלעגט מען אַרויספירן טויטע, כדי זיי צו באַערדיקן. די ערד איז געווען פאַרפרוירן. מ׳האָט זי געדאַרפט האַקן מיט העק. פלעגט מען עטוואָס אויפגראָבן די ערד, אַריינלייגן דאָרט דעם מת און פאַרשיטן מיט שניי...

„ווען ס׳איז געקומען דער פרילינג, האָט אויפגעשטראַלט אַ האָפענונג: אפשר וועט מען פאָרט דערלעבן די פרייהייט... איז דאַן אויסגעבראָכן די טיף־מגיפה, און מענטשן זענען פון ס׳ניי געפאַלן ווי פליגן״.

די טיף־מגיפה

יעקל גאָלד גיט צו:

„אין דער טיף־מגיפה איז אומגעקומען אַ דריטל פון אַלע פאַרשיקטע״.

אויך אַ גרופּע פאַרשיקטע פון טשערנאָוויץ און בוקאָווינע איז אָנגעקומען קיין בערשאַד. צווישן זיי איז געווען, ווי געזאָגט, דאָבע גרוזמאַן, וועלכע דערציילט:

„אין בערשאַד האָבן מיר געטראָפן אַ צען טויזנט מענטשן — רעשטלעך פון צפון־בעסאַראַבער ייִדנטום; צו זיי זענען שפּעטער צוגעקומען פאַרשיקטע פון דער בוקאָווינע און פון רומעניע. די מענטשן האָבן געוווינט אין צעבראָכענע און פאַרלאָזטע הייזער פון די לאָקאַלע איינוווינער, בערשאַדער ייִדן, וועלכע זענען אַנטלאָפן מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי. וואָס די ייִדן האָבן איבערגעלאָזן, האָבן חרוב געמאַכט און צעראַבירט די אָרטיקע אוקראַיִנער. ס׳איז געווען אַ שווידערלעכע ענגשאַפט; די עפּידעמיעס האָבן געשניטן די לעבנס אָן רחמנות; קיין רפואות זענען נישט געווען. ס׳זענען שוין אויך נישט געווען קיין זאַכן אויסצובייטן אויף אַ ביסל פּאַפּושוי־מעל. אייניקע האָבן זיך בכלל נישט דערלויבט אַזאַ „לוקסוס״. אַנדערע, אַז זיי האָבן דערגרייכט אַ ביסל פּאַפּושוי־מעל, האָבן זיי דאָס פאַרקויפט און געגעסן דעם קלייען...

„אין בערשאַד האָבן מיר באַגעגנט פיל שטעטלשע און אייניקע גוט־באַקאַנטע. צווישן זיי: דבורהלע, די שוועסטער פון אפרים שוואַרצמאַן, און איר מאַן. צו מאָרגנס האָבן מיר געהערט, אַז זיי לעבן שוין נישט מער. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט חסיה קופּערמאַן. אונדזערן אַן אַלטן פריינט, אברהם באַראָן, האָבן מיר געטראָפן גוססען, איינזאַם און עלנט, אין אַן אָפן הויז. מיר האָבן ביי זיך געטראַכט: פון דאַנען וועלן מיר לעבעדיק נישט אַרויס.

„די מענער האָט מען געשיקט ווייט, אויף אַרבעט — בויען בריקן פאַרן דייטשן מיליטער. מיר זענען געבליבן מיט די קינדער, אָן שוץ. בלויז אַ קלענער טייל פון די מענער האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט ביי די דייטשן; די אַנדערע — אָדער זיי זענען דערשאָסן געוואָרן, אָדער זיי האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן די שווערע אַרבעט אין די שטיין־האַקערייען און ביי אַנדערע עבודת־פרך. אָבער צו ביסלעך האָט מען זיך אַפילו צוגעוויינט צו די צרות, גלייך דאָ זענען מיר געבוירן געוואָרן און דאָס איז אונדזער אייביקער גורל. דאָ זענען אויך דווקא געוואַקסן דער לעבנסלוסט און די האָפענונג, אַז ס׳וועט פּאַסירן אַ נס, אַז „נצח ישראל לא ישקר״. אַ דאַנק אָט די האָפענונגען זענען די שרידים געבליבן לעבן. ווער ס׳האָט פאַרלוירן אָט די האָפענונג, אַפילו אויף איין טאָג, האָט זיך אַליין נישט געוואַשן און נישט געוואַשן זיינע קליידער, דער האָט שוין אויף צומאָרגנס נישט געלעבט. די מענטשן האָבן זיך געלאָזט איבער די דערפער, הגם ס׳איז געווען פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן דעם לאַגער, און דערמיט האָבן זיי איינגעשטעלט זייער לעבן. ס׳האָט זיך אויך געשטעלט אַ קליינער „מאַרק״... מ׳האָט אַרויסגענומען די פאַרבליבענע שמאַטעס און זיי איבערגעניט, זיי אויסגעפּאַריכט. שטיקלעך אַלטע ליילעכער האָט מען פאַרוואַנדלט אין טישטעכער, וועלכע די אוקראַיִנישע פרויען האָבן אויסגעכאַפּט ביי אונדז. ווי אַזוי האָט מען עס געטאָן? דער ייִדישער מוח איז אונדז געקומען צו הילף. אויפן אָרט פון אַ גרויסן לאָך אין ליילעך האָבן מיר אויסגענייט אַ שיינע גרויסע בלום... און אויפן אָרט פון אַ קלענער לעכעלע — קלענערע בלומען. ס׳האָבן זיך באַקומען „פּרעכטיקע״ אויסגענייטע טישטעכער. געווען אויך אַנדערע פרנסות״.

די טראַגעדיע מיט די קינדער פון „סאַלוואַדאָר״

מיר האָבן זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די צרות פון די דערוואַקסענע אויף זייער לאַנגן און פּיינפולן וואַנדערוועג. אָנקומענדיק אויף אַ „פּלאַץ״, זענען גרויס געווען די ליידן פון די עלטערן, צוזעענדיק ווי זייערע קינדער גייען אַרום בטל; די קינדער האָבן אויך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך אויסצולערנען אַ צורת אל״ף. די קינדער אַליין האָבן געקוקט מיט קנאה אויף די לאָקאַלע אוקראַיִנישע קינדער, וועלכע זענען געגאַנגען, מונטער און פריילעך, אין שול אַריין. געווען אויך קינדערלעך, וועלכע זענען איבערגעבליבן איינזאַם, ווייל זייערע עלטערן זענען אומגעקומען.

אייניקע פון די שוין „איינגעזעסענע״ אין בערשאַד האָבן אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו אויפצושטעלן אַ שול פאַר די

אַזוי איז געפאַלן יענקל פראַדיס

דאָס קינד פון פעסיע און יענקל, דער זון פון שמואל פראַדיס (אין לאַגער פון אַבאַדאָווקע), איז שווער פאַרשלאַפט געוואָרן און געהאַלטן ביי אַלע לעצט. דער פאָטער איז אַרויס פון לאַגער, כדי צו ברענגען פון דער קערניצע אַ ביסל קאַלט וואַסער — אפשר וועט עס זיין בכוח צו דערפרישן דאָס נשמהלע פון פיבערדיקן קינד. ווען דער רומענישער אָפיציר, פון די באַפולמעכטיקטע אויפן לאַגער, האָט עס דערזען, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן די רציחה אויף דער „חוצפה" פונעם ייִדן, צו שעפן וואַסער פון דער קערניצע; ער איז צוגעגאַנגען צו יענקלען, אים געגעבן אַ זעץ איבערן קאָפּ. יענקל איז געפאַלן אַ טויטער אויפן פלאַץ.

קינדער, וואָס איז געוואָרן אַ „קינדערהיים", טיילווייז — אַ „בית יתומים", ווו די קינדער האָבן פאַרבראַכט ביז זיי האָבן פאַרלאָזט בערשאַד און, מיט דער הילף פון רויטן קרייץ, עולה געווען קיין ארץ־ישראל. צווישן די גרינדער פון דער שול איז געווען ד אָ ב ע ג ר ו ז מ אַ ן, וועלכע גיט איבער וועגן בוי פון דער שול, די לימודים און די דערציִונג פון די קינדער:

„מיר האָבן מאָביליזירט אַלע משכילים און לערער אַלס פרייוויליקע לערער אין דער שול, פאַקטיש — אַ יתומים־הויז. מיר האָבן באַקומען הילף פון בוקאַרעשט, כדי צוצושטעלן דעם הויז שפייז, קליידער און מעדיצינישע הילף. ס׳זענען דאָרט געווען צוויי הונדערט קינדער. דאָס רוב פון זיי איז געווען קראַנק און שוואַך און מען האָט אין זיי נישט געקאָנט אַריינבלאָזן קיין פונק פון האָפענונג אויף אַ בעסער לעבן. מיר האָבן זיך באַמיט צו פייערן מיט זיי אַלע נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע ימים־טובים. מיר האָבן זיי אַלע טאָג געוואַשן און אויסגעוואַשן די שמאַטקעלעך, וואָס האָבן באַדעקט זייערע קערפערלעך. אַזוי האָבן מיר געזאָרגט און געפלעגט די קינדער, ביז ס׳איז געקומען די דעלעגאַציע פון רומעניע, כדי אויפצונעמען די יתומים פון טראַנסניסטריע, דערונטער אויך די יתומים פון בערשאַד (צווישן זיי איז אויך געווען אונדזער בת־יחידה חדוה ז״ל), און זיי איבערפירן קיין ארץ־ישראל".

ווי באַקאַנט, זענען די קינדערלעך אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דער בולגאַרישער שיף „סאַלוואַדאָר" און, ווען זי איז געווען אין מיטן ים, האָט זי אַ דייטשע קריגסשיף טאָרפּעדירט און זי איז געזונקען אין ים, צוזאַמען מיט די דריי הונדערט פופציק אומלעגאַלע עולים, דערונטער הונדערט פופציק קינדער, געראַטעוועטע פון טראַנסניסטריע. איראָניע פון גורל: „סאַלוואַדאָר" איז דער טייטש „רעטונג".

אַ הויכן פרייז האָבן באַצאָלט די ייִדן אין בערשאַד פאַר זייער פרווו איבערצולעבן אַלע פלאָגן און פּיינען. די צאָל טויטע איז געווען גרעסער ווי די צאָל פון די לעבנגעבליבענע. דער רוב טויטע איז באַערדיקט געוואָרן אויפן בערשאַדער ייִדישן בית־עולם. און ווען ס׳איז געקומען דער טאָג פון באַפרייונג, האָט די שארית־הפליטה פון בערשאַד אויפגעשטעלט אַן אָנדענק־מצבה אויפן גרויסן ברודער־קבר. אויף דער מצבה איז אויסגעקריצט געוואָרן אַן אויפשריפט (עפּיטאַף) אויף לשון קודש, וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן דורכן רב דב־יחיאל (בערל יאָסער) פון בריטשעווע. (זע בילד).

מאָהילעוו (מאָגילאָוו)

די דאָזיקע שטאָט, וואָס ליגט אויף דער לינקער זייט פון נעסטער, קעגנאיבער דעם בעסאַראַבער שטעטל אָטעק (אטאקי), האָט מען אויף רוסיש גערופן מ אָ ג י ל אָ ו ו־פּאָדאָלסק. די אוקראַינער האָבן די שטאָט גערופן מ אָ ה י ל ע ו. רומעניש (מאָלדאָוואַניש) האָט אַן אַלט וואָרט פאַרן נאָמען פון דעו׳ שטאָט: מ אָ ה י ל ע ו (אין דער געגנט זענען פאַראַן, אָדער געווען, מאָלדאָוואַנישע פויערים); אָט־דער נאָמען קאָרעספּאָנדירט דעם אַלטן ייִדישן נאָמען פון דער שטאָט אין מויל פון די אוקראַיִנישע און בעסאַראַבער ייִדן — מ אָ ה י ל ע ו ו; אָדער, אין זייער דיאַלעקט: מ אָ ל ע ו ו. אָבער בעת דער דעפּאָרטאַציע האָט דער רוב ייִדן, נישט נאָר בוקאָווינער (אויף דייטש), נאָר אויך די בעסאַראַבער ייִדן, גערופן די שטאָט מיט איר אָפיציעלן רוסישן נאָמען: מ אָ ג י ל אָ ו ו.

מיר האָבן זיך באַנוצט אין אונדזער אַרבעט מיטביידע נעמען — מ אָ ה י ל ע ו ו און מ אָ ג י ל אָ ו ו, ווי ס׳איז אונדז יעדעס מאָל אויסגעקומען.

ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, איז איין קאָנוואָי פון די יעדינעצער פאַרשיקטע געלונגען אָנצוקומען קיין מאָהילעוו: אין אים איז געווען די משפחה פון יואל ליבערמאַן; אויך אַן אַנדער קאָנוואָי פון יעדינעץ, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען פרידע קוזמינער, איז אָנגעקומען קיין מאָהילעוו. אויך אין קאָנוואָי פון די טשערנאָוויצער ייִדן, וואָס איז אָנגעקומען קיין מאָהילעוו, האָבן זיך געפונען צענדליקער יעדינעצער משפחות; דערונטער די משפחות פרעמיסלאָוו, חיים הורוויץ און זיין משפחה, משה פורמאַן, יצחק בראָטשין א״אַנד.

מאָגילאָוו איז געווען אַן אויעזד (קרייז)־שטאָט און דאָרט האָט די מאַכט קאָנצענטרירט מאַסן ייִדן פון פאַרשיידענע ערטער און קאַנטן. ס׳איז נישט געווען קיין גרויסער תענוג זיך צו געפינען אין אַן אָרט, ווו עס געפינען זיך צענדליקער טויזנטער משפחות פון פאַרשיקטע.

טיילן פון די קאָנוואָיען, ווי ס׳האָט פּאַסירט מיטן קאָנוואָי פון פרידע קוזמינער, זענען אָנגעקומען בלויז ביזן אַריינפאָר



מצבת הזיכרון בבית־הקברות במחנה באַרשאַד (טראַנסניסטריה)

בבית־קברות זה נקברו אלפי מגורשים, שניספו ברעב, במגיפות וב־ידי חיות־אדם. בין הקבורים, מאות מבני ידיניץ. המצבה על קבר־האחים הגדול הוקמה בחורף 1942 (תש״ג), בהשתדלותו של הרב דוב יחיאל (המכונה — בערל יאַסער) מבריצ׳בה, שחיבר את כתובת־המספד שעליה.

די אָנדענק־מצבה אויפֿן בית־עולם אין לאַגער בערשאַד (טראַנסניסטריע)

דאָ זענען באַערדיקט געוואָרן טויזנטער דעפּאָרטירטע ייִדן, וועלכע זענען אומגעקומען פֿון הונגער, קעלט און מגיפות און דערמאָרדעט געוואָרן דורך די מענטשן־חיות. צווישן די אומגעקומענע — הונ־דערטער פֿון יעדיניצער.

די מצבה, וואָס שטייט אויף אַ גרויסן ברודער־קבר, איז אויפגעבויט געוואָרן אין ווינטער תש״ג — 1942, לויט דער איניציאַטיוו פֿון בריטשעווער רב ר׳ יחיאל־דוב (בערל יאַסער), וועלכער האָט אויך פֿאַרפֿאַסט דעם הספּד־עפּיטאַף, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויף איר.

דער עפּיטאַף אויף ייִדיש (ווערטלעכע איבערזעצונג):

פֿאַר דער אייביקער געדעכעניש, אין די אייביקע טעג, פֿונעם
אייביקן חורבן, פֿון אייביקן פֿאָלק
אין טאָל פֿון בראָך, נישט פֿאַרשווייגן (זאָל מען)
דעם טרויער פֿון די צענער טויזנטער פֿון פֿאָלק ישראל,
אָן אַ נאָענטן און אָן אַ גואל;
פֿאָטערס און קינדער (זין), קינדערלעך און עלטערע
(מכובדים) אין די ברודער־קברים,
אין איינעם, זיי האָבן זיך נישט צעשיידט;
די פֿאַרהונגערטע צום טויט, די צוזאַמענגעפֿרוירענע,
די געוואָגלטע פֿון גלות און באַראַבעוועטע פֿון פֿרייהייט,
וועלט־קדושים, קרבנות פֿון טיראַניע (רשעות);
אין זייער לעבן און אין זייער טויט — זענען זיי באַהאַפֿטן.
צווישן די טויזנטער (באַרימטע) מענטשן מיט נעמען,
זענען אויך אָט־אָ־די, וועמענס נעמען ס׳ווערן דאָ אויסגערעכנט...
הי״ד (גאָט וועט נוקם זיין זייער בלוט).
ת.נ.צ.ב.ה. (זאָלן זייערע נשמות זיין צוזאַמענגעבונדן אין בינטל פֿון לעבן).

בערשאַד תש״א—תש״ב.

פֿון דער שטאָט; אינעווייניק האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט, טאָמער וועט זיי זיין צו גוט...

וואָס עס האָט פּאַסירט דאָרט, ווו דער קאָנוואָי האָט גע־לאַגערט, ביים אַריינפֿאָר אין דער שטאָט מאָגילאָוו, גיט איבער פֿרידע קוזמינער:

„אַלס אָפּשטעל־סטאַנציע האָט מען אונדז באַשטימט נעבן דעם ייִדישן בית־עולם. מ׳האָט אונדז געזאָגט: ,רוט אַ ביסל׳. מיר האָבן זיך אומגעקוקט, מיר זענען געבליבן ווייניק. מ׳האָט אָנגעהויבן זיך ,איינצואָרדענען׳. מיר געפֿינען זיך אין דרויסן, אונטערן פֿרייען הימל. דער האַרבסטיקער רעגן האָט אויף אונדז נישט קיין רחמנות. מיר ווילן עסן. פּרוּווט מען זיך לאָזן צו די פֿעלדער זוכן שפּייז. ווער עס ווערט געכאַפּט, ווערט דערמאָרדעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען דערשינען דייטשן, וועלכע האָבן אונדז פֿאָטאָגראַפֿירט. זיי האָבן געפֿונען פֿאַר נייטיק אונדז צו באַפֿעלן צו נעמען שטיינער אין די הענט, זיך אָוועקשטעלן איינער קעגן דעם צווייטן און אין אַזאַ פּאָזע האָבן זיי פֿון אונדז גענומען בילדער. אין צוויי וואָכן אַרום זענען מיר אריבערגעפֿירט געוואָרן אין אַ פֿאַרלאָזטן מיליטערישן לאַגער. מיר האָבן דאָרט געטראָפֿן קעסטלעך מיט אַמוניציע. די קוילן האָבן מיר אַרויסגעוואָרפֿן און מיט די קעסטלעך, בלעכן אד״גל האָבן מיר זיך באַנוצט. יעדן טאָג האָט מען אונדז געפֿירט קיין מאָגילאָוו, מיטן אויסרייד, אַז אָט־אָט שיקט מען אונדז צוריק אַהיים. מ׳האָט אונדז געפֿירט ביז צום נעסטער און אין אָוונט האָט מען אונדז צוריקגעבראַכט אין לאַגער. אַזוי אין משך פֿון איייניקע טעג, אַהין און צוריק, אַ מהלך פֿון אַ צוואַנציק קילאָמעטער. דער ציל איז געווען אונדז צו שי־קאַנירן״.

אַנדערע גרופּעס פֿאַרשיקטע האָט מען, נאָך אַ קורצער צייט ווײַלן אין די סביבות פֿון מאָגילאָוו, איבערגעפֿירט אין שטעטל סקאַזינעץ; דאָ האָט מען זיי איינקוואַרטירט אין פֿאַר־

לאָזטע מיליטערישע געביידעס, וועלכע זענען שוין פון פריער געווען איבערגעפולט מיט דעפּאָרטירטע פון כל מיני ערטער. די ניי־געקומענע זענען געווען הונגעריק, און קיין שום שפּייז איז זיי נישט געגעבן געוואָרן; זיי האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס און געווען ווי משוגע; פיל האָבן געגעסן די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער פון די ביימער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען צעטויפגענומען די ניי־געקומענע און זיי אומגעקערט קיין מאָגילאָוו. דערנאָך — ווידער קיין סקאַזינעץ און ווידער צוריק קיין מאָגילאָוו. פיל זענען געווען אין די דאָזיקע היִן־און־צוריק ‚אויספלוגן'. די ווייניקע, וואָס האָבן איבערגעלעבט אויך אָט די פּיין, האָבן ‚זוכה געווען' אָנצוקומען אין דעם סטאַבילן לאַגער — מאָגילאָוו.

די גרויסע קרייזשטאָט מאָגילאָוו איז געווען צעשטערט פון די דייטשע באָמבאַרדירונגען, און די הייזער — האַלב־חרוב; טירן און פענצטער זענען כמעט נישט געווען. אָבער אויך אָט די חורבות זענען געווען איבערגעפולט. די פאַרשיקטע האָבן צו ביסלעך אַריינגעפירט אַ „סדר" אין די שטיבער: זיי אויסגערייניקט פונעם שמוץ, אַריינגעקלעפּט פּאַפּיר אופן אָרט פון די פענצטער, פאַרשטאָפּט די לעכער מיט שמאַטעס, כדי, ווי נישט איז, צו קאָנעןביישטיין די ווינטן, וואָס האָבן אַריינגעבלאָזן אין די שטיבער. פון די בלעכן האָט מען געמאַכט „אייוועלעך", וועלכע מען האָט באַהייצט מיט אַלץ, וואָס ס'איז געקומען אונטער דער האַנט, כדי צו דערוואַרעמען אַ ביסל די אויסגעמוטשעטע, אָפּגעפרוירענע איברים אין יענעם שווערן ווינטער פון 1942. די מענטשן האָבן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד פּאַפּירן און שמאַטעס און אויף דעם געזעסן. קיין בתי־כסא זענען נישט געווען; האָבן מענטשן געמאַכט זייערע צרכים, ווו עס האָט זיך געלאָזט. מען האָט שוין פאַרלוירן די בושה איינער פאַרן צווייטן. ס'איז געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, גלייך ס'איז אַזוי פון ששת ימי־בראשית.

אויך וואַסער איז נישט געווען. דער שמוץ און די לייז האָבן צעפרעסן דעם מענטשן: חולאתן און טויט האָבן געהערשט אָן אַ גרענעץ. פיל מענטשן, וועלכע האָבן מער נישט געקאָנט איבערטראָגן די ליידן, האָבן זיך גענומען דאָס לעבן.

אָט וואָס עס גיט איבער מתתיהו קאַרפּ אין שוין ציטירטן בוך:

„26טער יאַנואַר 1942 —

„אין מאָהילעוו ווערן אַרויסגענומען צו דער אַרבעט אַלע ייִדישע מענער, אָן אונטערשייד פון עלטער אָדער פיזישן צושטאַנד. די מערסטע זענען נאַקעט. אין אַ שרעקלעכן פראָסט ווערן זיי געשיקט אַרבעטן, צען קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט, ווו זיי ווערן געהאַלטן אויף ביי נאַכט. אַ סך פון זיי זענען צוריקגעבראַכט געוואָרן פאַרפרוירענע".

אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען גענוג אין די אויגן פון די באַפולמעכטיקטע איבערן גורל פון די אומגליקלעכע. עלטערע און נידעריקע ראַנגען האָבן מיסגעברויכט מיט די קערפּערס פון די דעפּאָרטירטע פרויען און מיידלעך. אין קאַרפּס בוך ווערט וועגן דעם איבערגעגעבן:

„מאַי 1942 —

„אין אַלע טראַנסניסטריער מקומות, ווו עס וווינען ייִדן, אָבער באַזונדערס אין מאָהילעוו, נוצן אויס די מאַכטהאָבערס זייער קראַפט אויף צו באַפרידיקן אַלע זייערע תאוות, אַפילו — די סאַדיסטישסטע. אַן אַ שיעור מיידלעך און פרויען זענען פאַרגוואַלדיקט געוואָרן, טראָץ זייער קעגנשטעלן זיך און זייערע ווייַ־געשרייען.

„די מאָהילעווער זשאַנדאַרן האָבן זיך אַפילו אָנגעטון דאָס פאַרגעניגן צענויפצונעמען אין דער לעדזשיונע אַ גרויסע צאָל יונגע און שיינע מיידלעך און פרויען. מיטן אויסרייד, אַז מ'דאַרף דורכפירן אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג — האָבן אַלע פרויען געמוזט דורכדעפילירן אין גאַנצן נאַקעט פאַר די בעסטיעס".

די נידערטרעכטיקע הערשערס האָבן נישט אויפגעהערט זייערע אוממענטשלעכקייטן אַפילו, ווען, פרילינג 1944, האָבן זייערע אַרמייען, אויפן פראָנט, געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער, און זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו טראַנסניסטריע. אין אָט דעם לעצטן מאָמענט האָבן די רומענישע מאַכטהאָבערס געפּרוּווט מאַכן אַ געיעג אויף יונגע ייִדישע מיידלעך, כדי מיסצוברויכן מיט זיי. אָבער די מיידלעך, האָבנדיק אַ פאָרגעפיל, וואָס ס'וועט מיט זיי געשען, דווקא אויפן ראַנד פון דער באַפרייונג, איז געלונגען צו אַנטלויפן אין די וועלדער, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, ביז זיי האָבן דערהערט, אַז דאָס רומענישע מיליטער איז פולשטענדיק צוריקגעטראָטן; ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך אומגעקערט אין לאַגער אַריין, כדי זיך אָנצושליסן צו זייערע קרובים, אויב אַזעלכע זענען איבערגעבליבן צווישן די שרידים.

יוצא־דופנדיקע פאַלן

ווער עס לייענט וועגן די שוידערלעכע געשעענישן אויפן לאַנגן וואַנדערוועג פון די פאַרטריבענע בעסאַראַבער ייִדן, וועגן די גרויליקע לעבנס־באַדינגונגען אין די צייטווייליקע סטאַנציעס, אָדער אַפילו אין די „סטאַבילע" לאַגערס — שטעלט פעסט, אַז ס'איז כמעט נישטאָ קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן איין לאַגער און דעם צווייטן, צווישן די פּיינען פון איין קאָנוואָי פאַרטריבענע ייִדן און די ליידן פון אַ צווייטן קאָנוואָי. טראָץ דעם האָבן נישט געפעלט איינציקע אויסנאַמפאַלן. ביי דער זייט פון דער שטאָלצער מאָראַלישער אומבויגזאַמקייט פון רוב פאַרשיקטע, ביי דער זייט פון דער גרייטקייט צו העלפן איינער דעם צווייטן, האָבן זיך אויך אָפּט אַנטדעקט מענטשלעכע שוואַכקייטן, ווען איינציקע האָבן געפּרוּווט זיך נישט רעכענען מיטן בלוט פון צווייטן, אַבי צו ראַטעווען זיך אַליין, אָדער צו באַפרידיקן דעם עגאָיִסטישן יצר־הרע, בחינת „אני את נפשי הצלתי" (איך האָב געראַטעוועט מיין לעבן).

מיר וועלן זינדיקן לגבי דעם היסטאָרישן אמת, אויב מיר וועלן נישט דערמאָנען כאָטש איניקע יוצא־דופנדיקע פאַלן, ווי אַ טראַגישע געדעכעניש פון יענע מוטנע צייטן.

דער טויטקרייז אַרום דער משפחה פון אדוואָקאַט דוד לערנער

מיר האָבן פאַרצייכנט דעם טראַגישן קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד פון דער נאָבעלער משפחה מוצלמאַכער, אין די ערשטע טעג פון רומענישן צוריקקום קיין יעדינעץ. און אָט האָבן מיר פאַר אונדז דעם טראַגישן פאַל וועגן אומקום פון דער גאַנצער משפחה פונעם אַדוואָקאַט דוד לערנער, אברהם אַקסעלראָדס איידעם, וואָס האָט פאַסירט אינעם לאַגער זשוקאָוו, אין טראַנסניסטריע.

רחלע מילנער (פריער: פראַדיס), וועלכע האָט געדינט אַלס מעדיצינערין (זי איז אַ דיפּלאָמירטע פאַרמאַצעווטין) אין דערמאָנטן לאַגער, האָט פאַרשריבן די טראַגעדיע און זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין איליאַ ערענבורגס „שוואַרצן בוך”:

„אין לאַגער טשוקאָוו האָבן זיך געפונען אונדזערע פריינט פון יעדינעץ, אַדוואָקאַט דוד לערנער מיט זיין פרוי און 6־יעריקער טעכטערל. אין חודש סעפטעמבער, ווען ס'איז אַרויס די גזירה אויסצומאָרדן אַלע יידישע קינדער, האָט דאָס פּאָרפאָלק לערנער באַהאַלטן זייער קינד אין אַ זאַק. דאָס מיידעלע האָט זיך אויפגעפירט רויק און קלוג און אַ דאַנק דעם ניצול געוואָרן. אין משך פון דריי וואָכן האָט דער פאָטער געשלעפּט מיט זיך, צו דער אַרבעט, דאָס מיידעלע אין זאַק. אין דריי וואָכן אַרום האָט זיי אָפּגעשטאַט אַ באַזוך דער טרויעריק־באַרימטער קראָשקע — דער באַפולמעכטיקטער אויפן לאַגער, אַן אויסוואורף פון אַ מענטשן. ער האָט זיך דערנענטערט צום זאַק און אים געגעבן אַ בריקע מיטן פוס; דאָס מיידעלע האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי; אַזוי איז זי אַנטדעקט געוואָרן. דער תליין קראָשקע איז אַריין אין אַ חיהשן כעס און אָנגעהויבן צו שלאָגן דעם פאָטער און דאָס קינד. ער האָט ביי זיי צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט, און געלאָזן די גאַנצע משפחה אָן אַ צודעק פאַר זייערע קערפּערס. טראָץ אַלעמען האָט ער נישט געהרגעט דאָס מיידעלע און זי איז געבליבן אין לאַגער. זי האָט דורכגעמאַכט אַ שוידערלעך־שווערן ווינטער און די קליינע האָט יעדן טאָג געוואַרט אויפן טויט.

דעם 5טן פעברואַר, בעת דער צווייטער „זאָנדער־אַקציאָן”, איז דאָס קינד, צוזאַמען מיט איר באָבען, אַוועקגענומען געוואָרן. אויפן וועג איז פּלוצלינג אַ וואַנזין באַפאַלן דאָס אומגליקלעכע מיידעלע; זי האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו קוויטשען, ביז איר הערצעלע האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז צעבראָכן געוואָרן. דאַן האָבן אויפגעהערט דער וואַנזין און די קוויטשערייען. די באָבע איז ווייטער פאָרויסגעגאַנגען צום גרוב, טראָגנדיק אויף אירע הענט דאָס טויטע קינד. אַזוי איז די לעבעדיקע באָבע מיטן טויטן אייניקל אַריינגעגאַנגען אין צוגעגרייטן מאַסנגרוב, און פאַרשאָטן געוואָרן.

ווען די אומגליקלעכע מוטער איז געוווּיר געוואָרן וועגן טויט פון איר קינד, איז זי אַראָפּ פון זינען און דערשאָסן געוואָרן אויף טויט. ס'איז נישט פאַריבער קיין סך צייט, און דעם זעלבן גורל האָט אויך געטיילט דער פאָטער: אויך ער איז דערשאָסן געוואָרן.

דער קרייז אַרום דער גאַנצער משפחה האָט זיך געשלאָסן”.

„איר מיינט אַז איר זענט נאָך עפּעס”

חייקע מאַיאַנסקי (די שוועסטער פון יענטע) דערציילט דעם פאָלגנדיקן פאַל:

„— — — דעם גאַנצן וועג איז געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגן; די מענטשן זענען נאַס געוואָרן ביז צו די ביינער. ווען דער קאָנוואָי איז אַריין אין דאָרף לוטשינעץ, האָט דער רעגן אויפגעהערט, די כמאַרעס זענען אַוועק און דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. עמעצער האָט פאָרגעלייגט אָפּצוכאַבאַרעווען די באַגלייטנדיקע סאָלדאַטן, זיי זאָלן דערמעגלעכן אַן אָפּשטעל־סטאַנציע, אפילו בלויז אויף אייניקע שעה, כדי זיך אויסצורוען און אפשר אויך אויסצוטריקענען די קליידער, ס'זאָל זיין לייכטער צו גיין. ס'איז געווען פאַרשטענדעניש פאַרן פאָרשלאַג, און מען האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען די דלותדיקע גראָשנס. געווען אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן געזשאַלעוועט זייער געלט און נישט געוואָלט געבן אויף דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער זאַמלונג. איין ייד, ווייזט אויס אַ כאָטינער, האָט געשטראָפט די, וועלכע האָבן געזשאַלעוועט זייערע גראָשנס, מיט אַזעלכע דראָענדיקע ווערטער: „זעט ווי קליינ־

די קבורה ביי דער שיין פון דער לבנה

ווער קאָן איבערציילן די געשטאָרבענע אָדער געפאַלענע ביי די זייטן פון די וועגן, אין די לאַגערס, וועמענס קערפּערס ס'האָבן צעפרעסן חיות און פייגל, פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די וואַסערן, צוגעדעקט געוואָרן דורך די שנייען און קיינער ווייסט נישט ווו דאָס געביין זייערס איז אַהינגעקומען! נאָר ווייניקע האָבן זוכה געווען צו אַ קבר, מיט אָדער אָן אַ צייכן אויף אים.

די שוועסטער גערצמאַן זענען געוווּיר געוואָרן, אַז זייער ברודער געפינט זיך אין איינעם פון די קאָלכאָזן. האָבן זיך די מוטער און די טאָכטער אסתּר אַוועקגעלאָזט אים אויפזוכן. זיי האָבן אים געפונען קראַנק אויף טיף, אין אַן אויסזיכטלאָזער לאַגע. ער האָט בלויז געקאָנט אַרויסשעפּטשען: „ראַטעוועט וועמען איר קענט”. פאַר נאַכט איז ער געשטאָרבן. זיין קערפּער איז געלעגן צווישן אַלע מתים אין קעלער פון בנין. אסתּר גערצמאַן האָט גענומען אַ ליילעך, איינגעוויקלט דעם קערפּער פון איר טויטן ברודער. זי האָט אין הויף אויסגעגראָבן אַ גרוב און אַריינגעלייגט דעם קערפּער. עדות זענען געווען די לבנה און די שטערן...

לעך איר זענט... אויב איר מיינט, אַז איר זענט נאָך עפּעס, האָט איר אַ טעות".

פרויען היטן זייער כבוד

די שרעקלעכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע די פאַרטריבענע האָבן זיך געפונען אין משך פון וואָכן און חדשים, האָבן ביי זיי כמעט אָפּגעמעקט יעדן באַגריף פון אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן. אַטראָפירט יעדע באַציִונג צו אַזעלכע זאַכן, ווי ווױנונג, קליידונג, שיך, שפייז און אַרבעט. די פאַרטריבענע האָבן כמעט ווי פאַרלאָרן דעם אויסזען פון אַ באַשעפעניש, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו אַ נאָרמאַלן מענטשלעכן ישוב. ס'וועט אָבער זיין אַ גרויסער פעלער צו באַהויפּטן, אַז די מענטשן האָבן פאַרלוירן דאָס געפיל פון מאָראַל און כבוד. באַזונדערס האָבן די פרויען אָפּגעהיט זייער מאָראַל, מכל שכן, ווען זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער סכנה, אַז זייער פרויען־כבוד זאָל פאַרשוועכט ווערן. מיר האָבן פריער שוין איבערגעגעבן וועגן די מיידלעך, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין, איידער דעם אָפּטריט פון די רומענער.

וועגן איין כאַראַקטעריסטישן פאַל, איינער פון פיל פאַלן, דערציילט ש ר ה ל י ט וו אַ ק:

„איין מאָל בין איך דורכגעגאַנגען אַ גאַס פון מאָלאָטשנע און כ'האָב, פלוצלינג, דערהערט ווי עמעצער רופט מיך: „פרוי גוקאָווסקי!"

„כ'האָב מיך אומגעקוקט און, צו מיין איבערראַשונג, האָב איך באַמערקט ווי אויף דער ערד ליגט און קאָן זיך נישט באַוועגן די ייִנגערע טאָכטער פון שענקער ירחמיאל דאנדושאַנסקי, אַ מיידל פון אַ יאָר 18—19, אַ באַקאַנטע יפהפיה. זי האָט צו מיר געוווּנקען, איך זאָל זיך צו איר דערנענטערן. זי איז געווען מער וויס ווי בלייך, מיט איינגעפאַלענע אויגן, אָנגעטאָן אין שמאַטעס. אַ דערשיטערטע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט נעבן איר. זי האָט אַרויסגענומען פונעם גאַרטעלע, וואָס האָט צוגעהאַלטן די שמאַטעס אויף איר קערפּער, אַ גאָלדענע מטבע, עס מיר געגעבן און געזאָגט: „נעמט דאָס, קויפט מיר אַ ביסל טיי און ברענגט מיר, כ'בעט אייך". אין מאָלאָטשנע פלעגט מען פאַרקויפן אויפגעקאָכטע קאַלעמוטנע וואַסער מיט כל מיני בלעטלעך, וועלכע מ'האָט צונויפגעזאַמלט אין פעלד, וואָס מען האָט גערופן „טיי". כ'האָב איר געבראַכט אַ גלעזל טיי און איר אויך אָפּגעגעבן די „זדאַטשע" (רעשט), וואָס איך האָב באַקומען נאָכן אויסבייטן די מאָנעטע. זי האָט נישט געוואָלט נעמען דעם רעשט געלט און געזאָגט: „זאָל די רעשט בלייבן ביי אייך... איך גיי דאָך סיי ווי שטאַרבן. איך האָב צו אייך בלויז איין בקשה — קומט מאָרגן צו דעם זעלבן פלאַץ און זאָרגט, אַז די באַגרעבער זאָלן מיך נישט אויסטאָן נאַקעט... אפשר וועט איר זיי דאַרפן באַצאָלן דערפאַר"...

„דעם צווייטן טאָג, ווען איך בין געקומען זען וואָס עס טוט עפּעס דאָס מיידל, האָב איך זי שוין נישט געטראָפן. דאָס מיידל איז פאַרשווּנדן געוואָרן. ס'האָט זיך אַרויס־

דער צעבראָכענער טאָפּ

גייענדיק, כמעט אַ באָרוועסע, זענען אָפּגעפרירן חנה גערצמאַנס פיס. דאָס האָט איר פאַרשאַפט אומ־דערטרעגלעכע ווייטיקן. די איינציקע רפואה צו ראַטעווען די אָפּגעפרוירענע פינגער איז געווען הייס וואַסער. צום מזל האָט מען אויפן וועג געפונען אַ פושקע. מ'האָט עס אָנגעפילט מיט וואַסער. מיט וואָס אָבער קאָן מען אָנוואַרעמען דאָס וואַסער? האָלץ איז נישט געווען בנמצא. האָט מען צונויפגעזאַמלט פאַ־פירלעך און כלערליי רעשטלעך, וואָס קאָנען ברענען. דאָס אָנגעוואַרעמטע וואַסער האָט מען אַריינגעגאָסן אין אַן ערדענעם טאָפּ, וואָס מ'האָט אויך ערגעץ געפונען. און אַזאַ טאָפּ האַלט דאָך אַ ביסל היץ, האָט עס געדינט ווי אַ וואַרעמפלאַש. אַ ביסעלע האָט עס געהאָלפן. איין מאָל אָבער האָט זיך דאָס טעפּל אַרויסגעגליטשט פון די הענט, אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און צעבראָכן געוואָרן. די גאַנצע משפחה האָט, במשך פון דער גאַנצער נאַכט, באַוויינט דאָס ערדענע טעפּל...

געשטעלט, אַז אַ דורכגייער האָט, בעת דער באַגעגעניש צווישן אונדז, באַמערקט, אַז דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט אין איר האַנט אַ פּאָר גאָלדענע מטבעות, וועלכע זי האָט אַריינגעשטופּט אין איר גאַרטעלע. זי איז, ווי ס'שיינט, פאַרשווּנדן געוואָרן טאַקע צוליבן גאַרטעלע".

צלם אלוקים

ס'זענען באַקאַנט די פאַקטן, ווי אַזוי מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פרצוף, ווי אַזוי מענטשן זענען, אין זייער הונגער־וואַנזין, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות, כדי צו קריגן אַ קרישקע ברויט אָדער אַ זשלאָק זופּ. געווען אָבער אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן אפילו אין די ערגסטע אומשטענדן נישט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים און אויך אַ רגע פאַרן טויט נישט געוואָלט אויסשטרעקן אַ האַנט צו בעטן ברויט. אַזוי האָבן געהאַנדלט די אַלטע מוטער פון יחיאל מילנער און זיין שוועסטער. די אַלטע האָט געזאָגט: „אַפילו ווען כ'וועל דאַרפן שטאַרבן, וועל איך נישט בעטלען קיין נדבות..." און די אַלטע מוטער האָט אויסגעהויכט איר נשמה אין באַרימטן קאַסעווּצער וואַלד; זי איז געווען אָנ־געטאָן אין אַ וואַרעמען פוטער־מאַנטל. די טאָכטער, הגם דער רעגן האָט זי געוואַשן און דער קאַלטער ווינט האָט געבראָכן דיביינער, האָט זי נישט געוואָלט אַראָפּציען דעם פוטער פון דער מוטערס טויטן קערפּער. זי האָט געזאָגט: „איך וועל בעסער שטאַרבן פון פראָסט, ווי איבערלאָזן נאַקעט דעם קערפּער פון מיין מאַמע". די טאָכטער, ווי איר מוטער, האָט געפונען איר טויט אין יענעם וואַלד.

דאָס ברויט איז אָנגעקומען

רחל מילנער (פּראַדיס) האָט זיך אָנגעטראָפן, אויף איר וואַנדער־וועג אויפן פאָלגנדיקן בילד:

„דעם ערשטן פעברואַר 1943 בין איך אָנגעקומען אין לאַגער זאַרודניצע וויזיטירן פּאַציענטן. פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אויפשוידערנדיקע סצענע: מענטשן, מיט צעפּוילטע שמאַטעס אויף זייערע לייבער, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט בלוטיקע ווונדן, באָרוועסע, זענען געווען פולשטענדיק אַפּאַטיש צו מיין דערשיינען. מ׳האָט אויף מיר בכלל נישט געלייגט קיין אַכט, הגם איך האָב זיי דאָך אַ ביסל געקאָנט העלפן. פּלוצלינג האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן צו באַוועגן; מ׳האָט געהערט קוויטשערייען און געזען מענטשן שפּרינגען. פון זייערע אויגן האָבן געשפּריצט פונקען. פיל וויינען מיט זודיקע טרערן. וואָס האָט פּאַסירט? — האָב איך געפרעגט. „דאָס ברויט איז אָנגעקומען". וואָס פאַראַ גליק: אַ לעבל ברויט פאַר יעדן נפש. אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש, עפּעס אַ נייעס. ,ווייזט אויס, אַז עס דערנעטערט זיך די ישועה׳ — טרייסטן זיך די אומגליקלעכע. אָבער אין דער אמתן, האָבן די דייטשן געוווסט, אַז ס׳דערנענטערט זיך ,אַן אַקציע׳ און אַז אין די קומענדיקע פאַר טעג וועלן זיי במילא נישט וויסן וויפל ברויט זיי דאַרפן פאַרן לאַגער, באשר זיי ווייסן נישט, וויפל מענטשן וועלן איבערבלייבן; האָבן זיי באַשלאָסן צוצוגעבן נאָך ברויט".

מענדל ליבערמאַן דערציילט וועגן אַן אַנדער כאַראַקטעריסטישן פאַל מיט ברויט, ווי אַזוי הונגעריקע ייִדן זענען איבערגעפאַלן אַ וועגעלע וואָס האָט געבראַכט ברויט צום פאַרטיילן צווישן די אָנגעקומענע יעדינעצער ייִדן אין אוקראַיִנישן דאָרף קיאַנאָווקע.

מיטן לייטער פון לאָקאַלן קאָלכאָז האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז די אָנגעקומענע זאָלן אַרבעטן אין די לאָקאַלע ווירטשאַפטן. דער קאָלכאָז האָט געשיקט אַ וועגעלע מיט ברויט און עפּל. די אָנגעקומענע מענטשן, וועלכע האָבן שוין אייניקע טעג נישט געזען פאַר זיך אַ שטיקל ברויט, און אויס מורא, אַז דאָס ברויט וועט נישט סטאַיען פאַר יעדן, האָבן זיך געלאָזט אויפן וועגעלע, און יעדער האָט געכאַפּט, וואָס און וויפל ער האָט נאָר געקאָנט.

אין קיאַנאָווקע האָבן דערנאָך די מענטשן געאַרבעט אין די לאָקאַלע קאָלכאָזן און סאָווכאָזן.

די באַדינגונגען זענען געווען גענוג שווערע. דאָ זענען געשטאָרבן רחל, די פרוי פון הערשל פישבערג, גיטל טענדריך, די פרוי פון זוסיע גראַלניק, העניע גוטמאַן און אַנדערע יעדינעצער; זיי זענען באַערדיקט געוואָרן נישט ווייט פון דאָרף.

ווי אַזוי זענען איבערגעבליבן די שרידים?

נישט איין מאָל ווערט געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי איז עס געלונגען די שרידים זיך צו ראַטעווען פונעם גיהנום און איבערלעבן די שוידערלעכע באַדינגונגען פון הונגער, נויט, קראַנקייטן, שיקאַנעס און די אכזריותדיקע רדיפות?

לויט דער עדות פון די געראַטעוועטע אַליין, קאָן מען, אַלס ענטפער אויף דער פראַגע, אָנצייכענען אייניקע אינערלעכע, סוביעקטיווע סיבות און אַנדערע, אויסערלעכע, אָביעקטיווע סיבות.

דאָבע גרוזמאַן (כהן) שטעלט פעסט:

„דער גרעסטער שונא פון מענטשן, אין אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכער איז אויך שולדיק אין דעם רוב טויטקרבנות, — איז די אַפּאַטיע. ווער עס וואַרפט זיך אונטער דער הערשאַפט פון די שוידערלעכע באַדינגונגען, ווער ס׳נעמט אָן דעם דין, אָן שום פּרווו זיך קעגנצושטעלן דעם גורל, אין וואָסער פאָרם ס׳זאָל נישט זיין, ווער עס האָט נישט קיין כוח אויסצוהאַלטן דעם עקזיסטענץ־אינסטינקט אין אַלע אומשטענדן — און צו דער קאַטעגאָריע האָבן געהערט, צו אונדזער גרויסן צער, דער גרויסער רוב פון די פאַרשיקטע ייִדן — דער איז גטווען אויסגעשטעלט אויף אומקום; די זעליש־שוואַכערע זענען די ערשטע קאַנדידאַטן צו שטאַרבן".

אויך רחל און יחיאל מילנער זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז זיי זענען געבליבן לעבן קודם כל אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן נישט פאַרלוירן די האָפענונג צו בלייבן לעבן. די מענטשן, וועלכע האָבן געגערט אין זייער האַרצן אַ באַשלוס, זיך נישט אונטערצוגעבן דער סכנה פון טויט, האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז געווען מעגלעך און אוממעגלעך, כדי איבערצולעבן די סכנות. באַזונדערס האָבן געקאָנט אַלץ איבערלעבן יענע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געוואָלט אַרבעטן פאַר די גויִים פון אַרום. זיי האָבן פאַרדינט אויפן לעבן און אַפילו מער פון דעם.

שלעכט איז געווען די לאַגע פון די, וועלכע זענען געוואָרן אַפּאַטיש צום לעבן, וועלכע האָבן משלים געווען מיטן הונגער און שמוץ, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, ווייל

זיי האָבן געגלויבט, אַז „ס'איז שוין נישטאָ וואָס צו פאַרלירן". אָט די זענען געזעסן און געוואַרט אויפן טויט. און דער האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

ס'זענען אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט, אָנגעשטרענגט זייער גאַנצן ווילנסקראַפט, דערפונדן כל מיני פאָרטלען און איינפאַלן, אַפילו ווען דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט ריזיקעס און סכנות, כדי צו פרוּוון ראַטעווען זיך און נישט נאָר זיך. וועגן אַזאַ פאַל, מיט מענדל ליבערמאַן, האָבן מיר איבערגעגעבן פריער.

„אַחיים"

פרילינג 1943. ערב פסח — די צייט, וואָס סימבאָליזירט באַפרייונג און דעם איבערגאַנג פון קנעכטשאַפט צו אויסלייזונג. די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון דעם מזרח־פראָנט, זענען טאַקע געווען דערמוטיקנדיקע. מ'האָט איבערגעגעבן וועגן דער מפלה פון דער דייטשער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד. מען איז באַזעלט געוואָרן מיט דערוואַרטונג און האָפענונג, אַז אָט קומט אָן די גרויסע שעה, ווען מ'וועט אויפברעכן די פלויטן פון די לאַגערס, אינערהאַלב וועלכע מען איז געווען פאַרשפאַרט קרוב צו דריי יאָר.

אָבער אויך דער צוריקצי פון דייטשן און רומענישן מיליטער און דאָס צוריקקומען פון דער רוסישער אַרמיי — האָבן נישט ווייניק געטראָפן די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די לאַגערס.

אַזוי ווי די דייטשן האָבן געהאַלטן, אַז די ייִדן זענען שולדיק אין זייער מפלה, האָבן זיי זיך נוקם געווען אין זיי בעת זייער ריקצוג. זיי האָבן געמאָרדעט אָן אונטערשייד. צו די אוקראַיִנער האָבן זיי געזאָגט: „טוט וואָס איך גלוסט זיך". אָבער די לעצטע האָבן פלוצעם פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן דערשיינען אין די אויגן פון די זיך־דערנענטערנדיקע סאָוועטן דווקא אַלס כלומרשטע „צדיקים", האָבן זיי זיך דעריבער זייער געהיט נישט צו טאָן קיין שלעכטס די ייִדן. דאַקעגן האָבן דווקא די צוריקקומענדיקע רוסן אָנגעהויבן פון ס'ניי צו קאָנצענטרירן אין די לאַגערס אַלע איבערגעבליבענע ייִדן, וועלכע זיי האָבן באַגעגנט אויף זייער וועג, מיט דער טענה, אַז זיי זענען געבליבן לעבן, נאָר ווייל זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן; דעריבער דאַרפן זיי איצט אָפּקומען אַ שטראָף; פיל ייִדן זענען דעמאָלט געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין די שאַכטעס פון דאָנבאַס, פון וואַנען זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען.

דער מזרח־פראָנט איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. די צוריקגעקומענע רוסישע מאַכט האָט סוף־כל־סוף פאַרעפנטלעכט מעלדונגען, אַז יעדער קאָן גיין וווּהין ער וויל. ס'האָט זיך פאַרשפרייט דאָס צויבערוואָרט: אַהיים.

הענדלער, פאַרטיזאַנער, גויים

געווען אָבער, צום באַדויערן, אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַנטדעקט רעטונגס־פּאָרטלען פון גאַנץ אַן אַנדערן כאַראַקטער — שווימען איבער דער טריבער ווירקלעכקייט, אַבי נישט געטראָפן צו ווערן. אָט די מענטשן האָבן געשאַפן דעם אויסטוישמאַרק און געפירט האַנדל־וואַנדל. געווען אַזעלכע, וועמענס „סטאָק" סחורות איז געווען פון אַ ווערטפולן און רייכן „אויסוואַל". געווען אַזעלכע בעלי־מזל, וועלכע האָבן געהאַט אַן אייגנשאַפט צו קריגן שפּייז־פּראָדוקטן, כדי זיי צו פאַרקויפן... געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט ווערטפּאַפּירן, וואַלוטע, גאָלד און זילבער־מטבעות. פון וואַנען האָבן זיי עס גענומען? ווי קומט עס צו זיי? — דאָס איז אַ מיסטעריע. אייניקע פון די לייט האָבן אַפילו דערגרייכט אַ פּאָזיציע פון גבירים און יחסנים...

און געווען אַזעלכע — לויט די עדות פון י. כ פ ר י, ח י ה מ אַ י אַ נ ס ק י, ר אָ ז ע ח כ מ אָ ־ ו ו י ט ש, ק ל אַ ר אַ ק אָ ל מ אַ נ אָ ו ו י ט ש א"אַנד — וועלכע זענען געגאַנגען אַרבעטן ביי די פּויערים פון אַרום דעם לאַגער, פּאַר עפּעס אָפּצועסן און כדי אָפּשפּאָרן פון זייער בידנע מאָלצייט אַ ביסל שפּייז פּאַר זייערע משפחות. אין אַ געגנט, ווו עס זענען געווען פּאַרטיזאַנער, האָבן זיך צו זיי אָנגעשלאָסן אייניקע יונגע לייט.

געווען אַזעלכע, וועלכע זענען געגאַנגען איבער די פּויערישע הייזער און געבעטלט אַ שטיקל ברויט. געווען אויך נישט ווייניק פּאַלן פון גוטע גויִם, וואָס האָבן געראַטעוועט ייִדן פון אַ זיכערן טויט. יהודה דאָרף און חיה מאַיאַנסקי באַהויפּטן מיט זיכערקייט: פיל יידן זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט אַ דאַנק דער מענטשלעכע באַציִונג פון גויים, וועלכע האָבן געגעבן די הונגעריקע אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל קאַרטאָפל, בוריקעס, אָדער אַן אַנדער גרינס, וואָס איז געווען ביכולת צו לינדערן אַ ביסעלע דעם הונגער־פּלאָג.

„כ'וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן כ אַ י ד י ן. דער דאָזיקער גוי איז אַליין געווען אַן עני ואביון, אָבער ער האָט שטענדיק אָפּגעטיילט עפּעס אַ שטיקל פון זיין אָרעם ברויט, כדי צו שטילן דעם הונגער פון מיין קליין טעכטערל" — דערציילט, צווישן אַנדערן, חייקע מאַיאַנסקי.

נישט איין מאָל פלעגט כאַידי זי דערמוטיקן

אָבער ווייניק איז געווען די צאָל אַהיימגייער... און ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעזען? שוידערלעך איז געווען דאָס בילד. זיי האָבן אויסגעזען ווי געוועזענע מענטשן, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע; באָרוועסע, אויסגעמאַטערטע און מידע האָבן זיי זיך געשלעפּט אויפן וועג אַהיים. בלויז די איבערצייגונג, אַז זיי קערן זיך אום אַהיים, האָט זיי געגעבן כוח פאָרצוזעצן און אָנצוקומען אין זייערע אָפּשטאָם־מקומות.

צוריק אין יעדינעץ

ווייניק זענען פאַרבליבן פון די יעדינעצער: איינציקע פון גאַנצע משפּחות.

ווי האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס חרובע שטעטל פאַר די צוריקגעקומענע? לאָמיר ברענגען די איינדרוקן פון צוויי פון צווישן זיי.

דערציילט יעקל גאָלד:

„דאָס שטעטל איז געווען חרוב. מיר זענען אַריינגעטראָטן אין די איינצלנע שטיבער, וואָס זענען פאַרבליבן מער־ווייניק גאַנץ. אין חרובן שטעטל איז נישט געווען צו דערקענען קיין שטיבער און קיין גאַסן. טייל צוריקגעקומענע יִדן זענען געבליבן אין שטעטל; אַן אַנדער טייל האָט זיך געלאָזט ווייטער גיין — קיין טשערנאָוויץ. דער ציל איז געווען זיך צו דערנענטערן צו דער גרענעץ, כדי צו דערגרייכן ארץ־ישראל.

„אין יעדינעץ זענען געבליבן אַ 70—80 משפּחות. מ׳האָט אָנגעהויבן זיך מער־ווייניקער ווידער „איינאָרדענען“. אייניקע האָבן געעפנט קלייטן; ס׳האָבן זיך אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַטיוון, לויטן מוסטער פון די פערציקער יאָרן. קיין יוגנט האָט זיך כמעט נישט אומגעקערט.

„מ׳האָט דערציילט, אַז אין שטעטל איז געבליבן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע בלויז איין יִדישער נפש — סאָסיע, שמואל־הערש דעם שוסטערס טאָכטער. זי האָט געלעבט מיט אַ קריסט ביזן צוריקקומען פון די סאָוועטן.

„די צוריקגעקומענע סאָוועטישע מאַכטהאָבער זענען באַשטאַנען פון פרעמדע, נישט קיין געוועזענע שטעטלשע; די לאָקאַלע יִדישע קאָמוניסטן האָבן אַפילו געפּרוּווט זיך אומצוקערן צו דער מאַכט, אָבער אָן הצלחה.

„דאָס גאַנצע יִדיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין קלויז. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. פאַר באַנוצן אַ הויז פאַר אַ קלויז האָט מען געדאַרפט באַצאָלן אַ הויכן שטייער. האָט זיך די קלויז אויך פאַרמאַכט“.

גיט צו פרידע קוזמינער:

„מיר זענען געווען אייניקע הונדערט נפשות. אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע שטעטלעך, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אויפן וועג אַהיים, איז יעדינעץ ווייניקער געטראָפן געוואָרן, הגם די גאַסן זענען צעשטערט און די שטיבער — איינגעפאַלן.

מיט עצות: „פון דאַנען זאָלט איר אייך נישט רירן... וווּהין קאָנט איר דען גיין?.. דאָ בלייבט, ביז ס׳וועט פאַריבער דער צאָרן“.

„די טיאָטיע מאַריאַ“

די שוועסטער אסתר און ראָזע גערצמאַן האָבן זיך באַפריינדעט מיט אַן אַלטער קריסטלעכער פרוי, וועמען זיי האָבן גערופן „די טיאָטיע מאַריאַ“.

די דאָזיקע נאָבעלע, הגם אָרעמע און אַלטע פרוי, האָט זיי פון צייט צו צייט געגעבן עפּעס צו עסן און אין די ווינטערנעכט זיי געלאָזט אַ מאָל איבערנעכטיקן אין איר אָרעמער כאַטקע. אָבער אין איינער אַ נאַכט, וואַרשיינלעך צוליב אַ מסירה, זענען געקומען אין דער כאַטקע פון טיאָטיע מאַריאַ די דאָרפישע וועכטער — אָרטיקע שקצים. זיי האָבן געפאָדערט ביי דער פרוי זי זאָל זיי אַרויסגעבן די יידישע מיידלעך.

די טיאָטיע מאַריאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון דער כאַטקע און אַזוי געשריען צו די שקצים:

מיט מיר טוט אַלץ וואָס ס׳גלוסט זיך אייך... די מיידלעך וועט איר אָבער נישט אָנרירן. כאַבּיי איבער מיין קערפּער“.

די שקצים האָבן געזען מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן און זיי זענען אַוועק.

אויך רחל מילנער (פּראַדיס) וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן די פּויערים, וועלכע האָבן געראַטעוועט איר זונעלע שוראַ, טאַקע אין זייערע כאַטעס (היינט איז ער אַן אויסגעדינטער אָפיציר אין צה״ל, אַ געוועזענער דיקטער אינזשיניער פון חיפהער טכניון און אַ בעל־משפּחה. זי זאָגט:

„ביזן סוף פון מיין לעבן וועל איך געדענקען, מיט דאַנק, די מענטשן, וועלכע האָבן מיר געטאָן גוטס — די אוקראַינישע פרוי אַננאַ ראָדאַיאַ, די פּאָליאַטשקע מעדודיאַ און דעם פּויער קיריל באַראַנטשוק, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און געראַטעוועט מיין בן־יחיד, שוראַן“.

דאָס אָבער זאָגט נישט, אַז אַלע גויים זענען געווען רחמנים און אַזעלכע טובה־טוער. דאָס פאַרקערטע איז אמת. געווען פיל גויים, וועלכע האָבן אָנגערייצט זייערע הינט אויף יידן, וואָס זענען געקומען צו זייער טויער בעטלען אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן אויך מורא געהאַט זיך אָנצושטעקן מיט לייז און דעריבער זענען זיי נישט געקומען אין באַרירונג מיט די „זשידי פּאַרכאַטע“ (שמוציקע יִדן), ווי זיי האָבן גערופן די פאַרלייזיקטע...


די גויים האָבן אַראָפּגענומען די טירן און די פענצטער, און די חורבע הייזער האָבן אויסגעזען ווי צעבראָכענע סקעלעטן. מיר האָבן באַזוכט דעם בית־עולם. אויך ער איז געווען פאַרוואַרלאָזט און צעשטערט. מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, וואָס פון אונדז איז געוואָרן. פאַר אונדז האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער גרויסער פראַגע־צייכן: וואָס ווייטער?

דער רוב פון די שרידים האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, דאָס לאַנד, דעם קאָנטינענט — געבליבן זענען בלויז געציילטע יידן אין שטעטל.

די אַרבעט „די מאַרטיראָלאָגיע פון די יעדינעצער יידן" איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך מרדכי (מאָטיע) רייכער ז"ל, אויפן סמך פון גביית־עדות ביי די געראַטעוועטע, פאָרשונגען און אַרכיוו־דאָקומענטן. מאָטיע אַליין האָט צונויפגעזאַמלט דעם גרעסטן טייל פון די מאַטעריאַלן און דורכגעפירט די וויכטיגסטע גביית־עדות. געציילטע גביית־עדות (למשל, פון רחל שקאָלניק ז"ל און א. חכמאָוויטש יבל"א), האָט דורכגעפירט אפריים שוואַרצמאַן־שרון.

דער מחבר האָט אין זיין צייט, בעצה אחת מיט אַנדערע רעדאַקציע־מיטגלידער פון בוך, באַשלאָסן, אַז אויף יידיש וועט די גאַנצע אַרבעט אריין אין בוך און אויף עברית אַן אָפּקירצונג, וואָס דער מחבר מ. רייכער אַליין האָט צוגעגרייט פאַר זיין פטירה.

רעדאַקציע



מצבה מימים עברו

המצבה על קברו של השו"ב אברהם יהודא בר' ישראל־משה־זאב (ממשפחת השו"בים אלקיס), שנפטר בג' בטבת תרל"ה (1875). גם מצבה זו מייצגת דוגמה נפלאה של אמנות יהודית־מקורית, עממית־מקומית.

די מצבה אויפן קבר פון שוחט אברהם־יהודא בר' ישראל־משה־זאב (פון דער שוחטים־משפחה עלקיס), נפטר געוואָרן ג' טבת תרל"ה (1875), אויך אָט די מצבה שטעלט פאָר מיט זיך אַ זעלטן שיינעם מוסטער פון אָריגינעלער יידישער לאָקאַלער פאָלקס־קונסט.





מצבות בבית־הקברות של העיירה

כפי שמצאו אותם השרידים, שחזרו בשנים 1945—1944. למעלה מימין: אליהו רוזנברג ז"ל, משמאל: חורבות ה„טויט־שטיבל".

מצבות אויפן בית־עולם אין יעדינעץ

ווי די שרידים האָבן זיי געפונען. אויבן רעכטס: — אלי ראָזנבערג ז"ל, לינקס: די חורבות פון „טויטן־שטיבל" און פון אריינגאַנג אין בית־עולם.

ידיניץ בעיירה סובייטית – שיחות עם עולים חדשים

יעדינעץ ווי א סאוועטיש שטעטל – שמועסן מיט נייע עולים

רשם — פארצייכנט: יוסף מגן–שיץ

ווי זעט אויס יעדינעץ היינט?

אַ שמועס מיט ליובאַ דורי–איילבירט

אין יעדינעץ האָט מען זי גערופן ליבעלע פרידמאַן, איידער זי האָט חתונה געהאַט אין טראַנסניסטריע, בעת דער מלחמה, מיט גאַמע איילבירט. זיי האָבן איבערגעלעבט די שוידער־יאָרן און זיך אומגעקערט קיין יעדינעץ. אין יאָר 1964 איז גאַמע נפטר געוואָרן פון אַ האַרץ־קראַנקייט, אין עלטער פון 44 יאָר. אין אויגוסט 1966 איז ליובאַ מיט אירע צוויי זינעלעך עולה געווען קיין ישראל. דאָ האָט זי, אין 1967, חתונה געהאַט מיט דב (בערל) דורי (דאָנדושאַנסקי) און זיך באַזעצט אין דער קבוצה מסדה. אין אַ פּאָר חדשים אַרום — דעם 29טן מערץ 1968, איז דוב דורי דערהרגעט געוואָרן (צוזאַמען מיט אליהו נאור־ביטשוצקי און נאָך צוויי חברים) פון אַן אַראַבישער מערדערישער מינע (זע ליובאַס אַרטיקל אויף עברית „החלום שנגוז").

★ ביי וואָס זענט איר געווען באַשעפטיקט אין יעדינעץ?

— איך האָב געאַרבעט אַלס בוכהאַלטערין אין אַ שפּייז־קאָאָפּעראַטיוו. גאַמע ז"ל האָט געאַרבעט ביי פייִן־מעכאַניק, ביי נייִ־מאַשינען, וועלאָסיפּעדן, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן וכד'. מיר האָבן געוווינט אין דער שטוב פון מאָטל קלוגמאַן (פאַרן קריג); די גאַס הייסט היינט „אוליצאַ מיראַ" (שלום־גאַס).

★ וויפל ייִדן זענען פאַראַן אין יעדינעץ, וואָס טוען זיי?

— איך מיין, אַז אין יעדינעץ זענען פאַרבליבן אַ פּאָר הונדערט ייִדישע פאַמיליעס; ס'רוב אַמאָליקע יעדינעצער. פאַראַן אַ צען אַריינגעפאָרענע ייִדישע משפחות, ס'רוב פון אַנדערע בעסאַראַבער ערטער. דאָס זענען אַזעלכע וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט יעדינעצער. דער רוב ייִדן איז



ליובאַ מספרת על ידיניץ בכינוס הידיניצאים ב־1967

ליובאַס אַרויסטריט אויפן כינוס פון די יעדינעצער אין 1967

באַשעפטיקט אין האַנדל, אין די ראַימאַגן און אוניווערמאַגן. לעבן דער סעמינאַריע, אין איינִיקע הייזער (דערונטער דאָס הויז פון רעווקאָלעווסקי), איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אוניווערמאַג. פאַראַן אויך אַ פּאָר אַרטעלן פון שניידערייִ און שוסטערייִ, וווּ ס'אַרבעטן ייִדן.

צווישן די באַאַמטע זענען פאַראַן גאָר ווייניק ייִדן. די לאָזונג פון „מאָלדאָוואַניזירן" בעסאַראַביע דערלאָזט נישט קיין ייִדן אין די אַמטן. אין דער מיליציע איז נישטאָ קיין איין ייִד. געווען איין ייִד אַ מיליציאָנער — איז ער געשטאָרבן. צווישן די דאָקטוירים זענען פאַראַן איינִיקע ייִדן, ס'רוב יונגע, אָקערשט געענדיקטע, נישט קיין יעדינעצער.

★ ווי זעט אויס די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג?

— די אָרטיקע גוייִם פון אַמאָל זענען אָרגאַניזירט אין קאָלכאָזן. אין יעדינעץ אַליין איז פאַראַן אַ גרויסער און רייכער

קאָלכאָז, וואָס פירט זיך אויף מאָלדאַוואַניש. יעדינעץ געפינט זיך דאָך אין מאָלדאַוויע (בעלצער קרייז און נישט ווי אַמאָל כאָטינער אַיעזד), איז פאַראַן אַ טענדענץ צו „מאָלדאַוואַניזירן" דאָס שטעטל. נאָך פאַראַן קאַצאַפּעס און ציגיינערס אין יעדינעץ. פאַראַן אויך פרעמדע קריסטן, אַנגעפאָרענע פון רוסלאַנד; ס׳רוב זענען זיי באַאַמטע אין די מלוכהשע אַנשטאַלטן.

★ ווי זעט אויס דאָס דערציִונגס־וועזן אין יעדינעץ?

— אין דער געביידע פון דער אַמאָליקער סעמינאַריע געפינט זיך אַ 10יאָר־שול (דעסיאַטילעטקאַ) מיט רוסיש אַלס אונטעריכט־שפּראַך, וווּ ס׳לערנען זיך אַ 2000 שילער. פאַראַן נאָך איין דעסיאַטילעטקאַ מיט רוסיש אַלס אונטעריכט־שפּראַך אין דער געביידע אַקעגן בולוואַר. לעבן דעם סעמי־נאַריע־טייך געפינט זיך אַ 10יאָר־שול אויף מאָלדאַוואַניש. צווישן די לערערס זענען אויך פאַראַן ייִדן, אַפילו אין די מאָלדאַוואַנישע שולן; אָבער ייִדישע קינדער גייען נישט אין די מאָלדאַוואַנישע שולן, נאָר אין די רוסישע. די קאַצאַפּעס און די קריסטן וואָס רעדן „אוקראַיִניש" („כאַכלאַצקע" — האָט מען אַמאָל געזאָגט) לערנען אין די רוסישע שולן. צווישן די יונגע לערערס, וועלכע האָבן פאַרענדיקט די פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן אין קעשענעוו און אין טיראַספּאָל (אויף מאָלדאַוואַניש), זענען אויך פאַראַן ייִדן.

★ ווי זעט אויס די רעליגיע ביי גוייִם און ביי ייִדן?

— ס׳איז אָפן די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע אויף דער טאָרהאַוויצע און ס׳איז פאַראַן אַ גלח, וועלכער פּראַוועט די גאָטעס־דינסטן; אָבער קיין איין און איינציקע ייִדישע קלויז איז נישט פאַראַן. די ייִדן, וואָס ווילן דאַוונען, טוען עס אין פּריוואַטע הייזער אָדער ביחידות, אין דער היים. באַזונדערס אָרגאַניזירן זיך מניינים אין די ימים־נוראים און אין די ימים־טובים. כ׳מוז צוגעבן, אַז ס׳רוב, אויב נישט אַלע ייִדן, האַלטן די ייִדישע ימים־טובים. מען קומט זיך צענויף; יום־כּיפּור פאַסט די מערהייט; מען אַרבעט, אָבער מען פאַסט. מען ווייסט אויך ווען ס׳פאַלן אויס די ימים־טובים (מ׳פלעגט באַקומען לוחות פון ישראל). פאַרשטייט זיך, אַז מ׳שיקט זיך נישט קיין „לשנה־טובה־קאַרטן", אָבער מען באַגריסט זיך אויף דער גאַס און מען ווינטשט זיך אַ גוט יאָר.

★ וואָס ווייסן די ייִדישע קינדער און די יוגנט וועגן ייִדישקייט?

— די קינדער וואַקסן טאַקע אויף און קענען נישט קיין אלף־בית. בר־מצוות פּראַוועט מען זעלטן. געווען אין שטעטל אַן אַלטיטשקער ייִד, נישט קיין יעדינעצער פון אַמאָל, אָבער אַ בעסאַראַבער, אַ פּענסיאָנער, וועלכער האָט צוגעגרייט



ידינ׳ץ כיום: ב„פוצ׳טובה", למטה.

יעדינעץ היינט: אויף דער „פּאָטשטאָווע", אונטן.

קינדער צו בר־מצווה; זיי געלערנט לייענען ייִדישע אותיות און זיי „געוויזן" תפילין. האָט מען אים גערופן אין דער קאַ־גע־בע און אים פאַרווערט צו פירן אַזאַ „קאָנטררעוואָ־לוציאָנערע אַרבעט". פאַראַן אַ שוחט אין שטעטל; ער איז אַן אָפיציעל אַנגעשטעלטער. (דער שוחט ר׳ ישעיה עלקיס איז אין צווישן עולה געווען. זע ווייטער דעם שמועס מיט אים. — רעד׳).

פאַראַן ייִדן, וואָס פירן כשרע קיכן, מיט מילכיקס און פליישיקס. מ׳מאַכט כשר הינער, מ׳זאַלצט זיי. קינדער מלט מען אין געהיים. אָבער פאַראַן פיל נישט געמלטע קינדער. געווען אַ פאַל ווען אַ פאַמיליע האָט געמלט זייער ייִנגעלע אין עלטער פון 13 יאָר. אויך ייִדישע חופּות כדת משה וישראל מאַכט מען אויף אַ געהיימען אופן. דערביי וויל איך באַמערקן, אַז אין שטעטל קומען פאָר זייער ווייניק געמישטע חתונות (ייִדן מיט גוייִם).

די ייִדישע קינדער ווייסן, אַז זיי זענען „יעווריעיס"; אָבער וועגן ייִדישקייט — גאָרנישט. און אויב איצט ווייסט נאָך ווער נישט איז עפּעס וואָס, וועלן זיי מיט דער צייט טאַקע נישט האָבן קיין אַנונג וועגן ייִדישקייט. די יוגנט פאַרגעסט אויך צו רעדן ייִדיש, ווייל אין די יוגנע „סעמעיסט־וועס" רעדט מען נאָר רוסיש און בלויז אין די היימען פון די עלטערע משפּחות רעדט מען נאָך מיט די קינדער ייִדיש.

אין זייער פיל ייִדישע הייזער נעמט מען איבער נישט־ייִדישע מידות און מינהגים, למשל, יאָלקעס אום „נאָווי־גאָד".

★ ווו געפינט מען אַ ייִדיש בוך צום לייענען?

— די ניי־דערשינענע אין מאָסקווע ביכער אויף ייִדיש האָט יעדער געקויפט אין די גרויסע שטעט. זייער פיל האָבן אויך געקויפט דעם עברית־רוסישן „סלאָוואַר", וואָס איז



ידיניץ כיום — יעדינעץ היינט

די שטוב פון איציק ראובן יאָסלס דעם דיין.

דערשינען אין מאָסקווע. דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" קריגט מען אַהיים, מ'דאַרף אים אַבאָנירן. אין די גרויסע שטעט האָט מען אים אויך געקאָנט קויפן.

פאַראַן אין יעדינעץ עפנטלעכע ביבליאָטעקן מיט „טשי־טאַלניעס". איינע געפינט זיך אויף דער פּאָטשטאָווע (היינט לענינסקאַיאַ אוליצאַ), העכער פון גורפינקלס זאַל. אָבער קיין ייִדישע ביכער זענען דאָרט נישט צו געפינען. פאַראַן בלויז מאָלדאָוואַנישע, רוסישע, אוקראַיִנישע; אויך קיין רומע־נישע ביכער זענען דאָרט נישטאָ.

יאָ, כ'דערמאָן מיך, אַז במשך פון די יאָרן האָט דאָס שטעטל באַזוכט עטלעכע מאָל סידי טאַל מיט איר טרופּע אויף עסטראַ־דע־קאָנצערטן.

★ און וואָס איז מיט אַ וואָרט אויף העברעיש?

— מען הערט עס זעלטן. ס'האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט סידורים. אגב — פון ישראל פלעגט מען, דאָ און דאָרט, באַקומען נומערן פונעם קאָמוניסטישן אָרגאַן „קול העם", פלעגן עס די נאָך העברעיִש־קענערס לייענען. און אַקעגן דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון ייִדיש — וויל איך דערציילן אַ פאַקט: אין יאָר 1965 איז אין דער שטאָט בעלץ פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער צוזאַמענפאָר מיטן אָנטייל פון אַרן ווערגעליס, דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד". נאָך זיין רעפעראַט זענען געשטעלט געוואָרן פראַגן. איך האָב געפרעגט: „פאַרוואָס לערנט מען נישט קיין ייִדיש אין די שולן?" זיין ענטפער איז געווען: „נישטאָ קיין בעלנים". אויף מיינער אַ צווייטער פראַגע: „וואָס זשע וועט זיין אין פופציק יאָר אַרום מיט ייִדיש?" — האָט ווערגעליס געענטפערט ציניש: „אַז מירן לעבן וועלן מיר זען". די ציניש ענטפערס האָבן געלאָזן אַ פיינלעכן איינדרוק.

★ וואָס איז געוואָרן מיט די געביידעס פון די קלויזן?

— לאָמיר אָנהויבן פון דער גרויסער שיל. אין יענער וויכטיקסטער ייִדישער געביידע פון אַמאָליקן יעדינעץ איז אינסטאַלירט געוואָרן דער א"ג „מעכאַנישער זאַוואָד", דער גרעסטער פון זיין אַרט אין צפון־בעסאַראַביע. די הוסיאַטינער קלויז — איז מער נישטאָ. די שמשים קלויז — דינט פאַר אַן עלעקטרישער בעקעריי.

★ און וואָס איז געוואָרן מיט די אַנדערע באַקאַנטע געביידעס?

— אין דער סעמינאַריע געפינט זיך, ווי געזאָגט, אַ 10־יאָר־שול; אין דער געוועזענער גימנאַזיע (אין די סוף דריי־סיקער איז דאָרט געווען דער מושב־זקנים) געפינט זיך דער א"ג „דאָם קאָמסאָמאָלאַ"; אין דער שקאָלע „גוראַיעווסקי" — אַ גאָספּיטאַל. די פּאָטשט געפינט זיך אין די צוויי געביידעס פון העלפּגאָט־ברונשטיין. שפּייערס מיל איז אויסגעברייטערט געוואָרן; לעבן דער סעמינאַריע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייע עלעקטראָ־סטאַנציע. אַ נייער קינאָ־טעאַטער איז אויפ־געשטעלט געוואָרן הינטער גוראַיעווסקיס שקאָלע.

★ ווי אַזוי זעט בכלל אויס יעדינעץ?

— ס'זענען אויפגעשטעלט געוואָרן נייע וווין־געביידעס, על־פּי־רוב אויף דער פּאָטשטאָווע און צווישן די אַלטע הייזער. אויף די אַנדערע גאַסן — צוויי־ און דריי־שטאָקיקע געביידעס; די וווינונגען זענען צוויי־ און דריי־צימערדיקע. אייניקע גאַסן זענען אויסברוקירט געוואָרן; מ'האַלט זיי אויף ריין. מ'פירט אַריין „וואָדאָפּראָוואָד", אָבער ווייט נישט אין אַלע הייזער. מען פירט אויך דורך קאַנאַליזאַציע. לענג־אויס דער פּאָטשטאָווע (לענינסקאַיאַ) האָט מען פאַרפלאַנצט רייען מיט בלומען. אויף דער פערד־טאָרהאָוויצע געפינט זיך אַ ספּאָרט־פּלאַץ. העכער פון דער אַמאָליקער גימנאַזיע האָט מען אויפגעשטעלט אַ נייע „גאָסטיניצע", וועמענס רוב געסט זענען באַאַמטע, וואָס באַזוכן די שטאָט אין אָפיציעלע מיסיעס.

קיין נייע פאַבריקאַציעס זענען כמעט נישט צוגעקומען. אַ חוץ דעם „מעכאַנזאַוואָד" (אין דער שיל) איז נאָך דאָ אַ מאַשין־און טראַקטאָרן־סטאַציע (עמ־טע־עס), וואָס געפינט זיך אַראָפּ צום סעמינאַריע־טייך. די אַלטע זאַוואָדן — פון זייף, ליכט, מאַסלאָבאָינעס, מאַסלאָ־זאַוואָד אא"וו זענען אויסגעברייטערט און פאַרפולקאָמט געוואָרן. דער באַזאַר, דער מאַרק, איז אויף דער טאָרהאָוויצע ביים קלויסטער.

די טענדענץ פון דער מאַכט איז, אַז אָנפירער פון די אונטערנעמונגען מוזן זיין מאָלדאָוואַנעס אין הסכם מיט דער לאָזונג פון „מאָלדאָוואַניזירונג".

די קאָמוניקאַציע צווישן די שטעט און דערפער קומט פאָר מיט דער הילף פון אויטאָבוסן. פאַראַן אין יעדינעץ אויך אינערלעכע אויטאָבוסן־ליניעס, ווי צ"ב די ליניע וואָס

פאַרבינדט די אויבערשטע פּאָטשטאָווע (לעבן בולוואַר) מיטן סאָכאָרנע זאַוואָד פון קופּטשען (יעדע האַלבע שעה אַן אויטאָבוס).

★ ווו וווינען די ייִדן?

— די ייִדן זענען קאָנצענטרירט אויף אייניקע גאַסן. דער רוב פון די איינוווינער אויף דער פּאָטשטאָווע באַשטייט פון קריסטן, דער עיקר באַאַמטע פון עפנטלעכע אינסטיטוציעס. די מאָלדאָוואַנעס, די אַמאָליקע „צאַראַנעס" און מעשטשאַנעס, ווי אויך די קאַצאַפּעס און ציגיינער וווינען, דער עיקר, אין זייערע פריערדיקע גאַסן.

★ ווער „הערשט" אין יעדינעץ?

— די אַמאָליקע פאַרדינסטפולע ייִדישע קאָמוניסטן און די היינטיקע (נייע) ייִדישע פאַרטיי־מיטגלידער האָבן אַ קליינעם אָנזען און מען רעכנט זיך וויייניק מיט זיי. אין גאָרסאָוועט הערשן דער עיקר די פרעמדע, אָנגעפאָרענע באַאַמטע.

ווען כ'בין אַוועקגעפאָרן פון יעדינעץ איז פּרעדסעדאָטעל פון גאָרסאָוועט געווען וועליאַ שטייפּס (אַ טעטיקע קאָמוניסטקע פון פאַרן קריג) מאַן פּעטיאַ וואַינאָוו (פון ציגיינערישן אָפּשטאַם). זיי האָבן חתונה געהאַט שוין נאָך דער מלחמה.

יענע ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אין 1940 געשפּילט עפּעס אַ ראָל — זענען נישטאָ מער אין יעדינעץ. ישראל קאָלקער, זיין פרוי מינאַ באַראַן און דער ייִנגערער ברודער יאַסקע — זענען אין לוואָוו. יאַנקל ליבמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַ נישט־ייִדישער פרוי. חיימעלע שוסטער (דער ברודער פון משהלע שוסטער, היינט אין פּאַריז) וווינט אין סטאַניסלאַוו, אא"וו.

★ די אומפאַרמיידלעכע פראַגע: אַנטיסעמיטיזם אין יעדינעץ?

— דער לאָקאַלער אַנטיסעמיטיזם איז אין דער פונקציע פון דעם מלוכהשן. בעת דעם בילבול קעגן די ייִדישע דאָקטוירים — „די מערדער אין ווייסע כאַלאַטן", פלעגן די גויים זיך אויסדריקן לגבי די ייִדן חוצפּהדיק, מיט כל־מיני טונקעלע אָנצוהערענישן. דער כלל איז, אַז וואָס ס'קומט פאָר דאָ, ד"ה אין ארץ־ישראל, ווירקט זיך עס אויס דאָרט. בעת דער מלחמת־השחרור איז אונדז ייִדן געווען „ליכטיק", ווייל די סאָוועטן האָבן געשטיצט מדינת־ישראל. שפּעטער איז אַלץ וואָס עס איז געווען געבונדן מיט ישראל געוואָרן „טריף". די ייִדישע נצחונות האָבן אַרויסגערופן אַ דערלויבטע שנאה צו די ייִדן און צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. די אויסווייז־פּאַפּירן פון די ייִדישע בירגער טראָגן די אויפשריפט „יעווריי". אין קאַלאַמוטנע צייטן, אַז אַ ייִד ווענדעט זיך אין אַן אַמט, הייסט מען אים קומען, אַפילו ווען ס'איז בכלל נישט נייטיק, מאָרגן... סתם אַן „איזדעוואַטעלסטוואָ".

★ וואָס פאַראַ צייטונגען לייענט מען? איז פאַראַן אַ לאָקאַלע פּרעסע?

— מען לייענט בעיקר מאָסקווער רוסישע צייטונגען. וויייניקער — קעשענעווער צייטונגען און נאָך וויייניקער די צייטונגען אויף דער אָפיציעלער רעספּובליקאַנישער שפּראַך — מאָלדאָוואַניש. ס'דערשיינט אין יעדינעץ אַן אָרעמזעליק וואָכן־בלעטל. די רעדאַקציע פון דעם געפינט זיך אין הויז פון הירש דאַכעס, וועלכער לעבט אין יעדינעץ. דער רעדאַקטאָר איז אַן אַראָפּגעקומענער מאָלדאָוואַן. דאָס בלעטל גיט איבער די סקאַרבאָווע נייעס וועגן די „נצחונות" אין דער לאָקאַלער פּראָדוקציע.

★ וואָס ווייסן די ייִדן וועגן ישראל?

— אַלץ. מיר האָבן געלעבט מיט ישראל. דער רוב ייִדן שטרעבט צו קומען קיין ישראל און פיל האָבן אָנגעגעבן „וויזאָוון" און וואַרטן אויף דער ריי עולה צו זיין.

★ ווו באַערדיקט מען ייִדישע מתים?

— נאָך אַלץ אויפן אַלטן בית־עולם, הגם ער איז טיילוויַיז צעשטערט געוואָרן דורך די רומענער און דייטשן. נאָך פאַראַן דאָרט אַ שטיבל, ווו ס'וווינט אַ שומר, אַ קריסט, וועלכער באַקומט שכירות פון די ייִדן. ס'איז נישטאָ קיין קערפּערשאַפט וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיטן איינאָרדענען ייִדישע לוויות. אָבער תמיד געפינט זיך אַ ייִד, וועלכער זאָגט אַ קדיש נאָך אַ נפטר און מאַכט אויך אַן „אל מלא רחמים". די קבורה קומט פאָר לויטן ייִדישן רעליגיעזן דין. די אויפשריפט אויף די מצבות ווערט געמאַכט לויטן ווילן פון דער פאַריתומטער משפחה. איך, למשל, האָב אויף דער מצבה פון מיין ערשטן מאַן גאַמע איילבירט ז"ל (וועלכע ס'האָט, אַגב, אויפגעשטעלט אַ מאָלדאָוואַן פונעם דאָרף גאָרדינעשט) איינגעפּאַסט צוויי פּלאַטן פון טייערן שוואַרצן מאַרמאָר, וואָס כ'האָב באַשטעלט אין טשערנאָוויץ. אויף איין פּלאַטע זענען אויסגעקריצט געוואָרן מעשענע אותיות אויף עברית; אויף דער צווייטער — אויף רוסיש; די אויפשריפטן האַב איך אַליין פאַרפאַסט. איידער כ'בין עולה געווען, האָט אַן עלטערער ייִד, נישט פון יעדינעץ, אויסגעקריצט אויף דער הינטערשטער זייט פון דער מצבה דעם נאָמען אויך אויף ייִדיש. קיין פּראָבלעמען מיט מצבות זענען נישט געווען.

★ צי זענען געווען פאַלן פון פאַרשוועכן ייִדישע מצבות?

— דאָס האָט אָפט פּאַסירט. מען האָט צעבראָכן די פּאָרצעלאַן־פּאָטאָגראַפיעס. דאַן האָט מען גענומען באַשטעלן בילדער אויף מעטאַלענע פּלאַטעס. מיר האָבן געקענט אַן אַדרעס אין לענינגראַד ווו מ'מאַכט מעטאַלענע פּאָטאָס. איך

האָב אויך באַשטעלט אַזאַ פאָטאָ פאַר דער מצבה אויף גאָמעס קבר.

„שבעה" נאָך אַ נפטר פלעגט מען זיצן אין דער היים. ס׳פלעגט אויך זיין אַ מנין, אָבער אויף אַ געהיימען אופן און מיט פחד.

★ **און צו לעצט: וואָס איז געשען**
מיט די כוליגאַנישע גויִים,
וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן
און רומענער בעתן קריג, פאָגראָמירט
און געמאָרדעט ייִדן?

— כ׳וועל איבערגעבן וועגן צוויי כאַראַקטעריסטישע פאַלן: ס׳איז באַקאַנט, אַז דער פידלער איוואַניצע (וואַניאַ באָלגאַר) איז געווען פון די בלוטיקסטע פאָגראָמשטשיקעס בעת דער מלחמה. נאָכן צוריקקער פון די סאָוועטן איז ער פאַרשוואונדן (מ׳זאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן אין דער פאַרשיקונג אין סיביר). אָבער אין אָנהייב זעכציקער יאָרן האָט דער יעדינעצער תושב וועלוול קאָליבלאַצקי דערזען איוואַניושען, איוואַניצעס זון, אויך אַ פאָגראָמשטשיק און כוליגאַן, ווען די מאַכט האָט אַרומגעזוכט, זיצן אין אַ פאַבריקמאַכערסקע אין טשערנאָוויץ. עד האָט אַלאַרמירט די מאַכט. איוואַניושא איז אַרעסטירט געוואָרן. ס׳איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס. ער איז געפונען געוואָרן שולדיק, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און מ׳זאָגט — עקזעקוטירט געוואָרן.

דאַקעגן איז אַ צווייטער בלוטיקער פאָגראָמשטשיק — אַליאָשאַ דער עלעקטראָטעכניקער — באַפרייט געוואָרן אויף אַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין קעשענעוו. קיין מערערע פּרטים ווייס איך נישט. ער לעבט ערגעץ ווו, אָבער נישט אין יעדינעץ.



בנין חדש בידיניץ הסוביטית


תמונה זו נתקבלה מידיניץ על גלוית־ברכה לשנה החדשה. עולים מוסרים, כי זהו „בית־תרבות" ו„קלוב", שבנייתו נסתיימה בשנים האחרונות, ברחוב ה„פוטשטובה" מול „אולם גורפינקל" לשעבר.

אַ נייע געביידע אין סאָוועטישן יעדינעץ

אויף ניי־יאָר ווונטשקאַרטלעך („ס׳נאָוואָם גאָדאָם"), וואָס קומען אָן פון יעדינעץ, איז פאַראַן דאָס אויבנגעבראַכטע בילד. נייע עולים געבן איבער, אַז ס׳איז אַ קלוב („דאָם קולטורי"), וואָס מ׳האָט פאַרענדיקט צו בויען די לעצטע יאָרן, אויף דער פּאָטשטאָווע גאַס, אַקעגן, געוועזענעם „גורפינקלס זאַל".

ייִדישקייט אין יעדינעץ אונטער די סאָוועטן

אַ שמועס מיט הרב ישעיה עלקיס



ר׳ ישעיה עלקיס, וועלכער האָט געענדיקט די קעשענעווער ישיבה פאַר דער מלחמה, איז, צוזאַמען מיט זיין משפחה, געווען פאַרשיקט אין טראַנסניסטריע. אויך אין דער דעפּאָרטאַציע האָט ער, ווי ווייט מעגלעך, אויפגעהאַלטן דעם ייִדישן פונק.

אין 1944 האָט ער זיך אומגעקערט קיין יעדינעץ און האָט אויף זיך ווייטער גענומען דעם עול פון אויפהאַלטן ייִדישקייט: ער איז מסדר געווען קידושין, געווען מוהל און שו"ב; בקיצור — אַ מנהיג רוחני נישט נאָר פון יעדינעץ, נאָר פון דער גאַנצער געגנט אַרום און פון גרויסע טיילן מאָלדאַוויע, דרום־אוקראַיִנע און אפילו גאַליציע.

זיין מסירת־נפש פאַר ייִדישקייט איז אין לשער און ראוי לכל שבח. ער איז געווען איינער פון די פעסטע זיילן פון ייִדישקייט אין סאָוועטישן גלות.

נאָך יאָרנלאַנגע ראַנגלענישן איז ער עולה געווען, צוזאַמען מיט זיין פרוי עלקע און זייערע צוויי טעכטער, איידעם (אַן „עכטער" אָדעסער) און אייניקל. ר׳ ישעיה איז גאָר קאָמפּעטענט איבערצוגעבן פּרטים וועגן ייִדן און ייִדיש לעבן אונטערן סאָוועטישן רעזשים. ר׳ ישעיה איז באַשטימט געוואָרן אַלס רב אין טבעון.

✶ דערציילט, ר׳ ישעיה, וועגן דער באַפרייונג און וועגן אייער צוריקקום קיין יעדינעץ.

— דעם 14טן מאַרס 1944 אין דער לאַגער ווערכיווקע אין טראַנסניסטריע, ווו איך און מיין משפחה האָבן זיך געפונען, באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. דער פראָנט איז אַוועק ווייטער, און די דעפּאָרטירטע האָבן זיך געלאָזט גיין. אַנהויב אַפּריל זענען אָנגעקומען קיין יעדינעץ די ערשטע צוריקגעקומענע ייִדן. די ציווילע „וולאַסט" (מאַכט) איז אָנגעקומען ערשט נאָך פּסח. פיל יידישע שטיבער, אפשר אפילו דער רוב, זענען געבליבן מער־ווייניקער גאַנץ, אָבער אָן טירן און פענצטער און אָן זאַכן און מעבל. כ'האָב מיך געלאָזט מבית לבית. אין די קלויזן האָב איך געפונען צעריסענע „שמות". כ'האָב געפונען דאָס ביכל „מילון עברי" פון ד"ר פ. באַלצאַן. ווען כ'האָב עס, שפּעטער אַ ביסל, געוויזן באַלצאַנס זון, האָט ער געחלשט.

אין אונדזער שטוב, אויף דער קישנערישער גאַס, האָב איך נישט געהאַט קיין מוט זיך צו באַזעצן. כ'האָב געוווינט ביי אַ שכן — ישראל מלכס. ס'האָבן זיך געיאָוועט שכנישע מאָלדאַוואַנעס; ווער פון זיי ס'האָט געבראַכט אַ לעבל ברויט, ווער אַ קישן, אַ ביסל פּאַפּעשוי־מעל, קאַרטאָפליעס אד"גל.

אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צעונויפקומען מער ייִדן, האָב איך געזאָגט צו אלתר פאַרקיווער ז"ל (שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין ווענעצועלע, דאָרט נפטר געוואָרן — רעד׳): „מ'דאַרף עפּעס אָנהייבן צו טאָן". אַלע קלויזן זענען געווען אָן טירן און פענצטער, אָן טישן און בענק. און די ימים נוראים ממשמשים ובאים. פון לאַגער האָב איך געבראַכט אַ מחזור, אייניקע פּאָר תפילין, אַ מגילה. כ'בין געפאָרן קיין מאָהילעוו דאָרט צו זוכן סידורים און ספר־תורהס. ס'האָבן מיר פאַרהאַלפן דער חזן לוי וואָלעוויטש ז"ל, אלתר פאַרקיווער ז"ל א"אנד. צו ערשט האָבן מיר געדאַוונט אין הויז פון מעכל פונדיק. אין די ימים נוראים זענען ביים דאַווענען געווען אַרום פינף הונדערט ייִדן, דערונטער בוקאָווינער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין יעדינעץ. מיר האָבן איבערגענומען די געביידע פון דער קינסקער קלויז, זי רעמאָנטירט, אַריינגעשטעלט טירן און פענצטער, באַשטעלט אַן עמוד, אַן ארון־קודש, טישן און בענק. גבאי איז געווען מעכל פונדיק (היינט אין טשערנאָוויץ). ס'האָבן מיר אויך פאַרהאָלפן אברהם ישראל־איסרס מייבערג, (נפטר געוואָרן אין טשערנאָוויץ), דער חזן פּיוול (דער פּיוולעכעס) פוקס (היינט אין יעדינעץ) א"אנד.

אין צווישן זענען אַהיימגעקומען אייניקע קצבים: מאָטיע סימיס, אריה לייב אַרבעטמאַן (ביידע נפטר געוואָרן אין טשערנאָוויץ) און משה וויינבערג (לעבט אין יעדינעץ). זיי האָבן געקויפט אַ „פּאַטענט" צו קוילען בהמות. איך בין געוואָרן שוחט. מ'האָט געקוילעט טעגלעך זיבן־אַכט בהמות גסות; עופות האָט מען געקוילעט אָן געלט.

איך, צוזאַמען מיט די שוין דערמאָנטע ייִדן און אויך חיים באַרלאַנגשטער־פּיכמאַן ז"ל (נפטר געוואָרן אין טשערנאָוויץ) א"אנד האָבן אויך געוואָלט גרינדן אַן אָפיציעלע קהילה („רעליגיאָזנאַיאַ אָבשטשינאַ"). אין רייאָנספּאָלקאָם האָט מען אונדז געהייסן אויסוויילן אַ „דוואַצאַטקע" (20 מאַן), אַ רעוויזיאָנס־קאָמיסיע פון זיבן מאַן און באַשטימען אַ רב. מיר האָבן אַלץ געטאָן; מיך האָט מען געוויילט אַלס רב. די מאַכט האָט עס „גענומען אין אַכט" אָבער נישט אַרויסגעגעבן קיין שום אָנערקענונגס־פּאַפּירל. מ'האָט אונדז אָבער געדולדעט.

אין 1949 האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער נקוו"ד און מיר געגעבן אונטערשרייבן אַ פּאַפּירל, אַז איך ווייס אַז די קהילה איז נישט קיין אָנערקענטע, אַז איך דאַרף פאַרמאַכן די קלויז און איבערגעבן דאָס פאַרמעגן דער מלוכה און אַז מיר טאָרן זיך מער נישט צעונויפקומען.

מיר האָבן באַוויזן אַרויסצוראַטעווען די פיר ספר־תורס (וועלכע איך האָב צעונויפגעקויפט פון מאָהילעוו ביז טשערנאָוויץ און אַליין מגיה געווען) און זיי צעטיילט צווישן פאַרשיידענע הייזער. יעדן שבת האָבן מיר געדאַוונט אין אַן אַנדער שטוב. די מאַכט האָט עס טאָלערירט. די געביידע פון דער קינסקי קלויז איז געשטאַנען אַ פּאָר יאָר ליידיק, ביז זי איז איינגעפאַלן. די מאַכט האָט זי אָפּגעווישט פון דער ערד. אויף איר אָרט האָט מען אויפגעשטעלט פאַרשיידענע געביידעס.

✶ מיר באַזיצן פאָטאָגראַפיעס פון צוויי ברידער־קברים אין יעדינעץ; וואָס קענט איר איבערגעבן וועגן זיי?

— תיכף נאָכן צוריקקומען אין שטעטל, בין איך, צוזאַמען מיט ישראל פּרימער (היינט אין קעשענעוו), אלתר פאַרקיווער און שעיה לאַמאַטשינסקי (געווען אין ישראל, עמיגרירט און נפטר געוואָרן אין בראַזיל), אַרויף אויפן הייליקן אָרט, צו זוכן די מאַסן־קברים פון די קדושים; מיר האָבן געגראָבן און זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ שיכט ביינער מיט קאַלך. כ'האָב געחלשט. אין אָט דעם גרוב זענען באַגראָבן געוואָרן 85 ייִדן וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן אין באַרימטן בלוטיקן טאָג, י"ג תמוז תש"א (1941).

מיר האָבן באַשלאָסן צו שטעלן אַ מצבה אויפן ברודער־קבר און באַקומען פאַר דעם אַ דערלויבעניש פון רייאָנספּאָלקאָם. איך האָב פאַרפּאַסט דעם עפּיטאַף. אַ קריסט, ניקאָלאַי כאַמאַראַר, וועלכער האָט געקאָנט די מלאכה נאָך פון פאַרן קריג, האָט אויסגעקריצט די לשון־קודשדיקע אותיות. די שטיינערנע פּלאַטע האָבן מיר געבראַכט פון דער „קאַמיניע־לאַמניע" אין דאָרף אַרדינעשט. ס'איז געווען אַ וואַנט פון זיבן מעטער אויף דריי, מיט אַ דעכל, אויך פון שטיינער. מיר האָבן געהאַט אַ רשימה פון בלויז פופציק קדושים פון די פינף און אַכציק באַגראָבענע.



חופה וקידושין באודיסה

ר׳ ישעיה אלקיס מקדש את בתו באודיסה. החופה הובאה מידיניץ.

ר׳ ישעיה עלקיס גיט חופה וקידושין זיין טאָכטער אין אָדעס. די חופה איז געבראַכט געוואָרן פון יעדינעץ.

✶ ווי אַזוי האָבן די רוצחים „אויסגעוויילט" די 85 קדושים?

— במשך פון דריי טעג האָבן רומענער און די לאָקאַלע גויִים גערצחנט און גערויבעוועט. אויפן דריטן טאָג זענען אָנגעקומען די רומענישע מאַכטהאָבער פון פאַרן קריג: פּריי־מאַר, שעף־דע־פּאָסט או״וו. זיי האָבן פאַרזאַמלט די ייִדן אין הויף פון תנחום וואַרעטע (אומגעקומען). זיי האָבן אַוועקגע־שטעלט טישלעך. ביי איין טישל האָבן זיי צונויפגענומען די פינף און אַכציק ייִדן (דערונטער מיין פאָטער ישראל־אבר־הם און מיינע צוויי ברידער מרדכי און מאיר הי״ד). מ׳האָט זיי געפירט אין קלויסטער, דאָרט האָט זיי אַ גלח געפּרוּווט איינ־רעדן זיך צו שמדן. דערנאָך האָט מען זיי געפירט אויפן בית־עולם, געהייסן אויסגראָבן צוויי גריבער. מ׳האָט זיי אויס־געשטעלט צו פיר, געשאָסן אויף זיי און זיי זענען גלייך אַריינגעפאַלן אין די גריבער.

✶ און וואָס איז די צווייטע מצבה?

— די ערשטע מצבה האָבן מיר איינגעווייט י״ג תמוז תש״ה (1945), אין פערטן יאָרצייט פון דער גרויסער שחיטה פון 1941. די גאַנצע שטאָט איז געווען אַנוועזנדיק. די מאַכט האָט נישט געשיקט קיין פאַרשטייער.

אין צוויי יאָר אַרום, זומער 1947, איז קיין יעדינעץ אַראָפּגעקומען אַ רעגירונגס־קאָמיסיע אָפּצושאַצן די מלחמה־היזקות. זיי זענען אַרויף אויפן פעלד. דער פאַרשטייער פון גאַרסאָוועט סקריפּניק האָט אַרויפגערופן מיך און דעם שמש־באַגרעבער ברוך („דער רויטער") ווייסמאַן ז״ל. די קאָמיסיע האָט אויפגעגראָבן אַ ריזיקן מאַסן־קבר מיט סקעלעטן, און אַן קליידער. די קאָמיסיע האָט פאָטאָגראַפירט די ביינער און פאַרשיט דעם גרוב. אַ גרויס בילד פון דעם הענגט אין מלוכה־מוזיי פון קעשענעוו (מוזיי קראַיעוועדעניאַ).

דער דאָזיקער גרוב ליגט אין סאַמע מיט פון הייליקן אָרט. דאָ האָבן די רומענישע און דייטשע רוצחים באַגראָבן אַלע דערמאָרדעטע ייִדן, 4—5 הונדערט אין צאָל, וועמענס קערפּערס ס׳האָבן זיך געוואַלגערט אין די שטיבער, גאַסן און הייף.

מיר האָבן אויפן מאַסן־קבר אויך אויפגעשטעלט אַ מצבה מיט אַן אויפשריפט אויף מאַרמאָר־פּלאַטעס, אויף לשון־קודש און רוסיש.

די דאָזיקע 2 מצבות זענען זיך מיט דער צייט צעפאַלן. דריי מאָל האָבן מיר געלאָזט איבערמאַכן די מצבות אויף די ברידער־קברים.

אויסער דעם זענען אויפגעשטעלט מצבות אויף ברידער־קברים פון דערמאָרדעטע דאָרפישע ייִדן, וועמענס קערפּערס ס׳זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אויפן יעדינעצער בית־עולם: פון סטאָלניטשען (90 מתים),ברינדזען (50—40), פעטעשט און וויאַשאָראַ (12), באַרלאַנעשט (2 קברים), אָנקיוויץ (12 מתים), רעדיו־מאַרע (30—40) או״וו. כדאַי צו דערמאָנען, אַז דער זאַבריטשענער גלח האָט נישט דערלאָזט מ׳זאָל דערשיסן די דאָרטיקע ייִדן. זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין טראַנסניסטריע.

נאָכן אומקערן זיך קיין יעדינעץ, האָבן פאַרשיידענע ייִדן אָפּגעזוכט קברים פון אייגענע ביי די זייטן פון די גירוש־וועגן און אַריבערגעפירט די עצמות אויפן יעדינעצער בית־עולם.

צוריק מיט אַ זעקס יאָר האָבן מיר געשטעלט אַ נייעם שטיין. די איינוויייּונג איז נישט פאָרגעקומען „טאָרזשעסט־ווענע". יעדן י״ג תמוז פלעגט פאָרקומען אַ מאַסן־הזכרה אויפן בית־עולם. ס׳פלעגן זיך אין דעם טאָג צענויפקומען ייִדן פון דער גאַנצער סביבה און יעדינעצער פון גאַנץ רוס־לאַנד. אויסער דעם „אל מלא רחמים" פאַר „כל הקדושים", פלעגט מען אויך מאַכן „מלאס" פאַר יעדנס קרובים.

✶ ווי האָט אויסגעזען ייִדישקייט נאָכן פאַרמאַכן די קלויז?

— מ׳האָט געדאַוונט אין פּריוואַטע שטיבער. דאָ און דאָרט געמאַכט אַ מנין צו אַ יאָר־צייט. מיר האָבן געבראַכט טליתים פון טשערנאָוויץ און געקויפט סידורים, וואָס עס האָט געהאַט אַרויסגעגעבן דער מאָסקווער רב שליפער ז״ל; אַ סידור האָט געקאָסט צען רובל. ערב יום־כיפור האָבן מיר

געשטעלט אַ „שיסל״ און געהאַט צו באַצאָלן דעם חזן און דעם שמש. יאָר־לוחות האָב איך אַליין צונויפגעשטעלט.

יוגנט און קינדער זענען צו די מניינים נישט געקומען. לויטן סאָוועטישן געזעץ טאָר מען נישט פירן קיין רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע צווישן מינדעריעריקע. דאָך פלעגן מיר אין געהיים צוגרייטן ייִנגלעך צו בר־מצווה; זיי געלערנט תורה־ברכות, לייגן תפילין און אלף־בית־לייענען.

נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג האָט זיך ביי די קינדער געענדערט די שטימונג. זיי האָבן געוואָלט אַלץ מער וויסן פון ייִדישקייט, געוואָלט זען אַ חופּה, פאַרלאַנגט זיי צו מאַכן בר־מצווה און מיר געשטעלט כל־מיני פראַגן: „דערציילט, דיאַדיאַ שוחט״, פלעגן זיי זיך בעטן.

✶ ווי אַזוי איז עס געווען מיט מילה?

— ניין און ניינציק פּראָצענט פון ייִדישע עלטערן האָבן געלאָזט מל־זיין זייערע בנים־זכרים. בלויז דריי־פיר קינדער זענען נישט געמלעט געוואָרן. ייִדישע קינדער פלעגן זיי „אויפוואָרפן״ Ты Гой (ביזט אַ גוי). געווען אַ פאַל, ווען אַ ייִנגעלע האָט מיך געבעטן: Дядя Шойхет, делайте меня евреем! (פעטער שוחט, מאַכט מיך פאַר אַ ייִדן).

מיר האָבן געהאַט צרות פון בר־מצווה־ייִנגלעך, וועלכע פלעגן זיך באַרימען אין דער שולע, אַז מ׳מאַכט זיי, אָדער מ׳האָט זיי געמאַכט בר־מצווה. די זאַך איז אָנגעקומען צו דער מאַכט.

✶ וואָס איז געווען מיט מילה אין טראַנסניסטריע?


— מ׳דאַרף געדענקען, אַז נאָכן אַריינקומען פון די רוסן אין 1940, האָבן אייניקע ייִדן נישט געמלעט זייערע קינדער. און אין די לאַגערס — אויב עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער — ווער האָט געהאַט אין זינען זיי צו מלען?

מלען אין טראַנסניסטריע איז דאָך ממש געווען פאַרבונדן מיט קידוש־השם.

אין 1942 האָב איך, אין לאַגער ווערכיווקע, געמלעט אַ זון פון אהרן בראַניצער. וואַטע האָט מען אויסגעצופּט פון דער פופייקע; דעזינפעצירט האָט מען מיט סאַמאַגאָן־בראַנפן. דער בחור געפינט זיך אין טשערנאָוויץ. (אהרן בראַניצער זיצט „איינגעשפּאַרט״ פאַר א״ג „עקאָנאָמישע עבירות״).

אויך אין ווערכיווקע קומט צו מיר, אין אַ נאַכט, אַ לאָקאַלער ייִד פון שטעטל, עליק מאָלדאַווסקי, און נעמט מיך צו זיך אַהיים צו מלען זיינס אַ קינד. ס׳איז געווען אַ מניין. פלוצעם קומען אָן עס־עס־לייט. זיי שיסן. דערנאָך עפענען זיי די טיר, שפייען אויס און גייען אַוועק. אַ נס.

און אַ דריטער פאַל, נאָך מער נס. קיין ווערכיווקע קומען צו מיר ביינאַכט צוויי בוקאָווינער ייִדן פון לאַגער ציבעליוו־קע, 12 ק״מ פון ווערכיווקע, און בעטן מיך, צו גיין צו זיי, ייִדישן אַ קינד.



ידיניץ כיום — יעדינעץ היינט
לשעבר — ביתו של בן־ציון תימן.
דאס געוועזענע הויז פון בן־ציון תימן.

— מ׳שיסט דאָך אויף די וועגן... — האָב איך מיך געוועדט.

— שיסן זאָל מען, און ייִדישן וועט מען! — האָט דער ייִד געטענהט.

— אויב אַזוי גיי איך — האָב איך געענטפערט.

מיר זענען געווען כמעט באָרוועס. געשפּאַנט מיט די פיס, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, איבער פאַרשנייטע פעלדער. מיר האָבן אויסגעמיטן די וועגן און פּאַטרולן. פלוצעם כאַפּט אונדז אַ רייטער־פּאַטרול. די סאָלדאַטן קריכן אַראָפּ פון די פערד און שלאָגן אונדז. דערנאָך ווייזן זיי אָן אויף מיר און פרעגן:

— ווער איז דער מיט דער באָרד?

— אַ ראַבין — איז געווען דער ענטפער.

דער פּאַטרול־עלטסטער באַפעלט מיר זיך אויסצודרייען מיט דער פּלייצע... ס׳אַ ביטערער סימן. אָבער ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּירל פון זיין טאַש, לייגט עס אַוועק אויף מיין פּלייצע, שרייבט עפּעס אָן און גיט עס מיר. ס׳איז געווען אַ דערלויבעניש פריי צו צירקולירן.

אַ צווייטער פּאַטרול, וועלכער האָט אונדז פאַרהאַלטן און וועמען מיר האָבן געוויזן דאָס פּאַפּירל, האָט אונדז דערציילט, אַז יענער עלטסטער ימ״ש האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט דערהרגעט 125 ייִדן.

ס׳איז געווען יענער פריילעכער ברית, מיט אַ מניין, מ׳האָט געבאַקן ברויט, געטרונקען סאַמאַגאָן און אפילו לעקעך איז געווען. מ׳האָט מיר אַהיימגעגעבן, קיין ווערכיווקע, קאַרטאָפליעס, ציבעלעס און פּאַסאָליעס, וועלכע איך האָב פאַרטיילט צווישן די ייִדן.

אגב, אין לאַגער (אין דער באָד, אויף דער שוויץ־באַנק) האָב איך געפירט אַ חדר מיט אַ פופציק־זעכציק קינדער און זיי געלערנט אלף־בית, עברי און חומש.

צוריקקומענדיק קיין יעדינעץ, האָב איך געייִדישט אויך

אייניקע זעקס־ און זיבן־יעריקע קינדער. במשך פון די לעצטע 28 יאָר האָב איך, ברוך השם, געייִדישט, קיין עין־הרע, 2885 בנים. נישט נאָר יעדינעצער, פאַרשטייט זיך. מ׳פלעגט מיך איינלאַדן אין נאָענטע און ווייטערע שטעט און מ׳פלעגט צו מיר קומען פון דער גאַנצער געגנט, פון גאַנץ מאָלדאַוויע, פון אָדעס, מאָהילעוו און טשערנאָוויץ, אפילו פון קאָלאָמיי און סטאַניסלאַוו... (אין „ספר בריטשאַן״ ווערט דערציילט, ווי מ׳האָט איינגעלאַדן אַהין דעם מוהל ישעיה עלקיס פון יעדינעץ — רעד׳). כ׳האָב געפירט חשבון פון מיינע בריתן. כ׳האָב געהאָפט צו קומען קיין ישראל מיט אַ רשימה פון דריי טויזנט... מילא, פעלן מיר הונדערט פופצן...

★ און חופה וקידושין?

— פון 1944 ביז 1949 פלעגט מען שטעלן חופות אויף דער גאַס לעבן דער קלויז. אַז מ׳האָט פאַרמאַכט די קלויז, האָט מען אָנגעהויבן שטעלן חופות אין פריוואַטע הייזער. ביז 1949 פלעגן אויך „פאַרטיינע״ שטעלן חופות; דערנאָך איז די צאָל חופות געפאַלן. אין סטאַלינס צייטן האָט מען זייער מורא געהאַט. ביי כרושטשאָוון האָט מען ווייניקער מורא געהאַט.

★ מצות?

— ביז 1949 האָט מען אָפן געבאַקן מצות; געקויפט ווייץ, אָפּגעמאָלן אויף פסחדיק מעל, געצאָלט טאַקסעס אין „פינאַטדעל״. מיר האָבן אפילו געזאַמלט מעות־חיטין און געטיילט מצות און קאַרטאָפליעס צווישן ניצרכים. אַלע ייִדן, אָן אויסנאַם, האָבן געקויפט מצות. שפּעטער האָט מען געבאַקן מצות אין דער היים. מ׳האָט באַקומען מצות פון ישראל, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער.


★ ווי האַלט עס מיט געמישטע חתונות?

— גאָר זעלטן קומען פאָר געמישטע חתונות פון ייִדן מיט נישט־ייִדן. געמישטע פּאָרלעך זענען צוריקגעקומען פון דער עוואַקואַציע אין רוסלאַנד. דאָס באַרימטסטע געמישט פּאָרל איז געווען וועליאַ שטייף (די באַרימטע קאָמוניסטקע) און איר נישט ייִדישער מאַן, פון ציגיינערישן אָפּשטאַם, פעטיאַ וואַינאָוו. ער איז באַקאַנט אַלס שיכור. אַ געוויסע צייט זענען זיי ביידע געווען „שישקעס״ אין דער לאָקאַלער מאַכט. לעצטנס איז זייער שטערן געפאַלן. פאַראַן אָבער אינטערעסאַנטע תשובה־דערשיינונגען ביים ייִדישן טייל פון די געמישטע משפחות: אַ ייִדישע טאָכטער האָט געבעטן מ׳זאָל מלען איר גוייִשן מאַן (אַן גיור...); אַן אַנדערע האָט געוואָלט מ׳זאָל ייִדישן איר קינד.

★ ווי זעט אויס די רעליגיע ביי די קריסטן?

— דער קאַצאַפּסקע קלויסטער האָט אָפּגעברענט אין 1945. זינט דעמאָלט פּראַווען די קאַצאַפּעס זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס אין פּריוואַטע שטיבער. קיין גלח האָבן זיי נישט. אַלס במקום־גלח דינט אַן אַלטער קאַצאַפּ מיט אַ באָרד, וועלכע האַלט אויף „קאַצאַפּישקייט״, אויב מען קען אַזוי זאָגן, ביים טובלען ניי־געבוירענע קינדער, פּראַווען חתונות, לוויות און קבורה. די מאַכט קוקט נישט מיט קיין גוט אויג אויף דעם.

דאַקעגן עקזיסטירט לעגאַל און רעגולער די פּראַוואָסלאַווע צערקווע אויף דער טאַרהאָוויצע. פאַראַן אַן אָפיציעלער און אָנערקענטער יונגער גלח (פּאָפּ), וועלכער פּראַוועט גאָטעס־דינסטן, טבילות, לוויות און קבורות. פאַרן דאַזיקן



ידיניץ כיום — יעדינעץ היינט

ה„סמינריה״ — כיום בי״ס תיכון. ה־גדר פורקה.
ה„סמינריה״ לפנים — עמ׳ 43

די „סעמינאַריע״ — היינט אַ מיטלשול. דער פלויט איז באַזייטיקט געוואָרן.
די „סעמינאַריע״ אַמאָל — זייט 43

גלח פלעגן מיר זיך היטן, ווייל אַלע גלחים זענען פאַרבונדן מיט דער קאַגעבע.

✶ וואָס איז מיט לוויות און קבורה?

— ביז 1949 האָט מען אָפּגעריכט מתים לויטן ייִדישן דין און מנהג. די באַגרעבער זענען געווען יצחק גאָפּטער (אין טשערנאָוויץ) און ברוך „דער רויטער" ז"ל. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַן אוהל אויפן הייליקן אָרט, געדונגען אַ סטאָראָזש (אַ קריסט); ס׳זענען געמאַכט געוואָרן „מלאס", מ׳האָט געזאָגט קדיש און ס׳זענען געווען מנינים בעת דער שבעה. „פּאַרטיינע" פלעגט מען פירן צו קבורה לויטן „קאָמוניסטישן מינהג", מיט אַן אָפּגעדעקט פנים, אין אַ נייעם אַנצוג און מיט מוזיק; אָבער ייִדן — צום ייִדישן בית־עולם און קריסטן — צום קריסטלעכן.

לעצטנס האָט די מאַכט איבערגענומען די בית־עלמינס און די קבורה־אַנגעלעגנהייטן. די מאַכט האָט געצאָלט דעם סטאָראָזש און די באַגרעבער, הגם ס׳זענען אויפגעהאַלטן געוואָרן באַזונדערע ייִדישע און קריסטלעכע בית־עלמינס. אַז מיר האָבן זיך באַקלאָגט איבער דער פאַרנאַכלעסיקונג פון בית־הקברות האָט מען אונדז געענפערט: „ניע וואַשע דיעלאָ".

דאָך קריצן פיל אויס אויף די מצבות פון זייערע נפטרים ייִדישע אותיות און לשון־קודשדיקע פאָרמולעס: פ"נ, איש תם וישר און מ׳דערמאָנט, אַז דער נפטר איז געווען, למשל, אַ כהן.

✶ די פּרשה מיט דער באָרד

— איין מאָל, נאָך אין 1949, האָט מען מיך גערופן צו דער מאַכט און מיך געפאָרשט, צי כ׳ווייס נישט, ווער עס דערמוטיקט און העלפט ייִדן פאָרן קיין ישראל. אין אַ געוויסער סטאַדיע פון דער אויספאָרשונג, האָט מען מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך טראָג אַ באָרד פאַר רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע צוועקן. האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט און אָפּגעשוירן מיין באָרד.

✶ נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג

— נאָך דער מלחמה פו די זעקס טעג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נייער גייסט צווישן די ייִדן און באַזונדערס צווישן דער יוגנט און קינדער. יוגנט האָט אָנגעהויבן טראָגן מגן־דוידלעך. ס׳האָבן זיך געמערט מתפללים אין די מניינים. מ׳האָט געשטעלט מער חופּות. ווער האָט דען גענומען אין אַכט, וואָס אויף די „סאַבראַניעס" האָט מען „געבערעשעט" אויף ישראל? אויך נישט־ייִדן, באַזונדערס די מאָלדאָוואַנעס, אוקראַינער און עוואַנגעליסטן (די לעצטע מערן זיך) האָבן זיך געפרייט מיט דער מפּלה פון די אַראַבער — די פאַרבינדעטע פון די סאָוועטן. סתם גויים האָבן געלויבט די „כראַבראָסט" (גבורה) פון די „איזראַילער".



ייִדישע כיום — יעדינעץ היינט

מועדון־תרבות

קולטור־קלוב

✶ וויפל ייִדן זענען פאַראַן אין יעדינעץ?

— איך קען געבן אַ קאָמפּעטענטן ענטפער. אין יעדינעץ און אין ראַיאָן זענען פאַראַן 1150 ייִדישע נפשות (בערך אַ 300 משפחות). פון זיי — 800 ממש יעדינעצער, די אַנדערע זענען געקומען מערסטנס פון די דערפער און פון דער געגנט אַרום, און ווייניקער — פון אַנדערע קאַנטן. זינט דער באַפרייונג זענען אין יעדינעץ געשטאָרבן אַ 200 ייִדן און בערך אַזאַ צאָל ייִדישע קינדער איז געבוירן געוואָרן.

✶ וואָס איז מיט ייִדיש לשון?

— די עלטערע רעדן ייִדיש. אין טייל שטיבער רעדט מען מיט די קינדער אויך ייִדיש. די קינדער ווילן קענען רעדן און לייענען ייִדיש. כ׳האָב געהערט, ווי קינדער באַקלאָגן זיך, הלמאי מ׳לערנט זיי נישט קיין ייִדיש. קיין יעדינעץ קומען אָן אַ פינף־זעקס עקזעמפּלאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

בס"ה לעבן נאָך אין בעסאַראַביע אַ אַכציק טויזנט ייִדן. אָבער אָנערקענטע ייִדישע רעליגיעזע „אָבשטשינעס" (קהילות) זענען פאַראַן, אין גאַנץ בעסאַראַביע, בלויז צוויי: אין קעשענעוו און אין טעלענעשט.

✶ מיר ווינטשן אייך, ר׳ ישעיה, אַ לייכטע קליטה. ס׳איז צייט איר זאָלט קומען „אל המנוחה והנחלה" אין דער אייגענער ישראל־מדינה. קיינער האָט עס נישט פאַרדינט מער פון אייך.

— מי יתן! איך האָב בלויז אויסגעפילט מיין חוב. אַ דאַנק. אַ יישר־כוח אייך, וואָס איר מאַכט דעם אָנדענק־בוך פאַר יעדינעץ און אירע קדושים.

ז. עסקנים ואישים ידיניצאים בדרום־אמריקה

יעדינעצער עסקנים און פערזענלעכקייטן אין דרום־אמעריקע *

יוסף טעפערמאַן ז״ל

געבוירן — 1887; נפטר געוואָרן — 1957

יוסף טעפערמאַן ז״ל איז געבוירן געוואָרן אין יעדינעץ אין יאָר 1887, ביי זיינע עלטערן יצחק און מינדל. געקומען קיין בראַזיל אין 1910 און אין פינף יאָר אַרום, אין 1915, חתונה געהאַט מיט חנה גאַנדילמאַן פון ראָמאַנקאַוץ (בעסאַראַביע). אין בראַזיל זיינען דעמאָלט בלויז איינצעלנע יידישע משפחות.

אָן שפּראַך, אָן פאַמיליע — האָבן זיך די עמיגראַנטן געפילט פרעמד. לויט דער איניציאַטיוו פון 23־יעריקן יוסף טעפערמאַן אַנטשטייט דאָס קליינע שילעכל אין ביוראָ פון באָם־רעטיראָ, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין ערשטן טרעפּ־פּונקט פון פריינט און פון נייע אָנגעקומענע. די נעכסטע אויפגאַבע, וואָס יוסף טעפערמאַן פאַרווירקלעכט, איז די גרינדונג פון אַ יידישער ביבליאָטעק און אַ שול פאַר יידישע לימודים. דערנאָך ווערט געגרינדעט, אַ דאַנק יוסף טעפּערמאַנס איניציאַטיוו, די חברא קדישא און ס׳ווערט געקויפט אַ קרקע פאַר אַ בית־קברות.

און אַזוי פאָלגט די גרינדונג פון איין הילפס־אַנשטאַלט דעם אַנדערן. לבסוף ווערט געשאַפן דער „סירקולאָ איזראַעליטאַ״ — אַ געזעלשאַפטלעכע סביבה פאַר עלטערע און יינגערע.

אין דער היטלער־תקופה העלפט טעפערמאַן דאָס שאַפן פון אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די דייטשע פּליטים, ער איז אויך דער מיטגרינדער פון דער ערשטער „בני־ברית״־לאָזשע „מאָזעס מענדעלסאָן״, ער שטעלט זיך צו דער פאַרפיגונג פון „דזשאָינט״ אאַ״וו.

יוסף טעפערמאַן איז אויך געווען אַן איבערגעגעבענער ציוניסט און ער האָט מיטגעאַרבעט אין אַלע אונטערנעמונגען לטובת ארץ־ישראל.

* די מאַטעריאַלן פאַר אָט דער רובריק האָבן אונדז אַריבערגעשיקט די יעדינעצער אַקטיוויסטן פאַרן אָנדענקבוך אינעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.



באַזונדערס האָט זיך יוסף טעפערמאַן געווידמעט דער אידיי פון אויפשטעלן אין סאַן פּאַולאָ אַ יידישן „מושב־זקנים״, וועמענס פּרעזידענט ער איז געווען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. די אונ״אָ־אַגענטורן האָבן דעם אַנשטאַלט אָנערקענט אַלס אַ מאָדעל פון אַ זקנים־היים.

זיינע קינדער (יצחק און מענדל טעפערמאַן, אסתר און שרה מינדלין און בלומע קאָסינסקי) גייען אין טאַטנס נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע וועגן.

יוסף טעפערמאַן האָט געהאַט די זכיה צו באַזוכן, פאַר זיין פּטירה, מדינת־ישראל, ווו ער באַזיצט פריינט און לאַנדסלייט.

זלמן טעפּערמאַן ז״ל



ר׳ זלמן טעפּערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יעדינעץ און דאָרט באַקומען אַן אומפּאַסנדיקע יידישע און אַלגעמיינע דערציִונג. ער האָט חתונה געהאַט קיין בריטשאַן מיט גיטל, לבית קויפמאַן. זיי זענען געקומען קיין בראַזיל אין 1914. ר׳ זלמן איז געווען אַ ייִד אַ למדן, סיי אין חכמת־ישראל און סיי אין וועלטלעכע לימודים. דאָס הויז פון די טעפּערמאַנס אין סאַן־פּאַולאָ איז שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־ועד לחכמים און פאַר אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יידישקייט. באַלד נאָכן אָנקומען קיין בראַזיל איז ער געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן פון ערשטן ראַנג. ער איז געווען צווישן די גרינדער און אָפט פּרעזידענט פון די שילן אויף ביוטאַן פּראַדאַ, „התחיה״ און פון אַנדערע בתי־כנסת. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון אַנדערע יידיש־געזעלשאַפטלעכע און רעליגיִעזע אינסטיטוציעס, ווי די „מקוה כשרה״, די לייַ־און שפּאַר־קאַסע אאַ״וו. ר זלמן האָט געזאָרגט צו געבן זיינע קינדער אַ טיף־יידישע און מענטשלעכע דערציִונג. נאָכן טויט פון זיין ברודער יוסף טעפּערמאַן ז״ל (וועגן אים שרייבן מיר באַזונדער), וועלכער איז געווען פּרעזידענט פון מושב־זקנים, איז יצחק בר׳ זלמן טעפּערמאַן געוואָרן פּרעזידענט פון אָט דער אינסטיטוציע. ר׳ זלמן אַליין איז אויך געווען טעטיק לטובת דעם מושב־זקנים. ר׳ זלמן איז נפטר געוואָרן אויף אַן אָנערקענונגס־באַנקעט לכבוד אים מצד די עסקנים און לייטונג פון מושב־זקנים. פאַר זיין פּטירה האָט ער נאָך באַוויזן אויס־צולייזן די חובות פון דער מקווה. ער האָט זוכה געווען צו פייערן די גרינדונג פון מדינת־ישראל און איז נפטר געוואָרן אין 1949. געווען באַרימט מיט ענִיוות, נעִימותדיקייט, אהבת־ישראל און ליבשאַפט צו מענטשן; מקיים געווען די מצווה „והצנעת לכת״. כבוד זיין אָנדענק.

סאַן־פּאַולאָ

אַנטאָניעטאַ פּעפּער

(לבית טעפּערמאַן)

אַנטאָניעטאַ און לעאָן פּעפּער



אַנטאָניעטאַ און לעאָן פּעפּער

בעת אַן אויפנאַם ביים ראש הממשלה גאָלדע מאיר

אַנטאָניעטאַ, בת ר׳ זלמן טעפּערמאַן, און איר מאַן לעאָן פּעפּער (שטאַמט פון וואָלין) זענען באַקאַנטע פיגורן אין די יידיש־געזעלשאַפטלעכע און ציִוניסטישע קרייזן פון בראַזיל.


פרוי אַנטאָניעטאַ איז אַ צענטראַלע עסקנטע און אָנגע־זעענע פירערין פון כמעט אַלע יידישע געזעלשאַפטלעך־סאָצי־אַלע אינסטיטוציעס פון בראַזיל און פון סאַן פּאַולאָ; ווי: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, „קינדער־היים״, יידישע שולן, פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס; זי איז פּרעזידענטין פון וויצ״אָ אין בראַזיל און אין סאַן־פּאַולאָ. זי איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס „מוטער פון יאָר 1963״. אַלס דאַנקבאַרקייט צו איר טעטיקייט, איז דער יידישער קינדער־גאָרטן פון סאַן־פּאַולאָ אָנגערופן געוואָרן: „גן ילדים ע״ש אַנטאָניעטאַ פּעפּער״.

לעאָן פּעפּער איז, אויסער זיין אַלגעמיינער געזעלשאַפט־לעכער און ציִוניסטישער טעטיקייט, אויך טעטיק אויפן עקאָ־נאָמישן געביט לטובת מדינת־ישראל און האָט דאָרט אינוועס־טירט קאַפּיטאַלן. ער איז לאַנגיעריקער קאָנסול פון ישראל אין סאַן־פּאַולאָ.

דאָס הויז פון די פּעפּערס אין סאַן־פּאַולאָ איז אַן אַדרעס פאַר אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט ציוניזם און ישראל און פאַר אַלע וויכטיקע, הויכע פּערזענלעכקייטן פון ישראל, וואָס באַזוכן בראַזיל. זייערע קינדער — דער זון מאַקס און טאָכטער פאַני קופּער גייען אין די עלטערנס וועגן. אַנטאָניעטאַ און לעאָן פּעפּער האָבן 8 אייניקלעך.

פרוי אַנטאָניעטאַ פּעפּער איז געווען אַקטיוו פאַרן ספר „יד לידיניץ״ און האָט זיך אַליין באַטייליקט מיט אַ בכבודיקן ביישטייער לטובת דעם בוך, פאַר וועלכן מיר דריקן איר אויס אַ האַרציקן דאַנק.

אל. מ—ן



מרדכי לאַכטערמאַכער ז״ל

געבוירן — 1870
נפטר געוואָרן — 1931

אַ גאָר אינטערעסאַנטע פיגור איז געווען מרדכי לאַכ־טערמאַכער ז״ל. געשטאַמט פון ליפקאַן, אָבער נאָך גאָר יונג איז ער געוואָרן אַ יעדינעצער. צוזאַמען מיט זיין פרוי, מאַסיע ז״ל, האָט ער, אין זייער שווערע עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען, געדאַרפט מפרנס זיין זעקס קינדער: צינע, לייזער, אברהם, לייב, אסתר און יאָסל.

אַ ייד אַ משכיל. אַן אָפן האַרץ און אָפענע הענט. געווען אַ לערער. זיינע תלמידים זענען דערצויגן געוואָרן אין יידישן גייסט און צו רעספעקט צו אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט תורה, חכמה און גוטע מידות.

הגם אַן אויטאָדידאַקט, האָט ער אָבער גוט באַהערשט, חוץ יידיש און העברעיש, אויך רוסיש און, געוויינטלעך, אַ ביסל דייטש.

געווען בשעתו אַ פריינט פון גרויסן שרייבער יהודה שטיינבערג, בעת יענער האָט געוווינט אין יעדינעץ. ער איז געווען פון די ערשטע און באַקאַנטסטע ציונים אין דער געגנט.

ער האָט ליב געהאַט צו צייכענען, ווי אויך אויסקריצן אין האָלץ און אין שטיין. ביי אים אין שטוב האָט מען גע־קאָנט געפינען פיל ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיעס און ביכער פון מאַטעמאַטיק און בוכהאַלטעריע (ער איז געווען אַ לע־רער פון אָט די אָביעקטן).

פון 1920 ביז 1926 האָט ער געאַרבעט אין דער „תרבות״־שול פון יעדינעץ.

קיין בראַזיל איז ער געקומען אין יאָר 1926. אויך דאָ איז ער תיכף געוואָרן געזעלשאַפטלעך טעטיק און האָט אָפט מיטגעאַרבעט אין דער יידישער פרעסע.

די פאַרצווייגטע משפחה לאַכטערמאַכער — פיר דורות אין בראַזיל — איז אַ כבוד פאַרן יידישן ישוב בכלל און פאַר די יעדינעצער בפרט.

יוד ב. למד



יוסף לערנער ז״ל

געבוירן — 1890
נפטר געוואָרן — 1953

יוסף לערנער איז געבוירן געוואָרן אין יעדינעץ; זיינע עלטערן, אידל און ביילע חיים אשרס ז״ל, זענען געווען ערלעכע פאָלקס־מענטשן.

געקומען קיין בראַזיל אין יאָר 1912 און גלייך פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן „אָפיציעלן אַדרעס״ פאַר די ניי־אַריבערגעקומענע לאַנדסלייט פון דער אַלטער היים. יוסף לערנער, „דער שטילער, באַשיידענער פאָלקס־מענטש״ (לויט דער אָפשאַצונג פון ב״צ גאָלדבערג אין ניו־יאָרקער „טאָג״) איז טאַקע געווען דער פיאָנער און מיטבויער פון שפּעטער־דיקן בליענדיקן יידישן ישוב אין דער בראַזיליאַנער הויפּט־שטאָט.

ער איז געווען מיטגרינדער און מיטאַרבעטער פון די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי: יידישער הילפס־פאַראיין, עמיגראַנטן־שוץ, קעגנזייטיקע פאַרזיכערונגס־קאַסע, די ביבליאָטעק „שלום עליכם״ אאַ״וו. זיין באַליבסטע אינסטיטוציע איז געווען די „לײַ־שפּאָר־קאַסע״, וועלכע ער האָט געהאָלפן גרינדן און געווען איר דירעקטאָר ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אין יאָר 1948 איז ער באַזונדערס אַקטיוו אין „פאַראייניקטן עמערגענץ־קאַמפּיין״ פאַר מדינת־ישראל. גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה אַרבעט ער מיט אין קאָמיטעט צו רעהאַ־ביליטירן די איבערגעקומענע היטלער־קרבנות, הילף פאַר די מלחמה־יתומים אין ישראל און אייראָפּע אא״וו. אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז ער שטענדיק געווען באַ־גלייט און סטימולירט פון זיין פרוי יענטע לערנער.

ער האָט יעדן רעספּעקטירט און געווען דורך אַלעמען באַליבט און געשאַצט.

י. לאַנדע, ריאָ

טולי לערנער יבל״א און טאָני ז״ל



טולי לערנער איז איינער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע יידישע תושבים פון ריאָ דע זשאַניירא. ער איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון ישוב און געווען עדות פון זיין וווּקס און אַנטוויקלונג.

זיינע עלטערן, משה־הערש און אסתר, האָבן אים דער־צויגן אין יעדינעץ, אין אַ שטרענגער אַטמאָספער פון דער יידישער טראַדיציע. דערנאָך האָט ער געלערנט אין אָדעס. צוריקקומענדיק קיין יעדינעץ, לעבט ער פון געבן לעקציעס. שפּעטער — ווי אַנדערע יוגנטלעכע, פאַר וועמען די השכלה האָט געעפנט נייע האָריזאָנטן, האָט ער אויך אָנגעהויבן צו שטרעבן צו אַ נייער וועלט.

טולי איז געקומען קיין בראַזיל נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט דורכגעמאַכט אַלע גוט־באַקאַנטע ראַנגלענישן פון אַ נייעם עמיגראַנט. ער באַזעצט זיך צו־ערשט אין דער שטאָט סאַלוואַדאָר, דערנאָך פאָרט ער אַרי־בער אין דער הויפּטשטאָט ריאָ דע זשאַניירא.

שוין אין די יאָרן 1915־1918, דערציילט ער, האָבן מיר געהאַט אויסגעבויט אונדזער מקום מנוחה — די „ביבליאָ־טעק שלום עליכם״. איז אָבער אָנגעפאַלן אַ שווערער עקאָנאָמישער קריזיס און עס איז אויסגעקומען צו שליסן די אינסטיטוציע. האָט ער די ביכער גענומען צו זיך אַהיים און זיי אָפּגעהיט, ביז מען האָט ווידער געעפנט די ביבליאָ־טעק.

אין די 20־קער יאָרן איז ער דער פאָרזיצער פון הילפס־קאָמיטעט פאַר דער אויטאָנאָמער יידישער געגנט פון בירא־בידזשאַן.

ער איז צווישן די גרינדער און אויך דער ערשטער פּרע־זידענט פון דער שול שלום־עליכם, איינע פון די גרעסטע יידישע שולן אין בראַזיל; אין זיין צייט האָט די פאַרוואַל־טונג פון דער שול, אַראָפּגעבראַכט קיין בראַזיל, אָנצופירן מיט דער שול, דעם באַקאַנטן דיכטער און פּאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג ז״ל.

מיטן קומען פון לערער און פּעדאַגאָג פּ. טאַבאַק קיין בראַזיל האָט סולי לערנער מיטגעהאָלפן צו גרינדן די נייע אליעזר שטיינבאַרג־שול.

גלייכצייטיק העלפט ער צו רעאָרגאַניזירן די ליי־שפּאָר־קאַסע און ווערט 2 ויסגעוויילט אַלס איר פּרעזידענט. ער איז אויך געווען פּרעזידענט פון הילפס־קאַמפּיין פאַר די געליטענע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיט דער גרינדונג פון „יידיש־בראַזיליאַנער אינסטי־טוט פאַר קולטור און דערציִונג״ (פאַלקסהויז), ווערט ער אויסגעוויילט אַלס זיין פּרעזידענט. דעם אַמט פאַרנעמט ער 10 יאָר. דער דערמאָנטער אינסטיטוט האַלט אויס שולן, דערציונגס־אַנשטאַלטן און דעם גרויסן כאָר־אַנסאַמבל (העכער 100 זינגער).

זאָלן מיר ווינטשן אונדזער בן־עיר נפתלי לערנער פיל יאָרן פון ווייטערדיקער קרעאַטיווער אַקטיוויטעט.

טאָני לערנער ז״ל

ביי דער געלעגנהייט זאָלן מיר דערמאָנען מיט פּיעטעט טולי לערנערס לעבנס־באַגלייטערין — זיין אומפאַרגעס־לעכע פרוי טאָני לערנער ז״ל, וועלכע איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1963. זי איז געווען אַן „עזר כנגדו״, נישט נאָר אין פּריוואַטן לעבן, נאָר אויך אין דער געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט. זיינע קינדער — אינזש׳ דוד און פרוי לאה, די טאָכטער לאה גאָלדשטיין און די אייניקלעך גייען אין די געזעלשאַפטלעכע וועגן פון פאָטער און זיידע.

י. לאַנדע

חוהלע לערנער ז״ל



געבוירן — 1915

נפטר געוואָרן — 1958

באַקאַנט האָבן מיר זיך מיט חוהלע לערנער אויף אַן אויספלוג פון אַ גרופּע יוגנטלעכע סטודענטן און אַרבעטער אין דעם נאָענטן דאָרף פון יעדינעץ — זאַבריטשען. ס׳איז געווען אין די 30־קער יאָרן, ווען אין די קליינע שטעטלעך פון בעסאַראַביע האָבן שוין אויך אָפּגעהילכט די עכאָס פון

די וועלט־געשעענישן, פון די סאָציאַלע ענדערונגען און קאַמפן.

אין אַ זומערדיקן אויפדערנאַכט זענען מיר פאַרפאָרן צו חנה ברויטמאַן, אַ טאָכטער פון אַן אָרעמער היים, אָבער מיט אַ ברייטהאַרציקער הכנסת־אורחים־טראַדיציע. דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו די חברטעס לאַנגע און חוהלע לערנער. מיר האָבן געטראָפן אַ ליכטיקע, וואַרעמע היים; דער פאָטער — אַ ייִד מיט אַ גרויסער, גרויער באָרד, מיט אַ פּאָר קלוגע, אויסדריקלעכע אויגן. די מוטער — אַ צאַרטע, אַ האַרציקע, נעמט אונדז אויף מיט אַ וואַרעמען שמייכל. עס ווערט היימלעך; מען טרינקט אַ גלעזל טיי מיט צובייס, מ׳געזעגנט זיך און מ׳לאָזט זיך באַלד אַרויס אויף אַ שפּאַציר.

ביז היינט נאָך איז פריש אין מיין זכרון יענע באַגעגעניש פון יונגע בחורים און מיידלעך אין דעם שפּעטן אָוונט. מ׳רעדט וועגן שטעטל, מ׳רעדט וועגן דאָרף; אין פריילעכן געמיש פון געפילדער, געלעכטער און געזאַנג הילכט אָפּ דער גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן.

בליצשנעלע ענדערונגען קומען פאָר אין אייראָפּע. עקאָנאָמישע קריזיסן, אויפשטייג פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם טרייבן פיל יוגנטלעכע צו עמיגראַציע. אויך חוהלע פאַרלאָזט דאָס קליינע בעסאַראַבער שטעטל, און אין יאָר 1936 טרעפן מיר זיך אין בראַזיל. זי ברענגט מיט זיך מיט די אידיי צו קעמפן פאַר אַ ליכטיקערן מאָרגן. ווי נאָר זי ווערט עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק ווידמעט זי איר פרייע צייט אין גאַנצן פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, באַזונדערס — דער ביבליאָטעק „שלום עליכם״.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה ווידמעט זי זיך דער הייליקער אַרבעט פון העלפן די מיליאָנען מלחמה־יתומים.

זי איז געווען באַשיידן. אירע חברטעס אָבער האָבן זייער אָפּגעשאַצט איר איבערגעגעבנקייט דעם קאַמף פאַרן שלום און איר גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר אַלעמען.

זי האָט ענטוזיאַסטיש געפיבערט מיט דער היסטאָרישער געשעעניש פון דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל.

אַ קורצע צייט פאַר איר טויט (זי איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1958) האָט זי פאַרלאַנגט, מ׳זאָל צו דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צוציען יונגע כוחות, פּאָרטוגעזישריידנדיקע, ווייל זי האָט געטראַכט וועגן המשך.

צו פרי האָט דער טויט אָפּגעשניטן איר בליענדיק, ברויזנדיק לעבן. מיר אַלע, וואָס האָבן זי געקענט, וועלן זי אייביק געדענקען.

דאָבע יאַמפּאָלסקי־זאָנשיין, ריאָ

יצחק ז״ל און צביה בראַנד תלח״א



ביידע זענען געבוירן געוואָרן אין יעדינעץ און געלעבט דאָרט לאַנגע יאָרן. איבערגעלעבט די שואה, אויסגעוואַנדערט און אָנגעקומען קיין בראַזיל אין 1948. זיך באַזעצט און זיך איינגעאָרדנט אין סאַן פּאַולאָ, ווו זיי זענען געוואָרן פון די אָנגעזעענסטע ייִדישע בעלי־בתים אין דער סביבה. זיי זענען באַקאַנט געווען אַלס מנדבים פאַר יידישע צוועקן און פאַר ישראל. זיי זענען די עלטערן פון דער געזעלשאַפטלעכער עסקנטע קלאַראַ קעלמאַנאָוויטש, די אַקטיווע איניציאַטאָרין פון דער אַקציע פאַרן ספר־יעדינעץ אין סאַן־פּאַולאָ.

יצחק בראַנד איז אומדערוואַרט נפטר געוואָרן אין סאַן פּאַולאָ אין יאָר 1970.

פרוי צביה בראַנד איז אַן אַקטיווע מיטאַרבעטערין אין דער פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע און גיט אָפּ פיל צייט פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן. זי זעצט פאָר איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אין וועלכער זי געפינט אַ טרייסט. דאָס בילד פון יצחק ז״ל און צביה תבלח״א בראַנד איז גענומען געוואָרן בעת אַן אָפיציעלן קבלת פנים פאַר אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן לכבוד דעם נשיא זלמן שזר בעת זיין באַזוך אין סאַן פּאַולאָ.

קלאַראַ און דוד קעלמאַנאָוויטש



חייקעלע בראַנד — איצט קלאַראַ קעלמאַנאָוויטש, געבוירן אין יעדינעץ, איז געווען פאַרשיקט קיין טראַנסניסטריע. חתונה געהאַט אין בראַזיל, אין יאָר 1951, מיט דוד קעלמאַנאָוויטש. קלאַראַ איז געווען סעקרעטאַרין און לעצטנס איז זי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס וויצע־פרעזידענטין פון דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע אין סאַן פּאַולאָ און גיט זיך בכלל פיל אָפּ מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זי איז אַ מוטער פון פינף קינדער: אומבערטאַ, לעאַ, סערדזשיאַ, בענאַ און לוסו. זי איז די גרינדערין און זייל פון קאָמיטעט פאַרן ספר־יעדינעץ אין סאַן פּאַולאָ. זי האָט באַזוכט ישראל און אויפגענומען געוואָרן דורכן אירגון יוצאי יעדינעץ.

טולי און מאַראַ מיילער



טולי מיילער איז געבוירן אין יעדינעץ. וויכטיקער כלל־טוער אין אַ גאַנצער ריי יידישע אינסטיטוציעס, באַזונדערס אויפן געביט פון הילף פאַר מדינת ישראל. מיטגליד פון יעדינעצער קאָמיטעט אין סאַן פּאַולאָ. שטיצט אַלע געזעלשאַפטלעכע צילן. פרוי מאַראַ, לבית וויינשענקער, איז אויך טעטיק געזעלשאַפטלעך.

ראָזאַ ווייסנבערג זאַגער



ראָזאַ ווייסנבערג־זאַגער איז די טאָכטער פון יצחק און ביילע ווייסנבערג־מאַגאַלניק. זי האָט עמיגרירט קיין בראַזיל, צוזאַמען מיט אירע פאַמיליע, אין 1928, און זיך באַזעצט אין סאַן פּאַולאָ. אין 1929 האָט זי חתונה געהאַט מיט אברהם זאַגער פון סעקוראַן — אַ טיכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער. שנעל איז ראָזאַ אויך געוואָרן אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוערין. צוערשט — אין די לאָקאַלע הילפס־אינסטיטוציעס, שפּעטער אין בעסאַראַבער־פאַראיין, און אין 1947 ווערט זי טעטיק אין „קלוב חיים וויצמאַן" (הגנה). זינט 1948 — טעטיק אין דער „פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע". צו ערשט אין סאַן־פּאַולאָ־סניף; זינט 1966 איז זי פּרעזידענטין פון דער „פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע" פון גאַנץ בראַזיל.

צוזאַמען מיט איר מאַן איז זי טעטיק אין „ועד החינוך" און בכלל אויפן געביט פון יידישער דערציונג, פון דער העברעיִשער באַוועגונג און איז טעטיק אין „ברית עברית עולמית". אויסער דעם איז זי (בעת שרייבן די שורות) סעקרעטאַרין פון דער ציוניסטישער אַרבעטס־באַוועגונג.

ראָזאַ האָט אויסגעפירט פיל שליחותן אין נאָמען פון מפא"י און דער „פּיאָנערן־פרויען־באַוועגונג" אין אייניקע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. זי איז געווען דעלעגאַטין אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וועלט־קאָנפערענצן פון איחוד עולמי (מפא"י), פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע אאַ"וו. זי האָט אייניקע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל. זי איז אויך לייטערין פון „וועד עליה" אין בראַזיל. לעצטנס איז זי אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענטין פון ציוניסטישן ראַט אין סאַן־פּאַולאָ.

ראָזאַ פאַרשאַפט פיל כבוד דעם קיבוץ פון יעדינעצער אין בראַזיל.

אידל בריטמאַן בריטמאַן



איינער פון די עלטסטע יעדינעצער יידן אין בראַזיל. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר איז ער געקומען פון רוסלאַנד.

זיין טאָכטער פסיה ברײמאַן און איידעם משה פיין זענען געזעלשאַפטלעך טעטיק און העלפן פיל פאַר יידישע צוועקן. זייערע קינדער: אסתר און מרים.

אליעזר זילבערמאַן



נאָך אין דער היים, אין יעדינעץ, זענען אליעזר און רחל זילבערמאַן געווען איבערגעגעבענע ציוניסטישע עסקנים. קומענדיק קיין בראַזיל, אין די צוואַנציקער יאָרן, ווערט ער תיכף אַ צענטראַלער יידיש־געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער עסקן.

אַלס מיטאַרבעטער פון קרן־היסוד, פלעגט ער באַזוכן יעדן ווייטסטן יידישן ישוב אין בראַזיל, געזאַמלט געלטער פאַר ארץ־ישראל און פאַרשפּרייט דעם ציוניסטישן געדאַנק. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון „החלוץ" אין בראַזיל און פאַרזיצער פון „ועד למען ההכשרה". פאַר זיין פּרוקטבאַרער ציוניסטישער טעטיקייט און פאַר זיינע אַלגעמיינע פאַרדינסטן לטובת די פאָנדן און מדינת ישראל, האָט ער באַקומען אַ דיפּלאָם־אויסצייכענונג פון משרד העולמי פון קרן־קימת אין ירושלים.

זילבערמאַן איז אויך געווען טעטיק אין אַ גאַנצער ריי לאָקאַלע יידישע אינסטיטוציעס; ער איז געווען פּרעזידענט פון דער „ליי־קאַסע", אַקטיוו געווען אין „דזשאָינט", געאַרבעט פאַר די פּליטים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, קאַסיר פון פאַרבאַנד פון בעסאַראַבער יידן אין סאַן פּאַולאָ, דירעקטאָר פון „מושב זקנים" אאַ"וו.

זיין פרוי רחל ז"ל איז יאָרן לאַנג געווען טעטיק אין דער וויצ"אָ־פרויען־אָרגאַניזאַציע.

יוסף און סעסיליאַ סניטקאָווסקי



יוסף סניטקאָווסקי איז אַ באַקאַנטער כלל־טוער אין דער סאַן פּאַולער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט; באַזונדערס איז ער אַקטיוו אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע־קולטורעלע אינסטיטוציעס. ער איז איינער פון די גרינדער און הויפּט־עסקנים פונעם בעסאַראַבער פאַרבאַנד אין סאַן־פּאַולאָ. נישטאָ כמעט קיין אַקציע פאַר לאָקאַלע צוועקן, ווי אויך פאַר אַלגעמיינע בעסאַראַבער צוועקן, ער זאָל אין זיי נישט אָנטיילנעמען. גלייכצייטיק איז ער, אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן, זייער טעטיק אויפן געביט פון געלט־אַקציעס אָדער אַנדערע אַקציעס לטובת מדינת ישראל.

יוסף סניטקאָווסקי האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויפן פּלאַן אַרויסצוגעבן דעם „ספר יעדינעץ"; ער איז מיטגליד אין קאָמיטעט פון די יעדינעצער און האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט, גייסטיק און מאַטעריעל, לטובת דעם בוך.

אויך פרוי סעסיליאַ סניטקאָווסקי איז אַן איבערגעגעבענע, לאַנג־יעריקע כלל־טוערין. נישטאָ קיין איין געזעלשאַפטלעכע אַקציע, פאַר לאָקאַלע צוועקן און באַזונדערס לטובת מדינת ישראל, זי זאָל נישט אָנטיילנעמען בלב ונפש. זי איז איינע פון די גרינדערינס פון דער פרויען פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע.

איזידאָראָ שאַנסקי (דאַנדושאַנסקי)



געבוירן אין יעדינעץ אין יאר 1896. עמיגרירט קיין בראַזיל און זיך באַזעצט אין סאַן פּאַולאָ אין יאר 1913. אין 1921 חתונה געהאַט מיט ראָזאַ בת גיטל טעפּערמאַן ע"ה, מיט וועלכער ער האָט דערצויגן דריי קינדער: אַ זון — ד"ר מעדיצין מאָריס שאַנסקי, צוויי פּאַרהייראַטע טעכטער, זעקס אייניקלעך און אַן אוראייניקל.


באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער פאַר לאָקאַלע צוועקן („עזרא", מושב־זקנים, שפּיטאָל א"נ פון אַלבערט איינשטיין) און זיך פיל אָפּגעגעבן פאַרן מגבית.

שמואל און חיה־ריבה שניידער



געבוירענע אין יעדינעץ; געקומען קיין בראַזיל מיט צוויי טעכטער: מינה, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט נתן שטיין פון באָטאָשאַן, און זינה, די פרוי פון משה אַקר־בוים פון יעדינעץ.

דויד און ראַקעל בראַנד



דויד בראַנד איז געבוירן געוואָרן און געלעבט אין יע־דינעץ. איבערגעלעבט די צווייטע וועלט־מלחמה אין די לאַגערס פון טראַנסניסטריע; געקומען קיין בראַזיל אין 1948, חתונה געהאַט מיט ראַקעל גאַנדלמאַן, אויך אַ בע־סאַראַבערין. ביידע זענען באַקאַנט אַלס מיטאַרבעטער און שפּענדער פאַר אַלגעמיינע יידישע צוועקן אין דער יידישער קאָלאָניע פון סאַן פּאַולאָ.

זיי האָבן דריי קינדערלעך: טעלמאַ, סועלי און סיל־וויאַ.

היינריך אַקערמאַן



געזעלשאַפטלעכער עסקן אין סאַן פּאַולאָ, מנדב פאַר פיל יידישע ענינים. געבוירן אין יעדינעץ. אין 1957 האָט ער פאַרלוירן זיין פרוי רחל ז"ל, די מוטער פון זיינע פיר קינדער: יוסף, ראַקעל, קלאַראַ און דאָראַ.

הענריקע (הערש)
און אידאַ קופערשמיט



